STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11104

FUNEM VAYSN KRAYTS TSU DER ROYTER FON

Max Helz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11104-X

9780657111045T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מאקס העלץ

פונעם ווייסן קרייז
צו דער רויטער פאָן

מיט ה. רעמעלע׳ס פאָרוואָרט
יידיש — י. רימיניק

מעלוכע־פארלאג
פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטן אין או.ס.ר.ר.
כארקאָוו 1932 קיעוו

דערלויבט צום דרוק . 23-IV
איבערגעגעבנ צום דרוק 4-V
טעכרעדאַקטער — פֿקלענדער
צייכנס אינ 1 פּאַפּיר־בויגנ 64320
פּאַפּיר־בויגנס 10
פֿאָרמאַט . . . . 5½×8
קאָרעקטער — ג. ראַבליס

Друкарня „Чорноморська Комуна“ Одеса Пушкінська, 32.

Одміськліт № 856 Зам. 1418 Тираж 3115

פאָרוואָרט

כ׳ מאקס העלצס בוך דערשיינט גראָד צו דער צייט—אָנהויב א נייעם פעריאָד פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג אינ דייטשלאנד. טאקע אינ דעמדאָזיקנ מאָמענט קאָנ דאָס בוך ברענגענ נוצנ דעם רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט.

מאַקס העלצ, דער געוואגטער קעמפער אונ אָנפירער פונ פאַרטיזאַנישע אָטריאדנ אינעם ערשטנ רעוואָליוציאָנערנ פעריאָד אינ דייטשלאנד (1918—1923), נעמט זיכ פאר דער פענ, קעדיי צו פארצייכענענ זיינע זיכרוינעס וועגנ יענע געשעענישנ, וואָס האָבנ אָנגעצונדנ די הערצער פונ מיליאָנענ ארבעטער מיט פלאמיקער באגייסטערונג אונ רעוואָליוציאָנערער ענערגיע. מאקס העלצ, וואָס איז באזונגענ אונ גערימט געוואָרנ אינ די לידער פונ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער, איז שוינ געוואָרנ א לעגענדארע פיגור. איז זאָל ער איצט זיכ באווייזנ פאר אונדז אזא, ווי ער איז געווענ אינ דער ווירקלעכקייט; זאָל ער אונדז דערציילנ, ווי אזוי ער האָט געקעמפט, אונ צעווייענ דעם לעגענדארישנ נעפל, וואָס האָט אָנגעהויבנ שוינ צו פארהילנ זיינ געשטאלט.

אינ זיינע זיכרוינעס שילדערט אונדז מאקס העלצ די ניכטערע גרויע טאָגטעגלעכקייט פונעם ליידנדיקנ אונ קעמפנדיקנ פראָלעטאריאט. מיר וועלנ דאָ ניט געפינענ ניט קיינ פייערלעכע זשעסטנ, ניט קיינ ראָמאנטיק. פאָקטנ אונ ניכטערע דערציילט מאקס העלצ וועגנ דער ווירקלעכקייט פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. ער ווייזט אונדז ניט בלויז די קראפט אונ הערויִק פונ דער רעוואָליוציע, ניט בלויז דעם איינגעשפארטנ ווידערשטאנד פונעם פראָלעטאריאט אינ יענער צייט, ווענ דער

קלאַסנסוינע האָט זי־ [illegible] אים איינברעכן; מיט דער פולער ניכ־ טערקייט און אָפנהאַרציקייט באַשרייבט ער אויך די פעלערן, שוואַכקייט און האַלביקייט בא אַסאַך אָנטייל־גענומער אינעם אופשטאַנד, די פעלערן וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער ערשטער פּרווו פון באַוואָפנטן רעוואָליוציאָנערן קאַמף אין דייטשלאַנד איז דורכגעפאַלן. מאַקס העלצס בוך וועט מיטהעלפן דעם מאַרקסיסט־לענינעץ צו באַקומען אַ מער פּינקטלעכע פאָרשטעלונג וועגן דער אַנטוויקלונג און וועגן דעם גראַד רעוואָליוציאָנערער צייטיקייט פונעם דייטשישן פּראָלעטאַריאַט און פון זיין אַוואַנגאַרד—די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי—אינעם ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָליוציע. דאָסדאָזיקע בוך פּרעטענדירט ניט צו זיין אַ וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן; דאָס איז ניט קיין היסטאָריש ווערק. העלץ איז גאַנץ ווייט פון געבן אַ קריטישע באַליכטונג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין דידאָזיקע יאָרן אין גייסט פון באָלשעוויזם, און פונדעסטוועגן דעקן אויף זיינע פּאָשעטע אויפריכטיקע באַשרייבונגען דעם גאַנצן סאָציאַלן אונטערשלאַק פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן אינעם ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָליוציע.

דאָס ערשטע, וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן דעם באָלשעוויק בעשאַסן לייענען דאָסדאָזיקע בוך, איז אָט יענע פּרימיטיוו־רעוואָליוציאָנערע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט נאָך אין זיך שפּורן פונעם אוטערס קליינבירגערלעכער אָפּשטאַמונג. זי איז קלאָר ניט צופעליק, דידאָזיקע אידעאָלאָגיע, אָט אַזאַ איז דער טיפּ פונעם רעוואָליוציאָנער אינעם ערשטן פּעריאָד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, וואָס איז נאָך ניט פריי אין יענער צייט פון די שוואַכקייטן און פעלערן פון דער ביז־באָלשעוויסטישער עפּאָכע. אָט טאַקע דאָס אויספעלן פון באָלשעוויסטישער דערפאַרונג, דאָס ניט האָבן קיין געבויטע אַן עכט־קאָמוניסטישע יעסוידעס רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס זאָל האָבן פאַרייגנט די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם און לעניניזם, וואָס זעט קלאָר איר ציל און איז פעיק דעריבער זיך צו שטעלן אַלס פירער אין די רעוואָליוציאָנערע שלאַכטן,—אָט דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די פּראָלע־

טאַרישע רעוואָליוציע פונעם ערשטן פעריאָד איז דורכגעפאַלן—און דער העראָיזם און מעסירעס־נעפעש פון באַזונדערע רעוואָליוציאָנערן זיינען געווען מאַכטלאָז זי צו ראַטעווען.

כאָטש הערצס בוך אַנטבלויזט פאַר אונדז די אידעאָלאָגישע ניט אויסגעהאַלטנקייט און האַלביקייט וואָס האָט דאָמינירט אין די רייען פונעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט אין דעם פעריאָד ווען די דייטשישע רעוואָליוציע האָט געהאַט אין איר שפּיץ אַ ניט־באָלשעוויסטישע אָנפירונג.

דער וועג פון מאַקס הערץ דעם רעוואָליוציאָנער—„פונעם ווייסן קרייץ צו דער רויטער פאָן" איז טיפּיש פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם גאַנצן דייטשישן רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אין אַלגעמיין. צום אָנהויב איז מאַקס הערץ אַ טיפּישער גוטער, גאָטספאָרכטיקער בירגער, וואָס פאָלגט יעטווידע „נאַטשאַלסטווע", האָט גרויס דערעכערעץ פאַרן אויטאָריטעט פון קליינבירגערלעכע איליוזיעס וועגן דער „אַלמעכטיקער און געטלעכער גערעכטיקייט".

די אומראַכמאָנעסדיקעווירקלעכקייט פונעם רויבערישן וועלט־אימפּעריאַליזם, די לעבנ־רעאַלקייט, וואָס האָט ניט געקאַרגט קיין שמיץ פאַרן דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט, האָבן אים באַוויזן, ווי פאַלש עס זיינען געווען די אידעאַלן פון זיין בורזשואַז־רעליגיעזער דערציונג, דעמאָלט ווען די איליוזיעס פון גערעכטיקייט און דאָס גלויבן אין אויטאָריטעטן זיינען אַריינגעטראָטן אין אַן אומפאַרמיידלעכן קאָנפליקט. ניט קיין טעאָריע, ניט קיין פּאַרטייפערט באַנעמען די געזעצמעסיקייט פון די סאָציאַלע געשעענישן האָבן הערצן אויפגעוועקט פונעם דרימל פון זיין קליינבירגערלעכער דערציונג, נאָר די האַרבע נויטיקייט צו קעמפן פאַר זיין אייגן לעבן קעגן די רויבערישע טענדענצן פונעם קאַפּיטאַל, וואָס איז שטענדיק גרייט צו דערשטיקן יעטווידע אַנטפּלעקונג פון דער פּראָלעטאַרישער פערזענלעכקייט. דער „אויטאָריטעט" דראָעט צו פאַרניכטן די „גערעכטיקייט". אין דעמדאָזיקן קאָנפליקט באַזיגט די „גערעכטיקייט" דעם „אויטאָריטעט" און דערקלערט אים אַ טויט־שלאַכט.

אָט אַזוי אַרום ווערט מאַקס הערץ אַ בונטאַר.

מאקס העלצעס רעוואָליוציאָנערע קעמפערישע טעטיקייט טיילט זיכ אפ דריי פעריאָדנ. אינ ערשטנ פעריאָד אָרגאניזירט ער פארטיזאנישע אָטריאדנ אינ די יאָרנ 1918—1920 אינ דער פראָווינצ האראגעבירג־פאָגטלאנד, וו ער עקספּראָפּרירט די בורזשואזיע, קעדיי צו באזאָרגנ דעמ פּראָלעטאריאט מיט דערנערונג אונ לעבנ־מיטלענ, אונ צעקלאפּט די קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע מאכנעס, וואָס האָבנ זיכ אויסגעפאָרמירט אינ צוזאמענהאנג מיטנ קאפּ־פוטש. אינ דעמדאָזיקנ פעריאָד איז מאקס העלצ געווענ א שרעק־בילד פאר דער דייטשישער בורזשואזיע. אינ דער בורזשואזער פּרעסע האָט מענ געדרוקט אומגעלומפּערטע מייסעס וועגנ „רויבערייענ" אינ פאָגטלאנד. העלצנ האָט מענ אינ די בורזשואזע קרייזנ געקרוינט מיטנ נאָמענ „דער אטאמאנ פונ די גאזלאָנימ". נאָכ אייניקע כאדאָשימ פונ שטרענג אומלעגאלער עקזיסטענצ הויבט זיכ אָנ דער צווייטער פעריאָד פונ מאקס העלצעס רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט: דער מארט־אופשטאנד פונעמ פּראָלעטאריאט אינ מיטל־דייטשלאנד מאָביליזירט אימ ווידער; איצט פארמעסט ער זיכ אינ א פיל ברייטערנ מאסשטאב איידער אינ פאָגטלאנד. ער אָרגאניזירט באוואָפנטע ארבעטער־אָטריאדנ, אונ פירט זיי אינ אטאקע קעגנ די שטארקערע קויכעס פונ דער רעגירונג לויט אלע געזעצנ פונ מיליטערישער קונסט. דער דריטער פעריאָד—דאָס איז יענער העלדישער איינגעשפּארטער קאמפ, וואָס מאקס העלצ האָט געפירט איינזאמ אינ די ווענט פונ דער טפיסע קעגנ זיינע הענקער.

נאָר אויכ בענעגייע מאקס העלצנ קאָנענ גילטנ די ווערטער, וואָס מארקס האָט געזאָגט וועגנ היסטאָרישע געשעענישנ: „מענטשנ שאפנ אליינ זייער געשיכטע, אָבער ניט פונ אבי־וועלכנ מאטעריאל, וואָס זיי אליינ קלייבנ אויס. זיי זיינענ טעטיק אונטערנ דרוק פונ פריער געגעבענע אומשטאנדנ, וואָס זיינענ באדינגט פונ דער פארגאנגענהייט. די טראדיציע פונ די אוועקגעגאנגענע דורעס דריקט, ווי א בארג, אפנ באוווסטזיינ פונ די לעבעדיקע".

אָט דידאָזיקע ווערטער פונ אונדזער לערער ווארפנ א באזונדער שיינ אפ מאקס העלצעס בוכ. מאקס העלצ איז אריינגעטראָטנ אינ קאמפ

טויזנטער עקזעמפליארנ צווישנ דעמ דייטשישנ פראָלעטאריאט, איז נאָכ אויכ איצט א פלאמיקער אגיטאציע־פאמפלעט.

אונ אלצ, וואָס מע קאָנ זאָגנ אינ צוזאמענהאנג מיטנ פארמישפעטנ העלצנ צו אייביקער קאטאָרגע, אלצ קומט אויס איבערצוכאזערנ אינ צוזאמענהאנג מיט זיינ באפרייונג. ביידע געשעענישנ האָבנ קיינ שומ שייכעס ניט געהאט צו געזעצ אונ צו רעכט. ביידע זיינענ געווענ בלויז א רעזולטאט פונ די קויכעס־פארהעלטענישנ אינעמ פאָליטישנ לעבנ פונ דייטשלאנד. העלצעס באפרייונג איז בעשומויפנ ניט ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ די רעזולטאטנ פונ דער אויספאָרשונג, וואָס האָט פעסטגעשטעלט, אז ניט ער, נאָר א צווייטער כאווער זיינער האָט געהארגעט העסנ, נאָר אויסשליסלעכ דורכנ אלצ־שטייגנדיקנ דרוק מיצאד דעמ ארבעטער־קלאס אינ אָנהויב פונעמ נייעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג. וואָס ברייטער עס איז זיכ צעוואקסנ אונ זיכ פארשטארקט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אינ דייטשלאנד נאָכ דער איבערקערעניש פונ 1923, אלצ א גרעסערע באדייטונג האָבנ באקומענ די קאמפאניעס פאר אמניסטיע, וואָס ס'האָבנ אָרגאניזירט די קאָמוניסטישע פארטיי אונ דער מאָפר, איינשליסלעכ ביזנ אלגעמיינעמ שטרייק אינ צוזאמענהאנג מיטנ געריכט איבער סאקאָ אונ וואנצעטי, וואָס האָט סאָפקאָלסאָפ ארויסגעריסנ בא דער רעגירונג א ריי אמניסטיעס; אינ דערדאָזיקער קאמפאניע האָט די באפרייונג פונ מאקס העלצנ געשפילט אלצ א גרעסערע אונ גרעסערע ראָליע.

די פראגע וועגנ אמניסטיע איז געוואָרנ דער באשליסנדיקער מאָמענט אינעמ קאמפ פאר דער מאכט צווישנ ביידע פליגלענ פונ דער בורזשואזיע אינ דער צייט פונעמ לעצטנ רעגירונג־קריזיס. אזוי האָט די בורזשואזע קאָאליציע־רעגירונג אונטער דער אָנפירונג פונ דער דייטשישער נאציאָנאלער פארטיי אונ די פאשיסטנ פאָרגעלייגט אנ אמניסטיע פונ אלע פאָליטישע ארעסטירטע נאָכ אינ פרילינג 1928 יאָר; די סאָציאל־דעמאָקראטנ, וואָס זיינענ געווענ דאנ אינ אָפאָזיציע, האָבנ אָפגעוואָרפנ דעמדאָזיקנ פאָרשלאָג מיט דעמ אויסרייד, אז אינ זייער פראָגראמ גופע, וואָס זיי האָבנ זיכ געקליבנ צו רעאליזירנ נאָכ די איבערוואלנ פונ

1928, איז דאָ א פראָיעקט וועגנ אמניסטירנ אלע פראָלעטארישע פאָליטישע ארעסטירטע. די באפרייונג פונ מאקס העלצנ, וואָס האָט פארלאָזט די טפיסע צוזאמענ מיט טויזנטער אנדערע פאָליטישע ארעסטירטע, האָט אלזאָ קיינ שייכעס ניט מיט קיינ „גערעכטיקייט” אָדער מיטנ „פאריכטנ דעמ געריכט־פעלער”,—דאָס איז הויפטזעכלעכ א פאָליטישע פראגע וועגנ מאכט אינ דער געשיכטע פונ קלאסנקאמפ פונעמ דייטשישנ פראָלעטאריאט.

מאקס העלצ, וואָס גיט זיכ איצט אָפ מיטנ טעאָרעטישנ דערלערנענ די יעסוידעס פונ מארקסיזמ אונ לעניניזמ, האָט בעדייע אָנצושרייבנ, בא דער מיטארבעט פונ אונדזערע דייטשישע כאווירימ, א צווייט בוכ, וואָס פאר אימ וועט ער אויסנוצנ זיינ אייגענע רייכע דערפארונג אונ אויכ די דערפארונג פונ אנדערע רעוואָליוציאָנערע קעמפער אינ פארשיידענע געביטנ, אפ פארשיידענע עטאפנ פונ דער דייטשישער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, לאָמיר האָפנ, אז באנעמענדיק טיפער די טעאָריע פונ מארקסיזמ אונ לעניניזמ, וועט ער קאָנענ שאפנ א בוכ, וואָס זאָל בעסער אנטשפרעכנ די פאָדערונגענ, וואָס מיר שטעלנ צו אנ עכט־רעוואָליוציאָנער ווערק. דאָס געגעבענע בוכ אָבער, כאָטש עס גיט אונדז ניט אלצ, וואָס מיר האָבנ דאָס רעכט צו דערווארטנ פונ מאקס העלצנ, שטעלט פאָר מיט זיכ א דאָקומענט, וואָס גיט אונדז די מעגלעכקייט טיפער ארייַנצוקוקנ אינ דער געשיכטע פונ דער דייטשישער פראָלעטארישער רעוואָליוציע אונ פונ דער דערפארונג פונ דער פארגאנגענהייט ארויסנעמענ דאָס, וואָס איז אונדז נויטיק פאר דער צוקונפט—פארנ פארווירקלעכנ די פראָלעטארישע רעוואָליוציע. אונ דאָסדאָזיקע ערשטע בוכ מאקס העלצס וועט, ניט געקוקט אפ די כעסרוינעס אונ פעלערנ, ווערנ פאר אונדז א קאמפ־געווער אפנ וועג צומ זיג פונעמ פראָלעטאריאט.

הערמאנ רעמעלע.

מאָסקווע, פעווראל 1930 יאָר.

ווידמונג

טכילעס האָב איכ גערעכנט צו שרייבנ בלויז וועגנ יענע יאָרנ, וואָס איכ האָב פארבראכט אינ דער קאטאָרגע־טורמע. אָבער דידאָזיקע יאָרנ זיינענ ענג פארבונדנ מיט דעמ אלעמ, וואָס עס איז פאָרגעקומענ ביז זיי. זיי זיינענ געווענ דער דירעקטער רעזולטאט פונ מיינ דערפארונג פונ מיינע איינדרוקנ אונ פונ דער עוואָליוציע, וואָס איכ האָב דורכגעמאכט פאר די 30 יאָר פונ מיינ לעבנ.

דעמ ערשטנ טייל פונ מיינ בוכ, וואָס גיט איבער מיינע איבערלעבונגענ אינ די יוגנט־יאָרנ, אינ די מילכאָמע־יאָרנ אונ אינ יאָרנ פונ רעוואָליוציע, וואָס שפיגלט אָפ דעמ וועג, וואָס איכ האָב דורכגעמאכט, אָנהויבנדיק אלס א יוגנטלעכער אונ דערצויגענער אינ קריסטלעכנ גייסט אונ ביז דעמ באוווסטזיניקנ רעוואָליוציאָנער,—ווידמע איכ די דייטשישע אונ די רוסישע ארבעטער. פונ זיי טאקע האָב איכ זיכ דערוווסט די גרויסע אידייע פונעמ פראָלעטאריאטס קאמפ פאר זיינ באפרייונג, די אידייע, וואָס האָט מיכ ארויסגעפירט פונעמ צושטאנד פונ געהאָרכזאמקייט צו גאָט אונ פונ אינדיווידואליסטישע שטרעבונגענ אונ האָט מיר אָנגעוויזנ מיינ אָרט אונ מיינע אופגאבעס אינ די רייענ פונ די אונטערדריקטע. זייער ביישפיל איז געווענ א טיפ־פרוכטבארער אונ האָט מיכ באגייסטערט. די גייסטיקע פארבינדונג מיט זיי האָט מיר געגעבנ אָט די זיכערקייט, וואָס אָנ איר וואָלט איכ ניט געקאָנט פירנ קיינ קאמפ אונ איבערלעבנ זיינע פאָלגנ—8 שווידערלעכע יאָר קאטאָרגע־טורמע. אָנשטאָט די לעגענדעס, וואָס עס האָבנ פארשפרייט וועגנ מיר אי מיינע פיינט, אי אייניקע

פריינט מיינע, וועל איך אופריכטיק איבערגעבן מיין געדאנקען־גאנג און דערציילן וועגן מיינע טאטן.

דעם צווייטן טייל—די זכרוינעס וועגן מיין „לעבן" אין די ווענט פון דער קאטארגע־טורמע—ווידמע איך ניט בלויז אלע פאליטישע ארעסטירטע, נאר אויך די קרימינעלע. ניט געקוקט אף דער העטלעכקייט און פארקריפלטקייט, אף וואס איך האב זיך אנגעשטויסן בא די קרימינעלע ארעסטירטע, זיינען זיי מיר נעענטער איידער פיל פארמעגלעכע זעלבסטצופרידענע מענטשן, וואס האבן נאך מיין באפרייונג, ווי פריינט מיינע, געדריקט מיר די האנט.

בא דידאזיקע פאריער פון דער בורזשואזער געזעלשאפט זיינען ווירקלעך פאראן גענוג פארקריפלטקייט און פאלשקייט, קינע, בייזקייט און הארטלייביקייט, אבער זיי טראגן כאטש ניט קיין מאסקע, זייערע קערפערלעכע און גייסטיקע וואונדן, די מאקעס, וואס באדעקן זייער גוף און זייער נעשאמע,—אט דאס אלץ האט זיי דאס לעבן אנגעהאנגען. אבער דאס לעבן—דאס זיינען דאך מיר אלע, און אלע טראגן מיר די פאראנטוואָרטלעכקייט און האבן קיין רעכט ניט פון איר זיך אפצוטרייסלען.

און ס'איז קיין ספק ניט, אז די אנקלאסעווע געזעלשאפט, וואס אין דעם וועט זיין א נויטיקייט—וועט זארגן וועגן די פארברעכערס. אבער דאס אנווענדן באשטראפונגען לויט די פארמעס, וואס עקזיסטירן איצט,—צי זיינען דאס באשטראפונגען, וואס קומען אויס די שולד, צי פירן זיי צום אויסבעסערן דעם פארברעכער,—דאס איז א מאסמיטל פון א בורזשואזער מעלוכע. דאס, וואס איך האב איבערגעלעבט אין דער קאטארגע־טורמע, איז בלויז א קליינער אפשניט פון יענער ווירקלעכקייט, וואס די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט באמיט זיך זי צודעקן מיט קלינגענדיקע ווערטער, ווי „יוסטיץ, גערעכטיקייט, הומאנישער טורמע־סטאטוט, ספּעציאלע אופזיכט, אפהיטן די זיטן־ריינקייט" א. א. וו.

איך גיב אין דעמדאזיקן בוך פיל פערזענלעכס. דאס איז אומפארמיידלעך, אף וויפל דאס גאנצע פערזענלעכע איז גלייכצייטיק אויך געווען אלגעמיין פאר אלע. ניט איך איינער האב געהאט ארעמע עלטערן,

וואָס האָבן זיך באשעפטיקט מיט שווערער פיזישער ארבעט; ניט מיך אליין האָט מען געשמיסן, ווען איך בין געווען א דינער; ניט איך אליין בין אנטלאָפן א הונגעריקער, געזוכט ארבעט, געגלויבט אין גאָט און געלאָזט זיך אף דער מילכאָמע; ניט נאָר בא מיר איינעם האָבן זיך געעפנט די אויגן, און ניט נאָר איך איינער האָב געווענדט מיין געווער קעגן די אונטערדריקער, ניט איך איינער בין געשטאנען פאר די קלאסן־ריכטער, ניט איך איינער בין געלעגן א נאקעטער און אָפגעגאנגען מיט בלוט, בעיס מע האָט מיך געמאטערט אין די פייניקונג־קאמערן פון די דייטשישע קאטאָרגע־טורמעס!

טויזנטער האָבן איבערגעלעבט און איבערגעליטן דאָס זעלביקע, וואָס איך. זיי שווייגן. אין זייער נאָמען רייד איך.

מאקס העלץ.

בערלין, יאנוואר 1929 י.

1. יוגנט, מילכאָמע און רעוואָליוציע

קינדהייט און ערשטע האָרעוואניע־יאָרנ אינ דאָרפ

פאראנ מענטשנ, וואָס געדענקענ ביזנ סאָפ לעבנ זייערס טויזנטער איינצלהייטנ פונ זייער פריער קינדהייט. ס׳איז אָבער דאָ ניט ווייניק מענטשנ, וואָס בא זיי לעשנ זיכ אויס קימאט אלע קינדהייט־זיכרוינעס שוינ אפ דער מיט פונ זייער לעבנ־וועג.

איכ פערזענלעכ געדענק זייער ווייניק פונ מיינע איבערלעבונגענ און איינדרוקנ פונ מיינע קינדער־יאָרנ, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס אייניקע פונ זיי האָבנ אָנ סאָפעק געהאט א באשליסנדיקע ווירקונג אפ מיינ שפעטערדיקער אנטוויקלונג.

איכ געדענק שוינ ניט מאָריצ לעבנ ריזע, ווו כ׳בינ געבוירנ געוואָרנ דעמ 14 אָקטיאבער 1889 יאָר דאָס צווייטע קינד בא מיינע עלטערנ. ווענ איכ בינ אוועקגעפאָרנ פונדאָרטנ צוזאמענ מיט די עלטערנ, בינ איכ דאכט זיכ אלט געווענ א יאָר אָדער צוויי. פונ מאָריצ, ווו מיינ פאָטער איז געווענ אנ ארבעטער אפ א זעגמיל, זיינענ מיר איבערגעפאָרנ קיינ הירשטיינ אפ דער עלבע.

דער ריטערישער מאיאָנטעק הירשטיינ מיטנ גרויסארטיקנ שלאָס, וואָס איז ענלעכ געווענ צו א שיפ און וואָס איז געהאנגענ אפ אנ אומגעהויער הויכנ מעשופעדיקנ פעלדז אפ דער עלבע, האָט געהערט דעמאָלט דעמ הוסארישנ ראָטמייסטער קורציוס. אינ דעמ־אָזיקנ הימשנ פולווארק האָט מיינ פאָטער געדינט עטלעכע יאָר אלט באטראק און מיינ מוטער האָט געארבעט דאָרט ווי א טאָג־ארבעטערנ.

איכ געדענק ווי איכ — דעמאָלט א פיריאָריק יאטל — פלעג טראָגנ דעמ

פּאָטער מיטאָק אָדער אָוונטברויט. אַלס באַזונדער לוין פאַר מײַנ טירכע פלעג מײַנ פּאָטער מיך אָפּטמאָל אופזעצנ רײַטנ אַפנ פערד.

ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע האָבנ ניט געקאָנט אַכטונג געבנ אַפּ די קינדער—פיר זײַנענ מיר שוינ דעמאָלט געווענ—אונ דעריבער פלעגט מענ אונדז אָפּט פאַרשליסנ אינ צימער אַפּ אַ גאַנצנ טאָג, קעדײַ מיר זאָלנ ניט שטיפנ אינדרויסנ. פאַרנ מינדסטנ פאַרברעכ אָדער פאַר ניט פּאָלגנ פלעגנ אונדז טאַטע־מאַמע זײַער שטרענג באַשטראָפנ: שמײַסנ מיט אַ רימענ איבערנ נאַקעטנ לײַב אונ נאָכדעם לײַגנ הונגעריקע שלאָפנ; צובינדנ צו אַ בענקל אַפּ עטלעכע שאָ, אַפּ אַ האַלבנ טאָג אונ אַמאָל אַפּילע אַפּ אַ גאַנצנ טאָג אַזוי, אַז אָפּבינדנ זיך איז געווענ אומעגלעך.

מיר איז קײנמאָל אַפנ געדאַנק ניט געקומענ, ניט דעמאָלט, ניט איצט, אַז די עלטערנ פלעגנ אונדז אַזוי שטרענג באַשטראָפנ מאַכמעס שלעכטיקײַט אָדער אויס פײַנטשאַפט צו אונדז. אַזעלכע זײַנענ עס ביקלאַל געווענ די מעטאָדנ פונ דערציִונג אינ יענער צײַט, באַזונדערס אינ דאָרפּ. כוצדעמ, האָבנ אונדזערע עלטערנ, וואָס האָבנ זיך אויסגעצײַכנט מיט אויסשליסלעכער געוויסנהאַפטיקײַט אונ אַקוראַטקײַט, באַדאַרפט נאָכקוקנ נאָכ דעמ, אַז אונדזער קינדערשע פאַרשײַטקײַט זאָל ניט ברענגענ קײנ שאָדנ די שכײנימ אָדער דעמ גוטבאַזיצער.

איכ געדענק זײַער גוט, וויפל מי מײַנ מאַמע האָט אָוועקגעלײגט, קעדײַ מיך מאַכנ איווערדיק נאָכ אַסאַכ פריער, אײדער איך בינ אָנגעקומענ אינ דער דאָרפישער שול. איר איז אויסגעקומענ צו אַרבעטנ גאַנצע טעג אינ פעלד, קאָכנ, לאַטענ די צעריסענע האַלבאָשע פונ די פיר קינדער,—שפּעטער זײַנענ צוגעקומענ נאָכ צווײ,—אונ קלאָר, אַז איר פלעג בלײַבנ זײַער ווײניק צײַט אַפּ אָפּצוגעבנ זיך מיט אונדזער גײַסטיקער אונ פיזישער אַנטוויקלונג. בעײסנ לערנענ מיט מיר פלעגט מײַנ מאַמע אָנווענדנ אויכ פיזישע אופווירקונג. אָבער, ניט געקוקט אַפּ דעמ אַלעמ, האָב איך טאַקע אַדאַנק איר געקאָנט לײענענ בעסער פונ אַלע, ווענ איך בינ אָנגעקומענ אינ דער דאָרפישער שול.

אינ מעשעכ פונ אַ האַלב יאָר צײַט האָב איך באַזוכט די דאָרפישע

שול אינ בארא, וואָס געפינט זיכ א שאָ גאנג פונ הירשטײנ. אײנגיכנ האָט דער טאטע פארלאָזט די ארבעט אינעמ מאיאָנטעק. דעמאָלט האָט דאָס געזינד מיטנ גאנצנ האק אונ פאק זיכ אריבערגעפעקלט אפ א פראָסטנ פויערשנ וואָגנ קײנ פיסטעוויץ, א מעהאלעכ פונ א טאָג גאנג, ווו דער טאטע האט זיכ אײנגעאָרדנט אלס באטראק אינ א גרויסנ פולווארק. אינ פיסטעוויץ האָט מיט אימ פאסירט אנ אומגליק, וואָס האָט אימ צוגעבונדנ צומ בעט אפ לאנגע כאָדאָשימ, — עס זײנענ אימ איבערגעפאָרנ צוווילדעוועטע פערד.

געזונט געוואָרנ, האָט ער געארבעט אײניקע כאָדאָשימ אינ א בירברויערײ אינעמ דאָרפ צערענ, לעבנ מײסנ. נאָכדעמ איז ווידער אויסגעקומענ אריבערפאָרנ אפ א וואָגנ אינ דערפל לײטעוויץ, לעבנ ריזע, ווידער א מעהאלעכ פונ א טאָג גאנג פונ צערענ. אויכ דאָרטנ האָט דער פאָטער געבאטראקעוועט אינ א גרויסנ גוט.

מיר איז דעמאָלט געגאנגענ דאָס אכטע יאָר, אונ איכ האָב שוינ באדארפט העלפנ אינ פעלד־ארבעט, פאשענ די גענדז אונ די קי, צונויפקלײבנ די קארטאָפל אונ די ריבנ אונ ארבעטנ מיט א ערד־האק.

אינ לײטעוויץ האָבנ מיר זיכ אויכ לאנג ניט פארזעסנ, נאָכ בײנ יאָר האָט דער טאטע פארלאָזט זײנ שטעלע אונ מיר זײנענ אריבערגעפאָרנ אינעמ דאָרפ הײדא. דאָ, אינ הײדא, האָט דער טאטע געדינט עטלעכע יאָר אלט באטראק בא א פארמעגלעכנ פויער, שפעטער איז ער אָנגעקומענ אפ א ציגל־זאוואָד. אינ הײדא האָב איכ געענדיקט א שול.

פאר אכט יאָר לערנענ זיכ האָט זיכ מיר אײנגעגעבנ צוגרײטנ די לעקציעס בלויז עטלעכע מאָל. מערסטנטײל איז אונדז אויסגעקומענ דורכלאָזנ די לימודים, ווײל מיר האָבנ באדארפט העלפנ די עלטערנ צו פארדינענ זײער ברויט. אונ אויב מיר האָבנ שוינ געהאט די מעגלעכקײט אוועקצוגײנ אינ שול, האָבנ מיר גלײכ נאָכ די לימודים, מיט די ביכער אינ די הענט, באדארפט זיכ לאָזנ אינ פעלד אונ ארבעטנ דאָרט ביז שפעט אינאָוונט. פונ דער ארבעט פלעגנ מיר זיכ אומקערנ אזוי פארמאטערט, אז מיר האָבנ שוינ גערנ געפאָלגט דעמ באפעל פונ די עלטערנ צו לײגנ זיכ שלאָפנ. ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס מײנע

עלטערנ האָבנ געאַרבעט זייער ערלעכ אונ זיינענ געווענ ביז גאָר שפּאָרעוודיק,—מיינ טאַטע איז קיינמאָל פאַר זיינ גאַנצ לעבנ ניט געזעסנ אָנ אַרבעט—אונ כאָטש מיר, קינדער, פלעגנ צופאַרדינענ,—פלעג אונדז גאַנצ אָפט אויספעלנ דאָס סאַמע נויטיקע צומ לעבנ. מיר האָבנ באַגיטיקט די פעלדער, געאַקערט, געזייט, שפּעטער פלעגנ מיר אַראָפּנעמענ דעמ שניט פאַרנ באַלעבאָס, אונ דאָכ איז גאַנצ אָפט קיינ שטיקל ברויט ניט געווענ אינ שטוב.

קעדיי ניט לאָזנ אונדז הונגערנ, פלעג די מאַמע פאַלנ אַפ אַזאַ אופטו: זי פלעגט מיר געבנ צוויי פעניג אונ מיכ שיקנ צומ איינציקנ בעקער אינ דאָרפ מיט אַנ אויסרייד, אַז דאָס האָט עס אַנ אָרעמאַנ מיכ געשיקט קויפנ פאַר זיינעטוועגנ פאַר דידאָזיקע צוויי פעניג אַלטגעבאַקנ ברויט. מיר האָבנ זיכ געשעמט אויסצוגעבנ פאַר יענעמ, אַז דאָסדאָזיקע ברויט געברויכנ טאַקע מיר אַליינ. דער בעקער פלעגט פאַר די צוויי פעניג מיר געבנ אַ פונט אָדער צוויי ברויט, דאַרס ווי אַ שטיינ, וואָט אַפ דעמ איז קיינ קוינע ניט געווענ; אַ פונט גוט ברויט האָט געקאָסט פערצנ־פופצנ פעניג. פונ דעמדאָזיקנ ברויט פלעגט די מאַמע אָפּקאָכנ פאַר אונדז אַ פיסנעמ קוליש.

קינדווייס האָב איכ, פאַרשטייט זיכ, ניט פאַרשטאַנענ די גאַנצע אומגעלומפערטקייט פונ דערדאָזיקער לאַגע. אַפילע די עלטערנ—זיי אַליינ זיינענ אויכ ניט געווענ אַפ אַזויפיל באַוווסטזיניק אַפ צו פאַרשטיינ די סיבעס, וואָס איבער זיי איז אונדזער לאַגע געווענ אַזאַ קלאָגעדיקע, אונ זיכ בונטעווענ קעגנ דעמ. אונ דאָכ האָט דער טאַטע ניט געלאָזט צו מאַכנ פונ זיכ אַ פאַרשקלאַפטנ קנעכט: האָט אימ נאָר אַ וועלכער ניט איז גוטבאַזיצער אָדער זיינ פאַרוואַלטער, צי אַ לאַקיי באַליידיקט מיט עפעס, אָדער געמאַכט אַ ניט פאַרדינטנ פאָרוורפ—האָט ער גלייכ אָוועקגעוואָרפנ דעמ פאָסטנ אונ זיכ געזוכט אַנדער אַרבעט; מיט אַרבעט האָט מיינ פאָטער קיינמאָל קיינ דייגע ניט געהאַט; מע האָט אימ געקאָנט אַלס איבערגעגעבענעמ ערלעכנ אַרבעטער. די טיפ־רעליגיעזע אָנשויונגענ האָבנ ניט דערלאָזט מיינע עלטערנ צו קעמפנ קעגנ דער ניט־גערעכטיקייט. די רעליגיע האָט מיט זיי איינגעקנעלט, אַז ס'איז פאַראַנ

באלעבאטימ און באדינערס און אז דער באדינער מוז שוינ בלייבנ א באדינער און פארברענגענ זיינ גאנצ לעבנ אינ אָרעמקייט און נויט, און דערפאר ווארט אפ אימ א יענע וועלט.

ניט געקוקט אפ אונדזער אָרעמקייט, האָבנ מיינע עלטערנ זיכ אויס־געצייכנט מיט זייער שטאָלצ. דערדאָזיקער שטאָלצ איז אויכ איבערגע־גאנגענ בעירושע צו אונדז צו די קינדער.

עטלעכע מאָל אינ וואָכ פלעגט מענ מיכ שיקנ אינאָוונט צומ פויער, בא וועלכנ מיר האָבנ אלע געארבעט נאָכ א קוואָרט אָפגעהייבענער מילכ, פונ וועלכער די מאמע פלעגט אונדז קאָכנ א זופ. אפילע פאר דערדאָזיקער מילכ, אָנ א טראָפנ פעטס, פלעגנ מיר דארפנ צאָלנ.

אָפט האָט אונדזער מישפּאָכע געליטנ שרעקלעכע נויט. באזונדערס איז אונדזער לאגע פארשארפט געוואָרנ אינ א צייט פונ שלאפקייטנ וואָס האָבנ איינגעשלונגענ יעדנ אָפגעשפּאָרטנ פעניג. קיינ שפּיטאָל־קאסעס זיינענ ניט געווענ, און אונדז איז אויסגעקומענ פונ אונדזערע קנאפע פארדינסטנ אי רופנ א דאָקטער, אי קויפנ רעפועס.

דער טאטע פלעגט פארדינענ אכט מארק א וואָכ. פאר אזא לוינ האָט ער באדארפט ארבעטנ פונ פיר, אמאָל אפילע פונ דריי אזייגער פארטאָג ביז ניינ—צענ אפדערנאכט, ניט אויסשליסנדיק אפילע די זונטיקס. ער פלעג זיכ ניט דערלויבנ קיינ פארגעניגנס, הוליאנקעס, ער איז אפ זיינ לעבנ־טאָג אינ טראקטיר ניט געווענ. די איינציקע אויסבערענגערײַ, וואָס ער פלעגט זיכ דערלויבנ אמאָל אומ זונטיק אינ די שאָענ פונ צוויי ביז פינפ, ווענ ער איז געווענ פריי פונ דער ארבעט, איז געווענ צו זיצנ אפ דער קאנאפע און רויכערנ א סיגאר, וואָס מיט זיינ גערוכ פלעגט זיכ קוויקנ דאָס גאנצע געזינד. אויסרויכערנ א סיגאר אינדערוואָכנ האָט געהייסנ צו א גרויס אויסבערענגערײַ.

וואָס עלטער מיר זיינענ געוואָרנ, אלצ מער האָבנ מיר באדארפט ארבעטנ אינ פעלד; אלצ מער זיינענ געוואקסנ די באדערפענישנ צו באזאָרגנ אונדז מיט קליידונג און צו פאריכטנ זי. ביז פערצנ יאָר האָב איכ ניט געוווסט פונ א נייעמ אנצוג—ניט קיינ פּידזשאק און ניט קיינ הויזנ,—די מאמע פלעגט איבערנייענ מיינ האלבאָשע פונעמ טאטנס אָדער

פונעם זיידנס אַלטע שמאַטעס. ס'איז דעריבער געווען אַ גאַנצע געשעעניש פֿאַר מיר, ווען איך האָב בעת קאָנפֿירמאַציע אָנגעטאָן צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן אַ שפּאָגל־נײַעם אַנצוג. דערדאָזיקער אַנצוג האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ אַ גרעסערן אײַנדרוק, איידער די קאָנפֿירמאַציע גופֿא, וואָס צו איר האָב איך זיך באַציִיגן זייער ערנסט, זייענדיק פֿריִער נאָך אין יענער צײַט פֿון רעליגיעזער ספּייקעס.

ביז פֿערצן יאָר האָב איך סאַכאַקל דרײַ מאָל זיך באַטייליקט אין קינדערשע פֿאַרווײַלונגען. איינמאָל בעת אַן עקסקורסיע צו די קלויסטער־כּורוועס; דאָס צווייטע מאָל — ווען ס'איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאָרשטעלונג פֿון מאַריאָנעטן־טעאַטער, וווּ מ'האָט באַוויזן דעם דרײַפֿוס־פּראָצעס, — דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַן אײַנדרוק אויף אייביק; דאָס דריטע מאָל — ניט לאַנג נאָכן פֿאַרענדיקן די שול האָב איך פֿאַר צוואַנציק פֿעניג, וואָס דער טאַטע האָט ספּעציעל אַסיגנירט צוליב דעם, באַזוכט אין דער שכנישער שטאָט דעם פּאַנאָפּטיקום אויפֿן שיסער־יאַנטעוו. דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש, און אַלע מײַנע ברידער און שוועסטער האָבן מיר מקנא געווען.

אין די שאַבעס־טעג פֿלעג מען מיך שיקן מיט אַ קאָרב אין שטאָט אַרײַן, אַ מעהאַלעך פֿון אַ שעה גאַנג, אײַנצוקויפֿן אויף דער וואָך אַרבעס, פֿאַסאָליעס, לינזן, גרויפּן און הירזש, אַמאָל אויך אַ האַלב פֿונט פֿערדנפֿלייש. פֿון דעמדאָזיקן פֿלייש פֿלעגט די מאַמע צוגרייטן פֿאַר אונדז אַ געבראָטנס אויף זונטיק, דערבײַ האָט זי ניט געקאַרגט אַרײַנצוברעקן וואָס מער צעווייקט אַלטגעבאַקן ברויט. אָבער אַפֿילו אין די זונטיקטעג האָבן מיר ווײַט ניט אַלעמאָל געהאַט פֿלייש, און מיר, קינדער, האָבן געהאַלטן, אַז אָרעמעלײַט טוען אַ פֿאַרברעך, וואָס זיי עסן פֿלייש און אויב מע דערלויבט זיך שוין יאָ, — איז דאַרף מען עס טאָן בעגנייווע.

פֿרילינג־צײַט, ווען בלימלעך האָבן אָנגעהויבן צוויטען באַם טײַכל און הינטער די פּלויטן, וואָס באַצוימען די לאָנקעס, פֿלעגן מיר זיי צונויפֿקלײַבן ביסלעכווײַז און פֿאַרקויפֿן אין שטאָט. איינמאָל, בעתן אַרומטראָגן אין די הײַזער בלומען צו פֿאַרקויפֿן, האָב איך אויף די

טרעפ פונ א האָטעל געפונענ א מאטבייע פונ צוואַנציק מארק, איכ האָב די מאטבייע געבראַכט די עלטערנ, אָבער ניט געקוקט אפ זייער אָרעמקייט, האָבנ זיי זי ניט פארנוצט אפ זיכ, נאָר געגעבנ א מעלדונג אינ צייטונג אפ אופזוכנ דעמ, וואָס האָט פארלוירנ די מאטבייע. אינ די וונטיק־טעג אינדערפרי, ווענ קיינ פעלד־ארבעט איז ניט געווענ, פלעגנ מיר רעגוליער גייענ מיט די עלטערנ אינ קירכע. אי די עלטערנ, אי מיר האָבנ זיכ באַצויגנ מיט ערנסט צו דער רעליגיע אונ צו אירע געבאָטנ. מיר האָבנ ניט געקאָנט פארשטיינ, ווי אזוי לייגט מענ זיכ שלאָפנ אָנ דער אָוונט־טפילה אָדער ווי אזוי שטייט מענ אופ אָנ דעמ פרי־געבעט. אלעמאָל פארנ עסנ, פארנ פרישטיק, מיטאָק אונ אָוונט־ברויט, פלעגט דער טאטע דער ערשטער איינטונקנ דעמ לעפל אינ שיסל אונ מיר פלעגנ אלע אינ כאָר אָפזאָגנ דאָס מאָלצייט־געבעט, אונ אויכ נאָכ דער אָרעמער סודע פלעגנ מיר קיינמאָל ניט פארגעסנ אָפצוריכטנ דאָס בענטש־געבעט.

קיינ צוואקעס זיינענ אָבער מיינע עלטערנ ניט געווענ. זייער רעליגיעזקייט איז בעשומויפנ ניט געווענ קיינ אויסערלעכע, נאָר אפ לעפאָנעמ. ניט געקוקט אפ זייער גרויס דאכקעס, האָבנ זיי מיט דעמ ביסעלע, וואָס זיי האָבנ געהאט, זיכ געטיילט מיט אָרעמערע פונ זיכ.

מיינ זיידע פונ דער מאמעס צאַד, אנ ארבעטער פונ א שטיינקאריער איז דערהארגעט געוואָרנ בעייס אנ אופרייס. די באָבע האָט נאָכ געלעבט. געווינט האָט זי אינ הירשטיינ, אונ איכ פלעג דארפנ אָפט איר טראָגנ עסנ פונ היידא; דערופ האָט מענ באַדארפט גיינ צופיס דריי שאָ צייט.

בא אזעלכע באַדינגונגענ האָבנ מיר ניט געקאָנט, פארשטייט זיכ, זיכ שפילנ מיט די דאָרפישע קינדער. אויב איכ פלעג שוינ פרוווּנ ווענ עס איז אריינ אינ קאָנ, פלעגט מענ מיכ אופנעמענ ווי א פרעמדנ, דערפאר וואָס געוויינלעכ פלעג איכ זיכ מיט זיי ניט שפילנ. מיינע כאַווירימ אינ שול, באַזונדערס די באַלעגופישע קינדער, פלעגנ זיכ רייצנ מיט מיר, אונ דעריבער פלעג איכ זיינ בא זיכ זייער געפאלנ. דעריקער פלעגנ זיי אָפשפעטנ פונ מיינ קורטקע, וואָס מיינ מאמע פלעגט מיט

גרויס מי צונויפשטיקעווענ פונעם טאטנס אָדער דער באבעס אלטער האלבאָשע.

ווענ כעוורע האָבנ אינ איינעם א זונטיק ווידער זיכ געגומענ כוי־זעקנ איבער מיינ קורטקע, בינ איכ אריינ אינ א ווילדנ קאַעס. ארומ מיר זיינענ געשטאנענ דעמאָלט בא א צענדליק שילער. אז איכ בינ ארויס פונ די קיילימ, האָב איכ א כאפ געטאָנ א שווערנ שטיינ, אָבער אנשטאט אימ ווארפנ אינ די, וואָס האָבנ מיכ באליידיקט, האָב איכ אָנגעהויבנ קלאפנ זיכ אליינ איבער די פינגער פונ דער לינקער האנט, ביז בלוט האָט אָנגעהויבנ רינענ פונ זיי. מיט טרערנ אינ די אויגנ האָב איכ אויסגעשריענ, אז איכ וועל מיר אלע פינגער צעבלוטיקנ, אויב זיי וועלנ ניט אופהערנ צו שפעטנ פונ מיר.

דאָס האָט געמאַכט אזא שטארקנ איינדרוק אפ די כעוורע, אז לאנג־לאנג האָבנ זיי שוינ פונ מיר ניט געלאכט.

געענדיקט די שול, האָט זיכ מיר זייער געוואָלט אויסלערנענ שלאָסעריי. איכ האָב געוואָלט זיכ אויסלערנענ אוועלכע־ניט־איז מעלאָכע מיט דעמ מיינ, אז דאָס וועט מיר שפעטער געבנ די מעגלעכקייט צו העלפנ די עלטערנ. איכ האָב גוט געוויסט, אז אלס באטראק אָדער טאָג־ארבעטער, דאָס הייסט, אָנ א קוואליפיקאציע, וועל איכ דערצו זיכ ניט דערשלאָגנ, ווייל מיינע פארדינסטנ וואָלטנ קוימ געקלעקט אפ מיר אליינ. א גוטער ביישפיל איז פאר מיר געווענ דאָס שווערע לעבנ פונ מיינע עלטערנ, וואָס האָבנ שטענדיק געלעבט אינ נויט, ניט געקוקט אפ זייער פלייסיקייט אונ אפ זייער שפאָרעוודיק לעבנ.

איכ האָב אָבער ניט געהאט קיינ מעגלעכקייט אויסצולערנענ זיכ אוועלכע־ניט־איז מעלאָכע; דערצו וואָלטנ די עלטערנ באדארפט טראָגנ אפ זיכ די שווערע לאסט פונ הויצאָעס אפ לערנענ, קליידונג א.א.וו.— אונ קיינ מיטלענ האָבנ זיי לאכלוטנ ניט געהאט. כוצדעמ, וואָלט איכ אליינ, צומ וויניקסטנ דריי יאָר, גאָרניט פארדינט. די אומשטאנדנ זיינענ געווענ אזעלכע, אז ניט ווילנדיק האָב איכ געמוזט דורכמאכנ דעמזעלביקנ וועג, וואָס מיינ פאָטער.

נאָכ דער קאָנפירמאציע האָב איכ געדינט צוויי יאָר אלס באטראק

בא איינעם קלאָשקע, א רייכער פויער אינ לייטעוויצ, לעבנ ריזע. מיר איז אויסגעקומענ צו הייבנ אזעלכע שווערע מאסעס, וואָס זיינענ געווענ איבערנ קויעכ אינ מיינ עלטער. ניט געקוקט אפ דעם, האָב איכ אָבער גערנ אויסגעפילט פעלד־ארבעט. אלצ וואָס איז געווענ פארבונדנ מיט פעלד־ארבעט איז מיר געווענ באזונדערס באַליבט. ניט ליב זיינענ מיר געווענ נאָר די קלעפ, וואָס איכ פלעג כאפנ פונ דער ברייטער האנט. אינ דערדאָזיקער באלעגופישער ווירטשאפט זיינענ געווענ איינגעפירט אזעלכע פאראָנדקעס, ווי אפ מיליטער־דינסט. בא די באטראקעס איז געווענ א מאָדע צו שמייסנ די יונגע, די גרינע. די עלטערע האָבנ געהאלטנ, אז נאָר אדאנק די קלעפ וועט פונ די יונגע באָכערים זיכ באקומענ א טאָלק.

אינ דעמזעלביקנ גוט האָט געדינט נאָכ א יונגער באטראק. ער איז געקומענ פונ שטאָט אונ איז געווענ יונגער פונ מיר מיט א יאָר. פונ דער נאטור א שוואכער, איז דעמדאָזיקנ יונגנמאנ שווער געווענ זיכ ספראווענ מיט דער פעלד־ארבעט. דערצו נאָכ האָט ער געליטנ פונ א קרענק: בא אים איז געווענ א כראָנישע אנטצינדונג פונעם האשטאָנע־פענכער, אונ ער האָט ניט געקאָנט איינהאלטנ די האשטאָנע בעייסנ שלאָפנ. די באטראקעס פלעגנ שלאָפנ צוויי־דריי אירע אפ א בעטל; די, וואָס פלעגנ שלאָפנ מיט אים צוזאמענ, פלעגנ טיינענ אינ איינ קאָל, אז דאָס טוט ער, ווייל ער איז פויל ארויסצוגייִנ אינ הויפ, — האָט מענ אים טאָג־טעגלעכ אומראכמאָנעסדיק געשלאָגנ. איבער אָט דער מערדערישער באציונג איז דער אומגליקלעכער באָכער געוואָרנ א קאליקע אונ א פול־קומער אידיאָט.

דורכ הײדעלבערג אונ באדענ־באדענ קיינ לאָנדאָנ

כאָטש די פעלד־ארבעט איז מיר געווענ צום הארצנ, האָב איכ דאָכ ניט אויפגעהערט צו זוכנ אנ אנדער ארבעט, וואָס זאָל מיר געבנ די מעגלעכקייט בעסער צו פארדינענ.

ערשט אינ צוויי יאָר ארום האָט זיכ מיר איינגעגעבנ איינצואָרדענענ זיכ אלס באדינער אינ אנ איינפאָר־הויז אינ ריזע.

שוין אין דריי כאַדאָשים אַרום האָב איך פאַרלאָזט דאָס פּלאַץ און זיך איינגעשטעלט צו מאַכן דעם ערשטן זעלבסטשטענדיקן שריט. איך האָב באַשלאָסן זיך דערשלאָגן קיין באַדען־באַדען, וווּ ס'האָט געלעבט אין דער יוגנט מיין מוטער. זי פלעג אונדז, קינדער, אָנדערציילן וווּנדערלעכע זאַכן וועגן דערדאָזיקער שטאָט, וואָס איז געוואָרן פאַר מיר מאַמעש אַ טרוים. אָבער אַזוי ווי מיין געלט האָט מיר געקלעקט בלויז ביז היידעלבערג, האָב איך זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און בין אָנגעקומען אין האָטעל „בייערישער האָף" אַלס זילבער־פּוצער.

דאָ, אין דערדאָזיקער אַרבעט האָב איך באַקומען אַ שאַרפע בלוט־פאַרגיפטונג; מיט גרויס מי האָט מען מיך אָפּגעראַטעוועט פון אַמפּוטירן אַ האַנט.

אין צוויי כאַדאָשים אַרום נאָך דעם ווי איך בין געזונט געוואָרן בין איך אָפּגעפאָרן פון היידעלבערג קיין באַדען־באַדען. דאָרט בין איך אָנגעקומען אַלס באַדינער צום רייכן פאַבריקאַנט ווערנער, אין דער ווילע „שאַרלאָטאַ". איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל האָבן אין מיין רעשוס כאָטש אייניקע פרייע שאָ אין טאָג, קעדיי פאָרצוזעצן מיין בילדונג און וועל קאָנען אָפּשפּאָרן עפּעס פון מיינע פאַרדינסטן און שפּעטער זיך ספּעציאַליזירן. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז וועגן פרייער צייט האָב איך אַפילע ניט געהאַט וואָס צו טראַכטן. איך האָב באַדאַרפט אויסטרייסלען טעפּיכער, האַלטן אין אָרדענונג אַ גרויסן פּאַרק, פּוצן אַלעמען די שיך, וואַשן דאָס געפעס און נאָך דעם אַלעם אַרומפירן אין אַ שטול דעם פאַבריקאַנטס פּאַראַליזירטע פרוי איבער די פּראַכטפולע פּאַרקן פון באַדען־באַדען.

אין דעמדאָזיקן פּאָסטן בין איך אָפּגעווען בלויז אייניקע כאַדאָשים; דאַן בין איך אָנגעקומען אַלס שילער אין אַ גאַראַזש. די שאָפערס האָבן מיך אַזוי געשלאָגן, אַז איך האָב ניט געוואַגט אַפילע אָפּצוועסן צו דער זעט.

דידאָזיקע לאַגע האָב איך ניט אויסגעהאַלטן, איך בין אַנטלאָפן און זיך איינגעאָרדנט אין דער ווילע „פּאַנסיאָן לוויזענזע" אַלס ליפטער. אין דעם אויסגעפּוצטן מונדיר מיט די גלאַנצנדיקע קנעפּ האָב איך דער־

פילט אינ זיכ א מינ אויסערגעוויינלעכע ווירדע; דערדאָזיקער געפיל האָט נאָכ מער פארשטארקט זיכ דערמיט, וואָס איכ האָב זיכ צוזאמענגעטראָפנ מיט מענטשנ פונ לאַכלוטנ אנ אנדער וועלט אונ אנדערע לעבנ־מאסשטאבנ. פארדינט האָב איכ זייער גוט, אונ שוינ אינ עטלעכע וואָכנ ארום האָב איכ מיכ באזאָרגט מיט א ביכל פונ דער שפּאָר־קאסע; איינגיכנ האָב איכ אָנגעקליבנ אפנ ביכל אריבער הונדערט מארק. פאר מיר האָט דאָס באסראָפנ דעמאָלט א גאנצ פארמעגנ.

אפ דערדאָזיקער ארבעט בינ איכ אייניקע מאָל באגאנגענ א שווינדלערײַ. שפּעטער האָט מיכ מײנ געוויסנ א לאנגע צייט געמאטערט איבער דעם. די ליפּטערס, די פּאָרטיאָרנ אונ די לאקייענ פונ די פאנסיאָנענ אונ האָטעלנ פלעגנ געוויינלעכ זיכ צוזאמענרעדנ מיט די פורמאנעס, וואָס פלעגנ זיי צאָלנ א קליינע קאָמיסיע פאר צושטעלנ זיי אָפּט פּאסאזשירנ—א זאכ, וואָס איז געווענ פארבאָטנ.

דער דירעקטער, וואָס איז גאנצ צופעליק ווענג דעם געוויר געוואָרנ האָט מיכ ארייַנגערופנ אונ מיר געגעבנ אזא אָנצוהערעניש, אז כ'האָב דערפילט אינ זיכ אנ עכטנ פארברעכער אונ איכ וואָלט זיכ לאכלוטנ ניט געווענ פארכידעשט, ווענ ער וואָלט מיכ דאָ, אפנ אָרט טאקע ארעסטירט.

מיר איז געווענ אזא ביזאָיענ, אז איכ האָב איינגיכנ געבעטנ, מע זאָל מיכ צערעכענענ. איכ האָב ארויסגענומענ פונ דער־שפּאָר־קאסע מיינע הונדערט צוואנציק מארק, זיכ געקויפט א רענצל פארנ וועש אונ, ניט געמאכט קיינ לאנגע האכאָנעס, בינ איכ אָפּגעפאָרנ קיינ לאָנדאָנ דורכ קעלנ־ראָטערדאם־הוק־וואנ־האָלאנד.

דער קאָנטראסט צווישנ באדענ־באדענ אונ לאָנדאָנ איז געווענ אזא שארפער, אז די ערשטע צייט פונ מיינ זיינ אינ לאָנדאָנ האָב איכ ניט געקאָנט קומענ צו זיכ. די שטימונג האָט אזוי בוילעט ארויסגעסטארטשעט אפ מיינ פּאָנעם, אז אייניקע מענטשנ, וואָס האָבנ געוואָלט מיר באהילפיק זיינ, זיינענ שטארק צוגעשטאנענ צו מיר אונ האָבנ געוואָלט מיר העלפנ טראָגנ מיינ לייכט רענצל. אפ מיר האָט זיכ דערבארעמט דער פּאָליסמענ, וואָס האָט, קענטיק, באמערקט אפ מיינ פּאָנעם, אז איכ בינ ניט צוגעווינט צו גרויסשטאָטישנ לעבנ. אפ א געבראָכענעם ענגליש,

וואָס איכ האָב מיכ אויסגעלערנט אביסל, בעייס איכ האָב געדינט אלס ליפטער אינ באדענ־באדענ, האָט זיכ מיר איינגעגעבנ אימ צו דערקלערג, אז איכ זוכ אזא אונ אזא גאס, וווּ עס געפינט זיכ א דייטשישע צוזאמענוווינונג.

דער פּאָליסמענ האָט מיכ ארופגעזעצט אפ אנ אָמניבוס אונ אָנגערופנ דעם קאָנדוקטער די גאס, וואָס אינטערעסירט מיכ. אינ א שאָ ארומ בינ איכ בעשאָלעמ פארפאָרנ אהינצו, נאָר אינגיכנ האָב איכ באמערקט, אז כאָטש די גאס טראָגט טאקע דעמזעלביקנ נאָמענ, ווי די, וואָס איכ האָב געזוכט, איז זי אָבער פאָרט געווענ ניט די: אינ לאָנדאָנ זיינענ פאראנ זיבנ אונ צוואנציק גאסנ מיט דעמזעלביקנ נאָמענ.

אויסגעלייזט פונ דערדאָזיקער לאגע האָט מיכ א צווייטער פּאָליסמענ. ער האָט מיכ ארופגעזעצט אפ א קעב—א צווייראָדיק פאעטאָנדל, אונ איכ האָב לעסאָפ זיכ דערשלאָגנ צו מיינ ציל—צו דער דייטשיש־קריסטלעכער צוזאמענוווינונג פאר קעלנערס.

דאָס לעבנ איז געווענ דאָרט וואָלוול, מע האָט מיכ גוט אופגענומענ דאָרט, אינגיכנ האָט מענ זיכ גענומענ זוכנ ארבעט פאר מיר. ארומ מיר האָבנ זיכ אָנגעהויבנ דרייענ אויכ אנדערע באיאָרטע לאנדסלייט, וואָס ווינענ שוינ לאנג אינ לאָנדאָנ. זייענדיק ארבעטלאָזיק, האָבנ זיי געלעבט דערפונ, וואָס זיי האָבנ באקאָנט די ניי־אָנגעקומענע מיט דער ריזיקער שטאָט. זיי האָבנ גלייכ דערשמעקט, אז איכ האָב נאָכ עטלעכע גאָלדענע מאטבייעס—רעשטלעכ פונ מיינ פארמעגנ—אונ זיי האָבנ זיכ גוט צוגעסטארעט מיטהעלפנ מיר אויסצוברענגענ דעמדאָזיקנ קליינינקנ קאפּיטאל.

א גאנצנ טאָג זיינענ זיי ארומגעפאָרנ מיט מיר אפ מיינ כעשבנ איבער דער שטאָט. נאָכ איינער אזא זייער אינטערעסאנטער עקסקורסיע, וואָס האָט אונדז אופגעמונטערט אָבער זייער פארמאטערט, זיינענ מיר פארנאכט צו אריינ אינ דעמ הייד־פּארק. דערזענ, אז אפ די ברייטע לאָנקעס באוועגנ זיכ מינימ שווארצע פינטלענ,—האָב איכ א פרעג געטאָנ, צי פאשענ זיכ דאָ ניט קיינ שאָפ אדער אנדערע בעהיימעס. פונ מיינ פראגע האָט מענ געקייכט פונ געלעכטער. עס הייבט זיכ ניט אָנ,—האָט

מענ מיר א זאָג געטאָנ אונ מענ האָט מיר צוגעזאָגט באַלד דערקלערנ, וואָס דאָ קומט פאָר. פיר לאַנדסלייט האָבנ זיכ גיכ א לאָז געטאָנ צוזאַמענ מיט מיר צו איינעמ פונ די דאָזיקע שוואַרצע פּינטלענ, אונ צו מיינ גרויס וווּנדער, האָב איכ דערזענ, אַז די דאָזיקע אַלע פּינטלענ זיינענ פּאָשעטע געווענ פּאָרלעכ, וואָס האָבנ אָנ קיינע צערעמאָניעס זיכ געלאָזט וווילגיינ.

מיינע פריינט האָבנ באַמערקט אינ מיינ אויפירונג, אַז איכ בינ נאָכ לאַכלוטנ ניט געניט אינ די דאָזיקע זאַכנ אונ זיי האָבנ באַשלאָסנ איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל מיכ אויפקלערנ. גלייכ אינ איינציקע מינוטנ אַרומ האָבנ זיי אויפגעזוכט פינפ פּראָסטיטוטקעס, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעגעבנ פאַר אַנ אומגלויבלעכנ פרייז — פאַר א האַלבנ שילינג.

איכ האָב ניט געוואָלט זיכ אָפּצוזאָגנ; מיר איז ניט אָנגעשטאַנענ צו ווייזנ, אַז איכ בינ נאָכ מער נאַריש איידער עס מיינענ מיינע לאַנדסלייט. דאָס איז געווענ מיינ ערשטע געשלעכטלעכע דערנענטערונג. איכ בינ געווענ זייער ניט רירעוודיק, ביז די ענגלענדערינ האָט זיכ צעבייזערט: אירע כאַווערטעס זוכנ שוינ פונלאַנג פאַר זיכ נייע פּאַרטנערנ, — האָט זי מיר אָפּגעלאָזט א פּאַטש אינ באַק אונ איז אַוועק פונ מיר מיט א געשפּעט.

מיינ געלט האָט זיכ אינגיכנ אויסגעלאָזט, אונ איכ האָב באַדאַרפט ערנסט א נעמ טאָנ זיכ צו זוכנ פאַר זיכ אַרבעט. איכ בינ אָנגעקומענ אַלס א קיכ־יינגל אינ איינעמ פונ די פּילצאָליקע לאָנדאָנער פּאַנסיאָנענ. מיינ לוינ איז געווענ צוויי מיט א האַלבנ שילינג א וואָכ (צוויי מיט א האַלבנ מאַרק), עסנ אונ קוואַרטיר. די קעסט זיינענ געווענ אַזעלכע פּעטע, אַז איכ וואָלט געשטאָרבנ פונ הונגער, ווענ איכ וואָלט ניט געווענ סיסטעמאַטיש באַנעמענ די אַלטיטשקע באַלעבאָסטע. איכ האָב געשליגענ ברויט, קאַרטאָפל־פּודינגענ. — אַלצ, וואָס איכ האָב געפּאַקט, ווי נאָר איכ האָב געהאַט א מעגלעכקייט דאָס טאָנ, אַז קיינער זאָל ניט זענ. געאַרבעט האָב איכ פאַר דרייענ, טוענדיק בוכשטעבלעכ אַלצ, וואָס מע האָט באַדאַרפט; איכ פלעג אויפשטיינ פיר אַזייגער פּאַרטאָג אונ אינ דער גרעסטער קעלט האָב איכ געוואַשנ די פּאָדער־טרעפּ אונ אויכ די טרעפּ פונ קעלער־שטוב, נאָכדעמ האָב

איכ זיי אָנגעריבנ מיט זאמדיקנ שטיינ, קעדיי צו מאכנ זיי גלאַנציק, דאנ פלעג איכ פוצנ די פילצאָליקע הענטלעכ פונ די טירנ. כוץ דעמ אלעמ האָב איכ באדארפט צוויי מאָל אינ וואָכ אויסוואשנ אלע פענצטער אינ הויפ. דערצו האָב איכ נאָכ געהאט אזעלכע פליכטנ: שלעפנ קוילנ, וואשנ דאָס געפעס, אויסקלאפנ די טעפיכער, פוצנ די שיכ. מיט איינ וואָרט, ארבעט איז געווענ גענוג, פאָרווורפנ אויכ.

די ווירטנ, א נימעסע מיעסע אלטיטשקע, א טרוקענע ווי א שטעקנ, פלעגט זיכ באגייג מיט מיר מיט אזא פאראכטונג, אז זי האָט אפילע ניט געפונענ פאר נייטיק מיר שטעלנ דאָס עסנ אפנ טיש. מיטאָג צו פלעג איכ באקומענ א קליינ שטיקל פלייש אונ איינ געבראָטענע קארטאָפליע. אָט דידאָזיקע געהויבענע געריכטנ פלעג זי אוועקשטעלנ אפנ דיל, ווי דאָס זאָל זיינ פאר א הונט וועגנ.

שוינ אָפגערעדט, אז ס'איז קיינ מעגלעכקייט ניט געווענ צו לייענענ ווענ ניט איז א בוכ, אָפצושפאָרנ וויפל ניט איז געלט.

אזא מינ לעבנ בינ איכ ניט געווענ אומשטאנד אויסצוהאלטנ. נאָכ לאנגע מאטערנישנ אינ אנדערע פאנסיאָנענ האָט זיכ מיר לעצטנס איינגעגעבנ איינצואָרדענענ זיכ אלס קיכ־יינגל אינ לאָנדענער פאָרשטאָט טשעלזי, בא צחיי שוועסטער—אמעריקאנערנס. דאָ איז מענ זיכ באגאנגענ מיט מיר בעסער, איכ וואָלט געזאָגט אפילע—גוט. איכ האָב געהאט אויסגעצייכנטע קעסט, איכ בינ געוואָרנ דיק, פעט, דערצו נאָכ האָב איכ געהאט פרייע צייט אפ צו לערנענ זיכ.

איכ האָב מיר אָנגעקויפט ענגלישע ביכער, געפרווט לייענענ צייטונגענ אונ בא יעטווידער געלעגנהייט האָב איכ באזוכט די אויסגעצייכנט גוט־איינגעאָרדנטע שטאָטישע לייענזאלנ אונ ביבליאָטעקנ, וואָס זיינענ דאָ אינ לאָנדאָנ זייער פיל. איינע פונ די אמעריקאנערנס האָט באמערקט מיינ שטרעבנ צו וויסנ, צו טעכניק אונ מיינ הייסנ פארלאנג צו באקומענ פראָפעסיאָנעלע בילדונג—האָט זי מיכ באקאנט מיט אנ אייגנטימער פונ אנ עקיפאזשנ־הויפ; יענער האָט מיכ באדינגענ צו וואשנ די עקיפאזשנ. פאר דערדאָזיקער ארבעט, וואָס איכ פלעג זי אויספילנ נאָר באנאכט, האָב איכ באקומענ צוועלפ שילינג א וואָכ. וועדליק מיינע

דעמאָלטיקע באדערפענישנ איז דאָס געווענ זייער א גוטער לוינ, וואָס מיט אימ האָט מענ געקאָנט עפּעס אופטאָנ.

באלד נאָכ דעמ האָב איכ זיכ איינגעאָרדנט אלס לערנ־ייִנגל לויט א מעלדונג, וואָס איכ האָב איבערגעלייענט אינ צייטונג, אינ סיטי בא איינעמ א ציווילנ אינזשענער ווילסאָנ. פונ ניינ ביז דריי פלעג איכ ארבעטנ צוזאמענ מיט אימ, גרייטנדיק צייכענונגענ פונ פראָיעקטנ פאר וועגבוי־ארבעטנ פאר דאָרעמ־אמעריקע, וואָס מע האָט געהאט באשטעלט בא ווילסאָנענ. אינ אָוונט פלעג איכ באזוכנ דעמ טשעלזיער גלענצנדיק גוט־אויסגעשטעלטנ פּאָליטעכניקומ. די לערער האָבנ גענומענ אינ אכט מיינ שווערע לאגע. א באזונדערס גרויסע אופמערקזאמקייט האָט מיר אָפגעגעבנ דער לערער פונ בריקנ־בויונג. באמערקט, אז מאכמעס קנאפּע ידיעות אינ ענגליש קאָנ איכ ניט פריי נאָכשפּירנ נאָכ די לעקציעס, פלעג ער אָפט זיכ צוזעצנ צו מיר אונ איבערזעצנ פאר מיר ענגלישע טערמיגעט אפ דער דייטשישער שפּראכ. פונ דרייסיק צוהערער בינ איכ געווענ דער איינציקער דייטש.

איינגיכנ איז פאר מיר קלאָר געוואָרנ, אז מיט צוועלפ שילינג קאָנ מענ ווייט ניט פארפאָרנ; איכ האָב געדארפט איינקויפנ פאר זיכ ביכער אונ צייכנונג־מאכשירימ. מיינע עלטערנ האָבנ געטאָנ אלצ, וואָס זיי האָבנ נאָר געקאָנט: זיי האָבנ מיר צוגעשיקט א גוטע גאָטאָוואלנע, ביכער אונ אמאָל פלעגנ זיי מיר אויכ צושיקנ קליינע סומעס געלט. אָבער ניט נעקוקט אפ דעמ אלעמ, בינ איכ גאנצ אָפט ארומגעגאנגענ אָנ א גראָשנ, אונ מיר איז אויסגעקומענ צו הונגערנ. אומקערנדיק זיכ איינמאָל א היימ פונ דער קאנטאָר, בינ איכ געפאלנ אינ כאלאָשעס. מע האָט מיכ אופגעהויבנ אונ אוועקגעטראָגנ אינ עפּעס א מינ הויז. צווישנ די מענטשנ, וואָס האָבנ מיר געגעבנ הילפ, איז געווענ איינער א בריוונטרעגער — האָט ער זיכ אָנגעשטויסנ, וואָס מיט מיר איז געשענ. בא אימ אינ שטוב האָט מענ מיכ זייער פריינטלעכ אופגענומענ; פונ דעמאָלט אָנ האָבנ מיינע געשעפטנ באדייטנדיק זיכ פארבעסערט.

אדאנק דעמ טאָגטעגלעכנ צוזאמענטרעפנ זיכ מיט ענגלענדער, האָב איכ אינ אייניקע כאדאָשימ ארומ באהערשט די שפּראכ אפ אזוי פיל,

אַז איך האָב שוין געקאָנט אָן באַזונדערע שוועריקייטן נאָכשפּירן נאָך די לעקציעס אין פּאָליטעכניקום.

אין 2 יאָר ארום האָב איך, אלס מיליטער־פּארפּליכטעטער, באדארפט זיך אומקערן קיין דייטשלאנד.

צוריק קיין דייטשלאנד אלס טעכניקער אפ בויען אייזנבאן־וועגן

איך טרעט אריין אין „ווייסן קרייץ"

מיין אומקער צוריק אהיים איז געווען פאר מיר א שטארקע אנטוישונג . אָפּגעשטעלט האָב איך זיך אין בערלין. איך האָב איצט דערזען, אז דאָס לעבן אין לאָנדאָן איז אסאך פרייער און באקוועמער. ווען איך פלעג אין ענגלאנד זוכן א פּאָסטן אָדער א מעגלעכקייט צו לערנען זיך, האָט מיך גאָר קיינער ניט אויסגעפרעגט, ווער איז מיין פאָטער, ווו האָב איך זיך געלערנט, צי בין איך א קריסט אָדער א ייד. א. א. וו. אין דייטשלאנד האָט מען גלייך מיר פארגעבן דידאָזיקע פראגעס. ווען איך האָב, זוכנדיק ארבעט אין די טעכנישע ביוראָען, געזאָגט, אז מיין פאָטער איז א באטראק, האָב איך גלייך באמערקט, אז מיינע אויסזיכטן ווערן שוואך: דערוויסט זיך מיין פראָלעטארישע אָפּשטאמונג, האָבן די באלעבאטים געקרימט מיט דער נאָז.

בעיס מיינע פרווון אָנצוקומען אין בערלין אין אוועלכער־ניט־איז טעכנישער ביוראָ האָב איך זיך איבערצייגט, ווי גרויס עס איז די באדייטונג פון עקזאמענען פאר א פרייען צוהערער. עס איז נייטיק געווען צו דערשלאָגן זיך צו א דיפּלאָם. אָבער פריער פאר אלץ האָב איך באדארפט קריגן וועלכע־ניט־איז ארבעט, קעדיי צו האָבן מיטלען צום לעבן.

איך האָב דערלאנגט א מעלדונג דעם מיליטער־שעף וועגן פראָלאָנגירן פאר מיר דעם פריזיוו, קעדיי צוצוגרייטן זיך צום עקזאמענען. מיינע פרווון צו געפינען ארבעט אין א טעכנישער ביוראָ האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאט, און מיר איז אויסגעקומען צוויילן זיך און אָנקומען אלס

הויז־באדינער אונ קיך־מעשאָרעס אינעם רעסטאָראנ „ארכיטעקטענהויז" אפ דער ווילהעלמשטראסע. דאָ האָב איך צום ווייניקסטנ געהאט די מעגלעכקייט צו וואשנ די טעלער אונ גלעזער פאר מיינע קומענדיקע קאָלעגעס־טעכניקער.

אינ א כוידעש ארום בינ איך אָנגעקומענ אפנ ווערנער־זאוואָד פונ דער פירמע סימענס אונ האלסקע, אָבער ניט געקוקט אפ אלע מיינע באמיונגענ, האָב איך אויך דאָרט ניט געקראָגנ קיינ ארבעט פונ טעכנישנ כאראקטער אונ געמוזט ווערנ א געהילפ פונ א קעלנער. מיינ ארבעט איז געווענ—צעפירנ די מיטאָגנ אינ וואגאָנעטקעס איבער די זאלנ פונ דער גרויסער זאוואָד־ישער גזאָריקיב פאר ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע אונ צעשטעלנ זיי אפ די טישנ.

דאָכ האָב איך ניט פארלאָרנ די האָפענונג צו געפינענ אנ ארבעט, וואָס זאָל כאָטש מיט וויפל־ניט־איז אנטשפרעכנ יענע קענטענישנ, וואָס איך האָב באקומענ אינ לאָנדאָנ. ענדלעכ, האָב איך אינ ביוראָ פונ די אייזנבאנ־ווארשטאטנ פונ דער אקציאָנערער געזעלשאפט ארטור קאָפעל אפ דער דאָראָטעענשטראסע באגעגנט איינעם אנ אינזשענער, א פאר־האלטער פונ אנ אָפטייל, וואָס האָט מיכ ניט גענומענ אפנ פארהער מיט פראגעס וועגנ מיינ אָפשטאמונג, וועגנ מיינ לעבנ, מיינע זיידעס אונ עלטערזיידעס, אונ מוצדעם, האָט ער מיר גלייכ געגעבנ די מעגלעכ־קייט ארויסצווייזנ מיינע פעיקייטנ. אונטער זיינ קאָנטראָל האָב איך געמאכט צייכענונגענ אונ סמעטעס, אונ דאָ טאקע האָב איך באקומענ א באשטימונג. איך האָב אָנגעהויבנ צו באזוכנ אָוונטיקע אוגדייט־קורסנ צום עקזאמענ אפ א פרייענ צוהערער. אונ צוליב דערגאנצנ מיינ טעכנישע בילדונג פלעג איך צוויי מאָל אינ וואָכ באזוכנ א שטאָטישע האנטווערקער־שול. ווי אינ לאָנדאָנ, בינ איך אויכ דאָ, אינ בערלינ, צוגעשטאנענ צום קריסטלעכנ יוגנט־פארבאנד, וואָס האָט פארמאָגט א גרויס הויז מיט ברייטע זאלנ אפ דער ווילהעלמשטראסע. איכ פלעג דאָס הויז באזוכנ רעגולייער. כוצ די פרייננ פונעם קריסטלעכנ יוגנט־פארבאנד האָב איך קיינ קאָנטאקט ניט געהאט. נאָכ א זעקסכאדאָשים־דיקנ סטאזש בינ איך געוואָרנ א מיטגליד פונ „ווייסנ קרייצ". דאָס

האָט מיכ פארפליכטעט באזונדערס צו דערשטיקנ די געשלעכט־טייווע.

איינמאָל האָט דער הויפט־אינזשענער גריינער מיר פאָרגעלייגט צו מאכנ א קאָפיע פונ א סמעטע. איכ בינ גלייכ צוגעטראָטנ צו דער ארבעט אונ האָב באמיט זיכ צו אויסצופילנ גיכ אונ פינקטלעכ. אינ א האלבע שאָ ארומ איז געקומענ דער אינזשענער; דערזענ די אָנגעשריבענע בויגנס, האָט ער אלצ צעריסנ. „אָט דאָסדאָזיקע שמירעניש טויג אפ קאפאָרעס. לערנט זיכ פריער אויס צו שרייבנ, ווי געהעריק". מיכ האָט דאָס זייער געקימערט, — בינ דאנ האָב איכ געמיינט, אז מיינ האנטשריפט איז א דייטלעכע אונ לאָזט זיכ גרינג פאנאנדערקלייבנ. איכ האָב אָבער געוווסט, אז די שטרענגע קריטיק פונעמ אינזשענער שטאמט ניט פונ סינע אָדער האס צו מיר. איכ האָב באדארפט אומבאדינגט אויסבעסערנ מיינ האנטשריפט. אינ מעשעכ פונ די נאָענטסטע עטלעכע וואָכנ בינ איכ גאנצע נעכט — ווי די קינדער פונ שול־עלטער — געזעסנ אפ אויסצופאריכטנ מיינ האנטשריפט, ווי עס פאָדערט זיכ געוויינלעכ אינ די טעכנישע ביוראָענ. ווענ איכ פלעג מיד ווערנ אונ ס'האָט מיכ אָנגעהויבנ שלעפערנ, פלעג איכ אפ א שפירט־מאשינקע אָפקאָכנ שטארקע קאָווע אונ פאָרזעצנ די לימודימ ביז טאָג.

שפעטער מיט א האלב יאָר האָט מענ מיכ אריבערגעפירט אינ הערמאנ באכשטיינס קאָנטאָר, מיכ קאָמאנדירט צוזאמענ מיט די אינזשענערנ שורער אונ זווערבעק אינ בייערנ־פפאלצ, ווו מ'האָט אונדז פאָרגעגעבנ דורכצומאכנ די צוגרייט־פאָרשונגענ אפ אויסצובויענ אנ אייזנבאנ־וועג פונ נאָרמאלנ טיפ נייענבורג, אָבערוויכטאכ אונ שענזע.

פאר מיר האָט זיכ געעפנט א נייע וועלט. איכ האָב שטארק ליב געקראָגנ דידאָזיקע ארבעט — פריער פאר אלצ שוינ דערפאר, וואָס איכ האָב באקומענ די מעגלעכקייט צו זיינ א גאנצנ טאָג אפ דער פרייער לופט, ווייל מיר האָבנ זיכ באשעפטיקט מיט דורכפירנ הויפטזעכלעכ ניוועלירונג אונ אנדערע אויסמעסטונגענ. דידאָזיקע ארבעט האָט מיר פארשאפט גרויס פארגעניגנ. ענדלעכ האָב איכ געפונענ די פראקטישע אָנווענדונג פאר מיינע יעדיעס, וואָס זיינענ מיר אזוי שווער אָנגעקומענ

אין לאָנדאָן. דידאָזיקע צוגרייט־ארבעטן אפ אויסצובויען דעם אייזנבאַנ־ווען האָבן געדויערט אין ערעך א יאָר צייט.

נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט דערדאָזיקער אופגאַבע האָבן ביידע אינזשענערן מיך געראָטן ניט אומצוקערן זיך אין דער בערלינער קאָנטאָר, נאָר אָנווענדן אלע קויכעס דערצו, אז איך זאָל אָפּגעבן עקזאַמען. דאָס וועט פאַרגרינגערן פאַר מיר דאָס אופזוכן זיך א שטעלע מיט א גוטן לוין און וועט מיר געבן די מעגלעכקייט צו שטיצן מיינע עלטערן.

מיין בילדונג האָב איך באַשלאָסן פאָרצוזעצן אין דרעזדען. איך האָב געוואָלט אָפּזוכן אזא שטעלע, וואָס זאָל מיר געבן אייניקע פרייע שעה אין טאָג, קעדיי צו באַזוכן א שול. איך האָב באַדאַרפט פאַרדינען אי אפן לעבן, אי אפ צאָלן אין שול. אזא אָרט איז אָבער געווען ניט גרינג צו געפינען. שפּעטנוויינז פלעג איך אָפּשטיין צווישן הונדערטער מענטשן בא די צייטונג־וויטרינעס, ווו ס׳פלעג פאַרעפנטלעכט ווערן דער נאָכפרעג אפ ארבעט־קראַפט, נאָכדעם פלעג איך לויפן הענדום־פענדום אין שטאָט, קעדיי צו זיין איינער פון די ערשטע אפ צו פאַרכאַפּן דאָס וואַקאַנטנע אָרט.

מיינע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע פעניג האָבן זיך אויסגעלאָזט, און וואָס מער עס האָט זיך אָפּגעטראָגן מיין האַלבאָשע, אלץ ווייניקער זיינען געוואָרן די אויסזיכטן אפ צו באַקומען וועלכע־ניט־איז ארבעט. די פּאָדעשוועס פון מיין איינציקער פּאָר שיך האָבן זיך שוין פונלאַנג אויסגעריבן. אין די פייכטע און קאַלטע פעווראַל־טעג פלעג איך אָן כיישעק ארויסשטעקן די נאָז אפ דער גאַס, קעדיי צו פאַריכטן מיינע שיך און ניט שטאַרבן פון הונגער, בין איך געצוווּנגען געווען צו נעמען ארבעט אפן קעגעלביין. אלע טאָג, פון ניין ביז צוויי באַנאַכט, פלעג איך שטיין און אופשטעלן די קעגליעס פאַר די פּוסטעפּאַסניקעס. פאַר אן אָוונט פלעג איך באַקומען פינף און זיבעציק פעניג. געוויינלעך פלעגן אזא ארבעט אויספילן קינדער פון ניין ביז דרייצן יאָר. דער קעגעלביין איז געווען אזוי נידעריק, אז איך בין געצוווּנגען געווען זיצן איינגעבויגן איינדרייען. אלעמאָל, ווען כ׳האָב מיך געפּרוּווט אופהויבן, פלעג איך זיך א קלאַפּ טאָן מיטן קאָפּ אָן דער סטעליע.

אָט דידאָזיקע ליידן האָבן געבראכט דערצו, אז בא מיר האָט זיך געלאָזט בלוט פונ דער נאָז, אונ איך האָב געמוזט ווארפן די ארבעט. מיר האָט זיך פונדעסטוועגנ איינגעגעבן צו פארדינען אזויפיל, אז סע זאָל סטייען צו באצאָלן פאר מיינ מאנסארדע אונ פאריכטן די צערי־סענע שיכ; אינ טאש בא מיר איז געבליבן נאָר צוואנציק פעניג אם א מיטאָק אינ דער פאָלק־קיכ.

נאָכ א כוידעש זוכענישן האָב איך סאָרט געפּאקט א פּלאצ פונ א מאָנטיאָר־מעכאניק אינ א קליינעם קינאָ־טעאטער. פונ אכט ביז צוועלפ אינאָוונט פלעג איך דארפן באדינען דעם פּראָיעקציע־אפּאראט. פאר דערדאָזיקער ארבעט אינ דער אומגעהויער אָנגעהיצטער אייזערנער בודקע, ווו מע האָט געקאָנט בלינד ווערן פונ דער שארפער שיינ, האָב איך באקומען פינפ אונ צוואנציק מארק א וואָכ. דידאָזיקע סומע איז געווען אסאכ גרעסער איידער איך האָב דערווארט. איצט האָב איך געקאָנט צאָלן אינ שול פארנ לערנען, איינקויפן זיך ביכער אונ עסן קימאט אלע טאָג א מיטאָק.

געקומען קיינ דרעזדען, האָב איך מיך ווידער פארבונדן מיטן קריסט־לעכן יוגנט־פארבאנד אונ פלעג דאָרט פארברענגען די גאנצע פרייע צייט. איך פלעג באזוכן קורסן פאר פרייע צוהערערס. באטאָג האָב איך געלערנט, אינאָוונט האָב איך געארבעט אינ קינאָ אונ באנאכט האָב איך געגרייט מיינע לעקציעס. אם צו שלאָפן איז געבליבן ווייניק צייט. אָפט פלעג איך מיינן טאָגלעכ שוינ איינשלאָפן אם די ביכער, אפילע ניט אויסטוענדיק זיך.

אזא ארט לעבן פונ ניט דערעסן אונ ניט דערשלאָפן האָב איך געפירט אַ יאָר צייט. אינ דעזולטאט דערפונ האָב איך אינגאנצן אונ־טערגעריסן מיינ געזונט. די מיליטערישע קאָנטראָל־קאָמיסיע, וואָס האָט מיך אָנערקענט אינ פאָריקן פריזיוו פאר פעיק צו מיליטער־דינסט, האָט באטראכטנדיק מיך איצט, איינגעפינען, אז איך בינ זייער אויסגעמא־טערט, אז בא מיר הייבט אָנ צו אנטוויקלען זיך טובערקולאָז אונ האָט מיך פארבראקירט. די דאָקטוירים האָבן מיך געראָטן טייקעפ ענדערנ מיינ ארט לעבן, פארלאָזן דרעזדען אונ זיך באזעצן אינ א וועלדערדיק אָרט.

איך בין ווירקלעך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ווייטער אזוי פֿאָרזעצן קאָן איך ניט. האָב איך געפֿאָלגט די דאָקטוירים און באַשלאָסן זיך באַזעצן אין פֿאלקענשטיין אין פֿאָגטלאנד. אין פֿאלקענשטיין האָב איך ווידער געקראָגן אן אָרט אין א קינאָ און כוצדעם האָב איך זיך געשטעלט ארבעטן בא איינעם אן ערדמעסטער. איך האָב געמאכט פּרוּוון פֿאָרצוזעצן די לימודים אין דער פֿרייער צייט. דאָס איז געווען ענדע 1912 יאָר.

די ערשטע כאַדאָשים פֿון דער מילכאמע באַם שטאַב פֿונעם 27־טן ארמעישן רעזערוו־קאָרפּוס

דאָס דערקלערן מילכאָמע האָט מיך געטראָפֿן אין פֿאלקענשטיין. איך בין אוועק אלס פֿרייוויליקער אַפֿ דער מילכאָמע. פֿון דעמדאָזיקן פֿאקט קאָן מען מאכן אן אויספֿיר, אז מיך האָט קלוימערשט באַגייסטערט די מילכאָמע. פֿאקטיש איז אָבער געווען ניט אזוי. מיך האָט די מילכאָמע ניט בלויז ניט באַגייסטערט—איך האָב געפֿילט צו איר דעם שטארקסטן עקל; דערדאָזיקער עקל האָט זיך נאָך מער פֿארשטארקט דורך דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די ערשטע טעג אווגוסט 1914.

דער שפּיאָנאזש־פּסיכאָז האָט אָנגענומען גראנדיעזע מאַסשטאַבן און געבראַכט צו גראָבע מיספֿארשטייענישן. דעם 6־טן אָווגוסט איז אין שטאָט פֿאָרגעקומען א שטארקע אופֿרעגונג. איינער א שלימאזלדיקער פֿאטריאָט האָט צעפּויקט א קלאנג, אז דורך דער שטאָט דארף דורכפֿאָרן אן אווטאָמאָביל מיט באַוואָפֿנטע שפּיאָנען, וואָס קלייבן זיך אופֿרייסן די פֿאלקענשטיינער הרעבליע און, אַפֿ אזא אויפֿן, פֿארטרינקען די גאנצע געגנט. גלייך איז געוואָרן א ליארעם. די אופֿגערייצטע אייגווויגער זיינען אין אומזיניקן צאָרן ארומגעלאָפֿן איבער דער שטאָט. פֿאָרויס פֿאר אלע איז געלאָפֿן קיסלינג—דער באַלעבאָס פֿון דער אייזנווארג־קראָם און אין האנט האָט ער געהאלטן א יעגער־ביקס. אנדערע אופֿגערעגטע פֿאטריאָטן האָבן זיך באַוואָפֿנט מיט שטעקנס, מיט לאָמען. דער דערווארטעטער אווטאָמאָביל איז ווירקלעך געקומען. מע האָט מיט שווערע

אײזערנע קײטן פֿאַרשטעלט פֿאַר אים דעם װעג; די אײנװױנער זײנען מיט א װילדן געפּילדער באַפֿאַלן דעם אױטאָמאָביל. כוץ די זעקס פּאַסאַזשירן האָט מען װירקלעך געפֿונען אין אױטאָמאָביל אױך געװער; דאַן האָט מען באַשלאָסן, אַז דאָס זײנען די שפּיאָנען. און װיפֿל די פּאַסאַזשירן האָבן זיך ניט געפּרוּװט צו דערקלערן און איבערצײגן אין זײער אומשולדיקײט—האָט עס זײ ניט געהאָלפֿן; די הונדערט־פּראָצענטיקע פֿאַרטײדיקער פֿונעם פֿאָטערלאַנד האָבן זיך אַרופֿגעװאָרפֿן אף זײ, אײנעם האָבן זײ אַרױסגעשלעפּט דורכן פֿאָדערשטן פֿענסטער און די צעבראָכענע שױב האָט אים צעשניטן דאָס פּאָנים. באַזונדערס אומראַכמאָנעסדיק האָבן זײ צעקלאַפּט און צעקאַליעטשעט אַ צװײטן פּאַסאַזשיר, װאָס איז געװען ענלעך צו אַן אױסלענדער. דערדאָזיקער אומגליקלעכער איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און איז אומגעפֿאַלן.

די העלדן האָבן פֿאַרשלעפּט די געפֿאַנגענע צוזאַמען מיטן רױב אין ראָטהױז. װי גרױס איז אָבער געװען די פֿאַרװוּנדערונג פֿון אונדזערע פּאַטריאָטן, װען ס'איז קלאָר געװאָרן, אַז דער מענטש, װאָס מיט אים זײנען זײ אַזױ אַכזאָריעסדיק זיך באַגאַנגען, איז געװען יענער אינזשענער, װאָס פֿאַרװאַלטעט מיט דער עלעקטראָסטאַנציע אין בערגענע, לעבן פֿאַלקענשטײן, װעלכע באַזאָרגט מיט עלעקטרישער ענערגיע די גאַנצע שטאָט. דער אינזשענער און די אַנדערע אָנגעשטעלטע האָבן געקראָגן די ביקסן אין דעם פּלאָיען־שטאַב, קעדײ צו פֿאַרטײדיקן די עלעקטראָסטאַנציע פֿונעם סױנעס אָנפֿאַל, דערפֿאַר װײל זײ האָט אױך פֿאַרפֿירט די פּאַניק פֿון שפּיאָנאַזש.

איך בין געװען אין רעזערװ און דעריבער האָב איך זיך דערפֿרעגט באַם מיליטער־שעף, װען דאַרף איך קומען. האָט מען מיר געמאָלדן, אַז אפֿן נײנטן טאָג פֿון דער מאָביליזאַציע. אף זײן פֿראַגע, צי קאָן איך צושטײן צו אַ מיליטער־טײל לױט מײן אײגענעם אױסװאַל, האָט מען מיר געענטפֿערט, אַז נײן. איך האָב זיך באַטראַכט און באַשלאָסן, אַז אַזױ־װי מע רופֿט מיך סײ־װי אפֿן נײנטן טאָג פֿון דער מאָביליזאַציע, און איך װעל שױן ניט האָבן קײן מעגלעכקײט פֿון פֿרײען אױסװאַל, איז גלײכער צו מעלדן זיך פֿרײװיליק מיט אײניקע טעג פֿריער, אַבי

צו באַקומען די מעגלעכקייט זיך צושרייבן צו א מיליטער־טייל לויטן אייגענעם ווילן. דאַן בין איך אוועקגעפאָרן קיין גראָסענהיין, לעבן מיין געבורט־שטאָט, און האָב זיך צוגעשריבן צום 18־טן קעניגלעכן הוסאַרישן פאָלק, און אין די ערשטע טעג אָקטיאַבער האָב איך זיך נאָך א קליינער מיליטערישער צוגרייטונג געלאָזט אפן פראָנט מיטן צווייטן רעזערוו־קאָרפוס, וווּ קאָמאַנדיר איז געווען דער זאַקסישער קריג־מיניסטער גענעראַל פאָן־קאַרלאָוויץ. איך בין באַשטימט געוואָרן באַם שטאַב אין דער פערזענלעכער וואַכטע פונעם גענעראַל, וועלכע איז באַשטאַנען פון 12 הוסאַרן.

אין אָקטיאַבער 1914 האָבן מיר געהאַט אין איפּר דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די ענגלענדער. איצט האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך, ווי ווייט ניט ענלעך זיינען די פּאָמפּעזע פראַזעס וועגן מילכאָמע, וואָס מיט זיי פלעגן קלינגען דאָס הינטערלאַנד, און דאָס וואָס עס קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט.

איידער מיר זיינען אַרויסגעטראָטן פון דרעזדען, האָט דער גענעראַל זיך געווענדעט צום מיליטער מיט א פּאָמפּעזער רעדע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט בעערעך אַזוי: „ווען מיר וועלן אַרופטרעטן אפן סוינעס ערד, דאַרפן מיר ניט קומען אַהינצו ווי מערדער און רויבער, נאָר ווי זעלנער, וואָס פאַרטיידיקן זייער פאָטערלאַנד”. אין אַרמיי אָבער זיינען קיין סאַך „אידעאַליסטן” ניט געווען.

בעייסן אָנגרייף האָבן מיר דערזען אַפ א גאַס פונעם קליינעם שטעטל לעדעהעם צוועלף דערשאָסענע איינוווינער; צווישן זיי זיינען געווען צוויי מיידעלעך פון צען און צוועלף יאָר. זיי זיינען אין שלאַכט ניט געפאַלן, זיי האָט פּאָשעט דערשאָסן אונדזער מיליטער. אַפ אונדזער פראַגע, פאַרוואָס האָט מען זיי דערשאָסן, האָט דער אָפיציר געענטפערט, אַז דאָס זיינען פראַנצויזישע פאַרטיזאַנער, איינס פון די דערשאָסענע מיידעלעך האָט קלאָמערשט א פרעג געטאָן א דייטשישן לייטענאַנט— דעם קאָמאַנדיר פונעם שיסער־פאַטרול—וויפל דער זייגער האַלט, און דערביי זאָל דאָס קינד האָבן קלאָמערשט געשאָסן אין לייטענאַנט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעמדאָזיקן שטעטל און גענומען זיך באַ־

קאָנט מיט זיינע איינוווינער. דידאָזיקע באשולדיקונגענ האָבנ זיכ ארויס־
געוויזנ פאר הוילע ליגנ. די דייטשישע שיסער האָבנ צערויבט אלע
חיינ־און ביר־לאגערס, זיכ גוט אָנגעטרונקענ און שיקערערהייט האָבנ
זיי אָנגענומענ די קוימענס פאר פארטיזאנער.

אינ דעמדאָזיקנ שטעטל איז געווענ א הויז, וואָס אפ זיינע טירנ
איז געווענ אזא אויפשריפט: „דאָ געפינענ זיכ די קינדער פונ די דער־
שאָסענע״,—דאָרט האָבנ געווינט א פופצנ—צוואנציק יעסוימים. דאָסדאָזיקע
בילד האָט מיכ זייער גערירט.

קאָלומאנ ס'איז געגאנגענ דער אָנגריימ אפנ איפר האָט דער גענע־
ראל מיט זיינ שטאב זיכ געפונענ אונטערנ ארטילעריע־און ביקסנ־פייער.
קוים אָבער האָט זיכ אָנגעהויבנ די מילכאָמע אפ די פאָזיציעס, האָט
דער שטאב זיכ אָפגערוקט פונ דער פאָדער־ליניע און זיכ צעשטעלט
אינ הינטערלאנד. האָט זיכ אָנגעהויבנ א צייט, וואָס האָט מיכ אויפגע־
רעגט ביז גאָר. אי דער גענעראל, אי זיינ פארטרעטער, דער גענעראל
פאָנ־שובערט און דעריקער דאָס אָפיצירטום און די איבעריקע שטאב־
פאראזיטנ האָבנ פארבראכט אינ שיקרעס און זנוס, אזוי אז די פראָסטע
זעלנער און פרידלעכע איינוווינער פונ די פארכאפטע געגנטנ האָבנ
פארלוירנ יעטווידער געפיל פונ אכטונג צו די דייטשישע אָפיצירנ. דאָס
הוליענ און די העפקיירעסדיקע אויפירונג פונ די אָפיצירנ האָט ארויס־
גערופנ גרויס פארדראָס בא די סאָלדאטנ. מענטשנ, וואָס האָבנ נאָכ
קיינמאָל אינ שלאכט דעמ סוינע אינ די אויגנ ניט געזענ, פלעגנ זיכ
בארימענ מיטנ, דעמאָלט נאָכ זעלטענעמ, אָרדענ פונ אייזערנעמ קרייצ.
אזוי האָט איינער א פעלד־זשאנדארמ, וואָס מיר פלעגנ שטענדיק שפעטנ
פונ זיינ דיקנ בויכ, באקומענ דעמדאָזיקנ אָרדענ פאר מעסירעס. אונדז
אָבער פלעג ער פארזיכערנ, אז א שווערער הארמאט האָט זיכ צעריסנ
פינפ מעטער לעבנ אימ, און ער איז געבליבנ לעבנ.

איכ האָב געזענ, ווי אָנגעקומענע פונעמ פראָנט פארוווּנדעטע, קוי־
טיקע, הונגעריקע און דאָרשטיקע זיינענ געלעגנ אָנ דערנערונג; דערצו
נאָכ האָבנ די אָפיצירנ זיכ איזדיעקעוועט איבער זיי דערפאר, וואָס זיי
האָבנ ניט גענוג העלדיש זיכ געשלאָגנ אפנ פראָנט.

באַ מיר האָט מיינ פּאָנים געפלאַמט פאַר ביזאָיען, ווענ איכ האָב א פארפוצטער אינ א גלאַנצנדיקנ נייעמ מונדיר געיאָגט אינ גאַלאָפּ צוזאמענ מיט אנדערע הינטערנ גענעראַל אונ פאַר מיינע אויגנ זיינענ דורכגעגאַנ, אומקערנדיק זיכ פונ פראָנט, אָנצאָליקע רייענ פאַרווונדעטע מיט אויגנ פול פאַראכטונג אונ סינע—ניט איינמאָל האָט זיי געדראָט די געפאַר ארונטערפאַלנ אונטער די טלאָענ פונ אונדזערע פערד.

אינ יענער צייט פלעג איכ באַקומענ פּאָסט־פּעקלעכ פונ מיינע אייגענע אונ פריינט. אָפטמאָל נאָכ א שלאַכט פלעג איכ אונטער דער ווירקונג פונ מיינ כויוו־געפיל פאַרלייגנ די פאַרווונדעטע, וואָס פלעגנ דורכגיינ פאַרביי אונדזער שטאַב, שאָקאָלאַד, מיאַטע־קאָנפעקטנ. ניט איינמאָל פלעגנ די שטאַב־אָפיצירנ מיר מאַכנ הארבע פאָרווורפנ דערפאַר. מיר האָבנ ניט געטאָרט שמועסנ מיט „פּראָסטע סאָלדאַטנ".

טרעפט אמאָל, אז איינער א פראַנצויז, וואָס האָט באַקומענ אינ שלאַכט א זעצ מיטנ באַגנעט אינ פּאָנעמ אונ עטלעכע קוילנ־ווונדנ, גייט דורכ פאַרביי מיר; א בלאַסער ווי דער טויט אונ קוימ איינשטייענדיק אפ די פיס, האָט ער אפנ ווונק געבעטנ טרינקענ; האָב איכ אימ געגעבנ טרינקענ פונ מיינ פלאַש. אָט דערפאַר האָבנ מיר די אָפיצירנ געגעבנ דעמ רעכטנ שטויס אונ דער פעלד־זשאַנדאַרמ האָט מיכ מעכאַבעד געווענ מיט א זעצ אינ רוקנ.

בעייסנ איינעמענ זאָנעבעק האָט אונדזער מיליטער פאַרכאַפּט פיל געפאַנגענע. דער שטאַב מיט די אווטאָמאָבילנ אונ פערד האָט זיכ איינגעאָרדנט באַ יענעמ וועג, וואָס דורכ אימ האָט מענ דורכגעפירט גרויסע פאַרטיעס ענגלענדער. אונדזערע אולאַנער איז געגעבנ געוואָרנ א באַפעל אָפּצושיקנ די געפאַנגענע אינ הינטערלאַנד; האָבנ זיי דערלויבט זיכ אזא שטיפעריי: זיי האָבנ געשטאָכנ די געפאַנגענע מיט די פּיקעס אינ די לײַטקעס אונ אינ הינטנ. איינ אולאַנ האָט מיטנ גאַנצנ קויעכ א זעצ געטאָנ מיטנ פוס אינ רוקנ א געפאַנגענעמ; דערדאָזיקער ענגלענדער, וואָס האָט מאַרשירט אינ דער לעצטער ריי פונ דער פאַרטיע, איז גלייכ געפאַלנ פונ די פיס; איכ האָב אימ געהאָלפנ זיכ אופהייבנ אונ אימ דערביי געזאָגט א פּאָר ווערטער אפ זיינ מוטערשפּראַכ. די

אולאנער האָבן דאָס גלייך אָפּגעטראָגן דעם קאָמאנדיר פון דער דיוויזיע. חאָס איז געזעסן אין אויטאָמאָביל. פון דעמאָלט אָן האָט מען אָנגעהויבן זיך באציִען צו מיר מיט אבאזונדערן כשאד און פאראכטונג. דער קאָמאנדיר פון דער דיוויזיע האָט אין דער אָנוועזנהייט פון אלע צעפּויקט וועגן דעם און איך האָב אָנגעהויבן שעמען אלס אומלאָיאלער און אזעלכער, וואָס האָט מיטגעפיל צום סוינע.

זומער 1915 האָבן מיר נאָך א גרויסן אָנגרייף זיך א רוק געטאָן וויַיט פון יענער זייט סוינעס ליניע. מיר האָבן געטראָפן אין א געגנט, וואָס איז פריער געווען פארנומען מיט ענגלענדער און פראנצויזן און איצט איז זי פארוואנדלט געוואָרן אין א פעלד און פארשאָטן געווען מיט טויטע. דאָס זיינען געווען געפאלענע פראנצויזן, ענגלענדער, זואוון און דייטשן. געפינענדיק זיך אינעם פאס פון די דראָט־פארצאמונגען צווישן ביידע ליניעס פון די קעגנער, זיינען די טויטע קערפערס געליגן העכער זעקס כאדאָשים צייט ניט באגראָבענערהייט. זיי זיינען געוואָרן שווארץ, געשוואָלן, פון די אויגן־לעכער האָט גערינען א געלער עטער און זיי האָבן פארשפרייט א געפערלעך מיעסן געשטאנק. ס'איז אוממעגלעך געווען אויסצושטיין דאָרט אפילע איין מינוט, ניט פארשטעקנדיק מיט א טיכל די נאָז און דאָס מויל. בין איך געשטאנען דאָ שאָענוויַיז און האָב זיך אליין פיל מאָל געשטעלט איינע און דיזעלביקע פראגע: וואָס וואָלטן עס געזאָגט און געטאָן אָט יענע, וואָס האָבן אין נאָמען פונעם פאָטערלאנד געשיקט אפ דער מילכאָמע זייערע נאָענטע, ווען זיי וואָלטן דערזען זייערע געליבטע מענער, ברידער, זין אין אזא צושטאנד? איך מיין, אז זיי וואָלטן געלאָזט אין גאנג אלע הויבערס, קעדיי צו מאכן א סאָף פון דער אומזיניקער בלוטבאָד.

איך בין געווען אזוי צעטומלט, אזוי אופגערודערט פון דעם איבערגעלעבטן, אז איך האָב אָנגעהויבן צו פארטראכטן זיך וועגן דעם,— צוליב וואָס איז עס נויטיק די גאנצע מילכאָמע? איך בין געווען אונטערן איינדרוק פון די שלאכטן אפן סאָם און הינטערן איפר; דידאָזיקע פראגע האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט. איך האָב געפילט, אז ניט אלץ איז דאָ אין אָרדענונג.

איך בין געגאַנגען אַפן פראָנט מיט דער איבערצייגונג, אַז איך פיל אויס מיין כויוו פאַרן פאָטערלאַנד. אָבער מיינע איבערלעבונגען אַפן פראָנט האָבן מיך געצוווּנגען קומען צום געדאַנק, אַז דידאָזיקע מילכאָמע איז ניט קיין מילכאָמע פאַר גערעכטיקייט. איך האָב געזען, ווי מענטשן, וואָס האָבן ביז דעם זיך קיינמאָל ניט באַגעגנט און קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן איינער דעם אַנדערן, האָבן איצט אַכזאָריעסדיק געהאַרגעט איינער דעם צווייטן. און פאַמעלעך־פאַמעלעך האָבן זיך אָפגעטאָן די הייטלעך פון מיינע אויגן.

איך האָב אָבער ניט געהאַט מיט וועמען צו רעדן. מיינע כאַווײרים האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין מיינע ספייקעס און זאָרגן. גלייך פון אָנהייב איז מיר געווען שווער מיט זיי; איך האָב קיין אָנטייל ניט גענומען ניט אין זייער קאָרטן־שפּיל, ניט אין זייערע געמיינע געשפּרעכן; מיין איינגעהאַלטנקייט און דאָס ליינען דעם נייעם טעסטאַמענט האָט זיי געגעבן שטאָף צו שפּעטן פון מיר. באַזונדערס האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער מיר צוויי עלטערע רעזערווניקעס. איינער פון זיי האָט מיר אַמאָל אַ זעץ געטאָן אין די ציין מיט אַ שווערן פערד־מונדשטוק; איך בין געווען דעמאָלט אַזוי הילפלאָז און פאַרייִעשט, אַז איך האָב זיך געוואָלט נעבן אַ פּיסטויל אין האַרצן. אַלע מיינע יאָרן, וואָס זיינען פאַריבער, פלעג איך פאַרנעמען מיט שווייגן די קלעפּ און די אַכזאָריעסדיקע באַציונג צו מיר; איך האָב ניט געקאָנט קעמפן דערמיט, ווייל אין מיין נאַטור איז ניט געווען צו ענטפערן מיט קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ.

נאָר מיטאַמאָל האָב איך זיך מעשונעדיק געביטן: איינמאָל באַנאַכט, ווען צוויי קאַוואַלעריסטן האָבן אָנגעהויבן, ווי זייער שטייגער איז געווען, מיך צו פּייניקן און האָבן מיך ניט געלאָזט איינשלאָפן ווערן ניט געקוקט דערופ, וואָס איך בין געווען שטאַרק מיד, בין איך אַראָפּ אַ שטאַרק אופגעבראַכטער, אַ כאַפּ געטאָן איינעם פון זיי פאַרן גאָרגל, אים אָנגעהויבן צו וואַרגן און דראָען, אַז איך וועל אים דערשטיקן, אויב ער וועט ניט אופהערן צו איזדיעקעווען זיך איבער מיר. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי מיך געלאָזט צורו.

די אומרויקע, שוידערלעכע איבערלעבונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער עמעסדיקייט פון דער קריסטלעכער לערע וועגן רעטונג; זיי האָבן ביקלאַל אַ וואַקל געטאָן מיין גלויבן אין גאָט, און איך האָב זיך אויסגעלערנט געבן אַ ווידערשטאַנד יענע אַלע, וואָס האָבן זיך איודיעקעוועט און אַכזאָריעסדיק באַגאַנגען מיט מיר.

אין די לעצטע יאָרן פון דער מילכאָמע פלעג איך שוין קיינעם ניט דערלויבן מיך צו באַליידיקן, און קוים האָט ווער עס איז געוואַגט מיר געבן אַ פּאַטש, האָט ער גלייך געכאַפּט צוויי אויסגאָב.

דעם כויוו פון אַ סאָלדאַט פלעג איך זיך באַמיען אויספילן ווי פריער, אָבער אינערלעך אין מיר האָבן וואָס ווייטער אַלץ מער זיך געשטאַרקט די ספייקעס, צי אַנטשפּרעכט אַלץ, וואָס מע פאָדערט פון מיר ווי פון אַ זעלנער, די יעסוידעס פון מענטשלעכקייט.

צוזעענדיק די געפאַנגענע און געהאַרגעטע ענגלענדער, האָב איך ניט וועלנדיק זיך דערמאָנט, אַז אין ענגלאַנד האָבן פיל מענטשן מיר גוטס געטאָן. מיר איז אומגעהויער שווער געווען אַרויספּלאָנטערן זיך פונעם לאַבירינט פון דידאָזיקע געדאַנקען. די ספייקעס האָבן אונטערגעריסן מיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, און מיר איז אויסגעקומען דורכצוטראַכטן פונסניי אַלע פראַגעס. אַמאָל האָט מען מיך געלערנט, אַז עס דאַרפן עקזיסטירן רייכע און אָרעמע, אַז דערפאַר וואָס די אָרעמעלייט לעבן אין דאַכקעס און נויט אויף דער וועלט, באַקומען זיי נאָך זייער טויט אַ יענע וועלט. דאָ אויף דער מילכאָמע האָב איך אָבער געזען בלויז אונטערדריקער און אונטערדריקטע.

דאָס זיין באַם שטאַב האָט פון טאָג צו טאָג מיך געעקלט אַלץ מער און מער. דאַן האָב איך געבעטן מיך אַריבערפירן אויפן פראָנט אין אַ וועלכן־ניט־איז פאָלק פון פוסגייער. מיין ביטע האָט מען ניט באַפרידיקט אויף דעם סמאַך, וואָס דאָס איבערפירן פון קאַוואַלעריע צו פוסגייערס איז פאַרבאָטן. האָב איך ניט אויפגעהערט צו סטאַרען זיך, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן צו אַ באַשטימונג אַלס רייטער־אָרדינאַרעץ אין דער 106־טער פוסגייערישער רעזערוו־בריגאַדע.

פונעם גענעראַל־שטאַב פריִיווילִיק אַפ די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס

פון דעמאָלט אָן האָב איך מיט מײַנע פראָנט־כאַווייִרים געטיילט די ליידן און פּיין און זיך זייער געפרייט, וואָס מיר איז ניט גרינגער איידער יענע, וואָס האָבן פריִער מיר אָפט מעקאַנע געווען. איך האָב באַקומען עטלעכע שלאַכט־אויסצייכענונגען און זיך באַטייליקט אין אַלע גרויסע שלאַכטן פונעם 27־טן אַרמעיִשן רעזערוו־קאָרפּוס אַפן מיזרעכ־דיקן און מייִרעוודיקן פראָנט. בעייסן אַנגרייִפ אינעם 1917 יאָר האָב איך אין רוסלאַנד זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל מיט אַ סאָציאַליסט און גאַנץ צופעליק מיט אים זיך ענג פאַרבונדן. דער רעדאַקטער פון דער „לייפּציגער פאָלקסצייטונג" געאָרג שומאַן, וואָס איז מאָביליזירט גע־וואָרן אַלס פּאָשעטער סאָלדאַט, איז נאָך אַ רייִ מעסירעס אַפ אים איבערגעגעבן געוואָרן דעם מיליטערישן פעלד־געריכט באַ אונדזער דיוויזיע. די וואַך איבער דעם אַרעסטירטן איז פאַרטרויט געוואָרן אייניקע סאָלדאַטן פון אונדזער טייל, צווישן זיי אויך מיר. פלעגן מיר אַלע טאָג זיך באַגעגענען מיט אים און, ניט געקוקט אַפן שטרענגן פאַרבאָט צו רעדן מיט אַרעסטירטע, פלעגן מיר אָפט שמועסן מיט אים. שומאַן האָט ניט באַהאַלטן פאַר אונדז זײַנע רעוואָליוציאָנערע סאָציאַ־ליסטישע איבערצייגונגען און האָט זיך באַמיט אונדז צו פּראָפּאַגאַנ־דירן; ביז דעמאָלט האָבן מיר זיך באַצויגן מיט פולן גלײַכגילט צו פּאָליטישע פראַגעס.

דאָס, וואָס איך האָב דערהערט פון שומאַנען, איז געווען פאַר מיר אַפ אַזויפיל איבעראַשנדיק נײַ, אַז פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ גאַנצע וועלט, וואָס וועגן איר האָב איך ביז דאַן קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט. פיל פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, האָב איך ניט פאַרשטאַנען, ניט באַנומען ווי געהעריק, נאָר דאָס האָט אופגעמונטערט מײַנע געדאַנקען, האָט מיר געוויזן אַ וועג צו אַ נײַער וועלטאַנשויונג, וועגן וועלכער איך האָב פריִער ניט געוואַגט צו טראַכטן אַפילע. אַפן געריכט האָט דער פּראָקוראָר געפאָדערט פאַר געאָרג שומאַנען צוועלף יאָר צוואַנג־

ארבעט. מע האָט אימ אָבער פארורטיילט בלויז אפ 6 כאדאָשימ פעסטונג פאר פראָפאגאנדע, וואָס טראָגט קלוימערשט אריינ א פאנאנדערלייגונג צווישנ די סאָלדאטנ.

בעייסנ אָנגרייפ אינ גאליציע האָבנ די סאָלדאטנ באקומענ די ערשטע קנאפע יעדיעס וועגנ דעמ אָנהייב פונ דער רוסישער רעוואָליוציע. אנ אומגעהויער שטארקנ איינדרוק האָבנ געמאכט אפילע אפ אונדז — ניט סאָציאליסטנ — די יעדיעס פונ די געפאנגענע רוסישע סאָלדאטנ וועגנ דעמ, אז איבער גאנצ רוסלאנד האָבנ זיכ געבילדעט ראטנ פונ ארבעטער־פויערימ־ אונ סאלדאטנ־דעפוטאטנ.

אפילע יענע פונ די דייטשישע סאָלדאטנ, וואָס האָבנ ביז איצט ניט אינטערעסירט זיכ מיט סאָציאליזמ (צו זיי האָב אויכ איכ געהערט), האָבנ אינסטינקטיוו פארשטאנענ, אז ס'איז פאָרגעקומענ א גראנדיעזער איבערבראָכ, וואָס וועט האָבנ א גרויסע ווירקונג ניט נאָר אפ איינ רוסלאנד. קימאט אלע זיינענ געווענ פארכאפט מיט איינעמ אונ דעמזעלביקנ געדאנק, אז דאָס איז דער אָנהייב פונעמ סאָפ פונ דער מילכאָמע. ווענ א גרויסער טייל פונ אונדזער מיליטער האָט אָנגעהויבנ זיכ ברודערנ אינ די שוצ־גראָבנס אפנ פראָנט מיט רוסישע סאָלדאטנ, האָט די קאָמאנדירונג זיכ געכאפט אפ גיכ דעפאָרמירנ דאָס מיליטער, פארבייטנדיק אייניקע טיילנ מיט אנדערע. דעמאָלט האָט אונדז פארביטנ א צווייטער ארמעישער קאָרפוס אונ אונדז האָט מענ ווידער אריבערגעשיקט אפנ מייריעוו־פראָנט.

פרילינג 1918, בעייס דעמ לעצטנ גרויסנ אָנגרייפ, זיינענ מיר ארויסגעטראָטנ אינ קאמברע. אינ יענער צייט האָבנ די דערנערונג־שוועריקייטנ דערגרייכט זייער העכסטנ שטאפל. מיר פלעגנ באקומענ צו איינ לעפל פאָווידלע אינ טאָג אונ אזא נישטיק ברעקל ברויט, אז מיר האָבנ זיכ קוימ געהאלטנ אפ די פיס פאר שוואכקייט. דערצו פלעגנ מיר דארפנ טאָגטעגלעכ מאכנ אריבערגאנגענ פונ פערציק ביז פופציק קילאָמעטער.

אפ די פעלדער, אפ די גאסנ האָבנ זיכ געוואלגערט צענדליקער דערשאָסענע פערד. פונ די פערד, וואָס פלעגנ זיכ אָפטמאָל באקנ אפ

דער זונ א גאנצנ טאָג, פלעגנ סאָלדאטנ אויסשניידנ שטיקער פלייש אונ עס עסנ ניט געקאָכטערהייט. דאָסראָוו פונ זיי האָט ניט געהאט ניט קיינ זאלצ, ניט קיינ אנדערע געווירצנ. דאָסדאָזיקע „געריכט“ פלעגט מענ שלינגענ מיט אומגעהויערער זשערנעקייט, קעדיי כאָטש מיט וואָס־ניט־איז צו שטילנ דעם שוידערלעכנ הונגער.

אונדזער אָנגרייפ האָט זיכ אָפגעשטעלט ערשט אונטער אמיענ. מע האָט געזאָגט, אז צוהילפ די פראנצויזנ זיינענ געקומענ די אמעריקאנער. דידאָזיקע יעדיע האָט זייער באומרויקט אונדזער מיליטער; טירפיצ אונ אנדערע מילכאָמע־נעוויימ האָבנ דאָכ שטענדיק פארזיכערט, אז די אמעריקאנער זיינענ ניט בעקויעכ אריבערצופירנ זייער מיליטער דורכנ אָקעאנ. מיר, סאָלדאטנ, האָבנ גוט פארשטאנענ, אז אויב די אמעריקאנער וועלנ אָנהויבנ אריבערפירנ זייער מיליטער, וועלנ מיר ניט אויסהאלטנ.

נאָכ קנאפע פיריאָריקע אויסמאטערנדיקע שלאכטנ האָט פאָשעט ניט געקאָנט געמאָלט זיינ, אז דאָס דייטשישע מיליטער, וואָס האָט געהאט א מאנגל אינ אלצ, זאָל קאָנענ קעגנשטיינ קעגנ די זאטע אמעריקאנער, וואָס זיינענ געווענ באוואָפנט לויטנ לעצטנ וואָרט פונ דער טעכניק. די שלאכט אונטער אמיענ האָט אונדז באוויזנ, וואָס פאר א גוואלטיקנ באטייט ס'האָט געהאט דאָס אָנקומענ פונ די אמעריקאנער אפנ פראנצויזישנ פראָנט. די ערשטע אמעריקאנישע הארמאטנ־קוילנ האָבנ אפנ שטארקסטנ אויפנ צעקלאפט אונדזערע רייענ סיי פיזיש, סיי מאָראליש. אונדזער ארטילעריע האָט שוואכ געענטפערט. די גרויסע 21 סאנטימעטערדיקע האָוביצעס—דער שטאָלצ פונ אונדזער מיליטער—זיינענ געשטאנענ ניט אויסגענוצטע. דידאָזיקע הארמאטנ זיינענ געווענ אינ א גוטנ צושטאנד, זיי האָבנ אָבער ניט געאַרבעט מאכמעס עס האָבנ אויסגעפעלט קוילנ צו זיי.

אונדזער אָנגרייפ איז געמאכט געוואָרנ וווּנדערלעכ גיכ, צו זיינע טעמפנ האָט אָבער ניט אנטשפראָכנ דאָס פאמעלעכע צושטעלנ די קוילנ; דעריבער האָבנ אונדזערע הארמאטנ געשוויגנ, סימבאָליזירנדיק די הילפ־לאָזיקייט פונ דער לאגע. אינ דערזעלביקער צייט אָבער האָבנ טויזנטער אמעריקאנישע הארמאטנ־קוילנ אופגעריסנ דעם באָדנ ארומ אונדז אונ געמאכט שוידערלעכע לעכער אינ אונדזערע רייענ.

אינ דעמ רעגנדיקנ פרימאָרגנ, דעמ 6־טנ מארט, בינ איכ געווענ מיט צוויי כאוויירימ אינ וואלד עטלעכע קילאָמעטער פונ אמיענ. מיר האָבנ באקומענ א פאראָרדענונג ווארטנ דאָ מיט די פערד אפ אנדערע אָרדינארצעס, וואָס האָבנ באדארפט ברענגענ אונדז מיטיילונגענ פונעמ בריגאדע־שטאב; דערנאָכ האָבנ מיר באדארפט אריבערשטעלנ זיי אינ באזונדערע פאָלקנ. קאַמאַט א הונדערט מעטער פונ אונדז האָבנ זיכ פארגראָבנ די רעשטנ פונ אונדזער ארטילעריע; זעקס אזייגער גאנצפרי האָט זיכ אָנגעהויבנ אריבער אונדזערע קעפ דער פייער־רעגנ אפנ סוינעס ליניעס. אינ א האלב שאָ ארומ האָבנ די אמעריקאנער אָפגעענטפערט מיט א שטורעמדיק פייער; זייערע פילצאָליקע אחיאטערס האָבנ אינגיכנ אופגעזוכט דאָס אָרט פונ אונדזערע באטארייעס, אונ ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ א שיסעריי, וואָס האָט ארויסגעריסנ פונ אונדזערע רייענ טויזנטער דערשאָטענע אינ פארוווּנדעטע. לעבנ מיר איז געפאלנ דער טעלעפאָניסט, וואָס האָט געהאלטנ אינ פאריכטנ די געשעדיקטע שנורנ פונעמ באָבאַכט־פּונקט. ער איז אלט געווענ קוימ אכצנ יאָר, נאָר אויסגעזענ האָט ער ווי פונ פופצנ. ער איז שווער פארוווּנדעט געוואָרנ. איכ האָב באמערקט, אז זיינ שינביינ האלט זיכ קוימ אפ דער געטרע. דער פארוווּנדעטער האָט די גאנצע צייט געשריענ: „מאמע, מאמע!" אָבער העלפנ האָט מענ אימ ניט געקאָנט, די קוילנ זיינענ אומופהערלעכ געפאלנ לעבנ אונדז. איכ האָב געזענ, ווי איבער דעמ גראָבנ זיינענ געלאָפנ צו אונדז זעקס פארוווּנדעטע, וואָס האָבנ אונטערגעהאלטנ איינער דעמ צווייטנ. גלייכ האָט זיכ אופגעריסנ לעבנ זיי א קויל פונ א הארמאט. אינגיכנ איז מיר אויסגעקומענ דורכצופאָרנ רייטנדיק פארביי דעמדאָזיקנ אָרט, האָב איכ געזענ, אז פונ די זעקס פארוווּנדעטע זיינענ געבליבנ בלויז עטלעכע פינגער, א פיאטע אונ נאָכ עטלעכע שטיקלעכ פלייש. מיינ פערד איז געהארגעט געוואָרנ פונ הארמאטנ־שפליטערנ. די אויגנ זיינענ בא אונדז פארקלעפט געווענ מיט בלאָטע אונ זאמד, האָבנ מיר גאָרניט ניט געזענ. העלפנדיק די פארוווּנדעטע האָב איכ זיכ אָנגעשטויסנ אפ מיינעמ א כאווער, מיט וועלכנ איכ בינ געווענ אפנ פראָנט קאמאט פיר יאָר צייט. בא אימ האָט א

גראַנאַט אַרויסגעריסן דעם גאַנצן קרייץ־בײַן. ער האָט געלעבט אַ מינוט פֿופֿצן, די אויגן זײַנען בײַ אים געוואָרן ווי גלעזערנע. די גאַנצע צײַט האָט ער ניט אויפֿגעהערט אויסצושרײַען מײַן נאָמען.

אױפֿן וועג, וואָס בײַם ראַנד וואַלד, זײַנען דורכגעגאַנגען מענגעס פֿאַרווונדעטע. מיט גרויס מי האָבן זיי זיך געשלעפּט פֿאָרויס, נאָר קיינער פֿון זיי האָט ניט געוואָלט בלײַבן אינעם נאָענטסטן פֿעלד־לאַזאַרעט, וואָס האָט זיך אויפֿגעפֿונט אין אַ פֿראַנצויזישער פֿערמע. דערדאָזיקער פֿעלד־לאַזאַרעט איז געווען איבערגעפֿולט, דאָ זײַנען געלעגן העכער פֿינף הונדערט שווער־פֿאַרווונדעטע סאָלדאַטן, און אין דערדאָזיקער מאַסע מענטשן איז געווען בלויז איין דאָקטער. אינגיכן איז אויסגעגאַנגען דער גאַנצער באַנדאַזשיר־מאַטעריאַל. דעמזעלביקן טאָג האָבן צענדליקער קוילן פֿון האַרמאַטן אַ קלאַפּ געטאָן אין לאַזאַרעט, און אַלע קראַנקע צוזאַמען מיטן דאָקטער זײַנען אומגעקומען.

אָבער אויך יענע פֿאַרווונדעטע, וואָס האָבן זיך געשלעפּט פֿאַמעלעך אויף די וועגן, האָט אָפּגעוואַרט דער שווערער גורל. די באַטאַרייעס, וואָס האָבן געיאָגט גאַלאָפּ, האָבן קיין אַכט ניט געלייגט אויף מענטשן: פֿאַר זיי איז געווען וויכטיק וואָס גיכער דורכלויפֿן יענע קרייץ־וועגן, וואָס זײַנען אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דעם באַזונדערס שטאַרקן פֿײַער פֿון די אַמעריקאַנער. און פֿיל פֿאַרווונדעטע זײַנען צעטראָטן געוואָרן אונטער די טלאָען פֿון די פֿערד.

איך האָב ניט געקאָנט פֿאַרלאָזן מײַן פּאָסטן, ווײַל איך האָב באַדאַרפֿט וואַרטן אויף די ראַפּאָרטן. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זײַט, בײַן אַרײַנגעשפּרונגען אין אַ קליינעם גרוב, ווו כ׳האָב זיך קוים באַהאַלטן. דאָס אַלץ שטאַרקערע שטורעמדיקע פֿײַער האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזן, ווי דאָס סאַמע שוידערלעכסטע און אומזיניקסטע, וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן אויף דער מילכאָמע פֿאַר דידאָזיקע פֿיר יאָר. די אומופֿהערלעכע אויפֿרײַסן פֿון די האַרמאַטן־קוילן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די ווײ־געשרײַען פֿון די פֿאַרווונדעטע, וואָס קיינער איז ניט אימשטאַנד געווען זיי צו העלפֿן: ס׳איז אַפֿילע קיין באַנדאַזשיר־שטאָף ניט געווען. אָט דאָס אַלץ האָט געהילכט ווי אַ שוי־

דערלעכע סימפּטאָמען. די געשרייען פֿון די פֿאַרוווּנדעטע, דאָס ניט קאָנען העלפֿן זיי האָבן קימאַט געריִרט מיך פֿון זינען.

איך האָב געוואָלט נאָר איין זאַך: זאָל א קויל פֿון א האַרמאַט מיך אָוועקלייגן, אָבער אַזוי, אַז פֿון מיר זאָל גאָרניט בלייבן. איך האָב זייער זיך געשראָקן צו בלייבן א קאַליקע. זאָל גאָר ניט אויסקומען ליגן שאָען און שרייען פֿון ווייטעק! איך האָב געבעטן גאָט מיט א לײַדנשאַפֿטלעכן ייִעש, ער זאָל מיר אַראָפּשיקן א גיכן טויט... דאָס איז געווען מײַן לעצט געבעט! נאָך דער שרעקלעכער בלוט-באָד בעיס דעם מאַרט-אָנגריף פֿון 1918 איז בײַ מיר מער קיין איליוזיעס ניט פֿאַרבליבן.

איך האָב זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן פֿערד פֿון א געהאַרגעטן כאַוועַר און זיך געלאָזט מיט א ראַפּאָרט אין פּאָלק; אויפֿן וועג בין איך אַרונטער אונטער אַן עכטן שלאַקסרעגן פֿון האַרמאַטן-קוילן. איינער א פּוסגייער, וואָס איז געגאַנגען פֿונעם פֿראָנט, האָט אַלפּיטאָעס ניט ריכטיק מיר אָנגעוויזן דעם וועג. א צוויי-דריי מעטער לעבן מיר האָט א זעץ געטאָן א האַרמאַט-קויל אין א ווייכער בייט, דאָס פֿערד האָט זיך גלייך איבערגעקערט, איך בין אַרונטער אונטערן פֿערד און, פֿאַרטויבט פֿונעם קלאַפּ, בין איך געלעגן אַזוי זעקס שעה. פֿאַרבײַגייענדיקע סאָלדאַטן האָבן מיך באַמערקט און אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן פֿערד.

איך בין צוזאַמען מיט זיי אָפּגעגאַנגען א צוויי—דריי הונדערט מעטער, דאַן האָט דאָס פֿײַער ווידער זיך אַזוי פֿאַרשטאַרקט, אַז גיין ווײַטער האָט קיין זינען ניט געהאַט. דעמאָלט האָט דער קאָמאַנדיר געגעבן א באַפֿעל זיך באַשיצן אין די אָנצאָליקע ליקע-אַרטיקע גריבער וואָס עס האָבן געלאָזט נאָך זיך די אויפֿגעריסענע האַרמאַטן-קוילן. מיר האָבן פֿאַרוויַיז זיך צעשטעלט אין דיראָזיקע ענגע שוץ-ערטער. הונגעריקע און דורכגעפֿרוירענע האָבן מיר געוואַרט ביז ס׳וועט זיך שטילן די ווילדע שיסערײַ, עס האָט אָבער, וואָס ווײַטער, אַלץ מער געשטאַרקט זיך. נאָענט לעבן אונדז האָט זיך צעריסן א שווערע קויל, און די קופּע ערד, וואָס עס האָט אַרויסגעריסן, האָט אונדז פֿאַרשיט. ערשט שפּעטער מיט א היפּש שטיקל צײַט האָבן אונדז אויסגעגראָבן די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געקומען צו אונדז צו הילף. מיר האָבן געמוזט

אָפּטרעטן דערפֿאַר, ווייל אונדזערע מיילן האָבן מער ניט געקאָנט זיך האַלטן.

קעדיי צו פֿאַרבייטן אונדז זיינען געקומען פֿרישע כאַיאַלעס, און מיר האָבן זיך געלאָזט אָפּרו לעבן וועדערן. אייגנטלעך גערעדט, וואָלט איך געוועזן געקאָנט זיך דערקלערן אַלס א קראַנקער און זיך דערשלאָגן, מע זאָל מיך אָפּשיקן אין א לאַזאַרעט, ווייל איך האָב באַקומען א געהירן־דערשיטערונג אין א קאָנטוזיע, איך האָב אָבער געוווּסט שוין פֿון דער דערפֿאַרונג, ווי די מיליטער־דאָקטוירים באַגייען זיך מיט פֿאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן; איך האָב געוווּסט, אַז פֿון דעמדאָזיקן היילן זיך האָב איך גאָרניט וואָס צו דערוואַרטן.

איך האָב זיך ווידער אומגעקערט אָפּן פֿראָנט און בין צוגעקאָמאַנדירט געוואָרן צו א קוילנוואַרפֿער־קאָמאַנדע. און דאָך האָב איך קעגן מיין ווילן זיך אַריינגעפּאַקט אין די הענט פֿון די מיליטערישע דאָקטוירים. מיינע פֿיס האָבן זיך גענומען יאָמערן ווייל די נעגל זיינען א ריינגעוואָקסן געוואָרן אין פֿלייש, און איך האָב געמוזט גיין אַפּ קאָמיסיע. דער דאָקטער, וואָס האָט מיך באַטראַכט, האָט געפֿאָדערט, מע זאָל מיך אָפּשיקן אין לאַזאַראַט אַף אַן אָפּעראַציע. אין לאַזאַרעט האָב איך געפֿרעגט דעם דאָקטער, צי וועט מען ווידער אַרויסרייסן בא מיר די נעגל, — איך האָב שוין איינמאָל, נאָך פֿון דער מילכאָמע געהאַט אַף זיך אַזא אָפּעראַציע. מע האָט מיר געענטפֿערט: „דאָס האָט צו אייך קיין שייכעס ניט, מיר טוען דאָס, וואָס מיר געפֿינען פֿאַר נייטיק". זיבן מענטשן האָבן מיך פֿעסט געהאַלטן פֿון אַלע זייטן, און דער כירורג האָט אַרויסגעריסן די נעגל מיט די וואָרצלען, איך האָב אויפֿגעציטערט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן בא מיר א נערוון־צופֿאַל, דערנאָך בין איך אַריינגעפֿאַלן אין רעציכע. מע האָט מיך געוואָלט באַרויִקן, ווייזן מיר, אַז אַלץ איז שוין געענדיקט און מע האָט מיך געלאָזט אַ קוק טאָן אַף מיינע צעקאַליעטשעטע פֿינגער. איך בין געווען אַזוי אויפֿגערודערט, אַז איך האָב דאָס געהאַלטן פֿאַר אַן איזדיעקעווען זיך איבער מיר. די נערוון־צופֿאַלן זיינען געוואָרן אָפֿטער, און בעת'ן איבערבינדן מיר די פֿינגער האָב איך מיט די פֿויסטן אָפּגעשלאָגן פֿון זיך די סאַניטאַרן.

די לעצטע מילכאָמע־כאַדאָשים אינ לאַזאַרעט

מיינ ארבעט אינ עלזאס

אינ צוויי וואָכנ ארום האָט מענ מיכ אָפּגעפירט אינ א שפּיטאָל פאר גערוונ־קראנקע אינ דאָרעמ־דייטשלאנד. ס'איז ניט איבערצוגעבנ יענע שוידערלעכע בילדער, וואָס איכ האָב דאָ זיכ אָנגעזענ. בא מיינעמ א שאָכנ, וואָס איז געלעגנ אפּ א צווייט בעטל, האָט א גראנאט־שפּליטער ארויסגעריסנ דעמ שאנד־בייטל. דער אומגליקלעכער האָט ניט געוואָלט לעבנ. ער האָט עטלעכע מאָל געוואָלט באגיינ זעלבסטמאָרד, נאָר דער שפּיטאָל־פּערסאָנאל האָט אופמערקזאמ נאָכגעשפּירט נאָכ אימ אונ ניט דערלאָזט אימ צו מאכנ א סאָפ פונ זיינ מוטשענ זיכ: עפּשער וועט ער נאָכ טאָרט טויגנ פאר הארמאטנ־פלייש. דער מענטש האָט אָבער פארמאָגט אנ אייזערנע איינגעשפּארטקייט, האָט ער אָפּגעטאָנ אזא זאכ: ער האָט ארויסגעריסנ א ווינקל־בלעכל פונ א קליינ קארטאָנ־קעסטעלע, וואָס האָט באהעפט דעמ קארטאָנ אונ מיט דעמדאָזיקנ גאָר קלייניקנ שטיקעלע בלעכ האָט ער אונטער דער קאָלדרע אופגעשניטנ זיכ דעמ בויכ אונ מיט זיינע אייגענע הענט זיכ ארויסגעריסנ די קישקעס; דאָס אלצ האָט ער אָפּגעטאָנ בעייס דער באדינער, חעמענ דאָס איז אפילע אינ זינענ ניט געקומענ, איז געזעסנ לעבנ זיינ בעטל.

נאָכדעמ, ווי מיינע פיס האָבנ זיכ אויסגעהיילט, בינ איכ אריבער אינ אנ אולאנער קאזארמע אינ אָשאטצ. דאָ האָב איכ זיכ באגעגנט מיטנ וואכמיסטער, וואָס איז קיינמאָל אפנ פראָנט ניט געוועננ אונ פלעג בלויז לערנענ די רעקרוטנ. דערדאָזיקער יאט פלעגט מיר מאכנ הארבע פאָרוווּרפנ דערפאר וואָס איכ לויפּ ניט גענוג גיכ; דאָס איז דאָכ געוועננ ניט לאנג נאָכ דעמ ווי די פיס האָבנ זיכ מיר אויסגעהיילט אונ איכ פלעג נאָכ פילנ שטארקע ווייטעקנ. ער האָט מיכ דערפירט צו אזא צושטאנד, אז איכ האָב געמוזט אימ דורכקלאפּנ די ביינער. מע זאָגט: „ס'איז ניט פאראנ קיינ שלעכטס אָנ קיינ גוטס”; מ'האָט מיר געגעבנ אורלויב אינ מיכ אָפּגעשיקט צו דער פרוי. כאָטשע געהאט האָב איכ

אינ 1915 יאָר. כאָטש באַקאַנט מיט מײנ פרוי בינ איכ געווענ נאָכ לאַנג פאַר דער מילכאָמע.

נאָכנ אורלויב האָב איכ ווידער באַדאַרפט זיכ אומקערנ אינ די קאַזאַרמעס. מיכ האָט באַפאַלנ אַ גרויל, דערמאָנענדיק זיכ וועגנ די פאַרשטײענדיקע צוזאַמענשטויסנ מיט נאַטשאַלסטווע, און איכ האָב געפרווט אַפנ וועג באַגײנ זעלבסטמאָרד. די סאַניטאַרנ האָבנ מיכ אַראָפ־געפירט פונעם לײפציגער הויפט־וואָקזאַל אינ לאַזאַרעט, ווו איכ האָב אָפגעלאָזט אַ פאַטש דעם דאָקטער, וואָס איז געווענ אַ גראָבער מענטש. פינקטלעכ אינ דרײ וואָכנ אַרום, דעם 31־טנ אָקטיאַבער 1918 יאָר, האָט מענ מיכ אָנערקענט פאַר אומפעיִק צו מיליטערדינסט און אַלס אינוואַליד בינ איכ באַפרײט געוואָרנ פונ דער אַרמײ מיט אַ פענסיע פונ פערציק מאַרק אַ כוידעש. איכ האָב געוואָלט זיכ אומקערנ צוריק צו מײנ פריערדיקער ספעציאַליטעט אַלס טעכניקער און האָב אײנגיכנ באַקומענ אַ פלאַץ אינ אַ גרויסער אײזנ־בעטאָניקער בוי־פירמע.

ערעוו דער נאָיאַבער־רעוואָליוציע האָב איכ געאַרבעט ניט ווײט פונ מילהויזענ, סאַמע לעבנ פראַנצויזישנ פראָנט, ווו אַ געוויסע זאַקסישע אײזנ־בעטאָנ־פירמע האָט אויסגעפילט די באַשטעלונגענ פונ דער קריג־פאַרוואַלטונג אויף שטעכיקנ־דראָט און בעטאָנ־פאַרפעסטיקונגענ פאַר די האַרמאַטנ. די אויסגעלאָזטע פראָדוקציע איז געווענ אַזוי גרויס, אַז פראָסטע אַרבעטער און סאָלדאַטנ האָבנ געקאָנט מײנענ, אַז די מילכאָמע וועט דויערנ נאָכ פיר־פינפ יאָר. ס׳האָבנ זיכ געטראָגנ קלאַנגענ,—געווענ איז דאָס עטלעכע טעג אײדער דער קײזער איז אַנטלאָפנ,—אַז עס שטײענ פאָר גרויסע שלאַכטנ, דערפאַר ווײל די פראַנצויזנ קלײבנ זיכ דורכרײסנ דעם פראָנט אַפ דעמדאָזיקנ באַצירק.

די ערשטע כאַדאָשימ פונ דער רעוואָליוציע אינ פאָטערלאַנד

דעם 7 נאָיאַבער האָב איכ באַקומענ פונ מײנע אײגענע אַ ידיע, אַז מײנ פרוי איז געפערלעכ קראַנק, איכ האָב גענומענ אורלויב און

בין אָפּגעפּאָרן פון עלזאַס. בעיס מיין רייזע דעם 8־טן—9־טן נאָיאַבער דורך פראַנקפורט־קאַסעל־האַלע־כעמניץ און פּאָגטלאַנד בין איך געווען אַן איידעס פון לאַכלוטן אַן אומדערוואַרט בילד. די צוגן זיינען אַפּ אַזויפיל געווען אָנגעפּאַקט מיט כאַיאָלעס, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם פראָנט, אַז איך האָב געמוזט אין פראַנקפורט זיך אַריינכאַפּן אין וואַגאָן דורך אַ קלאָזעט־פענצטער; אַזוי בין איך אָפּגעפאָרן דעם גאַנצן וועג צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּאַסאַזשירן. בעיס דער נעסיע האָב איך שוין דערפילט, וואָס פאַר אַן אומגעהויערע קראַפט עס ליגט אין די מאַסן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פאַר פעיקע דורכצושלאָגן זיך אַ וועג און אָפּערירן אַליין אָן אָפיצירן, שטעלנדיק פאַר זיך, עמעס, לאַכלוטן אַנדערע צילן, ווי די פריערדיקע אָנפירערס. אין דידאָזיקע טעג האָב איך בלויז אינסטינקטיוו דערפילט דידאָזיקע קראַפט, וואָס ביז דרייסיק יאָר האָב איך וועגן איר ניט געהערט און ניט געקלערט; איצט איז זי גרייט געווען אַראָפּקערן אַלע איבערשלאָגן, וואָס שטייען אַפּ איר וועג. איך האָב ניט געקאָנט אינגאַנצן באַנעמען דעם זין פון דער איבערקערעניש. נאָר איך האָב געפילט, אַז איצט איז פאַר מיר וויכטיקער ווי אַלץ ניט דאָס פאָרן צו דער קראַנקער פרוי, נאָר עפּעס אַנדערש. און אין דידאָזיקע שאָען האָבן אויפגעלעבט אין מיין זיקאָרן יענע ווערטער, וואָס ס'האָט געזאָגט אינעם 1917 יאָר, בעיס דעם מאַרש אין רוסלאַנד, מיר אין מיינע פאָלק־כאַוויירים געאָרג שומאַן, דער ערשטער סאָציאַליסט וואָס איך האָב באַגעגנט.

בעיס די לאַנגע צוג־אָפּשטעלן אין פראַנקפורט, קאַסעל, האַלע, האָב איך געזען, ווי די דייטשישע אַרבעטער און סאָלדאַטן האָבן, לויטן ביישפּיל פון די רוסישע אַרבעטער און סאָלדאַטן, געשאַפן זייערע מאַכט־אָרגאַנען אין געשטאַלט פון די ראַטן פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. דאָס, וואָס איך האָב געהערט און געזען, איז געווען פאַר מיר אַן אַנטדעקונג אין פולן זין פון וואָרט.

דעם 9-טן נאָיאַבער בין איך אָנגעקומען אין פאַלקענשטיין, ווו ס'האָט געוווינט מיין מישפּאָכע. פריער פאַר אַלץ האָב איך געפרעגט, צי איז אָרגאַניזירט אַ ראַט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. דעמ־

זעלביקנ אָוונט האָב איכ צונויפגערופנ, לויט רופ־צעטלענ, אָנגעשריבענע פונ האנט, אלע ארבעטער אונ אורלויבניקעס פונ שטאָט; ס'האָבנ זיכ צוזאמענגעקליבנ א מענטשנ דרייסיק, צווישנ זיי איז אויכ געווענ דער פירער פונ דער פאלקענשטיינער גרופּע פונ דער דייטשישער אומאָפּהענגיקער סאָציאליסטישער פארטיי. איכ האָב געמאָלדנ, אז די פארזאמלונג איז צונויפגערופנ געוואָרנ, קעדיי צו אָרגאניזירנ אינ פאלקענשטיינ א ראט פונ ארבעטער־ אונ סאָלדאטנ־דעפּוטאטנ; דאָס האָט געבראכט צום ערשטנ קאָנפליקט מיט שטאָרלענ*). ער האָט קאטעגאָריש געמאָלדנ, אז אויב דאָס וועט זיינ נייטיק, וועט ער דאָס טאָנ אליינ.

פונדעסטוועגנ איז דעמזעלביקנ אָוונט אָרגאניזירט געוואָרנ פאלקענשטיינער ראט פונ ארבעטער־אונ סאָלדאטנ־דעפּוטאטנ. שטאָרל אונ איכ זיינענ אויסגעקליבנ געוואָרנ אינ פּרעזידיום. מיר האָבנ געפאָדערט, מע זאָל אונדז אָפּגעבנ אינ ראָטהויז א צימער פאר א קאנצעליאריע. דער בורגמייסטער האָט געמאָלדנ, אז ער איז גרייט צו אָנערקענענ דעם ראט פונ ארבעטער־דעפּוטאטנ, אויב שטאָרל וועט איינאָרדענענ, אז מע זאָל מיכ ארויסווארפנ פונעם ראט.

אפנ צווייטנ טאָג בינ איכ צוזאמענ מיט אייניקע מיטגלידער פונ ראט ארויסגעפאָרנ קיינ לייפּציג, קעדיי צו קריגנ געווער אינ שטאב, ווו עס זיינענ שוינ געשטאנענ באם רודער די פירער פונ דער דייטשישער אומאָפּהענגיקער סאָציאליסטישער פארטיי—פליסנער, ליפּינסקי אונ אנדערע. מיט גרויס מי האָט זיכ מיר איינגעגעבנ צו דערטאפּנ א פאָר צענדליק ביקסנ, וואָס איכ האָב איבערגעגעבנ דעם פאלקענשטיינער ראט. אינ דידאָזיקע צוויי טעג, וואָס איכ בינ ניט געווענ אינ פאלקענשטיינ, האָט שטאָרל שוינ באפרידיקט דעם בורגמייסטערס פארלאנג אונ האָט זיכ דערשלאָגנ דאָס באזייטיקנ מיכ פונעם ראט.

ניט געקוקט דערויף האָב איכ פאָרגעזעצט די וויי טערדיקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. די רעדאקציע פונ דער „לייפּציגער פאָלקסצייטונג"

*) דער פירער פונ די אומאָפּהענגיקע סאָציאל־דעמאָקראטנ. (באמערקונג פונ רעד.).

האָט אָרגאַניזירט אין פּלאָוען אַ דרוקעריי און געגרינדעט דאָרט דעם אָרגאַן פון דער דייטשישער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי די „פאָגטלענדישע צייטונג". האָב איך איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיט דערדאָזיקער צייטונג; לעכאַטכיליע האָט מען מיך באַפולמעכטיקט צו ווערבירן פאַר איר אַבאָנענטן. בעיס דערדאָזיקער אַרבעט האָב איך דערלערנט פיל זאַכן.

די פּלאָוען־גרופּע פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איך בין געווען אירער אַ מיטגליד, האָט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונג צו די וואַלן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, מיך קאָמאַנדירט אין די אַרומיקע ריי‌אָנען, קעדיי צו אָרגאַניזירן און צונויפ־רופן פאַרזאַמלונגען פון די אָרטיקע גרופּעס. אַזוי זיינען מיט מיין מיטווירקונג אַנטשטאַנען די אָרטיקע גרופּעס אין רייכענבאַך, נעטשקאַו און מילוי. אין רייכענבאַך גופע האָבן אין יאַנואַר 1919 די פאַנאַטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיך אָנגעקלאַפּט פאַר פאַרשפּרייטן אַן אויפרוף פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין דערדאָזיקער צייט האָב איך שריפטלעך געבעטן געאָרג שומאַנען אַרויסצוטרעטן אויף אַ מיטינג אין פאַלקענשטיין. איך האָב ניט נאָר געוואָלט, אַז שומאַן, וועלכן איך האָב זיך אויסגעלערנט צו שעצן אויפן פּראָנט, זאָל אויפטרעטן אויף די מאַסן,—פריער פאַר אַלץ האָב איך געהאָפט, אַז ער וועט מיר גופע העלפן אויסקלאָרן אַ ריי פּראַגעס, וואָס זיינען געווען פאַר מיר ניט קלאָר גענוג.

שומאַן האָט מיר געענטפערט, אַז ער וועט גערן באַפרידיקן מיין ווילן, נאָר אַרויסטרעטן אויף מיטינגען פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קאָן ער מער ניט, ווייל ער איז ניט לאַנג אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (פאַרבאַנד פון ספּאַרטאַקיסטן) *) ער האָט מיר צוגעזאָגט קומען צו פאָרן, אויב כוועל מיך

*) די מיטגלידער פון דעם אומלעגאַלן פאַרבאַנד פון די לינקע דייטשישע סאָציאַליסטן, וועלכן ס'האָבן אָרגאַניזירט אין אַפּרעל 1916 ליבקנעכט, ק. צעטקין, ר. ליוקסעמבורג, קעדיי צו פירן אַ קאַמף מיט דער אָפיציעלער ס.-ד., וואָס האָט פאַראַטן דעם אינטערנאַציאָנאַל און די רעוואָלוציע (באַמערק. פון רעד.).

אונטערנעמען צו אָרגאַניזירן א קאָמוניסטישן מיטינג. די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען, ניט געקוקט אַף א רייע גרויסע שוועריקייטן. די פֿאַלקענשטיינער אַרבעטער האָבן פֿאַרשטאַנען די אינערלעכע סטירעס־דיקייט און באַנקראָט פֿון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. שומאַנס אַרויסטרעטונג האָט אַרויסגערופֿן א שטאַרקן אָפּקלאַנג. דעם כאַווער שטיינערטס אַגיטאַציע־טעטיקייט אין פֿאָגטלאַנד האָט געבראַכט דערצו, אַז שוין אין אייניקע כאַדאָשים אַרום איז דערדאָזיקער גאַנצער ראַיאָן געוואָרן א פֿעסטונג פֿון קאָמוניזם. פֿרילינג 1919 האָב איך צו־זאַמען מיט די כאַווייריִם פּאַול פּאָפּ און עוזשען שטיינערט אָרגאַניזירט די פֿאַלקענשטיינער גרופּע פֿון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מאַכמעס דערדאָזיקער עפֿנטלעכער פּאָליטישער אַרויסטרעטונג זיינען אַנטשטאַנען זייער שאַרפֿע קאָנפֿליקטן מיט מיינע אייגענע און פֿריינט פֿון אַמאָל.

אַביסל שפּעטער האָבן די אָרטיקע אַרבעטלאָזיקע,—זייער צאָל אין פֿאַלקענשטיין האָט דערגרייכט ביז פֿיר־פֿינף טויזנט,—געמאַכט א פּרווו צו אָרגאַניזירן זיך, קעדיי אַף אַזאַ אופֿן ווירקן אַפֿן רעאַקציאָנערן בורגמיסטער ער זאָל באַפֿרידיקן אייניקע פֿאָדערונגען זייערע.

אין פֿאַלקענשטיין האָט זיך געשאַפֿן זייער א פֿאַרפּלאָנטערטע עקאָנאָמישע לאַגע. ביז דער מילכאָמע האָט דאָס לעבן אין דערדאָזיקער שטאָט, וואָס האָט געציילט זיבעצן טויזנט איינוווינער, געקאָכט ווי אין א קעסל. די אָרטיקע פּראָדוקציע־האַפֿט, גלאָנדן, פֿאָרהאַנגען—איז געווען גוט באַקאַנט אין אויסלאַנד, און אַדאַנק דעם עקספּאָרטירן דידאָזיקע סכוירעס איז אין אונדזער אינדוסטריעלן ראַיאָן געווען צו באַמערקן אין געוויסע מאָמענטן א הויכע קאָניונקטור. דער אויפֿבלי פֿון דער אינדוסטריע האָט נעבראַכט דערצו, אַז די שטאָט איז גוואַלטיק געוואַקסן; פֿאַר א יאָר צייט האָבן זיך אויסגעבויט גאַנצע קוואַרטאַלן, א רייע נייע גאַסן, אין מעשעך פֿון עטלעכע כאַדאָשים זיינען פֿון אונטער דר'ערד אויסגעוואַקסן הונדערטער פֿאַבריק־געביידעס.

די וועלט־מילכאָמע האָט מיט איין קלאַפּ געמאַכט א סאָף צום אויפֿבלי פֿון דער שטאָט, די מאַנסבילן זיינען אַוועק אַף דער מילכאָמע, און די

געבליב[illegible]ע עלטערע האפטער און וועבער, פרויען און מיידלעך זיינען פארורטייל[illegible] געוואָרן אפ ארבעטלאָזיקייט, דערפאר ווייל ס'האָבן זיך לאכלוטן אָפגעשטעלט דער אריינפיר פון רויוואַרג און דער פארקויפ פון פאבריקאטן. דער 4־טער אווגוסט האָט געגעבן אן ענדגילטיקן טויט־קלאפ דער פאלקענשטיינער בלאָנדן־אינדוסטריע. טויזנטער יונגע לעבנס, וואָס האָבן געגעבן פיל האָפענונגען, זיינען צעקלאפט געוואָרן. אין די־דאָזיקע אומשטענדן האָט די פראָוואָקאטערישע אופירונג פונעם בורג־מיסטער קוועק ארויסגערופען בא דער באפעלקערונג א באזונדערן קאעס.

טאָמער האָבן די הונגעריקע פרויען פון די סאָלדאטן געוואגט אָנצווייזן דעם הער בורגמיסטער, אז אינעם שכיינעסדיקן שטעטל אווערבאך, וואָס געפינט זיך אפ א מעהאלעך פון צוויי שאָ פארעכטס פון פאלקענשטיין, איז די דערנערונג־לאגע ניט צום פארגלייכן בעסער,— פלעגט דער הער קוועק, מיט א שטעקן אין האנט, דראָען די אויסגעמאַטערטע פרויען, אז ער וועט זיי אָנשמייסן און אראָפוואַרפן פון די טרעפ.

לעבן מיין הויז איז געווען אן אזוי־גערופענע שטאָטישע קיך, וואָס אהין פלעגן טאָגטעגלעך קומען נאָך אביסל שיטערן זופ הונדערטער פרויען, קינדער און ארבעטלאָזיקע. אלע טאָג פלעג איך צוזען דורך מיין פענצטער איינס און דאָסזעלביקע בילד. דער אָרעמער טייל באפעלקערונג האָט מיך געקאָנט פון מיין ארבעט, כאָטש אינעמעסן געזאָגט, איז זי געווען ניט קיין דויערנדיקע. די ארבעטלאָזיקע האָבן מיך איינגעלאדן אפ זייערער א פארזאמלונג און מיך אויסגעקליבן אין זייער ראט. דאָס האָט מיך געשטויסן צו אימפולסיווע ארויסטרעטונגען, וואָס אדאנק זיי בין איך מיטאמאָל אראָפ פון די באלעבעסלדיקע רעלסן,—צוריק האָב איך מער זיך שוין ניט אומגעקערט.

דאָ, אפן מיטינג פון די ארבעטלאָזיקע, בין איך צום ערשטן מאָל ארויסגעטראָטן פאר א גרויסער אודיטאָריע. גלייכצייטיק אָבער איז די־דאָזיקע ארויסטרעטונג געווען א פאָרשפיל צום אריבערגיין אפ אן אומלעגאלער לאגע אפ לאנגע יאָרן, צו א שווערן קאמפ, וואָס האָט מיך פארבונדן מיט דער רעוואָליוציאָנערער מאסן־באוועגונג.

נאָכן מיטינג האָבן די בייגעוועזענע זיך געלאָזט אין א לאנגער קאָ־

לאָנע צו דער געבײַדע פונעם ראָטהויז. די רו פונעם בורגמײַסטער און פון דער גאנצער שטאָט־דומע איז געשטערט געוואָרן; עס זײַנען געשטעלט געוואָרן אזעלכע פאָדערונגען, וואָס אין צוזאמענהאנג מיט דער געפערלעכער לאגע, אין וועלכער די באפעלקערונג האָט זיך געפונען, האָט מען געקאָנט און געמוזט פארווירקלעכן.

אין דער אָנוועזנהייט פון די פינף טויזנט ארבעטלאָזיקע, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאמלט לעבן ראטהויז, האָב איך אָנגעוויזן דעם בורגמײַסטער, אז איבער דעם ניטדערלאָזבארן אָנפירן מיט דער קאָמונאלער ווירטשאפט איז בא אונדז א העכערער פראָצענט שטערבלעכקייט, איידער אין אנדערע געגענטן פונעם רייאָן. אלס ענטפער דערויף האָט ער געמאָלדן: „איך האָב ניט געוווסט, אז די נויט איז אזוי גרויס". דעמאָלט איז אויסגעקומען צו דערמאָנען אים, אז פיל קינדער און הונגעריקע פרויען האָבן זיך אָפגעפרוירן די פיס, שטייענדיק אין די רייען נאָך אן האלבן צענטנער קוילן אָדער נאָך צוויי פונט קארטאָפל, בעת ווען אין דער שכיינעסדיקער שטאָט איז געווען א סך לײַכטער צו קריגן פראָדוקטן.

דער האט צום בורגמײַסטער, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט שוין פונלאנג, האָט זיך אין דעמדאָזיקן טאָג ארויסגעריסן אין זייער א שטורעמדיקער פאָרם. אינדערפרי האָט דער בורגמײַסטער מיט זײַן אייגענער האנט אראָפגעריסן פון די ווענט פונעם ראָטהויז דעם פלאקאט וועגן צונויפרופן זעם מיטינג פון די ארבעטלאָזיקע. די פרויען האָבן אין איין קאָל געפאָדערט, אז דער בורגמײַסטער זאָל בעטן אנטשולדיקונג, אויב ניט וועט אים אויסקומען זיך דורכשפאצירן איבער דער גאנצער שטאָט אין דער באגלייטונג פון אלע פינף טויזנט ארבעטלאָזיקע. ער איז דערויף ניט אײַנגעגאנגען, און מע האָט אים געצוווּנגען דורכצוגיין זיך איבער די גאסן צוזאמען מיט דער דעמאָנסטראציע. פרויען האָבן אים פעסט געהאלטן בא די הענט, כדי ער זאָל ניט אנטלויפן—אָט די זעלביקע פרויען, וועלכע ער האָט געדראָט אין משך פון פיר יאָר מיט פעטש און מיט אראָפוואַרפן פון די טרעפ. גאנצע צוויי שעה האָט מען אים מיט ביזאָיען ארומגעפירט איבער דער שטאָט.

די שטאָט איז געווענ דעמאָלט אינ באלאגערונג־צושטאנד, אונ דעמאָנסטראציעס זייגענ געווענ פארבאָטנ. פארענדיקט דעמ שפאציר, האָט דער בורגמיסטער איבערגערעדט דורכנ טעלעפאָנ מיט דער דרעזדענער רעגירונג. פארופנדיק זיכ דערויפ, אז אינ פאלקענשטיינ קומט פאָר אנ עפנטלעכער אופשטאנד אונ אז דער צערייצטער האמוינ איז שוינ צוגעטראָטנ צו רויבערייענ, האָט ער זיכ דערשלאָגנ, אז מע האָט גלייכ צוגעשיקט מיליטער.

מע הויבט מיכ אָנ צו פארפאָלגנ

שוינ דעמאָלט האָבנ געוויסע פרעסע־אָרגאנענ, ניט אָפשטעלנדיק זיכ פאר קיינע מיטלענ, געפירט א פאָגראָמ־אגיטאציע קעגנ קאָמוניסטנ; דאָס האָט באשטעטיקט פאָלגנדיקע נאָטיצ, וואָס איז געווענ אָפגעדרוקט אינ „נירענבערגער טאגעבלאט”:

„די פאלקענשטיינער ספארטאקיסטנ האָבנ ארומגעפירט דעמ בורג־מיסטער איבער דער שטאָט פינפ שאָ צייט. זיי האָבנ אימ ארופגעשלעפט אפ א פעלדז אינ אראָפגעוואָרפנ אימ אינ אנ אָפגרונט”.

פאקטיש אָבער איז די גאנצע זאכ באשטאנענ אינ דעמ, וואָס דער ראט פונ ארבעטלאָזיקע האָט אויסגעפאָדערט בא דער שטאָט־דומע א געהעכערטע הילפ פאר ארבעטלאָזיקייט, אונ די וואלד־פארוואלטונג האָט צוגעזאָגט אויסהאקנ וואלד אונ צעגעבנ די ארבעטלאָזיקע פאר נידע־ריקע פרייזנ.

דאָכ האָט דער בורגמיסטער זיכ דערשלאָגנ דאָס זייניקע: אָנקומענ־דיק אינ פאלקענשטיינ, האָט דאָס מיליטער דיזעלביקע נאכט נאָכ ארעסטירט קימאט אלע מיטגלידער פונעמ ראט פונ ארבעטלאָזיקע. מיכ, דעמ פאָרזיצער פונ דעמדאזיקנ ראט, האָט זיי זיכ ניט איינגעגעבנ צו פאקנ איבער דער שולד פונ זייערנ א שפיק. קעדיי צו זיינ זיכער, אז איכ וועל זיכ ניט ארויסגליטשנ פונ זייערע הענט, האָבנ דער בורג־מיסטער אונ די מיליטער־פארוואלטונג באופטראגט א מענטשנ, וואָס האָט זיכ זיי אויסגעוויזנ פאר פאסיק דערצו, ער זאָל געוויר ווערנ, אינ וועלכנ צימער נעכטיק איכ. דער־דאָזיקער מענטש איז אָבער געווענ אזוי

ניט־רירעוודיק בעייסנ אויספילנ דעמ אופטראג, אז איכ האָב זיכ אופגעכאפט און האָב גלייכ דערשמעקט אז עס קומט פאָר עפעס אנ אומאנגענעמע זאכ.

איכ האָב באלד פארלאָזט די קווארטיר, ביז אוועק הינטער דער שטאָט, ארופ אפנ בערגל און פונדאָרט האָב איכ בעייס שאריענ דערזענ אזא בילד: איבער די גאסנ זיינענ ארומגעגאנגענע פאטרולנ, ס׳האָט זיכ געהערט א קאָמאנדע, געבאלעבאטעוועט האָבנ דער בורגמיסטער און זיינע פריינט.

ארומ אכט אינדערפרי האָבנ צוויי באקאָנטע ארבעטלאָזיקע מיר איבערגעגעבנ, אז אלע מיטגלידער פונעמ ראט פונ ארבעטלאָזיקע, אויסער מיר, זיינענ ארעסטירט. די מיליטערלייט האָבנ געשווירנ, אז זיי וועלנ ניט פארלאָזנ די שטאָט, ביז זיי וועלנ מיכ ניט פאקנ. די עלפ מיטגלידער פונעמ ראט האָט מענ שוינ אָפגעשיקט אפ קריג־מאשינעס אינ פלאוענער טורמע, דערפאר ווייל די מאכט האָט זיכ געשראָקנ, אז אינ פאלקענשטיינ קאָנענ די פאָלק־מאסנ זיי באפרייענ פונעמ ארעסט.

דידאָזיקע יעדיע האָט מיכ געצווונגענ צו פארלאָזנ מיינ זיכער שוצ־אָרט. צוזאמענ מיט די צוויי כאווייריִמ האָב איכ מיכ אראָפגעלאָזט אינ שטאָט. ארומ מיר האָבנ זיכ גלייכ פארזאמלט א מענטשנ צוועלפ ארבעטלאָזיקע, וואָס האָבנ מיט אופרעגונג גערעדט וועגנ דעמ נידערטרעכטיקנ אָנפאל. איכ האָב זיכ געלאָזט גיינ גלייכ אינ ראָטהויז, ווו עס האָבנ זיכ אָפגעשטעלט דער קאָמאנדע־באשטאנד און דער גרעסטער טייל סאָלדאטנ. באמ אריינגאנג זיינענ געשטאנענ קוילנטרעגער. די סאָלדאטנ, וואָס די שפיקעס האָבנ זיי איבערגעגעבנ, אז דאָס גייט העלצ, האָבנ געמיינט, אז דאָס וויל איכ עס זיכ אונטערגעבנ דער מאכט.

ארויסגערופנ דעמ קאָמאנדיר, האָב איכ געשטעלט אימ שארפ די פראגע, צוליב וואָס איז ער געקומענ מיטנ מיליטער אינ פאלקענשטיינ, אפ וועלכנ סמאכ האָט ער ארעסטירט דעמ ראט פונ די ארבעטלאָזיקע און וואָס, אייגנטלעכ, באטייט ביקלאל דערדאָזיקער אָנשטעל. דער קאָמאנדיר האָט זיכ אביסל פארלוירנ; ער האָט מיר געענטפערט, אז אימ האָט מענ מיטגעטיילט אינ צוויקאו, אז די ארבעטלאָזיקע אינ פאלקענ־

שטיינ ראבירנ אונ שיסנ, אונ אז עס זיינענ צעקלאפט אלע מאגאזינ־
וויטרינעס. איכ האָב אים געצווּנגענ צו אָנערקענענ, אז דאָס אלצ איז
הוילער ליגנ אונ האָב ענערגיש געפאָדערט, ער זאָל צוזאמענ מיט די
סאָלדאטנ פארלאָזנ די שטאָט. זייענדיק קימאט אָפּהענטיק, האָט ער
דערווידערט, אז דאָס איז ניט מעגלעכ, ער גופע פארשטייט, אז ער
איז דאָ ניט נייטיק, אָבער אָנ דעם באפעל פונ ויבנ האָט ער ניט דאָס
רעכט צו פארלאָזנ די שטאָט. איכ האָב ניט לאנג געטראכט אונ אויס־
געשריענ פאר די ארבעטלאָזיקע, וואָס האָבנ זיכ פארזאמלט באם ראָט־
הויז: „צי זייט איר מאסקים, אז די סאָלדאטנ זאָלנ בלייבנ אינ שטאָט
כאָטש אפ אײנ שאָ?‟ גלייכ האָט מענ אָפּגעענטפערט אייגשטימיק: „ניינ,
זאָלנ זיי זיכ שוינ פארנעמענ‟. דער אָפיציר האָט באמערקט, אז ער
איז אַריינגעפאלנ אינ ניט גאָר קיינ אנגענעמער לאגע אונ האָט געבעטנ
צוויי שאָ צייט. מע האָט אים אָבער ניט דערלויבט; די מאסע האָט זיכ
א לאָז געטאָנ צום ראָטהויז, האָט אָפּגעשטויסנ די סאָלדאטנ, זיכ
גענומענ צוכאפנ די ביקסנ אונ קוילנוואָרפער אונ צו ווארפנ זיי אינ
די סאָלדאטישע פראכט־אווטעס. ס'איז געווענ צו זענ, אז זיי אליינ
זיינענ גערנ געווענ צו פארלאָזנ די שטאָט, ווויהינ מע האָט זיי פאר־
נארט מיט ליגנ.

נאָכ דעם ווי די סאָלדאטנ זיינענ אָפּגעפאָרנ, האָבנ די ארבעטלאָ־
זיקע ארעסטירט דעם בורגמיסטער אונ אים געצווּנגענ איבערצוגעבנ
דער רעגירונג דורכנ טעלעפאָנ, אז אינ צוזאמענהאנג מיטנ אָנפאלנ בא־
נאכט אפנ ראט פונ די ארבעטלאָזיקע זיינענ ארעסטירט ער אונ נאָכ
אייניקע אָנגעזעענע בורזשוא, אונ אז אָפּלאָזנ וועט מענ זיי נאָר דעמאָלט,
ווענ מע וועט באפרייענ די ארעסטירטע מיטגלידער פונעמ ראט פון די
ארבעטלאָזיקע. אינ רעזולטאט פונ לאנגע אונטערהאנדלונגענ צווישנ דעמ
איבערגעשראָקענעמ בורגמיסטער אונ דער רעגירונג איז קלאָר געוואָרנ
פאר דער מאכט, אז די ניטאנגענעמע לאגע האָט זיכ געשאפנ איבער
דער אומגעלומפערטער אופירונג פונעמ בורגמיסטער אונ זי האָט ,ענדלעכ,
גענעבנ א באפעל דעמ פלאוענער פראָקוראָר גלייכ צו באפרייענ די
ארעסטירטע מיטגלידער פונ ראט.

די מאסע, וואָס איז געשטאַנענ אונטערנ רעגנ פונ אכט אינדערפרי ביז זעקס אינאָוונט, האָט מיט טריומפ באגעגנט די באפרייטע און זיי פארשיט מיט בלומענ.

נאָכ דערדאָזיקער געשעעניש איז אינ שטאָט געווענ רויק אינ פארלויפ פונ עטלעכע וואָכנ: ארבעטנדיק אינ קאָנטאקט מיט די רעגירונג־אנשטאלטנ, האָט דער ראט פונ די ארבעטלאָזיקע דורכגעפירט די ריכטיקע פאנאנדערטיילונג פונ עסנווארג, הייצונג א. אנד. גלייכצייטיק דערמיט האָט דער ראט פונ די ארבעטלאָזיקע געמאכט א סאָפ צומ ספעקוליאציע האנדל, וואָס האָט אויפגעבליט צווישנ דער פארמעגלעכער באפעלקערונג פונ שטאָט. מע האָט דאָס דורכגעפירט אפ אזא אופנ: צו יעדנ פאבריקאנט, וואָס האָט געהאט גרויסע דערנערונג־רעזערווז, פלעגנ מענ ארײַנשיקנ צוויי מיטגלידער פונעמ ראט פונ די ארבעטלאָזיקע אונ צוויי פאָליציי־לייט. די דאָזיקע רעזערווז פלעגט מענ קאָנפיסקירנ. אינ איינ מעסלעס האָט מענ געקאָנט אָנפאקעווענ אינ איינעמ א צימער פונעמ ראָטהויז גאנצע בערג פונ פעטע כאזער־ריפנ. אפנ צווייטנ טאָג פלעגט דער ראט פונ די ארבעטלאָזיקע געבנ א מעלדונג אינ שטאָטישנ ביולעטענ, וואָס האָט איינגעלאדנ די אלמאָנעס פונ סאָלדאטנ אונ שוואנגערע פרויענ צו קומענ אינ ראָטהויז נאָכ א האלבנ אָדער גאנצנ פונט פונ דעמדאָזיקנ נאשעריי. אפ דערדאָזיקער מעלדונג פלעגנ זיינ אונטערשריפטנ פונ דער אָפיציעלער מאכט. בעיס דער פאנאנדערטיילונג פונ די דערנערונג־מיטלענ פלעגנ בייזיינ פאָרשטייער פונ דער מאכט, אונ קיינמאָל איז קיינ אָנקלאגנ אפ פאלנ פונ ניט־ריכטיקנ פארטיילנ די פראָדוקטנ ניט געווענ. קומט אמאָל צוגייענ צווישנ די הונדערטער אויסגעהונגערטע פרויענ אנ אויסגעמאטערטע אָפגעריסענע אלטיטשקע אונ בעט וואָס־ניט־איז פאר איר צוואנציק־יאָריקנ זונ, וואָס ליגט שוינ א יאָר צייט קראנק אפ „הונגער־טיפוס“ (שווינדזוכט). לייגט מענ איר פאָר קומענ אפנ צווייטנ טאָג נאָכ פראָדוקטנ. פינקטלעכ צו דער באשטימטער שעָ איז זי געקומענ אונ געמאָלדנ, אז איר זונ נויטיקט זיכ שוינ ניט אינ קיינ הילפ,—ער איז אינדערפרי געשטאָרבנ. אפ א זיצונג פונעמ ראט איז אמאָל געקומענ א בלינדער אונ געבעטנ א האלוואָע פונ טריזנט

מארק. ער פלעגט מיט גרויס מי פארדינענ אליינ מיטלענ צומ לעבנ, באשעפטיקנדיק זיכ מיט פלעכטנ קערב אונ האָט באדארפט האָבנ דאָס געלט אפ צו קויפנ פאר זיכ ווערבע־צווייגנ צו דער ארבעט. האָב איכ געשיקט א מיטגליד פונעמ אויספירקאָמ צומ רייכסטנ הענדלער, וואָס האָט געהאט טאָג־טעגלעכ אויסצושטיינ דייגעס פונ זיינ אומגעהויער גרויס רייכטומ, ער זאָל אימ ברענגענ צופירנ. איכ האָב דעמ הענדלער פאָרגעלייגט צו באפרידיקנ דעמ בלינדנס באקאָשע. יענער האָט ניט געוואָלט אָפּצוזאָגנ אונ האָט געגעבנ די סומע געלט.

אפ א גרויסנ מיטינג אינ טרייענ איז אפ דער עסטראדע ארופגעגאנגענ א מאנ פונ א יאָר זעכציק אונ האָט פארהיקנדיק זיכ, אויסדערציילט זיינע צאָרעס. שוינ פערציק יאָר, אז ער ארבעט בא א גוטבאזיצער אינ פאפענגרינ. דאָרטנ האָט אויכ געדינט זיינ זונ. זייער לוינ איז געווענ צו 50 פעניג א שאָ, אזוי ווי ער קאָנ זיכ ניט דורכלעבנ פאר דעמדאָזיקנ לוינ, האָט ער די טעג געבעטנ באמ באלעבאָס א הויסאָפּע. דער גוטבאזיצער האָט גענטפערט: „גייט אייכ צו העלצנ, זאָל ער אייכ געבנ". דעמזעלביקנ אָוונט האָב איכ געשיקט דעמ גוטבאזיצער א בריוו מיט א פאָדערונג טייקעפ צו געבנ דעמ בריוו־איבערגעבער צענ טויזנט מארק אפ אויסצוצאָלנ א הויסאָפּע זיינע באטראקעס. אינ פאל, אויב ער וועט ניט אויספילנ די פאָדערונג, וועט מענ פונ זיינ פערדשטאל ארויסנעמענ די פערד, מע וועט זיי פארקויפנ אונ דעקנ דעמדאָזיקנ כויוו. דער גוטבאזיצער האָט אריינגעטראָגנ די סומע צומ טערמינ.

אינ פאלקענשטיינ איז שוינ אינ פארלויפ פונ עטלעכע כאדאָשימ ניט געווענ קיינ קארטאָפל. קומט צו גיינ איינער א שאָפער אונ מעלדעט, אז אינ גרינבאכ, ניט וייט פונ פאלקענשטיינ, פארקויפט די זעלבסטפארוואלטונג פונ דער געמיינדע גרויסע פארטיעס קארטאָפל. איכ האָב דער מיטיילונג ניט געגלויבט, נאָר איכ בינ ארויסגעפאָרנ קיינ גרינבאכ אונ דאָרט ווירקלעכ געפאקט צוויי וואגאָנ קארטאָפל פאר אונדזער שטאָט ווענ. דער געמיינדע־פאָרשטייער האָט מיר געזאָגט, אז ווענ איכ וואָלט קומענ מיט א שאָ פריער, וואָלט ער מיר געווענ

פאַרקויפט 520 צענטנער, וועלכע ער האָט שוינ פאַרקויפט א צווייטנ. אינעם געשפּרעכ האָט ער דערמאָנט, אז דעמזעלביקנ קאַרטאָפל האָט ער געהאַט פאַרגעלייגט דעם פאָלקענשטיינער בורגמיסטער. שוינ ניט איינמאָל האָט דער עלטסטער פונ דער געמיינדע, וואָס האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגענ, פאַרגעלייגט דעם בורגמיסטער גרויסע פּאַרטיעס פּראָדוקטנ—ארבעס, האָבער־גרויפּנ, פעטס, קאַרטאָפל; דער בורגמיסטער פלעגט זיכ אָבער אָפּזאָגנ דערפונ.

דער געמיינדע־עלטסטער האָט באַשטעלט אפ מיינ אָרוועס דורכנ טעלעפאָנ פּראָדוקטנ פאַר א מיליאָנ מארק פאַר גאַנצ פאָגטלאַנד. שוינ אינ די נאָענטסטע טעג האָבנ אָנגעהויבנ אָנצוקומענ גרויסע פּאַרטיעס פּראָדוקטנ.

קעדיי צו גאַראַנטירנ דאָס אָפּצאָלנ פאַר די פּראָדוקטנ, האָב איכ געפאָדערט פונ די קאַפּיטאַליסטנ פונ פאַרשיידענע שטעט צו עפענענ קרעדיט אפ א מיליאָנ מארק פאַר יענע געמיינדעס, וואָס געפינענ זיכ אינ א שווערער פינאַנסיעלער לאַגע. די געמיינדעס האָבנ געזאָלט פאַרקויפנ דער באַפעלקערונג פּראָדוקטנ פאַר נידעריקע פּרייזנ. דעם אונטערשייד צווישנ דעם הורט־ און לאַכאָדים־פּרייז האָבנ געדאַרפט דעקנ די קאַפּיטאַליסטנ.

מאַכמעס דעם וואָס ס'איז אָנגעקומענ מיליטער, איז דערדאָזיקער פּלאַנ דורכגעפאַלנ. די רויקייט און די געמיינשאַפטלעכע ארבעט מיט די רעגירונג־אַנשטאַלטנ איז ניט געפעלנ ניט דעם בורגמיסטער, ניט די טוער פונ דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי שטאָרל און פּערלמאַנ. און ס'איז קלאָר: די נוצנ פאַר ארבעטער און ארבעטערנס, צו וועלכע עס האָט אינ דער פּראַקטיק זיכ דערשלאָגנ אונדזער ראַט פונ ארבעטלאָזיקע, וואָס איז הויפּטזאַכלעכ באַשטאַנענ פונ קאָמוניסטנ, האָט ארויסגערופנ אינ שטאָט און אינ דער סוויווע א ברייטנ מיטגעפיל צום קאָמוניזם.

שטאָרלענ, פּערלמאַנענ און דעם בורגמיסטער האָט זיכ ווידער איינגעגעבנ מיט געמיינזאַמע קויכעס צו דערשלאָגנ זיכ באַ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער זאַקסישער רעגירונג, אז זי זאָל צושיקנ מיליטער

אין פאלקענשטיין, קעדיי, ניט רעכענענדיק זיך מיט גאָרניט ניט, צעטרייבן דעם ראט פון די ארבעטלאָזיקע, מאכן ארעסטן און—פריער פאר פאר אלץ—פאקן מיך: דער בורגמיסטער האָט ניט איינמאָל געמאָלדן אז די איינוווינער וואָלטן פיל רויקער איבערגעלעבט די צייט פון נויט, ווען ניט העלצס אגיטאציע.

דעם 3־טן יוני, צווי אזייגער באנאכט, איז אין פאלקענשטיין אריין א שיסער־פאָלק אונטערן פאָלקאָוניק בערגערס קאָמאנדע און גלייך דורכגעמאכט בעערעכ הונדערט אונטערזוכונגען צווישן פארטייער און ארבעטער.

דאָס הויז, אין וועלכן איך האָב געוווינט האָבן געשטורעמט א מענטשן הונדערט, באוואָפנטע מיט ביקסן און האנט־גראנאטן, מיטן אויסרייד, אז פונעם דאך האָט מען קלוימערש געשאָסן אין די סאָלדאטן. פאקטיש אָבער איז קיין געווער גיט געווען ניט אין דעם הויז, און ניט ביקלאל בא די ארבעטלאָזיקע און ארבעטער. נאָסקעס שיסער האָבן דריי—פיר שעה דורכאנאנד געשאָסן אין קוימען און געוואָרפן גראנאטעס אין גאָרטן. דער אָפיצער האט דערביי געשריען מיט אן אומגעהויער איבערצייגטן טאָן: „דעמדאָזיקן יונג מוזן מיר מיימעסן, זאָל אפילע אויסקומען אופרייסן דאָס גאנצע הויז!" איך בין אין דערהיים ניט געווען. מיין גוט אויסגעשטעלטער אינפאָרמיר־אפאראט האָט מיר באצייטנס צווייסן געגעבן וועגן דער געפאר. בין איך אוועק, בין ארום אפ מילבערג און פונעם בארג־שפיץ האָב איך נאָכגעשפירט נאָך די שלאכט־אָפעראציעס.

ניט געקוקט דערוף, וואָס דאָס מיליטער איז אָפגעווען אין פאלקענשטיין גאנצע דריי וואָכן און באוויזן דורכצומאכן אונטערזוכונגען דורכויס אין יעדן הויף, אין יעדער שאפע אפילע,—האָט זיך אים דאָך ניט איינגעגעבן מיך צו פאקן. ענדלעך זיינען זיי אויס וועש דערגאנגען צו אזא אומגעלומפערטקייט: איינמאָל האָבן זיי פארהאלטן א כאסענע־קארעטע מיט אלע מענטשן, וואָס זיינען אין איר געזעסן. א פאטרול פון פופצן מענטשן האָט זיך א לאָז געטאָן גלייך צו דער קאלע און דעם שמייסער, מיינענדיק גיט אנדערש, אז די קאלע דאָס בין איך און דער שמייסער—מיין „אדיוטאנט" גרונעכ.

אזעלכע אָנפאלנ האָבנ געשטעלט דאָס מיליטער אינ א לעכערלעכער לאגע, אונ די גאסנ־ונגלעכ פלעגנ נאָכשרייענ די פארבייגייענדיקע פאטרולנ אונ איינצלנע סאָלדאטנ: „איר זוכט העלצנ? ער איז בא מיר אינ קעשענע".

עס פארשטייט זיכ, אז מיר האָט זיכ ניט געגלוסט צו זיצנ ליידיק דידאָזיקע דריי וואָכנ אונ באהאלטנ זיכ פונ מיינע פארפאָלגער. איכ האָב אָנגעהויבנ ארויסצוטרעטנ אונטער א פרעמדער פאמיליע אפ פארטעישע אונ אנדערע פארזאמלונגענ אינ די שכײנעסדיקע רײאָנענ. נאטירלעכ, אז יעדע ארויסטרעטונג מיינע איז געווענ פארנ מיליטער א שאנד,—אלעמאָל פלעג איכ זיכ ארויסגליטשנ פונ זייערע הענט. אינ יונ כוידעש איז מיר אויסגעקומענ ארויספאָרנ קיינ כעמניצ אפ א פארטיי־קאָנפערענצ. געווינט האָב איכ אינ אווערבאכ, לעבנ פאלקענשטיינ. קעדיי אָנצוקומענ צו דער צייט אינ כעמניצ, האָב איכ באדארפט פאָרנ מיט דער אייזנבאנ. דער צוג, וואָס איז געגאנגענ פונ פאלקענשטיינ, איז געווענ געפאקט מיט מיליטער־לייט. דאָס איז געווענ א מיליטער־טייל, וועלכנ מ׳האָט פארביטנ; געפאָרנ איז דאָס מיליטער מיט מיר ביז צוויקאו. ס׳האָט זיכ געשאפנ זייער א געפערלעכע לאגע, איכ האָב דאָס מאָל ניט געהאָפט אפילע זיכ ארויסדרייענ.

אינ צוויקאו, ווו עס זיינענ אראָפגעקראָכנ די מיליטער־לייט, האָב איכ באדארפט זיכ איבערזעצנ אפ אנ אנדער צוג. ארויסגייענדיק אפנ פעראָנ, האָב איכ זיכ דערפילט צווישנ סאָלדאטנ; דאָ זיינענ אויכ געווענ ציווילע, וואָס האָבנ מיכ געקאָנט אינ פּנים אונ וואָס האָבנ געמיינט, אז די סאָלדאטנ האָבנ מיכ ארעסטירט. זיי, די סאָלדאטנ, איז אפילע אפנ זינענ ניט געקומענ, אז העלצ, וועמענ זיי האָבנ אומזיסט זיכ באמיט אופצוזוכנ אינ מעשעכ פונ עטלעכע וואָכנ, שטייט סאמע פאר זייערע אויגנ. יעדער מינוט האָב איכ געדענקט, אז מיכ וועט דערקאָנענ ווער־ניט־איז פונ די מיליטער־לייט, ס׳האָט זיכ מיר אָבער איינגעגעבנ ארויס פונ געפאר: אינ א בעקוועמער מינוט האָב איכ א קער געטאָנ לינקס, אונ די מיליטער־לייט זיינענ צו צום ארויסגאנג.

דעם 21־טנ יול, צוועלפ אזייגער באטאָג, האָבנ די שיסער פארלאָזט

די שטאָט, און איינס אזייגער האָב איך שוין געהאַלטן א רעדע פון די דרויסן־טרעפּ, וואָס באַם ראָטהויז פאַר א טויזנטקעפּיקן עולם פון אַרבעטער און אַרבעטלאָזיקע.

פונדעסטוועגן האָט מען איידער דאָס מיליטער איז אוועקגעגאַנגען אָנגענומען מיטלען. א באַוואָפנטער מיט ביקסן און האַנט־גראַנאַטעס, האָט דער בירגערוועער געמאַכט א פּרוּוו צו צעטרייבן דעם מיטינג און מיך אַרעסטירן. אָנגרייפנדיק מיט א שיסער־קייט, האָבן זיי אפילו געגעבן א זאַלפּ, אין רעזולטאַט אָבער האָבן די אויפגעבראַכטע אַרבעטער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די דאָזיקע העלדן, האָבן זיי גוט אָנגעקלאַפּט און אַנטוואָפנט. די איבעריקע גיבורים האָבן זיך אָפּגעטראָגן און זיך באַהאַלטן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען א פאָרשטייער פונעם מיני־סטעריום מיטן גענעראַל פּילינג. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פירן אונטער־האַנדלונגען מיטן בורגמייסטער און באַלד נאָך דעם מיט מיר; זיי האָבן געפאָדערט, מע זאָל פאַנאַנדערלאָזן דעם ראַט און געשטעלט א גאַנצע ריי ניטוויטספּירבאַרע פאָדערונגען. וועלנדיק אונדז איבערשרעקן, האָבן זיי געמאָלדן, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן, אויב מע וועט ניט פאַ־נאַנדערלאָזן דעם ראַט פון די אַרבעטלאָזיקע, וועט זי אין פאַל פון נויטיקייט צושיקן אין פאַלקענשטיין אפילו צען פאָלק סאָלדאַטן. בעיס ס׳האָבן זיך געפירט די אונטערהאַנדלונגען איז דערווייל אָנגעקומען ניי מיליטער, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם ראָטהויז און דעם פּלאַץ וואָס פאַר דעם, ווו ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט בערעך זעקס טויזנט מענטשן. גלייך האָט מען דערקלערט קריג־צושטאַנד; מ׳האָט צוגעזאָגט טייקעף אַרויספירן דאָס מיליטער און קיינעם ניט אָנרירן, נאָר מיט דעם באַדינג, אויב די באַפעלקערונג וועט זיך ניט קעגנשטעלן בעיסן אַרעסטירן העלצן. דאַן איז צוגעגאַנגען א מאַכנע מיט א קוילנוואַרפער צום פאָרנטיקן גאַניק פון ראָטהויז, ווו איך בין געשטאַנען צוזאַמען מיט פאָרשטייער פון דער רעגירונג און מיטן גענעראַל און, מע האָט מיך אַרעסטירט.

דאָס האָט זייער צעקאָכט און אויפגעבראַכט די מאַסן, וואָס האָבן

מיט א שטארקנ שטראָמ זיכ א לאָז געטאָנ צומ ראָטהויז אונ זיכ אריינגעריסנ צווישנ די רייענ פונ די מיליטער־לייט. ווענ די סאָלדאטנ וואָלטנ אינ דעמדאָזיקנ מאָמענט אָנגעהויבנ צו שיסנ, וואָלטנ זיי געווענ געטראָפנ אינ פיל פונ זייערע. דער קאָמאנדיר האָט דאָס גענומענ אינ אכט אונ געגעבנ א באפעל דעמ מיליטער אָפּצוטרעטנ צומ לאָקאל פונ געריכט, ווו ס'האָבנ זיכ באהאלטנ דער גענעראל אונ די פאָרשטייער פונ דער רעגירונג.

די ארבעטער האָבנ ארייננגעשיקט אינ דער געריכט־געביידע א דעלעגאציע פונ זעקס מענטשנ מיט א פאָדערונג גלייכ ארויסצופירנ דאָס מיליטער. דער גענעראל האָט ארעסטירט די דעלעגאטנ אונ געהייסנ שטעלנ לעבנ זיי א וואַכ. דעמאָלט האָט א מעכטיקער מענטשנ שטראָמ זיכ א לאָז געטאָנ צומ געריכט, די מאסע האָט ניט אָפּגעטרעטנ דיק געפאָדערט צו באפרייענ די ארעסטירטע אונ ארויספירנ דאָס מיליטער.

די דעלעגאציע האָט מענ באפרייט, נאָר דאָס מיליטער איז מיטאמאָל אריבער אינ אָנגריפ אונ געפרווווט מיכ צו דערטאפנ. שיר־שיר האָט זיכ דאָס זיי איינגעגעבנ, זיי האָבנ מיכ קימאט שוינ אָנגעיאָגט, נאָר דאָ האָבנ אייניקע ארבעטער פארשטעלט דעמ וועג פאר די צעיאָגטע סאָלדאטנ אונ זיכ אויסגעצויגנ אפנ שליאכ. אנדערע ארבעטער האָבנ מיר א כאפ געטאָנ אונטער די הענט, מיר זייגענ אוועק געשווינד הינטער דער שטאָט אונ ארומ אפנ בערגל.

אינ אומלעגאלער לאגע

אגיטאטער אינ צאָפנ־ביערנ אונ מיטל־דייטשלאנד

אינ די נאָענטסטע טעג אונ וואָכנ האָב איכ ניט געקענט טראכטנ אפילע וועגנ אומקערנ זיכ קיינ פאלקענשטיינ. עס איז צוגעקומענ נייע מיליטער, די גאנצע שטאָט אונ די אומגעגנט איז ענלעכ געווענ צו א קריג־לאגער. אינ אייניקע טעג ארומ זייגענ אינ איינעמ אַנ צווינט אריינגעלאָפנ אינ מיינ זיכערער ווינונג אינ אווערבאכ צוויי אופגערעגטע

כאוויירימ און געפאָדערט, איכ זאָל גלייכ פארלאָזנ די שטאָט, ווייל היינט נאָכ וועט דאָס מיליטער פארכאפנ אווערבאכ. די געהיימע פאָליציי האָט זיכ דערוווסט, ווו איכ געפינ זיכ, אונ מיר האָט געדראָעט ארעסט. פריער פאר אלצ,—האָבנ מיכ די כאוויירימ איבערצייגט,—דארפ מענ אָפשערנ די לאנגע האָר, ווייל נאָכ דעמדאָזיקנ סימענ האָט מענ מיכ געזוכט.

די האָר אָפשערנ האָט זיכ מיר ניט געגלוסט, אָבער אינ דעמ, אז בלייבנ אינ אווערבאכ האָט קיינ זינענ ניט, איז בא מיר קיינ סאָפעק ניט געווענ. דיזעלביקע נאכט נאָכ האָב איכ זיכ געלאָזט מיט צוויי כאוויירימ צופוס צו דער טשעכישער גרענעצ אונ בינ אָנגעקומענ אהינצו גאנצפרי. די כאוויירימ האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק, אונ איכ בינ געגאנגענע ווייטער אינ אנ אומבאשטימטער ריכטונג. ארומ האלבנ טאָג איז געוואָרנ אזוי הייס, אז איכ האָב באשלאָסנ פונדעסטוועגנ ארויפצונעמענ מיינ פאטלע. איכ האָב זיכ אָפגעשטעלט אינ א דערפל אונ אָנגעהויבנ צו זוכנ א שערער. מע האָט מיר אָנגעוויזנ אפ א קימאט איינגעוואלגערט הייזל; דאָ האָט מיר אנ אלטיטשקע געזאָגט, אז כאָטש איר מאנ איז א שערער, אָבער איצט ארבעט ער אינ פעלד אונ אינ א שטיינקאריער, אונ מיר וועט אויסקומענ צוווארטנ אפ אימ. איכ האָב געווארט אינ הויפ, ביז דער שערער האָט זיכ אומגעקערט מיט א וואָגנ אונ צוויי קי. ער האָט פאמעלעכ ארויסגעטראָגנ פונ שטוב א בענקל אונ מיכ באזעצט אפנ גאניק. טוענדיק זיינ ארבעט אָנ איילעניש, האָט ער גערעדט וועגנ דעמ, וואָס פאר א ווילדע צייט ס'איז איצט; פונ נאָכ דער מילכאָמע אָנ האָט זיכ אלצ איבערגעקערט קאפויר; אינ פאלקענשטיינ באלעבאטעווענ קאָמוניסטנ, ס'קומט אויס צו שיקנ גאנצע פאָלקנ צו פאקנ דעמ העלצנ, אָבער דערדאָזיקער שעלמישער יונג האָט אפאָנימ פארבינדונג מיטנ טייוול אליינ: ס'איז נאָר עפעס א ווונדער, ווי ער דרייט זיכ שטענדיק אויס.

אפ דר'ערד האָבנ זיכ געוואלגערט מיינע לאנגע שווארצע האָר, וואָס האָבנ מיר זייער באנק געטאָנ; איכ האָב באשלאָסנ זיי שיקנ אלס מאטאָנע דעמ פאָלקאָווניק בערגער, דעמ שעפ פונ פאלקענשטיינער

גאַרניזאָנ. איכ האָב געבעטנ באמ שערער א קאָנווערט, האָב אימ אָנגע־פּאַקט מיט האָר, זיכ געזעגנט מיטנ ווילנ אלטיטשקנ אונ געזאָגט אימ, ער זאָל קיינמאָל ניט פֿארגעסנ, אַז דאָס האָט ער איצט געשוירנ העלצנ, פֿונ דערשרעק איז בא אימ ארויסגעפֿאלנ פֿונ האנט דאָס שערל. איכ האָב אָנגעשריבנ דעמ פּאָלקאָווניק בערגער אזא צעטעלע: „אָט נאט אייכ לאַנגע האָר אונ איצט זוכט אופֿ זייער באלעבאָס”. דעמזעלביקנ טאָג האָב איכ אופֿגעלעגט דעמ קאָנווערט אינ פּאָסט.

אפֿנ צווייטנ טאָג, צוועלפֿ אזייגער, בינ איכ אָנגעקומענ אינ דער שטאָט האָפֿ, אינ בייערנ. איכ בינ געוווירנ געוואָרנ פֿונ די ארבעטער, אז נאָכ מיטאָג וועט פֿאָרקומענ א מיטינג, וואָס אפֿ אימ וועלנ ארויס־טרעטנ מיטגלידער פֿונ דער אומאָפּהענגיקער סאָציאליסטישער פּארטיי אונ פֿאָרשטייער פֿונ רויטער ארצגרופּנס. זיי האָבנ זיכ פֿארזאמלט, קעדיי איינצוריידנ די אָרטיקע ארבעטלאָזיקע, זיי זאָלנ איינגיינ אפֿ א נידע־ריקנ לוינ אונ שלעכטע וווינ־באדינגונגענ אונ זיכ שטעלנ צו דער ארבעט. האָב איכ באשלאָסנ צו גיינ אפֿ דעמדאָזיקנ מיטינג. דאָס, וואָס איכ האָב דאָרטנ דערהערט, האָט מיכ געצווּנגענ צו פֿארגעסנ וועגנ געפֿאר. איכ האָב גענומענ א וואָרט אונ גערופֿנ די ארבעטלאָזיקע זיכ אָרגאניזירנ אונ ניט לאָזנ זיכ אויסנוצנ אפֿ אראָפּצוזעצנ דעמ איינגע־שטעלטנ ארבעטסלוינ פֿונ די רורער בארגארבעטער. כודעמ דארפֿנ זיי ארויספֿאָדערנ פֿאר זיכ בעסערע וווינונגענ. כאָטש דער אומאָפּהענגי־קער סאָציאליסט בלומענטריט אונ די פֿאָרשטייער פֿונ די ארצגרופּנס האָבנ זיכ געפּרווּט מיר צו פֿארשטאָפּנ דאָס מויל, האָב איכ דאָכ דורכגעפֿירט אפֿ דערדאָזיקער פֿארזאמלונג די וואלנ פֿונעמ ראט פֿונ די ארבעטלאָזיקע, וואָס האָט דעמזעלביקנ טאָג נאָכ אָנגעהויבנ זיינ ארבעט.

א טאָג נאָכ דעמ האָב איכ געהאט א דערפֿאָלג פֿונ לאַכלוטנ אנ אנדער כאראקטער. איכ האָב זיכ געקליבנ ארויסצוטרעטנ אפֿ א גרויסנ מיטינג, וואָס האָט געזאָלט פֿאָרקומענ אפֿנ פּלאַצ. פּונקט אינ דערדאָזיקער צייט האָבנ די אומאָפּהענגיקע סאָציאליסטנ אָנגעהויבנ פּלוצימ פֿאנאנדער־צעטיילנ צווישנ דער מאסע טויזנטער בלעטלעכ מיט אזא אינהאלט:

„אויפגעדעקט א פארעטער פונעם ארבעטער־קלאס.

אפנ נעכטיקנ מיטינג איז צווישנ אנדערע ארויסגעטראָטנ איינער העלצ פונ פאלקענשטיינ. העלצ איז א פארעטער פונעם ארבעטער־קלאס אונ אנ אלבאקאנטער העפקער־יונג. העלצנ האָבנ אונטערגעקויפט די קאפיטאליסטנ. ער פאָרט ארומ איבער די שטעט אונ רייצט אופ די ארבעטער צו מאכנ אנ אויפשטאנד. ער דערשלאָגט זיכ צו זיינ זאכ אונ ווערט פארשווונדנ.

העלצ איז קלאל ניט קיינ אנטלאָפענער. ער קומט אינ אנ אווטאָמאָביל אונ ווערט גיכ פארשווונדנ. נעכטנ אינאָווענט איז העלצ אוועק פונ האָפ אינ א שווארצנ לאקירטנ אווטאָמאָביל. ווי אזוי קומט צו העלצנ אנ אווטאָמאָביל? צו העלצנ, וואָס גיט זיכ אויס פאר אנ „אנט־לאָפענעמ"? אָט דערדאָזיקער העפקער־יונג האָט זיכ פארפליכטעט פארנ דירעקטער שנעל אינ פאלקענשטיינ ארונטערצורייסנ פארזאמלונגענ, וואָס אפ זיי באהאנדלענ ארבעטער פראגעס פונ העכערנ דעמ ארבעט־לוינ אונ פארבעסערנ די ארבעט־באדינגונגענ. דידאָזיקע היסכייוועס פילט העלצ טאקע אויס! צוליב דעמ האָט דער דירעקטער שנעל אימ געגעבנ זיינ אווטאָמאָביל! מענער, פרויענ אונ מיידלעכ! אָט וואָס פאר א מענטש איז העלצ, וואָס שטויסט אייכ צו מערידעס אונ וואָס ווערט אליינ דערנאָכ פארשווונדנ, עפענענדיק א וועג פאר נאָסקעס אגענטנ. דידאָזיקע זאכ איז נייטיק פאר די קאפיטאליסטנ אונ דעריבער באלוינענ זיי אימ. די אומאָפהענגיקע סאָציאליסטישע פארטיי איז זייער געפער־לעכער סוינע, דעריבער איז העלצ באופטראָגט געוואָרנ ארונטערצו־רייסנ אונדזערע פארזאמלונגענ. צומ טייוול דעמדאָזיקנ אויסוווּרפ! די פראגע וועגנ העכערנ די הילפ פאר ארבעטלאָזיקע ווערט איצט דורכ־געארבעט, אונ דער נייער שטאָטראט וועט דורכפירנ דידאָזיקע זאכ. ס'איז געקומענ דער אנטשיידענער מאָמענט, מע מוז זיכ דערשלאָגנ א סאָציאליסטישע מערהייט! ווער עס באטייליקט זיכ ניט אינ די וואלנ— פאראט זיינ פאמיליע! פאָרויס! שטימט פאר בלומענטריטס צעטל!"

אינ רעזולטאט פונ דעמדאָזיקנ עקלהאפטיקנ סאָציאל־דעמאָקראטישנ אָנשטעל האָט די פאָליציי א שאָ נאָכ דעמ ווי דער מיטינג האָט זיכ

פֿאַרענדיקט מיכ אַרעסטירט אינ טראַקטיר. די בייגעוועזענע אַרבעטער, וואָס פֿאַר זיי האָב איכ זיכ נאָכ פֿריער פֿאָרגעשטעלט, האָבנ מיכ אַרויסגעריסנ פֿונ די פּאָליצעישע הענט אונ מיכ אָפּגעפֿירט מיט די דאָרפֿישע וועגנ אינ אָבערקאָטצ, לעבנ האָף.

אַהערצו זיינענ געקומענ נאָכ מיר דער כאַווער פּאָפּ פֿונ פֿאַלקענשטיינ אונ איינער א כאַווער פֿונ אָוערבאַכ מיט דער אויפֿגאַבע מיכ אומצוקערנ צוריק קיינ אָוערבאַכ, היות ווי דאָס מיליטער האָט, נאָכ זייערע רייד נאָכ, געזאָלט אינ די נאָענטסטע טעג פֿאַרלאָזנ פֿאַלקענשטיינ.

אינ מיינ אָפּוועזנהייט האָבנ די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ אונ אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטנ אויפֿגעהויבנ אינ פֿאַלקענשטיינ דיזעלבּיקע העצע קעגנ מיר, ווי זייערע כאַווײרימ אינ האָף, אויסטראַכטנדיק, אַז איכ בינ א געדונגענער אַגענט בא דער בורזשואַזיע. ס'האָט זיכ אָבער באַקומענ אַזא רעזולטאַט, וואָס אָפּ אימ האָבנ זיי זיכ לאַכלוטנ ניט גערעכט. בעיס די וואַלנ אינ ראַט פֿונ אַרבעטער-דעפּוטאַטנ, וואָס זיינענ פֿאָרגעקומענ באַלד נאָכ דעמ ווי דאָס מיליטער איז אַרויס פֿונ שטאָט, האָבנ די דעמאָקראַטנ באַקומענ 160 שטימענ, די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ — 209, די אומאָפּהענגיקע — 264 אונ די קאָמוניסטנ 1303.

שוינ אינ ערשטנ טאָג פֿונ מיינ פּאָליטישער טעטיקייט, דאָס הייסט נאָכנ געוויסנ מיטינג פֿונ די אַרבעטלאָזיקע, וואָס איז פֿאָרגעקומענ דעמ 24-טנ אַפּרעל 1919, האָט מענ מיכ אָנגעהויבנ צו פֿאַרפֿאָלגנ דורכנ געריכט אַלס בונטאַר, אַלס אָנפֿירער אונ פֿאָרזיצער פֿונעמ ראַט פֿונ די אַרבעטלאָזיקע; מע האָט מיכ באַשולדיקט אינ איינאָרדענענ א דעמאָנסטראַציע — א זאַכ, וואָס איז געווענ פֿאַרבאָטנ מאַכמעס דעמ באַלאַגערונג-צושטאַנד. פֿאַר פֿאַקנ מיכ האָט מענ די ערשטע צוויי וואָכנ באַשטימט א לוינ פֿונ 2000 מאַרק, דערנאָכ האָט מענ די סומע פֿאַרגרעסערט ביז 3000 מאַרק, אונ צומ מאָמענט פֿונעמ קאַפּ-פּוטש האָט זי שוינ דערגרייכט ביז 30.000 מאַרק.

די כאַווײרימ האָבנ מיכ באַזאָרגט מיט דאָקומענטנ אונטער די פֿאַמיליע-נעמענ פֿריצ שטורמ אונ פֿריצ ווערנער. אַרויסטרעטנדיק אונטער

צווייטנ טאָג בינ איכ אריינגעפאָרנ אינ האַלע אונ דאָרט זיכ אויסבאַ־האלטנ בא מיינע פריינט.

איכ באקאָנ זיכ מיט דער טעאָריע פונ סאָציאַליזמ

אינ צוזאמענהאנג מיט די מעסירעס פונ די סאָציאַל־דעמאָקראטנ, וואָס האָבנ אָפּגענומענ בא מיר די מעגלעכקייט צו פירנ אַנ אגיטאציע־טעטיקייט אינ מיטל־דייטשלאנד, האָט די פארטיי באשלאָסנ מיכ אריבערצוּוואַרפנ אינ א צווייטנ ראַיאָנ פונ דייטשלאנד. די לעצטע כאַדאָשימ פונ מיינ פּאָליטישער ארבעט האָב איכ אָבער פארשטאנענ, אז מיר פעלט א טעאָרעטישע מארקסיסטישע צוגרייטונג.—די הויפּט־האנאָכע באמ פירנ אַנ אגיטאציע־ארבעט. אינ די ערשטע כאדאָשימ פונ מיינ פּאָליטישער טעטיקייט אלס מיטגליד פונעמ ראט פונ די ארבעטלאָזיקע האָב איכ קיינ צייט נית געהאט צו לייענענ ביכער, שוינ אָפּגערעדט וועגנ א מעגלעכקייט זיי דורכצוארבעטנ, דערפאר ווייל די געשעענישנ האָבנ זיכ אנטוויקלט מיט א בליץ־שנעלקייט, אונ איכ האָב געלעבט אינ שטענדיקער אומרו.

איבער פראָפאריינישע אונ פּאָליטישע פראגעס האָב איכ דורכגעלייענט בלויז קורט אייסנערס[1]) „דער סאָפ פונ דער אימפעריע", ווערנער זאָמבארטס[2]) „פּראָלעטאריאט" אונ אייניקע אנדערע ביכער זיינע אונ הערמאנ האָרטערס[3]) „היסטאָרישער מאטעריאליזמ". ביז דער נאָיאבער־רעוואָליוציע האָב איכ געלייענט בלויז ליטעראטור וועגנ טעכניק.

א באזונדערע ווירקונג האָט געהאט אפ מיר האָרטערס ביכל. איכ

---

1) אומאָפּהענגיקער סאָצ.־דעמ., דער ערשטער פּרעזידענט פונ דער בייערנ־רעפּובליק, דערהארגעט געוואָרנ אינ 1919 יאָר. אייסנער איז געווענ א דיכטער, א דראמאטורג אונ א זשורנאליסט.

2) א דייטשישער בורזשואזער עקאָנאָמיסט, דער אווטער פונ א ריי ארבעטנ וועגנ דער אנטשטייונג אונ אנטוויקלונג פונעמ הייגטצייטיקנ קאפּיטאליזמ, אינ וועלכע ער קריטיקירט מארקסנ אונ פּרוווט זיכ צו דערגאנצנ זיינ טעאָריע פונ קלאסנקאמפ מיטנ פּרינציפּ פונ נאציאָנאלנ קאמפ.

3) האָלענדישער דיכטער אונ טעאָרעטיקער פונ מארקסיזמ; בעיס דער מילכאָמע האָט ער פארטראָטנ אַנ אינטערנאציאָנאליסטישע פּאָזיציע. (באמערקונג פונ רעד.).

האָב דאָס געלייענט און דורכגעארבעט, זיצנדיק אין צוג בעיס מיינע אגיטאציע־רייזעס און ווען נאָר איך האָב געהאט א פרייע מינוט. איך האָב זיך איבערצייגט, אז איך האָב ניט קיין שום טעאָרעטישע צוגרייטונג, אז ס'איז שוין לאנג צייט צו פארפולן דעמדאָזיקן בלויז. מיר האָט זיך געוואָלט זיין פולשטענדיק באוואָפנט מיטן וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם, מיט דער לערע וועגן קאמף פאר דער באפרייונג פון די ארבעטנדיקע. איך האָב מיך דעריבער זייער דערפרייט, ווען איך האָב אין האלע באגעגנט אפן וואָקזאל אָטאָ רילע, מיט וועלכן איך האָב זיך באקאָנט אמאָל אין פאלקענשטיין אפ א מיטינג, ווו ער איז ארויסגעטראָטן. אָטאָ רילע האָט מיר דערציילט, אז ער קלייבט זיך לויטן אויפטראג פון דער פארטיי איינצואָרדענען לעבן האנאָווער פאָליטישע קורסן פאר ארבעטער און סטודענטן. קיין האנאָווער האָב איך זיך סיידוי געקליבן אראָפצופאָרן, דערפאר ווייל דאָרט האָב איך איינגעאָרדנט די פרוי בא מיינער א כאסענע־געהאטער שוועסטער, און איך האָב געוואָלט זען זיך מיט מיינע אייגענע. בין איך אראָפגעפאָרן צוזאמען מיט רילען אין דעם שטעטל וואלסראָדע און דורכגעגאנגען די זעקסוואָכיקע פאָליטישע קורסן.

ביז דער מילכאָמע האָב איך קיין אָנטייל ניט גענומען אין פאָלי־טישן לעבן, דערפאר ווייל איך האָב ניט געהאט, וואָס עס זאָל מיך שטויסן דערצו. ערשט נאָך דעם אלעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט בעיס דער מילכאָמע און דער נאָיאבער־רעוואָליוציע, האָב איך זיך גע־שטעלט אפ פאָליטישע רעלסן. דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די פיר יאָר פון מיין זיין אפן פראָנט, איז געווען די סיבע פון מיין אינערלעכער איבערקערעניש. מיין פריערדיקע רעליגיעזע וועלטאָנשויונג האָט געפלאצט.

ביז אָטאָ רילעס קורסן בין איך געווען איבערצייגט, אז עטלעכע הונדערט אנטשלאָסענע מסירעסנעפעשדיקע מענטשן קאָנען מ א כ ן א פראָלעטארישע רעוואָליוציע, באפרייען די אונטערדריקטע און עקספלוא־טירטע. ערשט נאָכדעם, ווי אָטאָ רילע האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו באקאָנען זיך מיט די יעסוידעס פונעם וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם, האָב איך פארשטאנען, אז רעוואָליוציעס אנטשטייען ניט בלויז פון איין

אופּברויז פונ הונגדערטער אָדער אפילע מיליאָנענ פּראָלעטארישע הערצער. נאָר אז די סאָציאַלע איבערקערעניש ווערט פריער פאר אלצ באַדינגט דורכ דער אנארכיע פונעמ קאפּיטאליסטישנ פּראָדוציר־אויפנ.

דאָס ערשטע מאָל אינ טורמע

די כאווײרימ באפרײענ מיכ

געענדיקט די קורסנ, בינ איכ אוועקגעפאָרנ צו די אייגענע אינ אילטענ, לעבנ האנאָווער; איכ האָב זיכ באזעצט אינ א וואלד־שטיבל ווייט פונ דאָרפ, אונ שוינ אפּנ צווייטנ טאָג, גאנצפרי, האָבנ מיכ געפּאקט צוויי זשאנדארמענ. זיי האָבנ זייער געציטערט איבער דעמ צוגעזאָגטנ לוינ פונ 5000 מארק פארנ פאקנ מיכ, האָבנ זיי דעריבער גלייכ צוגעשטעלט דעמ רעוואָלווער צו מײנ שלייפ, האלטנדיק, אז ס׳איז גלייכער צו ברענגענ מיכ א דערשאָסענעמ, אײדער מיכ לאָזנ אנטלויפנ. דריי שאָ האָבנ זיי מיכ געפירט אינ דער היצ א געבונדענעמ ביז בורגדאָרפ אונ האָבנ מיכ אָפּגעגעבנ אינ דער קרייז־טפיסע. דעמזעלביקנ טאָג האָט מענ מיר צוויסנ געגעבנ, אז מע וועט מיכ אָפּפירנ אינ פלאוענ אפּנ געריכט.

איכ האָב גלייכ פארשטאנענ, אז פונ פלאוענער טורמע וועט מיר זיינ שווער צו אנטלויפנ. דעריבער האָב איכ גלייכ זיכ גענומענ צונויפּצושטעלנ א פּלאנ פונ אנטלויפנ אונ זיכ געפּרוווט איינריידנ די טורמע־וועכטער, זיי זאָלנ מיר מיטהעלפנ; די וועכטער זיינענ דארומ ניט איינגעגאנגענ. דאנ האָב איכ איבערגעשיקט דורכ דער פרוי א בריוו צו מיינע פאָגטלענדער פריינט, אינ וועלכנ איכ האָב גענוי באשריבנ דעמ פּלאנ פונ מיינ אנטלויפנ.

פינקטלעכ צו דער באשטימטער צייט זיינענ אָנגעקומענ אינ בורגדאָרפ פינפ כאווײרימ; צווישנ זיי זיינענ געווענ דרייסטע יאטנ, דערצו נאָכ האָבנ זיי געבראכט מיט זיכ צו הילפ איינעמ א בראקאָניער, וואָס גאנצ פאָגטלאנד האָט געשעמט מיט אימ. מע האָט אָפּגערעדט, אז דריי כאווײרימ וועלנ אינ האלבער נאכט צוגיינ צו די טורמע־טויערנ: צוויי

דארפנ זיינ פיינ געקליידט אונ איינער פונ זיי אינ א מיליטעריש היטל. דער דריטער האָט געדארפט צוקומענ מיט א געדיכט־אָנגעפאקטנ זאק אפ די פלייצעס, געמיינ געקליידט אונ אָנ א היטל. דער מענטש מיטנ זאק האָט באדארפט שפילנ די ראָליע פונ א בראָדיאגע, וואָס האָט גע־בראכט צופירנ א זשאנדארמ. די צוויי איבעריקע כאווייריִמ האָבנ באדארפט שטיינ אביסל ווייטער אינ דער פינצטער אונ ווארטנ אפ א סיגנאל.

דער כאווער אינעמ מיליטערישנ היטל האָט פונקט אינ האלבער נאכט א קלונג געטאָנ אינ טורמע־טויער אונ אפ דער פראגע, וואָס דארפ ער האָבנ, האָט ער געענטפערט: „איכ בינ דער זשאנדארמ מילער, איכ האָב געבראכט אנ ארעסטירטנ". ווי נאָר די צוויי טורמע־וועכטער האָבנ עטוואָס אופגעעפנט די טיר, קעדיי אויסצוקלאָרנ דעמ איניענ, האָבנ מיינע כאווייריִמ גלייכ א שפאנ געטאָנ פונ יענער זייט שוועל, ברייט צעעפנט די טיר, צוויי פונ זיי האָבנ געבונדנ די וועכטער, דער דריטער האָט א כאפ געטאָנ די שליסלענ.

דעמאָזיקנ גאנצנ אָוונט בינ איכ געלעגנ, ניט אויסטוענדיק זיכ, אפנ באנקבעטל אונ האָב מיט א פארכאפטנ אָטעמ געווארט אפ א וועלכנ ניט איז סיגנאל. צענ א זייגער, ווי נאָר ס'איז פינצטער געוואָרנ, דערהער איכ פלוצימ א סקריפ פונ א זעג סאמע באמ פענצטערל פונ מיינ קאמער. איכ בינ שיר ניט געפלעפט געוואָרנ; איכ האָב לעכאטכילע א טראכט געטאָנ, אז מיינע כאווייריִמ איז אופגעקומענ אפנ זינענ דער־דאָזיקער אומגעלומפערטער געדאנק צו באפרייענ מיכ דורכ דעמדאָזיקנ וועג. דאָס וואָלט אינגאנצנ געפאטערט מיינ פלאנ. ווענ דער סקריפ האָט זיכ פארשטארקט, האָב איכ זיכ באַדענקט, אז דאָס קלייבט זיכ מאכנ פלייטע מיינ שכנ פונ דער צווייטער קאמער. ער האָט געזעגנ אָנ אופהער אונ אלצ שנעלער, ניט לייגנדיק קיינ אכט אפנ סקריפ, וואָס איז געוואָרנ וואָס ווייטער אלצ שטארקער.

איכ האָב אימ געווונטשנ דערפאָלג, אָבער אינ דערזעלביקער צייט האָב איכ מיכ געשראָקנ, טאָמער וועט דערדאָזיקער סקריפ אופשטעלנ אפ די פיס די וועכטער, אונ דער פלאנ וועגנ מיינ אנטלויפנ וועט דורכפאלנ. ביז האלבער נאכט האָט דער שכנ מיינער געזעגנ, מאכנדיק

קליינע איבערייסנ. פלוצימ דערהער איכ א הילכיקנ גערויש אונ נאָכ אימ עטלעכע געשרייענ, א קלאפ פונ פארמאכטע טירנ, א געקלינג פונ צעבראָכענע שויבנ, עטלעכע שאָסנ; ס'צעעפנט זיכ די טיר, אונ א כאווער טוט צו מיר א געשריי: „מאקס, ביזט פריי!" האָב איכ זיכ א לאָז געטאָנ צוזאמענ מיטנ כאווער ארופ. דערזענ, אז איינער פונ די טורמע־וועכטער האָט זיכ ארויסבאפרייט פונ די פענטעס אונ שיסט אָנ א טאָלק פונעמ רעוואָלווער, זיינענ מיר גלייכ א־ויס פונ טורמע.

אפ דער גאס האָט געהערשט א ווילדע בעהאָלע; דערשראָקענע פאָרלעכ זיינענ זיכ צעלאָפנ אינ פארשיידענע זייטנ. מיט אמאָל איז אויסגעוואקסנ פאר אונדז א געדיכטע מענטשנ־וואנט, האָבנ מיר גלייכ פארקערעוועט פונ וועג אפ לינקס אונ האָבנ געטראָפנ אינ א גרויסנ גאָרטנ, וואָס איז ענלעכ געווענ צו א פארק אונ האָט געהערט צומ בורגדאָרפער שלאָס. מיר האָבנ זיכ געקליבנ לויפנ ווייטער, נאָר באלד האָבנ מיר באמערקט, אז דער גאנצער פאר[illegible] איז ארומגעגראָבנ מיט א גראָבנ פונ א מעטער פיר די ברייט, וואָס איז אָנגעפולט מיט וואסער.

קיינ וועג אפ אומקערנ זיכ איז ניט געווענ—אונדז האָבנ נאָכגעיאָגט פיל מענטשנ; מיר האָבנ געמוזט אומבאדינגט שפאנענ פאָרויס. אייניקע האָט זיכ איינגעגעבנ אריבערשפרינגענ דעמ גראָבנ, אנדערע, צווישנ זיי אויכ איכ, זיינענ אריינ אינ טיפנ קאלאמוטנעמ וואסער.

לעצטנס האָבנ מיר אלע זיכ אריבערגעשטעלט פונ יענער זייט גראָבנ. די ווייטע שטרעקע פונ בורגדאָרפ ביז האנאָווער זיינענ מיר דורכגעגאנגענ צופוס.

וועגנ דערדאָזיקער פלייטע האָט „בורגדאָרפער בלעטל" געגעבנ דעמ 12־טנ סענטיאבר אזא מיטיילונג:

„נעכטנ באנאכט איז מיט דער הילפ פונ א באגאנגענעמ גוואלטאקט באפרייט געוואָרנ פונ דער אָרטיקער טורמע דער פירער פונ די ספארטאקיסטנ, דער אייזנבאנ־מעכאניקער העלצ; געבוירנ איז ער אינ פאָגטלאנד. פאָריקנ שאבעס האָט אימ ארעסטירט אינ אילטענ דער זשאנדארמישער וואכמייסטער טאניש. באשולדיקנדיק העלצנ אינ מערידע, האָט די פלאוענער פראָקוראטור געגעבנ דעמ אָרדער אימ צו ארעסטירנ,

באשטימענדיק פארנ פאקנ אימ א לוינ פונ עטלעכע טויזנט מארק. פאָריקע נאכט, ארומ צוועלפ א זייגער, האָט מענ אופגעוועקט דעמ טורמע־וועכטער מיטנ אויסרייד, אז איינער א זשאנדארמ מילער האָט געבראכט אנ ארעסטאנט. דער אומבאקאנטער אינעמ זשאנדארמישנ מונדיר אונ עפעס אייגער א ציווילער האָבנ געפאָדערט פונעמ וועכטער ער זאָל ארויסגעבנ דעמ פאָליטישנ ארעסטירטנ העלצנ. אינ דעמדאָזיקנ מאָמענט האָבנ נאָכ א מענטשנ צוועלפ זיכ ארייַנגעריסנ אינ טורמע־הויפ אונ, דראָענדיק מיט רעוואָלווערנ, האָבנ זיי געפאָדערט די שליסלענ. ווענ דער באאמטער האָט זיי אָפגעזאָגט אינ דעמ, האָבנ זיי ארויסגעריסנ בא אימ די שליסלענ פונ די קאמערעס אונ ארויסגעלאָזט דעמ ארעסטירטנ. דער אופזעער האָט נאָכ ניט באוויזנ צו רופנ נאָכ הילפ, אונ די וואָס האָבנ געמאכט דעמ אָנפאל זייַנענ אוועק צוזאמענ מיט זייער באפרייטנ כאווער. מע האלט, אז בעייסנ דורכפירנ זייער פלאנ האָבנ זיי זיכ באנוצט מיט אנ אווטאָמאָביל. לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבנ, איז דאָס שוינ דער דריטער פלייטע־פאל, דערביי ווערנ די פלייטעס געמאכט אפ אלצייַנ אויפנ. ס׳איז ניט צו פארשטייַנ, פארוואָס די מאכט, וואָס האָט געוווּסט וועגנ העלצס פריערדיקע אנטלויפונגענ, האָט ניט אָנגענומענ קייַנ באַזונדערע באוואָרנ־מיטלענ".

צומ באדויערנ, האָבנ מיר קייַנ אווטאָמאָביל ניט געהאט, אָבער אויכ אינעמ געגעבענעמ פאל האָבנ די מאָסערס פונ דער אומאָפהענגיקער סאָציאליסטישער פארטיי אריבערגעשטיגנ אלע אנדערע, דערפאר ווייל מאר זיי איז ווייניק געווענ אָנצושרייבנ, ווי די בורזשואזע צייטונג: „מע האלט, אז בעייסנ דורכפירנ זייער פלאנ האָבנ זיי זיכ באנוצט מיט אנ אווטאָמאָביל". נייַנ, די אומאָפהענגיקע סאָציאליסטנ האָבנ געשריבנ אינ דער „אָבערפרענקישער צייטונג": „די אָנטיילנעמערס פונעמ אָנפאל אונ דער ארעסטירטער זייַנענ אוועק אפ אווטאָמאָבילנ, וואָס זייַנענ געשטאנענ גרייט."

ווענ מע פאקט מיכ,—העגנט מענ מיכ

אָפגעווענ אינ האנאָווער צוויי טעג, בינ איכ אוועקגעפאָרנ קייַנ האלע, ווו איכ האָב באגעגנט דעמ כאווער אייזשענ שטיינבערט אונ אפנ צווייטנ

טאָג אויך אָטאָ ריולען. שוין אפן דריטן טאָג האָב איך דורכגעפירט א מיטינג אין לעוגאווערק, אָט טאַקע דאָרטן, וווּ מיך האָבן ערשט ניט לאַנג שיר־שיר געפּאַקט די זשאַנדאַרמען. דעמדאָזיקן טאָג אָבער האָט מען זיי ניט געזען.

פון האַלע האָב איך זיך אומגעקערט קיין פּאָגטלאַנד. דאָ האָב איך אָפט געביטן מיין וווינ־אָרט, אויסנוצנדיק יעדע פרייע שעה אף דורכצור־ארבעטן דאָס ווערטפולסטע, וואָס מיר האָט געגעבן אָטאָ ריולעס קורס. מיט גרויס פלייס האָב איך דורכגעשטודירט די געהעריקע ליטעראַטור. איצט האָב איך ניט זייער געשטרעבט צו אַקטיווער טעטיקייט און בין געווען זייער צופרידן, וואָס איך פיר אונטער א פעסטע וויסנשאַפטלעכע באַזע אונטער מיין עמאָציאָנעלער באַציונג צו דער רעוואָליוציע.

אין יענער צייט איז מיר אָפט אויסגעקומען צו לייענען אין צייטונ־גען, אַז איך ווייז זיך דאָ און דאָרט, טרעט ארויס אף מיטינגען, אף וואָקזאַלן א. א. וו.; ניט איינמאָל האָט מען מיטגעטיילט, אַז מע האָט מיך ארעסטירט און אין די „לייפּציגער נייסטע נאַכריכטן” האָט מען אַפילע געשריבן אַזאָ, אַז מ׳האָט מיך דערשאָסן. פון פאַרשיידענע שטעט האָט מען געשיקט דעלעגאַציעס, קרענץ, טעלעגראַמעס און בריוו פון מיטגעפיל אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין „לעוואַיע”.

ניט געקוקט דערויף, וואָס כאַווײרים האָבן מיר געראָטן ניט ארויס־צוטרעטן, בין איך געקומען אַמאָל אף א גרויסן מיטינג פון ארבעט־לאָזיקע און גערעדט דאָרט העכער א שעה צייט. פּלוצים האָבן זיך ארייַנגעריסן אין זאַל זשאַנדאַרמען אף צו ארעסטירן מיך. האָט זיך אָנגעהויבן א שיסעריי און ס׳איז געוואָרן א פּאַניק. פּונקט אין יענעם מאָמענט, ווען די זשאַנדאַרמען האָבן זיך געקליבן מיך צו ארעסטירן, האָט דער כאַווער פּאָפּ א זעץ געטאָן מיט א שטעקן אין דער גרויסער ליוסטרע. ס׳איז פאָרגעקומען א קורצשלוס און ס׳איז געוואָרן שטאָק־פינצטער.

אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב זיך געקליבן ארויפצושפּרינגען פון דער טריבונע, האָבן מיך א פּאַק געטאָן עטלעכע זשאַנדאַרמען. איך בין ארויפגעפאַלן און זיי האָבן אָנגעהויבן צו שלאָגן מיך מיט די פיס

אונ צו האקנ מיר אינ קאָפ מיט די רעוואָלווערנ. אָבער אויכ פונ דער־דאָזיקער האָפנונגלאָזער לאגע האָבנ מיכ די ארבעטער ארויסגענומענ, אונ איכ בינ ארויס פונ זאל.

אפ דער גאס האָט די פּאָליציי ניט אופגעהערט צו יאָגנ נאָכ מיר— אונ ס'איז דערגאנגענ ביז אנ עמעסער גאסנ־שלאכט: ס'זיינענ פארוווּנדעט געוואָרנ עטלעכע פּאָליציאנטנ. אדאנק דעמ שוצ פונ דער דרייטויזנט־קעפּיקער מאסע האָט זיכ מיר איינגעגעבנ צו אנטלויפנ.

אפנ 22־טנ אָקטיאבער האָט די קאָמפּארטיי באשטימט א פארזאמ־לונג אינ פאלקענשטיינער שיסער־הויז. מיר האָט זיכ ניט געוואָלט גיינ אפ דערדאָזיקער פארזאמלונג, נאָר אכט אזייגער אפדערנאכט, ווענ די פארזאמלונג האָט זיכ שוינ פונלאנג אָנגעהויבנ, ברענגט מענ מיר דעמ לעצטנ נומער „פאלקענשטיינער באָטע". אינ דעמדאָזיקנ נומער איז ווידער געווענ פארעפנטלעכט אפ אנ אָנגעוועזענ אָרט א מעלדונג וועגנ אופזוכנ מיכ, דעמ לוינ פארנ כאפנ מיכ האָט מענ דאָס מאָל געהעכערט אפ עטלעכע טויזנט מארק. דאָס האָט מיר אונטערגעגעבנ כיישעק, אז איכ זאָל צערייצנ אביסל פאלקענשטיינער טוישווים, די שפּיקעס אונ די זשאנדארמענ.

איכ האָב קיינעמ פונ די כאוויירימ ניט געמאָלדנ וועגנ מיינ קומענ אפנ מיטינג,—צייט איז געווענ ווייניק אונ טאָנ האָט מענ באדארפט וואָס גיכער,—נאָר בעייסנ מיטינג בינ איכ גלייכ אריינגעשפּרונגענ דורכנ פענצטער אפ דער עסטראדע. מיינ אומדערווארט באווייזנ זיכ האָט גע־מאכט אייג איינדרוק אפ אלע פארזאמלטע. פריער האָבנ געשריענ אונ געוויינט פונ שרעק, אז דאָס מאָל וועט מענ מיכ געוויס ארעסטירנ. מע האָט געוווּסט, אז אינ די לעצטע טעג האָבנ די זשאנדארמענ באַ־קומענ א היפּשע פארשטארקונג אונ אז זיי געפינענ זיכ אינ זאל. נאָכ א קורצער רעדע בינ איכ צוריק ארויס דורכנ פענצטער. די צייטונג „פאָגטלענדישער אָנצייגער" האָט אזוי געשריבנ וועגנ דערדאָזיקער געשעעניש.

„דער קאָמוניסט העלצ, וואָס פארנ כאפנ אימ האָט מענ באשטימט א הויכנ לוינ, געפינט זיכ איצט שוינ ניט אינ האנאָווער, נאָר אינ

פאָנטלאנד, מיטוואָכ האָט ער זיכ באוויזנ אינ פאלקענשטיינ אפ א מיטינג פונ די קאָמוניסטנ אינעמ שיסער־הויז, ער האָט געהאלטנ א קורצע רעדע, אינ וועלכער ער האָט באדאנקט זיינע אָנהענגער פאר זייער שטיצנ אימ. נאָכדעמ האָט ער אָפגעצויגנ אונ ניט געשטייעט אינ דער באכט־פינצטערניש. אינ עק שטאָט, אפנ פלאוענער וועג האָט געווארט אפ אימ אנ אווטאָמאָביל. ווי ס'ווייזט אויס, איז ער געקומענ אפ אנ אווטאָמאָביל אונ אפ אימ איז ער אויכ אנטלאָפנ. ווי מע טיילט אונדז מיט, האָט די פינצטערניש געשטערט נאָכצושפירנ נאָכ זיינע טריט אונ אָרגאניזירנ דאָס נאָכיאָגנ אימ. ארעסטירנ אימ האָט מענ ניט געקאָנט, דערפאר ווייל דער געפּאקטער זאל איז געווענ באוואכט פונינווייניק אונ פונדרויסנ מיט זיינע אָנהענגער".

צומ באדויערנ, האָב איכ אויכ דאָס מאָל ניט געהאט אינ מיינ רעשוס ניט קיינ אווטאָמאָביל, ניט קיינ וועלאָסיפּעד אפילע. אגעוו, האָב איכ ווירקלעכ געמאָלדנ אפנ מיטינג, אז דאָס יאָגנ נאָכ מיר וועט זיינ אומזיסט, דערפאר ווייל ס'ווארטנ אפ מיר עטלעכע אווטאָמאָבילנ מיט באוואָפנטע כאוויירימ.

איבערלייענענדיק אינעמ „פאָנטלענדישנ אָנצייגער" דידאָזיקע נאָטיצ, האָב איכ באשלאָסנ צו דערוויזנ דער פאָליציי, אז אויכ אָנ אנ אווטאָמאָביל וועל איכ מיכ קאָנענ גאנצ זיכער באהאלטנ. אינ צוויי טעג ארומ נאָכנ מיטינג האָב איכ אינ מיטנ העלנ טאָג דורכגעשפּאצירט איבער דער שטאָט אָנ שומ באגלייטער. מיינע כאוויירימ אונ פריינט האָבנ אפילע ניט געוווּסט, אז איכ האָב פארטראכט אזא שפּיצל, איכ בינ מיר פאמעלעכ דורכגעגאנגענ אייניקע גאסנ, דורכגייער האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט, געגלאָצט אפ מיר מיט די אויגנ, טייל האָבנ געהאלטנ, אז דאָס איז ניט אנדערש נאָר א כאָלעמ, אנדערע זיינענ דערשטוינט געוואָרנ פונ מיינ ווונדערלעכער ענלעכקייט צו העלצנ.

איכ האָב זיכ געלאָזט מיט גיכע טריט גלייכ אינ דער געבוידע פונעמ ראָטהויז, אינ דעמ פאָליציי־באצירק, ווו עס זיינענ געווענ פיל פאָליציאנטנ. צוגעגאנגענ, האָב איכ אויסגערופנ מיט א גאנצ הויכער שטימע: „גוט מאָרגנ! אלצ אינ אָרדענונג?" דאָס איז געווענ א מינוט פונ גרוי־

טער געפאר. די באמטע זיינען אָבער געווען אזוי דערשטוינט, אַז קיינער פון זיי האָט זיך אפילע קיין ריר ניט געגעבן. זיי האָבן אָפּ נעענטפערט אַפּ מיינע גרוס, און ווען איך האָב ווידער איבערגעכאַזערט אַפּ א קאָל דיזעלביקע פראגע, האָט עמיצער א זאָג געטאָן: „יא, אלץ איז אין אָרדענונג". „אויסגעצייכנט"—האָב איך געזאָגט, זיך א קער געטאָן, בין ארויס פונעם ראָטהויז. דערנאָך בין איך אריין אין מייערס קאפע, זיך אוועקגעזעצט נעבן א טישל, וואָס איז געווען פארנומען מיט שטענדיקע באזוכער און געהייסן מיר דערלאנגען א גלעזל קאווע; איך האָב דערביי געזאָגט דער באלעבאָסטע, זי זאָל זיך אביסל צו־איילן, ווייל אויב ניט וועלן מיינע קאווע אויסטרינקען די זשאנדארמען. איבערלאָזנדיק אין עטלעכע מינוטן ארום די קאפע, בין איך ארויס אַפּ דער גאס. דאָ האָב איך באגעגנט מיין כאווער פאול פּאָפּ, וואָס האָט מיך שוין געזוכט; אין שטאָט האָט מען צעפּויקט א קלאנג, אז איך בין ארעסטירט איבער מיין אומזיניקער געוואגטקייט. בעיס פּאָפּ האָט מיך גענומען מוסערן דערפאר, זיינען צו אונדז צו צוויי פּאָליציאנטן און געוואָלט מיך פּאקן. דאן האָט פּאָפּ ארויסגענומען פון הינטער דער פּלייצע א גראָבן דראָנג, וואָס האָט גלייך איבערצייגט די פּאָליציאנטן, אז זיי אליין וועלן זיך מיט אונדז ניט ספּראווען. ביז וואָס־ווען האָבן מיר באוויזן צו מאכן פּלייטע.

אפדערנאכט האָט מען מיר צו וויסן געגעבן, אז די פּאָליציי איז איבערצייגט, אז איך וועל קומען אַפּ דער פארזאמלונג פון דער קאָמ־פּארטיי, וואָס איז געווען באשטימט אַפּ דעמזעלביקן אָוונט און אז זי האָט שוין אָנגענומען אלע מיטלען אַפּ צו פּאקן מיך. אזוי איז ווירקלעך געווען: ניין אזייגער אינאָוונט האָבן די זשאנדארמען ארומגערינגלט דעם האָטעל „פאלק". די פּאָליציאנטן האָבן זיך ארייגעריסן אינעם קליינעם זאל, ווו ס'איז פאָרגעקומען די פּארטיי־פארזאמלונג; זיי האָבן מיך געזוכט אין אלע שראנקען, געקראָכן אונטער די קאנאפּעס. און איך בין מיר געליגן באהאלטן אין דער פינצטערער נישע פון דער קירכע, אַפּ א מעהאלעכ פון צוואנציק מעטער ווייט, און נאָכגעקוקט נאָך דעם־דאָזיקן טשיקאווע בילדל.

אינ א פאָר וואָכנ ארום נאָכ דערדאָזיקער געשעעניש האָט מענ ארעסטירט דעם כאווער פאול פאָפ, וואָס די פאָליציי האָט אים געהאלטנ פאר איינעם פונ מיינע הויפט-„אדיוטאנטנ". מיר האָבנ באשלאָסנ אים צו באפרייענ. אלצ איז געווענ גרייט; מיר האָבנ זיכ געקליבנ ארופכאפנ זיכ אפ א לייטער צום טורמע-אופזעער אינ שלאָפ-צימער, צונעמענ בא אים דעם שליסל אונ פארהאלטנ אים ביז מע וועט ארויסלאָזנ פאָפנ פונ דער קאמערע.

אָבער איידער מיר זיינענ נאָכ צוגעטראָטנ אויסצופילנ אונדזער פלאנ, איז געקומענ צו פאָרנ צו אונדז איינער א כאווער, וואָס די פאָליציי האָט אים פארפאָלגט. דערהערט אונדזער פלאנ, האָט ער זיכ אָנגערופנ: „דאָס אלצ וועל איכ אליינ אָפטאָנ".

ער איז אוועקגעגאנגענ צו פאָפס פרוי, וואָס האָט זיכ באצויגנ גלייכגילטיק צו פאָליטיק, אונ איר זיכ פאָרגעשטעלט אלס דעם מאנס א כאווער פונ פראָנט—פאקטיש האָט ער פאָפנ קיינמאָל אינ די אויגנ ניט געזענ. ער האָט איר אָנדערציילט מייסעס וועגנ זיינ לעבנ אינ ענגליש-פראנצויזישער געפאנגענשאפט, וועגנ די שליכעסנ, וואָס פאול פאָפ האָט גענומענ אפ זיכ איבערצוגעבנ זיינע עלטערנ נאָכ ביז דער געפאנגענשאפט. איצט קאָנ ער ניט אופזוכנ זיינ פאמיליע אונ נאָר איינ פאול וואָלט אים געקאָנט געבנ די נייטיקע ידיעס. אָנגעטאָנ איז ער געווענ אינ א קורצנ אונ ענגנ מיליטערישנ מונדיר אונ האָט געהאט א נעבעכדיקנ אונ פארוואָגלטנ אויסזענ. די נאיווע פרוי האָט געגלייבט דידאָזיקע מייסעס. דערוויסנדיק זיכ, אז זי טראָגט דעם מאנ אירנ אלע אָוונט ברויט אונ קאָפע אינ טורמע אריינ, האָט ער געבעטנ בא איר א דערלויבעניש צו גייענ אמאָל צוזאמענ מיט איר אינ טורמע, קעדיי צו באקומענ א מעגלעכקייט זיכ דורכריידנ מיט פאולנ.

ווענ ער איז געקומענ אינ טורמע, האָט דער אופזעער טכילעס ניט געוואָלט אריינלאָזנ אים, נאָכדעם האָט ער באקומענ צוטרוי באמ אופזעער, אונ מע האָט פאָפנ ארויסגעלאָזט פונ דער קאבערע. די געביידע איז געווענ ארומגעצוימט מיט מאסיווע אייזערנע גראטעס. פונ

איין זייט פון דידאָזיקע גראַטעס איז געשטאַנען דער אופזעער מיט פּאָפּן, פון דער צווייטער זייט—דער אָנגעקומענער כאַווער.

דערזען פּאָפּן אַרויסגיין פון דער קאַמערע, האָט דער כאַווער אַ פליעסקע געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען: „פּאַול, אָט ווו מיר האָבן זיך מיט דיר באַגעגנט!" און גלייך האָט ער אַ פּאַר געטאָן, סימורלירנדיק אַ טיפן כאַלאָשעס־פּאַל.

פּאָפּן איז אפילע אין געדאַנק ניט איינגעפאַלן, וואָס דאָ קומט פּאָר. ער האָט אַ בעט געגעבן דעם אופזעער געבן הילף דעמדאָזיקן מענטשן, וואָס האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין. דער אופזעער האָט אופגעעפנט די גראַטעס; דאַן האָט דער אָנגעקומענער כאַווער זיך גלייך אַ שטעל געטאָן אָפּ די פיס און, אַרויסשלעפנדיק פון די הויזן־טאַשן צוויי רעוואָלווערן פון מיליטערישן מוסטער, האָט ער אויסגעשריען: „איצט פאָרווערטס, פּאַול!" און ביידע זיינען זיי פאַרשווונדן געוואָרן נאָך איידער דער אופזעער, וואָס האָט זיך איבערגעשראָקן אָפּ טויט, איז געקומען צו זיך. פּאָפּס פרוי איז וואָך אַלץ געשטאַנען ווי פאַרדולט מיטן קאָפּייניק אין האַנט.

דעם אופזעער איז מער ניט געבליבן צו טאָן, נאָר אַרעסטירן פּאָפּס פרוי אין זי פאַרשליסן אין דעם מאַנס קאַמערע. זי האָט געשוואַנגערט און אין דער היים האָט זי געלאָזט אַ פולע שטוב מיט קינדער, צווישן זיי אַ צווילינג, וועלכן זי האָט אַליין געזויגן. ניט געקוקט אָפּ דעם אַלעם, האָט דער ריכטער ריטשעל, וואָס האָט ביקלאַל זייער גראָב זיך באַצויגן צו פרויען פון אַרבעטער און אַרבעטלאָזיקע, זיך דערלויבט אָפּשיקן אַפּן צווייטן טאָג דידאָזיקע שוואַכע קראַנקע פרוי, אַ געשמידטע אין קייטן אין דער פלאָוענער טורמע אין דער באַגלייטונג פון אַכט זשאַנדאַרמען. אָט דאָס איזדיעקוועץ זיך, דאָס אומגעהויער נידערטרעכטיקע באַגיין זיך מיט אַ לאַכלוטן אומשולדיקער פרוי האָט גוואַלטיק אופגעבראַכט אונדז אַלעמען און באַזונדערס יענעם כאַווער, וואָס האָט באַפרייט פּאָפּן. ער האָט געשווירן צו דערשיסן ריטשעלן. מיר זיינען געווען געצוווּנגען אים אָפּצושיקן פון פאַלקענשטיין, קעדיי אויסצומיידן ניטגעוווּנטשענע פאָלגן.

מיר האָבנ באשלאָסנ אויסצונוצנ לעכאטכילע די לעגאלע מעגלעכ־קייטנ אפ צו באפרייענ פאָפס פרוי, אונ אינ פאל, ווענ דאָס וועט זיכ ניט איינגעבנ אינ פארלויפ פונ פינפ טעג, באפרייענ זי איבערגעוואלט. אָבער דער פארטיידיקער האָט אינ עטלעכע טעג ארומ זיכ דערשלאָגנ דערצו, אז זי איז באפרייט געוואָרנ.

אינ א פאָר טאָג ארומ שפאציר איכ מיר איינמאל אפ דער נאכט הינטער דער שטאָט מיט מיינעמ א כאווער. ס'איז געליגנ א טיפער שניי. פלוצימ האקט אונדז איבער דעמ וועג איינער אפ שניי־שיכ. ווענ ער איז שוינ אָפגעפאָרנ א מעטער צוואנציק, פרעג איכ מיינ באגלייטער: „הער, איז דאָס ניט דער ריכטער ריטשעל?" איכ האָב געהייסנ מיינ כאווער אימ אָניאָגנ אונ געווירווערנ, ווער איז ער. דער כאווער האָט אימ דעריאָגט אונ א פרעג געטאָנ: „איר זייט דער ריכטער ריטשעל?" יענער האָט געענטפערט: „יאָ, דאָס בינ איכ. וואָס דארפט איר?" מיר האָבנ זיכ ארופגעוואָרפנ אפ אימ, אימ איבערגעקערט אינ שניי אונ געצימבלט מיט די גלימשער־שטעקנס העכער א האלבע שאָ צייט, ביז מיר האָבנ צולעצט צעבראָכנ די שטעקנס אונ זיכ צעקרעלט די הענט. דעמדאָזיקנ פסאק האָבנ מיר אימ געגעבנ שווייגנדיקערהייט. ריטשעל אָבער, וואָס האָט זייער גוט געוווסט, פארוואָס מע שלאָגט אימ, האָט די גאנצע צייט געשריענ: „וואָס פאר א שייכעס האָב איכ דערצו? איכ בינ דאָ קלאל ניט שולדיק!" דער סאָפ פונ דידאָזיקע קלעפ איז געווענ אזעלכער: דער ריכטער האָט אָפגעקרענקט עטלעכע וואָכנ אינ שפיטאָל. דערנאָכ האָט ער געבעטנ, מע זאָל אימ אריבערפירנ ערגעצ אנדערש.

קעגנ מיינ ווילנ האָב איכ פארבראכט נאָכ אייניקע כאדאָשימ אינ איינזאמקייט. דאנ האָב איכ לויטנ פאָרשלאג פונ דער אָרגאניזאציע ווידער אָנגעהויבנ צו פירנ אנ אגיטאטערישע ארבעט אינ פאָגטלאנד אונ צאָפנ־בייערנ.

מיינ ערשטער ארויספאָר איז געווענ דורכצופירנ א פארזאמלונג אינ ווערדאו, וואָס איז באקאנט אלס גרויסער אינדוסטריעלער צענטער, דאָ האָב איכ אונטערנ פסעוודאָנימ „פראָפעסאָר לערמאָנטאָוו" געמאכט

א פאָרטראג אפ דער טעמע: „וואָס גיט אונדז דער קאָמוניזמ: פרייהייט אונ ברויט, אָדער נויט אונ הונגער?"

לויט דער מעלדונג, וואָס איז געגעבנ געוואָרנ אינ דער אָרטיקער פרעסע, האָט מענ ניט געקאָנט דערגיינ, וואָס פאר אַ מיטינג וועט דאָס זיינ — א קאָמוניסטישער אָדער אנ אנטיקאָמוניסטישער. דער גרעסטער זאל פונ ווערדאו, ווו עס איז פאָרגעקומענ דער מיטינג, איז געווענ געפאקט מיט מענטשנ. דאָרט זיינענ געווענ אי ארבעטער, אי סאמע אָנגעזעענסטע בירגער פונ שטאָט, צווישנ זיי אויכ דער בורגמיסטער אונ אייניקע מיטגלידער פונעמ שטאָט־ראט. איכ האָב גערעדט בערערכ א שאָ; קעדיי מע זאָל מיכ ניט דערקאָנענ, האָב איכ אָנגעטאָנ האָרנ־ברילנ; געענדיקט דעמ פאָרטראג, האָב איכ אופגעדעקט מיינ אינקאָגניטאָ. די אָנגעזעענע לייט מיטנ בורגמיסטער בעראָש האָבנ זיכ גלייכ אָפגעטראָגנ, אָבער אנשטאָט זיי איז די געביידע אינגיכנ פארפולט געוואָרנ מיט פאָליציי. כאוויירימ האָבנ מיכ אראָפגעפירט פונ דער טריבונע אונ אראָפגעלאָזט אפ א שטריק־לייטער פונ דער הינטערשטער זייט געביידע. אָבער ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ אז דער שטריק־לייטער איז קורצ אונ איכ האָב געמוזט אראָפשפרינגענ פונ א הויכ פונ 4 מעטער. פונ דעמ דאָזיקנ שפרונג האָב איכ באקומענ אנ אינערלעכנ בלוט־שטורצ אינ דער קני אונ געהאט צו טאָנ דערמיט עטלעכע וואָכנ.

פונ ווערדאו בינ איכ אָפגעפאָרנ אפ א מיטינג אינ זעלב, וואָס אינ בייערנ. דער מיטינג איז דורכגעגאנגענ שטיל. די דאָרטיקע זשאנדארמענ האָבנ זיכ ניט אנטשלאָסנ צו כאפנ מיכ, בעיס איכ בינ צווישנ א מענגע; זיי האָבנ געהאלטנ, אז דאָס וועט זיינ באקוועמער נאָכדעמ, ווענ דער מיטינג וועט זיכ פארענדיקנ, אונ דעריבער האָבנ זיי זיכ צעשטעלט בא אלע ארויסגאנג־טירנ. איכ בינ אָבער פארשוואונדנ געוואָרנ פונ דער געביידע פונקט אזוי אומבאמערקלעכ, ווי איכ בינ געקומענ. דערפאר אָבער האָבנ אפנ צווייטנ גאנצפרי געטשאטעוועט אפנ וואָקזאל, וואָס שטייט אינ א זייט פונ שטעטל, זשאנדארמענ אָנגעטאָנ ציוויל. דער ווייטיק אינ פוס, וואָס האָט זיכ פארשארפט די לעצטע

אָנגעשטרענגטע טעג האָט מיר ניט דערלויבט צו מאכנ ווייטע שטרעקעס צופוס. איך בינ דעריבער געווענ געצווונגענ צו פאָרנ מיט דער אייזנבאנ. מיר—איך איז מיינ באגלייטער—האָבנ שוינ באוויזנ צו נעמענ בילעטנ ביז האָפ; פלוצים באמערק איך מיינע פארפאָלגערס; זיי האָבנ ארויסגעקוקט אפ יענעמ מאָמענט, ווענ איך וועל ארייַנ אינ וואגאָנ, קעדיי מיך דאָרטנ צו פאקנ. האָב איך געמאכט אנ אָנשטעל, ווי איך וואָלט וועלנ ארופ אפנ צוג, בעיס ער איז נאָך אינ גאנג און האלט בא צוקומענ צומ פעראָנ. באלד בינ איך מיט מיינ כאווער אריבער די רעלסנ און מיר זיינענ אוועק אינ שביינעסדיקנ וואלד. די זשאנדארמענ האָבנ באמערקט דעמדאָזיקנ מאנעווער, און ס'האָט זיך אָנגעהויבנ א ווילד נאָכיאָגעניש, וואָס האָט זיך געצויגנ פונ פיר ביז זיבנ אינ אָונט. דאָס איז געשענ דעמ 12-טנ מארט 1920; אינ וואלד איז נאָך געליגנ א טיפער שניי. מע האָט געשטעלט אפ די פיס די גאנצע אומגעגנט. מיטנ אויסגעטראָטענעמ שליאך האָבנ מיר ניט געקאָנט גיינ. קוים זיינענ מיר בלויז אפ א מינוט ארויס פונ וואלד, אזוי האָבנ מיר גלייך באמערקט די גלאנצנדיקע קאסקעס. אפ אונדז האָבנ געטשאטעוועט זשאנדארמענ, פוסגייער, רייטער און וועלאָסיפעדיסטנ. דער פאָליצעישער אפאראט האָט געארבעט אויסגעצייכנט, און מיר וואָלטנ גלאט ניט אָפגעשניטנ, ווענ ניט דער געדיכטער וואלד, וואָס האָט אונדז פארשטעלט פונ די פארפאָלגערס אויגנ.

דורכגענעצטע, הונגעריקע און פארמאטערטע האָבנ מיר אינ אָוונט זיך דערשלאָגנ אינ אָבערקאטצאַו. פונ גרויסער אָנשטרענגונג איז מיינ קראנקער פוס געשוואָלנ געוואָרנ און האָט מיר אזוי שטארק וויי געטאָנ, אז איך האָב קיינ טראָט ניט געקאָנט מאכנ, ניט שרייענדיק פונ ווייטיק. אינ אָבערקאטצאַו האָט אונדז אויפגענומענ א כאווער; ער האָט מיר דער ערשטער מיטגעטיילט וועגנ דער ארויסטרעטונג פונ די אָפיצירנ־מאָנארכיסטנ אינ בערלינ און אינ אנדערע שטעט.

די יעדיעס זיינענ געווענ פול מיט ווידערשפרוכנ. ס'איז אָבער געווענ קלאָר, אז עס קומט פאָר זייער א באדייטנדיקע געשעעניש און אז מיר ארבעטער דארפנ זיינ אפ דער וואך.

איך האָב באַשלאָסן צופאָרן מיט דער אײַזנבאַן פון אָבערקאַטצאָ קיין האָם און דאָרט געוויר ווערן געניי. באַם אַרײַנגאַנג אפן פעראָן איז געשטאַנען א זשאַנדאַרם; ער האָט געוואָרפן אַן אופמערקזאַמען בליק אפ מיר און אפ מײַן באַגלייטער און איז אַרײַן אין וואָקזאַל. מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אופצוזעצן זיך אין וואַגאָן, ווי עס זײַנען שוין געווען א מענטשן פופצן, קומען אַרײַן אין וואַגאָן עטלעכע זשאַנדאַרמען און פאָדערן, איך זאָל גיין מיט זיי. איך האָב זיך אָפגעזאָגט. נאָך היציקע טײַנעס האָבן זיי פאַרלאָזט דעם וואַגאָן, אָבער אײַנגיכן האָבן זיי זיך אומגעקערט. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע זשאַנדאַרמען. זײַענדיק איצט מער אַנטשלאָסן, האָבן זיי געמאַכט א פרווו מיך צו אַרעסטירן, איך האָב אומבאַמערקט פאַר זיי אַראָפגענומען דעם פאַרהיטער פון דער האַנט־גראַנאַטע, וואָס איז געליגן בא מיר אין טאַש, זי אַרויסגענומען, אופגעהויבן אַרופ און אויסגעשריען: זאָל נאָר עמיצער מיך אָנרירן—איך וועל דעם גאַנצן וואַגאָן צעטראָגן!" איך בין געווען גרייט אפ אַלץ. האָט זיך אָנגעהויבן א פאַניק אפ ניט צו באַשרײַבן. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן אין ווילדער שרעק זיך א לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, פריער פאַר אַלע זײַנען געלאָפן די זשאַנדאַרמען. זיי, די זשאַנדאַרמען האָבן דערבײַ געשריגן צו די פּאַסאַזשירן: „בלײַבט אפ די ערטער, זיצט אין וואַגאָן" און אַליין זײַנען זיי פריער פון אַלע אַרופ אפ דער רעטונג־פּלאַטפאָרמע. ס'האָט געדויערט בלויז אייניקע סעקונדעס, בין איך שוין געשטאַנען אין וואַגאָן איינער אַליין מיט דער גראַנאַטע אין האַנט. אפילע מײַן באַגלייטער איז אויך אַנטלאָפן. איך האָב אויסגענוצט דידאָזיקע באַקוועמע מינוט, פאַרלאָזט דעם וואַגאָן, אַריבערגעשפּרינגען דעם באַריער, דורכגעשניטן די רעלסן און געלאָזט זיך לויפן. בעיס איך בין אַריבערגעקראָכן אַריבער א פלויט, האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אים דער צינד־שנור פון דער גראַנאַטע, און איך האָב זי נאָך אַלץ געהאַלטן אין האַנט; נאָך א ווײַלע, וואָלט איך צעריסן געוואָרן אפ שטיקלעך איבער דערדאָזיקער נאַרישער ניטפאָרזיכטיקייט.

דער שטאַרק־געשוואָלענער פוס מײַנער האָט מיר שרעקלעך וויי געטאָן, און איך האָב מיט גרויס מי זיך דערשלאָגן ביז האָם.

די שלאכטנ אינ פאָגטלאנד בעייסנ קאפּ־פּוטש

ס'איז פאָרגעקומענ דאָס, וואָס די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט שוינ פינלאנג פאָרויסגעזענ און וועגנ וואָס זי האָט שטענדיק געוואָרנט די ארבעטער, רופנדיק זיי צו וואכזאמקייט. בא דידאָזיקע באדינגונגענ האָב איכ ניט געקאָנט און ניט געטאָרט בלייבנ אינ האָמ. מיכ האָט גוואלטיק געצויגנ קיינ פאָגטלאנד, קעדיי צו אָרגאניזירנ דאָרט צוזאמענ מיט די פעסטע קעמפערישע ארבעטער א ווידערשטאנד אינ ברייטנ מאסשטאב קעגנ דעמ מאָנארכיסטישנ פוטש. ס'איז אָבער געווענ אנ אומזינ צו פאָרנ אינ פאלקענשטיינ מיטנ צוג: די בייערישע זשאנדאר־מענ האָבנ איינגעשטעלט אנ אופזיכט אפ אלע סטאנציעס און אינ אלע צוגנ און זיי וואָלטנ מיכ געוויס געפאקט. איז געבליבנ נאָר איינ וועג: פרוּוונ אומצוקערנ זיכ קיינ פאָגטלאנד צופוס, ניט געקוקט דערופ, וואָס דער פוס האָט מיר שטארק וויי געטאָנ.

א שאָ פינפ האָב איכ מיכ מיט גרויס מי געשלעפט אינ וועג. דאָס געשווילעכטס איז אלצ געוואָקסנ. סאָפקאָלסאָפ האָב איכ ניט אויס־געהאלטנ. איכ האָב א בעט געגעבנ א באלעבאָס פונ א בייוועגיקנ טראקטיר, ער זאָל מיכ אָפפירנ פאר געצאָלטס אינ עלסניצ, וואָס אינ פאָגטלאנד. פארנאכט בינ איכ אהינצו אָנגעקומענ. מיינע פריינט האָבנ בעמוזט מיכ אראָפטראָגנ פונ דער פור אינ שטוב אריינ; איכ האָב ניט געקאָנט גיינ, אינדערפרי האָב איכ געפאָדערט מע זאָל מיכ אָפשיקנ קיינ פאלקענשטיינ. די כאוויירימ האָבנ אָפגעוואָרפנ מיינ פאָדערונג. זיי האָבנ געהאלטנ, אז בא מיינ שווערנ צושטאנד איז אוממעגלעכ דאָס צו טאָנ. האָט זיכ מיר איינגעגעבנ אופצוזוכנ אנ אווטאָמאָביל; פאר א גרויסנ לוינ האָט דער שאָפער מיכ אָפגעפירט קיינ פאלקענשטיינ.

געקומענ אהינצו בינ איכ ארומ האלבנ טאָג. די ערשטע פראגע, וואָס איכ האָב געשטעלט א כאווערס א פרוי, וואָס האָט מיכ מעכאבעד געווענ מיט א טעלער זופ, איז געווענ אזא: „צי האָט איר אנטוואָפנט דעמ רייכסווער?” איכ האָב געוווּסט, אז אינ פאלקענשטיינ שטייט נאָכ אלצ א מיליטער־טייל, וואָס האלט אינ איינ זוכנ מיכ. איינער א כאווער

האָט מיר דערציילט, אַז אַ טייל פֿון אונדזעריקע זיינען געווען פֿאַר דער אַנטלויפֿן פֿונעם רייכסווער, אַנדערע אָבער האָבן זיי אָפּגעשלאָגן דערפֿון, האַלטנדיק אַז אַזאַ מאָסמיטל איז זייער שווער צו פֿאַרווירקלעכן.

ס׳איז נייטיק געווען דאָס צו טאָן וואָס גיכער, ניט פֿאַרלירנדיק קיין איין מינוט. איך האָב געמאָלדן, אַז מע דאַרף גלייך צונויפֿרופֿן אַלע כאַווערים און מיט איין פּלוצעמדיקן קלאַפּ אַנטלויפֿן דעם רייכסווער. אָבער איידער נאָך מע האָט באַוויזן צו מעלדן די כאַווערים, האָט דער רייכסווער באַקומען אַ פֿאַראָרדענונג צו פֿאַרלאָזן די שטאָט. דעם אָרטיקן מיליטער־טייל האָט מען איבערגעוואָרפֿן אין טיורינגיע, וווּ עס זיינען געגאַנגען אָפֿענע שלאַכטן פֿונעם רייכסווער מיט די אַרבעטער־פֿאַראייניקונגען. ווען איך האָב זיך דאָס דערוווּסט, בין איך שרעקלעך אויפֿגעבראַכט געוואָרן. איך האָב געזידלט די כאַווערים פֿאַר זייער קוואַנקלעניש און אָפּציִען דאָס אַנטלויפֿן דעם רייכסווער. צוגייענדיק צום האָטעל „פֿאַלק", האָב איך דערזען עטלעכע פּראַכט־אויטאָס מיט בענזין־ציסטערנעס, וואָס זיינען באַוואַכט געווען מיט אַ קליינער מאַכנע רייכסווער. דער גרעסערער טייל פֿונעם מיליטער איז שוין אַוועק קיין אָוערבאַך.

צוזאַמען מיט זעקס כאַווערים האָב איך אַנטוואָפֿנט די פֿאַרבליבענע סאָלדאַטן פֿונעם רייכסווער און פֿאַרכאַפּט די פּראַכט־אויטאָס מיטן בענזין. אונדז האָט זיך אויך איינגעגעבן צו פֿאַרכאַפּן עטלעכע ביקסן. האָט אָבער איין סאָלדאַט, וואָס האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן, צווישן געגעבן וועגן דעם מיליטער־טייל, יענער האָט זיך גלייך אומגעקערט קיין פֿאַלקענשטיין און פֿאַרכאַפּט די שטאָט. איז פֿאָרגעקומען לעבן שלאָס אַ צוזאַמענשטויס צווישן די סאָלדאַטן און די אַרבעטער, אונדז האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטוואָפֿענען נאָך איינִיקע סאָלדאַטן, נאָר איבער די איבערוויגנדיקע קויכעס פֿונעם קעגנער איז אונדז אויסגעקומען אָפּטרעטן און זוכן אַ שוץ־אָרט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילד נאָכיאָגעניש. קיינמאָל אין מיין לעבן בין איך ניט געלאָפֿן אַזוי גיך, ווי דאָסדאָזיקע מאָל. בעתּס לויפֿן איז פּלוצים מיין פֿוס געזונט געוואָרן. אַלנפֿאַלס, ווען אונדז האָט זיך

איינגעגעבנ אויסצודרייענ זיכ פונעמ רייכסווער אונ דערשלאָגנ זיכ קיינ אווערבאכ, האָב איכ קיינ שומ ווייטיק אינ פוס ניט געפילט. אפנ וועג האָב איכ באגעגנט א גרופע ארבעטער אונ האָב זיי געפרעגט, וועלכע מיטלענ ווענדעט אָנ דער אווערבאכער פראָלעטאריאט אינ צוזאמענהאנג מיטנ מאָנארכיסטישנ פוטש. זיי האָבנ מיר געענטפערט, אז דער ראט פונ ארבעטער־דעפוטאטנ האָט צונויפגערופנ א מיטינג, וואָס קומט איצט טאקע פאָר אינעמ שיסער־הויז. איכ האָב גלייכ באשלאָסנ צו גיינ אפנ מיטינג. א פאָר הונדערט טריט פאר דער געביידע האָב איכ דערזענ, אז דער מיטינג האָט זיכ שוינ פארענדיקט אונ אז זיינע אָנטיילנעמער צוגייענ זיכ שוינ. האָב איכ אויסגעשריענ: „אלע צוריק אינ זאל, איכ האָב פאר די ארבעטער א וויכטיקע מיטיילונג”. מיינ רופ האָט גלייכ געווירקט אפ די ארבעטער.

אינ איינ אויגנבליק איז דער גרויסער זאל ווידער געפאקט געוואָרנ מיט מענטשנ; איכ האָב גענומענ א וואָרט. פריער פאר אלצ האָב איכ געפאָדערט, אז אלע פרויענ זאָלנ פארלאָזנ די געביידע. דידאָזיקע פאָדערונג האָט זייער געווירקט אפ דער מאסע; די פרויענ זיינענ גלייכ אוועקגעגאנגענ. נאָכ דעמ האָב איכ געגעבנ א פאראָרדענונג צו פארשליסנ די ארויסגאנג־טירנ אונ אוועקשטעלנ בא זיי א זיכערע וואכ, קעדיי קיינער זאָל ניט קאָנענ ארויסטראָגנ אפ דער גאס קיינע מיטיילונגענ, אונ ערשט נאָכדעמ האָב איכ געבעטנ די ארבעטער, אז איינער א פאָרשטייער פונ זיי זאָל מיכ אינפאָרמירנ וועגנ די אָנגענומענע באשלוסנ. האָט מענ מיר דערציילט, אז ס׳איז באשטימט געוואָרנ אָנצוהייבנ אנ אלגעמיינעמ שטרייק אונ מיטנ איבעריקנ—ווארטנ. דערהערט דאָסדאָזיקע, האָב איכ גענומענ א וואָרט אונ געמאָלדנ, אז דאָס איז לאכלוטנ ניט גענוג, אז די לאגע איז אויסערגעוויינלעכ ערנסט, אז מע טאָר ניט ווארטנ, נאָר מע מוז גלייכ זיכ נעמענ פאר דער ארבעט. אינ אנדערע ערטער קעמפט מענ מיטנ רייכסווער; אויכ מיר טאָרנ ניט בלייבנ הינטערשטעליק, מע מוז גלייכ קריגנ געווער, ווי נאָר מע קאָנ. דידאָזיקע קורצע רעדע האָבנ די ארבעטער אויפגענומענ מיט באגייסטערונג. דעמאָלט האָב איכ אויפגעדעקט די קאָרט אונ געפאָדערט, אז אלע

זאָלנ אינ געשלאָסענע רייענ זיכ גלייכ א לאָז געבנ צו דער זשאנדאר־מישער פארוואלטונג, אָפנעמענ דאָס געווער בא די זשאנדארמענ אונ גיינ קעמפנ קעגנ רייכסווער, וואָס שטייט אינ פאלקענשטיינ. מיינ פאָר־שלאג האָט מענ באוויליקט; מע האָט אָנגענומענ אלע מיטלענ, אז די זשאנדארמענ זאָלנ זיכ וועגנ דעמ ניט דערוויסנ.

ווענ די צווייטויזנטקעפיקע קאָלאָנע איז צוגעקומענ צו דער פאר־וואלטונג, האָבנ די זשאנדארמענ אָנגעהויבנ ארויסצוקוקנ פונ די פענצ־טער, ניט פארשטייענדיק, וואָס אזוינס קומט פאָר. אייניקע פונ זיי האָבנ דערפילט, אז ס'טוט זיכ עפעס אזוינס ניט־אנגענעמס פאר זיי, האָבנ זיי פאַרבאריקאַדירט אלע אריינגענג, אונ אונדז איז אויסגעקומענ צו ברעכנ די טירנ מיט העק. ס'איז פאָרגעקומענ א צוזאמענשטויס, אייניקע זשאנדארמענ זיינענ גרינג פארווונדעט געוואָרנ, פיל האָבנ פרייוויליק אָפגעגעבנ דאָס געווער, די איבעריקע איז אויסגעקומענ צו אנטוואָפענענ אפ א צוואנג־אויפנ. כוץ א גרויסער צאָל ביקסנ האָבנ מיר אויכ פאר־כאפט פיל קאסטנס מיט האנט־גראנאטעס אונ עטלעכע קוילנווארפערס. די זשאנדארמענ האָט מענ פארכאפט אינ געפאנגענשאפט אונ אָפגעפירט אינ דער געביידע, וואָס איכ האָב באשטימט פאר א שוצ־אָרט.

אינ עטלעכע שאָ ארומ האָב איכ געשיקט עטלעכע כאוויירימ אפ א רעקווירירטער מאשינ אינ פאלקענשטיינער שלאָס אונ אָנגעזאָגט איבער־געבנ דעמ קאָמאנדיר, אז אויב ער וועט ניט אָפגעבנ פרייוויליק דאָס געווער, וועלנ די ארבעטער פונ אלע שכיינעסדיקע יישוווימ ארומרינגלענ פאלקענשטיינ פונ אלע זייטנ.

אלס ענטפער אפ מיינ אולטימאטומ האָט דער קאָמאנדיר ארעסטירט די כאוויירימ, פארהאלטנ דעמ אווטאָמאָביל אונ פונ זיינ זייט ארויסגע־שיקט קעגנ אונדז קיינ אווערבאכ א גרויסע מאכנע סאָלדאטנ.

אינ אווערבאכ איז פאָרגעקומענ באנאכט א שלאכט, אינ וועלכער מיר האָבנ קיינ קאָרבאָנעס ניט געהאט, אויסער עטלעכע לייכט־פאר־ווונדעטע; דער רייכסווער אָבער האָט דערשאָסנ דעמ גוטסבאזיצער ווייניצקי, וואָס האָט געקוקט אינ פענצטער, זיצנדיק אינ שלאָפראָק אונ שלאָפמיצל; זיינ פרוי איז אויכ פארווונדעט געוואָרנ.

דעמראָזיקנ אומדערוואַרטנ אָנפאַל פונ די נאָסקיטנ, וואָס האָבנ געלאָזט איינ גאַנג פיר קוילנוואַרפער, א גרויסע צאָל האַנט־גראַנאַטעס אונ ראַקעטעס, האָבנ מיר אָפּגעשלאָגנ מיט איינ קוילנוואַרפער, וואָס אימ האָט באַדינט א צוואַנציקיאָריקער אַרבעטער. אָפּגעשלאָגנ די אַטאַקע, האָבנ מיר זיכ פאַרמאָסטנ אַפ מער אַנטשיידנדע אָפּעראַציעס. מיר האָבנ פאַרלאָזט אוערבאַכ אונ אָנגעהויבנ אָנגרייפנ פונ אַלע זייטנ אַפ פאַלקענשטיינ. די נאָסקיטנ האָבנ דאָס דערשמעקט, אונ ווענ מיר זיינענ אָנגעקומענ אַפ אויטאָמאָבילנ קיינ פאַלקענשטיינ, איז שוינ דאָרט קיינער ניט געווענ. דער מיליטער־טייל איז אַוועקגעגאַנגענ איינ פלאַוענ, א מעהאַלעכ פונ דריי שעה פונ פאַלקענשטיינ אונ זיכ פאַרייניקט מיטנ באַטאַליאָנ פונעמ רייכסווער, וואָס איז דאָרט געשטאַנענ.

מיר האָבנ ניט געקאָנט זיכ באַנוגענענ מיטנ דערגרייכטנ דערפאָלג באַזונדערס נאָכדעמ, ווי מיר האָבנ זיכ דערוווּסט, אַז איבער גאַנצ דייטשלאַנד, ביפראַט איינ רור, קומענ פאָר שלאַכטנ צווישנ די אַרבעטער פונ איינ זייט אונ קאַפּ אונ ליטוויצעס כאַיאָלעס—פונ דער צווייטער. די יעדיע וועגנ דעמ, אַז דער קאַפּ־פּוטש איז דורכגעפאַלנ אונ אַז בא דער מאַכט שטייט ווידער די פריערדיקע רעגירונג, האָבנ מיר געהאַלטנ פאַר א בלאָפ, וואָס איז נייטיק געווענ, קעדיי צו כאַפּנ די אַרבעטער אַפ דער ווענדקע אונ זיי באַרויקנ. מיר אַלע זיינענ געווענ בא דער מיינונג, אַז מע דאַרפ מיט אַלע קויכעס שטיצנ די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, וואָס פירנ א העפטיקנ קאַמפ איינ רור. צוליב דעמ איז נייטיק געווענ פריער פאַר אַלצ צו באַוואָפענענ די אַרבעטער אונ אַנטוואָפענענ איינ פאָגטלאַנד דעמ גאַנצנ רעאַקציאָנערנ רייכסווער אונ די בורזשואַזע פרייוויליקע.

מיר האָבנ אָרגאַניזירט א ווערבירביוראָ אַפ אויסצופאָרמירנ די פאָגטלענדישע רויטע אַרמיי. מיר האָבנ באַוואָפנט די פילצאָליקע אַרבעטער, וואָס זיינענ זיכ צונויפגעפאָרנ פונ גאַנצ דייטשלאַנד, קעדיי צו באַטייליקנ זיכ איינעמ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפ. קעדיי אויסצוגעפינענ מיטלענ אַפ צו באַזאָרגנ אונ אויסהאַלטנ די רויטע אַרמייער, האָבנ מיר צעהאַנגענ מעלדונגענ, וואָס האָבנ פאָרגעלייגט די קאַפּיטאַליסטנ אונ

ספעקוליאנטנ, וועלכע זיינענ אופגעקומענ בעיס דער מילכאָמע, צו קומענ אינ א באשטימטנ טאָג אינ א באשטימטער געביידע. איכ בינ געקומענ אהינצו לאכלוסנ ניט באוואָפנט אינ דער באגלייטונג פונ איינ כאוועער אונ געפרעגט די פארזאמלטע זעכציק קאפיטאליסטנ, צי זיינענ זיי גרייט אריינצוטראָגנ פינפ אונ פערציק טויזנט מארק וועכנטלעכ אפ דער אויסהאלטונג פונ די שוינ אויסגעפאָרמירטע רויטע קאמפ־דרוזשי־נעס. האָבנ זיי געבעטנ בא מיר עטלעכע מינוט אפ צו באטראכטנ זיכ. דאנ האָב איכ פארלאָזט די געביידע צוזאמענ מיט מיינ באגלייטער.

ווענ איכ האָב זיכ אומגעקערט, האָבנ זיי געמאָלדנ, אז אינ צוזא־מענהאנג מיט די געשאפענע קריכעס־פארהעלטענישנ זיינענ זיי גרייט אריינצוטראָגנ די געפאָדערטע סומע, נאָר זיי בעטנ, אז העיויס די ארבעטער האָבנ אנטוואָפנט די פאָליציי אונ זשאנדארמעריע, זאָל די רויטע ארמיי היטנ די אָרדענונג אונ ניט דערלאָזנ קיינ רויבערייענ. דידאָזיקע באקאָשע זייערע איז זיכ צונויפגעפאלנ מיט אונדזערע אינטע־רעסנ. מיר האָבנ בעשומויפנ ניט געטאָרט דערלאָזנ, אז פארדעכטיקע עלעמענטנ זאָלנ דיסקרעדיטירנ די זאכ פונ דער רעוואָליוציע.

אזא פאל איז געשענ אינ פלאוענ, בעיס אנ אונטערזוכונג באמ פאבריקאנט צעביש. איינער א יונגער רויטארמייער האָט דערזענ אפנ טיש פינקלענדיקע בריליאנטנ, האָט אימ פארפירט דער יעיצערהאָרע. אונ ער האָט זיי אוועקגעגנאווועט. דער פאבריקאנט האָט געמאָלדנ וועגנ דעם אונדזער שטאב. דאנ האָב איכ געגעבנ א פאראָרדענונג דורכצו־פירנ א סאמע גרונטלעכע אונטערזוכונג; זי האָט אָבער צו גאָרניט ניט געבראכט. קיינער האָט זיכ ניט מוידע געווענ אינ דערדאָזיקער געניווע. האָבנ מיר זיכ געווענדט מיט אנ אופרופ צו די ארבעטער, אונ ערשט נאָכדעמ איז געקומענ צו אונדז א יונגע ארבעטערנ, וואָס איינער א רויטארמייער האָט איר געשענקט א פינגערל. מיר האָבנ אפ אזא אויפנ אופגעדעקט דעמ שולדיקנ. קעדיי ניט צו דיסקרעדיטירנ די זאכ פונעמ ארבעטער־קלאס, האָבנ מיר דעמ שאָדנ אומגעקערט דעמ פאבריקאנט, אונ דער רויטארמייער האָט באקומענ זיינ שטראָפ.

א צווייטער פאל איז געשענ מיט אנ אנדערנ אָנגעקומענעמ רויט־

ארמייער, וואָס איז געווען א ווזוואָד־קאָמאנדיר. ער האָט צוגעגאנוועט באם באלעבאָס פון דער דירע, ווו ער איז איינגעשטאנען, זילבערנע מאטבייעס. בעיס איך בין געקומען אין קלינגענטאל אף דער טשעכאָ־סלאָוואקישער גרענעץ, איז צוגעגאנגען צו מיר איינער אן אומבאקאנטער און מיר געמאָלדן, אז עמעצער פון אונדזערע רויטארמייער האָט צוגעגאנוועט זיין גאנץ פארמעגן—בערערך אנדערהאלבן טויזנט מארק, וואָס ער האָט קוים אָפּגעשפּאָרט פון זיין שווערער האָרעוואניע. דערדאָזיקער מענטש, וואָס האָט געוווינט אין א דערפל בא דער גרענעץ, האָט דערציילט, אז אונדזערע מאכנעס האָבן, דורכגייענדיק דורכן דערפל, זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. ווי אלע אנדערע, האָט ער אויך גוט אופגענומען די רויטארמייער, האָט זיי מעכאבעד געווען מיט קאווע און מיט אנדערע זאכן. איז אָט איינער פון די רויטארמייער האָט געוויס צוגעגאנוועט דאָס געלט, ווייל גלייך נאָך זייער אוועקגיין האָט דאָס ניט געשטייעט.

איך האָב געהייסן באזוכן אלע רויטארמייער, אפילע די ראָטע־קאָמאנדירן און דעם איבעריקן קאָמאנדע־באשטאנד. אָבער ניט געקוקט דערוף, וואָס דעמדאָזיקן טאָג זיינען געמאכט געוואָרן פּילצאָליקע אינדיווידועלע אונטערזוכונגען,—האָט מען בא קיינעם פון די רויטע ארמייער ניט געפונען אפילע קיין שפּור פון דעמדאָזיקן געלט. דידאָזיקע זאך האָט מיך זייער געערגערט; איך בין געווען קאמאט זיכער, אז דערדאָזיקער מענטש האָט מיך אָפּגענארט מיט דער האָפענונג, אז מיר וועלן אים אומקערן דעם שאָדן, וואָס ער האָט פאקטיש ניט געליטן.

דיזעלביקע נאכט האָב איך דורכקאָנטראָלירט די באנאכטיקע וואך. איך האָב דערזען, אז אף איינעם פון די פאָדערשטע פּאָסטנס איז ניטאָ דער וואך־שעף. פרעג איך בא די רויטגוואַרדייער, וואָס איז געשען. ענטפערט מען מיר, אז ער איז שוין ניטאָ זינט עטלעכע שאָ. איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן אים און ערשט אין א שאָ ארום האָב איך אים געפונען א שיקערן אין א ביר־שענק, ניט געקוקט דערוף, וואָס אונדזער קריג־קאָמאנדירונג האָט שטרענג פארבאָטן צו געברויכן אלקאָהאָל. איז מיר איינגעפאלן, אז אזא פארדעכטיקער פארשוין קאָן אויך זיין פעיק

אַף צו מאַכן אַ גניווע. איך האָב געהייסן די רויטגוואַרדייער, וואָס האָבן מיך באַגלייט, אים אויסצוטאָן און גרונטלעך דורכקוקן אַלע טאַשן און דעם אונטערשלאַק. האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אין די טאַשן זיינען ווירקלעך געווען עטלעכע זילבערנע מאַטבייעס. נאָך דעם ווי איך האָב אים צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט בעתן אויספרעגן אים, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט די מאַטבייעס צוגעגאַנוועט און אַז אַ טייל פון זיי איז באַגראָבן אין וואַלד.

דער פריערער טאַט פונעם דאָזיקן רויטגוואַרדייער האָט מיך דערפירט ביז אַזאַ צושטאַנד, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן אים ניט צו באַשטראָפן דאָ אַפן אָרט טאַקע. איך האָב אויסגעכאַפּט די ביקס און געקלאַפּט אים מיטן פּריקלאַד, ביז ער איז אומגעפאַלן ווי אַ קלאָץ. איך האָב זיך דערשראָקן, צי האָב איך אים ניט דערהאַרגעט אַף טויט. מיינע באַגלייטערס האָבן אים אַריינגעטראָגן אין דער שכינעסדיקער וואַך־געביידע. צו מאָרגן איז ער געקומען צו מיר שוין אַ ניכטערער און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געבעטן, איך זאָל אים ווידער פאַררעכענען אין דעם מיליטער־טייל. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז זיין באַקאָשע האָב איך ניט באַפרידיקט. דאָס גאַנצע געלט האָבן מיר אומגעקערט דעם, וואָס אים האָט דאָס געהערט. דאָס זיינען געווען צוויי פאַלן, ווען רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן האָבן פאַרגעסן זייער כבוד פון אַרבעטער־קלאַס.

די צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין דער רויטער גוואַרדיע, איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג, און דעריבער איז אונדז אויסגעקומען צוציען נייע קרייזן פאַרמעגלעכע צום אָנטיילנעמען אין די הוצאָות. די פלאַווענער פאַבריקאַנטן האָבן אומגעצוווּנגענערהייט גענומען אַף זיך די הוצאָות איינצאָלן אַלע וואָך הונדערט טויזנט מאַרק.

די אָפּעראַטיווע קאָמיטעטן, וואָס זיינען געווען אין שכינעס מיט מאַרקנייקירכען, האָבן געבעטן בײַ אונדז הילף; זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר אַן אָנפאַל מצד דעם בירגערווער. מיר האָבן מסכּים געווען צו שטיצן זיי און האָבן פאַרגענומען צוזאַמען מיט די באַוואָפנטע אַרבעטער־

טער פונ עלסניצ אונ פאָגטלאנד, אדאָרפ, אונ אנדערע שטעט אנ אָנגרייפ אפ מארקנייקירכענ. אונדזערע מצבנעס האָבנ דערווייל פאמעלעכ זיכ באוועגט פאָרויס, אונ איכ האָב פאָרגעלייגט דעמ בורגמיסטער דורכנ פארלאמענטיאָר, ער זאָל זיכ אונטערגעבנ אינ א טערמינ פונ צענ מינוט, אויב ניט וועלנ מיר אָנהייבנ די קריג־אָפעראציעס. דער בורגמיסטער האָט געענטפערט, אז דער בירגערוועער איז גרייט ארויסצוגעבנ דאָס געווער. נאָר אינ דער צייט האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ א שיסעריי צווישנ אונד־זער מיליטער אונ דעמ בירגערוועער אונ ס'איז צופעליק געהארגעט געוואָרנ פונ א קויל איינער א דורכגייער.

אונדזערע אווטאָמאָבילנ האָט זיכ איינגעגעבנ דורכצורוקנ זיכ נאָר ביז דעמ ראָטהויז. די אָנטיילנעמערס פונעמ בירגערוועער, וואָס האָבנ פאר די פיר יאָר פונ דער מילכאָמע אויסגע׳ערנט זיכ די מיליטערישע קונסט, האָבנ אויסגעגראָבנ עכטע שוצ־גראָבנס, צעגראָבנ גאנצע גאסנ אונ געגרייט זיכ צו א ערנסטנ שלאכט. איינגיכנ אָבער האָבנ מיר באזיגט די בורזשואזע „העלדנ", אונ איכ האָב פיל פונ זיי — דעמ בורגמיסטער, ביידע פאסטערס, דעמ בירגערוועער־שעפ, דעמ אָבערלייטענאנט שאצ אונ אנדערע — געגעבנ צו לאָפעטעס אונ געצווונגענ אונטער מיינ אויפזיכט צו פארשיטנ מיט ערד די שוצ־גראָבנס פונ א מעטער אונ צוויי די טיפ. אלס מאשקנ, וואָס האָט גאראנטירט פארנ ווייטערדיקנ אָפגעבנ דאָס געווער, האָבנ די פאבריקאנטנ באדארפט גלייכ אריינטראָגנ הונדערט טויזנט מארק.

A-7200

דער בעסטער טאָג אינ מיינ לעבנ

אינ צוזאמענהאנג מיט די געשעענישנ פונ פרילינג אונ זומער 1919 האָבנ אינ פלאוענער טורמע זיכ געפלאגט שוינ א מעשעכ פונ צענ כאדאָשימ פיר אונ צוואנציק ארבעטער פונ פאלקענשטיינ, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אונטער אנ אויספאָרשונג. בעייסנ קאפ־פוטש האָט מענ זיכ געקליבנ מאכנ איבער זיי א געריכט אונטער דער וואכ פונ די נאָס־קיטנ. פאלקענשטיינער ארבעטער האָבנ געהאָפט, אז די פלאוענער פראָלעטאריער וועלנ באפרייענ זייערע כאווײרימ. טעג זיינענ געגאנגענ,

און זיי האָבן זיך אַלץ נאָך ניט אומגעקערט. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן צו באַפרייען זיי פון דער טורמע מיט גוואַלט. בין איך אַריין באַנאַכט מיט פופציק רויטגוואַרדייער קיין פלאָוען, אַ שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון הונדערט דרייסיק טויזנט. מיר האָבן געוווּסט, אַז אונדז קאָן זיך איינגעבן דערדאָזיקער פּלאַן נאָר אין פאַל פון פּלוצימדיקן אָנפאַל, איידער ס׳וועלן באַוויזן זיך אַריינמישן דאָס מיליטער, די זשאַנדאַרמעריע און די פּאָליציי.

די טורמע־וועכטערס האָבן ניט געוואָלט עפענען דעם טויער, איז אונדז אויסגעקומען דורכברעכן אַלע טירן און זיך אַריינרייסן מיט גוואַלט. זייענדיק שוין אין טורמע האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייזערנער, הויכער און ברייטער טיר, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אין די קאַמערעס. די דאָזיקע טיר האָבן מיר מיט העק ניט געקאָנט צעקלאַפּן. פאַסטערן צייט האָבן מיר ניט געטאָרט; אַלע מינוט האָט מען געקאָנט אויפהייבן אויף די פיס דעם רייכסווער און די זשאַנדאַרמעריע. האָב איך אויסגעשטעלט מיינע גוואַרדייער אין צוויי קאָלאָנעס, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר אַלע מיטאַמאָל אונטער אַ העפטיקן דראַנג איבערגעקערט די טיר, וואָס איז אומגעפאַלן מיט אַ שרעקלעכן טראַסק. צום גליק איז קיין קאָרבאָנעס דערביי ניט געווען.

די אַרעסטירטע האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט פון באַפרייונג, איז געוואָרן אַ גרויס גערודער; זיי האָבן געקלאַפּט, געזונגען, געפייפט און געהוליעט אַזוי, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען צו דערהערן אַפילו די אייגענע שטימע. אין דער דאָזיקער צייט זיינען אָנגעלאָפן די אויפזעערס. זיי זיינען געווען בלאַס, דערשראָקן, און ס׳האָט געוואָרפן אין זיי אַ ציטער אָן אַ צאָל. ביז איצט האָבן זיי ניט געפונען פאַר נייטיק צו באַאומרויקן זיך, דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז מיר וועלן ניט קאָנען צעברעכן די ריזיקע טיר. זיי האָבן גוט געוווּסט, ווי אַכזאָריעסדיק זיי זיינען זיך באַגאַנגען מיט אונדזערע כאַווייריִם, און האָבן באַשלאָסן, אַז איצט שלאָגט זייער לעצטע שאָ.

איך האָב געפאָדערט בײַ זיי דאָס צעטל פון די פּאָליטישע אַרע־

סטירטע און געגעבן אַ באַפעל: „גלײַך אויפעפענען אַלע פיר און צוואַנציק קאַמערעס, מירן פאַרנעמען אונדזערע כאַווײרים פון פאַלקענשטײַן". די טורמע־אויפזעערס האָבן ניט דערווידערט און גלײַך אויסגעפילט מײַן באַפעל. דאָס איז געווען דער בעסטער טאָג אין מײַן לעבן — איך האָב באַפרײַט פיר און צוואַנציק כאַווײרים, ס'ראָוו פאַמיליע־מענטשן, וואָס האָבן נײַן כאַדאָשים זיך געפלאָגט אין טורמע.

ס'איז אָבער ניט געווען קײן צײַט זיך אָפצוגעבן לאַנג מיט דערדאָזיקער פרײדיקער באַגעגעניש. מיר האָבן אַרופגעלײגט די קוילנוואַרפערס אַף די אווטאָמאָבילן און אַלע געווען שוין גרײט צום אָפציען.

איבער גרויס אײַלעניש האָב איך שיר פאַרגעסן אָן זײער אַ וויכטיקער זאַך. איך האָב געוווּסט, אַז פיל כאַווײרים האָט מען אַרעסטירט אַף דעם טמאַך, וואָס די שפיקעס האָבן זײ אויסגעגעבן, איז דעריבער געווען זײער וויכטיק פעסטצושטעלן לויט די אויספאָרש־מאַטעריאַלן די מאָסערס. דערמאָנט זיך אין דעם, האָב איך אַ פאָדער געטאָן בײַ די טורמע־באַאַמטע די אַקטן פון אַלע פיר און צוואַנציק אַרעסטירטע. די באַאַמטע האָבן געענטפערט, אַז די מאַטעריאַלן וועגן די פאָליטישע פראָצעסן געפינען זיך בײַם עלטסטן פראָקוראָר, בײַם דאָקטער גובער. צום גליק האָט ער געוווינט אין דערזעלביקער געבײַדע, סאַכאַקל אַ מעטער צוואַנציק פון דער טורמע. קלאָר אַז ער האָט געהערט דעם ליאַרעם, נאָר ער איז געווען גאַנץ רויק און ניט גערירט זיך פון אָרט. בין איך צוגעגאַנגען צו זײַן טיר צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע כאַווײרים און אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפן. אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט זיך אופגעעפנט אַן אויבערשט פענצטער, ס'האָט זיך אַרויסגעשטעקט אַ קאָפ אין אַ שלאָפמיצל און אַ ציטערנדיקע שטימע האָט אַ פרעג געטאָן: „וואָס דאַרפט איר?". האָב איך געפרעגט: „איר זײַט דער פראָקוראָר גובער?"—„יאָ, איך". „קומט גלײַך אַראָפ". ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איז ניט אַזוי לײַכט, אַז ער דאַרף זיך אָנטאָן. האָב איך אים געמאָלדן: „אויב איר וועט אין צווײ מינוט אַרום ניט אַראָפגײן, וועל איך אופרײַסן די טיר מיט אַ האַנט־גראַנאַטע, און קעדײ ער זאָל ניט

מיינע, אז דאָס וויל איך אים בלויז איבערשרעקנ, האָב איך אָנגעהויבנ צוצובינדנ צוויי גראנאטעס צום הענטל פונ דער טיר.

ס'האָט ניט געדויערט קיינ צוויי מינוט איז דער פּראָקוראָר אראָפּ א ציטערנדיקער אונ גלייך געגעבנ די האסקאָמע אפּ ארויסצוגעבנ די אקטנ.

איך האָב זיך געלאָזט מיט אים צו דער געביידע פונ געריכט, ווו עס זיינענ געלעגנ די אקטנ. ער האָט מיר איבערגעגעבנ עטלעכע פּעקלעך, נאָר איך האָב גלייך באמערקט, אז ער האָט מיר געגעבנ ווייט ניט אלע דאָקומענטנ, אונ אז די וויכטיקסטע זיינענ ניטאָ. האָב איך זיך געווענדעט צו גובערנ: „מיר קאָנענ דאָ לאנג ניט בלייבנ, אָבער די דאָקומענטנ מוז מענ היינט נאָך מיר איבערגעבנ. ווייסט, אז איר שטעלט איינ דאָס לעבנ. איך וועל אייך אָפּפירנ אלס אָרוועסטאנ אינ פאלקענשטיינ, אונ אויב מע וועט זיי מיר ניט צושטעלנ אינ עטלעכע שאָ ארום,—וועל איך אייך שיסנ".

אים איז געבליבנ איינ זאך—זיך אונטערגעבנ. איך האָב אים אריינגעזעצט צו זיך אינ אווטאָמאָביל, קעדיי ס'זאָל מיט אים גאָרניט געשענ.

איך האָב געהאנדלט גאנצ ריכטיק: פּארלאָזנדיק די קאמערעס צוזאמענ מיט די באפרייטע כאווײרים, בינ איך צופעליק געווענ אנ איידעס פונ א פּארביסענעם שטרייט צווישנ פיר כאווײרים, וואָס יעדער פונ זיי האָט פּרעטענדירט אפּ אָפּרעכענענ זיך מיטנ אופזער, וועלכער האָט זיי געטאָנ געברענטע ליידנ. איך האָב געוווסט, אז אונדזערע כאווײרים האָבנ פיל איבערגעלעבט, אונ איך האָב פארשטאנענ זייער גרויסנ האס. מיר האָבנ אָבער ניט געהאט קיינ צייט אפּ אָפּצורעכענענ זיך מיט די הענקערס.

מע האָט צעפּויקט אינ שטאָט די יעדיע וועגנ אונדזער אופּשטו, אונ מיר האָבנ געמוזט וואָס גיכער אָפּציענ. ערשט נאָך דעם ווי מיר האָבנ באוויזנ צו פארלאָזנ פלאוענ אונ דורכמאכנ א היפּשנ מעהאלעכ, זיינענ אָנגעקומענ דאָס מיליטער אונ די פּאָליציי.

מיר האָבנ זיך אומגעקערט בעשאָלעם קיינ פאלקענשטיינ. ס'איז געווענ דעמאָלט א סימכע ניט צו באשרייבנ.

איכ האָב באשטעלט פארנ פראָקוראָר אנ אויסגעצייכנטנ פרישטיק אינעמ בעסטנ האָטעל; איבעריקנס האָט ער ביקלאל זיכ ניט געקאָנט קלאָגנ, אז מיר באגייענ זיכ מיט אימ שלעכט. איכ האָב אוועקגעשטעלט א וואכ לעבנ אימ אונ אימ געראָטנ גלייכ אָנשרייבנ דער פרוי אונ די געריכט־מיטגלידער, אז אויב זיי וועלנ ביז צוועלפ אזייגער ניט צושטעלנ די דאָקומענטנ, וואָס פעלנ, וועלנ מיר אימ שיסנ.

ס'איז נאָכ געווענ פאר צוועלפ, ווענ זיינ פרוי איז געקומענ צוזאמענ מיטנ געריכט־ארכיוואריוס אונ האָט מיר אָפגעגעבנ אלע דאָקומענטנ, וואָס האָבנ געפעלט. וועג גובער האָט דערזענ, אז ער האָט זיכ אזוי גרינג אָפגעפארטיקט, ניט געקוקט דערויפ, וואָס אפ זיינ געוויסנ האָט ער געהאט ניט ווייניק אומשולדיק פארורטיילטע ארבעטער, — האָט ער נאָכ געהאט אינ זיכ די האָזע צו פאָדערנ, איכ זאָל אימ אָפשיקנ אינ פלאוענ אפ אנ אווטאָמאָביל צוזאמענ מיט דער פרוי אונ דעמ ארכיוואריוס. איכ האָב אימ אָפגעשלאָגנ די גייווע אונ אימ דערלויבט צו פאָרנ אפ א פאָשעטנ וואָגנ, וואָס ער קאָנ נעמענ בא א פאבריקאנט, דערביי דארפ ער באצאָלנ פארנ וואָגנ הונדערט מארק לעטויוועס די פאמיליעס פונ די סאָלדאטנ, וואָס זיינענ אומגעקומענ אפ דער מילכאָמע.

לויט די דאָקומענטנ האָב איכ פעסטגעשטעלט, אז אינ דער פארטיי האָבנ זיכ ארייַנגעדרייט צוויי נידערטרעכטיקע פראָוואָקאטערס. מיר האָבנ זיי גלייכ ארעסטירט.

נאָכ צוועלפ באטאָג בינ איכ צוזאמענ מיט נאָכ א כאווער צוגעגאנגענ צומ פאלקענשטיינער געריכט. איכ האָב באפוילנ צונויפרופנ אלע געריכט־באאמטע, פונעמ געריכט־פאָרזיצער ביז די געריכט־אויספירער אונ די וואכמייסטערס, אונ האָב זיי געמאָלדנ, אז איצט איז די מאכט בא די ארבעטער אינ די הענט, אז אונדז זיינענ ניט נייטיק קיינ בורזשואזע געזעצנ, אז די־דאָזיקע געזעצנ האָט מענ געשריבנ, קעדיי צו האלטנ די ארבעטער אונטערנ דרוק פונ די עקספלואטאטערס. אונדזערע געזעצנ האָבנ מיר אליינ צוזאמענגעשטעלט. דערנאָכ האָב איכ געגעבנ א באפעל די באאמטע ארויסצוטראָגנ אלע אקטנ אונ ביכער אפנ פלאצ, וואָס

צווישנ געריכט און דער שול, און צונויפלייגנ זיי אינ איינ קופע.

דער געריכט־פאָרזיצער האָט לעכאטכילע געמיינט, אז איך שפאס. דערזענ, אז איך מיינ עס גאנצ ערנסט, האָט ער מיט טרערנ אינ די אויגנ מיך אָנגעהויבנ צו בעטנ, אז זיינ גאנצ לעבנ איז אָפהענגיק פונ דערדאָזיקער ארבעט און פונ דידאָזיקע געריכט־פאפקעס, אז אמ דערדאָזיקער ארבעט איז ער אויסגעוואקסנ, אז איך מוז ארייננגיינ אינ זיינ לאגע. איך האָב געענטפערט, אז איך פארשטיי אימ גאנצ גוט, נאָר איך האָב ניט קיינ רעכט צו רעכענענ זיך מיט זיינע איבערלעבונגענ, בעיס עס שטייענ פאר אונדז פיל העכערע אינטערעסנ איידער פערזענלעכע געפילנ. מיינ ארויסטרעטונג—האָב איך געזאָגט—איז בלויז א קליינ רינגעלע אינ דער גרויסער קייט פונ קאמפ פאר דער באפרייונג פונ די האָרעפאשניקעס.

איז אימ מער ניט געבליבנ ווי צו העלפנ ארויסטראָגנ די פאפקעס מיט די געריכט־אקטנ. עטלעכע שאָ נאָכאנאנד האָבנ זיי—פונ די ריכטערס ביז די אונטערשטע אָנגעשטעלטע—צונויפגעלייגט פאר מיינע אויגנ אינ א הויכנ בארג די פאפירנ און די ביכער. ווענ מע האָט אויסגעליידיקט פונ די שטויביקע פאָליצעס די לעצטע פעקלעך פאפירנ און ביכער—די אקטנ פונ יעסוימימ־אפעטראָפסימ האָבנ מיר איבערגעלאָזט—האָב איך געגעבנ צוויי ריכטער און דעמ רעפענדאר צו פודעלעך שוועבעלעך, דאָס פערטע פודעלע האָב איך אליינ גענומענ און געגעבנ א באפעל אונטערצוצינדנ דעמ ריזיקנ בארג פאפירנ איינצייטיק פונ אלע פיר זייטנ.

דריי טעג נאָכאנאנד האָט געפלאקערט דער שייטער.

פאר מיר איז געווענ קלאָר, אז אונדזער היסטאָרישער כיוו פאר דער רעוואָליוציע איז דורכצופירנ אומעטומ אזא ריינִיקונג. אינ דידאָזיקע אָנצאָליקע געזעצנ זיינענ אויסגעדריקט די קאפיטאליסטישע באציונגענ, וואָס דערלויבנ דעמ הערשנדיקנ קלאס צו לעבנ אפנ כעושבנ פונ עקספלואטירנ די ברייטע מאסנ. דידאָזיקע לוכעס פונ דער אלטער אָרדענונג איז נייטיק געווענ צו צעברעכנ אינ סאמע אָנהייב פונ דער

רעוואָליוציע, די גרויסע אַלגעמיינע איבערקערעניש קומט פאָר, פארשטייט זיכ, ניט מיטאמאָל; דאָס איז א לאנגזאמער פראָצעס, אָבער די באזונדערע ארויסטרעטונגענ אינעם גאנג פונ דעמדאָזיקנ פראָצעס, וואָס צעשטערנ די בורזשואזע „רעכטאָרדענונג", ווי למשל דאָס פארגרענענ די געריכט־אקטנ, האָט א סימבאָלישנ באטייט.

מיינע צוזאמענשטויסנ מיט הענריכ בראנדלערנ

יעדנ טאָג איז אלצ געוואקסנ די צאָל ארבעטער, וואָס איז זיכ צונויפגעפאָרנ פונ פארשיידענע עקנ לאנד, קעדיי צו באטייליקנ זיכ אינ די שלאכטנ פונ די פאָגטלענדישע רויטע טיילנ: זיי זיינענ געקומענ אינ דער ווערביר־ביוראָ פונ דער רויטער ארמיי, וואָס מיר האָבנ אָרגאניזירט אינ פאלקענשטיינ. אינגיכנ איז בא אונדז געוואָרנ א גרויסער מאנגל אינ געווער, אונ מיינ הויפט־אויפגאבע איז געווענ—ארויסקריכנ פונ דערדאָזיקער לאגע. איכ האָב זיכ דערוווסט בא כאווירים אז אינ פראנקענבערגער קאזארמע, ניט ווייט פונ כעמניצ, געפינענ זיכ גרויסע רעזערוונ געווער, קוילנ אונ מאכשירים, וואָס ווערנ באוואכט דורכ א גרופע פונ 50 סאָלדאטנ מיט איינעם א קאפיטאנ אלס קאָמאנדיר. לויט די ידיעס, וואָס מיר האָבנ באקומענ, האָט מענ דאָסדאָזיקע געווער שוינ ניט איינמאָל פארגעלייגט דעם כעמניצער ראט פונ ארבעטער־דעפוטאטנ אונ דעמ אָפעראטיווּנ קאָמיטעט, נאָר זיי האָבנ צוליב ניט־באוווסטע סיבעס ניט געאיילט זיכ, כאָטש מ'האָט שוינ פונלאנג באדארפט, אינ צוזאמענהאנג מיט דער געשאפענער לאגע, פאנאנדערטיילנ דאָס געווער צווישנ די ארבעטער.

איכ האָב באשלאָסנ דאָסדאָזיקע געווער צונעמענ. קעדיי צו קומענ אהינצו, האָט מענ באדארפט פאָרנ דורכ צוויקאו אונ כעמניצ. האָב איכ אויסגעטיילט צוליבנ אויספילנ דידאָזיקע זאכ דרייסיק בעסטע כאווירים. זיי האָבנ ניט מיטגענומענ מיט זיכ ניט קיינ ביקסנ, ניט קיינ רעוואָלווערנ, אונ נאָר איינציקע פונ זיי האָבנ פארכאפט מיט זיכ האנטגראנאטעס. בעיסנ אריבערזעצנ זיכ אינ צוויקאו אפ אנ אנדער צוג, האָבנ מיר, פארשטייט זיכ, צוגעצויגנ צו זיכ א גרויסע אויפמערקזאמקייט. אפנ

אָרטיקנ אָפּעראַטיווג קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנענ פונ סאָציאַל־דעמאָ־קראַטנ, איז אָנגעפאַלנ א שרעק, ווענ מיר האָבנ, קעגנ זייערע דער־וואַרטונגענ, גאָרניט פאַרגענומענ צו טאָג אינ צוויקאַו. דידאָזיקע כוואַטנ האָבנ איבערגעגעבנ דורכנ טעלעפאָנ קיינ כעמניצ, אַז דער באַ־רימטער העלד מיט זיינע אָנהענגערס לאָזנ זיכ קיינ כעמניצ, קעדיי צו אַרעסטירנ דעמ דאָרטיקנ אָפּעראַטיווג קאָמיטעט. אַפנ כעמניצער וואָקזאַל, ווו מיר האָבנ געוואָלט ווידער זיכ אַריבערזעצנ אַפ פראַנקענבערג, האָבנ אונדז פלוצימ אַרומגערינגלט עטלעכע הונדערט פּאָליציאַנטנ; זיי האָט צוגעצויגנ דער היפּשער פאַרדינסט פונ דרייסיק טויזנט מאַרק, וואָס די רעגירונג האָט צוגעזאָגט פאַרנ פאַקנ מיכ. (גראָד ערעוו דערדאָזיקער געשעעניש האָט די זאַקסישע רעגירונג געהעכערט דעמ לוינ פאַר פאַקנ מיכ ביז דרייסיק טויזנט מאַרק).

דידאָזיקע באַגעגעניש האָט מיכ מאַמעש איבעראַשט—דאָ איז דאָכ די מאַכט געווענ אינ די הענט פונעמ כעמניצער אָפּעראַטיווג קאָמיטעט. וווהינ ס'זיינענ אַריינגעגאַנגענ אַפ פאַריטעטע יעסוידעס רעכטע סאָציאַ־ליסטנ אונ קאָמוניסטנ. אינעמ אָפּעראַטיווג קאָמיטעט האָט געשפּילט די אָנפירנדיקע ראָלע בראַנדלער—מיינער א כאַווער לויט דער פּאַרטיי־אָנגע־העריקייט. איכ האָב דעריבער ניט געקאָנט פאַרשטיינ, ווי אַרומ האָט באַ די געגעבענע באַדינגונגענ די פּאָליציי געוואַגט מיכ אַזוי צו באַגעגענענ.

די פּאָליציאַנטנ האָבנ געוואָלט מיכ אַרעסטירנ. ווענ דער רינג פונ די אָרדענונג־היטער האָט אָנגעהויבנ צו שליסנ זיכ אַלצ ענגער, האָב איכ א קאָמאַנדע געגעבנ: „אַרויס מיט די האַנט־גראַנאַטעס!" מיינ באַפעל האָט אַרופגעוואָרפנ א גרויסע שרעק אַפ די פּאָליציאַנטנ; דערזענ, אַז דריי־פיר כאַווייריִמ האָבנ אַרויסגעשלעפּט פונ די טאַשנ האַנט־גראַנאַטעס, האָבנ דידאָזיקע העלדנ געמאַכט אַפ גיכ די פּלייטע.

מיר האָבנ געדענקט, אַז איצט וועלנ מיר אָנ איבערשלאָג זיכ דער־קלייבנ קיינ פראַנקענבערג; אָבער מיר האָבנ נאָכ ניט באַוויזנ אַריבער־צוגיינ אַפ א צווייטער פּלאַטפאָרמע, האָט אונדז ווידער אַרומגערינגלט א מאַכנע פּאָליציאַנטנ. איכ האָב א פרעג געגעבנ דעמ עלטסטנ וואַכמייסטער, וואָס ער וויל. דער וואַכמייסטער האָט אַרופגעלייגט א האַנט מיר

אפ דער פלייצע: צי מיט א מיינ מיכ צו באַרויקנ אָדער גאָר מיכ ארעסטירנ אינ נאָמענ פונ געזעצ. אלס ענטפער האָב איכ אימ אָפּגעלאָזט אזא פאטש, אז ער האָט זיכ איבערגעקערט אפ די רעלסנ. איכ האָב בא אימ צוגענומענ דעמ רעוואָלווער אונ מיט עטלעכע שאָס אינ דער לופטנ האָב איכ צעטריבנ די גאנצע מאכנע.

קעדיי ניט צו פאנאנדערבלאָזנ נאָכ מער די בעהאָלע, וואָס האָט ארומגעכאפט כעמניצ, האָב איכ באשלאָסנ ניט ווארטנ ביז ס'וועט אָפּגיינ דער צוג קיינ פראנקענבערג אונ גאנצ רויק זיכ געלאָזט גיינ צוזאמענ מיט די כאוויירימ מיט דער אייזנבאנ־ליניע. אינ א פערטל שאָ ארומ האָט זיכ אָנגעהויבנ הינטער אונדז א געפערלעכ שיסעריי. איכ האָב בא מערקט אפ א מעהאלעכ פונ איינ קילאָמעטער פונ אונדז עטלעכע הונדערט פאָליציאנטנ אונ מיטגלידער פונ כעמניצער בירגערווער, וואָס זיינענ געווענ באוואָפנט מיט ביקסנ. קאָנטיק, אז זיי האָבנ ניט געוואגט צוגיינ נעענטער, אונ כאָטש זיי זיינענ געווענ גוט באוואָפנט, זיינענ זיי געגאנגענ הינטער אונדז אפ א היפשנ מעהאלעכ. ניט ווייט פונ פראנקענבערג האָט מענ אָנגעהויבנ צו שיסנ אפ אונדז אויכ פונ דער קעגנייבערדיקער זייט.

ווי ס'איז שפעטער קלאָר געוואָרנ, האָט מענ פונ כעמניצ איבערגעגעבנ דעמ איינוווינערווער אונ בירגערווער פונ די ארומיקע יעשוווימ די טרויעריקע יעדיע, אז העלצ מיט זיינ באנדע קלייבנ זיכ צו באפרייענ די רוסישע קריג־געפאנגענע פונ פראנקענבערגער לאגער. ניט געקוקט אפ די פילצאָליקע אטאקעס, האָבנ מיר דאָכ זיכ דערשלאָגנ קיינ פראנקענבערג. דער אָרטיקער אָפּעראטיווער קאָמיטעט האָט אונדז זייער פריינטלעכ אויפגענומענ.

כאווער צומטראלי, דער פאָרזיצער פונ פראנקענבערגער אָפּעראטיוונ קאָמיטעט, איז ארויסגעגאנגענ אקעגנ דער כעמניצער פאָליציי אונ בירגערווער אונ זיי געמאָלדנ, אז העלצ מיט זיינע כאוויירימ געפונענ זיכ אונטער דער שוצ פונ פראנקענבערגער ארבעטער; אויב די פאָליציי וועט וואגנ אָנצוגרייפנ ווייטער, וועט דער פראנקענבערגער פראָלעטאריאט קאָנענ פארטיידיקנ העלצנ. די דאָזיקע מעלדונג האָט

געווירקט אפ דער פּאָליציי, און זי איז אָפּגעטראָטן. אָט אזוי האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו באקומען א גרויסע צאָל געווער.

בראנדלער, וואָס איז אין א שאָ פרום געקומען אפ אן אוטאָמאָביל קיין פראנקענבערג, האָט מיר פאָרגעלייגט צו פאָרן מיט אים קיין כעמניץ און דערקלערן דעם אָפּעראטיוון קאָמיטעט דעם ציל פון מיין נייער ארויסטרעטונג; כעמניצער אָפּעראטיווער קאָמיטעט האָט געהאלטן אז איך קלייב זיך צו באפרייען די רוסישע קריג־געפאנגענע פונעם שכייניסדיקן לאגער.

בראנדלער האָט מיך פארזיכערט, אז ער באוויליקט פולקום די טאקטיק, וואָס איך פיר דורך אין פאָגטלאנד, אז ער באוויליקט אונדזערע ענערגישע טאטן און אז ער וועט גערן קומען צו אונדז, קעדיי אופצוהויבן אפ דער געהעריקער הויך די פראָפּאגאנדע אין דער פרעסע.

דער פאל אין כעמניץ איז געווען זייער באלערעוודיק פאר דער „רעוואָליוציאָנערער ענערגיע" פונעם אָרטיקן אָפּעראטיוון קאָמיטעט. דער קאָמיטעט איז ניט אימשטאנד געווען אָפּצושלאָגן דעם געפערלעכן אופנעם, וואָס מיר האָבן געהאט אפן כעמניצער וואָקזאל מיצאד דער פּאָליציי, ער האָט אפילע ניט געפּרווט דאָס צו טאָן. די רעוואָליוציאָנערע אקטיווקייט פון די פאָגטלענדישע ארבעטער פלעג אופרייצן דעם פאסיוון קאָמיטעט.

ווי אזוי זשע איז געווען די לאגע אין די ערשטע טעג פון קאפּ־פּוטש?

אין רור האָט דער פּראָלעטאריאט געקעמפט ניט בלויז קעגן דער מיליטערישער דיקטאטור פון קאפּן און ליוטוויצן,—דער קאמף האָט אָנגענומען א כאראקטער פון אָפענעם פּראָלעטארישן אופשטאנד; דאָס איז געווען א קאמף פאר מאכט. די ארבעטער פון די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע צענטערס זיינען געווען רעוואָליוציאָנער געשטימט. די אָרטיקע סאָציאל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס זיינען געצוווּנגען געווען אונטערן דרוק פון די מאסן ארויסצורוקן אזעלכע פאָדערונגען, וואָס זיינען געווען א דירעקטע האנאָכע דעם רעוואָליוציאָנערן דראנג פונעם פּראָלעטאריאט.

אזוי, לעמאָשל, האָט דער נידער־ריינישער קרייז־קאָמיטעט פון דער

סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי זיכ אונטערגעשריבנ אונטער אזא לאָזונג: „פארנ פארכאפנ די פאָליטישע מאכט, פאר דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט איינשליסלעכ ביזנ זיג פונ סאָציאליזמ אפנ יעסאָד פונ ראטנ־אָרדענונג". די כעמניצער סאָציאל־דעמאָקראטנ האָבנ פארשפרייט אנ אופרופ, וואָס אינ אימ האָבנ זיי ארויסגערוקט די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, קעגנשטעלנדיק זי דער מיליטערישער דיקטאטור, די סאָציאל־דעמאָקראטישע פירערס האָבנ בעשומופנ ניט געמיינט אפ ערנסט דידאָזיקע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגענ, אָבער אינ דידאָזיקע פאָ־דערונגענ האָט זיכ דאָכ געלאָזט הערנ די רעוואָליוציאָנערע שטימונג פונ די ארבעטער. די רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ, וואָס עס האָט דורכגעמאכט דער פאָגטלענדישער פראָלעטאריאט אונטער מיינ אָנפירונג, איז געווענ דער אויסדרוק פונ דערדאָזיקער שטימונג פונ די מאסנ. איינצייטיק האָבנ מיר אָנערקענט, אז ס'איז נייטיק דורכצומאכנ א ריי נייע רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ, קעדיי צו לינדערנ די לאגע פונ רורער קעמפנדיקנ פראָלעטאריאט.

נעמענדיק אינ אכט די באדינגונגענ פונ יענער צייט, דארפ זיינ קלאָר, אז אינ דער עפאָכע פונעמ קאפ־פוטש האָט פאר דעמ ענדגילטיקנ זיג פונ דער רעוואָליוציע אינ דייטשלאנד געפעלט די וויכטיקסטע פאָרהאנאָכע — ס'האָט געפעלט א דיסציפלינירטע, אייזערנע קאָמפארטיי מיט קלאָר באוויניקטע אופגאבעס אונ מיט א רעוואָליוציאָנערער אָנפירונג. דעמ דערפאָלג פונ אונדזערע ארויסטרעטונגענ אינ פאָגטלאנד האָבנ אויכ געשטערט יענע פאלשע אָנשויונגענ. אז מע קאָנ זיכ דער־שלאָגנ צו אנ ענדגילטיקנ זיג פונ דער רעוואָליוציע אָנ אזא פארטיי, אז ס'איז גענוג דער רעוואָליוציאָנערער דראנג פונ עטלעכע ענערגישע פירערס, וואָס קאָנענ לויטנ ביישפיל פונ מאקס העלצנ פארוואנדלענ די רעוואָליוציאָנערע שטימונג פונ די מאסנ אינ אנטשיידענע טאטנ. נאָר אויב אינ פאָגטלאנד האָט מענ איבערגעשאצט דעמ באטייט פונ באזונ־דערע רעוואָליוציאָנערנ, האָט דאָס דעמאָלטיקע אָפאָרטוניסטישע קעפל פונ דער דייטשישער קאָמוניסטישער פארטיי געהאט ניט ווייניקער ניט־ריכטיקע אָנשויונגענ וועגנ דער ראָלע פונ דער פארטיי; אינ דער ערשטער

ריי דארפ דערמאָנט ווערנ בראנדלער, וואָס איז געשטאנענ אינ שפּיצ פונ כעמניצער קרייז־קאָמיטעט. ווי אנדערע דעמאָלטיקע פירערס פונ דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּארטיי, האָט אויכ בראנדלער ניט פארשטאנענ, אז די רעוואָליוציאָנערע פּארטיי דארפ אינ איר רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ פירנ א פעסטע ליניע. אָנשטאָט צו ווערנ דער עכטער אוואנגארד פונעמ פּראָלעטאריאט אונ דערמיט טאקע געווינענ דעמ צוטרוי פונ די ברייטע מאסנ, האָבנ די פירערס פונ דער פּארטיי קאָנצענטרירט זייער אויפמערקזאמקייט ארומ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע; זייערע באשלוסנ האָבנ אפּ אזא אויפנ אינ א באדייטנדיקער מאָס באשטימט די פּאָזיציע פונ דער דייטשישער סאָציאליסטישער פּארטיי. אָנ שומ סאָפעק, אז די ניטריכטיקע פּאָליטיק, וואָס עס האָבנ דורכגעפירט די דעמאָלטיקע אָפּאָרטוניסטישע פירערס פונ אונדזער פּארטיי, איז געווענ א רעזולטאט פונעמ פאלשנ אָפּשאצנ די ד. ס. פּ.*) אונ פונ די אילוזיעס וועגנ א געמיינזאמער רעוואָליוציאָנערער ארבעט מיט דער סאָציאל־דעמאָקראטיע.

דידאָזיקע פאלשע טעאָריע האָט געשאפנ א ניטריכטיקע טאקטיק: די פּאָליטיק פונ פּאסיווקייט אונ אָפּהענטיקייט, יענע פּאָליטיק, וואָס איבער איר איז די פּארטיי געגאנגענ ניט פאָרויס פאר די מאסנ, נאָר נאָכשלעפּנדיק זיכ הינטער זיי. דידאָזיקע טאקטיק האָט געבראכט דערצו, אז די סאָציאל־דעמאָקראטנ האָבנ מיט דער הילפ פונ קלוימערשט ראדיקאלע פראזעס געקאָנט איינהיטנ דעמ צוטרוי פונ די מאסנ, פירנדיק אנ ארבעט לעטויוועס דער קאָנטרעוואָליוציע.

זעלבספארשטענדלעכ, אז מע טאָר ניט ארופלייגנ אפּ דער פּארטיי אינגאנצנ געגומענ די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר די טאָעסנ, וואָס זיינענ דעמאָלט דערלאָזט געוואָרנ: אינ דער פּארטיי זיינענ אינ יענער צייט שוינ געווענ די בעסטע רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ פונעמ פּראָלעטאריאט. אָבער באַ אָט דידאָזיקע אקטיווע עלעמענטנ, צו וועלכע מע דארפ אויכ צורעכענענ די פּאָגטלענדישע רעוואָליוציאָנערנ, האָט אויסגעפעלט

*) דייטשישע סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטיי.

אנ אידעאָלאָגישע צוגרייטונג און דאָס קלאָרע פארשטיינ די אויפגאבעס. דעריבער האָבנ זיי ניט געקאָנט ענדערנ די ליניע פונ דער פארטיי און אומבייטנ די ניטאגטשיידענע און אָפּאָרטוניסטישע טאקטיק פונ די בראנדלערס [1]) טאלהיימערס [2]) און פאול לעווי [3]) אפ אנ אויסגעהאלטענער באָלשעוויסטישער טאקטיק.

די אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק פונ אייניקע אונדזערע פארטעישע פירערס בעייסנ קאפּ־פּוטש כאראקטעריזירט צום בעסטנ דער פאקט, וואָס בראנדלער אליינ האָט אָנערקענט דעמ דורכפאל פונ זיינ פּאָליטיק. אינ זיינ בראָשור וועגנ קאפּ־פּוטש שרייבט ער: „אונדז האָט פארלאָזט דער דייטשישער פּראָלעטאריאט; די זאקסישע אומאָפּהענגיקע סאָציא־ליסטנ, די סאָציאל־דעמאָקראטנ האָבנ געפירט אנ ארבעט אפ ארונטער־צורייסנ אונדז אינ כעמניצ און אינ גאנצ זאקסנ,—דעריבער האָבנ מיר ניט געהאט קיינ אנדער אויסוועג, נאָר שאָלעמ מאכנ מיט דער גע־שאפענער לאגע”.

בראנדלער דעקט אופ עפנטלעכ די אומגעלומפּערטע איליוזיעס, וואָס אפ זיי איז געווענ געבויט זיינ פּאָליטיק. די ארבעט אפ אונטערצורייסנ אונדז, וואָס עס האָט געפירט די ד. ס. פּ., דער פאראט פונ דער אומאָפּהענגיקער ד. ס. פּ., דאָס אלצ איז געווענ פאר אימ אנ אומדער־ווארטע זאכ. דידאָזיקע דערשיינונגענ, וואָס זיינענ קלאָר ווי דער טאָג פאר יעדנ עכטנ קאָמוניסטישנ פירער, האָבנ אימ געמאכט אזוי אָפּהענטיק, אז ער האָט ניט געפונענ קיינ אנדער אויסוועג, ווי „שאָלעמ צו מאכנ מיט דער געשאפענער לאגע”. דאָס דעמאָלטיקע קעפּל פונ דער פארטיי,

---

[1]) איינער פונ די גרינדער פונ דער דייטשישער קאָמוניסטישער פארטיי; אינ 1923 יאָר האָט ער פארטראָטנ די רעכטאָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע. אויסגעשלאָסנ פונ דער פארטיי איצט פירט ער א קאמפּ קעגנ דער ליניע פונעמ קאָמינטערנ.

[2]) איינער פונ די גרינדער פונעמ „ספּארטאקנ־בונד” און דערנאָכ פונ דער קאָמ־פארטיי; געווענ הויפּט־רעדאקטער פונ „ראָטע פאנע”. אויסגעשלאָסנ פונ דער פארטיי פארנ רעכטנ אָפּנויג, פירט אינ דייטשלאנד א קאמפּ קעגנ קאָמינטערנ.

[3]) געווענ א ס. ד., דערנאָכ אריבער צו די קאָמוניסטנ; אינ 1921 פארטראָטנ אנ אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע און נאָכנ אויסשליסנ פונ דער קאָמפּארטיי ווידער אריבער אינ יאָר 1922 צו די ס. ד. (באמ. פונ רעד.)

מיט טאַלהײמערן אין שפּיץ, האָט אַרויסגעוויזן דיזעלביקע שוואַכקייט, וואָס בראַנדלער. איך קאָנסטאַטיר די־אָזיקע פאַקטן בעשומויפן ניט צוליב באַרעכטיקן די אילוזיעס און טעותן פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָגטלענדישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער אונדזערע טעותן און די טעותן פון די אָפּאָרטוניסטישע פירערס פון דער פאַרטיי דערקלערן זיך מיט לאַכלוטן פאַרשיידענע סיבעס: בײַ זיי — מיט דעם ניטדערשאַצן די רעוואָליוציאָנערע קײַכעס פונעם פּראָלעטאַריאַט, בײַ אונדז — מיטן איבער־שאַצן די רעוואָליוציאָנערע פּערספּעקטיוון. ווי איך פאַרשטיי, איז בעשומויפן ניט געווען צופעליק דער פאַקט, וואָס בעת איך האָב גויוער געווען מײַנע ניטריכטיקע אָנשווינגען — דאָס ניטדערשאַצן די ראָלע פון דער רעוואָליוציאָנערער פאַרטיי, דעמראָזיקן נייטיקן פאַרבאַ־דינג פאַרן זיג פון דער רעוואָליוציע — און בין לעסאָף אַרײַן אין דער פאַרטיי, — איז ניט געווען צופעליק דער פאַקט, וואָס בראַנדלער האָט ביסלעכווײַז זיך אָפּגעריסן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציאָנערע פאַרטיי.

פון סאַמע אָנהייב פונעם קאַפּ־פּוטש האָבן די פאַרטעישע פירערס — טאַלהײמער, לעווי, רײַטער, פריסלאַנד אין בערלין, בראַנדלער אין זאַקסן — אַרויסגעוויזן ניטאַנטשיידנקייט און אָפּאָרטוניזם. אין די ערשטע טעג פונעם קאַפּ־פּוטש האָט טאַלהײמער אַרויסגערוקט אַ לאָזונג, וואָס מיט אים האָט ער גערופן צום אָפּזאָגן זיך פון זיך באַשיצן קעגן דער מילי־טערישער דיקטאַטור פון קאַפּן און ליוטוויצן.

אינעם ערשטן פלוג־בלעטל, מיט וועלכן טאַלהײמער האָט זיך געווענדעט צום פּראָלעטאַריאַט אין די מאַרט־טעג אין נאָמען פונעם צ. ק. פון דער דײַטשישער קאָמפּאַרטיי, זײַנען געגעבן געוואָרן אַזעלכע ניטקלאָרע דירעקטיוון:

„דער מאָמענט פון קאַמף מיט דער מיליטערישער דיקטאַטור איז נאָך ניט געקומען. ער וועט קומען ערשט דעמאָלט, ווען ס'וועט זיך אַרויסווײַזן די פּערזאָן פון דער מיליטערישער דיקטאַטור. וואָס אַזוינס הייסט מיליטערישע דיקטאַטור, וועלן די ברייטע מאַסן זיך דערוויסן ערשט דעמאָלט, ווען מע וועט אָנהייבן שמײַסן די אַרבעטער ניט מיט

ריטער, נאָר מיט עקדעשן, ווען ס׳וועט זיך איינשטעלן אין לאַנד אַן אייזערנער דרוק און ס׳וועט אנטשטיין די געפאַר פון א נייער מילכאמע. דער פּראָלעטאַריאַט אָבער דאַרף קעמפן אונטער ריינע פּראָפּאַגאַנ־דיסטישע לאָזונגען: נידער מיט דער מיליטערישער דיקטאַטור! זאָל לעבן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט! זאָל לעבן די קאָמוניסטישע סאָוועטישע דייטשישע רעפּובליק!״

אפילע דער, וואָס איז לאַכלוטן ניט באַהאַוונט אין פּאָליטיק, וועט איינזען דעם גאַנצן אומזין, וואָס שטעקט אין דעמדאָזיקן אויפרוף. אין יעדער שורע האָבן מיר צו צוויי ווידערשפּרעכיקע לאָזונגען: קעמפט ניט מיט דער מיליטערישער דיקטאַטור—נידער מיט דער מיליטערישער דיקטאַטור. דער מאָמענט פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז נאָך ניט געקומען, נאָר קעמפט פאַר דער דייטשישער סאָוועטישער קאָמוניסטישער רעפּובליק. וועגן קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע האָט מען אפילע ניט וואָס צו טראַכטן, נאָר ווען די גענעראַל־מאָנאַרכיסטן וועלן דערשיסן אַלע פּראָלעטאַרישע רעוואָלי־ציאָנערן,—וועט דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי אַרויסרופן דעם לאָזונג פון קאַמף מיט דער מיליטערישער דיקטאַטור.

דעם 22 מאַרט האָט טאַלהיימערס צ. ק. צעשיקט די קרייזקאָמיטעטן א לאַנגן צירקוליאַר־בריוו פול מיט מעליצעס. איך ציטיר בוכשטעבלעך דעם סאָף פון דעמדאָזיקן בריוו: „כאַווירים, איר וועט אונדז פרעגן, וואָסערע דירעקטיוון וועלן מיר אייך געבן. לויט אונדזער מיינונג,—און איר וועט דערמיט מאַסקים זיין,—איז נאָך ניט געקומען די צייט צו שאַפן א סאָוועטישע רעפּובליק. פון דעמדאָזיקן קאַמף דאַרפן מיר אַרויסבאַקומען דעם מאַקסימאַלסטן נוצן פאַרן פּראָלעטאַריאַט. מיר דאַרפן ווי ווייט מעגלעך זיך דערנעענטערן צו אונדזער ציל. דעדאָזיקער ציל ווערט באַשטימט דורך דער רעוואָליוציאָנערער צייטיקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט. מיר האַלטן אָבער, אַז מע קאָן און מע דאַרף זיך דערשלאָגן אין דער ערשטער ריי—צום באַוואָפּענען דעם פּראָלעטאַריאַט, קעדיי די קומענ־דיקע רעגירונג זאָל אומאָפּהענגיק דערפון, וואָסערע זי וועט זיין, זיין עצוווּנגען אָנצושפּאַרן זיך אָן די באַגנעטן פון די אַרבעטער און ניט

אפ די באַגנעטנ פונ דער בורזשואַזיע; ווייטער—צו אומעטומיקע וואַלנ פונ די ראַטנ פונ אַרבעטער־דעפּוטאַטנ, קעדיי מיר זאָלנ דער קומענדיקער רעגירונג, אויב זי וועט דאָס מאָל ניט זײַנ אויסגעפּאָרמירט פונ די ראַטנ, קאָנענ קעגנשטעלנ אנ אָרגאַניזירטע קראַפט. כאַווײרים, מיר האָפנ, אַז איר פירט אנ אַקטיוונ קאַמפ, אונ מיר שיקנ אייך אַ רעוואָליוציאָנערנ גער ס״.

אפ אַזאַ אויפנ האָט דער צ. ק. פונ דער פּאַרטיי געפּאָדערט נאָכ דעמ 22־טנ מאַרט צו באַוואָפנענ דעמ פּראָלעטאַריאַט, ער האָט אָבער דערביי ניט געוווסט, וועלכע רעגירונג דאַרפ מענ פאָדערנ, פאַר אַ וועלכער רעגירונג דאַרפנ האַלטנ די אַרבעטער.

בעיס דער צ. ק. פונ דער פּאַרטיי האָט געגעבנ דירעקטיווּנ צו באַוואָפנענ דעמ פּראָלעטאַריאַט, האָט אינ דעמזעלביקנ מאָמענט דער כעמניצער ראַט, וואָס איז צונויפגעשטעלט באַשטאַנענ פונ קאָמוניסטנ מיט בראַנדלערנ אַלס אָנפירער, געפּרוווט זיכ צו שטערנ מיר אונ די פאָגטלענדישע אַרבעטער צו פאַרכאַפּנ דעמ היפשנ סכום געווער, וואָס איז געלעגנ אינ דער פראַנקענבערגער קאַזאַרמע פונעמ רייכסווער. אָבער דאָס איז ניט אַלצ: בראַנדלער, דער פירער פונ דער כעמניצער אָרגאַניזאַציע פונ דער ד. ק. פּ., האָט געפּאָדערט פונ מיר, אַז די פאָגטלענדישע אַרבעטער זאָלנ אָפּגעבנ דאָס געווער. דערזעלביקער בראַנדלער האָט אינ די טעג פונעמ קאַפּ־פּוטש זיכ געווענדט מיט אנ אויפרופ צומ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט, ווי ס'האָט זיכ, אַגעוו, געשריבנ: „די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג קאָנענ מיר אַראָפּוואַרפנ נאָר מיטנ וועג פונ אומראַכמאָנעסדיקנ קאַמפ. ווער עס קעמפט פאַרנ סאָציאַליזמ נאָר מיט דער צונג, אָבער מיט מייסימ האַלט ער אָפּ דעמ פּראָלעטאַריאַט פונ אַקטיוונ קאַמפ,—דער באַשווינדלט דעמ פּראָלעטאַריאַט. מיר קעמפנ איצט פאַר דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, פאַר קאָמוניזמ״.

אַזעלכע ווענדונגענ אפ לינקס, וואָס זײַנענ, ווי אינ דעמ ציטירטנ אויפרופ, באַגלייט געוואָרנ מיט רעוואָליוציאָנערע לאָזונגענ, דערקלערנ זיכ דערמיט, וואָס די מיטגלידער פונ דער פּאַרטיי זײַנענ געווענ אומצופרידנ מיט דער אָפּהענטיקייט אונ מיטנ אָפּאָרטוניזמ פונ די פירערס.

ניט נאָר אינ פאָגטלאנד, נאָר אינ גאנצ דייטשלאנד האָט אזא פּאָליטיק ארויסגערופנ א שטארקנ ווידערשטאנד, כאָטש די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ האָבנ געקאָנט ארויסטרעטנ עפנטלעכ אומעטום. די ניטקלאָרע פארפלאָנטערטע לאָזונגענ פונ די העכסטע פארטיי־אָרגאנענ האָבנ אינ די טעג פונעם קאפּ־פּוטש ארויסגערופנ א שטארקנ טומל אינ די פּראָלעטארישע רייענ.

איכ רעזיומיר דאָס געזאָגטע וועגנ בראנדלערס פּאָליטיק בעיסנ קאפּ־פּוטש: זי האָט געשטאמט פונ פולשטענדיקנ פּעסימיזמ, פונעמ ניט־דערשאצנ די קויכעס פונעמ ארבעטערקלאס, פונעמ ניטריכטיקנ אָפּ־שאצנ די דייטשישע סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטיי אונ פונ דער פאל־שער פאָרשטעלונג וועגנ דער ראָלע פונ דער קאָמפּארטיי.

איכ טרעט אָפּ אונ אנטלויפ

נאָכ דעמ ווי די באוועגונג אינ רור איז דערשטיקט געוואָרנ, האָט די רעגירונג באשלאָסנ אָפּצולעשנ דעמ איינציקנ רעוואָליוציאָנערנ שייטער, וואָס האָט נאָכ געפלאקערט אינ פאָגטלאנד. דעמאָלט האָבנ פאָגטלאנד ארומגערינגלט פופציק טויזנט סאָלדאטנ, באוואָפנטע לויטנ לעצטנ וואָרט פונ דער טעכניק. בא אזא סיטואציע האָב איכ ניט געפונענ פאר מעג־לעכ אָנצונעמענ די שלאכט.

נאָכ איידער דאָס אָנגרייפנדיקע מיליטער איז צוגעגאנגענ הארט צו דער שטאָט, האָבנ מיר פארלאָזט אונדזער „פעסטונג" פאלקענשטיינ, אונ זיינענ אָפּגעטראָטנ צו דער טשעכאָ־סלאָוואקישער גרענעצ אינ קלינגענטאל. איכ האָב געוואָלט אויסמיידנ דאָס ניט־אָרגאניזירטע אָפּציענ פונ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־טיילנ מיט דער אויסזיכט, אז ס'איז צוועקמעסיקער צו לאָזנ זיכ אינטערנירנ אינ טשעכאָ־סלאָוואקיע, איידער צו פאקנ זיכ אינ די הענט פונעמ רייכסווער. קעדיי אָנצושרעקנ די רעגירונג אונ אָפּשטעלנ דעמ מארש פונעמ רייכסווער, האָבנ מיר צעהאנגענ פּלאקאטנ, וואָס אינ זיי האָבנ מיר געדראָט אונטערצינדנ די ווילעס פונ די קאפּיטאליסטנ אינ פאל, אויב דער רייכסווער וועט ניט אָפּשטעלנ דעמ אָנגרייפ. אינדערעמעסנ האָבנ מיר זיכ אפילע ניט גע־

קליבנ דאָס צו טאָנ,—מיר האָבנ געוואָלט נאָר איבערשרעקנ די קאַפּי־טאַליסטנ אונ צווינגענ זיי אָפּצושטעלנ דעמ אָנגריפ פונעמ רייכסווער. צומ באַדויערנ, האָבנ מיר אונדזער ציל דערגרייכט בלויז טיילווייז; אונ אויב כאַוויירימ האָבנ דאָכ בעייסנ אָפּטרעטנ פונ פאַלקענשטיינ אונטער־געצונדנ עטלעכע הייזער פונ דער בורזשואַזיע, האָבנ זיי עס געטאָנ קעגנ די באַפעלנ פונעמ רויטנ אויספירקאָמ.

די אַרבעטער־דרוזשינעס האָבנ זיכ צעשטעלט אינ קלינגענטאַל אונ אַרומ אימ. די טשעכאָ־סלאָוואַקישע מאַכט האָט באַקומענ אַ ידיע, אַז מיר קלייבנ זיכ אַריינרייסנ קיינ טשעכאָ־סלאָוואַקיע. דאָס האָט געצוווּנ־גענ די טשעכאָ־סלאָוואַקישע קאָמאַנדירונג אַרויסצושיקנ אַפ דער גרענעצ איר מיליטער. האָב איכ אָנגעהויבנ צו פירנ אונטערהאַנדלונגענ מיט די טשעכאָ־סלאָוואַקישע אָפיצירנ וועגנ די פאָרמעלע באַדינגונגענ; וואָס אַפ זיי האָבנ די טיילנ פונ דער רויטער אַרמיי באַדאַרפט אַריבער די גרענעצ אונ וועגנ דער אינטערנירונג, וואָס קאָנ, מעגלעכ, פאָרקומענ.

אינ די נאָענטסטע טעג זיינענ פאָרגעקומענ צוזאַמענשטויסנ צווישנ אונדזערע פעלד־וואַכנ אונ די פאַטרולנ פונעמ רייכסווער. ווענ איכ האָב פעסטגעשטעלט, אַז אַרומ אונדז שליסט זיכ צונויפ אַלצ ענגער דער רינג פונעמ סוינע אונ אַז ס׳איז אומעגלעכ זיכ דורכצורייסנ, האָב איכ געגעבנ אַ באַפעל אופצורייסנ עטלעכע בריקנ אונ כאָרעוו מאַכנ די וועגנ, כדיי דער רייכסווער זאָל אינ סאַמע לעצטנ מאָמענט ניט אָפּשניידנ אונדז פונ דער גרענעצ. אינ אַ רעגנדיקער אַפּרעל־נאַכט האָב איכ אַראָפּגענומענ אַלע פאָדערשטע פעלד־וואַכנ אונ פאַטרולנ, צונויפ־גענומענ אַלע אונדזערע טיילנ אַפ די וועגנ קלינגענטאַל־געאָרגענטאַל אונ מיטגעטיילט די כאַוויירימ וועגנ דער לאַגע, וואָס האָט זיכ געשאַפנ. מיר זיינענ אַרומגערינגלט. ס׳בלייבנ בלויז צוויי וועגנ: אָדער צו בלייבנ אינ דער ריי, אַריבער באַוואָפנטערהייט די גרענעצ אונ דערלויבנ דעמ טשעכאָ־סלאָוואַקישער רעגירונג צו אינטערנירנ אונדז; אָדער גלייכ פאַנאַנדערצעלאָזנ די טיילנ אונ מאַכנ אַ פרווו אַריבערפּעקלענ זיכ אינ קליינע גרופּעס דורכנ פראָנט פונעמ רייכסווער אָדער דורכ דער גרענעצ.

די כאַווײרים האָבן זיך אָפּגעשטעלט אפן צווײטן אויסוועג, דערפאר ווײל פּאָרזעצן ווײטער דעם קאַמף האָט קײן זינען ניט געהאַט; דאָס וואָלט בלויז געגעבן דעם רײכסווער אַן אויסרײד צו גרײטן פאר אונדז א בלוט־באָד.

איך פּערזענלעך האָב זיך אומגעקערט מיט מײנעם א כאַווער קײן קלינגענטאַל, קעדײ דורכקאָנטראָלירן, צי איז ניט געבליבן דאָרט וועַר־ניט־איז פון אונדזערע אַרמײער, און פריער פאר אַלץ קלאָר מאַכן, צי איז ניט געבליבן דאָרט קײן געווער. מיר האָבן זיך שיר אָנגעשטויסן אַף א פּאַטרול פונעם רײכסווער און גיך פאַרקערעוועט אין דער זײט פון די בערג. קאַיאָר־צו האָט אונדז אַרײנגענומען צו זיך אין שטיבל א מײסטער פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אין יענעם מאָמענט, ווען זײן פרוי האָט אונדז מעכאַבעד געווען מיט קאַווע, איז פּלוצים אַרײן אין צימער זײער עלטערער זון און אויסגעשריען: „דער רײכסווער גײט!” דער באַלעבאָס האָט אונדז טײקעף אַרופגעפירט אפן בוידעם, וואָס איבערן שטאַל און אונדז באַהאַלטן דאָרטן אין הײ.

דער שעף פונעם פּאַטרול האָט געגעבן א פאַראָרדענונג אַרומצו־רינגלען דאָס הויז. די סאָלדאַטן האָבן געזוכט איבערן גאַנצן הויף, פיר פון זײ האָבן געשטורכעט מיט די באַגנעטן אין הײ. מ'האָט מיך פּאַרווונדעט אין דער ליטקע, איך האָב שיר ניט א געשרײ געטאָן, מוידע האָבנדיק, אַז זײ קאָנען אויסשטעכן די אויגן, מיר אָדער מײן כאַווער. אָבער נאָך אײדער איך האָב באַוויזן א געשרײ צו טאָן, זײנען די סאָלדאַטן אַוועקגעגאַנגען. פונונטן האָט זיך געהערט די שטימע פונעם פּאַטרול־שעף, וואָס האָט געגעבן א באַפעל די סאָלדאַטן צו אונטערזוכן דאָס שכײנעסדיקע הויז. אין א שטיקל צײט אַרום האָבן מיר זיך אײנגעשטעלט א קוק געבן אין דאַך־פענצטער און מיר האָבן דערזען, ווי סאָלדאַטן פירן אַרויס פונעם שכײנעסדיקן הויף אונדזערע כאַווײרים, ווי זײ האַקן זײ מיט די ביקסן־פּריקלאַדן אין קאָפּ און אין פּלײצע. ס'איז שווער געווען צו זען ווי מע איזדיעקעוועט זיך איבער אונדזערע כאַווײרים און שווײגן. מיר זײנען קײנמאָל זיך ניט באַגאַנגען מיט אונדזערע געפאַנגענע אַזוי אַכזאָריעסדיק, ווי דער רײכסווער.

איך האָב פאַרגעלייגט מיין כאַווער צו פאַרלאָזן גלייך דאָס הויז, ווייל די סאָלדאַטן וועלן געוויס זיך אומקערן אַהערצו נאָכאַמאָל. ער האָט אָבער ניט געוואָלט גיין, האַלטנדיק, אַז דאָס איז אַ זיכערער אָרט, אַז מע וועט ניט אָנהייבן צו זוכן אונדז ווידער אַמאָל אין הויז. איך האָב אויסגעפירט מיינס, און ער איז אָן כיישעק נאָכגעגאַנגען נאָך מיר.

די טשעכישע גרענעץ איז געלעגן סאַכאַקל אַ מעטער צען פון דעם דאָזיקן הויז. זיינען מיר איבערגעלאָפן אין איינעם אַ הויף פון יענער זייט גרענעץ. צום גליק האָט די טשעכישע וואַך אונדז ניט באַמערקט. שטייענדיק אַפן בוידעם פונעם פויערשן הויז, האָבן מיר געזען, ווי די טשעכישע סאָלדאַטן כאַפן אונדזערע כאַווערים און געבן זיי איבער די סאָלדאַטן פונעם דייטשישן רייכסווער אַף דער גרענעץ־ליניע. די טשעכישע סאָלדאַטן האָבן געקליבן נאַכעס, צוזעענדיק ווי אַכזאָריעסדיק דער רייכסווער האָט געשלאָגן די אַרבעטער פון די דרוזשינעס.

ס'האָבן אויך ניט גלאַט אָפּגעשניטן דער מייסטער פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, זיין פרוי און ביידע זין. איך האָב קיין טאָעס ניט געהאַט: אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן די סאָלדאַטן ווידער זיך אומגעקערט אין זייער הויז. דאָס מאָל האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט אין הויף דאָס גאַנצע היי און איבערגענישטערט אומעטום. ווען די אומגליקלעכע פרוי האָט, אַ דערשראָקענע פונעם אָפיצירס דראָען, זיך מודע געווען, אַז מיר זיינען ווירקלעך געווען בא איר אין שטוב און זיינען אַוועק, האָט מען אַרעסטירט די גאַנצע פאַמיליע און אָפּגעשיקט אין קלינגענטאַל, דערביי האָט מען אין וועג זיך איזדיעקעוועט איבער אַלע אַפן סאַמע אַכזאָריעסדיקן אויפן.

איך און מיינע באַגלייטער האָבן זיך צוגעאיילט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, וואָס איז געשטאַנען אַף דער גרענעץ. דעם גאַנצן טאָג זיינען מיר געגאַנגען מיט די וועלדער, וואָס ציען זיך איבער דער ליינג פון דער גרענעץ. אָוונט־צו האָבן מיר, אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַטערטע, זיך גענומען זוכן אַ באַהעלטעניש ערגעצוו אין אַ דערפל; פון אינדערפרי אָן האָבן מיר גאָרניט ניט געגעסן, ס'איז אָבער געווען

אומעגלעך צו קומען דערצו. ס'איז געווען א קאלטע נאכט, דערצו נאָך האָט געגאָסן א רעגן, און נעכטיקן אין פעלד האָט קיין זינען ניט געהאט. האָבן אָבער די פיס זיך אָפּגעזאָגט צו דינען און ניט געוואָלט גיין. אָנגעטראָפן ערגעצוו א שטאל, האָבן מיר באשלאָסן זיך אריינכאפן. די טיר איז געווען פעסט פאריגלט, און מיר האָבן געמוזט זיך דורכשטופן דורך א שמאָלער שפארונע, פארגעסנדיק שוין אָן דעם, אז מיר קאָנען צערייסן די האלבאָשע. אינעווייניק אין שטאל איז געווען זייער ווייניק היי. האָבן מיר זיך געטוליעט איינער אָן אנדערן, קעדיי כאָטש וויפל־ניט־איז זיך אָנווארעמען. אונדזערע קליידער זיינען אָבער געווען דורכויס נאס, און פון קעלט האָט געווארפן א צאָן אָן א צאָן.

מיטן טאָגלעך האָבן מיר פארלאָזט דאָס ניט גאסטפריינטלעכע באהעלטעניש און גענומען בלאָנקען אָן א באשטימטן ציל, באמיענדיק זיך וואָס ווייטער אָפּצוטרעטן פונעם גרענעץ־פאס. ארום האלבן טאָג האָבן מיר געטראָפן אין דעמזעלביקן אָרט, וואָס פון דאָרט האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אינדערפרי; איך האָב פארשטאנען, אז מיר דרייען זיך אַף איין אָרט. דעמאָלט זיינען מיר אוועקגעגאנגען מיטןברייטן וועג, האָפנדיק דאָ ארום זיך דערשלאָגן צו א וועלכער־ניט־איז סטאנציע, וואָס פון דאָרט זאָלן מיר קאָנען פאָרן קיין עגער. אפן וועג האָבן מיר באגעגנט עטלעכע מיליטער־טיילן, צווישן זיי אויך ארטילערישע. ווען כ'האָב א פרעג געטאָן בא אייניקע טשעכישע לעגיאָנערן, וואָס האָבן גערוט בא א טייכל, צי גייען ניט קיין מאנעווערס בא זיי, האָבן זיי מיר געענטפערט, אז מע האָט זיי געשיקט צו דער גרענעץ אין גריסלאו, קעדיי ניט צו דערלאָזן העלצן און זיין מיליטער זיך ארייננרייסן קיין טשעכאָ־סלאָוואקיע.

מיר זיינען אָנגעקומען בעשאָלעם קיין עגער און זיך אופגעזעצט אַף א צוג, וואָס איז געגאנגען אַף פילזען. עטלעכע סטאנציעס פאר פילזען זיינען מיר אראָפּגעקראָכן פונעם צוג, קעדיי איבערצונעכטיקן אין אן איינפאָר־הויז ערגעצוו אין א דאָרף. באמערקט אין טראקטיר, אז נאָך אונדז קוקן נאָך צוויי טשעכישע זשאנדארמען, האָבן מיר באשלאָסן, אז פאר אונדז וועט זיין גלייכער זיך איינאָרדענען אין א

פריוואט־הויז. האָבן אָבער די באַלעבאטים מוירע געהאט אונדז אופצו־נעמען,—אונדז האָט אויסגעגעבן אונדזער אויסשפּראך, און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָס זיינען מיר געקומען פון דייטשלאנד. מיר האָבן זיך שוין געקליבן אוועקצוגיין. פּלוצים באמערקן מיר באם טויער א מענטשן פון די ציווילע און זשאַנדאַרמען,—מע האָט שוין באוויזן זיי איבערגעבן, אז מיר זיינען רויטגווארדייער.

מיר האָבן גלייך א קלאפּ געטאָן מיטן טויער, זיינען אריין אין דער טיף פון הויף און פונדאָרטן זיינען מיר אריבערגעקראָכן אף א לייטער אין שכיינעסדיקן הויף. בעיס מיר זיינען אראָפּגעשפּרינגען פונעם לעצטן שטאפּל, האָבן מיינע נאָכיאָגער זיך געשטעלט אפן ערשטן, אנדערע זיינען אין דער צייט פאַרלאָפן אין טויער פונעם שכיינעסדיקן הויף. דערווייל בין איך ארופגעקראָכן אף א צווייטער וואנט; אראָפּשפּרינגנדיק בין איך אריין אין א ווייכער קופּע מיסט, און נאָך איידער איך האָב זיך אָנגערירט אָן דער ערד, האָט מיין באגלייטער, וועמען דער זשאנדארם האָט שיר געפאקט, גלייך א פאַל געגעבן מיר אף דער פּלייצע. ניט געקוקט דערויף, האָט זיך אונדז איינגעגעבן אריבערקריכן נאָך א פּלויט, און מיר זיינען לעסאָפּ ארויס אף א זייטיקן וועג. ערשט דאָרט זיינען מיר אריין אין א פארפלייצטער לאָנקע; דאָס וואסער האָט אונדז דערגרייכט ביז די עלנבויגנס. מיינע פאַרפאָלגער זיינען געווען א מעטער דרייסיק פון אונדז. ווי מיר געדענקט זיך האָט מען ניט געשאָסן; ס'האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, און דאָס האָט אונדז זייער גוט צוגעשפּילט. מיר זיינען אריבערגעגאנגען דאָס טייכל און זיך דערקלויבן צו דער אייזנבאן־ליניע. היגטער אונדז האָבן געליארעמט די קוילעס פון מיינע פאַרפאָלגער, ס'האָט זיך געהערט א בילן פון הינט.

זיבן שעה נאָכאנאנד זיינען מיר געגאנגען מיט דער באן־ליניע. ס'איז געווען נאכט; אונדזער האלבאָשע—נאס און קויטיק; פון איר האָט זיך געפּילט א שלעכטער רייעך. בעייסן אראָפּשפּרינגען האָט מיין באגלייטער פארלוירן זיין היטל און דעם מאנטל, וועלכן ער האָט געהאלטן אין האנט. מיר האָבן מוירע געהאט אריינגיין אין א וועלכנ־

ניט־איז הויז; פיר אזייגער פארטאָג האָבן מיר זיך אופגעזעצט אפן צוג אפ א צווישנ־סטאנציע. אינ מאריענבאד זיבן אזייגער אינדערפרי איז א זשאנדארמישער פאטרול ארומגעגאנגען די וואגאָנעס. צוויי זשאנ־דארמען זיינען ארייַנגעגאנגען צו אונדז אינ קופּע און אונדז אָנגע־הויבן צו באטראכטן פונ קאָפּ ביז די פיס. זיי האָבן געוואָרפן אויגן אפ דער באגאזש־פּאָליצע, זוכנדיק דאָרט אומזיסט מיין באגלייטערס היטל. דערנאָך האָבן זיי א זאָג געטאָן: „א נו קומט מיט אונדז". אלע אונדזערע פּראָטעסט־פראגעס זיינען פארבליבן אָנ ענטפער. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מע האָט שוינ איבערגעגעבן דורכן טע־לעפאָן און טעלעגראַפ די סימאָנים, ווי אזוי צו דערקאָנען אונדז.

דער פאטרול האָט אונדז געפירט דורכ דער גאנצער שטאָט אינ דער זשאנדארמישער פארוואלטונג. אינ וועג האָב איך געפּרווּט זיך באפרייען פונ דער האנט־גראנאטע, וואָס איז נאָך בא מיר פארבליבן. איך האָב געהאט בעדייַע דאָס אָפּטאָן אזוי, אז קיינער זאָל ניט זען, אָבער די זאך האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן. אינ קאנצעליאריע האָט מען בא אונדז אָפּגענומען די דאָקומענטן (אפ פרעמדע פאמיליעס) און מע האָט אונדז געהייסן ווארטן ביז ס'וועט אָנקומען ענטפער אפן טע־לעגראפישן אָנפרעג. מע האָט אונדז אוועקגעזעצט בא א טיש, ווו עס זיינען געזעסן די זשאנדארמישע שרייבערס, און מע האָט אונדז פאָר־געלייגט קאווע. די גאנצע דרייסטאָקיקע געביידע איז געווען פארנומען מיט דער זשאנדארמישער קאזארמע.

דער קאָמענדאנט, וואָס איז געזעסן בא זיינעם א באזונדערן טיש, האָט זיך פלוצים א ווענדע געטאָן מיט דער פראגע, צי האָבן מיר ניט קיין געווער. מיר האָבן געענטפערט אז ניין. דעמאָלט האָט ער אונדז געמאָלדן, אז ער איז געצוווּנגען אונטערצוזוכן אונדז. טכילעס האָט מען באזוכט מיין באגלייטער. ניט געפונען בא אים גאָרניט, האָט מען זיך גענומען צו מיר. צוויי זשאנדארמען האָבן אונטערן אופזיכט פונעם שעפ געטאַפּט בא מיר אינ די טאשן. אינ דערדאָזיקער צייט האָב איך דערווייל ארויסגענומען פונ טאש די פיצינקע גראנאטע און האָב זי פארפרעסט אינ האנט. דער שעפ האָט דאָס באמערקט און געהייסן מיר

אופעפענען די האנט. האָב איך אויסגעצויגן די האנט אין דער זייט אריין, צעעפנט דעם פויסט, און זיי האָבן דערזען אף מיין דלאָניע א שווארץ שען אָפגעלאקירט איי. „א באָמבע!״—האָט דער מאָפס אין דער קאסקע א געשריי געטאָן, ווי אן אָפגעבריטער, און גלייך נאָך דעם האָט ער א קער געטאָן אף די אָפצאסן צום ארויסגאנג, זיך געשווינד אָפגעטראָגן אין שכיינעסדיקן צימער, פון דאָרטן אין קאָרידאָר און נאָך אים—אלע פיר זשאנדארמען.

איך בין ווי א צוגעשמידעטער געשטאנען אף מיין אָרט און אלץ נאָך געהאלטן די גראנאטע אין דער אויסגעצויגענער האנט. איך האָב שווייגנדיק געקוקט אף מיין כאווער, ער—אף מיר; איך בין געווען אזוי איבערראשט, אז איך האָב בעשאס מייטע ניט געפילט אפילע, ווי לעכערלעך דאָס איז. נאָכדעם בין איך מעכאניש פאמעלעך אריבער אין שכיינעסדיקן צימער, פון דאָרט האָב איך מיך געלאָזט צום ארויסגאנג און מיין כאווער נאָך מיר. אינערגעץ איז קיין לעבעדיקער מענטש ניט געבליבן. אזוי פאמעלעך, ניט איילנדיק זיך, זיינען מיר אראָפגעגאנגען די טרעפ און זיינען ארויס אף דער גאס: איך האָב שוין אפילע געמיינט, אז איצט זיינען מיר פריי. מיר האָבן נאָך ניט באוויזן אָפצוגיין עטלעכע טריט, האָבן זיך מיטאמאָל צעעפנט אלע פענצטער פון דער קאזארמע, און פון אומעטום האָבן ארויסגעשטעקט קאסקעס. די זשאנדארמען האָבן געשריען, ווי פון זינען גערירטע: „האלט אים, פאקט אים!״. און מיט די פינגער האָבן זיי געטייטלט אף מיר. פון דער צווייטער זייט גאס איז אָנגעלאָפן א פאָליציאנט מיט א געשריי: „שטיי!״ איך האָב געענטפערט: „קומט מיט מיר״.

די זשאנדארמען האָבן זיך קוים באוויזן אָנצונעמען מיט מוט, און אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך א יאווע געטאָן א מענטשן פערציק מיט ביקסן אין די הענט, גרייטע צו שיסן. זיי האָבן געשריען: „גלייך אנידערלייגן די האנט־גראנאטע!״ דידאָזיקע ווענדונג צו מיר האָבן זיי איבערגעכאזערט א מאָל פופציק. און ווייל איך האָב קיין כיישעק ניט געהאט צו לאָזן אין גאנג אין טשעכאָסלאָוואקיע גראנאטעס, האָב איך אוועקגעלייגט די גראנאטע אפן טראָטואר אונטער א בוים. ערשט

נאָכ דעמ ווי איכ בינ אָפּגעטראָטנ עטלעכע שפּאנ פונ דער גראנאטע, — זיינענ מיכ באפאלנ די זשאנדארמענ. דער קליינער קאראפּוז איז געוואָרנ א גאנצער העלד; ער האָט מיכ געקלאפּט אינ די זייטנ אונ געשריענ, אז ער וואָלט מיכ גערנ געשאָסנ. איכ בינ געקומענ צו זיכ, אָבער איכ האָב ניט אופגעהערט צו לאכנ.

מע אינטערנירט מיכ אינ טשעכאָסלאָוואקיע

מיינ ערשטער הונגער־שטרייק

מע האָט אונדז געשמידט אינ קייטנ אונ אוועקגעפירט קיינ עגער. אינ צוויי טעג ארומ האָט מענ מיכ געבראכט אפנ פארהער. דאָרט זיינענ געווענ צוויי אָפיצירנ פונעמ דייטשישנ רייכסווער אונ דער פּראָקוראָר פונ דרעזדענ. זיי האָבנ דערקאָנט אינ מיר העלצנ אונ זיינענ געווענ איבערצייגט, אז מע וועט מיכ ניט ארויסגעבנ, אָבער די אָרטיקע טשעכאָסלאָוואקישע מאכט איז גרייט געווענ דאָ אפנ אָרט טאקע מיכ איבערגעבנ צו די דייטשישע אָפיצירנ אונ צומ פּראָקוראָר. מע האָט מיכ שוינ געהאט צוגעגרייט אפּ אָפּצושיקנ קיינ דייטשלאנד, נאָר אינ לעצטנ מאָמענט איז אָנגעקומענ פונ דער טשעכאָסלאָוואקישער רעגירונג א פאראָרדענונג אָפּצושאפנ דאָס ארויסגעבנ מיכ.

אינ עטלעכע טעג ארומ האָט מענ זעקס אונדזערע כאווײרימ — מיכ, מיינ באגלייטער אונ נאָכ פיר רויטגווארדייער, וואָס זיינענ געזעסנ מיט אונדז אינ עגער, אופגעזעצט אפּ א ספּעציעלנ צוג אונ אָפּגעשיקט קיינ פּראָג. דער צוג איז באשטאנענ פונ א לאָקאָמאָטיוו אונ צוויי וואגאָנעס. אינ ערשטנ וואגאָנ זיינענ געזעסנ מיר אונ צוועלפ זשאנדארמענ, אינ צווייטנ — נאָכ דרייסיק זשאנדארמענ. אינ פּראָג איז אונדזער וואגאָנ אָפּגעשטאנענ קימאט א גאנצנ טאָג אפנ וואָקזאל, דערפאר ווייל אינ די מיניסטעריומס האָט מענ באהאנדלט די פראגע, וווהינ אונדז צו שיקנ. אזא דערקלערונג האָט מיר געגעבנ דער שעפ פונ דער פּראָגער קרימינאל־פּאָליציי. בא מיר אָבער איז געווענ אזא פאָרשטעלונג, אז

דאָס פארהאלט מען אונדז אזוי לאנג פאַשעט, קעדיי צו ווייזן זייער גרויס בעריעשאפט, דערפאר ווייל אין וואגאָן זיינען אלעמאָל געקרמען אנדערע באזוכער, און דער שעף פון דער פאָליציי מיט זיין סוויטע האָבן ניט אופגעהערט אונדז אויסצופרעגן.

ווען דאָס אלץ האָט מיר דערעסן, האָב איך אָפגעשיקט דעם שעף צו אלדי רוכעס, זיך אויסגעדרייט צום אוילעם מיטן רוקן און זאָלן זיי קוקן.

פון פראָג האָט מען אונדז אָפגעשיקט אין א געווינלעכן צוג קיין זשיטשין און פון דאָרטן צופוס אין דער טורמע קארטהויז.

דאָ האָט מען מיך באשולדיקט אינעם דראָען מיט אופרייס־שטאָפ (די מייסע מיט דער האנט־גראנאטע אין מאריענבאד). אין קארטהויז האָט מען אונדז געהאלטן פיר כאדאָשים; לעגיאָנערן האָבן אונדז באוואכט. ניט געקוקט דערופ, וואָס עס זיינען געשטאנען דעמאָלט געפערלעכע היצן,—דאָס איז געווען אין מיי־יוני,—איז בא אונדז אין קאזארמע געווען אזוי קאלט, אז איך האָב ניט אויסגעטאָן מיין מאנטל ניט באטאָג, ניט באנאכט. די קעלט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די קאמערעס פלעג מען ניט באהייצן; אין דער געביידע פון דער טורמע איז פריער געווען א מאָנאסטיר. די דיקע ווענט פון צוויי מעטער די גרעב פלעגן שטיין דורכגעפרוירענע אפ דורך אין דורך א קיילעכיק יאָר.

די דערנערונג איז געווען ניט קיין שלעכטע, אָבער מע האָט אונדז געגעבן אזוי ווייניק, אז קיינער פון אונדז איז קיינמאָל זאט ניט געווען. די ערשטע צייט פלעגט זיך ניט איינגעבן איבערצוגעבן אונדז וואָס־ניט־איז, נאָר שפעטער האָבן זיך גענומען זאָרגן וועגן אונדז די אָרטיקע אָרגאניזירטע ארבעטער. די לעצטע כאדאָשים האָט זיך אונדז געלעבט ניט שלעכט.

קעדיי צו באקומען יורידישע הילף און פארבינדן זיך מיט די רעגירונג־אנשטאלטן אין פראָג האָבן מיר געמוזט איינלאדן אן אדוואָקאט, וואָס באהערשט די טשעכישע שפראך. גאָליאפ, א זשיטשינער ראטמאן פון דער שטאָט־דומע—א סאָציאל־דעמאָקראט און א סויכער—האָט מיר

רעקאָמענדירט אנ אָרטיקנ אדוואָקאט, דעמ סאָציאליסט אבל, אלס זייער א גענייטנ יוריסט. דערדאָזיקער אדוואָקאט איז גערנ איינגעגאנ צו פארטיידיקנ מיכ אונ די איבעריקע דריי אונ צוואנציק אינטערנירטע. העיוס דאָס פירנ דעמדאָזיקנ איניענ האָט געפאָדערט אסאכ מיטלענ, האָט ער שוינ בעיס דעמ ערשטנ באזוכ זיכ גענומענ דערפרעגנ, ווי אזוי אייגנטלעכ, וועט באלוינט ווערנ זיינ ארבעט. איכ האָב אימ פאר־זיכערט, אז איכ וועל צווויסנ געבנ די זאקסישע פארטיי־אָרגאניזאציעס, אז זיי זאָלנ אימ צושיקנ דעמ נייטיקנ אוואנס.

ניט לאנג פארנ פאנאנדערלאָזנ די דויטע ארמיי האָט דער פאל־קענשטיינער אויספירקאָמ, וואָס זיינ פאָרזיצער בינ איכ געווענ, איבער־געגעבנ אינ פארשיידענע ערטער אפ באהאלטנ די סומע, וואָס איז גע־בליבנ פונ דער קאָנטריבוציע, וועלכע איז ארופגעלייגט געוואָרנ אפ די פאָגטלענדישע קאפיטאליסטנ. דאָס איז געטאָנ געוואָרנ צוליב דעמ, קעדיי דידאָזיקע געלטנ (זיבנ הונדערט פופציק טויזנט מארק) זאָל ניט פארכאפנ דער רייכסווער. אינ איינ האנט האָט מענ איבערגעגעבנ פונ פופציק ביז הונדערט טויזנט מארק.

איבערשיקנדיק צעטעלעכ פונ דער טורמע, האָבנ מיר איינגעשטעלט א פארבינדונג מיט די פאָגטלענדישע כאווירימ, וואָס זיינענ געווענ אפ דער פריי, אונ מיר האָבנ זיי געבעטנ אריבערפעקלענ קיינ טשעכאָ־סלאָוואקיע דורכ א כרוי פונ איינעמ פונ די ארעסטירטע א היפשע סומע געלט. באקומענ אינ זאקסנ הונדערט פופצנ טויזנט מארק, האָט זי זיי באהאלטנ אינ בוזעמ אונ אָנ א פאספאָרט אריבערגעגאנגענ די גרענעצ בא גראזליצ. בעייסנ זעצנ זיכ אינ צוג, וואָס איז געגאנגענ פונ זשיטשינ דורכ עגער, האָט זי אָנגעהויבנ שטארק צו בלוטנ; זי איז געפאלנ אינ אָנמאכט אונ מע האָט זי געמוזט אראָפטראָגנ אפנ וואָקזאל, אדאנק דעמ אָבער, וואָס זי האָט זיכ ניט פארלוירנ, האָבנ די טשעכישע טאמאָזשנע־באאמטע ניט אָפגענומענ בא איר דאָס געלט אונ די בריוו בעייס דעמדאָזיקנ אומגליקלעכנ צופאל. זי האָט געבראכט קיינ זשי־טשינ די גאנצע סומע געלט אונ די בריוו. זי האָט עס בעייס א זעונג מיטנ מאנ אימ איבערגעגעבנ אזוי פאָרזיכטיק, אז די טורמע־באאמטע האָבנ

דאָס אפילו ניט באמערקט. מיין פרוי און אויך מיין כאווערס פרוי האָבן געהאלטן, אז ס'וועט זיין צוועקמעסיקער צו האלטן דאָס געלט בא אונדז אין טורמע, איידער אין יענעם קליינינקן טשעכישן האָטעל, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער כאווער האָט מיר איבערגעגעבן דעם קאָנווערט מיט די הונדערט פופצן אסיגנאציעס צו טויזנט מארק, און איך האָב געהאט אפּ זיך די שווערע אופגאבע צו באהאלטן דאָס געלט אזוי, אז עס זאָל ניט ארייגפאלן אין די הענט פון די טורמע־באדינער באם טאָגטעגלעכן אונטערזוכן די קאמערעס.

איינמאָל פירט מען מיך פלוצים ארויס פון דער קאמערע אפּ אן אינדיווידועלער אונטערזוכונג. אין דערזעלביקער צייט האָבן אנדערע טורמע־אופזעער אונטערגעזוכט מיין קאמערע. דאָס געלט איז געלעגן אין אן אינוויינִיקסטן טאש פון עם פידזשאק. אומקערנדיק זיך האָב איך דערזען, אז דער אופזעער האָט אָנגעטאפּט דעם דאָזיקן קאָנווערט. איך האָב שוין געהאלטן, אז איצט איז אלץ פארפאלן. איך האָב אים געמאָלדן, אז דאָס איז א בריוו צו מיין אדוואָקאט און אז איך וועל אים ניט אָפּגעבן אין פרעמדע הענד. דער אופזעער האָט זיך געלאָזט איינריידן, און אדאנק דעם איז געבליבן גאנץ די סומע געלט, וואָס איז אונדז נייטיק געווען אפּ צו באלוינען דעם אדוואָקאט און פירן דעם פראָצעס.

דער ארעסטאנט, וואָס פלעגט צוקלייבן מיין קאמערע, האָט געקאָנט בלויז אייניקע דייטשישע ווערטער. ער איז געווען פארמ־שפּעט צו אייביקער טורמע און האָט שוין פארבראכט זיבעצן יאָר אין דער־דאָזיקער קאטאָרגע־טורמע, די סאמע שרעקלעכע אין טשעכיע.

איך האָב די גאנצע צייט געפאָדערט, מע זאָל וואָס גיכער פאנאנ־דערקלייבן מיין איניען, ווייל פון דעם, ווי עס וועט געלייזט ווערן מיין גוירל, איז געווען אָפּהענגיק דער גוירל פון די איבעריקע כאווי־רים. ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אז דער געריכט־פּראָצעס ווערט אומיסטן פארצויגן, האָב איך דערקלערט א הונגער־שטרייק, וואָס האָט זיך געצויגן פערצן טעג, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן, מע זאָל באַ־שטימען מיין איניען צום פאנאנדערקלייבן. בעייטן הונגער־שטרייק האָב

איך גאָרניט ניט געטרונקען,—און אויפן פינפטן־זעקסטן טאָג איז שוין מיין צושטאַנד געווען זייער אַ שלעכטער. איך האָב אָנגעהויבן פיבערן, אין מיר האָט אַלץ געברענט. כדי מע זאָל מיך ניט דערנערן מיט געוואַלד, האָב איך אַזוי פעסט פאַרקלאַפּט די טיר, אַז קיינער וואָלט זי ניט געקאָנט עפענען,—סיידן עפּשער נאָר צעברעכן זי מיט אַ האַק. איך האָב געוואָרט די אַדמיניסטראַציע, אַז ווי נאָר מע וועט אָנהייבן האַקן די טיר צינד איך גלייך אונטער מיין שטרויענעם מאַטראַץ. עמעס, אין אַזאַ פאַל וואָלט איך אַליין אויך פאַרברענט געוואָרן. סאַכאַקל מיט איין וואָך צוריק איז איינער פון די אַרעסטירטע פונעם צווייטן שטאָק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד טאַקע אויף אַזאַ אופן. די אַדמיניסטראַציע האָט געפונען פאַר גליכער זיך ניט אַריינרייסן מיט געוואַלט צו מיר אין קאַמערע, דערפאַר אָבער האָט זי צוגעטראַכט עפּעס אַנדערש. דער אַרעסטאַנט, וואָס איך האָב שוין וועגן אים דערמאָנט, האָט מיר צווויסן געגעבן, אַז די אַדמיניסטראַציע קלייבט זיך אויפברעכן די טיר פון מיין קאַמערע אומגעריכטערהייט, באַנאַכט בעת'ן שלאָף. האָב איך באַדאַרפט אָנעמען מיטלען כדי צו באַוואָרענען זיך פון אַ פּלוצימדיקן אָנפאַל. מיר איז איינגעפאַלן אַזאַ זאַך. איך האָב צוגעפּעסטיקט צום ביישטידל פון דער טיר די וואַש־שיסל, בלעכענע קוואָרטן און שיסלען, האָב אַראָפּגעלייגט דעם מאַטראַץ פון בעטל אויפן דיל און האָב זיך געלייגט שלאָפן מיטן קאָפּ צו דער טיר. דידאָזיקע סיגנאַליזאַציע האָט אויסגעצייכנט געווירקט; בײַם מינדסטן קלאַפּ אין טיר האָבן אויף מיין קאָפּ זיך אָנגעהויבן שיטן די בלעכענע קיילים, און איך פלעג זיך גלייך אויפכאַפּן. איך האָב דעריבער געוועדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַדמיניסטראַציע דערויף, אַז אויב זיי וועלן אָנהייבן צו ברעכן די טיר, וועלן זיי מיר צעקלאַפּן דעם שאַרבן. די לאַגע איז געווען אַ טראַגיקאָמישע. די טשעכאָסלאָוואַקן האָבן מיך פאַרשפּאַרט, און איך האָב די טשעכאָסלאָוואַקן אַרויסגעשטעלט.

דער דאָרשט האָט מיך זייער געמאַטערט; מע האָט מיר פאָרגעלייגט טרינקען, נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט.

כוץ דעם, וואָס מע האָט באַשטימט מיין איניען צום פאַנאַנדער־

קלײבן, האָט דער הונגער־שטרײק געגעבן נאָך אײן רעזולטאַט. מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערװיסן זיך, אַז ניט די טשעכישע מאַכט פֿאַרהאַלט דאָס באַפֿרײַען אונדז פֿון דער טורמע, נאָר מײַן פּאַרטײַדיקער, דאָקטער אַבל. דאַן האָב איך טעלעגראַפֿיש אַרױסגערופֿן אײנעם אַ דײַטשישן אַדװאָקאַט און געבעטן מיך צו באַזוכן. בעת זײַן צונױפֿקומען זיך מיט אים האָב איך אים באַװיזן יענע פֿאַנטאַסטישע הױצאָעס־סמעטע, װאָס עס האָט מיר צונױפֿגעשטעלט דער זשיטשינער אַדװאָקאַט. ס'האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז דאָקטער אַבל, װאָס האָט פֿאַר אַ קורץ שטיקל צײַט אױסגעצאַפּט פֿון אונדזערע כאַװײרים העכער זעכציק טױזנט מאַרק, פֿאָדערט נאָך צװאַנציק טױזנט, כאָטש ער האָט נאָך לאַכלוטן גאָרניט ניט געטאָן.

דער גאַנג פֿון מײַן אינײנע האָט זיך פֿאַרגיכערט ערשט דעמאָלט, װען פֿאַר אים האָבן זיך גענומען אַ דײַטשישער אַדװאָקאַט צוזאַמען מיט נאָך אײנעם אַ פֿראַנצױזישן יוריסט.

דאָ, אין קאַרטהױזער טורמע, האָב איך זיך דערװוּסט װעגן דער רוסיש־פּױלישער מילכאָמע. איך האָב זיך געסטאַרעט אױסקלאָרן פֿאַר זיך די סיבעס און דעם כאַראַקטער פֿון דערדאָזיקער מילכאָמע אָפּגעזען פֿון יענע קנאַפּע ידיעס, װאָס איך האָב באַקומען פֿון דער בורזשואַזער פּרעסע.

קײן סאָציאַליסטישע און בפֿרט קאָמוניסטישע צײַטונגען, ביכער און בראָשורן האָט זיך מיר דאָ ניט אײַנגעגעבן צו באַקומען.

אַף אַזאַ אופֿן האָב איך געהאַט אינפֿאָרמאַציעס בלױז פֿון אײן לאַגער. אָבער אַפֿילע פֿון די מיטײלונגען פֿון דער בורזשואַזער פּרעסע האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז די מילכאָמע פֿון די רוסישע אַרבעטער און פּױערים מיט פּױלן איז בעשומאױפֿן ניט קײן נאַציאָנאַלע אָדער אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, נאָר אַז די ערשטע אַרבעטער־מעלוכע אַף דער װעלט — דאָס סאָװעטישע רוסלאַנד — איז געצװוּנגען צו פֿירן זי, דידאָזיקע מילכאָמע, אין די אינטערעסן פֿון זעלבסטשוץ, אין די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער פֿון אַלע לענדער. פּױלן איז אַ בופֿער־מעלוכע, װאָס ס'האָבן געשאַפֿן די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס. די צװישנפֿעלקער־

לעכע בורזשואזיע שארט פייער מיט פרעמדע הענט. איך בין געווען שטארק אנטוישט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט פון דער טשעכאָסלאָוואקישער פרעסע, אז די דייטשישע ארבעטער זיינען ניט געקומען צו הילף די רוסישע כאוויירים, קעדיי צו באזיגן מיט געמיינזאמע קויכעס ניט נאָר די פוילישע, נאָר אויך די דייטשישע און די צווישנפעלקערלעכע רעאקציע.

אין אווגוסט כוידעש האָט מען מיך מיט מיין כאווער באפרייט פון דער קארטהויזער טורמע. די איבעריקע דריי און צוואנציק כאוויירים האָט מען אָנגעהויבן ארויסלאָזן נאָך פריער—מע האָט זיי אלע ארויסגעשיקט פון טשעכאָ־סלאָוואקיע.

צו אונדז ביידע האָט מען צוגעשטעלט צוויי שפיקעס פון פראָג, קעדיי צו האלטן א שטענדיקן אויפזיכט איבער אונדז.

בעערעך א וואָך פארן באפרייען מיך פון דער קארטהויזער טורמע האָט דער זשיטשינער געריכט פאנאנדערגעקליבן מיין אינייען; מ׳האָט מיך באשולדיקט פאר דער מייסע מיט דער האנט־גראנאטע בעיס מע האָט מיך ארעסטירט אין מאריענבאד. דערפאר וואָס איך האָב געבראָכן דעם געזעץ וועגן אויפרייס־שטאָפן און געדראָט אָפ קאטאָוועס די זשאנדארמען, האָט מען מיך פארמישפעט צו עטלעכע וואָכן טפיסע. מיר איז אָבער ניט אויסגעקומען אויסצוזיצן דעמדאָזיקן טערמין אין טורמע, און דער אורטייל איז, קאָנטיק, ארויסגעטראָגן געוואָרן נאָך לעפאָנעם, דערפאר ווייל ניט לאנג נאָכן געריכט האָט מען מיך באפרייט.

פון דער קארטהויזער טורמע איז בא מיר פארבליבן איינער א גוטער אָנדענק: ליגנדיק אפן בעטל אין די זומער־נעכט, פלעג איך אָפט הערן פרויען־שטימעס, וואָס האָבן געזונגען טשעכישע פאָלק־לידער; דאָס זיינען געווען מעלאָדיעס פון אויסערגעוויינלעכער, קימאט ניט־ערדישער שיינקייט. איך האָב נאָך אזעלכס קיינמאָל ניט געהערט ניט אין דייטשלאנד, ניט אין עסטרייך, פוילן, רוסלאנד, ניט אין בעלגיע, פראנקרייך און ענגלאנד. שפעטער האָב איך געהערט אָפערעס אין בערלין און אין ווין. נאָר דאָס איז גאָר קיין פארגלייך ניט צו יענעם

וווּנדערלעך־שיינעם מיידלשן כאָר, וואָס איך האָב געהערט אין די זומער־נעכט, ווען די לופֿט האָט געשמעקט מיט ליפּע־צוויט.

מיין אַדוואָקאַט האָט באַשלאָסן מיך איינצואָרדענען אין אַ סאַנאַטאָריע לעבן פּראָג, ווייל דער הונגער־שטרייק האָט שטאַרק פֿאַרערגערט מיין געזונט־צושטאַנד. בעת מיר זיינען אָפּגעפֿאָרן פֿון זשיטשין קיין פּראָג, האָבן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס איינגעאָרדנט פֿאַר אונדז אַ פֿייערלעכע באַגלייטונג. מע האָט געהאַלטן רעדעס, מ'האָט אונדז אונטערגעטראָגן גרויסע בוקעטן בלומען, רויטע לענטעס. די טשעכישע רעאַקציאָנערן, וואָס זיינען אויפֿגעבראַכט געוואָרן פֿון דעראָזיקער פֿייערונג, האָבן געפּרוּווט איינצואָרדענען אויף וואָקזאַל אַ קאָנטרדעמאָנסטראַציע, אָבער אינגיכן האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן, ווייל אונדזערע אָנהענגער זיינען געווען פֿיל מער, און אַפֿילו דער בורגמיסטער האָט זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע.

די רעכטע ראַדיקאַלן האָבן אָבער פֿאָרט גענומען נעקאָמע. זיי האָבן איבערגעגעבן דורכן טעלעפֿאָן צו זייערע אָנהענגער אין יענע שטעט, וואָס פֿאַרביי זיי האָט באַדאַרפֿט דורכגיין אונדזער צוג, און צוגעגרייט אַ העצע קעגן אונדז.

אויף דער צווייטער סטאַנציע האָבן הונדערטער טשעכישע ווייסגוואַרדייער זיך אַוועקגעלייגט אויף די רעלסן און ניט געלאָזט דעם צוג פֿאָרצוזעצן זיין מאַרשרוט. זיי האָבן אונדז געצוווּנגען אַרויסקריכן פֿונעם צוג, פֿאַרשיט אונדז מיט זידל־ווערטער, געדראָט, אַז זיי וועלן אונדז שלאָגן און באַוואַרפֿן מיט שטיינער.

ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעזעצט אין אַן אָפֿענעם אויטאָמאָביל, האָבן די צעווילדעוועטע ראַדיקאַלן באַשפּיגן אונדז, געשליידערט אונדז אין פּנים אַריין עפּל און בארן. איינס אַזייגער באַנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין סאַנאַטאָריע, וואָס אין פּראָגער פֿאָרשטאָט.

אין סאַנאַטאָריע פֿלעגן פֿאָרקומען וווּנדערלעכע מעשׂים. מע האָט צוגעפּאַסטיקט צו אונדז צוויי שפּיקעס און מע האָט מיך פֿאַרפֿליכטעט צו צאָלן פֿאַר זיי פֿאַר עסן און קוואַרטיר. לויט מיינע געלט־רעסורסן האָב איך דאָס ניט געקאָנט אויסהאַלטן און פּאַטערן דערויף פֿון די רעשטן

געלט, וואָס זיינענ פארבליבנ פונ די רעקוויזיציעס, האָב איכ אבסאָליוט קיינ כיישעק ניט געהאט.

אוועקגיינ פונ דער סאנאטאָריע האָבנ מיר ניט געטאָרט, שפאצירנ האָבנ מיר געמעגט בלויז אינ פארק אונטערנ אופזיכט פונ די פּאָלי־צעישע באאמטע. דער אופזיכט איז געווענ אזא: ווענ מיר פלעגנ גיינ אפנ שפאציר, פלעגט איינער פונ די פּאָליציאנטנ, וואָס איז געווענ אנ אויסגעצייכנטער פידלער, גיינ פאָרויס אונ שפּילנ אפ א פידל וואונדער־לעכע טשעכישע פאָלק־מעלאָדיעס; כוצדעמ פלעג ער שאָענוויינ ארומ־לויפנ, קעדיי צו קריגנ פאר אונדז ציגנ־מילכ.

דער צווייטער פּאָליציאנט איז געווענ ווייניקער סימפּאטיש. דאָס איז געווענ א מענטש פונ נידעריקנ וווקס, א דיקער, מיט פולע באקנ. פריער האָט ער געדינט אלס קאמערדינער באמ גראפ טורנ־טאקסיס אונ, לויט דעמ ווי ער האָט דערציילט, האָט ער ערשט נאָכ דער איבער־קערעניש אויסגעקליבנ פאר זיכ די קאריערע פונ א פּאָליצעישנ אָנגע־שטעלטנ. ער פלעגט טאקע פאָדערנ געלט בא מיר. ער האָט געקאָנט אויסגעצייכנט דערציילנ מייסעס, וואָס פלעגנ ברענגענ ביז טרערנ, אז עס לעבט זיכ אימ שלעכט אפ דער וועלט, אז אויב איכ וועל ניט אָפּקויפנ בא אימ זיינ גאָלדענעמ זייגער, וועט ער מוזנ נאָכ היינט באנאכט דערשיסנ זיינ פרוי אונ זיינ קינד אונ אויכ אליינ באגיינ זעלבסטמאָרד. פאר דעמדאָזיקנ זייגער האָט ער געבעטנ ניט מער, ניט ווייניקער, ווי פינפ טויזנט קראָנ, נאָר איכ האָב בא מיינ גאנצנ ווילנ ניט געקאָנט אימ געבנ אפילע קיינ פוצציק. ער האָט אָנ שומ ספּעק מיכ געהאלטנ פאר א מיליאָנער אונ געגלייבט די נאיווע לאנדסלייט, וואָס האָבנ ניט אָפּגעטאָנ פונ אונדז די אויגנ אפ די סטאנציעס, מיינענ־דיק אז מיינע רענצלעכ זיינענ אָנגעפּאקט מיט דימענטנ אונ בריליאנטנ.

די טשעכישע נאציאָנאליסטנ האָבנ אינגיכנ זיכ דערוווסט, ווו איכ וווינ, אונ אונדז אָנגעהויבנ צו דערעסנ מיט זייערע קאצנ־קאָנצערטנ בעייס מיר זיינענ אינ די אָוונטנ געזעסנ אפנ באלקאָנ. זייערע צייטונ־געג האָבנ ניט אופגעהערט צו פאָדערנ, מע זאָל אונדז ארויסשיקנ פונ טשעכאָ־סלאָוואקיע.

געוויס האָט עס די רעגירונג אונטער זייער ווירקונג טאקע אָנגענומענ דעמדאָזיקנ מעשונעדיקנ באשלוס אונדז ארויסצושיקנ. די לעצטע טעג האָבנ אינ סאנאטאָריע זיכ באוויזנ, כוץ די פּאָליצעישע באאמטע, נאָכ צוויי זשאנדארמענ מיט ביקסנ; זיי האָבנ נאָכגעשפּירט נאָכ אונדז פונעמ וועכטערט שטיבל און געהיט אונדז, מיר זאָלנ ניט אנטלויפנ. עס זיינענ געגאנגענ קלאנגענ, אז מיר האָבנ בעדייע צו מאכנ פליטע. פונ די שמועסנ מיט מיינ פראָגער אדוואָקאט איז קלאָר געוואָרנ, אז די „הויכע ספערעס" זיינענ פארינטערעסירט אינ דעמ, איכ זאָל וואָס גיכער פארלאָזנ טשעכאָ־סלאָוואקיע. מיר האָבנ איינגעפּאקט אונדזערע זאכנ אינ צוויי רענצלעכ; אפנ צווייטנ טאָג זיינענ נאָכ אונדז געקומענ אפ אנ אוטאָמאָביל מיינ אדוואָקאט און איינ פּאָליצעישער באאמטער. ביידע זשאנדארמענ, וואָס האָבנ באוואכט דעמ טויער, האָבנ זיכ ניט גערירט פונ אָרט, בעת מיר זיינענ פארביי זיי דורכגעגאנגענ. מיר זיינענ צוגעפאָרנ אפנ אוטאָמאָביל ביז א קליינער אייזנבאנ־סטאנציע הינטער פראָג; דאָרט האָט אונדז דער פּאָליצעישער באאמטער פארלאָזט און דער פארטיידיקער איז געפאָרנ מיט אונדז ביז צניימ, וואָס אפ דער טשעכיש־עסטרייכישער גרענעצ. דאָרטנ האָט מענ שוינ געוווסט, אז מיר דארפנ אָנקומענ און מיט דער דערלויבעניש פונ דער אָרטיקער מאכט האָט מענ אונדז שטילערהייט אריבערגעשטעלט די עסטרייכישע גרענעצ אָנ שומ פאספּאָרטנ און וויזעס. די טשעכא־סלאָוואקנ זיינענ פונ מיר פּטער געוואָרנ. ווייניק וואָס פרייד האָב איכ זיי פארשאפט. זאָלנ איצט די עסטרייכער פרווונ זיכ ספראווענ מיט העלבנ!

פונ זשיטשינער טורמע בינ איכ ארויס סאָפ אווגוסט; אינ סאנאטאָריע האָב איכ פארבראכט א כוידעש צייט.

צייטווייליק אינ ווינ

צוריק קיינ דייטשלאנד אפ א פאלשנ פאספּאָרט

קיינ עסטרייכ בינ איכ אָנגעקומענ אָנהייב אָקטיאבער. א שטיקל צייט האָב איכ געלעבט אינ א קליינעמ פענסיאָנאט לעבנ ווינ, דערנאָכ

אין דער סאַנאַטאָריע פּריסניטצאַל אין מעדלינג. לויטן אויפֿטראַג פֿון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זיינען אַהער געקומען צו מיר פֿאַנטלענדער כאַווײרים. פֿון זיי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין דרעזדען האָט מען איבערגעגעבן צום געריכט פֿיל רויטגווארדייער, אַז פֿיל פֿון זיי האָט מען שוין פֿאַרמישפּעט און אַז אויב איך קער זיך אום קיין דייטשלאַנד, וועל איך קאָנען ברענגען נוצן די אַרעסטירטע כאַוויירים און זייערע פֿאַמיליעס.

איך האָב זיך דעריבער אָפּגעזאָגט פֿון מיין פּלאַן צו פֿאָרן פֿון ווין קיין רוסלאַנד און האָב באַשלאָסן זיך לאָזן גלייך קיין דייטשלאַנד, קעדיי צו אָרגאַניזירן דאָרט דאָס באַפֿרייען מיט גוואַלט די כאַוויירים, וואָס זיינען געזעסן אין דרעזדענער און פּלאַוענער טורמעס.

בא דער מיטהילף פֿון איינעם אַן עסטרייכער סטודענט פֿון ווינער אוניווערזיטעט, וואָס האָט אונדז מיטגעפֿילט און וואָס האָט געהאַט פֿאַרבינדונגען אין פּאָליציי־פּרעזידיום, האָב איך געקראָגן אַ פּאַספּאָרט אויפֿן נאָמען אַלעקסאַנדער מאַטיאַסעק.

פֿון ווין האָב איך זיך אומגעקערט קיין דייטשלאַנד דורך פּאַסאַו. בעיִס די באַאַמטע האָבן אויף דער גרענעץ גענומען מיין פּאַספּאָרט אויף דורכצוקאָנטראָלירן און האָבן אָנגעהויבן מיך צו באַטראַכטן, איז מיר דורכגעלאָפֿן אַ גרויל איבערן לייב. מיין לאַגע איז געווען אַ געפֿערלעכע, דערפֿאַר ווייל איך האָב קימאַט ניט געענדערט מיין אויסערלעכן אויסזען. איך האָב נאָר אָנגעטאָן ברילן; מיינע האָר זיינען געווען גלאַט פֿאַרקעמט און די וואָנצעס אָפּגעגאָלט. פֿון פּאַסאַו בין איך געפֿאָרן ביז האָף, האָב דאָרט געדונגען אַן אויטאָמאָביל און שטאַרק פֿאַרוווּנדערט מיינע עלטניצער און פֿאַלקענשטיינער פֿריינט מיט מיין פּלוצימדיקן אומקערן זיך. דאָס איז געווען אין מיטן דעקאַבער 1920.

דאָס אומקערן זיך צוריק צו די פֿאָגטלענדער פֿריינט האָט מיך באַפֿרייט פֿון די שווערע גייסטיקע איבערלעבונגען. אין ווין האָב איך ניט געקאָנט אַריינקומען אין אַרבעטער־קרייזן, דערפֿאַר ווייל גראָד דאָרט האָבן מיך געזוכט די שפּיקעס. מיר איז אויסגעקומען זיך פֿיין אָנטאָן, זיין בלויז דאָרטן, ווו עס פֿאַרווײלן זיך „די העכערע קרייזן

פונ דער געזעלשאפט", שטענדיק באזוכנ טעאטערנ, קאבארע אונ פראכטפולע רעסטאָראנענ. אינ אנ אריסטאָקראטישער געזעלשאפט וואָלט מענ מיכ אינ די גאָלדענע ברילנ אונ מיט דעם גלאטנ שרינט ניט דערקאָנט; ווייניקער ווי אלצ וואָלט מענ דערקאָנט אינ מיר העלצנ.

אומקערנדיק זיכ קיינ פאָגטלאנד, האָב איכ פארשטאנענ, אז ס'איז שוינ לאנג צייט אראָפּצוווארפנ פונ זיכ אָט דעם קאָנספיראציע־שלייער, דערפאר ווייל די ארבעטער האָט זיכ געדאכט, אז איכ האָב סיי אויסערלעכ, סיי אינערלעכ זיכ אָפּגעריסנ פונ זייער סוויווע.

אינ דידאָזיקע טעג האָב איכ דערפילט, אז מיינ רעוואָליוציאָנערע טעטיקייט וועט אינגאנצנ פארלוירנגיינ, אויב איכ וועל ניט האָבנ דעמ פולקומענ צוטרוי אונ שטיצע מיצאד די ארבעטער.

פונ פאָגטלאנד בינ איכ צוגעפאָרנ קיינ אילטענ, לעבנ האנאָווער, קעדיי צו זענ מיינע אייגענע. וועגנ דעמ, אז איכ געפינ זיכ אינ עלסניצ, האָבנ געוווסט בלויז צוויי־דריי פארטעישע כאווײרימ, וואָס האָבנ געהאָט בא מיר פולנ צוטרוי. פונדעסטוועגנ האָבנ מיכ, קאָנטיק, דערשפירט די שפיקעס. ווענ איכ האָב אינ האָפ זיכ געקליבנ אופזעצנ זיכ אפ אנ אווטאָבוס, האָב איכ באמערקט בא דער סטאנציע עטלעכע פּאָליציאנטנ, צומ גליק אָבער האָב איכ באוויזנ א קער געבנ צוריק.

דער כאַווער, בא וועלכנ איכ האָב געגעכטיקט צוזאמענ מיט מיינ פרוי, האָט אונדז באגלייט צופוס ביז האָפ. דאָס לאנגזאמע גיינ באנאכט האָט אונדז איינגעמידט. מיר האָט זיכ די גאנצע צייט געדאכט, אז די שפיקעס לויפנ אונדז נאָכ.

אָנגעקומענ אינ האָפ איינס אזייגער באנאכט, האָב איכ פאנאנדערגעטיילט די פליכטנ: דער כאווער מיט מיינ פרוי זיינענ פריער געגאנגענ אפנ וואָקזאל א קוק געבנ, צי איז אלצ דאָרט אינ אָרדענונג, אונ איכ האָב דערווייל געגומענ א נומער אינ א האָטעל קעגנ וואָקזאל. איכ האָב זיכ צונויפגערעדט מיטנ כאווער, ער זאָל ניט לאנג איידער מיינ צוג דארפ אָפּגיינ מיר צווויסנ געבנ, צי איז ניטאָ ערגעצווו נאָענט קיינ שפיקעס. איכ האָב אומזיסט געווארט אפ אימ אינ האָטעל; ס'איז אוועק א שאָ נאָכ א שאָ, אונ קיינער איז ניט געקומענ.

איכ בינ געוואָרנ אזוי אומרויִק, אז איכ האָב ניט געקאָנט איינזיצנ אינ האָטעל אונ באשלאָסנ צו גייג אפנ וואָקזאל. דורכגעגאנגענ עטלעכע טריט, האָב איכ באמערקט אפ דער גאס זייער אסאכ פּאָליציאנטנ; זיי האָבנ זיכ געלאָזט אפנ וואָקזאל גרופּעסווייז צו דריי־פיר מענטשנ. אייניקע פונ זיי זיינענ דורכגעגאנגענ לעבנ מיר; איכ האָב גלייכ פארשטאנענ, וואָס דאָ טוט זיכ: דער כאווער מיט מיינ פרוי זיינענ ניט געקומענ צו מיר, קאָנטיק צוליב דעמ, אז די פּאָליציִשע שפּיקעס זאָלנ ניט דערשפּירנ, ווו איכ בינ.

קעדיי אָפּציִענ וואָס ווייטער פונעמ וואָקזאל, האָב איכ גלייכ א קער געטאָנ אינ א טונקל לוקל. אָבער שוינ אינ אייניקע מינוטנ ארומ האָב איכ דערהערט הינטער זיכ גיכע טריט, דערנאָכ געשרייענ אונ א גע־פּיפּעריי, א שפּאנ צוואנציק קעגניבער מיר איז געווענ א פּלויט פונ א מעטער צוויי די הייכ; דאָרט איז געווענ א לאגער פונ בוי־מאטעריאלנ. בינ איכ אריבערגעשפּרונגענ דעמ פּלויט—דערביי פארטשעפּעט מיינ קאָסטיומ אינעמ שטעכ־דראָט אונ אימ צעריסנ—אונ זיכ באהאלטנ גע־שווינד הינטער די שטאבעלנ ברעטער.

די היפּשע גרופּע פּאָליציאנטנ האָט עטלעכע מאָל אונטערזוכט די די גאנצע שטאָט, אומעטומ האָבנ געפינקלט די טאש־לעמפּעלעכ אונ די בלענדנדיקע לאמטערנס.

פארצויגנ אינ זיכ דעמ אָטעמ, האָב איכ זיכ צוגעשפּארט צו דער וואנט אונ זיכ פונ אָרט ניט גערירט אינ מעשעכ פונ א גאנצער שאָ. ס'איז געווענ א פראָסטיקע נאָיאבער־נאכט. פּלוצימ דערהער איכ א נאָענטנ גערויש. איכ האָב אָנגעשטרענגט די אויגנ אינ דער פינצטער אונ דערזענ פאר זיכ א גרויסנ הונט, וואָס האָט פּאמעלעכ זיכ באוועגט אונ באשמעקט ארומ זיכ די ערד. דער הונט האָט געקאָנט אלע ווײַלע זיכ ארופוארפנ אפ מיר אינ מיט זיינ בייזנ בילנ צוציִענ די אופמערק־זאמקייט פונ די פּאָליציאנטנ. איכ בינ אריינגעפאלנ אינ א טויט־שרעק אונ מיט א איינגעהאלטענעמ אָטעמ פונעמ הונט קיינ אויג ניט אָפּגעטאָנ. צומ גליק אָבער האָט דער הונט אפילע קיינ ברומ ניט געטאָנ, ער האָט ארומגעשמעקט די ערד אונ איז אוועק.

קעדיי אויסצומיידנ א צווייטנ מאָל די געפאר אריינצופאקנ זיכ איבערנ הונטס בילנ, בינ איכ אריבערגעשפרונגענ דעמ פלויט. אָבער ערשט דאָ בינ איכ ארייג אינ רעכטנ טייער. די פאָליציאנטנ האָבנ נאָכ אלצ ניט אופגעהערט צו זוכנ אינ די אומרויקע גאסנ. איכ האָב זיכ געלאָזט לויפנ איבער דער גאס, ווי גלייכ נאָכ מיר וואָלטנ נאָכגעיאָגט טויזנטער רוכעס,—מיר האָט זיכ גערדאכט, אז נאָר אפ אזא אויפנ וועל איכ אוועק פונ שטאָט. אינ וועג האָב איכ אָנגעטראָפנ אפ א ברייטע לאָנקע וואָס איז געווענ עטוואָס פארפלייצט מיט צוגעפרוירענע וואסער. איכ האָב ניט געהאט קיינ אנדער אויסוועג, נאָר אריינצוגייג בינ די קני אינ וואסער, קעדיי ניט אריינצופאלג אינ די הענט פונ מיינע פארפאָלגער, וואָס האָבנ שוינ געהאלטנ בא דעריאָגנ מיכ. דאָס גיכע לויפנ מייגס האָט צוגעצויגנ אופמערקזאמקייט. קימאט א שאָ צייט בינ איכ געלאָפנ איבער דעמדאָזיקנ האלבפארפרוירענעמ זומפ, אונ ווענ איכ בינ ארויס אפ א טרוקענעמ באָדנ, בינ איכ שוינ געווענ ווייט פונ דער שטאָט. ס'איז שוינ געווענ נאָכ פינפ א זייגער, אָבער ס'האָט נאָכ ניט געטאָגט, אונ אדאנק דעמ האָב איכ געקאָנט זיכ ראטעווענ. איכ בינ געווענ אינ א שרעקלעכנ צושטאנד: מיינ האלבאָשע איז געווענ צעריסנ, קויטיק, דורכגעווייקט אפ דורכ אונ דורכ, אָנ א היטל—איכ האָב עס פארלוירנ בעייסנ לויפנ. כוצדעמ בינ איכ געווענ הונגעריק אונ אויסגעמאטערט. צומ גליק איז מיר פארבליבנ א גאנצער דער גרינגער מאנטל, וועלכנ איכ האָב געהאלטנ אינ האנט. מיט דעמדאָזיקנ מאנטל האָב איכ געקאָנט פארדעקנ מיינ פיטש־נאסנ, קויטיקנ אונ צעריסענעמ קאָסטיומ. איכ האָב אימ אָנגעטאָנ נאָר צוליב דעמ, איכ זאָל זיכ ניט ווארפנ אינ די אויגנ די פארבייגייער—ווארעמענ האָט ער סייווי ניט געקאָנט.

איכ האָב באשלאָסנ זיכ דערקלייבנ צו א וועלבער־ניט־איז קליינער סטאנציע אונ פונ דאָרטנ פאָרנ קיינ האנאָווער. אפנ צווייטנ טאָג, זיבנ אזייגער אינדערפרי, בינ איכ פאָרזיכטיק אראָפגעקראָכנ פונעמ צוג, נאָכ איידער מיר זיינענ דערפאָרנ ביז האנאָווער, אונ פונ דאָרטנ האָב איכ זיכ געלאָזט צופוס אינ שטאָט אריינ, קעדיי ניט אריינפאקנ זיכ אפנ וואָקזאל אינ די הענט פונ די שפיקעס.

ס׳איז געשטאנענ דעמאָלט רעכטער ווינטער מיט פרעסט אונ שנייענ. איכ האָב געפילט, אז איכ האָב זיכ ערנסט פארקילט.

מיינ פרוי האָב איכ אינ דערהיימ ניט געטראָפנ. זי איז אוועקגעפאָרנ צו מיינ שוועסטער, וואָס האָט געוווינט אינ אילטענ. איכ האָב פאָרגעלייגט דער באלעבאָסטע פונ מיינ וווינונג צופאָרנ אינ א טאקסי קיינ אילטענ אונ ברענגענ מיינ פרוי: אינ האנאָווער האָב איכ געדענקט צו שטיינ ניט לאנג, דערפאר ווייל אפ צוגרייטנ פאר די ארעסטירטע כא־וויירימ די מעגלעכקייט צו אנטלויפנ האָט זיכ געפאָדערט א זיכערער אָרט. אינאָוונט איז די פרוי געקומענ קיינ האנאָווער. מיר זיינענ ניט געבליבנ אפ דער פריערדיקער וווינונג, נאָר געדונגענ א צימער אפ א פערטנ שטאָק פונ א גרויס הויז בא א שוועסטער פונ איינעמ אנ איבער־געגעבענעמ כאווער.

פלוצימ, ארומ צוועלפ אזייגער באנאכט, הערט זיכ א קלאַפּ אינ טיר. איכ האָב גלייכ פארשטאנענ, אז דאָס איז פאָליציי. אונדזער באלעבאָסטע איז געשלאָפנ אינ שכיינעסדיקנ צימער. איז זי געפאלנ אפנ סייכל ניט אופצועפענענ גלייכ די טיר. ערשט ווענ מ׳האָט דאָס צווייטע מאָל א קלאפּ געגעבנ, האָט זי געענטפערט: „גוט, באלד־באלד, ווארט אביסל, איכ דארפ זיכ אָנטאָנ".

זי איז אריינגעלאָפנ צו אונדז אינ צימער אונ געפרעגט, וואָס זאָל זי טאָנ. איכ האָב גלייכ א כאפּ געטאָנ אלע מיינע זאכנ—אָנצוטאָנ זיכ איז קיינ צייט ניט געווענ—האָב אופגעהאנגענ די שיכ אפנ האלדז, דאָס איבעריקע גענומענ אינ די הענט אריינ, קעדיי די זשאנדארמענ זאָלנ קיינ שומ שפור ניט טרעפנ; אָנגעזאָגט דער באלעבאָסטע, זי זאָל פאר־מאכנ נאָכ מיר דאָס פענצטער אונ אוועקשטעלנ דעמ וועקזייגער אפנ פענצטער בינ איכ ארויס דורכנ פענצטער אונ ארופגעקראָכנ אפנ דאכ־געזימס. פונ דאָרטנ האָב איכ זיכ ארופגעדראפעט אפנ דאכ, וואָס איז געווענ באדעקט מיט שניי, אונ זיכ באהאלטנ הינטערנ קוימענ.

אזוי בינ איכ דאָרט אָפגעזעסנ אנ האלב־נאקעטער די גאנצע ווינטער־נאכט ביז טאָג. אומזיסט האָב איכ געווארט אפ א וועלכנ־ניט־איז סיגנאל, איכ זאָל שוינ סאָפּקאָלסאָפּ קאָנענ פארלאָזנ דאָס שרעקלעכע

באהעלטעניש. זעקס אזייגער פארטאָג בין איך אזוי פארגליווערט געוואָרן, אז איך האָב, ניט געקוקט אף אלע מיינע אָנשטרענגונגען, ניט געקאָנט מער בלייבן אפן דאך. האָב איך באשלאָסן, אז ס'איז שוין גלייכער אריינצופאלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, איידער אומקומען פאר קעלט. מיט דעמזעלביקן איינגעשטעלטן וועג האָב איך זיך אומגעקערט צוריק. אין קווארטיר האָב איך קיינעם ניט געטראָפן. איך האָב געמיינט, אז מיין פרוי און די באלעבאָסטע זיינען ארעסטירט. אין א פאָר שאָ ארום האָבן זיי ביידע זיך אומגעקערט און דערציילט, און זיי האָבן פארפירט די פּאָליציי אף א פאלשן שפּור.

ווען איך האָב שפּעטער צוזאמען מיט א כאַווער א קוק געטאָן פון דער גאס אף דעמדאָזיקן מעשופּעדיקן, מיט שניי באדעקטן דאך, האָבן מיר זיך אליין ניט געקאָנט גלויבן, ווי אזוי בין איך ארופגעקראָכן אהינצו און ניט אראָפּגעקייקלט זיך אף דער ערד. איך האָב פארשטאַנען, אז אזעלכע געפערלעכע קונצן קאָנען דורכמאכן בלויז מעשוגאָים אָדער מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אויסערגעוויינלעכער געפאר.

נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעווען א קורץ שטיקל צייט אין ברוינשווייג, ווו ס'האָט זיך ניט איינגעגעבן די שפּיקעס מיך צו דערשפּירן, בין איך אין דער צווייטער העלפט דעקאבער 1920 אוועקגעפאָרן קיין בערלין, קערץ צוזאמענריידן זיך מיט אייניקע כאַווייריםם, וואָס האָבן באדארפט זיך באטייליקן אין דער אָנגעמערקטער ארויסטרעטונג. ביז דעמאָלט האָט צווישן מיר און די פירערס פון דער פּארטיי ניט עקזיסטירט קיין שום פארבינדונג, נאָר מיר האָט זיך איינגעגעבן איינצושטעלן א גאנץ אויבנופיקע פארבינדונג מיט די פירערס פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער ארבעטער-פּארטיי *) איך בין ניט געווען איינגשטימיק מיט זייער טאקטיק, אָבער זיי האָבן געהאלטן, אז א מענטש מיט אזא טעמפּעראמענט ווי מיינער דארף זיין בלויז אין זייערע רייען; באזונדערס האָבן זיי זיך איבערצייגט אין דעם אדאנק דעם, וואָס איך האָב אומראכמאָנעסדיק קריטיקירט יענע פּאָזיציע, בא וועלכער עס האבן זיך

*) די ד. ק. ארב. פּ. האָט זיך אָפּגעשפּאלטן אלס א מער „לינקע“ פּארטיי פון דער ד. ק. פּ. אפן II־טן פּארטיי־צוזאמענפאָר אין 1920 יאָר. (באַמ. פון רעד)

געהאלטנ בעייטנ קאפּ-פּוטש בראנדלער, העקערט אונ געוויסע אנדערע פירערס.

פאר די ארבעטער-קרייזנ, פריער פאר אלצ פאר יענע כאווײרימ, וואָס זיינענ געווענ מיטגלידער פונ דער ד. ק. פּ. אונ ד. ק. ארב. פּ., איז געווענ כאראקטעריסטיש פאָלגנדיקער קוק אפ דייטשלאנדס פּאָליטישער לאגע: נאָכ דער מארט-מאפּאָלע האָט די מאָנארכיסטישע רעאקציע קלאָר ניט אָפּגעזאָגט זיכ פונ קאמפּ. זי האָט מאָביליזירט אלע אירע קויכעס, קעדיי צוגרייטנ א נייעמ אָנגריפ. דער ארבעטער-קלאס דארפ דאָס מאָל זיכ האלטנ לאכלוטנ בא אנ אנדער טאקטיק. דער פּראָלעטאריאט דארפ ניט נאָר באשיצנ זיכ, נאָר אויכ אליינ אריבערגיינ אינ אָנגריפ. כוצדעמ דארפנ דער ארבעטער-קלאס אונ זיינע פּאָליטישע אונ פּראָפפאריינישע אָרגאניזאציעס אקטיוו שטיצנ דאָס סאָוועטישע רוסלאנד, מיטהעלפנ דער סאָוועטישער בוויונג אונ פארטיידיקנ די ערשטע ארבעטער-מעלוכע אינ דער וועלט פונ די סאָנימס אָנפאלנ. צוליב דעמדאָזיקנ ציל דארפ מענ ניט נאָר ניט דערלאָזנ, אז די רעאקציע אינ דייטשלאנד זאָל זיגנ, נאָר מע מוז אָנווענדנ אלע קויכעס דערצו, מע זאָל זי לאכלוטנ פארניכטנ.

די באוווסטזיניקע ארבעטער האָבנ אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז אינ דער עפּאָכע פונ אומופהערלעכע עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע קריזיסנ—דער אָנהייב פונ דער אינפליאציע, די מילכאָמע מיט פּוילנ, דאָס פארכאפּנ די פאבריקנ אינ איטאליע—קאָנ אינ יעדנ מאָמענט זיכ שאפנ אזא לאגע, ווי אינ מארט 1920. די פּראָלעטארישע מאסנ האָבנ זיכ זייער לעבעדיק אָפּגערופנ אפ די וואָרענונגענ מיצאד דער ד. ק. פּ. ס'איז נייטיק געווענ פריער פאר אלצ ארויסצוווייזנ די גרעסטע וואכזאמקייט; די בעסערע עלעמענטנ האָבנ שטענדיק געפאָדערט פונ די פּאָליטישע אָרגאניזאציעס אריבערצוגיינ אינ אָנגריפ.

די דערפארונג פונ די פאָגטלענדישע געשעענישנ אונ דאָס דורכארבעטנ די טעאָריע אונ די פּראקטיק פונ קלאסנקאמפּ האָבנ מיכ איבערצייגט, אז קעדיי צו באפרייענ דעמ פּראָלעטאריאט זיינענ ניט גענוג בלויז עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע רעפאָרמעס; ס'איז נייטיק געווענ צו

פירנ א קאמפ פאר דער פאָליטישער מאכט מיט אלע מיטלענ, דערפאר ווייל אויכ די בורזשואזיע שטעלט זיכ ניט אָפּ פאר קיינ פאָליטישע צוואנג־מיטלענ, אפי איינצוהיטנ די סיסטעמ פונ עקאָנאָמישער עקספלואטאציע פונעמ פּראָלעטאריאט.

וואָס מער איכ האָב זיכ איינגעטראכט אינ טאָכ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, אלצ מער האָב איכ זיכ איבערצייגט אינ דעמ, אז קיינ סאָציאלע רעוואָליוציע ווערט ניט געמאכט דורכ באוואָפנטע פוטשנ, נאָר אז זי איז א לאָגישער אויספיר פונ באשטימטע עקאָנאָמישע פאָרהאנאָכעס אונ פארהעלטענישנ פונ סאָציאלע קויכעס. פונדאנענ איז אָבער ניט געדרונגענ, אז מע טאָר ניט פארגיכערנ די רעוואָליוציע דורכ אקטיווע ארויסטרעטונגענ.

ווענ א וועלכע־ניט־איז פאָליטישע פּראָלעטארישע אָרגאניזאציע וואָלט געווענ צוגעגרייט אינ יענער צייט א מאסנ־אויפשטאנד אָדער א באוואָפנטע ארויסטרעטונג, וואָלט איכ אָנ קווענקלעניש אָפּגעגעבנ דער־דאָזיקער זאכ אלע מיינע קויכעס. בלויז א באוואָפנטע ארויסטרעטונג איז פעיק—בא באשטימטע פאָרהאנאָכעס—איינצושטעלנ א פעסטע פּראָלעטארישע מאכט. אָבער ווייל מע האָט ניט געהערט, עס זאָל זיכ גרייטנ אנ אויפשטאנד, האָב איכ גענומענ אפ זיכ א שמעלערע אויפגאבע: פארגרינגערנ די לאגע פונ די כאווירימ, וואָס זיצנ אינ די טפיסעס נאָכ פונ זינט ס'איז פאָרגעקומענ דער קאפּ־פוטש, אונ שאפנ פאר זיי א מעגלעכקייט צו אנטלויפנ. צוליב דעמ האָב איכ אָרגאניזירט אינ בערלינ, ברוינשווייג אונ פאָגטלאנד פופציק כאווירימ אונ זיי באזאָרגט מיט געווער אונ וועלאָסיפּעדנ. אפ דערדאָזיקער זאכ האָבנ מיר אויסגעגעבנ די געלטנ, וואָס זיינענ געבליבנ פונ דער קאָנטריבוציע, וועלכע מיר האָבנ איינגעמאָנט בא די פאָגטלענדישע קאפּיטאליסטנ בעיסנ קאפּ־פוטש.

אָנ א קאָנטאקט מיט דער פארטיי

אנ אטענטאט מיט דינאמיט

ווינענדיק אינ בערלינ אינ אומלעגאלע באדינגונגענ, האָב איכ זיכ באקאָנט מיטנ אנארכיסט מערז (מע האָט אימ אויכ גערופנ—הערינג),

וואָס האָט גראָד אינ יענער צייט געגרייט דעמ אופרייס פונ דער ניצאָכנ־קאָלאָנע *). פערי האָט געהערט, אז איכ אונ מיינע כאווײרימ דארפנ האָבנ באָמבעס, נאָר מיר אליינ קאָנענ זיי ניט אויסארבעטנ. וויסנדיק, אז מיר האָבנ אינ אונדזער רעשומ געלט־מיטלענ, האָט ער אליינ, אלס כעמיקער, אונדז פאָרגעלייגט פארגרייטנ פאר אונדז באָמבעס אונ אנדערע אופרייס־שטאָפנ. אלס קאָמפּענסאציע פאר דעמ אלעמ האָט ער געוואָלט באקומענ פונ אונדז א היפשע סומע געלט, קעדיי איינצוקויפנ דינאמיט אונ אנדערע מאטעריאלנ אפ אופרייסנ די ניצאָכנ־קאָלאָנע.

מיר האָבנ אָנגענומענ דעמדאָזיקנ פאָרשלאג, אונ אינ עטלעכע וואָכנ ארומ האָבנ מיר באקומענ פונ פערינ א גרויסע צאָל באָמבעס אונ האנט־גראנאטעס; זיינע מיטארבעטער האָבנ צוזאמענ מיט מיינע כאוויירימ געקראָגנ בעערעכ צוואנציק צענטנער דינאמיט אפ די שטיינ־קאריערנ אונ ארצגרובנס פונ מיטל־דייטשלאנד אונ רורער געגנט.

פערי האָט געהאט א גרויסנ אויטאָריטעט בא זיינע כאוויירימ אונ מיטארבעטער; זיי האָבנ אימ געהאלטנ פאר א גרויסנ מענטשנ אונ אנטשלאָסענעמ רעוואָליוציאָנער. אָבער אז ער איז ניט געווענ קיינ עכטער רעוואָליוציאָנער, האָט זיכ ארויסגעוויזנ שוינ אינ עטלעכע וואָכנ ארומ באמ באגעגענענ זיכ מיט אימ אינ שלאכט־באדינגונגענ אינ אייסלעבענ, בעת מיטל־דייטשישנ אופשטאנד. איכ האָב זיכ זייער דערפרייט מיט אימ, האָפנדיק, אז ער וועט זיינ אינ אונדזערע רייענ אונ קעמפנ קעגנ דער פאָליציי. ער האָט אָבער אפילע ניט געטראכט וועגנ דעמ אונ בלויז געפאָדערט בא מיר צוואנציק צענטנער דינאמיט צוריב עפעס אנ איניענ אינ בערלינ.

די וייטערדיקע געשעענישנ אינ פערינ לעבנ באשטעטיקנ בלויז מיינ מיינונג וועגנ אימ. שפעטער, בעת איכ בינ געזעסנ אינ טורמע, האָב איכ זיכ דערוווסט פונ זיינע געוועזענע כאוויירימ, אז נאָכדעמ ווי מע האָט אימ פארמישפּעט פארנ אופרייסנ די ניצאָכנ־קאָלאָנע האָט ער געלאָזט אינ גאנג אלץ, אבי מע זאָל אימ באגנעדיקנ. ער האָט זיכ

*) אינ בערלינ. (רעד.)

געפירט אין דער קאַטאָרגע־טורמע אזוי „מוסטער־האפט“, אז שוין אין עטלעכע יאָר ארום האָט מען אים באפרייט. איצט איז ער א סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ פּראָפּאריין־טשינאָווניק און פירט א בורזשואזן ארט לעבן.

באקומענ בא פּערינ די באָמבעס און די האנט־גראנאטעס, האָב איך געדענקט זיי אויסצונוצן אפ צו באפרייען די ארעסטירטע כאוויירים, וואָס זיינען געזעסן אין דרעזדענער, לייפּציגער און האַפּער טורמעס. קעדיי אָנוואַרפן א שרעק אפ דער בורזשואזיע, האָב איך געהאט בע־דייע איינצואָרדענען סענסאציאָנעלע אופרייסן אין די געריכט־געביידעס, דערביי האָבן די אופרייסן געזאָלט פאָרקומען איינצייטיק אין פארשיי־דענע שטעט. די בעהאָלע, וואָס דידאָזיקע אופרייסן האָבן געזאָלט ארויסרופן, האָט באדארפט פארלייכטערן דאָס באפרייען מיט גוואַלט די כאוויירים פון די טורמעס. איך האָב פריער געוווּסט, אז דידאָזיקע אופרייסן וועלן קיין פּאָליטישן נוצן דער קאָמוניסטישער באוועגונג ניט ברענגען; דאָס איז געווען בלויז א מיטל, וואָס אים האָט לויט מיין דעמאָלטיקער מיינונג בארעכטיקט דער ציל.

צום אלעם ערשטן האָבן מיר אויסגעפרוווט פּעריס האנט־גראנאטעס און באָמבעס אפן יונגפערנהייד. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זיינען אויסגעצייכנט גוטע, זיי האָבן געהאט בלויז דעם כעסאָרן, וואָס די שנורן זיינען געווען צו לאנג און פייכטע. דורכגעמאכט די נייטיקע צוגרייטונגען, האָבן מיר באשלאָסן אופרייסן צום ערשטן די געביידע פון שארלאָטענבורגער פּאָליציי־פּרעזידיום. א ריי נעכט דורכאנאנד האָבן מיר ארומגעבלאָנקעט ארום דערדאָזיקער מאסיווער געביידע און געזוכט אן אָרט, ווו דער אופרייס זאָל דאָרט געבן א גרעסערן עפעקט. מיר האָבן אָבער קיין פּאסיק אָרט ניט געפונען און געצווייפלט אינעם דערפאָלג פון אונדזער ערשטן ארויספאָר. קעדיי די כאוויירים זאָלן מיר ניט פאָרוואַרפן, אז איך אליין בלייב קלוימערשט אויסער געפאר און נאָר זיי שיק איך אין פייער, האָב איך באשלאָסן פערזענלעך דורכמאכן דעם ערשטן אופרייס.

בין איך געפאָרן צוזאמען מיט די כאוויירים קיין פאָגטלאנד, קעדיי

אופצורייסנ דעמ גרויסנ פאָרטייל פונ פאלקענשטיינער ראָטהויז. מיט דעמדאָזיקנ אופרייס אונ מיט די פראָקלאמאציעס, וואָס מיר האָבנ איינצייטיק באדארפט פאנאנדערוווארפנ, האָב איכ געוואָלט ווייזנ דעמ פראָלעטאריאט אונ די איינוווינער, אז מיר, קאָמוניסטנ, פאריאָגטע אונ פארשטויסענע אינ אונטערערד, לעבנ נאָכ, אז מיר האָבנ נאָכ ניט פארגעסנ אונדזערע כאווײרימ, וואָס מאטערנ זיכ אינ די טורמעס, אונ אז מיר זיינענ גרייט צו קעמפנ מיט אלע מיטלענ פאר זייער באפרייונג.

דעמ 6־טנ מארט 1921, עלפ אזייגער באנאכט זיינענ מיר אָנגעקומענ אפ וועלאָסיפעדנ קיינ פאלקענשטיינ. דעמ אופרייס האָבנ מיר באשטימט צו מאכנ צוועלפ אזייגער, נאָר מיר האָבנ נאָכ באדארפט דורכמאכנ אייניקע צוגרייטונגענ.

קעדיי צו פארשטארקנ די קראפט פונעמ אופרייס, האָב איכ געוואָלט ווארפנ א באָמבע פונ גרויסנ קאליבער אינ איינע פונ די אָפענע געביידעס פונעמ ראָטהויז. עטלעכע סעקונדעס פאר צוועלפ בינ איכ מיט א באָמבע אינ האנט צוגעלאָפנ צומ ראָטהויז; מיט מיר צוזאמענ איז געווענ ריכארד לאָזע. די איבעריקע האָבנ באדארפט פונווייטנ נאָכקוקנ נאָכנ אופרייס. מיינ באגלייטער האָט געהאט דעמ אופטראג צו ווארפנ איינצייטיק מיט מיר א האנט־גראנאטע אזוי, אז אויב די באָמבע וועט ניט אופלאמענ פונעמ שנור — וועט זי זיכ אָנכאפנ פונ דער האנט־גראנאטע.

איכ האָב זיכ גענומענ פארנ הענטל פונ דער טיר, וואָס פירט אינ פּאָליצײ־באצירק, וווהינ איכ האָב באשלאָסנ ארייַנצוווארפנ א באָמבע אונ גיכ צוגעטוליעט צומ שנור דעמ אָנגעצינדענעמ פאפיראָס. דער אופרייס האָט געזאָלט פאָרקומענ ניט שפּעטער, ווי נאָכ פיר סעקונדעס. מיינ באגלייטער האָט אויכ געבראכט אינ אָרדענונג זיינ האנט־גראנאטע. פלוצימ דערזע איכ, אז די טיר איז פארשלאָסנ. אפ מיר איז אָנגעפאלנ א טויט־שרעק: איכ האָב געהאלטנ אז מיר זיינענ פארפאלנ.

איכ האָב געהאלטנ אינ האנט די טליענדיקע באָמבע, מיינ כאווער — די האנט־גראנאטע. מיינ באגלייטער האָט געשווינד א וואָרפ געטאָנ

די גראנאטע אין ווינקל, איך נאָך זיך אים—די באָמבע; גלייך האָט זיך אופֿגעריסן די גראנאטע; זי האָט מיך פֿארוווּנדעט אין פּאָנעם, ס'האָט א שפּריץ געטאָן א שטארקער שטראָם בלוט מיר אין די אויגן, און מיך פֿארבלענדט. געבליבן לעבן בין איך נאָר אדאנק דעם, וואָס דער כאווער לאָזע האָט זיך ניט פֿארלוירן. דערזען, אז מיין פּאָנעם איז פֿארבלוטיקט און אז איך בין בלינד, האָט ער געשווינד מיך א כאַפּ געטאָן, א יאָג געטאָן מיט מיר אראָפּ פֿון די פּאָדערשטע טרעפּ און אוועק הינטערן ראָג. פּונקט אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָבן פֿונעם שרעקלעכן אופֿרייס א טרייסל געטאָן זיך די ארומיקע געביידעס, עס האָבן א קלונג געטאָן די שויבן, א דונער געטאָן די גרויסע שטיינער, וואָס זיינען געפֿלויגן איבערן וועג. די באָמבע האָט זיך אופֿגעריסן!

ריכארד לאָזע האָט מיך פֿארשלעפּט אָפּ איינע פֿון די נאָענטסטע גאסן. ווען איך האָב לעסאָף שוין געעפֿנט די אויגן, האָב איך דערזען, אז מיר שטייען לעבן הויז פֿונעם איינוווינערוועהר *) שעף, וואָס האָט מיט א האלב יאָר צוריק געגעבן א באַפֿעל צו שיסן אין אן ארבעטער־דעמאָנסטראציע. איך האָב באשלאָסן צו באלוינען אים איצט דערפֿאר. האָבן מיר אריינגעוואָרפֿן צו אים אין הויז אלע איבערגעבליבענע זעקס האנט־גראנאטעס, וואָס האָבן זיך אופֿגעריסן מיט אזא שטארקן קראך, אז מע האָט געקאָנט טויב ווערן. שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אז דעמדאָזיקן רעאקציאָנער האָט אָפּגעגליקט מער איידער מיר, ס'האָט אים ניט געטראָפֿן קיין איינע פֿון אלע זעקס גראנאטעס.

אָפּגעטאָן אונדזערס, האָבן מיר זיך אופֿגעזעצט אָפּ די וועלאָסי־פּעדן און, ניט געקוקט אָפּ מיינע שווערע ווונדן, האָבן מיר א גאנצע נאכט געיאָגט מיט א ווילדן טעמפּ. אָנגעקומענע קאיאָר אין ווערדאו, האָבן מיר זיך באהאלטן בא זיכערע כאוויירים. ערשט דאָרטן האָב איך באקומען די מעגלעכקייט אָפּצוּוואשן און איבערבונדן מיינע ווונדן. דעמזעלביקן טאָג בין איך אָפּגעפֿאָרן מיטן צוג קיין לייפּציג. דאָרט בין איך געשטאנען ביז ס'האָבן זיך פֿארהיילט מיינע ווונדן. נאָכדעם

*) באוואָפֿנטע מאכנעס פֿון דער בורזשואזיע. (באמ. פֿון רעד.)

האָב איך זיך ווידער אומגעקערט קיין בערלין, באַזאָרגט די פאַווייריס מיט א גרויסער צאָל באָמבעס און זיי קאָמאַנדירט אין פאַרשיידענע שטעט. די אופרייסן זיינען פאָרגעקומען פינקטלעך לויטן אָנגעמערקטן פּלאַן אין דרעזדען, פרייבערג, לייפּציג און אין אנדערע שטעט, ווו די קלאַסעווע געריכטן זיינען געווען באַזונדערס אכזריעסדיק.

דאָס אופרייסן א ריי געריכטלעכע געביידעס האָט ארויסגערופן א שטאַרקע בעהאָלע. ס׳האָט אָנגעוואָרפן א שרעק אף די צייטונג-טוער פון די בורזשואזע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע נעסטן: ס׳איז געוואָרן אַן אומגעהויער גרויסער טומעל. אין דערדאָזיקער הינזיכט האָב איך געקאָנט זיין צופרידן—די אופרייסן האָבןווירקלעך געמאַכט א גרויסע בעהאָלע.

אין איבעריקן האָט דער דערפאָלג פון דידאָזיקע ארויסטרעטונגען מיך ניט געפרייט און ניט באַפרידיקט: איך האָב אלץ מער און מער זיך איבערצייגט אין דעם, אז אזא וועג פון קאַמף פאַר רעוואָליוציע און קאָמוניזם איז ניט קיין ריכטיקער. עמעס, פאַר טעראָריסטישע אַקטן פאָדערט זיך אסאַך פּערזענלעכער מוט, איך האָב אָבער גוט פאַרשטאַנען, אז אזעלכע פּערזענלעכע טאַטן זיינען ניט אימשטאַנד צו פאַרבייטן מאַסן־ארויסטרעטונגען. אָט די אלע אָנפאַלן און ארויסטרעטונגען, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט פאַר די צוויי יאָר פון מיין אומלעגאַלער אַרבעט, זיינען אין טאָך געווען ניט מער, ווי א לאָגישער אויספיר פון מיין אָפגעריסנקייט פון די פּאָליטישע און פּראָפאַריינישע אָרגאַניזאַציעס. איך האָב מיט א באַזונדער שאַרפקייט געפילט מיין שווערע לאַגע אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס איך בין אריבער אף א לענגערער אומלעגאַלער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, ניט האָבנדיק קיין גענוגנדיקע פּאָליטישע און פּראָפאַריינישע דערפאַרונג.

דער מיטל־דייטשישער אופשטאַנד אין 1921 יאָר

די מאַרט־ארויסטרעטונג פון 1921 האָט אומיטלבאַר ארויסגערופן הערזינגס *) פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט געשטימט מיטן פּרינציפּ: „אָנגרייפ

*) הערזינג איז געווען דער מיניסטער פאַר אינערלעכע איניאָנים פון דער זאַקסישער רעגירונג; א סאָציאַל־דעמאָקראַט.

איז די בעסטע פאָרם פון שוץ". ער האָט געוווּסט, אַז די רעוואָליוציאָנערע שטימונג פונעם מיטל־דייטשישן פּראָלעטאַריאַט איז ניט געפאַלן און אַז די פּאַראַנאָנע יוירונג דאַרף סאָפּקאָלטאָם אין עפּעס וואָס זיך אויסגיסן. קעדיי אויסצומיידן די מעגלעכע געשעענישן האָט הערזינג קאָמאַנדירט די אויסגעצייכנט באוואָפנטע „זיפּאָ"[1]) אַפּ די זאַוואָדן און שאַכטעס פון מיטל־דייטשלאַנד מיטן אויסרייד, אַז ער טוט דאָס צוליב קאַמף מיט רויבערייען. ער האָט פּראָוואָצירט די אויסגעמוטשעטע, הונגעריקע אַרבעטער און געצוווּנגען זיי צו אַרבעטן אונטערן אויפזיכט פון פּאָליציאַנטן.

מאָנטיק דעם 21־טן מאַרט האָב איך זיך דערוווּסט פון די ?נטיקע דייטשישע צייטונגען, אַז אין מיטל־דייטשלאַנד איז דערקלערט ? אַן אַלגעמיינער שטרייק. איך האָב באַשלאָסן גלייך צו פאָרן אַהין, קעדיי מכילעס צו באַאָבאַכטן די געשעענישן צוליב אינפאָרמאַציע און נאָכדעם זיך אָפּגעבן אין דעשוס פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס.

אין צוויי שאָ אַרום האָב איך צוזאַמען מיט פינף כאַווײרים זיך אויפגעזעצט אַפּן שנעל־צוג, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין ריייאָן פון דער שטרייק־באַוועגונג. דעמדאָזיקן טאָג האָט מען געהעכערט דעם לוין פאַר פאַקן מיך ביז פינף און פופציק טויזנט מאַרק; איך האָב מיך באַמיט זיך אַריינצושמוגלען אין קופּע אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן.

אין וואַגאָן בין איך ערשט אַריין אין יענעם מאָמענט, ווען דער צוג האָט זיך געלאָזט גיין. כוץ מיר זיינען אין קופּע געזעסן צוויי אויסגעדינטע אָפיצירן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען געוואָרן פרייוויליקע אַגענטן פון דער אָפּטיילונג A 1 [2]) און אַז זיי פאָרן אויך אין ריייאָן פון דער שטרייק־באַוועגונג. צווישן זיך האָבן זיי שטילערהייט געשמועסט וועגן די געשעענישן אין מיטל־דייטשלאַנד.

אין קלאָסטער־מאַנספעלד האָט דער צוג בלוצים זיך אָפּגעשטעלט

---

1) פּאָליציאַנטן. (באַמ. פון רעד.)

2) די פּאָליטישע אָפּטיילונג פון בערלינער פּאָליצײ־פּרעזידיום. (באַמ. פון רעד.)

כאָטש לויטנ רייזע־פלאנ האָט דאָ קיינ אָפשטעל ניט געדארפט זיינ. דער קאָנדוקטער האָט געמאָלדנ, אז דער לאָקאָמאָטיוו נעמט אָנ וואסער. איכ האָב פארשטאנענ, אז מיר דארפנ אויסנוצנ דעמדאָזיקנ אויסערגע־וויינלעכ באקוועמענ מאָמענט. האָב איכ א ווונק געטאָנ מיינ באגלייטער, אונ מיר האָבנ שטילערהייט זיכ ארויסגעשארט פונעמ וואָקזאל.

ס'איז שוינ געווענ זייער איינס בײנאכט. אוועקגייענדיק פונ דער סטאנציע, האָב איכ באמערקט דריי טונקעלע פארשוינענ, וואָס זיינענ נאָכגעגאנגענ הינטער אונדז. באלד האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ, אז דאָס איז א שטרייק־פיקעט; זיי האָט זיכ געדאכט, אז מיר זיינענ אָדער שטרייקברעכערס אָדער שפיקעס. גענוי זיכ אויסגעפרעגט איינע די אנדערע, זיינענ אָפגעפאלנ די קעגנזייטיקע כשדנ, אונ מיר האָבנ זיכ צוזאמענ געלאָזט אינ שטרייק־קאָמיטעט קיינ קלאָסטער־מאנספעלד. מיינ נאָמענ האָב איכ דערווייל די כאוויירימ ניט געמאָלדנ; איכ האָב פריער פאר אלצ געוואָלט רויק אונ גרינטלעכ זיכ באקאָנענ מיט דער לאגע, אויס־קלאָרנ דעמ כאראקטער אונ די טענדענצנ פונעמ אלגעמיינעמ שטרייק. מיר האָט צוגעשפילט דאָס, וואָס זומער 1919, בעיס מיינ אומלעגאלער אגיטאציע־ארבעט אינ מאנספעלדער רייאָנ, פלעג איכ שטענדיק ארויס־טרעטנ אפ מיטינגענ אונטער דער פאמיליע שטורעמ. פונ „העלצנ״ האָבנ די מאנספעלדער כאוויירימ בלויז געהערט.

מיר זיינענ אָנגעקומענ אינ קלאָסטער־מאנספעלד—דער וואָקזאל ליגט ווייט פונ שטעטל—פונקט צו דער באנאכטיקער זיצונג פונעמ אָפעראטיווג קאָמיטעט. מיינ באגלייטער האָט געוויזנ זיינ פארטיי־בילעט אונ געמאָלדנ, אז איכ בינ אנ אומלעגאלער. האָט מענ אונדז דערלויבט בייזיינ אפ דער זיצונג. קיינער האָט אפילע ניט אויפגעהויבנ די פראגע וועגנ געווער אונ באוואָפנטנ אויפשטאנד, שוינ אָפגערעדט, אז ס'האָט זיכ ניט געהאנדלט וועגנ א קאָנקרעטער צוגרייטונג צו אנ אויפשטאנד. די ארבעטער האָבנ געהאלטנ, אז ס'וועט זיכ זיי איינגעבנ דורכ אנ אלגעמיינעמ שטרייק צו צווינגענ דעמ „סאָציאליסט״ הערזינג, ער זאָל פארנעמענ פונ מאנס־פעלדער קרייז זיינע באוואָפנטע לייט.

אינ דעמדאָזיקנ טאָג בינ איכ ארויסגעטראָטנ אפ פארזאמלונגענ אינ

העדסשטעדס, מאנספעלד און אייסלעבען; אומעטום האָט מען אָנגענומען רעזאָליוציעס מיט א פאָדערונג דורכצופירן די גייטיקע שוץ־מיטלען קעגן הערזינגן. באזונדערס שטורעמדיק איז דורכגעגאנגען די פאר־זאמלונג און העדטשטעדט, ווו עס זיינען, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, בייגעווען שפיקעס; די ארבעטער האָבן זיי באצייטנס דערקאָנט און מ'האָט זיי געגעבן דעם וועג. פראָוואָקאטערישע ארויסטרעטונגען פון שפיקעס זיינען אויך פאָרגעקומען אף א באטאָגיקער פארזאמלונג אין מאנספעלד.

אומאָפהענגיק פון זייער פארטיי־אָנגעהעריקייט (אומאָפ. ד. ס. פ., ד. ק. פ., ד. ק. ארב. פ.), האָבן די ארבעטער ארויסגעוויזן אף אלע פארזאמלונגען זייער אנטשיידנקייט און איינמוטיקייט; זיי האָבן באַ־שטימט צו געבן א ווידערשטאנד דער פרעכער פראָוואָקאציע פונעם „סאָציאליסט" הערזינג און פאָרזעצן דעם אלגעמיינעם שטרייק. די ארבעטער סאָציאל־דעמאָקראטן און אומאָפהענגיקע סאָציאליסטן האָבן לאכלוטן ניט געוווסט, אז זייערע פירערס־פארטעטערס האָבן זיך אליין ארויסגעזאָגט אף דער בעראטונג מיט דער מאכט אין אייסלעבען פאר צושיקן די „גרינע" *). עמעס, דידאָזיקע „ארבעטער־פירערס" האָבן געפונען פאר באקוועמער ניט ארויסצושטעלן זייערע אונטערשריפטן אונטער הערזינגס אופרוף.

אף זעקס אזייגער אין אָוונט איז באשלאָסן געוואָרן דורכצופירן אין אייסלעבען א גרויסן מיטינג, אף וועלכן עס האָבן געזאָלט קומען די ארבעטער פון די ארומיקע יישווים און שאכטעס. צען מינוט צו זעקס בין איך געווען ווייט נאָך פון אייסלעבען. ניט ווייניק האָב איך באדארפט ברעכן דעם קאָפּ דערוף, איך זאָל קאָנען זיך דערשלאָגן בעשאָלעם אין שטאָט, וועלכע איז געווען פול מיט די גרינע: אין אייסלעבען זיינען געשטאנען פיר הונדערט זיפאָ, באוואָפנטע לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. איך האָב זייער גוט פארשטאנען, אז נאָך מיינע ארויסטרעטונגען אין העדטשטעדט און מאנספעלד וועט די

*) פאָליציאנטן. (באמ. פון רעד.)

אײסלעבענער פּאָליצײ אָנווענדנ אַלע קויכעס, קעדײ צו מאכנ מיכ אומשעדלעכ — ניט נאָר צוליב דעמ לוינ פונ פינפ אונ פופציק טויזנט מארק, נאָר אויכ צוליב דעמ, אַז זי זאָל, אַרעסטירנדיק מיכ, באַווײזנ מײנ ווירקונג אַפנ גאַנג פונ די געשעענישנ.

בעײס מײנ פאָרטראַג אינ קלאָסטער־מאַנספעלד האָט זיכ באַקומענ א יעדיע, אַז א טײל ניטאָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע די אַדמיניסטראַציע האָט עקספּלואַטירט שטאַרק, אַרבעטנ אַפ פאַרשײדענע אונטערנעמונגענ.

נאָכנ מיטינג בינ איכ מיט עטלעכע כאַווײרימ אַרומגעפאָרנ אַז וועלאָסיפּעדנ איבער די אַרומיקע אַרצ־גרובנס אונ גערופנ די פּילצאָליקע שטרײקברעכערס, זײ זאָלנ צושטײנ צו דער שטרײק־באַוועגונג.

זעקס אַזײגער האָב איכ פאַרלאָזט די שאַכטעס אונ אָפּגעפאָרנ אינ ריכאַרד לאָאָזעס באַגלײטונג קײנ אײסלעבנ. הינטערנ שטאָט באַגעגענענ מיר א מאַכנע פּאָליציאַנטנ — דרײסיק וועלאָסיפּעדיסטנ. די אַדמיניסטראַציע פונ דער אַרומיקער באַרג־אינדוסטריע האָט געבעטנ דורכנ טעלעפאָנ, מע זאָל איר צושיקנ די „גרינע" צוהילפ פאַרנ קאַמפ מיטנ „טעראָר", וואָס די שטרײקערס פירנ דורכ.

טכילעס בינ איכ בא זיכ שטאַרק אַראָפּגעפאַלנ. פאַרשטײט זיכ, אַז ס'וואָלט געוואָרנ ביז גאָר ניט אָנגענעמ אַרײנפאַקנ זיכ אינ די הענט פונ די „גרינע", אונ דערצו נאָכ פינפ מינוט אײדער ס'האָט זיכ געזאָלט אָנהײבנ דער מיטינג, וואָס אַפ אימ האָב איכ באַדאַרפט אַרויסטרעטנ. איכ האָב געוואָלט גלײכ פאַרקערעווענ צוריק אונ פּרוּוונ זיכ דערשלאָגנ קײנ אײסלעבנ דורכ אַנ אַנדער וועג, נאָר מײנ באַגלײטער האָט מיר באַצײטנס אָנגעוויזנ, אַז דאָס וואָלט געווענ לאַכלוטנ ניט צוועקמעסיק. אונ ווירקלעכ, ווענ מיר פאַרקערעווענ פּלוצימ צוריק, וואָלט געפאַלנ בא די פּאָליציאַנטנ א כשאַד, אונ זײ וואָלטנ אָנגעהויבנ צו שיסנ אינ אונדז. לאַנג זיכ שלאָגנ מיט דער דײע האָט מענ ניט געקאָנט, מע האָט באַדאַרפט גלײכ באַשליסנ: אָדער פאַרקערעווענ צוריק אָדער פאָרנ ווײטער דרײסט, שטעלנדיק זיכ אינ געפאַר. איכ האָב אויסגעקליבנ דאָס צווײטע. אַז מיר זײנענ שוינ געווענ א מעטער דרײסיק פונ די פּאָליציאַנטנ, האָב איכ

מיטאמאָל א קער געטאָן רעכטס, זיך א לאָז געטאָן גלייך צום לייטענאנט, וואָס איז געפאָרן אין שפּיץ פון דער מאכנע. א מעטער פינף פאר אים האָב איך אויסגעשריען: „אָ, גוט וואָס איר פאָרט; שוין לאנג צייט דאָרטן איז גאָר שלעכט!" אויסגעהערט מיין אופמונטערנדיקע באמערקונג, האָט ער צוגעשמייכלט און איז אוועק ווייטער. פארבייפאָרנדיק, האָב איך געגעבן א לייכטן ריר מיטן עלנבויגן אין זיין פּלייצע; ער האָט זיך אפילע ניט אָנגעשטויסן, אז דאָס גליק איז געווען אזוי נאָענט לעבן אים, אז ער האָט לייכט געקאָנט ארייננכאפּן די עמעסע פוימעקע.

אין אזעלכע מאָמענטן (און זיי האָבן אין די לעצטע טעג זיך אָפּטמאָל איבערגעכאזערט), ווען דו דערקסט אויף די קאָרט: טויט-רויט, — הערט אויף דאָס הארץ אפּ א ווײַלע צו שלאָגן; נאָך אזעלכע מינוטן האָט זיך מיר שטענדיק געדאכט, אז אָקאָרשט נאָרוואָס האָב איך אָנגעהויבן צו לעבן. — אפּן וועג צום צענטער שטאָט האָבן מיר ווידער זיך אָנגעשטויסן אפּ פאטרולן. זיי האָבן אונדז אופמערקזאם באקוקט, אָבער קיין איינמאָל ניט אָפּגעשטעלט, מיסטאָמע דערפאר, וואָס מיר האָבן זייער העפלעך זיך געגריסט צו זיי. אין דער צייט, ווען איך בין שמייכלענדיק דורכגעפאָרן פארביי צענדליקער פאטרולן, האָבן שוין געוואַרט אפּ מיר בעערעך א שאָ צייט בא זעקס טויזנט ארבעטער.

די הויפּט-אופגאבע איז געווען איצט ניט דאָס אָרגאניזירן גרויסע און פייערלעכע מיטינגען, — מע האָט באדארפט פּרווון צו באהעפטן די ארבעטער, וואָס נעמען זיך פארן געווער, פאר די קומענדיקע קאָנטאַקטירטע שלאכט-ארויסטרעטונגען.

נאָך א קליינעם אָפּהאַלט האָבן מיר לעסאָף זיך דערשלאָגן צו אונדזער ציל; טויזנטער ארבעטער האָבן אונדז הייס באגריסט.

אפּ דעמדאָזיקן מיטינג האָב איך צום ערשטן מאָל זיך באגעגנט מיט יאָסיף שניידער, וואָס איז נאָכדעם פארבליבן לעבן מיר. שניידער האָט אָנגעפירט מיט דער ארבעט אין אייסלעבען, ווו ער האָט רעדאַקטירט א פארטעישע צייטונג. זייער א קאָמישן איינדרוק האָט געמאכט דאָסדאָזיקע דיקע, אָבער ביז גאָר קליינינקע מענטשעלע, בעת ער איז

ארומגעפאָרנ איבער די גאסנ אינ א קלײנעם, ערגעצװו רעקװיזירטנ אװטאָמאָביל, צוזאמענ מיט פיל ארבעטער־שטרײקערס.

װער ס'האָט אים ניט געקענט, האָט געקאָנט מײנענ, אז דאָס איז א קאפּיטאליסט, אנ עקספּלואטאטער. ניט געקוקט דערופ, װאָס שנײדער איז געװענ אומגעהויער דיק, איז ער געװענ זײער א באװעגלעכער. בעײס די שלאכטנ אינ די נאָענטסטע טעג האָט ער ארויסגעװיזנ אָרגאניזאטארישע פעיקײטנ. איכ האָב אפ אים ארופגעלײגט דאָס באזאָרגנ דאָס מיליטער מיט דערנערונג אונ דאָס פארװאלטנ מיט די קאָנפיסקירטע געלטנ. ער האָט אויסגעצײכנט אויסגעפילט בײדע פליכטנ. אײנצײטיק האָט ער אָנגעפירט מיט דער אינפאָרמאציע, צוזאמענגעשטעלט טאָגטעגלעכע סװאָדקעס פונ די שלאכטנ אונ זײ פאנאנדערגעשיקט אינ די נאָענטע אָרגאניזאציעס אונ צײטונגענ. די „זיפּאָ" האָבנ פארנומענ אלס אָרװעס זײנ פרוי אונ א קינד פונ א יאָר. אלס ענטפער דערופ האָבנ מיר ארעסטירט דעמ מיליטערישנ הויפּט־דאָקטער װערס צוזאמענ מיט זײנ פרוי.

די אופרײצנדיקע אופירונג פונ די אויסגעפּאשעטע, אויסגעפוצטע פּאָליציאנטנ האָט זײער אופגעבראכט די אײסלעבענער ארבעטער. די גאנצע צײט האָט מענ געהערט קאטעגאָרישע פאָדערונגענ: „אראָפּ די באװאָפנטע אופזעערס!". אפנ מיטינג האָט מענ אײנשטימיק אָנגענומענ א באשלוס צו פירנ װײטער דעמ שטרײק, קאָלזמאנ הערזינג רופט ניט אָפּ זײנע גרינע באנדעס. קײנ געװער האָב איכ בא די אײסלעבענער ארבעטער דעמאָלט טאָג ניט געזענ. ס'איז אָבער קײנ סאָפּעק ניט, אז די ארבעטער האָבנ באהאלטנ דאָס געװער, װאָס זײ האָבנ פארכאפּט באמ אײנװױנערװער אונ בא די פרײװיליקע בעײסנ קאפּ־פוטש.

ניט װײניקער קלאָר איז דאָס, אז די ארבעטער װאָלטנ זיכ ניט גענומענ פארנ געװער, װענ זײ װאָלט ניט געבראכט דערצו דאָס ניט־דערלאָזבארע איזדיעקעװענ זיכ מיצאר דער זיפּאָ. נאָכנ מיטינג האָב איכ זיכ אומגעקערט קײנ מאנספעלד. אהינ זײנענ אָנגעקומענ יעדיעס פונעמ גאנצנ שטרײק־רײאָנ.

אינ דער נאכט פונעמ 22־טנ אפנ 23־טנ מארט האָב איכ באקומענ

דורך די וועלאָסיפּעדיסטן א יעדיע, אז די זיפּאָ האָט ארעסטירט און אכזאָריעסדיק צעמאזיקט עטלעכע אָנטיילנעמערס פונעם אייסלעבענער מיטינג. אין צוזאמענהאנג מיטן פּרווו צו באפרייען דידאָזיקע כאווירים זיינען פאָרגעקומען די ערשטע צוזאמענשטויסן צווישן די „גרינע" און די ניטבאוואָפנטע ארבעטער. דאָס אכזאָריעסדיקע איזדיעקוווען זיך פון די זיפּאָ איבער די לאכלוטן אומשולדיקע אָנטיילנעמערס פונעם מיטינג האָט געשטויסן די ארבעטער צו נעמען זיך פארן געווער, קעדיי צו דער־שלאָגן זיך די באפרייונג פון די ארעסטירטע און גלייך פארטרייבן די פּאָליציי.

אזוי איז געווען די לאגע דעם 23־טן מארט אינדערפרי.

דעמזעלביקן פרימאָרגן האָב איך פאנאנדערגעשיקט קוריערן קיין בערלין, האנאָווער, ברוינשווייג, האלע און פאָגטלאנד, קעדיי איינצו־שטעלן א פארבינדונג מיט די פארטיי־אָרגאניזאציעס. גלייך נאָך דעם בין איך צוגעטראָטן צום פאָרמירן א שלאָג־מאכנע, וואָס האָט באדארפט ווערן דאָס קערנדל פון די באוואָפנטע ארבעטער־דרוזשינעס. די ערשטע טעג האָב איך געהאט אין מיין רעשוס בלויז פופציק ביקסן און דריי קוילנוואַרפערס פון גרויסן קאליבער.

בעייסן צוגרייטן די שלאכט־אָפּעראציעס איז צום אלעם ערשטן אנטשטאנען די פראגע וועגן באוואָרגונג פאר די קאמפּ־דרוזשינעס. די דערפארונג פון די שלאכט־אָפּעראציעס, וואָס איך האָב דורכגעמאכט אין פאָגטלאנד בעייסן קאפּ־פוטש, האָט מיך אָנגעלערנט, אז ס'איז לאכלוטן אומעגלעך צו פירן שלאכט־אָפּעראציעס פון א גרעסערן מאסשטאב ווייט פון דער הויפּט־באזע, אויב ס'איז ניט אָרגאניזירט דאָס אז אָרגנ די מיליטער־טיילן מיט דערנערונג.

איך האָב באופטראגט פיר זיכערע כאווירים צו קריגן די נייטיק־סטע געלט־מיטלען. באקומען דאָס געלט, האָבן זיי איינגעקויפט פּראָ־וויאנט פאר די דרוזשינעס.

אלע סומעס פון האכנאָסע און הויצאָע פלעגט מען פארשרייבן אין א ספעציעלן בוך. אסיגנאציעס פון גרעסערן ווערט פלעגט מען פאָר־זיכטיק אָפּהיטן; מע פלעגט זיי ארויסגעבן די קוריערן פון דער ד. ק. ארב. פ. און נעמען בא זיי צעטלען אפּ דעם. דידאָזיקע אָרגאניזאציע

האָט קימאַט כאַגמעגלעך געפאָדערט פון אונדז געלט אַף אַרויסצוגעבן צייטונגען און פלוג־בלעטלעך.

דער שטאַב פון די אַרבעטער־דרוזשינעס איז געווען צעשטעלט צווישן די צוויי הויפּט־באַזעס פון דער זיפּאָ—אייסלעבן און העדשטעדט. איך האָב באַשלאָסן צו דערשלאָגן זיך קיין אייסלעבן, קעדיי צו פאַר־ייניקן זיך מיט די אָרטיקע באַוואָפנטע אַרבעטער און אַ פּרוּוו טאָן אָפּרייניקן די שטאָט פון די „גרינע". דריי אַזייגער באַטאָג האָבן מיר זיך באַגעגנט בײַ ווימעלבורג מיט די אייסלעבענער און ווימעלבורגער כאַווײרים. ניט לאַנג פאַר דעם האָבן זיי געהאַט אַ שלאַכט מיט דער זיפּאָ אַף אייסלעבענער גאַסן און האָבן פאַרכאַפּט דרײַ געפאַנגענע.

אין אייסלעבן האָט זיך די זיפּאָ פאַרפעסטיקט אין די געבײַדעס פונעם סעמינאַריום און שטאָטישן שפּיטאָל.

דערווײַל האָבן אַ טייל אונדזערע כאַווײרים מיט דער הילף פון אײַן קוילנגווואַרמער און צוואַנציק ביקסן פאַרהאַלטן די „גרינע", וואָס האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין סעמינאַריום, און איך צוזאַמען מיט נײַנ־ציק דרוזשיניקעס האָבן זיך געלאָזט מיט פיר קוילנוואַרפערס אַף יענע פּאָליציאַנטן, וואָס זײַנען געווען אין שטאָטישן שפּיטאָל.

אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערנענטערן זיך אַף אַ מעטער פופציק—הונדערט. מיר האָבן געקאָנט מיט אײַן שטאַרקן קלאַפּ אַרויס־שטויסן דעם סוינע פון דער געבײַדע. איך האָב אָבער אויסגערעכנט, אַז מיר קאָנען דערבײַ פאַרלירן ניט ווייניקער פון צוואַנציק—דרײַסיק דרוזשיניקעס—דער דערפאָלג וואָלט אונדז געקאָסט צו טײַער.

בײַ דער אַלגעמיינער לאַגע האָב איך ניט געקאָנט צוגעבן קיין ערנסטן באַטייט די שלאַכטן פון אָרטיקן מאַסשטאַב. דעריבער איז געווען מײַן כוויוו צו דערשלאָגן זיך ניצכוינעס נאָר בײַם באַדינג פון מינימאַלע קאָרבאָנעס. איך האָב באַדאַרפט זיך פּרוּוון אַרויסצונאַרן די זיפּאָ פון דער געבײַדע. איז אָבער דער סוינע געווען פיל שטאַרקער. דער סוינע האָט געהאַט אין זײַן רעשוס העכער פיר הונדערט גוט באַ־וואָפנטע סאָלדאַטן, דעמאָלט ווען מיר, אַרבעטער, האָבן געהאַט בלויז נײַנציק ביקסן.

קעדיי צו דערשלאָגנ זיכ צו אונדזער ציל,—אַרויסטרייבנ די זיפּאָ פונ אייסלעבנ, ניט אומבערעכנדיק דערביי מיינ קליינע מאַכנע אַרבעטער, האָב איכ אָנגעווענדט אַנדערע מיטלענ, וואָס האָבנ ניט געפאָדערט קיינ קאָרבאָנעס. די מיטלענ זיינענ געווענ אַזוינע צווייפלדיקע, אַז ניט נאָר די בורזשואַזיע האָט דאָס קוואַליפיצירט ווי אַ פאַרברעכ, נאָר אויכ די קאָמוניסטישע פאַרטיי־טוער, וואָס זיינענ געזעסנ אינ בערלינ, זיינענ געווענ בײַ דערזעלביקער מיינונג. די מיטלענ זיינענ געווענ אַזעלכע: איכ האָב געשיקט צומ בורגמיסטער צוויי פאַרלאַמענטיאָרנ מיט אַ פאָדערונג, ער זאָל גלייכ איבערעדנ מיטנ קאָמאַנדיר פונ דער זיפּאָ מייאָר פּאָלטע אונ זיכ דערשלאָגנ, אַז מע זאָל טייקעפ באַזייטיקנ די פּאָליציי פונ דער שטאָט,—אינ פאַל ווענ מיינ פאָדערונג וועט ניט אויסגעפילט ווערנ, האָב איכ געדראָט אונטערצוצינדנ אייסלעבנ פונ אַלע פיר זייטנ.

אינדערעמעסנ אָבער איז מיר אַפילע אַפנ זינענ ניט געקומענ, אַז דידאָזיקע דראָונגענ וועלנ צווינגענ פּאָלטענ, ער זאָל אַרויספירנ די זיפּאָ פונ דער שטאָט. איכ האָב אָבער אינ דערזעלביקער צייט געהאַט דאָס פולע רעכט אויסצורעכענענ דערופ, אַז די זיפּאָ וועט אַרויס פונ דער געביידע, קעדיי ניט צו דערלאָזנ אונטערצינדנ די שטאָט. אינ אַ גאַסנ־שלאַכט וואָלטנ מיר אָנ איבעריקע קאָרבאָנעס זיכ גיכער ספּראַוועט מיט דער זיפּאָ אונ אויסגעפילט אונדזער שלאַכט־אויפגאַבע.

די דראָונג אונטערצוצינדנ די שטאָט האָט אָבער ניט געדאַרפט בלייבנ קיינ פוסטער קלאַנג. מיר האָבנ באַדאַרפט ווייזנ, אַז דאָס איז ניט בלויז קיינ ווערטער. דעריבער האָב איכ נאָכדעמ ווי דער טערמינ פונעמ אולטימאַטומ האָט זיכ פאַרענדיקט מיט מיינע אייגענע הענט אונטערגעצונדנ איינע פונ די געביידעס. קעדיי די איבערגעשראָקענע באַפעלקערונג אונ דער בורגמיסטער זאָלנ פאָדערנ שוץ בײַ דער זיפּאָ האָב איכ נאָכדעמ זיכ אַ לאָז געטאָנ מיט אַכט כאַוויירימ אינ צענטער שטאָט. אונ מיר האָבנ אויסגעזעצט אַ היפּש ביסל שויבנ.

קעדיי אויסצומיידנ איבעריקע עקסצעסנ, האָב איכ מיר אַליינ גענומענ אויסצופילנ דידאָזיקע ניט גאָר אָנגענעמע אויפגאַבע. מיר האָט זיכ געדאַכט, אַז דאָסמאָל וועלנ די אָרדענונג־שיצערס זיכ אָנ סאָפּעק

אריינמישן אין דער זאך, ביפראט נאָך, אז זייערע קויכעס און מיטלען זיינען געווען פיל שטארקער איידער אונדזערע.

באם פאנאנדערארבעטן מיין פלאן האָב איך אָבער ארויסגעלאָזט פון זינען זייער א וויכטיקן מאָמענט—די פאכדאָנעס פון די „גרינע". נים געקוקט דערויף, וואָס די מאכט האָט גלייך צווישן געגעבן דורכן טעלעפאָן דער זיפאָ, אז די ארבעטער צינדן אונטער די שטאָט, מאכן אָן כורבוינעס און ראבירן קלוימערשט; ניט געקוקט דערויף, וואָס דער בורגמייסטער האָט ניט אויפגעהערט צו בעטן די אָרדענונג־שיצערס זיך אריינצומישן אין דער זאך,—איז דאָך די פאָליציי געבליבן אין איר באהעלטעניש און איז צו הילף ניט געקומען. די פאָליציאנטן האָבן גאָרניט געהאט קעגן, אז די גאנצע שטאָט זאָל כאָרעוו ווערן, אבי מע זאָל זיי לאָזן צורו אין זייער באהעלטעניש. זייער „גענוגטקייט" האָבן זיי באוויזן ערשט שפעטער, בעשאס זיי האָבן דערשאָסן און צעמאזיקט די אנטוואָפנטע געפאנגענע.

ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אז מיינע געגנער האָבן צו גאָרניט ניט געבראכט, האָב איך געגעבן א פאראָרדענונג אָפצולעשן די סרייפע אין דעם הויז, וואָס איך האָב אליין אונטערגעצונדן. די סרייפע איז געווען א קליינע: עס זיינען פארברענט געוואָרן בלויז עטלעכע שסאָרן און איין קאָלדרע.

בעיס דער שלאכט אונטער אייסלעבען האָט זיך באזונדערס אויס־געצייכנט מיט זיין גענוגטקייט איינער א בערלינער כאוואר. ער פלעגט ארויסווייזן די גרעסטע בעריעשאפט אין דער סאמער געפערלעכער לאגע; דערפאר האָב איך אים אויסגעקליבן אלס מיין פערזענלעכן מיטפאָרער. איינמאָל האָב איך א זאָג געטאָן אין א ווערטל, אז איך דערלויב אים זיך רופן מאקס העלץ, אויב נאָר ער וועט קאָנען איבערשרעקן דער־מיט די קאפיטאליסטן.

עמעס, דעמדאָזיקן קאטאָוועסדיקן פאָרשלאג מיינעם האָט ער אויס־גענוצט נאָכדעם מיט צו פיל פלייס. ס'איז ניט אזוי שרעקלעך געווען, וואָס ער האָט בעיסן אופרייסן די ווילע פונעם עלטסטן מיליטערישן דאָקטער עווערס זיך אויסגעגעבן אלס מאקס העלץ. אסאך ווייניקער

אנגענעמ איז געווענ א צווייטער פאל, ווענ בעייס דער צווייטער שלאכט אינ אייסלעבענ איז ער אוועק אינ א שאנדהויז אונ דאָרט אונטער מיינ פאמיליע פארווײלט א האלב שאָ צייט. וועגנ דעמ האָב איכ מיכ דערוווסט ערשט אפנ זיבעטנ יאָר פונ מיינ קאטאָרגע. בעייס מיינ פארטיי־דיקער דאָקטער אבל האָט געקליבנ אינ אייסלעבענ יעדיעס אינ צוזאמענהאנג מיטנ איבערקוקנ מיינ איניען, האָט דער אייגנטימער פונעמ טראקטיר „ווײנשטאָק" געמאכט אימ אופמערקזאמ אפ דעמ פאקט, אז העלצ האָט באזוכט דאָס איינציקע שאנדהויז אינ אייסלעבענ. טכילעס האָב איכ געמיינט, אז דאָס איז א בייזער שפאס,—איכ האָב אפילע ניט געוווסט, צי אינ אייסלעבענ איז פאראנ א שאנדהויז. ווענ איכ בינ ארויס פונ טפיסע, האָב איכ מיכ גענומענ דערפרעגנ וועגנ דעמ אינ אייסלעבענ אונ געבעטנ מיר באשרייבנ דאָס אויסערלעכע אויסזענ פונעמ קלוימערשטנ „העלצנ". דאנ האָט זיכ מיר איינגעגעבנ פעסטצושטעלנ, אז דעמדאָזיקנ ווילטאָג האָט זיכ אָנגעטאָנ פאול פונ בערלינ. שפעטער האָט מיינ „צווייטער איכ" זיכ ארייגעפאקט אינ די הענט פונ דער פאָליציי איבער א נארעשקייט, וואָס כ׳וואָלט קיינמאָל ניט דערוואַרט פונ אימ, וויסנדיק זיינ אופירונג אינ שלאכט־באדינגונגענ. ערעוו דער שלאכט מיטנ פאנצער־צוג ביי זאנגערהויזענ האָב איכ באשלאָסנ אריבערשיקנ קיינ בערלינ די רעשטנ פונעמ קאָנטריבוציע־פאָנד, קעדיי דאָס געלט זאָל אינ פאל פונ דורכפאל ניט ארייַנפאלנ אינ די הענט פונעמ רייכט־ווער. האָב איכ געגעבנ פאולנ א נייעמ רייזע־טאש מיט עטלעכע הונדערט טויזנט מארק אפ איבערצוגעבנ דער בערלינער אָרגאניזאציע פונ ד. ק. ארב. פ. *) ער איז אוועק צופוס צו א וויטערער אייזנבאנ־סטאנציע; אפנ וועג האָט ער פארבלאָנדזשעט אינ א טראקטיר, באשטעלט דאָרט אנ עקיפאזש אונ געמאָלדנ דערביי, אז ער איז מאקס העלצ א קוריער אונ אז ער איילט זיכ צומ צוג, ווייל ער דארפ דרינגנד צושטעלנ אינ

*) כאָטש איכ בינ קיינמאָל אינ דערדאָזיקער פארטיי ניט געווענ, האָב איכ דאָס דאָכ געטאָנ, ווייל פיל ארבעטער פונ אירע רייענ האָבנ צוזאמענ מיט מיר געקעמפט אינ מיטל־דייטשלאנד.

בערלינ געלט, קעדיי צו דרוקנ דאָרט אופרופנ. ס׳האָט ניט געדויערט אפילע קיינ פינפ מינוט אונ די זשאנדארמענ האָבנ אימ ארעסטירט.

כוצ דער מייסע פונ פאולנ מיט דעמ וייסלעבענער שאנדהויז וייס איכ ניט מער אזא פאל, אז רויטגווארדייער אָדער סטאמ כאווײרימ זאָלנ אינ א צייט פונ שלאכט זיכ אינטערעסירנ מיט אזעלכע אונ ענלעכע זאכנ. אינ קיינ איינעמ פונ די אָטריארנ, וואָס האָבנ זיכ געשלאָגנ אונטער מיינ אָנפירונג אינ פאָגטלאנד אונ מיטל־דייטשלאנד, זיינענ קיינ פרויענ ניט געוועג. ווענ בעייס מיטל־דייטשישנ אופשטאנד, נאָכ דער צווייטער אייסלעבענער שלאכט, האָט זיכ באוויזנ א סאניטארע ארבעטער־קאָלאָנע אינ מענערשע קליידער־אונטער דער אָנפירונג פונעמ כאווער העדוויגע קריוגער פונ האלע,—האָט דאָס די רויטגווארדייער ווייניק וואָס געפרייט. בא מיר האָט זיכ געשאפנ אזא איינדרוק, אז די רויט־גווארדייער—אונ דאָסזעלביקע קענ איכ אויכ זאָגנ וועגנ זיכ—האָבנ ניט ליב געהאט, אז אינ צייט פונ שלאכט זאָלנ זיכ געפינענ לעבנ זיי פרויענ, דערפאר וייל דאָס וואָלט אָפגעצויגנ זייער אופמערקזאמקייט פונ די שלאכט־אופגאבעס.

ס׳איז אויכ אנגענעמ צו פארצייכענענ, אז פאר דער גאנצער צייט פונ די שלאכטנ האָט בלויז איינ אונ איינציקנ מאָל איינער א רויט־גווארדייער געבראָכנ דעמ פארבאָט צו געברויכנ ספירט־געטראנקענ. א מעגלעכקייט אויסצוטרינקענ איז שטענדיק געווענ, אָבער קיינעמ פונ אונדז האָט אלקאָהאָל ניט צוגעצויגנ.

ווענ ס׳איז טונקל געוואָרנ, האָב איכ צוזאמענגענומענ די ארבעטער־דרוזשינעס, אוועקגעשטעלט א וואכ־שוצ, אויסנוצנדיק צוליב דעמ די פריש אָנגעקומענע אונטערשטיצונג אונ אוועקגעפירט דאָס כאיעל צו דער העלברע. דאָרטנ האָבנ געוואַרט אפ מיר טרויעריקע יעדיעס. די זיפאָ האָט באוויזנ אָנצופאלנ אפנ העדטשטעדטער אָפעראטיוונ קאָמיטעט: זיי האָבנ פארכאפט דאָקומענטנ אונ ליטעראטור אונ ארעסטירט עטלעכע ארבעטער פאר נישטיקע באשולדיקונגענ. זיי האָבנ דערשאָסנ אפ דער גאס, ווי הינט, א יינגל פונ א יאָר זעכצנ אונ איינעמ אנ עלטערנ פונ א יאָר פופציק. ווענ דאָס יינגל איז נאָכ געלעגנ א גויסעסדיקער אפ דער

ערד, האָט אַן אָפּיציר אים אַ זעץ געטאָן סיטן אָפּצאַס אין פּאָנעם און אויסגעשריען: „קיין בעסערס האָט דערדאָזיקער אויסוואָרף ניט פֿאַרדינט!"

כוצדעם האָט מען מיר צווויסן געגעבן, אַז די כאַווײרים ראָט, גרינבערג און מילער האָט מען אַרעסטירט אין קוועדלינבורג איבער זייער אייגענער ניטפֿאַרזיכטיקייט און אַז דערביי האָט מען פֿאַרכאַפּט אונדזער גאַנצן מיליטערישן פֿאָנד. קעדיי צו באַוואָרענען, אַז די קאָנ־פּיסקירטע סומעס זאָלן ניט פֿאַרלוירנגיין פֿון אונדז בעייס דער שלאַכט, האָב איך געגעבן דידאָזיקע כאַווײרים אַן אויטאָמאָביל אַף אַרויסצופֿירן אונדזער קאַסע איבער די גרענעצן פֿון די שלאַכט־אָפּעראַציעס און וואַרטן אַף אונדז אין וואַלד לעבן אַנאַראָדע. זײַנען זיי אָבער געפֿאָרן גלאַט אין דער וועלט אַריין; זיך אָפּגעשטעלט אַפֿן וועג בײַ אַ טראַקטיר און ניט באַמערקט אַפילע, ווי דער שאָפֿער, וואָס האָט, ווי זיי האָבן געוווּסט, ניט סימפּאַטיזירט מיט אונדזער באַוועגונג, האָט צווויסן געגעבן דורכן טעלעפֿאָן דער קרימינאַל־פּאָליציי אין קוועדלינבורג, אַז ס׳וועט דורכפֿאָרן דורך דער שטאָט העלצס אויטאָמאָביל מיט געלט. ראָט האָט געטראָגן אַף דער האַנט מײַנעם אַ רינג מיט אַ שטעמפּל, אַף וועלכן עס זײַנען געווען אויסגעקריצט מײַנע איניציאַלן; ער האָט אויך געהאַט בײַ זיך מײַן זייגער. געפֿינענדיק אין אים אַ קלוימערשטע ענלעכקייט צו מיר, האָט מען אים אַרעסטירט; און ווײַל ער גופֿע האָט באַשטעטיקט, אַז דאָס איז ער העלץ, האָט מען אים גלײַך פֿאַרשמידט אין קייטן. די איבעריקע כאַווײרים האָט מען אַרײַנגעזעצט אין קוועדלינבורגער קריג־טורמע און זיי שטרענג באַוואַכט.

ראָטן האָט זיך אָבער דאָך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפֿן אַפֿן צווייטן טאָג. ער האָט געראָטן די איבעריקע צוויי כאַווײרים צו אַנטלויפֿן צוזאַמען מיט אים, יענע האָבן אָבער געהאַלטן, אַז דערדאָזיקער טריט איז צו אַ געפֿערלעכער, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. קעדיי צו העלפֿן קאַרל ראָטן צו מאַכן פּלייטע, האָט גרינבערג סימולירט בעייסן שפּאַציר אַ עפּילעפּטישן צופֿאַל. בעשאַס דער אופֿזעער האָט זיך געפֿאָרעט מיט גרינבערגן, און אַלעמענס אויגן זײַנען געווען געווענדעט צום קראַנקען,

איז ראָט אריבערגעקראָכן איבער דער הויכער טורמע־וואַנט און פאַר־שוווּנדן.

פריץ גרינבערג האָט פאַרן מיטהעלפן ראַטן צו מאַכן פלייטע זייער שלעכט אָפּגעשניטן. אײנגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז דעם עפּילעפּטישן צופאַל האָט ער סימולירט, און דער סאָף איז געווען אַ גאַנץ טרויערי־קער. מע האָט אים זייער שטרענג באַשטראָפט: מע האָט אים פאַרשפאַרט אין אַ פינצטערן קאַרצער, און די אויפזעער האָבן אים אומראַכמאָנעס־דיק געשלאָגן. אַ גאַנצן טאָג האָבן די אַרע־טירטע געהערט זיינע געשרייען. דאָס זיצן אין פינצטערן קאַרצער און די קלעפּ האָבן אַרויס־גערופן בא אים אַ שטאַרקע פסיכישע דעפּרעסיע.—ער האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, מיט אַ שטיקל גלאָז האָט ער אויפגעשניטן אַן אַרטעריע אויף אַ האַנט און אָנגעשריבן מיטן אייגענעם בלוט אינעם פינצטערן קאַרצער אַ לעצטן זיי־געזונט צו זיינע אייגענע. ווען מע האָט זיך דערוווּסט, אַז ער גייט אָפּ מיטן בלוט, האָט מען אים אַרויס־געלאָזט פונעם שרעקלעכן קאַרצער. דיזעלביקע נאַכט האָב איך אַרויס־געשיקט אויף אַ פּראַכט־אויטאָמאָביל אַ גרופּע כאַווייִרים אויפן דינאַמיט־זאַוואָד לענבאַך מיט דער אויפגאַבע צו רעקווירירן צוואַנציק צענטנער אויפרייס־שטאָפן, וואָס זיינען נייטיק פאַרן אויסאַרבעטן באָמבעס, קעדיי כאָטש טיילווייז פאַרבייטן מיט זיי די מינעוואַרפערס. די באַוואָפענונג פון אונדזערע טיילן אין אָנהייב פון די שלאַכט־אָפּעראַציעס איז געווען גאָר אַ נישטיקע.

דאָנערשטיק דעם 24־טן מאַרט האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט אויף די הערטשטעדטער גאַסן. מיר האָט זיך פאַרוואָלט אויפרודערן באַזונ־דערע נעסטן פון דער זיפאָ און אַרויפוואַרפן אַ שרעק אויף זיי, דעריבער האָב איך געמאַכט פּלוצימדיקע אָנפאַלן אָט אויף אייסלעבען, אָט אויף הערטשטעדט. באַנאַכט און גאַנצפרי זיינען אָנגעקומען הילף־מאַכנעס פון די שכייִנעסדיקע יישוווים, און אונדזערע טיילן זיינען געוואַקסן אין צאָל. מיר האָט זיך איינגעגעבן אויסצופאָרמירן פיר שלאָג־ראָטעס, צו הונדערט דרוזשיניקעס, און עטלעכע קוילנוואַרפערישע קאָמאַנדעס.

באַם טוינע איז געווען אוועקגעשטעלט אַן אויסגעצייכנטע פאַרביי־

דונג: ער האָט געהאט טעלעפאָנ, א ראדיאָסטאנציע אונ ליכט־סיגנאלי־
זאציע. די ארבעטער־דרוזשינעס האָבנ גאָרניט ניט געהאט. אונדז איז
אויסגעקומענ אָנצווענדנ אנדערע, מער פרימיטיווע מיטלענ. בעייסנ
אָנגרייפנ פונ פארשיידענע זייטנ אפנ סוינע האָט געהאט א קאָלאָסאלנ
באטייט דאָס אונטערהאלטנ די פארבינדונג צווישנ ראָטעס, ווזוואָדנ,
אָפטיילונגענ אונ קוילנווארפערישע קאָמאנדעס. דאָס געלונגענע לייזנ
דידאָזיקע אופגאבע האָט באדארפט באשטימענ דעמ דערפאָלג פונ די
פאָרשטייענדיקע אָפעראציעס. אונדזער וועלאָ־קאָמאנדע, וואָס איז אנ
אויסגעצייכנט פארבינד־מיטל בעייס דאָס מיליטער מארשירט אפ ברייטע
שליאכנ, האָט אָבער לאכלוטנ ניט געטויגט פאר די אָפעראציעס אינעמ
שטרייק־רייאָנ, ווו די וועגנ זיינענ גריבעריקע. דעריבער האָבנ מיר
צוגעקאָמאנדירט צו אלע קליינע קאמפ־איינסנ צו עטלעכע ניטבאוואָפנטע
יונגע ארבעטער אלס אָרדינארצעס־פוסגייער. מיר האָבנ פיבערהאפט
געארבעט, קעדיי אויסצופאָרמירנ גרעסערע טיילנ אונ זיי צוגרייטנ צו
די שלאכטנ,

אונדז האָט זיכ איינגעגעבנ צו אָרגאניזירנ די פארשיידנארטיקע
מאסע ארבעטער, וואָס זיינענ געקומענ צו אונדז פונ שאכטעס אונ
זאוואָדנ, אינ איינ מעכטיקער, באהעפטער, גוט־דיסציפלינירטער פראָ־
לעטארישער מאכנע. זעלבסטפארשטענדלעכ, אז אונדזער מיליטערישע
אָרדענונג איז ניט ענלעכ געווענ צו יענער אלטער פארגליווערטער
ווילהעלמישער דיסציפלינ. דאָס איז געווענ אנ עכטע פראָלעטארישע
זעלבסטדיסציפלינ אינ בעסטנ זינענ פונ וואָרט.

פאר דער גאנצער צייט פונ די שלאכטנ אונ צוזאמענשטויסנ מיטנ
סוינע האָב איכ ניט באמערקט צווישנ די ארבעטער קיינ איינ פאל פונ
קוועקלעניש אָדער פאכדאָנעס. די כאוויירימ האָבנ גוט געוווסט, אז
איכ האָב קיינמאָל ניט געגעבנ אזעלכע שלאכט־אופגאבעס, וועלכע
איכ אליינ בינ ניט געווענ גרייט אויסצופילנ. כוצדעם, אפ וויפל ס'איז
געווענ מעגלעכ, פלעג איכ אליינ אויספילנ די מער געפערלעכע אונ
קאָמפליצירטע אופגאבעס פונ טאקטישנ אונ סטראטעגישנ כאראקטער.
איכ האָב דעריבער געהאט בא די רויטגווארדייער דעמ פולסטנ צוטרוי.

דעמזעלביקנ פרימאָרגנ האָב איכ מיט דער הילפ פונ קורירנ אונ וועלאָ־פאָרערס איינגעשטעלט א פארבינדונג מיט אלע אָפעראטיווע קאָמיטעטנ פונ מאנספעלדער קרייז. איכ האָב צעשיקט אופרופנ, אינ וועלכע איכ האָב געפאָדערט, אז אלע קאמפ־פעיקע כאוויירימ זאָלנ זיכ גלייכ צונויפזאמלענ אינ העלברע אונ קלאָסטער־מאנספעלד. דער אופשטאנד, מיט וועלכנ מע האָט זיכ שוינ געקאָנט רעכענענ ווי מיט א געשעענעמ פאקט, האָט געקאָנט ברענגענ צו ווערטפולע מיליטער־פּאָליטישע רעזולטאטנ בלויז אינ דעמ פאל, ווענ עס וואָלט זיכ איינגעגעבנ צוזאמענקלייבנ אינ מאנספעלדער קרייז אינ פארלויפ פונ עטלעכע טעג ניט ווייניקער פונ צענ טויזנט קעמפערס.

שלאָג־מאכנעס פונ עטלעכע הונדערט מענטשנ יעדערע קאָנענ בא באשטימטע באדינגונגענ זיכ דערשלאָגנ צו אויסגעצייכנטע דערפאָלגנ פונ אָרטיקנ כאראקטער, מע קאָנ אָבער ניט פירנ מיט זיי קיינ שלאכט־אָפעראציעס אפ א טעריטאָריע פונ הונדערט אונ מער קילאָמעטער.

פריער פאר אלצ מוז מענ האָבנ צולוב דעמ א רעזערוו. צומ באדויערנ, האלטנ נאָכ איצט פיל כאוויירימ, אז ס׳איז גענוג צו פארכאפנ די מיליטעריש־פּאָליטישע מאכט אינ דער געגנט, ווו זיי וווינענ; לויט זייער מיינונג איז דאָס שוינ א רעוואָליוציאָנערער פאקט. ווי פריער, זיינענ בעיס מאנספעלדער אופשטאנד פיל כאוויירימ געווענ קעגנ קאָנטאקטירטע שלאכט־אָפעראציעס אונטער אנ איינהייטלעכער אָנפירונג.

דעמ 24־טנ מארט, צוועלפ אזייגער, בינ איכ ארויסגעפאָרנ מיט די אָטריאדנ אפ אווטאָבוסנ קיינ העדטשטעדט. די העדטשטעדטער זיפּאָ האָט באקומענ א שטארקע אונטערשטיצונג אונ האָט געוואָלט אָנפאלנ אפ אונדזער שטאב. האָב איכ פארכאפט אונ בינ פריער אריבער אינ אָנגריפ. דאנ האָבנ די „גרינע" פארשטעלט דעמ צוטרעט צו דער שטאָט. האָט זיכ צעפלאקערט א הייסע שלאכט, וואָס האָט זיכ פארצויגנ ביז נאכט, אונדז האָט זיכ איינגעגעבנ אָפצושטויסנ דעמ סוינע טיפ אינ שטאָט. בעיס דערדאָזיקער שלאכט איז צומ ערשטנ מאָל קלאָר געוואָרנ, אז ס׳איז נייטיק אָנצווענדנ דאָס אופרייסנ געביידעס.

איכ האָב דערזענ אינ בינאָקל, אז אפ דער סטאנציע זעצנ קנוילנ

דאמפ פונ א לאָקאָמאָטיוו. וויסנדיק, אז די אייזנבאנ ארבעט ניט, איז מיר איינגעפאלנ אינ געדאנק, אז דאָס איז אנ אָנשטעל פונ דער זיפּאָ, וואָס קלייבט זיכ אונדז אָטאקירנ, פארשטעלנדיק זיכ מיטנ לאָקאָמאָטיוו. מיינ האשאָרע האָט זיכ בארעכטיקט.

דאנ האָב איכ צוזאמענ מיט צוויי רויטגווארדייער ארונטערגעלייגט אונטער די שפאלעס צוויי באָמבעס, קעדיי אופצורייסנ דעמ לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט באלד געזאָלט דורכגיינ. איבער ניט געניטקייט אינ אופרייס־ארבעטנ, האָבנ מיר גענומענ א צו קורצנ שנור. איכ האָב נאָכ ניט באוויזנ אָפּצוטרעטנ א שפאנ דריטיק פונעמ אייזנבאנ־וועג, האָבנ זיכ די באָמבעס אופגעריסנ, עס זיינענ געפלויגנ גרויסע שטיינער, שטיקער שפאלעס; אנ אָפּגעשאָסענע שטיק רעלס פונ א מעטער צוויי די לענג האָט א פלי געטאָנ אינ דערלופטנ אונ פאלנדיק זיכ ארייגעשטעקט לעבנ מיר אינ דער פרישׁ אופגערודערטער ערד. דער אופרייס האָט זיכ אונדז איינגעגעבנ. די „גרינע” האָבנ ניט אויסגעהאלטנ דאָס שטארקע פייער פונ אונדזערע קוילנוואָרפערס אונ געמוזט אָפּטרעטנ.

אפדערנאכט האָב איכ צוריק אָפּגעפירט די ראָטע, וואָס האָט זיכ פארלייגט לעבנ העדטשטעדט, קעדיי צו קאָנצענטרירנ אלע פאראנענע קויכעס אונ אטאקירנ באנאכט די שטאָט.

איכ האָב גערעכנט, אז אָנפאלנדיק פלוצים באנאכט אפ העדטשטעדט, וועלנ זיכ די „גרינע” פארלירנ אונ אָפּגעבנ דאָס געווער. האָט אָבער דידאָזיקע זאכ זיכ אונדז בעשומויפנ ניט איינגעגעבנ. מיר האָבנ באדארפט שאנעווענ אונדזערע קויכעס. ס'איז אונדז געווענ אסאכ לייכטער צו אָפּערירנ ניט מיט קראפט, נאָר מיט שפיצלעכ—אויב דאָס האָט נאָר דיקטירט די סטראטעגישע נויטיקייט.—ס'איז לייכטער געווענ, לעמאָשל, אופצורייסנ א ווילע, וואָס האָט געהערט צו א גראָב־בייכיקנ בורזשוי, אזוי אז עס זאָל ניט בלייבנ פונ איר קיינ שטיינ אפ א שטיינ, אייידער צו געבנ אלס קאָרבנ כאָטש איינ רעוואָליוציאָנערנ ארבעטער.

בעייס אָנגרייפנ אפ דער זיפּאָ, וואָס האָט זיכ פארפעסטיקט אינ שול, האָב איכ אופגעריסנ עטלעכע געביידעס. מיר האָבנ אופגעריסנ א טייל וואָקזאל, אלע ווילעס וואָס אפנ וועג צו דער שטאָט, אונ צולעצט

די דרוקעריי פונ דער בורזשואזער צייטונג, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ שכיינעס לעבנ שוצ־אָרט פונ דער פּאָליציי. דידאָזיקע פיר אופרייסנ האָב איכ דורכגעמאַכט פערזענלעכ בא דער מיטהילפ פונ צוויי כאַוויירים.

יעדערער, וועמ ס'האָט נאָר א קאָפּ אפּ די פּלייצעס, פאַרשטייט, אז ניט אויס ליבע צו כורבוינעס רייסנ אופ די אַרבעטער בעשאַסנ בירגער־קריג הייזער אונ וועגנ. פאַר יעדנ אַרבעטער אונ אויכ פאַר מיר, וואָס איכ האָב שטענדיק געדענקט דעמ ענדציל פונ אונדזער קאַמפּ, איז געווענ קלאָר, אז עס קומענ אומ ווערטנ, וואָס עס האָבנ געשאַפנ די אַרבעטער גופּע אונ וואָס וועלנ מיט דער צייט ווערנ דאָס אַלגעמיינע אייגנטומ פונ אַלע האָרעפּאַשניקעס. דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיכ ניט נעמענ אויס בייזוויליקער ליבע צו צעשטערונג אָדער אויס נעקאָמע־געפיל אומברענגענ ווערטנ, וואָס זיינענ נייטיק פונ זיינעטוועגנ גופּע. קלאָר, אז מיכ אונ די רויטגוואַרדייער האָבנ באַוויגנ אַנדערע, מער טיפע סיבעס צומ אָנווענדנ אופרייסנ אונ צעשטערונגענ.

ווענ איכ וואָלט ניט האָבנ דורכגעמאַכט די אופרייסנ בעשאַס דער שלאַכט אונטער העדטשטעדט, וואָלטנ מיר ניט אויסגעקומענ אָנ קיינ גרויסע קאָרבאָנעס. בעייסנ אופרייסנ געביידעס הייבט זיכ אופ א געדיכטער וואָלקנ שטויב, וואָס ווערט צעזייט ניט פריער, ווי אינ א האַלב שאָ ארומ. האָבנדיק דידאָזיקע שוצ, איז פאַר אונדז געווענ אסאַכ גרינגער אָנצוגרייפנ אינ א גאַסנ־שלאַכט, דערפאַר ווייל מיר האָבנ פאַרשטעלט דעמ סוינע די אויגנ, אונ ער האָט ניט געזענ, וווהינ צו צילנ דאָס געווער. אדאַנק די אופרייסנ האָב איכ אָנ שומ סאָפּעק פאַרהיט אסאַכ אַרבעטער־לעבנס. נאָכנ לעצטנ אופרייס האָבנ די „גרינע" אראָפּגענומענ פונ די גאַסנ זייערע פּאָסטנס אונ קאַראַולנ אונ זיכ פעסט פאַרבאַריקאַדירט אינ שול. דאַנ בינ איכ געוווירע געוואָרנ פונ געפאַנגענע אונ פונ געשיקטע אויסשפּירערס, אז פונ זאַנדערסלעבנ גייט אַרטילעריע צו הילפ דער זיפּאָ. די כאַוויירימ האָבנ זיכ ארויסגעשלאָגנ פונ די קויכעס, אונ מע האָט באַדאַרפט זיי לאָזנ אָפּאָטעמענ עטלעכע שאָ.

האָב איכ אָפגעפירט דאָס מיליטער קיינ העלברע. דערדאָזיקער באַשלוס האָט פולקומ געשטימט מיט יענער טאַקטיק, באַ וועלכער מיר האָבנ זיכ געהאַלטנ זינט ס׳האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די שלאַכט־אָפעראַציעס. בלויז אַדאַנק דערדאָזיקער טאַקטיק האָט זיכ איינגעגעבנ דעמ סוינע וואָס איז געווענ שטאַרקער פונ אונדז סיי אינ צאָל, סיי אינ טעכנישער אויסשטאַטונג, צעקלאַפנ אונדזערע מאַכנעס ערשט אינ עטלעכע טעג אַרומ. אונדזער טאַקטיק איז באַשטאַנענ אינ אַזעלכע פרינציפנ: 1) ניט דערלאָזנ, אַז דער סוינע זאָל וויסנ פאָרויס אונדזערע פלענער פונ די שלאַכט־אָפעראַציעס אונ אַלע אונדזערע מאָסמיטלענ; 2) בעשומויפנ ניט בלייבנ אַפ איינ אָרט מער ווי אַ מעסלעס, קאָלזמאַנ מיר האָבנ ניט אינ אונדזער רעשוס קיינ היפשע קויכעס אונ דעריקער קיינ רעזערוונ.

אָט דאָס אַלצ האָבנ מיר דורכגעפירט מיט דער נייטיקער קאָנסעקווענטקייט. אינ רעזולטאַט דערפונ פלעגט דער סוינע קיינמאָל ניט וויסנ, ווו מיר זיינענ. אַלעמאָל, ווענ דעמ סוינע האָט זיכ געדאַכט, אַז אימ האָט זיכ איינגעגעבנ אַרומרינגלענ אונדז, איז אונדזער מיליטער געווענ שוינ ערגעצוו ווייט פונ געפאַר, אונ ער האָט אַלצ נאָכ געשאָסנ פונ האַרמאַטנ אונ מינעוואַרפערס אינ יענע ערטער, וואָס מיר האָבנ שוינ לאַנג פאַרלאָזט. אַזוי איז געשענ אינ ווימעלבורג, אייסלעבנ אונ העדטשטעדט.

מייאָר פאָלטעס מעלדונג אַפנ געריכט באַשטעטיקט, אַז מיר האָבנ זיי אַלע פאַרגעבנ רעטענישנ. אַפנ פאָרזיצערס פראַגע, פאַרוואָס האָט די זיפאָ, וואָס האָט פאַרמאָגט פיל שטאַרקערע קויכעס, זיכ ניט איינגעגעבנ אַרומצורינגלענ אונ צעקלאַפנ די „רויטע באַנדעס”, האָט ער בוכשטעבלעכ געענטפערט אַזוי: „ניט אַזוי לייכט איז געווענ צו דערשלאָגנ זיכ צו העלצנ; מיר האָבנ נאָכ פריער געהערט, אַז העלצ איז אַ געשיקטער יונג”.

פרייטיק דעמ 25־טנ מאַרט איז פאָרגעקומענ אַ צווייטער, נאָכ מער פאַרביטערטער קאַמפ הינטער אייסלעבנ. אָנגעהויבנ דעמ אָנגריפ צווישנ טאָג אונ נאַכט, האָבנ די אַרבעטער־דרוזשינעס זיכ דערקלייבנ ביזנ מאַרק אונ פאַרכאַפט דעמ ראָטהויז. בעייס דער אַטאַקע האָט מענ אויפ־

געריסן אין עק שטאָט די ווילע, וואָס האָט געהערט צו עווערסן—דעם דאָקטער פונעם קייזערלעכן פלאַץ. אין דער ווילע בא עווערסן, וועלכער איז געווען א פארטיסענער רעאקציאָנער און א אַרבעטער־פיינט, האָט מען געפונען א גרויסן לאגער פון געווער און קוילן, וואָס האָט געהערט צום אָרגעש־פארבאנד*).

די „גרינע" זיינען איבעראשט געוואָרן פון פלוצימדיקן אָנפאל. באלד אָבער האָבן זיי געבראכט אין אָרדענונג זייערע מאכנעס און געלאָזט א שטארק פייער פון מינעווארפערס אפן ראָטהויז און מארקפלאץ.

מיר האָבן שוין געהאט אכט פארווונדעטע און ניט געקאָנט מער בלייבן אין שטאָט איבער דער שטארקער שיסעריי. דערצו נאָך האָב איך באקומען ידיעס פון די אויסשפירערס, וואָס האָבן מיך געצוווּנגען גלייך צו פארלאָזן די שטאָט. מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט אין ווימעלבורג. דאָ זיינען צוגעשטאנען צו אונדז עטלעכע גרעסערע מאכנעס רעוואָליוציאָנערע ארבעטער, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פארשיידענע רייאָנען. דעמדאָזיקן טאָג האָט אונדזער קליינע ארמיי געציילט שוין העכער צוויי א האַלב טויזנט מאַן. פון די ארבעטער, וואָס זיינען אָנגעקומען פון האלע און אנדערע שטעט, האָב איך באקומען די ערשטע גענויע ידיעס וועגן דער לאגע אין מערזעבורגער רייאָן. אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס די מערזעבורגער דרוזשינעס האָבן זיך ניט גערוקט פאָרויס אין מאנספעלדער קרייז, האָבן מיר באדארפט זיך ארויסשלאָגן אפ גיך פונעם ענגן רינג, אין וועלכן עס האָט אונדז געזאָלט פארכאפן די זיפאָ און דער רייכסווער, און אוועקמארשירן, קעדיי צו פאריייניקן זיך מיט די באוואָפנטע ארבעטער פון טייטשענטאל און לעונאוועדק.

ס'איז שוין לאָנג צייט געווען צו פארלאָזן ווימעלבורג—דעמדאָזיקן פייעריקן געהענעם; אין צוויי שאָ ארום נאָכדעם ווי מיר זיינען פון דאָרט אָפגעטראָטן, האָבן די זיפאָ און דער רייכסווער זיך א לאָז געטאָן

---

*) אָרגעש—א פאשיסטישע אָרגאניזאציע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט עשעריך אין בייערן. (באם. פון רעד.)

טאָג פון פאַרשיידענע זייטן אַפֿ דערדאָזיקער שטאָט און, ווי עמעצע העלדן, האָבן זיי אויסגעגאָסן זייער גאנצן צאָרן אַפֿ די ניט־באַוואָפנטע איינוווינער, וואָס האָבן לחלוטין קיין שייכעס ניט געהאט צום אופשטאַנד. אפילע אין א כוידעש ארום האָט מען נאָך געפונען דערשאָסענע אין די הויפֿנס שלאַק לעבן די שאַכטעס. דאָס זיינען געווען ארבעטער, וואָס די זיפאָ און דער רייכסווער האָבן זיי דערשאָסן און באַגראָבן, ווי גלייך דאָס זאָלן זיין מעשוגענע הינט. אָט אזוי האָט די זיפאָ זיך אָפּ־גערעכנט מיט די ארבעטער ניט געקוקט דערופ, וואָס די ארבעטער זיינען זיך באַגאַנגען מענטשלעך מיט די געפֿאַנגענע פּאָליציאַנטן און האָבן קיין איינעם פון זיי ניט דערשאָסן.

דעם 26־טן מארט איז אונדזער מיליטער אריינגעטראָטן אין זאַנגער־הויזען. אונדז איז אויסגעקומען: ווען מען צו פֿאָרן אַפֿ פֿראַכט־אווטאָמאָ־בילן ס'ראָוו צוגעטשעפעטע, ווען מען אַפֿ וואָגנס און ווען מען ־ גיין צו פוס. איך האָב גערעכנט שטיין דאָ א קורץ שטיקל צייט און פונדאַנען זיך לאָזן קיין האַלע. מע האָט פריער פאַר אלץ באַדאַרפט אָנהאָדעווען די ארבעטער מיט א ווארעמען מיטאָק, ־ זיי האָבן די לעצטע טעג געעסן זייער שלעכט און ניט רעגולער. מיר האָבן געגעבן א פאַראָרדענונג, אז יעדער טראַקטיר אין זאַנגערהויזען זאָל צוגרייטן א מיטאָק פאַר הונדערט־הונדערט פופציק מענטשן.

ס'האָט ניט געדויערט אפילע קיין האַלב שאָ, איז פּלוצים אָנגעקומען א פאַנצער־צוג מיט ווירטעמבערגער פריי־ווילליקע. מיט באַגייסטערונג האָבן מיר זיך אַלע גענומען פארן געווער, ניט געקוקט דערופ, וואָס מיר האָבן די גאַנצע פֿאָריקע נאַכט פאַרבראַכט אין שלאַכט און ניט געהאַט קיין איין מינוט רו.

די קאָמאַנדע פונעם פאַנצער־צוג האָט זיך צעהאָרפֿן אין א קייט און פאַרכאַפּט דעם וואָקזאַל. די שוואַבן האָבן ניט געקארגט קיין קוילן. אנדערש אָבער איז געווען די לאַגע בא אונדז; מיר האָבן געהאַט קנאַפּע רעזערוון קוילן און געמוזט זיין זייער שפּאָרעוודיק. נאָך א פירשאָיקער שלאַכט איז דער פאַנצער־צוג אָפּגעטראָטן. מיר האָבן פאַרכאַפּט עטלעכע ביקסן און איין קוילנוואַרפער. דער סוינע האָט געליטן באַדייטנדיקע

קאָרבאָנעס; בא אונדז זיינענ געווענ עטלעכע פארווונדעטע אונ איינער א דערשאָסענער.

עסנ מיטאָק האָט זיכ אונדזערע דרוזשינעס איינגעגעבנ ערשט אינ אָוונט, ווענ ס'איז געוואָרנ רויקער. שפּעט באנאכט האָבנ מיר פארלאָזט זאנגערהויזענ מיט דער האָפענונג, אז דעם קומענדיקנ טאָג — זונטיק — וועט דאָס אויסגעמאטערטע רעוואָליוציאָנערע כאיעל אָפּרוענ אינ שראפּלאו. די ארבעטער פונ דעמדאָזיקנ קליינעמ יִישעוו, וואָס איז ארומגערינגלט מיט קאלכ־קאריערנ, האָבנ אונדז באגעגנט מיט גרויס פרייד אונ אונדז פיינ אופגענומענ. אינ אָוונט האָט אונדזער דערנערונג־פינאנסיעלע־קאָמיסיע דאָס ערשטע מאָל ארויסגעגעבנ געהאלט די דרוזשי־ניקעס. יעדער פונ זיי האָט באקומענ צו פופציק מארק.

מיר האָבנ באשלאָסנ צונויפצונעמענ באנאכט אלע אונדזערע קויכעס, פארייניקנ זיכ מיט לעונאָווערקער ארבעטער אונ זיכ לאָזנ דורכ אמענ־דאָרפ אפ האלע, קעדיי צו פאקנ די זיפּאָ מיטאמאָל אינ קלעמ אונ פארכאפּנ די דאָרטיקע ארטילערישע לאגערנ. אינ דער נאכט פונעם 27־טנ אפנ 28־טנ מארט האָט אונדזער מיליטער זיכ געלאָזט פונ שראפּלאו קיינ אמענדאָרפ.

דעמ 28-טנ מארט איז אונטער אמענדאָרפ פאָרגעקומענ א שלאכט, וואָס האָט אָפּגעשפּילט א וויכטיקע ראָלע. קאיאָר זיינענ מיר צוגעגאנגענ צו דער באשטימטער צייט צום יִישעוו וואָס לעבנ האלע. ס'איז געווענ א קאלטע נאכט, אונ מיר אלע זיינענ געווענ שטארק דורכגעפרוירנ. די ארבעטער זיינענ געווענ שלעכט אָנגעטאָנ, קימאט אלע זיינענ געווענ אָנ מאנטלענ אונ שטארק געליטנ פונ דער קעלט בעייסנ איבערפאָרנ.

האָב איכ באופטראָגט מיינעמ א כאווער צופאָרנ מיטנ מעגלעכסט קירצערנ וועג אפנ זאוואָד לעונאווערק, קעדיי איינצושטעלנ א פאר־בינדונג מיטנ דאָרטיקנ אָפּעראטיווג קאָמיטעט אונ, אויב ס'וועט זיינ מעגלעכ, צופירנ אפ פראכט־אויטאָמאָבילנ קיינ אמענדאָרפ אלע קאמפ־פעיִקע ארבעטער. פריער פאר אלצ האָט ער באדארפט זיכ אויסטארענ דאָרט א באשטימטע צאָל קוילנ, ווייל אונדזערע רעזערווג האָבנ זיכ איינגאנצנ אויסגעלאָזט.

איך האָב אָנגעהויבנ דעמ אָנגריימ אפ האלע מיט צוויי טויזנט מאנ; אונדזער פראָנט האָט זיך צעצויגנ אפ 3 קילאָמעטער. צוויי קילאָמעטער פאר האלע האָבנ מיר זיך אָנגעשטויסנ אפ דער זיפּאָ. איבער דער קנאפּער צאָל קוילנ איז ניט געווענ צוועקמעסיק אָנצוהויבנ אנ אקטיווע שלאכט מיטנ סוינע.

איך האָב געווארט מיט אומגעדולד אפ די לעונאווערקער ארבעטער. בא ס'ראָוו אונדזערע סאָלדאטנ איז פארבליבנ בלויז צו איינע אָדער צוויי קוילנ. ערשט אינ צוויי שאָ ארומ האָט זיך אומגעקערט דער כאווער אונ געבראכט מיט זיך בלויז טויזנט קוילנ, נאָר דערפאר האָט ער אונדז דערפרייט מיט דער יעדיע, אז לעונאווערקער ארבעטער וועלנ גלייך צושיקנ פרישע קויכעס. אָבער נאָך איידער די לעונאווערקער הילפ־מאכנעס זיינענ אָנגעקומענ האָט דער סוינע באוויזנ ארומצורינגלענ אונדז פונ אלע זייטנ.

הונדערטער „גרינע“ זיינענ אָנגעלאָפנ אפ שנעל־אווטאָמאָבילנ פונ די וועגנ מערזעבורג־אמענדאָרפ, אָזענדאָרפ־אמענדאָרפ, ברוכדאָרף־אמענדאָרפ אונ האלע־אמענדאָרפ.

האָב איך געמאכט א פרווו זיך ארויסצושלאָגנ פונעמ סוינעס רינג צוזאמענ מיט די כאווײרימ, וואָס זיינענ געווענ צעשטעלט בא דער אייזנבאנ־ליניע האלע־אמענדאָרפ. דער סוינע, וואָס האָט געהאט פיל שטארקערע קויכעס פונ אונדז, האָט שוינ ארויסגעשטויסנ אונדזערע סאָלדאטנ פונ אמענדאָרפ. האָב איך געכאפּט בא אנ אָרדינארעצ זיינ פערד, צוגעריטנ צו די אָפּטרעטנדיקע מאכנעס אונ זיי אָנגעוויזנ, אז מע מוז אומבאדינגט בלייבנ אפ די ערטער, ביז איך וועל ניט אטאקירנ די גרינע פונ הינטנ ארומ צוזאמענ מיט די הילפ־מאכנעס, וואָס דארפנ אָנקומענ פונ לעונאווערק.

נאָכדעמ האָב איך געמאכט א פרווו צו דערשלאָגנ זיך צופוס צו יענער מאכנע, וואָס האָט זיך פארלייגט בא דער אייזנבאנ־ליניע. איך האָב אָבער שיר זיך ארייַנגעפּאקט צו דער זיפּאָ. ווענ מיר האָט זיך שוינ געדאכט, אז קיינ וועג אפ צו ראטעווענ זיך איז שוינ ניטאָ, האָב איך פלוצימ דערהערט, ווי מע האָט עטלעכע מאָל אָנגערופנ מיינ נאָמענ.

באם אראָפּלאָז פון א קליינער שאכטע זיינען געשטאנענ עטלעכע באריג־ארבעטער, וואָס האָבנ צו מיר געוווּנקענ מיט צייכנס. דאָס זיינען געווענ ארבעטער, וואָס מע האָט זיי איבערגעלאָזט, קעדיי אכטונג צו געבנ אפּ די שאכטעס, זיי האָבנ מיכ דערקאָנט און, דערזענ אז מיר דראָט א געפאר, האָבנ זיי מיכ אראָפּגעלאָזט אינ שאכטע. דידאָזיקע ארבעטער האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר טיכטיקע פארטייער; שפּעטער האָבנ זיי מיר צוגעשטעלט יעדיעס וועגנ גאנג פונ די געשעענישנ.

דער גרעסטער טייל רויטגווארדייער האָט זיכ דורכגעריסנ דורכנ רינג פונ דער זיפּאָ. איכ האָב פאָרגעלייגט אנ ארבעטער אויסצוקלאָרנ, מיט וועלכנ וועג וואָלט איכ געקאָנט זיכ דערשלאָגנ צו מיינע דרוזשי־ניקעס.

איכ בינ געווענ אינ שאכטע עטלעכע הונדערט מעטער די טיפ; לעבנ מיר אפּ א מעהאלעכ פונ עטלעכע טריט האָבנ געארבעט מאָ־טאָרנ, וואָס באוועגנ די גרויסע פּאָמפּעס, וועלכע ציענ ארויס מיט א הילכיקנ גערויש דאָס וואסער פונ די שאכטעס. ניט בעקוקט אפנ שטארקנ גערויש און דער געפאר, וואָס האָט מיר נאָכ אלצ געדראָט, בינ איכ אנטשלאָפנ געוואָרנ ווי א געהארגעטער, שטייענדיק אפּ א הוידנדיקער ברעט איבער דער מאשינ; די נאטור האָט זיכ געפאָדערט אירס נאָכ אלע אומרויקע און פיינפולע נעכט, וואָס איכ האָב איבער־געלעבט.

אומקערנדיק זיכ פונעם אויסשפּיר, האָט דער ארבעטער מיכ אופ־געוועקט פונ מיינ קורצנ שלאָפ און אויסגעשריענ: „צייט צו גיינ, מאקס". זיינענ מיר ארופ אויבנ אפּ די זייער גליטשיקע לייטערס. דאָרטנ האָט געווארט אפּ מיר אנ עלטערער פארטייער—א מיטגליד פונ זאווקאָם; האָט ער זיכ אונטערגענומענ מיכ צו ברענגענ צו די ארבע־טער, וואָס האָבנ געפירט א שלאכט בא גרעבערס.

קומענדיק קיינ גרעבערס, האָב איכ אָבער דאָרטנ געטראָפנ ניט די אמענדאָרפער כאווייריס, נאָר אנ ארבעטער־דרוזשינע, וואָס האָט זיכ אָרגאניזירט אינ ביטערפעלד און האָלצווייסיג מיט כ' טומאנ אלס אָנ־פירער.

גערהארדט טומאנ, וואָס האָט געוווינט מיט זיינ פאמיליע אינ ווערדאו (זאקסנ), האָט ניט געקאָנט באקומענ דאָרט קיינ ארבעט איבער זיינע קאָמוניסטישע איבערצייגונגענ. איז ער אָנגעקומענ אפ איינעם א זאוואָד אינ ביטערפעלד. דערוווּסט זיכ וועגנ דעם מיטל־דייטשישנ אופשטאנד, האָט ער זיכ פאָרגענומענ טייקעפ אונ מיט זאכ־קענטעניש צו אָרגאניזירנ ארבעטער־דרוזשינעס אינ ביטערפעלד אונ האָלצווייסיג, קעדיי צו פארייניקנ זיי מיט די ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ געשלאָגנ אונטער אמענדאָרפ.

בעייס די שלאכטנ אונטער גרעבערס, ווערינ אונ בעזענשטעדט האָט טומאנ ארויסגעוויזנ אויסערגעוויינלעכנ מוט. ער האָט זיכ ניט דערלויבט קיינ איינ מינוט רו, איז שטענדיק געשטאנענ אפ זיינ פאָסטנ, אונ מיט זיינ מוסטערהאפטער אופירונג האָט ער באגייסטערט דעם גאנצנ אָטריאד. פאר די קורצע עטלעכע טעג פונ אונדזער געמיינזאמער ארבעט בעייס די שלאכטנ האָב איכ אים זייער ליב געקראָגנ אונ שטארק געשעצט. ער האָט פארקערפערט אינ זיכ, ווי מיר שיינט, א טיפ פונ א זויבערנ מעסירעס־נעפעשדיקנ פראָלעטארישנ העלד.

זיינ אויסגעצייכנט באוואָפנטער אונ צוזאמענגעשמאָלצענער אָטריאד האָט העלדיש זיכ דורכגעשלאָגנ פונ ביטערפעלד ביז גרעבערס אונ דאָ, הינטער גרעבערס, איז ער אויסגעשטאנענ א פארביטערטע שלאכט מיט דער זיפאָ. די ארבעטער האָבנ פארכאפט צוויי מינעוואָרפערס אונ אנדער געווער אונ פיר געפאנגענע.

פונ די אָנטיילנעמער פונעמ שלאכט אונטער אמענדאָרפ האָב איכ באגעגנט איינ יאָזעפ שניידערנ. דערוווּסט זיכ, אז מיינע טיילנ זיינענ אָפגעטראָטנ אינ מאנספעלדער רייאָנ, האָב איכ באשלאָסנ צו ווענדנ טומאנס אָטריאד אינ מאנספעלדער רייאָנ, קעדיי צו פארייניקנ אים מיט מיינע דרוזשינעס. אונדז איז אויסגעקומענ זיכ דורכצורוקנ מיט זייטיקע געשלענגלטע וועגנ, קעדיי די זיפאָ אָדער דער רייכסווער זאָלנ אונדז ניט קאָנענ אריינפאקנ אינ קלעמ.

אפנ וועג קיינ ווערינ זיינענ פאָרגעקומענ אינעם דערפל רוישהענ די בארימטע געשעענישנ אינ העס'ס מאיאָנטעק, ווו מע האָט דערשאָסנ

העסנ גופע. אינ וועטינ איז פּאָרגעקומענ א שלאכט מיטנ אָרטיקנ אײנוווינערוועד. בעײס דער שלאכט איז פארוווּנדעט געוואָרנ א זשאַנ־דארם. אונדזערע סאָלדאטנ האָבנ גלײכ איבערגעבונדנ זײנ וווּנד אונ אימ אָפּגעשיקט אינ אָרטיקנ שפּיטאָל.

אינ וועטינ האָט מענ ארויסגעגעבנ אונדזערע סאָלדאטנ פּראָוויאַנט אונ געהאלטנ אונ מיר האָבנ זיכ געלאָזט קײנ מאנספעלד. יענעמ טאָג האָט יאָזעפ שנײדער אײנגעקויפט בא וועטינער סאָכרימ פאר דרײסיק טויזנט מארק ברויט, פלײש, וועש אונ שוכווארג; אונדזערע כאוויירימ זײנענ געוועג זײער שלעכט געקלײדט, ווײל זײ זײנענ אוועק אינ די אָטריאדנ דירעקט פונ די אונטערנעמונגענ.

אינ דער נאכט פונעמ 31 מארט אפנ ערשטנ אפּרעל איז אונדזער אָטריאד ארײנגעטראָטנ קײנ בעזענשטעדט. דאָ האָבנ די כאוויירים גע־קראָגנ די מעגלעכקײט איבערכאפּנ א מיטאָק, וואָס איז פארגרײט געוואָרנ אינ דער וועג־קיכ בעײסנ מארשירנ, אונ אָפּרוענ ביז טאָג. די רויטארמײער האָבנ זיכ צעוואָרפנ איבער דרײ גרויסע גיטער. דאָס גרעסטע פונ זײ האָט געהערט דעמ ראַטמײסטער נעטע. ער האָט געוווינט צוזאמענ מיט זײנ פרוי אונ זונ אינ א שלאָס, וואָס האָט אָפּגע־קאָסט אינ 1914־טנ יאָר עטלעכע מיליאָנ. באזונדערס זײנענ מיר דער־שטוינט געוואָרנ בעײס מיר האָבנ דערזענ די קאָלאָסאלע קאמערס אינעמ שלאָס פונ דעמדאָזיקנ ספּעקוליאנט. עס האָט זיכ אונדז געדאכט, אז מיר האָבנ געטראָפנ ערגעצ אינ א שעכטהויז פונ א גרויסער שטאָט. אינ גרויסנ קעלער זײנענ געהאנגענ אָנצאָליקע רײענ געריוכערטע כאזער־הינטנס, שטיקער שמאלצ, פארשײדנערלײ וווּרשטנ. דא זײנענ אויכ געליגנ באהאלטנ קאָלאָסאלע פּארטיעס קאָלערלײ גאשעריי־זאכנ. אונ דאָס איז געוועג דעמאָלט, ווענ ס'גאנצע לאנד האָט איבער־געלעבט א שארפנ דערנערונג־קריזיס! פיל רויטארמײער האָבנ זיכ געקאָכט פונ צאָרנ, דערזעענדיק דעמדאָזיקנ אויצער באמ ספּעקוליאנט.

ס'וואָלט געוועג א גרויסער פארברעכ צו לאָזנ אָט די אלע רעזערווג פונ פּראָדוקטנ בא א הײפעלע מענטשנ, בעײס די גאנצע אָרטיקע אר־בעטער־באפעלקערונג האָט געשמאכט פונ הונגער. האָבנ מיר באשלאָסנ

זיי רעקוויזירן. פון צוועלף ביז פיר באנאכט האָבן אכט רויטגווארדייער געהאלטן אין איין טראָגן אפ לאנגע שטאנגען די כאזער־הינטנס, די שמאלצן, ווורשטן, בוימלען און אנדערע פראָדוקטן אינעם טאנצ־זאל פונעם קליינעם דאָרפישן האָטעל, ווו ס'איז געשטאנען אונדזער שטאב. מיט די דעליקאטעסן, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט, וואָלטן דידאָזיקע לאקייען געקאָנט זיך דערנערן נאָך לאנגע כאדאָשים. פון די קאָנפיסקירטע פראָדוקטן האָבן מיר א טייל פאנאנדערגעטיילט צווישן דער אָרטיקער ארבעטנדיקער באפעלקערונג, דאָס איבעריקע האָבן מיר געלאָזט פאר דער ארמיי.

ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס באם ראָטמייסטער נעטע אין די שראנקען זיינען, אויסער די פילצאָליקע קאָסטיומען, אופגענייטע פון קאזיאָנעם שטאָף, געלעגן נאָך אכצן פאָר סאָלדאטישע אונטערהויזן און אריבער צוואנציג סאָלדאטישע העמדלעך. מיר האָבן, פארשטייט זיך, קאָנפיסקירט דידאָזיקע זאכן, וואָס דער ראָטמייסטער האָט זיך לאכלוטן ניט געניייטיקט אין זיי, און איינייגוועגס האָבן מיר שוין פארנומען פינף טוץ לאכלוטן נייע העמדער.

בעיס מיין מאָאביטישן פראָצעס האָט דער ריכטער נעפרעגט דעם ראָטמייסטער נעטע, וועלכן מע האָט ארויסגערופן אלס איידעס, וועלכע שאָדנס האָבן אים אָנגעטאָן די רויטגווארדייער. כאראקטעריסטיש איז וואָס נעטע האָט דערמאָנט בלויז וועגן די פינף טוץ העמדער,—וואָס ער האָט, קאָנטיק, געקראָגן מיט א „קאָשערן" וועג. ער האָט פארשטאנען, אז וועגן די הויזן, פידזשאקעס און העמדער, וואָס זיינען געווען אופגענייט פון קאזיאָנעם שטאָף, איז גליייכער צו פארשוויייגן, ווייל עס קאָן אים נאָך א פרעג טאָן דער ריכטער אָדער ווער פון די פארטיידיקער, ווי קומט עס צו אים אזוי פיל מיליטערישע האלבאָשע. כוץ די דערמאָנטע זאכן האָבן מיר נאָר צוגענומען בא נעטען א פעטן בוהיי. וועגן דעמדאָזיקן שאָדן האָט נעטע ניט אופגעהערט צו טיינען פארן געריכט. דעם בוהיי האָט אונדזער באזאָרגונג־קאָמיסיע געשאָכטן און א העלפט פון אים צעטיילט צווישן די אָרטיקע אויסגעהונגערטע ארבעטער. בעיס די רויטגווארדייער האָבן פארכאפט נעטעס גוט און דעם

שלאָס, איז נעטע אליינ ניט געווענ דאָרט. דערוווּסט זיכ וועגנ אָנגרייפ פונ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער אפ זיינ גוט, האָט ער אָפּגעטראָגנ זיינ זינדיקע נעשאָמע קיינ האלע. עמעס, אומזיסט האָט ער אזוי געצי־טערט איבער זיכ — זיינ פעטער אָקס איז אונדז געווענ טויזנט מאָל טייערער איידער ער אליינ.

פרייטיק דעמ 1־טנ אפרעל איז פאָרגעקומענ א בלוטיקע אונ טראַ־גישע שלאכט בא בעזענשטעדט. פאר די לעצטע פאָר טעג האָט אונד־זער סטראטעגישע לאגע זיכ שארפ פארערגערט. קיינ גרעסערע רעוואָ־ליוציאָנערע טיילנ זיינענ שוינ ניט געווענ. אינ רעזולטאט פונ די שווערע שלאכטנ בא אמענדאָרפ אונ לעונאווערק האָבנ די פארייניקטע ארבעטער־דרוזשינעס זיכ צעקלאפט אפ עטלעכע גרופעס פונ א מענטשנ צוויי הונדערט אינ יעדערער. דידאָזיקע צעדרויבלטע טיילנ האָבנ גע־מאכט ענערגישע פרווונ צו פארייניקנ זיכ; דעמ גאנצנ רייאָנ האָבנ אָבער פארפלייצט די פּילצאָליקע מאכנעס פונ דער זיפאָ אונ רייכסווער, וואָס האָבנ געשטערט דערדאָזיקער פארייניקונג. באקומענ שטיצ־מאכנעס פונ די דאָרעמ־דייטשישע בורזשואזע פרייווילִיקע, האָט די זיפאָ פאר־מאָגט איצט באדייטנדיקע קויכעס אונ אנ אויסגעצייכנטע ארטילעריע.

נאָכ איידער מיר זיינענ ארויסגעטראָטנ פונ וועטינ האָב איכ פאר־שטאנענ, אז אונדזער לאגע איז האָפענונגלאָז, אונ דעמאָלט טאקע האָב איכ באשלאָסנ פאנאנדערצולאָזנ אונדזערע טיילנ, ביפראט, אז ס'איז אומעגלעכ געווענ צו באקומענ וועלכע ניט איז דירעקטיוועס פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס. אויב איכ האָב ניט דעפאָרמירט אונדזער מאכנע אינ בעזענשטעדט, האָב איכ עס געטאָנ איבער צוויי טיימים: ערשטנס, האָבנ די אָרטיקע באדינגונגענ לאכלוטנ ניט געגעבנ קיינ מעגלעכקייט צו באהאלטנ אינ א זיכער אָרט דאָס געווער, די מינעוואָרפערס אונ די איבעריקע מיליטערישע אויסשטאטונג, וואָס איז אונדז פארבליבנ נאָכנ דעפאָרמירנ די מיליטער־טיילנ; דערצו האָט געקאָנט טויגנ בליז איינ מאנספעלדער רייאָנ מיט זיינע פּילצאָליקע שאכטעס אונ אנדערע אינדוסטריעלע געביידנ. צווייטנס, האָב איכ געהאט א יעדיע, אז אונדז צו הילפ קומענ אָנ אנדערע מאכנעס, אונ איכ האָב געקאָנט האָפנ, אז וועג זיי

וועלן זיך פאַרייניקן מיט אונדז, וועט זיך אונדז איינגעבן אויסצופילן אונדזער שלאַכט־אויפגאַבע. אַט אַזאַ לאַגע איז געווען בײַ אונדז דעם ערשטן אַפּרעל אינדערפרי.

בײַ אַ פאָרסירטן מאַרש האָבן מיר פאַר אַ טאָג צײַט זיך געקאָנט פאַרייניקן מיט די כאַוויירים, וואָס זײַנען געגאַנגען אונדז צו הילף. אַרום האַלבן טאָג האָבן די אָטריאַדן פאַרלאָזט בעזשענשטעדט, פּרוּוונדיק זיך אַרויסשלאָגן צום לעצטן מאָל פונעם רינג פון דער זיפּאָ און רײַכסווער, וואָס איז געוואָרן אַלץ שמעלער און שמעלער. אַרום אַ שאָ צײַט, ווען מיר זײַנען שוין דורכגעגאַנגען עטלעכע קילאָמעטער, האָב איך באַמערקט דורכן בינאָקל די „גרינע", וואָס האָבן אָנגעגריפן אין אַ שיסער־קייט אויף אַ מעהאַלעך פון דרײַ קילאָמעטער פון אונדז. מיר האָבן גלײַך געבראַכט אין אָרדענונג די קוילנוואַרפערס און געפונען אַ פּאַסיקע שוץ בײַ דער שמאָלער באַן־ליניע. מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן צו באַשיצן זיך, האָבן אין אונדזערע רייען שוין אָנגעהויבן אויפרײַסן זיך גראַנאַטעס און ס'האָבן אַ שיט געטאָן זיך שראַפּנעלן. די אַרבעטער האָבן זיך פאַרטיידיקט פונעם אויסגעריכטן פײַער מיט גרויס מוט און אָן שום שרעק; איבערן מאַנגל אין קוילן האָבן מיר אָבער ניט געקאָנט אויסהאַלטן קיין לאַנג־דויערנדיקן קאַמף. דאָס שטאַרקע אַרטילערישע פײַער פונעם סוינע האָט אָפּגערויבט בײַ אונדז אַ סאַך קעמפער. ס'האָט שוין קיינער פון אונדז ניט געהאָפט אַרויסצוגיין אַ לעבעדיקער פון דעמדאָזיקן גיהנום. אַריבער צוואַנציק דרײַסטע כאַוויירים זײַנען געבליבן אויפן אָרט און באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר דער באַפרײַונג פונעם אַרבעטער־קלאַס. אַ טייל פון אונדזערע קעמפערס האָט זיך אײַנגעגעבן צו ראַטעווען זיך; אייניקע זײַנען אַריבער אויף שיפלעך איבערן טײַך זאַאַלע, ווו ס'איז געווען אונדזער הינטערלאַנד, אַנדערע זײַנען אים אַריבערגעשווומען. מיר האָבן געפּאַטערט דאָס גאַנצע געווער און די קריג־מאַכשירים.

אויפן צווייטן טאָג האָט אַן אָפיציעלע מעלוכישע צײַטונג געשריבן וועגן דעמדאָזיקן צוזאַמענשטויס אַזוי:

„די באַנדעס, וואָס מ'האָט אַרומגערינגלט בײַ בעזשענשטעדט, האָבן

געצײלט בעערעכ פינפ הונדערט קעמפערס. בעייס דער שלאכט האָבנ זיי געפאטערט זייער גאנצנ אָבאָז (איינ אונ דרייסיק וועגענער) אונ אויכ קימאט דאָס גאנצע געווער (פינפ קוילנווארפערס, זעקס האנטקוילנ־ווארפערס, הונדערט פופציק ביקסנ, צוויי לייכטע מינעווארפערס, איינ פראכט־אווטאָמאָביל אונ איינ פאנצער־אווטאָמאָביל). דער קעגנער האָט אינ דער שלאכט געהאט אכצנ מאנ דערשאָסענע אונ ניינצנ פארוווּנדעטע, וואָס זיינענ מערסטנטייל גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט. אויכ דאָס מאָל האָט די קאָמאנדע געפירט העלצ מיט שניידערס אָנטייל. א טייל פונ די אופשטענדלער האָבנ זיכ אריבערגעפעקלט איבערנ טייכ זאאלע. די אנהאלטישע פאָליציי האָט אפנ צווייטנ טאָג געפאקט זעכציק פונ זיי אפ דער פרייסישער גרענעצ לעבנ אונטערפרייסענ, אנדערע פערציק האָט מענ געפאקט אינ רייאָנ לעבעיונ".

ווי אזוי זשע האָט געקאָנט געשענ, אז מע האָט אונדז לאכלוטנ צעקלאפט, אז אונדז האָט זיכ ניט איינגעגעבנ אָפצוטרעטנ אינ אָרדענונג אונ דערמיט צו ראטעווענ די לאגע? דאָס דערקלערט זיכ אויסשליסלעכ דערמיט, וואָס די זיפאָ, דער רייכסווער אונ די פרייוויליקע וויסגווארדייער האָבנ געשלאָסנ ארום אונדז א פעסטנ רינג, פונ וועלכנ מיר האָבנ בעשומויפנ ניט געקאָנס זיכ באפרייענ. זעקס שאָ פארנ שלאכט האָב איכ נאָכ געמאכט א פרווו זיכ דורכצורייסנ אינ אנ אנדער ריכטונג, אָבער מיר האָבנ זיכ געמוזט אָפזאָגנ דערפונ, ווייל דאָס שטארקע ארטילערישע פייער פונעמ סוינע האָט ארומגעכאפט דעמ גאנצנ רייאָנ. אינ דערדאָזיקער שלאכט זיינענ געפאלנ אונדזערע בעסטע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער-קעמפערס, וואָס האָבנ ארויסגעוויזנ אויסערגעוויינלעכנ מוט אונ וואָס האָבנ מיט דרייסטקייט אונ מעסירעס־נעפעש זיכ געלאָזט אינ קאמפ קעגנ די פיל שטארקערע קויכעס פונעמ סוינע. בלויז דאָס גרויזאמע ארטילערישע פייער פונעמ סוינע האָט זיי געקאָנט בייקומענ.

זעקס אונ פערציק שאָ אינ די הענט פונ די ווייסע הענקערס

נאָכנ שלאכט בא בעזוענשטעדט, דעמ לעצטנ אויפברויז פונעמ מיטלדייטשישנ אופשטאנד, האָט זיכ געשאפנ אזא לאגע, אז ס'איז שוינ

אומעגלעכ געווענ ווידער צוזאמענקלייבנ די צעזייטע קויכעס. דער רייאָנ פונ די אופשטאנדנ איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א דורכויסיקנ קריג־לאגער פונ דער זיפאָ אונ רייכסווער. ס'איז אומגעהויער שווער געווענ פאר די צעזייטע אונ צעשפרייטע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־קעמפער זיכ ארויסצושלאָגנ פונ דעמדאָזיקנ רינג.

אריבערגעפעקלט זיכ דעמ טייכ זאאלע, האָבנ די ארבעטער זיכ צעטיילט אפ קליינע גרופעס, פונ פיר ביז זעקס כאווירים אינ יעדערער; אָבער אויכ אזא צאָל האָט זיכ געוואָרפנ אינ די אויגנ; בלויז גאָר קליינע פארטיעס פונ צוויי אונ דריי כאווירים האָבנ זיכ געקאָנט לאָזנ אינ אנ אומבאשטימטער ריכטונג. מיכ האָבנ באגלייט דער כ' טומאנ אונ נאָכ איינער א כאווער, וואָס האָט גוט געקאָנט די געגנט. דער סוינע האָט אלצ פאָרגעזעצט דעמ אָנגריפ אפ אונדז אונ ניט אופגעהערט צו שיסנ. אפ יעדנ טריט אונ שריט האָבנ זיכ געוואָרפנ אינ אויג די וועלאָ־פאָרער אונ פראכט־אווטאָמאָבילג מיט דער זיפאָ אונ דעמ רייכסווער.

פינפ שאָ נאָכאנאנד זיינענ מיר געגאנגענ מיט די צעאקערטע פעלדער אויסמיידנדיק אויסגעטראָטענע וועגנ, ביז מיר האָבנ לעסאָפ ארומ ווייגער זיבנ זיכ דערנעענטערט צו קענערנ. נאָר פלוצימ האָבנ מיר אפ א טעהאלעכ פונ צוויי קילאָמעטער פארנ יישעוו אונ בלויז פיר הונדערט שפאנ פונ אונדז דערזענ די קייט פונ דער זיפאָ, וואָס איז אָנגעלאָפנ אפ אווטאָמאָבילנ. האָבנ מיר זיכ גלייכ א לאָז געטאָנ אינ גראָבנ לענגויס א זייט־וועג, וואָס פירט צו קענערנ אונ זיינענ אזוי אפ אלע פיר דורכגעקראָכנ פינפ הונדערט מעטער; אפ אונדזערע קני האָט זיכ באוויזנ בלוט.

אפ אזא אויפנ האָט זיכ אונדז איינגעגעבנ אויסצומיידנ די ליניע פונ דער זיפאָ, אונ מיר האָבנ געקאָנט פאָרזעצנ אונדזער גאנג אינ א ווערטיקאלער לאגע. קעדיי מיר זאָלנ, ווענ ס'וועט נייטיק זיינ, אויסזענ ווי פרידלעכע דורכגייער, האָבנ מיר באהאלטנ דאָס געווער אונטערנ שליוז. אָבער ניט לאנג פאר אונדז איז אָנגעקומענ אינ קענערנ א גרויסע מאכנע דאָרעמ־דייטשישע פרייוויליקע, אונ צו זיי אינ די הענט

האָבנ מיר זיכ טאקע אריינגעפאקט ארומ אכט אזייגער אינאָוונט. אפ דער פראגע, ווער איכ בינ, האָב איכ געענטפערט: „ריינגאָלד קעניג“,— איכ האָב געהאט בא זיכ דאָקומענטנ אפ דעמדאָזיקנ נאָמענ. דידאָזיקע „זיגערס“ האָבנ אונדז געקלאפט מיט די פיס, מיט די ביקסנ־פריקלאדנ אונ אונדז א יאָג געטאָנ ווילד צומ קענערישנ וואָקזאל, ווו עס זיינענ שוינ געווענ דעמאָלט צוואנציק געפאנגענע ארבעטער. יעדע מינוט האָט מענ געבראכט אלצ נייע געפאנגענע, אונ קיינער פונ זיי איז ניט ארויס אָנ קלעפ. איכ האָב דאָ געהאט א מעגלעכקייט צו פארגלייכנ אנ איבעריק מאָל די מענטשלעכע באציונג צו געפאנגענע מיצאד די ארבעטער מיט דער גראָבער, אכזאָריעסדיקער באציונג מיצאד די מאָנארכיסטנ.

דידאָזיקע געדונגענע הענקערס זיינענ געווענ אָנגעטאָנ אינ נייע מונדירנ פונ שוץ־קאָליר מיט זילבערנע עפאָלעטנ אונ שטאָלענע קאסקעס; זיי זיינענ געווענ באוואָפנט מיט ביקסנ, שווערדנ, רעוואָלווערנ אונ גומענע שטעקנס.

יעדנ נייעמ געפאנגענעמ האָט מענ מעכאבעד געווענ מיט די גומענע שטעקנס אונ די פריקלאדנ. די פרייוויליקע האָבנ דערביי ניט אופגעהערט צו פרעגנ: „וווהינ זשע איז אהינגעקומענ אייער העלצ?“ אלע ווײלע האָט געקאָנט ארופשווימענ דער עמעס, אז כאָטש די דאָקומענטנ, וואָס מע האָט בא מיר אָפגענומענ זיינענ ניט קיינ פאלשע, אָבער זיי געהערנ א צווייטער פערזאָנ. מיכ האָבנ גרינג געקאָנט דערקאָנענ די פילצאָליקע שפיקעס; צומ גליק אָבער האָבנ מיינע ברילנ, ווייזט אויס, זיי פארפירט,

אינ עטלעכע שאָ ארומ האָט מענ ארויסגעטריבנ די געפאנגענע אפ דער פלאטפאָרמ מיט די הענט אופגעהויבנ אפ ארופ אונ מע האָט זיי אָנגעהויבנ אופצוזעצנ גרופעסווייז צו דריי־פיר מענטשנ אינעמ צוג, וואָס איז געשטאנענ גרייט. מיכ האָט מענ אריינגעזעצט אינ איינ קופע צוזאמענ מיט טומאנענ אונ נאָכ צוויי כאווײרימ; לעבנ אונדז איז געשטאנענ א וואכ פונ פיר פרייוויליקע, וואָס האָבנ געהאלטנ זייערע רעוואָלווערנ צוגעשטעלט צו אונדזערע שלייפנ. באנאכט זיינענ מיר אָנגעקומענ אינ זאנגערהויזנ צעהארגעט אונ צעשלאָגנ פונ די שווערדנ אונ קאסטעטנ. איכ האָב גערעכנט, אז דאָ וועט מענ מיכ געוויס דער־

קענענ: אינ זאנגערהויזענ האָבנ מיר געהאט די שלאכט מיטנ פאנצער־צוג, אונ הונדערטער איינוווינער האָבנ מיכ געזענ.

נאָכ אינ יענעמ מאָמענט, ווענ מע האָט מיכ ארעסטירט, האָב איכ שוינ פארלוירנ די האָפענונג ארויס א לעבעדיקער פונ די סאָנימס הענט. איכ בינ געווענ פולקומ איבערצייגט, אז אינגיכנ קומט מיינ סאָפ, אונ איכ האָב שוינ אפילע זיכ צוגעווינט צו דעמ.

ווענ דער צוג איז אָנגעקומענ, האָט מענ אונדז באפוילנ: „די הענט ארופ!“ מע האָט אונדז אריינגעטריבנ אינ קעלער פונ זאנגערהויזענער וואָקזאל אונ דערביי האָט מענ אונדז אכזאָריעסדיק געשלאָגנ. דאָרט, אינ דערדאָזיקער פאריפעשטער אונ שמוציקער געביידע, זיינענ שוינ געווענ פיל געפאנגענע. זייער אויסזענ איז געווענ שרעקלעכ:—אלע זיינענ געווענ דורכויס פארשוואָלנ, די פענימער צעבלוטיקט, פונ געשווילעכטס האָט מענ די אויגנ ניט ארויסגעזענ, אפ די קעפ האָט מענ געזענ ביילנ גרויסע ווי פויסטנ. פיל פונ זיי זיינענ געליגנ אפ דער ערד, ווי פארשטאָרבענע.

דער אָפיציר האָט א פרעג געטאָנ טומאנענ, וואָס איז ער געווענ אינ דער רויטער ארמיי. טומאנ האָט געענטפערט: „איכ בינ געווענ א ראָטע־קאָמאנדיר“. אלס ענטפער דערופ האָט איינער פונ די בייגע־וועזענע אונטער־אָפיצירנ געגעבנ טומאנענ אזא שטארקנ זעצ מיטנ פריקלאד אינ ברוסט, אז יענער האָט א פאל געגעבנ אפ דער ערד אונ קיינ פיפס ניט געטאָנ דערביי. איכ בינ אונטערגעשפרונגענ אנ אופגעציטערטער אונ אָנגעהויבנ בעטנ די טאליאָנימ, זיי זאָלנ אימ אופהערנ אזוי אומענטשלעכ צו פייניקנ. דאנ האָט די באנדע זיכ ארופגעוואָרפנ אפ מיר.

א גאנצע נאכט זיינענ געגאנגענ אינ קעלער אָפ אונ אומ די זיפאָ אונ די פרייוויליקע אונ געהאלטנ אינ איינ שלאָגנ די ניטבאוואָפנטע געפאנגענע. א טייל ארבעטער זיינענ געפאלנ אינ כאלאָשעס אפ דער ערד, האָבנ די ראָצכימ געטויטשעט זיי מיט די אָפצאסנ אינ פאָנעמ אונ אינ קאָפ אונ געפאָדערט, זיי זאָלנ אופשטיינ. פיל פונ זיי האָט מענ איינציקווייז ארויסגעפירט פונעמ קעלער,—בלויז אייניקע האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק.

די געפאנגענע האָט מען ניט ארויסגעלאָזט פון קעלער אפילע צו־ליב באפרידיקן זייערע נאטירלעכע באדערפעניש. ס'איז דעריבער גרינג זיך פאָרצושטעלן, אין וואָס פאר א שוידערלעכע באדינגונגען זיינען געווען די פופציק געפאנגענע אין דערדאָזיקער ענגער און שטיקנדיקער געביידע.

בעיס דער שלאכט מיטן פאנצער־צוג האָבן מיר געהאלטן צוויי טאָג אונטער ארעסט איינעם אן אָרטיקן איינוווינער, א זון פונעם פירער פון די זאנגערהויזענער נאציאָנאליסטן און מיטגליד פונעם איינוווינער־ווער. מיר האָבן כוישעד געווען דעם פארשוין אין שפּיאָנאזש, דעריבער האָט ער באדארפט אָן שום סאָפעק פארגעדענקען מיך אין פּאָנעם. איצט איז דערדאָזיקער פארשוין געווען א שפּיק בא די ווייסע הענקערס. עטלעכע מאָל איז ער אריינגעגאנגען אין קעלער צוזאמען מיט א פּאָליציאנט, האָט באלויכטן מיט א לאָמטערן דאָס געזיכט פון יעדן געפאנגענעם און דערביי אלעמאָל אויסגערופן מיט זיכערקייט: „העלצן קאָן איך גוט, איך געדענק נאָך די קלעפּ, וואָס ער האָט מיר געגעבן". ביז איצט הויב איך ניט אָן צו פארשטיין, ווי אזוי איז דאָס געשען, וואָס ער האָט מיך ניט דערקאָנט. די כאוויירים, וואָס זיינען געזעסן צוזאמען מיט מיר, זיינען געווען זיכער, אז מיך וועט מען באַפרייען, אסאך זיכערער, איידער איך אליין בין געווען. דער, וואָס האָט געהאט דאָקומענטן און וואָס האָט געקענט דערווייזן באשטימט, אז ער האָט זיך ניט באטייליקט אין אופשטאנד, האָט פּאָרט געהאט וועלכע־ניט־איז אויסזיכטן צו באפרייען זיך פון דערדאָזיקער אומגליקלעכער טפיסע. איך האָב צוגעזאָגט די כאוויירים, אז אויב מע וועט מיך אָפּ־לאָזן, וועל איך טאָן אלץ, וואָס איך וועל קענען, קעדיי זיי צו באפרייען. אפן צווייטן טאָג האָב איך אָנגעהויבן צו פאָדערן קאטעגאָריש, מע זאָל מיך נעמען אפן פארהער. זונטיק, דעם דריטן אפּרעל, דריי אזייגער באטאָג, האָט מען אויסגערופן ריינגאָלד קעניגן. איך האָב געהאט א שרעקלעך אויסזען. און כאָטש די שפּיל איז דאָ געווען פארן טייוול, האָב איך אָבער גאָרניט געהאט וואָס איינצושטעלן, און אין בעסטן פאל האָב איך נאָר געקאָנט אויסשפּילן.

אין וואגאָן, וואָס האָט געדינט אלס צימער אָפּ צו פייניקן די

געפאנגענע באם פארהער, זיינען געזעסן בא א לאנגן טיש אָפיצירן און אויבערוואכמייסטערס, און ווי גרויס איז געווען מיין שרעק, ווען איך האָב דערזען יענעם זעלביקן זאנגעהויזענעם שפיק, וואָס האָט מיך „גוט געקאָנט". פון דערדאָזיקער לאגע — האָב איך געטראכט — וועל איך שוין ניט ארויספלאָנטען זיך. איך האָב געוואוסט, אז באלד וועט מען צוגיין און מיר מעלדן. אז דאָס בין איך העלץ. איך האָב שוין פארלוירן אלע האָפענונגען. דער שפיק האָט באקוקט פון קאָפ ביז די פיס יעדן אריינגעפירטן געפאנגענעם. איך האָב אָנגעהויבן זיך קלאָגן, אז מיך האָט מען ארעסטירט אָן א שום סיבע, אז מע באגייט זיך מיט מיר זייער אכזאָריעסדיק. איך האָב געמאָלדן, אז פרייטיק אינדערפרי בין איך ארויסגעפאָרן אפ א וואָלאָסיפעד פון אמענדאָרף, קעדיי איינצוקויפן אייער אין דאָרף; לעבן בעזענשטעדט איז מיר אויסגעקומען מאכמעס דער שיסעריי צווישן די ארבעטער און דער זיפא אָפצוקערעווען פון וועג; דער וואָלאָסיפעד צוזאמען מיט די איינגעקויפטע אייער זיינען פארלוירן געגאנגען און מיך האָט מען געבראכט אין אָוונט אן ארעסטירטן אין קענערן. אזוי ווי איך ווייס ניט, פארוואָס מע האָט מיך פארהאלטן, פאָדער איך, מע זאָל מיר מעלדן די סיבע פון מיין ארעסט. איך האלט, אז ס'איז לאכלוטן ניט דערלאָזבאר צו האלטן אונטערן ארעסט פרידלעכע איינוווינער, וואָס האָבן קיין שייכעס ניט צום אופשטאנד, און דעריבער פאָדער איך, מע זאָל מיך באפרייען, ביפראט אז איך האָב איבערגעלאָזט אין דער היים א פרוי מיט דריי קינדער (ריינגאָלד האָט ווירקלעך געהאט דריי קינדער און איך האָב דאָ געזאָגט לויטער עמעס) און זיי האָבן געוויס יעסורים, וואָס איך בין ניטאָ.

דידאָזיקע ווערטער האָט מען געניי פארשריבן אין פראָטאָקאָל, דערנאָך האָב איך אים געכאסמעט. מע האָט גוט באטראכט מיינע דאָקומענטן און מע האָט איינגעפונען, אז אלץ איז דאָ קעשורע: ריינגאָלד קעניג איז ווירקלעך א לעבעדיקע פערזאָן, וואָס האָט געהאט דריי קינדער און געצאָלט שטייערן. מע האָט מיר געענפערט, אז מע האָט מיך ארעסטירט איבער א מיספארשטייעניש. דער אָפיציר האָט זיך אנטשולדיקט און געמאָלדן, אז איך בין פריי.

איך האָב אָבער דערמיט זיך ניט באַנוגנט און געזאָגט, אַז איך בין ניט זיכער, אַז מיך וועט מען מער ניט פֿאַרהאַלטן אָפּ דער גאַס, און דעריבער האָב איך געבעטן, מע זאָל מיר אַרויסגעבן אַ געהעריקן דאָקומענט. און איך האָב ווירקלעך באַקומען אַן אָפֿיציעלע צייגעניש, אַז איך בין קאָשער וועיאָשער.

אַלזאָ בין איך שוין געווען פֿריי, אָבער גלייך פֿונעם ערשטן טריט האָב איך שוין געשטעקט אין געפֿאַר: ס'איז געווען גענוג געוועזן, עמעצער זאָל אַ זאָג טאָן: „אָט איז דאָך העלץ!״.—וואָלט איך שוין געווען אַ פֿאַרטיקער. איך האָב באַדאַרפֿט וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פֿונדאַנען.

האָב איך זיך געלאָזט לויפֿן, אָבער ניט מיט דער גאַס, נאָר מיט דער אייזנבאַן־ליניע אין אַ ריכטונג, וואָס איז מיר געווען לאַכלוטן אומבאַקאַנט. אין ווען איך האָב אָנגעטראָפֿן אַ טייכל, האָב איך זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער און צום ערשטן מאָל פֿאַר דריי טעג האָב איך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים. ווען איך האָב אַ קוק געגעבן אין טאַש־שפּיגעלע, האָב איך דערזען אַן אויסגעריסן געזיכט. דאָס איז געווען אַ פּנים ניט פֿון אַ געזונטן מאַן, נאָר פֿון אַן אַלטער געקנייטשער פֿרוי. ערשט איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס האָבן מיך ניט דערקאָנט ניט דער שפּיק, ניט די איינוווינער.

מיך האָט באַהערשט אַ טיפֿער אומרו, און איך בין געווען קימאַט פֿאַרייִעשט. איך האָב מיך דערמאָנט אָן די כאַווײרים רעוואָליוציאָנערן און אַרבעטער, וואָס פּלאָגן זיך אין קעלער. דאָס זיינען געווען העלדישע און איבערגעגעבענע קעמפֿער; צי איז ניט נידעריק פֿון מיין זייט דאָס טראַכטן ווי אַזוי צו באַוואָרענען זיך פֿון געפֿאַר, בעת זיי פּייניקן נאָך איצט די הענקערס. איך האָב דידאָזיקע געדאַנקען ניט געקאָנט פֿאַרטרייבן פֿון זיך. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז איצט איז ניט די צייט צו ברענגען שאַר אַ קאָרבן מיין פֿרייהייט אין נאָמען פֿון געפֿיל. זייענדיק אָפּ דער פֿריי וואָלט איך געבראַכט מער נוצן די כאַווײרים, ווי דאָ, ווען כ'וואָלט געזעסן אין קעלער. איך האָב זיי צוגעזאָגט צו טאָן פֿאַר זיי און פֿאַר זייערע פֿריינט אַלץ, וואָס איך וועל קאָנען, און דעמדאָזיקן צוזאָג האָב איך איצט באַדאַרפֿט אויספֿילן.

אינ בערלינ אָנ א נאכטלעגער

מע האָט מיכ ארעסטירט

ווענ ס'איז טונקל געוואָרנ אפ דער קליינער סטאנציע, האָב איכ זיכ
אופגעזעצט אינ א צוג, וואָס האָט מיכ געבראכט אינ נאָרדהויזענ. פונ
דאָרטנ בינ איכ ארויסגעפאָרנ מיטנ שנעלצוג קיינ בערלינ אונ בינ
אהינ אָנגעקומענ מאָנטיק, אכט אזייגער אינדערפרי. דאָס ערשטע, וואָס
מיר האָט זיכ געוואָרפנ אינ די אויגנ אינ די אינדערפריענדיקע
צייטונגענ, איז געווענ אזא מיטיילונג „דאָס אופרייסנ די ניצאָכנ־קאָ־
לאָנע איז העלצס ארבעט". די פרעסע האָט אויכ מיטגעטיילט וועגנ
העלצס אָנקומענ אינ בערלינ. קאָנטיק, אז די פאָליציי האָט זיכ דער־
ווּסט וועגנ מיינ פאָרנ אינ בערלינ נאָכ איידער איכ אליינ האָב געוווּסט.
אונ ווידער האָב איכ איבערגעלייענט א מעלדונג, אז עס ווערט בא־
שטימט א לוינ פונ פינפ אונ צוואנציק טויזנט מארק פאר פאקנ מיכ,
דערביי האָט כוץ דעם די פרייסישע רעגירונג צוגעזאָגט צו געבנ נאָכ
הונדערט טויזנט מארק. איכ האָב געמאכט א בעערעכדיקנ כעשבנ אונ
איינגעפונענ, אז ווענ מע לייגט נאָכ צו דעם לוינ, וועלכנ עס האָט
פאָרגעלייגט די זאקסישע רעגירונג, וואָלט מיינ קאָפ שוינ באטראָפנ
הונדערט פינפ אונ אכציק טויזנט מארק.

בלייבנ אינ בערלינ איז געווענ פאר מיר א טויט־געפאר, דערצו
נאָכ האָב איכ ניט געהאט ווו צו זיינ. די כאווירים, צו וועלכע איכ
האָב זיכ געבעטנ אפ נאכטלעגער, האָבנ מוירע געהאט מיכ אריינצולאָזנ.

די לעצטע עטלעכע וואָכנ בינ איכ דורכ די נעכט ניט געשלאָפנ
אונ האָב געהאָפט אז בא די בערלינער פריינט וועל איכ קאָנענ זיכ
אָפרוענ ווי געהעריק. נעמענ א נומער אינ א האָטעל האָב איכ ניט
געקאָנט פויעלנ בא זיכ. איכ האָב נאָכ אלץ געהאט אינ האנט דיזעלביקע
דאָקומענטנ אפ ריינגאָלדס נאָמענ אונ ניט געקאָנט, פארשטייט זיכ,
ניט רעכענענ דערמיט, אז די זאנגערהויזענער זיפא זוכט מיכ מיט ליכט
לויט דערדאָזיקער פאמיליע; מיסטאָמע איז שוינ ארופגעשווומענ, אז

ריינגאָלד קעניג, וועלכן זיי האָבן באפרייט, איז ניט קיין אנדערער נאָר מאקס העלץ.

די ערשטע נאכט אין בערלין האָב איך פֿארבראכט אונטערן פֿרייען הימל און ארומגעבלאָנקעט איבער די גאסן. די צווייטע נאכט, זייגער פֿיר, האָב איך באמערקט, אז אין איינעם א קאָפֿע־הויז לעבן שארלאָ־טענבורגער וואָקזאל איז נאָך ליכטיק. איך בין שוין געפֿאלן פֿון די פֿיס פֿון מידקייט און דעריבער האָב איך באשלאָסן אריינגיין. אין קאָפֿע־הויז זיינען געזעסן עטלעכע פּראָסטיטוטקעס מיט זייערע קאוואלערן. צו מיר האָט זיך גלייך צוגעשארט איינע פֿון זיי, און איך האָב זיך זייער דערפֿרייט, ווען זי האָט מיך איינגעלאדן צו זיך אַפֿ דער קווארטיר. דאָרטן האָט זיך מיר איינגעגעבן צו רוען א שאָ דריי, אָבער שוין זיבן אזייגער אינדערפֿרי האָב איך געמוזט אוועקגיין, ווייל שפּעטער פֿון דער־דאָזיקער צייט האָבן קיין מאנסבילן ניט געטאָרט זיך געפֿינען בא איר. איך האָב געבעטן איינעם א כאווער מיך פֿאָרט ווו־ניט־איז איינאָרדענען, האָט ער מיך אוועקגעפֿירט אַפֿ דער קווארטיר פֿון איינעם א סטודענט אן אויסלענדער. דערדאָזיקער גוטמוטיקער יאט האָט אָבער אזוי געצי־טערט איבער מיר, אז ער האָט מיך געהאלטן א גאנצן טאָג א פֿארשלאָ־סענעם אין צימער, קעדיי זיין באלעבאָסטע זאָל מיך ניט זען. אָבער, ווי פֿאָרזיכטיק איך בין ניט געווען, האָט די באלעבאָסטע דאָך דערהערט, אז עמעצער איז דאָ בא איר שאָכן אין צימער, און בא יעדן מינדסטן גערויש, וועלכן איך האָב ווי א לעבעדיקער מענטש ניט געקאָנט אויס־מיידן, האָט זי געקלאפּט אין דער פֿארשלאָסענער טיר, מיינענדיק, אז דאָ זיינען דאָ ניט אנדערש נאָר רויבער. ווען ס׳איז נאכט געוואָרן האָב איך פֿארלאָזט דאָסדאָזיקע ניטהיימלעכע שוץ־אָרט. איינע א פּראָסטי־טוטקע, צו וועלכער איך האָב זיך אויס ייעש געווענדעט, האָט געקריגן פֿאר מיר א דאָקומענט, וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך פֿארשרייבן אין פּענסיאָן אַפֿ דער אויגסבורגערשטראסע.

איך האָב באשלאָסן וואָס גיכער צו פֿארלאָזן בערלין, איך האָב אָבער געוואָלט זיך דערשלאָגן, אז א טייל פֿון די געלטן, וואָס איך האָב אריבערגעשיקט דורך קוריערן צו די בערלינער פּארטיי־אָרגאניזאציעס,

זאָל אָפּגעגעבנ ווערנ אפ צו שטיצנ די מישפּאָכעס פונ די ארבעטער, וואָס זיינענ ארעסטירט געוואָרנ אָדער וועלכע מע האָט געהארגעט אינ שלאכט. איכ האָב זיכ צונויפגערעדט וועגנ דערדאָזיקער פראגע מיט כאווײרימ פונ די אנטשפּרעכיקע אָרגאניזאציעס אונ אויסגעארבעט מיט זיי א ריי דרינגנדיקע מאָסמיטלענ.

צווישנ אנדערע האָט איינער א כאווער מיסגעברויכט מיט מיינ נאָמענ אפ דעמ סאַמע מיעסטנ אויפנ אינ מעשעכ פונעמ גאנצנ מארט־קאמפּ. אינ דער צייט, ווענ מיר האָבנ געפירט פארביסענע שלאכטנ מיט דער זיפּאָ אונ רייכסווער, האָט ער דורכגעמאכט אָנ מיינ האסקאָמע אונ אפילע אָנ מיינ וויסנ א ריי גרויסע עקספּראָפּריאציעס. דערביי האָט ער אינ א סאכ פאלנ, ווענ ער האָט דערטאפּט א פעטנ אויצער, ארויסגעגעבנ קוויטאנציעס אונטער מיינ נאָמענ אונ געמאָלדנ, אז דאָס איז ער העלצ.

אגעוו, האָט ער אפ איינער א גרויסער פאבריק אינ אמענדאָרפ צוגענומענ, אכוצ א גרויסער סומע געלט, א פלאטינע־טיגל. אויכ דאָס מאָל האָט ער ארויסגעגעבנ א קוויטאנציע אונטער מיינ נאָמענ. די אופירונג פונ דעמדאָזיקנ כאווער האָט מיכ זייער אופגעבראכט, ביפראט נאָכ, אז איכ האָב ניט געוווסט, וווהינ גייענ דידאָזיקע געלטנ, וואָס ער קאָנפיסקירט קלוימערשט לויט מיינ אופטראג. דערוווסט זיכ, אז ער באהאלט זיכ אינ לייפּציג, האָב איכ געשיקט צו אימ א קוריער מיט א פאָדערונג, ער זאָל צושיקנ קיינ בערלינ א כעשבנ פונ די קאָנפיסקירטע סומעס, אָדער ער זאָל פערזענלעכ קומענ קיינ בערלינ. ער האָט די פאָדערונג ניט אויסגעפילט. דאנ האָב איכ קאָמאנדירט קיינ לייפּציג צוויי פעסטע כאווײרימ, זיי זאָלנ אומבאדינגט ברענגענ דעמדאָזיקנ יאט קיינ בערלינ. זיי האָבנ אימ געבראכט אונ מיר האָבנ אימ געצוווּנגענ אינ כאווער שובערטס וווינונג איבערצוגעבנ אינ רעשוס פונ דער קאסע בא דער ד. ק. ארב. פ. די רעשטנ פונ די קאָנפיסקירטע סומעס אונ דעמ פלא־טינע־טיגל.

דעמ 15־טנ אפּרעל האָב איכ געהאט א זעונג אינ איינעמ א קאָפע־הויז אפ ראנקעס פלאצ. דאָ אפ דערדאָזיקער זעונג האָט געדארפט איינער פונ די ביגעוועזענע געבנ זיינע דערקלערונגענ, וווהינ האָט ער צע־

טרענצלט די געלט־סומעס, וועלכע עס האָט אים איבערגעגעבנ א קוריער אפ צו באהאלטנ. דערדאָזיקער יאט איז געווענ דער אויסגעדינטער אָפיציר הענקע, א סויכער פונ לייפציג, וועלכנ איינער א געוויסער פארטייער האָט מיר רעקאָמענדירט אלס אנ אבסאָליוט אָרנטלעכנ מאנ.

צענ אזייגער אינאָוונט האָבנ מיר באשלאָסנ צוגיינ ערגעצווו אפ א זיכער אָרט, קעדיי צו פירנ מיט אים דאָרט אונטערהאנדלונגענ. מיר האָבנ נאָכ ניט באוויזנ אָפצוגיינ א פופציק טריט, האָבנ זיכ פונ פאר־שיידענע זייטנ א וואָרפ געטאָנ אפ מיר א מענטשנ אכט—צענ שפיקעס אונ אלע אינ איינ קאָל: „די הענט ארופ!” דעמדאָזיקנ באפעל בעייסנ ארעסטירנ מיכ האָב איכ נאָכ קיינמאָל אינערגעצ ניט אויסגעפילט, ניט אינ קענערנ, ניט אינ זאנגערהויזענ, ביפראט דידאָזיקע הינט האָב איכ אוואדע ניט געפאָלגט. מיינע באגלייטערס—זיי האָבנ יאָ אויסגעשטרעקט די לאפעס ארופ.

מע האָט אונדז אָפגעפירט אפ אוטאָמאָבילנ אינ פאָליציי־פרעזידיום. ווענ מע האָט אונדז אָנגעהויבנ צעפירנ איבער די קאמערעס, האָט הענקע אָנגעהויבנ צו וויינענ. ער האָט געמאָלדנ, אז ער האָט כאראָטע אפ דער גאנצער מייסע. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ער איז געקומענ קיינ בערלינ נאָכ נייע אזייגער אינדערפרי אונ גלייכ געמאָלדנ אינ פאָליציי, אז איכ האָב אים באשטימט א זעונג. די פאָליציי האָט אים ארעסטירט נאָר לעפאָנעמ; לויט ווי ער האָט געזאָגט, האָט דער אָפיציר־טיסל אים געשיצט פונ יעדנ כשאד. אינ צוויי שאָ ארומ האָט מענ אימ באפרייט.

ארעסטירט האָט מענ מיכ פינקטלעכ אינ צוויי וואָכנ ארום נאָכנ דערשטיקנ דעמ מיטל־דייטשישנ אופשטאנד. דאָס איז געווענ פאר מיר ניט קיינ אומגעריכטע זאכ; איכ האָב געוווסט, אז אלע טאָג קאָנ דאָס געשענ. איכ האָב אויכ געוווסט זייער גוט, אז דאָסמאָל וועט זיינ שווער צו באפרייענ זיכ. די פאָגראָמ־קאמפאניע, וואָס מע האָט געפירט קעגנ מיר דידאָזיקע טעג, האָט מיכ איבערצייגט אינ דעמ, אז די רעגירונג וועט אָנעמענ אלע מיטלענ, איכ זאָל פונ טורמע ניט אנטלויפנ.

די ערשטע צייט נאָכ מיינ ארעסט איז מיינ שטימונג ניט שטארק

געפאלנ. איך האָב אפילע געהאָפט, אז מיינ ארעסט אונ די פאָלגנ, וואָס ער וועט מיט זיך ברענגענ, וועלנ געבנ נוצנ דער קאָמוניסטישער באוועגונג אינ זינענ פונ אגיטאציע.

דידאָזיקע נאכט, ווענ איך בינ, צעבראָכנ פונ מידקייט, געלעגנ אפנ טורמע־בעטל, זיינענ אומופהערלעכ געקומענ צו מיר שפיקעס אונ זיך געפרווּט אויסטאפנ בא מיר, ווו האָב איך געוווינט די לעצטע צוויי וואָכנ. קעדיי ניט פארשאפנ אומאנגענעמלעכקייטנ די מענטשנ, בא וועלכע איך האָב געוווינט, האָב איך באשלאָסנ פאר קיינ פאל ניט אויסגעבנ מיינ אדרעס. אָבער ווענ די פאָליצעישע באאמטע האָבנ ניט אופגעהערט אויסצופרעגנ מיך, האָב איך פארשטאנענ, אז זיי זיינענ מיך כוישעד, אז איך האָב באהאלטנ בא זיך א היפשנ טייל פונ די קאָנפיסקירטע געלטנ. דאנ בינ איך אריינ אינ קאעס, האָב זיי א שמיצ געטאָנ צו די פיס די שליסל פונ מיינע רענצלעכ אונ זיי געגעבנ דעם אדרעס פונ מיינ קווארטיר. איך האָב צו שפעט פארשטאנענ, אז איך בינ באגאנגענ א גרויסנ פעלער.

צווישנ די פאָליצעישע באאמטע, וואָס האָבנ מיך באזוכט דידאָזיקע נאכט, איז געווענ איינער גאָר א געמיינער סוביעקט. ער איז געווענ אנ אונטערלעקער אונ א קריכער אונ זיך געסטארעט מיט קאָלערליי מיטלענ צו געווינענ מיינ צוטרוי. דערדאָזיקער נעפעש, וואָס איז נאָכדעם אוועק מיט מיינע שליסל, איז געווענ, פארשטייט זיך, שטארק אנטוישט, ווענ ער האָט זיך איבערצייגט נאָכנ באזוכנ מיינ קווארטיר, אז פונ די קאָנפיסקירטע סומעס האָב איך בא זיך גאָרניט ניט געלאָזט. דערפאר אָבער האָט ער פארנ וועג ארויסגענומענ פונ מיינע רענצלעכ א פאָר נייע שיך, א קאסטיום אונ אנדערע זאכנ.

שוינ דעם צווייטנ אינדערפרי האָב איך געהאט א געוויסע פאָרשטעלונג, ווי אזוי מע וועט זיך איזדיעקעווענ איבער מיר אינ די נאָענטסטע כאדאָשים. מע האָט מיך אָפגעפירט אינ אָפטייל פונ דאקטילאָסקאָפיע. דאָרטנ איז מענ זיך באגאנגענ מיט מיר גוואלטיק אכזאָריסדיק. איך האָב באדארפט זיך שטארק אָנשטרענגענ, איך זאָל ניט געבנ אינ די זייטנ דידאָזיקע נידערטרעכטיקע היצעלס, די באאמטע

האָבן מיר אויסגעדרייט די פינגער און די הענט לויט אלע קלאָלים פון דערדאָזיקע קונסט. נאָכדעם האָבן זיי מיר געפירט איבער די לאַנגע קאָרידאָרן פונעם פאָליצײַ־פּרעזידיום, ווו עס זײַנען אומעטום געשטאַנען אַפּ די דורכגענג און אויך בא טירן און פענצטער הונדערטער אָנגע־שטעלטע און מאַשיניסטקעס, וואָס האָבן קיין אויג ניט אראָפּגענומען פון מיר, גלייך ווי איך זאָל זײַן א רעצייעך, א רעציזיווויסט און א באנדיט.

אין דער מאָאַביטישער טורמע גיט מען פופציק טויזנט מארק פאר דעמאסקירנדיקן מאטעריאל

ווען ס'איז פאר זיי קלאָר געוואָרן, אז זיי וועלן פון מיר גאָרניט ניט זיך דערוויסן, האָבן זיי באשלאָסן זיך באנוגענען דערמיט, וואָס זיי האָבן מיך פאָטאָגראפירט אין פארשיידענע פאָזעס.

אינאָוונט האָט מען מיך פונעם פאָליצײַ־פּרעזידיום אריבערגעפירט אין דער באגלייטונג פון א שטארקערער וואך אין מאָאביטישן הויז פאר דערוויילִיקן ארעסט.

דאָרט האָט מען מיך ווידער דורכגעפירט צווישן די רייען פון די נייגיריקע באאמטע און אין עטלעכע שאָ ארום האָט מען מיך ארייַנ־געזעצט אין א קאמערע, אין וועלכער ס'איז מיר פאָרגעשטאַנען אָפּצו־לעבן אן אומבאשטימט שטיקל צייט. מע האָט מיר פרייַנטלעך געמאָלדן, אז דאָס איז א קאמערע פאר קרימינעלע פארברעכערס און אז דאָ לעבן אויס זייערע לעצטע טעג די פארמישפּעטע צום טויט.

דאָס קליינע פענצטערל, וואָס איז געמאכט געוואָרן שטארק הויך אין דער וואנט און קוקט ארויס אין הויף ארייַן, איז געווען באוואָרנט מיט דרייַפאכיקע גראטעס. אָנשטאָט א געוויינלעכן טורמע־בעטל איז דאָ געשטאַנען א מאסיווע שטיינערנע באנק, וועלכע איז פונויבן באדעקט געווען מיט האָלץ. אין דער באנק זייַנען געווען אייַנגעפאסט שווערע אייזערנע רינגען אַפּ ארייַנטאָן די קייטן, וואָס מע טוט אָן די פארמיש־פּעטע צום טויט. די שווערע אייזערנע טיר, וואָס פירט אין דערדאָזיקער

קאמערע, איז געווען זייער א פעסטע. איבער דער טיר איז געהאנגען פון יענער זייט גראטעס אן עלעקטריש לעמפל, וואָס האָט געברענט א גאנצע נאכט, און דער ארעסטירטער האָט ניט געקאָנט פארלעשן די שארפע שיין, וואָס האָט געשניטן אין די אויגן.

איך האָב איבערגעלעבט פיינפולע שלאָפלאָזיקע נעכט. ניט יעדער קאָן שלאָפן ווען ס'איז ליכטיק; איך פערזענלעך געהער צו יענע, וואָס קאָנען ניט איינשלאָפן ווערן אין א ליכטיק צימער, ווי מיד איך זאָל ניט זיין. האָב איך געמאָלדן וועגן דעם דעם טורמע־שעף און דעם דאָקטער און האָב געבעטן, מע זאָל אָפּשאפן דידאָזיקע באנאכטיקע באַ־לייכטונג. מיין בּאַקאָשע האָט מען ניט באפרידיקט, און איך האָב דעריבער באשלאָסן צוזוכן א מיטל, ווי אליין צו באפרייען זיך פון דערדאָזיקער אָנשיקעניש. האָב איך גענומען דעם איינציקן טאבורעט, וואָס איז געשטאנען אין קאמערע און מיט אים פארשטעקט דעם כאָלעל, וווּ ס'איז געהאנגען דאָס עלעקטרישע לעמפל. אין קאמערע איז געוואָרן פינצטער און איך בין איינשלאָפן געוואָרן. אינגיכן אָבער האָט א געקלינג פון שליסל און א זידלעריי אָפּ א קאָל מיך אופגעוועקט פון שלאָף. פאר מיר זיינען געשטאנען דריי טורמע־אופזעערס. זיי האָבן קוים באוויזן ארויסצוּשלעפן דעם טאבורעט און פארשליסן הינטער זיך די טיר, האָב איך גלייך געכאפט דעם טאבורעט און ווידער אים ארייגעשטעקט ווי פריער. שפעטער אביסל זיינען זיי געקומען מיט נאָך א גרעסערער זיד־לעריי און ווידער ארויסגענומען דעם טאבורעט. און אזוי איז דאָס שוין געגאנגען גאנצע נעכט. איך האָב ארייגעשטעלט דעם טאבורעט און די טורמע־אופזעער האָבן אים מיט קאַעט ארויסגעשליידערט.

אָט אזוי האָט מען זיך אומגעלומפערט איזדיעקעוועט איבער מיר אלע נאכט אין משך פון עטלעכע וואָכן, ביז איך האָב לעסאָף זיך דערשלאָגן, מע זאָל ארומנעמען דאָס עלעקטרישע לעמפל מיט פאפיר.

דעם טאָג וואָס איך בין אָנגעקומען אין טפיסע האָט מען מיך באַ־דארפט נעמען דאָס ערשטע מאָל אפּן פארהער צום געריכט־פאָרשער. דער טורמע־אופזעער האָט מיר אָנגעטאָן קייטעס אף די הענט, דערביי האָט ער זיי אזוי שטארק פארצויגן, אז ער האָט אזש איינגעשניטן די

הויט ביז בלוט. איך האָב זיך באַמיט איינצוהאַלטן דעם ווייטעק און אַ פרעג געטאָן דעם אופזעער ראַדטקע, פאַרוואָס ער באַגייט זיך אַזוי אומראַכמאָנעסדיק מיט זיינע נאָענטע. ער האָט מיר געענטפערט, אַז אופהענגען אַזאַ נאָענטן איז נאָך ווייניק און דערביי האָט ער אַזוי שטאַרק אַ צי געטאָן די פּענטעס, אַז די געלענקען האָבן אַ קנאַק געגעבן, און פון ווייטעק איז אַרויסגעטראָטן אפ מיין פּנים אַ קאַלטער שווייס.

גייענדיק צום געריכט־פאָרשער דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, האָב איך באַגעגנט אפן וועג אַן עלטערן באַאַמטן; איך האָב אים געמאָלדן, אַז כ׳וועל ניט אויסהאַלטן דעם שטאַרקן ווייטעק און געבעטן נאָכלאָזן אַביסל די פּענטעס. דער אַלטער איז קלוימערשט איינגעגאַנגען דערוף, ער האָט אָבער נאָך ענגער פאַרצויגן די פּענטעס.

איך האָב קוים איינגעהאַלטן מיין קאַעס און געמאָלדן דעם געריכט־פאָרשער, אַז איך וועל קיין וואָרט ניט זאָגן, ביז מע וועט ניט אַראָפּנעמען פון מיר די פּענטעס. ער האָט מיר געענטפערט, אַז איך וועל סיי־ווי מוזן ריידן און געגעבן אַ באַפעל אָפּצופירן מיך צוריק אין קאַמערע. אפן צווייטן טאָג האָט מען זיך ווידער אַזוי איזדיעקעוועט איבער מיר. אָבער ווי נאָר מע האָט מיר אַרופגעוואָרפן אפ די הענט די פּענטעס, האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל פון דער קאַמערע ניט אַרויסגיין. ווען מע האָט מיך אָנגעהויבן צו שלעפּן, האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוווייזן די טורמע־אופזעער אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד און זיך אַראָפּגעלאָזט אפן דיל. האָט איינער פון די אופזעער מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן רעכטן פוס, דער צווייטער — פאַרן לינקן, און אַזוי האָבן זיי מיך געשלעפּט אַ געבונדענעם עטלעכע הונדערט מעטער איבער די שטיינערנע פּליטעס פונעם קאָרידאָר; מיינע הויזן האָבן זיך צעריסן אפ שטיקלעך. נאַטירלעך, אַז באַ אַזעלכע באַרינגונגען האָב איך זיך אָפּגעזאָגט ריידן מיטן אויספאָרשער. מיינע אַדוואָקאַטן, וועלכע מ׳האָט מיט דער צייט צוגעלאָזט מיך צו פאַרטיידיקן, האָבן זיך דערשלאָגן ערשט אין דריי וואָכן אַרום, מע זאָל אָפּשאַפן די פּענטעס.

אַלע אַרעסטירטע פלעגט מען פאַרן פאַרהער אַרויספירן אפ צוואַנציק

מינוט אין הויף, וועלכער איז געווען ארומגענומען מיט הויכע ווענט. כ'ווייס ניט צי איז דערדאָזיקער שפּאַציר געווען פאר עמעצן א גרויס פארגעניגן, אלנפאלס, מיך האָט ער ווייניק וואָס געצויגן: אפ דעם אזוי גערופענעם שפּאַציר פלעגט מען אונדז ארויספירן אין קייטן.

ווען מע האָט מיך צום ערשטן מאָל ארויסגעפירט אין הויף מיט צונויפגעשמידטע הענט, האָב איך טכילעס באשלאָסן, אז ס'וועט ניט שאטן אן אָטעם טאָן מיט א פרישן לעפל לופט נאָך דער דערשטיקעניש, וואָס בא מיר אין קאמערע. אָבער דורכמאכנדיק בלויז איין טור, האָב איך מיטאמאָל דערפילט מיט א באזונדערער שארפקייט מיין דערנידערנדיקע לאגע, האָב איך זיך אויסגעקערעוועט צוריק און געמאָלדן די אופזעער, וואָס האָבן מיט רעוואָלווערן אין די הענט נאָכגעקוקט נאָך מיר בעיס איך האָב אומגעשפּאצירט אין קרייז, אז מער וועל איך אין הויף מיט פענטעס אפ די הענט ניט גיין, ביפראט אז קיינער פון די ארעסטירטע טראָגט ניט קיין פענטעס. אין רעזולטאט האָב איך שוין אין משך פון די נאָענטסטע וואָכן ניט געזען פאר זיך קיין לעבעדיקע שיין.

ווען מיינע איניקע האָבן אָנגעהויבן צו פירן די אדוואָקאטן ערנסט העגעוויש, דאָקטער בראָ און וויקטאָר פרענקעל, האָט דאָסדאָזיקע אומענטשלעכע באגיין זיך מיט מיר עטוואָס זיך געענדערט צום בעסערן. העגעוויש איז געווען מיינער א כאווער לויט דער פּארטיי־אָנגעהערי־קייט, בעיס ווען בראָ און פרענקעל זיינען ניט נאָר ניט געווען אין פּארטיי,—זיי זיינען בעפיירעש געווען אירע פארביסענע פיינט. מיין מוטער וועלכער ס'זיינען לאכלוטן פרעמד געווען מיינע פּאָליטישע אָנשויונגען, איז געווען מיין איינציקע באזוכערן אין טורמע; איר איז אויסגעקומען צו מאכן צוליב דעם א ווייטע רייזע. זי האָט מיר אפילע קיין מינדסטן פּאָרוורף ניט געמאכט, כאָטש מיינע טאטן, וואָס זיינען איר געווען אינגאנצן פרעמד, האָבן איר פארשאפן ניט ווייניק ליידן.

אין דידאָזיקע טעג פון אומגעהויערער נערוון־אָנשטרענגונג האָט דאָקטער בראָ ארויסגעוויזן צו מיר די מאקסימאלסטע אופמערקזאמקייט; ער האָט אָנגעווענדעט אלע זיינע קונצן, קעדיי צו לינדערן מיין לאגע,

איך האָב אים אסאך צו פאַרדאַנקען דערפאַר. ער האָט מיר געבראַכט די ווערק פון דאָסטאָיעווסקי, טאגאָר, טאָלסטאָי און אנדערע שרייבער. דאָקטער פרענקעל האָט אויך זיך באמיט, ווי ווייט זיינע קויכעס האָבן געלאָזט, צו פאַרגרינגערן מיין שווערע לאגע. ווען ס'האָט זיך איינגעגעבן מיינע פאַרטיידיקער אָפּצושאַפן די האַנט־פענטעס, האָב איך אָן דערוויַדערונגען מאסקים געווען צו גיין אָפן פאַרהער צום פּראָקוראָר יעגער. איך האָב אים געמאָלדן, אז איך בין גרייט צו ענטפערן, אָבער בלויז אין געריכט. דער פּראָקוראָר האָט געלאָזט אין גאַנג אַלע מיטלען פון זיין רעדנערישער קונסט, קעדיי צו איבערצייגן מיך, איך זאָל ניט אָנווענדן אזא טאַקטיק, וואָס קאָן, לויט זיינע רייד, מיר נאָר קאַליע מאַכן. ער האָט מיר פאָרגעשטעלט די זאַך אזוי, אז ער איז קלוימערשט ניט בלויז א פאָרשטייער פון דער באַשולדיקונג, ־ זיין כוונה איז אויך אָנצווייזן אָפּ דעם, וואָס עס קאָן מיטהעלפן מיין באַפרייונג. איך דאַרף אויפריכטיק זיך מודה זיין אין אַלץ, כאָטש צוליב מיין מוטער, דערדאָזיקער ליבער, אויסגעצייכנטער פרוי, ווייל נאָר אָפּ אזא אויפן קאָן איך האָפן, אז מע וועט מיך לעסאָפּ באַגנעדיקן.

ווען יעגער האָט זיך איבערצייגט, אז זיינע מי מיך איבערצורעדן איז אומזיסט, האָט ער געענדערט זיין טאַקטיק. האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהערן, וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע טעג. מע האָט מאָביליזירט אריבער הונדערט באַשולדיקונג־איידעס. בעת דער אויספאָרשונג האָבן די באַשולדיקונג־איידעס זיך ארויסגעזאָגט אין מיין אָנוועזנהייט. דעם פּראָטאָקאָל האָט געפירט יעגער גופא. אַלע ווײַלע האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט א פראַגע, צי האָב איך ניט צו זאָגן עפּעס אזוינס אין מיין פאַרטיידיקונג.

אין אסאך פאַלן וואָלט איך געקאָנט זייער לייכט אָפּווענדן די באַשיימפערלעכע פאַלשע רייד פון די איידעס. איך וואָלט אָבער צוליב דעם געמוזט ברעכן די טאַקטיק, וועלכע איז געווען קאָנטאַקטירט מיט מיין פאַרטיידיקער, און דאָס האָב איך ניט געקאָנט טאָן.

דידאָזיקע פאַרהערן האָבן גוואַלטיק צעשרויפט מיינע נערוון. ס'איז געווען אַן עמעסע אָפּקומעניש צו זיצן טאָגטעגלעך פון צוועלף ביז

זעכצן שאָ אויסהערן די געריכט־ארויסזאָגונגען פון די אָנגערייצטע פאנאטיקער און זיך ניט אָפּרופֿן מיט קיין וואָרט קעגן זיי. פיל פון זיי האָבן מיך ניט געקאָנט אין פּנים אפילו.

איינמאָל, — דאָס איז געווען סאָף אפּרעל, — האָט יעגער פארשריבן אין מיין אָנוועזנהייט די ארויסזאָגונגען פון א וויכטיקן איידעס פון דער באשולדיקונג, וואָס איז געקומען פון אייטלעבען. פּלוצים קומט אריין דער וואכמייסטער אן איבעראשטער און טוט א זאָג יעגערן אין אויער: „ס'איז אָנגעקומען אהער זייער א וויכטיקער איידעס, מע דארף אים גלייך אויספרעגן. אים האָט געשיקט אהער דער פּאָליציי־פּרעזידיום". כאָטש דער וואכמייסטער האָט גערעדט גאנץ שטיל, האָב איך דאָך געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט.

יעגער האָט גלייך אוועקגעשטעלט דעם אייטלעבענער איידעס און זיך גענומען אויספרעגן דעם נאָר־וואָס אָנגעקומענעם.

אין צימער האָט זיך אריינגעשטעלט א יונגערמאן, אָנגעטאָן אין א פּאָליצייִשן מונדיר; ער האָט אויסגעזען ניט עלטער פון זיבעצן יאָר. יעגער האָט אים א פרעג געטאָן, צי קאָן ער העלפֿן און צי האָט ער מיטצוטיילן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל אופדעקן דעם איניען. דער איידעס — ער האָט אָנגערופֿן די פאמיליע פראנקע — האָט געענטפערט, אז יאָ.

פראנקע האָט אָנגעהויבן אויסצודערציילן געניי. אינעם 1290־טן יאָר האָט ער געדינט אלס פּאָשעטער זעלנער אינעם רייכסווער. אין די טעג פונעם קאפּ־פוטש האָט אים דער באטאליאָן־קאָמאנדיר אָפּגעקאָמאנדירט אהיים אין פּאָגטלאנד מיטן אופטראג, ער זאָל זיך דערוויסן די שטימונג פון די ארבעטער אין צוזאמענהאנג מיטן קאפּ־פוטש. זיינע איינדרוקן האָט ער באדארפט נאָכדעם מיטיילן דער מיליטערישער מאכט. בעת ער איז אָנגעקומען אין פּאָגטלאנד האָט מאקס העלץ שוין געהאט פארכאפּט די מאכט. זיין פרוי האָט געפּאָדערט פון אים, ער זאָל אריבער צו די קאָמוניסטן און קעמפן קעגן רייכסווער, נאָר ער איז דערויף ניט איינגעגאנגען און איז אפילו מאכמעס דעם זיך צעגאנגען מיט זיין פרוי.

וואָס ווייטער פראנקע האָט דערציילט, אלץ מער פארוווּנדערט האָט

אויסגעזוען דער פראָקוראָר. ווען דער איידעס האָט פארענדיקט, האָט ער אים א פרעג געטאָן: „און דאָס איז אלץ, וואָס איר האָט צו דערציילן? וואָס פאר א שייכעס האָט דאָס צו העלצן? צי האָט איר ניט צו דערציילן עפּעס אזוינס וועגן העלצן, וואָס זאָל אופדעקן דעם איניען?" דערויף האָט דער איידעס געענטפערט: „ניין, מער האָב איך ניט וואָס צוצוגעבן. ווען העלץ זאָל ניט געווען האָבן פארכאפּט די מאכט אין פאָגטלאנד, — וואָלט מיין פרוי זיך ניט געווען צעגאנגען מיט מיר". דער פראָקוראָר יעגער איז שוין גערן געווען ארויספּאטערן דעמדאָזיקן „זייער וויכטיקן איידעס".

א צווייטער איידעס האָט געזאָגט בא א שוווע, אז איבערלייענענדיק די מעלדונג: „פופציק טויזנט מארק פאר מאטעריאלן, וואָס דעמאסקירן העלצן", האָט ער דערקענט אין מיר, אז דאָס האָב איך דעם 9־טן נאָיאבער 1918 יאָר דערשאָסן אן אָפיציר אין האמבורג אפן וואָקזאל. צום באדויערן, בין איך קיינמאָל ניט געווען אין האמבורג און האָב נאָך קיינמאָל קיינעם ניט דערשאָסן.

א דריטער איידעס, דער סעקרעטאר פון מאנספעלדער געריכט, האָט אָנגעוויזן, אז ער וועט דערקענען, צי בין איך עס דער, ווער ס'האָט אופגעריסן די געביידע פון מאנספעלדער געריכט. גראָד דאָסדאָזיקע גוויעס־איידעס האָט זיך געדאכט דעם פראָקוראָר אלס דאָס סאמע וויכטיקסטע. יעדער האָט געהאלטן, אז די גוויעס־איידעס פון א געריכטלעכן באאמטן מעג מען אָן ספאָפעק גלייבן.

אָבער שוין אפן צווייטן טאָג נאָכדעם ווי דער איידעס איז אָפּגעפאָרן האָט דער פראָקוראָר באקומען פון אים א טעלעגראמע, אין וועלכער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין נעכטיקער גוויעס־איידעס; ער האָט געהאט א טאָעס, — איך בין קלאל ניט דער, ווער ס'האָט אופגעריסן די געביידע פונעם געריכט.

ס'איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס עס האָבן זיך א שיט געטאָן אין די הונדערטער אזעלכע און ענלעכע דעמאסקירנדיקע באווייזן, וועלכע מע האָט גענוי פארפיקסירט אין פראָטאָקאָל. לויטן באפעל פונעם בערלינער פאָליציי־פרעזידיום אין פערזאָן פונעם סאָציאל־דעמאָקראט ריכטער

האָט מענ צעקלעפּט פּאָלגנדיקע „מעלדונג", וואָס איז באַשטימט געוואָרנ אָפּ צעשיקנ אויכ איבער גאַנצ דײטשלאַנד:

„מאַקס העלצ איז אַרעסטירט.
א לוינ פונ פופציק טויזנט מאַרק

פיל פאַרברעכנס איז ער באַגאַנגענ. ער איז אָנ סאָפּעק דער הויפּט־שולדיקער אינ די מאַרט־אומרוענ. ער האָט גערופנ מינדלעכ אונ שריפטלעכ צו באַוואָפנטנ גוואַלדטאַט, צו אופרײסנ אונ צו אַנדערע פאָרמעס פונ מעלוכישנ פאַרברעכ.

איצט איז נײטיק צו באַקומענ גענויע יעדיעס וועגנ אַלע העלצס געגנ, וועלכע זײנענ געפערלעכ פאַר דער נעזעלשאַפט, וועלכע ליגנ פאַנאַנדער דאָס פאָלק, קעדײ דער געריכט זאָל פאַר אַלע פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגענ, באַשטימענ פאַר אימ א פּאַסיקע שטראָף.

איכ באַשטימ דעם אויבנאָנגעוויזענעמ לוינ פאַר דעם באַשולדיקונג־מאַטעריאַל קעגנ העלצנ.

אַלע, וואָס האָבנ וואָס מיטצוטײלנ וועגנ דעמדאָזיקנ איניענ, אָדער וואָס קאָנענ צושטעלנ פאַקטישע באַווײזנ, ווערנ געבעטנ צו ווענדנ זיכ אינ בערלינער פּאָליצײ־פּרעזידיומ, צימער 343 אָדער לויטנ קאָמוטאַטער 300—303.

בערלינ, 16־טנ אַפּרעל 1921 יאָר
פּאָליצײ־פּרעזידענט
אָפּטײל 1A
דאָקטער ווײס, רעגירונג־ראַט".

די ווערבונג פונ די אָנגעדונגענע פאַלשע אײדעס האָט געגעבנ גינסטיקע רעזולטאַטנ. דאָס האָט זיכ באַשײמפּערלעכ אַרויסגעוויזנ אינעם גאַנצנ פונעם פּראָצעס.

איניענ העס

דעם 7־טנ מײ איז פאָרגעקומענ די ערשטע אויג־אָפּ־אויג־באַגעגע־ניש מיט פרוי העס, וועמעס מאַנ מע האָט דערהאַרגעט בעײסנ מיטל־

דייטשישן אופשטאנד. דער פּראָקוראָר האָט מיך ניט געוואָרנט, אז דעמדאָזיקן טאָג וועט פֿאָרקומען דער אויספֿרעג פֿון העס׳ פֿרוי. אינדערפֿרי האָט מען מיך אריבערגעפֿירט פֿון מיין קאַמערע אין פּראָקוראָרס קאבינעט. בא דער טיר פֿונעם קאבינעט זיינען געשטאנען עטלעכע ציווילע פֿארשוינען, צווישן זיי א פֿרוי געקליידעט אין שווארצן. דידאָזיקע פֿיר־פֿינף מענטשן, וואָס פֿארביי זיי האָב איך באדארפֿט דורכגיין, האָבן מיך באקוקט פֿון קאָפּ ביז פֿיס.

דער פּראָקוראָר איז שוין געזעסן אין קאבינעט; בעיס איך בין אריינגעגאנגען האָט ער געהייסן דעם וואכמייסטער אריינפֿירן די איידעס.

ס׳האָט זיך אופֿגעעפֿנט די טיר, און אין צימער איז מיט פֿאמעלעכע טריט אריינגעגאנגען די פֿרוי אין שווארצן; זי האָט פֿארוואָרפֿן די הענט, זיך צעיאָמערט אף א קול און א טייט געגעבן אף מיר מיטן פֿינגער: „אָט איז מיין מאנס רוצייעך!“

דערדאָזיקער קאבאַלאס־פּאָנעם האָט מיך שטארק פֿארכידעשט. טכילעס האָב איך ניט פֿארשטאנען, וואָס אזוינס קומט דאָ פֿאָר: צי איז דאָס א קאָמעדיע, אָדער גלאט א מיספֿארשטייעניש? ניט נאָר איך האָב ניט דערשאָסן דעם גוטבאוויצער העס, נאָר איך האָב אפֿילע ניט געגעבן קיין באפֿעל וועגן דעם און ביקלאַל קיין שייכעס ניט געהאט מיטן דאָזיקן מאָרד.

דער פּראָקוראָר איז צוגעגאנגען צו דער פֿרוי, וואָס איז שיר געפֿאלן כאלאָשעס און זיך גענומען זי טרייסטן און איינגערעדן, זי זאָל זיך בארויקן. ער האָט איר צוגעזאָגט, אז דער, וואָס האָט דערמאָרדעט איר מאן וועט באקומען די געהעריקע שטראָף. דערנאָך האָט ער זי אָפּגעפֿירט צו א צווייטער זייט טיש און איר געגעבן א בענקל. פֿרוי העס איז געזעסן אזוי, אז זי האָס געזען מיין פּאָנעם באלויכטן אין העלער שיין. דער פּראָקוראָר האָט זי געפֿרעגט, צי האָט זי מיך געניי דערקאָנט, אז דאָס האָב איך געטוים איר מאן: אלס איידעס דארף זי מיך אופֿמערקזאם באקוקן, ער וועט איר געבן צייט, קעדיי זי זאָל אופֿשטעלן אין איר זיקאָרן אלע פּאסירונגען.

מיר האָט מען געהייסן אופשטיין פון בענקל און זיך דורכגיין אי־בערן צימער, קעדיי פרוי העס זאָל קאָנען באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן מיין וווקס און ארט גיין. דער פראָקוראָר האָט מיך אויך גע־צווונגען ריידן קעדיי זי זאָל הערן מיין שטימע. העכער א האלבער שעה האָט זי מיך באַקוקט, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן איר גוויעס־איי־דעס. זי האָט דערציילט דעם פראָקוראָר אין א רויקן טאָן וועגן יענע אומשטאנדן, בא וועלכע מע האָט דערשאָסן איר מאַן. ווען זי האָט געענדיקט, האָט דער פראָקוראָר זי געפרעגט:

„נו, איצט זאָגט, בירגערן העס, צי האָטווירקלעך אייער מאַן דערשאָסן גראָד הער־לצ?"

„איך קאָן ניט זאָגן,—האָט זי געענטפערט,—אז גראָד הער־לצ האָט דאָס געטאָן".

דער פראָקוראָר איז דערשטוינט געוואָרן,—ער האָט אזא ענטפער פון איר ניט דערוואַרט. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו איר בוכשטעב־לעך מיט אזעלכע ווערטער: „בירגערן העס, איך פאַרשטיי, אז איצט געדענקט איר עפשער ניט גענוי אלע דעטאַלן פון די געשעענישן. איר קאָנט יעדן מאָמענט זיך אָפּזאָגן פון אייער היינטיק אײידעס זאָגן. איך בין שטענדיק גרייט אייך אויסצופרעגן א צווייט מאָל; אויב איר וועט זיך בעסער דערמאָנען אין די אומשטאנדן פונעם דאָזיקן איניען, האָט איר דאָס רעכט צו ענדערן אייער היינטיקן ארויסזאָג.

אזוי איז געווען די ערשטע גוויעס אײידעס פון דער פרוי העס, אָבער אין דריי טעג ארום—דעם 10־טן מיי—האָט די דאָזיקע פרוי ארויס־גערוקט קעגן מיר א הארבע באַשולדיקונג באַם קרימינאַל־קאָמיסאר וואָ־אָסטמאַן אין האַלע: זי האָט געמאָלדן, אז זי האָט אליין געזען, ווי איך האָב געשאָסן אין איר מאַן און ווי מע האָט נאָך מיין באַפעל אויסגעשאָסן אין אים נאָך עטלעכע קוילן. אין אלגעמיין האָט העס פרוי געגעבן וועגן די געשעענישן פיר באַווייזונגען, וואָס האָבן לאַכ־לוטן ווידערשפּרעכט איינע די אנדערע. ווי מיר האָט זיך איינגעגעבן פעסטצושטעלן, האָט מען העסן דערשאָסן בא פאָלגנדיקע אומשטאנדן:

מיטוואָך, דעם 30־טן מאַרט, ארום 4 אזייגער באַטאָג, האָבן די

ארבעטער־דרוזשינעס זיך געלאָזט פון גרעבערס קיין מאנספעלד, קעדיי צו פאריייניקן זיך מיט אנדערע רעוואָליוציאָנערע טיילן. אין דער שפּיץ פון דעמדאָזיקן אָטריאַד איז געשטאַנען געהארד טומאַן,—ער האָט אים אָרגאַניזירט אין ריטערפעלד און האָלצווייסיט.

אין וועג האָבן די ארבעטער־דרוזשיניקעס רעקווירירט בעערעך פופציק פורן. קימאַט אלע דרוזשיניקעס זיינען געווען שלעכט אָנגעטאָן. איך האָב פאָרגעלייגט ארויסצושיקן פאָרויס עטלעכע כאַוויירים מיט א פור, קעדיי צו רעקווירירן ווארעמע קליידונג פאר אונדזערע אָטריאַדן,—עס זיינען געווען דעמאָלט זייער קאלטע סענטיאַבער־נעכט. אינגיכן האָבן מיר באַקומען אָן שום קאָנפליקטן מיט די גוטבאַזיצער בעערעך פינף און צוואַנציק רעקווירירטע מאַנטלען.

מיר האָבן שוין באַוויזן דורכצוגיין א זיבן—אכט דערפער. אינעם דאָרף הוישהען איז צום שטאַב־פורל—איך בין געפאָרן צוזאַמען מיטן שטאַב אין דער שפּיץ פון די אָטריאַדן—צוגעגאַנגען א דרוזשיניק פון דער רעקוויזיר־קאָמאַנדע און געמאָלדן, אז בא העסן אין הויף איז פאָרגעקומען א צוזאַמענשטויס מיטן באַלעבאָס. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן א מאַנטל, ניט דערלויבט ארייצופאָרן אין הויף, געזידלט די ארבעטער און זיי געדראָט. דערווייל האָבן צוואַנציק—דרייסיק דרוזשיניקעס פונעם הויפּט־אָטריאַד זיך ארייַנגעריסן אין הויף: זיי זיינען אריבערגעקראָכן אריבערן טויער און געעפנט אים פונינווייניק.

דערהערט דעם שטאַרקן גערודער באַם הויף, האָט עס מיך א צי געטאָן, איך זאָל צוגיין און געוויר ווערן, פאַרוואָס האָט זיך אופגעהויבן אזא סקאַנדאַל איבער אלטע עטלעכע מאַנטלען. איך בין אריין אין הויז און דערזען, אז אפן ערשטן שטאָק האָבן העסן ארומגערינגלט א צען—פופצן סאָלדאַטן און מע זידלט זיך אפן קאָל. דאָס האָבן פיל ארבעטער געפרווט צונויפריידן זיך מיט העסן, אָבער העס האָט געהאַנדלט אזוי ניט קלאָר, אז קיינער האָט ניט פארשטאַנען, וואָס איינטלעך וויל ער. אָט האָט ער געזאָגט: „יאָ, איך וועל געבן א מאַנטל" און אָט:—„ניין, כ'וועל קיין שום מאַנטלען ניט געבן".

איך האָב זיך געפרווט צעשטופּן דעם אוילעם, וואָס האָט ארומגע־

רינגלט העסנ, קעדיי אליינ א רעד צו טאָג מיט אים, האָט עמיצער בעשאסנ טומעל מיר א שטארקנ זעצ נעטאָג מיט א הארטער אונ שאַרפער זאכ אונ מיר צעבלוטיקט דעמ גראָבנ פינגער. אומזיסט האָב איכ זיכ באמיט זיכ דורכצושטופּנ אינ דערדאָזיקער ענגשאפט. איכ האָב ניט געקאָנט זיכ דערשלאָגנ, מע זאָל מיכ אויסהערנ, דערפאר, ווייל דאָס ראָוו סאָלדאטנ, וואָס זיינענ דאָ געשטאנענ האָבנ מיכ ניט געקאָנט. צו זייער אָטריאד בינ איכ צוגעשטאנענ ערשט מיט איינִיקע שאָ פריער. דער גרעסטער טייל דרוזשיניקעס,—געווענ זיינענ דאָ עטלעכע הונדערט,—האָבנ מיכ קיינמאָל אינ די אויגנ ניט געזענ.

אינ יענעמ מאָמענט, ווענ מע האָט מיכ א זעצ געטאָנ איבער דער האנט, האָט דער גאנצער אוילעמ זיכ אראָפּגעלאָזט צו די טרעפּ, דערפאר ווייל העס האָט געמאָלדנ, אז ער דארפ אראָפּגיינ נאָכ די שליסל. איכ בינ אויכ מיטגעשלעפּט געוואָרנ מיטנ אוילעמ. אינ פּאָדער-צימער האָב איכ דערהערט, אז עמיצער האָט מיכ אָנגערופנ באמ נאָמענ. דאָס האָט א קוריער מיר געבראכט ראפּאָרטנ אונ יעדיעס.

איכ בינ ארויסגעגאנגענ מיטנ קוריער אינ הויפ, קעדיי דאָרט מיט אים זיכ דורכשמועסנ; פּלוצימ דערהער איכ א שאָס. איכ האָב באשלאָסנ, אז דעמדאָזיקנ שאָס האָט געגעבנ עמיצער פונ אָטריאד, וואָס איז געשטאנענ אפנ וועג, האָב איכ עטלעכע מאָל אויסגעשריענ: „הערט אופ צו שיסנ!" אונ אָנגעהויבנ צו זידלענ יענע, וואָס שיסנ אָנ טאָלק. מיט אמאָל דערהערנ מיר נאָכ עטלעכע שאָס. פונ העס הויז זיינענ ארויס אפ דער גאס א מענטשנ צוואנציק—דרייסיק.

דאנ בינ איכ געוויר געוואָרנ, אז פונ די ארבעטער, וואָס האָבנ אימ ארומגערינגלט, איז העס אנטלאָפנ הינטערנ הויפ, ער האָט געדראָט די רויטגווארדייער מיטנ רעוואָלווער, האָבנ זיי אימ דערפאר דערשאָסנ. דאָס איז אָפּגעטאָנ געוואָרנ אזוי גיכ, אז בלויז געציילטע רויטגווארדייער זיינענ געווענ אינ קורס פונ דער געשעעניש.

איכ בינ גלייכ צוגעטראָטנ צומ אויספאָרשנ די אומשטאנדנ, בא וועלכע עס איז פאָרגעקומענ דערדאָזיקער מאָרד. איכ האָב עטלעכע טעג דורכאנאנד אויסגעפרעגט א ריי ארבעטער. די יעדיעס, וואָס איכ האָב

באקומען, זיינען געווען פול מיט ווידערשפרוכן. אייניקע האָבן געזאָגט, אז פריער האָט אויסגעשאָסן העס, און ערשט נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן צו שיסן אין אים. אנדערע האָבן געזאָגט, אז העס האָט פריער געווענדעט זיין רעוואָלווער אף די ארבעטער; דערזען דאָס, האָבן די ארבעטער פארכאפט פריער און אויסגעשאָסן אין אים.

אפן געריכט אין מאָאביט האָט העס׳ א דינסט דערציילט אזוי: „נאָכן מאָרד, ווען אלע זיינען זיך שוין פון לאנג צעגאנגען, האָט איינער זיך אומגעקערט צוריק אין הויף, האָט א קוק געטאָן אפן דערשאָסענעם און געזאָגט: „ווען דו זאָלסט ניט האָבן געשאָסן דער ערשטער, וואָלט דערצו ניט געקומען״.

צווישן די מענטשן, וואָס זיינען געווען דעמאָלט אין הויף און בא העסן אין הויז, זיינען געווען ניט נאָר ארבעטער פון די דרוזשינעס, נאָר אויך אָרטיקע איינוווינער פונעם דאָרף הויטשהען און אויך פון דער סוויווע. ווי די אָרטיקע איינוווינער האָבן דערציילט, האָט העס דער געוועזענער אָפיציר פונעם רעזערוו, זיך ארויסגעוויזן בעייסן קאַפּ־פוטש אלס אַ פארביסענער פיינט פונעם ארבעטער־קלאס. ער האָט דעריבער געהאט א גרונט זיך פארצושטעלן, אז דער צוזאמענשטויס בא אים אין הויף קאָן ברענגען צו ערנסטע רעזולטאטן.

בעייסן אינצידענט זיינען ארייַן אייניקע מענטשן ניט פון די ארבעטער־דרוזשינעס, וועלכע העס האָט געקאָנט, האָט ער אפּאָנעם, אָנגעהויבן נאָך מער צו שרעקן. די ארבעטער־דרוזשינעס האָבן זיך ניט געהאט פיר־גענומען צו שיסן העסן. דאָס האָט אויך געמוזט אָנערקענען דער געריכט.

פארן אויסעראָרדנטלעכן געריכט

דער טעדמין פון פאנאנדערקלייבן מיין איגיען איז באשטימט געוואָרן גלייך נאָכן פארענדיקן די געריכטלעכע אויספאָרשונג אזוי, אז פאר די פארטיידיקער איז קימאט ניט געבליבן קיין צייט צו באקאָנען זיך מיטן מאטעריאל. מיט גרויס אומגעדולד האָב איך ארויסגעקוקט אפן טאָג פונעם געריכט: ענדלעך וועט שוין קומען יענער מאָמענט, ווען איך וועל אופהערן צו שווייגן.

זיכערע דריי פּערטל פֿון די באַשולדיקונגען, וואָס מע האָט מיר אָנגעהאַנגען אַף דער אויספֿאָרשונג, האָבן באַדאַרפֿט אָפּפֿאַלן, דערפֿאַר ווייל איך האָב געקאָנט דערווייזן דאָס פֿאַלשע איידעס־זאָגן. מיר האָט מען געקאָנט צושרייבן נאָר דאָס, וואָס איך האָב ווירקלעך געטאָן און וואָס איך האָב אָנערקענט עפֿנטלעך מיטן פֿולן מויל: מעלוכע־פֿאַראַט, אַ מערידע, קאָנפֿיסקאַציע, דאָס נעמען אָרוועסלייט, דאָס אופֿרייסן אייזנבאַנוועגן א. א. וו. אַף אַזאַ אויפֿן בין איך געווען זיכער, אַז איך וועל נאָך לעפֿיערעך גלאַט אָפּשניידן. איך האָב אָבער געהאַלטן, אַז ס'איז מעגלעך, מע זאָל מיך פֿאַרמישפּעטן צו עטלעכע יאָר טורמע.

ערשט אַפֿן געריכט גופֿע האָב איך דערזען, אַז איך האַלט שמאָל און האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיינע פּאַרטייִדיקער זיינען געווען גאַנץ גערעכט, ווען זיי האָבן דערוואַרט אַ טויט־אורטייל, נעמענדיק אין אַכט די געשאַפֿענע פּאָגראָם־שטימונג. אַלנפֿאַלס האָבן אי די פּראָקוראַטור, אי דער געריכט אינגאַנצן גענומען זיך באַמיט אַרויסצורופֿן סינע און עקל צו מיר און צו מיינע טאַטן.

אַ קלאָרער באַווייז פֿון דעם, ווי מע האָט זיך איזדיעקעוועט איבער מיר, איז געווען שוין די האַלבאָשע, אין וועלכער מע האָט מיך געבראַכט אין זיצונג־זאַל פֿון געריכט. אַנדערע אַרעסטירטע האָט מען דערלויבט צו קומען אַפֿן געריכט אין ציווילער קליידונג, מיר אָבער האָט מען אין דעם אָפּגעזאָגט. מע האָט מיר אַפֿילע קיין שיך ניט געגעבן און געצוווּנגען מיך צו טראָגן לעדערנע פּאַנטעפֿל. קויטיקע אַרעסטאַנטישע הויזן פֿון פּראָסטער לייוונט און אַן אַרעסטאַנטישע קורטקע אָן קנעפּ און מיט אומגעלומפּערט לאַנגע אַרבל, וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען אַף אַ דרייסיק סאַנטימעטער. אָט אין אַזאַ אויסזען האָב איך באַדאַרפֿט זיך ווייזן פֿאַרן געריכט, זיין צו שאַנד און צו שפּאָט פֿאַר די איינוווינער און פֿאַר די בורזשואַזע זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן מיך אופֿגענומען מיט שפּאָט און כויזעק.

באַם געריכט־טיש איז געזעסן אויבנאָן דער פּאָרזיצער פֿונעם אויסעראָרדנטלעכן געריכט דאָקטער בראַון און פֿוןביידע זייטן זיינע מיטגלידער מאַרקוס און דאָקטער היינצע. צוליבן פֿאַרשרייבן סטענאָ־

גראפיש דעם פראָצעס איז פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי צוגעשיקט געוואָרנ דער כאווער פעליקס האלע. איבערנ געריכט־טיש איז געהאַנ־גענ אַ גרויס בילד געשריבנ אינ אייל־פארבנ פונ עפעס אַ קייסער פונ די צייטנ פונ דער „רומפולער אימפעריע".

די פראָוואָקאטערישע גענג פונעם פּראָזיצער אונ פראָקוראָר בעייסנ פראָצעס האָבנ מיכ שטארק אופגעבראכט, אונ ניט איינמאָל האָב איכ זיכ געפרווט כאפנ פונעם טיש פונ די פארטיידיקער אַ גרויסנ טינטער אונ אים ווארפנ אינעם אָנגעצאצקעוועטנ מאָנארכ אינעם וויסנ מונדיר. מיכ האָט אָבער אָפגעהאלטנ דערפונ מיינ פארטיידיקער פרענקל, וואָס האָט געהאלטנ, אַז אזא טאקטיק איז ניט צוועקמעסיק. פונ יענעם מאָ־מענט אָנ, ווענ איכ האָב דערזענ, אַז מע וויל מיר אָנהענגענ העס' מאָרד אונ אַ ריי אנדערע פאַברעכנס, וואָס איכ בינ זיי ניט באגאנגענ, האָב איכ ניט געקאָנט זיכ באציענ ערנסט צומ פראָצעס.

אָנגעהויבנ האָט זיכ דער פראָצעס, ווי געוויינלעכ, מיטנ פארעפנט־לעכנ פערזענלעכע יעדיעס וועגנ מיר. צומ באדויערנ פונ די בייגעוועזענע פאָרשטייער פונ דער בורזשואזער פרעסע, האָט דער געריכט געמוזט קאָנסטאטירנ, אַז אינ מיינ פארגאנגענהייט האָט מענ מיכ קיינ איינמאָל צומ געריכט ניט צוגעצויגנ. גלייכ נאָכדעמ האָט דער פּאָרזיצער פונ געריכט געוואָלט אריבערגיינ צו די פערזענלעכע יעדיעס וועגנ מיינע אייגענע אונ געפאָדערט פונ מיר איכ זאָל זיכ וועגנ זיי ארויסזאָגנ. איכ האָב אימ אָבער קאטעגאָריש אָפגעזאָגט. איכ האָב געמאָלדנ, אַז איכ וועל אינ קיינ פאל ניט דערלאָזנ, אַז מע זאָל רעדנ אפנ געריכט וועגנ מיינע אייגענע. דערפאר ווייל זיי האָבנ קיינ שום שייכעס ניט, ניט קיינ דירעקטע, ניט קיינ אומדירעקטע, צומ מיטל־דייטשישנ אופשטאנד. איכ האָב אויכ געמאָלדנ. אַז איכ טרעט דאָ ארויס ניט ווי אַ באשולדיקטער, נאָר ווי אַ באשולדיקער איבערנ געריכט גופע, איבער דער גאנצער בורזשואזער געזעלשאפט, אויב איכ ענטפער דעמ געריכט, טו איכ דאָס נאָר צוליב דעמ, כדי צו דערקלערנ די ארבעטער די מאָטיווג פונ מיינע טאטנ.

בעייס דער אויספאָרשונג האָב איכ געטראכט, אַז אויב איכ וועל

זיך אָפּזאָגן פון דער טאַקטיק פון שווייגן און וועל דערווייזן ווי אַזוי ס׳ווערן פאַרקריפּלט און איבערגעדרייט די פאַקטן פון מיינע איניען, וועט קיינער פון די באַשולדיקונג־איידעס ניט וואגן צו באַשטעטיקן אפן געריכט זיין פאַלש איידעס־זאָגן. איצטער איז מיר אָבער קלאָר געוואָרן, אַז די זאַך באַשטייט קלאָר ניט אין מיינע דערווידערונגען קעגן די פאַלשע איידעס. דעם געריכט איז אַלציינס, צי עמיצער וועט זאָגן גוטס פאַר מיר.

אין אַלגעמיין האָט זיך ניט איינגעגעבן צו דערשלאָגן זיך. אַז אפן געריכט זאָל אַרויסטרעטן כאָטש איין איידעס פון דער פאַרטיידיקונג. ווער ס׳האָט נאָר געזאָגט עפּעס אין מיין טויווע וועגן, האָט ער גלייך זיך געפּאַקט אַף דער באַשולדיקונג־באַנק, אַלס אַן אָנטיילנעמער אין עם אופשטאַנד. און ווען דער געוויסער קרימינאַל־קאָמיטאַר קאָפּ האָט אפן סמאַך פון זיין גרויסער דערפאַרונג זיך פרייוויליק אַרויסגערופן צו געבן אַן אָפּשאַצונג דער גוויעס־איידעס פון דער פרוי העס, וואָס האָט, ווי די אַלמאָנע פון דעם דערשאָסענעם, גערעדט אונטער דער ווירקונג פון באַזונדערע פּסיכאָלאָגישע סיבעס,—האָט דער געריכט לאַנג ניט געטראַכט און האָט דאָס אָפּגעוואָרפן; וויפל ס׳האָבן זיך ניט געפּרוווט די דריי פאַרטיידיקער אויספּלאָנטען דעם קנויל פאַלשע באַשולדיקונגען, זיינען אַלע זייערע פּרוּוון דורכגעפאַלן, איבער דער פּאָגראָם־שטימונג, וואָס האָט געהערשט אפן געריכט.

דער פּראָצעס האָט געדויערט קנאַפּע צוויי וואָכן. מיינע דריי פאַרטיידיקער האָבן ניט שטענדיק געקאָנט גלייכצייטיק בייזיין אפן געריכט; זיי איז אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך נאָך אין פיל אַנדערע פּאָליטישע פּראָצעסן. אין בערלין און אין מיטל־דייטשלאַנד זיינען געזעסן אַף די באַשולדיקונג־בענק פון די אויסעראָרדנטלעכע געריכטן פינף טויזנט פאַרטייער און אַרבעטער.

די סינע צו מיר איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. די בורושואַזע צייטונגען האָבן געדרוקט אַף אַן אָנגעזעען אָרט די רעדעס פון די באַשולדיקונג־איידעס און האָבן געשווינדלט און געגריבלט מיט בילבולים קעגן מיר.

גייענדיק אלע טאָג פֿון מיין קאַמערע אין געריכט אריין, האָב איך באַדאַרפֿט דורכגיין אַ גאַנצע ריי קאָרידאָרן און טרעפּ. אין די קאָרידאָרן זיינען געשטאַנען פֿון ביידע זייטן אַן אַ שיר טורמע־אויפֿזעערס און וואַכמייסטערס; בעת איך פֿלעג דורכגיין פֿאַרביי זיי, פֿלעג איך אָפּט כאַפּן אַ שטויס אין די זייטן. אַלע זיינען זיי געווען פֿעסט איבערצייגט, אַז מע וועט מיר אַרויסטראָגן אַ טויט־אורטייל. אָבער אפֿילו טויט־שטראָף האָט זיך זיי געדאַכט פֿאַר צו ווייך פֿאַר מיר. זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר זייער כּיבוד—לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו—צו הערבערן פֿאַר מיר די שטראָף. לויט דעם, ווי ס'האָט זיך געשטאַרקט דאָס שטויסן מיך מיט די פֿיס, האָב איך געקאָנט אורטיילן, ווי ס'ווערט פֿאַרשאַרפֿט די פּאָגראָם־שטימונג.

מיט דערדאָזיקער פֿאַנאַטישער סינע זיינען געווען פֿאַרכאַפּט ניט נאָר די בורזשואַזע קרייזן און אייִדעס, נאָר אפֿילו אייניקע אַרבעטער. איינער אַן אַרבעטער מאָרגענשטערן פֿון אייסלעבען, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אַלס אייִדעס, האָט מיר צוגעשריבן פֿאָלגנדיקע ווערטער, וואָס איך זאָל זיי האָבן געזאָגט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג: „מיר האַרגענען ניט נאָר הינט און קעץ, נאָר אויך פֿרויען און קינדער". די דאָזיקע גוויעס־אייִדעס האָט ער געגעבן אונטער אַ שווּע. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט דאָס אויסגעזויגן פֿון פֿינגער. שפּעטער מיט אַ צייט האָבן מיר מיינע כאַווייריִם דערמאָנט, אַז אויף דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג אין אייסלעבען האָב איך צום שלוס ציטירט אַזעלכע עטלעכע סטראָפֿעס:

„אונדז האָט קנעכטשאַפֿט פֿאַרדולט, און פֿאַרדולט איז אונדזער צייט. אויף טויט דערשלאָגן מיט בליי, אין הימל דער מענטש שרייט. ווי הינט אונדז שלאָגט מען, און קייט אויף פֿיס און אויף הענט איז; אונדז זאָל מען אפֿילו באַשפּייען,—מיר אָנערקענען קיין פֿענטעס. מע יאָגט אונדז, מע דריקט אונדז, אונדז פֿאַר ברויט גיט מען בליי, נאָר ווי דער צעשפּרייטער הימל, זיינען מיר איצטער נאָך פֿרייער, מיר זיינען אויך פֿריי אין די טפֿיסעס, ווי יעדער באַזונדערער איז, צייט וועט זיי אָפּווישן אַלעמען און בלייבן וועט זי מיט אונדז".

דער אַרבעטער מאָרגענשטערן האָט געבויט זיין איידעס־זאָגן אַף דער
שורע: „ווי הינט אונדז שלאָגט מען, און קייט אַף פיס און אַף הענט
איז".

בעערעך אַזאַ איידעס־זאָגן האָט אויך געגעבן דער גוטבאַזיצער באַלצע.
ער האָט אויך געשווירן, אַז איך האָב אים קלוימערשט געזאָגט: „אין
מיר ליגט אַ רויצייעך און אַ מענטש צוזאַמען; ווען איר זינגט מיר
איצט אַף דעם כאָראַל: „איך וועל זיך מיט געבעט צום קויעך פון
ליבע", וואָלט איך אַלס ענטפער דערויף געוואָרן אַ רויצייעך און אייך
איבערגעשניטן דעם האַלדז". בעת מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען פון
וועטין אין בעזענשטעדט האָט אַן אַרבעטער־אָטריאַד געצוואונגען באַל־
צען אָנצווייזן אים דעם וועג. בעת מיר זיינען געקומען אין בעזענ־
שטעדט האָבן מיר אים גענומען מיט זיך אין ראָטמייסטער נעטעס
פולוואַרק.

דער פאַרוואַלטער פונעם גוט האָט מיך געפרעגט, צי וויל איך
אופרייסן דעם שלאָס. איך האָב קיין שום גרונט ניט געהאַט דאָס צו
טאָן; ער אָבער האָט געמיינט, אַז אויס ליבע צו קורבוינעס וועל איך
געוויס אופרייסן דעם שלאָס. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איינער־
לעך זיינען מיר פרעמד צוואַנג־מיטלען, אַז בעשאַס איך וועל זיי אָנ,
לייד איך פיל מער איידער די, וואָס פילן זיך געטראָפן פון זיי, — האָט
ער לאַכלוטן ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קאָן עס געמאָלט זיין. און איך
האָב זיך ניט אָפגעזאָגט פון אַזעלכע מאָסמיטלען נאָר דערפאַר, ווייל
מיין דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן האָט מיך געבראַכט צו דער אי־
בערצייגונג, אַז קראַפט קאָן מען צעברעכן בלויז מיט קראַפט.

אין דעמדאָזיקן אינערלעכן קאַמף צווישן געפיל, פון איין זייט,
און דעם אָנערקענען די פּאָליטישע נויטווענדיקייט, פון דער צווייטער, —
האָט מען געמוזט אויסקלייבן איינס פון די ביידע: אָדער אָנווענדן
גוואַלדטאַט, אָדער זיך אָפזאָגן פון די צילן און אופגאַבעס פון פּאָלי־
טישן קאַמף. אָן גוואַלדטאַטן איז נאָך ניט פאָרגעקומען קיין איין היס־
טאָרישע איבערקערעניש, דערפאַר ווייל דער קלאַס, וואָס קומט אוף,
באַגעגנט שטענדיק אַף זיין וועג אַ פאַרביסענעם קאַמף און גוואַלד־

טאט מיצאד יענעמ קלאס, וואָס איז ביז דעמ געשטאנענ בא דער מאכט.

אָנ דער מיליטערישער נויטווענדיקייט וואָלט איכ געהאלטנ פאר א פארברעכ כאָרעוו צו מאכנ דעמדאָזיקנ פראכטפולנ שלאָס פונעמ אָנגעפרעסנעמ אונ אָנגעזויפענעמ ראָטמייסטער נעטע, א פארברעכ ניט קעגנ דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאפט, נאָר קעגנ יענע הונדערטער אונ טויזנטער קינדער, וואָס האָבנ געדארפט וווינענ אינ דערדאָזיקער פראכטפולער געביידע, נאָכדעמ, אז דער ארבעטער־קלאס וועט זיגנ.

איכ האָב פארגלייכט דעמ בלענדנדיקנ פראכט פונ דעמדאָזיקנ שלאָס מיט די שוידערלעכע בילדער פונ אָרעמקייט, וועלכע איכ האָב זיכ אָנגעזעענ אינ בערלינ אונ אינ פאָגטלאנד.

מיכ האָט ניט פארלאָזט דער געדאנק: אינ דידאָזיקע פרייע אונ ליכטיקע זאלנ וואָלטנ באדארפט ארומטאנצנ אונ ארומשפרינגענ קינדער, קינדער־יעסוימימ אונ קאליקעס, וואָס וואָלטנ ארייננגעבראכט לעבנ אונ פרייד אינ דידאָזיקע טויטע, פוסטע אונ ניטנייטיקע זאלנ.

אינ דעמדאָזיקנ זינענ האָב איכ עס טאקע געהערט מיט נעמעס פארוואלטער. איכ האָב געזאָגט באַלצענ אונ אנדערע, אז די אופרייסנ אונ די צוואנג־מיטלענ פארשאפנ מיר בעפיירעש ניט קיינ פארגעניגנ, נאָר אינעמ גאנג פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ זיינענ זיי אומפארמיידלעכ, דערפאר ווייל יעדער קאמפ באטייט גוואלדטאט, אונ ווער עס זאָגט זיכ אָפ פונ גוואלדטאט, בא וועלכע אומשטאנדנ עס זאָל ניט זיינ, דער קאָנ ביקלאל ניט באטייליקנ זיכ אינ קיינ קאמפ.

בעייסנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונ די לעצטע יאָרנ בינ איכ ניט איינמאָל באגאנגענ א ניטדערלאָזבארע נארישקייט: איכ האָב אופגעדעקט מיינע איבערלעבונגענ פאר סאָנימ אָדער פאר לאכלוסנ גלייכגילטיקע מענטשנ.

אי דער פראָקוראָר, אי דער פאָרזיצער האָבנ זיכ באמיט צו דערוויזנ מיר, אז ס'וואָלט קלאל ניט געווענ שווער צו פארווירקלעכנ די קאָמוניסטישע אידייעס, אריבערפירנ אלעמענ אינ דעמ לאגער פונ קאָמוניסטנ, אויסמיידנדיק דערביי יעטווידע גוואלדטאט.

איכ פונ מיינ זייט האָב זיכ באמיט, פארקערט, צו באווייזנ זיי אפ די איינפאכסטע ביישפילנ, אז ס׳איז לאכלוטנ אומעגלעכ צו פארווירקלעכנ די קאָמוניסטישע אידייעס אפ א פרידלעכנ אויפנ. איז דענ ניט ריכטיק, אז יענע אלע, וואָס דיקטירנ די ריכטער זייער ווילנ, שטעלנ אָפ מיט דער הילפ פונ צוואנג־מיטלענ די ליטעראַרישע, אונ אפ אזא אויפנ אויכ די פרידלעכע פראָפאגאנדע פונ אונדזערע אידייעס?! אויב איכ שטיי באמ ברעג פונ ברויזנדיקנ יאמ אונ זע ווי נאָכ א שיפ־בראָכ ראנגלענ זיכ מענטשנ מיט די כוואליעס, האלט איכ פאר מיינ כויוו זיי צו העלפנ. אונ אויב איכ אליינ האָב ניט קיינ רעטונג־שיפל אונ ארומ מיר זע איכ מענטשנ מיט אייגענע יאכטעס, וועל איכ פונ זיי פאָדערנ, זיי זאָלנ אָפגעבנ זייערע א שיפ אפ צו ראטעווענ די מענטשנ, וואָס טרינקענ זיכ. אויב אָבער זיי וועלנ זיכ ניט איילנ אונ וועלנ זאָגנ: „וואָס פאר א שייכעס האָט דאָס צו אונדז, די יאכטע איז אונדזער אייגנטומ“, איז מיינ כויוו צו נעמענ די יאכטע מיט געוואלט, קעדיי צו ראטעווענ מענטשנ פונ אומקומ.

קיינמאָל באגרענעצ איכ זיכ ניט בלויז מיטנ אָנערקענענ די נויטווענדיקייט, נאָר איכ באמי זיכ, ווי ווייט איכ קאָנ, דורכצופירנ מיינע איבערצייגונגענ אינ לעבנ. איכ פיר דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ ניט בלויז צוליב קאמפ. ס׳איז פאראנ איינ וועג צו מאכנ א סאָפ צו דעמדאָזיקנ קאמפ, וואָס ווערט געפירט אומופהערלעכ אינ דער קלאסנ־געזעלשאפט: פארניכטנ די קלאסנ דורכנ סאָציאליזמ. דער סאָציאליזמ קאָנ פארווירקלעכט ווערנ בלויז דעמאָלט, ווענ דער ארבעטער־קלאס וועט אראָפוארפנ די בורזשואזע אָרדענונג אונ איינשטעלנ א פראָלעטארישע דיקטאטור, אפ אז אויפנ איז דער רעוואָליוציאָנערער קאמפ א נייטיקער פאָרבאדינג צומ פארניכטנ דאָס פריוואט־אייגנטומ אפ פראָדוציר־מיטלענ.

די מיטגלידער פונעמ אוסעראָרדנטלעכנ געריכט האָבנ זיכ באמיט מיר צו דערווייזנ, אז מיטנ באגריפ בורזשואזיע בינ איכ אויסנ יענע אלע, וואָס באשעפטיקנ זיכ ניט מיט פיזישער ארבעט אונ קלאָר, אזא אויכ די, וואָס האלטנ ניט מיט מיינע איבערצייגונגענ. אינדערעמעסנ

אָבער האָבן די ריכטער גוט געוווּסט, אַז אין דעם באַגריף בורזשואַזיע מיינ איך יענע פּאַראַזיטן פון דער געזעלשאַפט, וואָס לעבן פון פרעמ־דער מי, אַלע ניטאַרבעטנדיקע עלעמענטן, ספּעקולאַנטן און בירזשע־וויקעס, פּויליאַקעס און פּוסטעפּאַסניקעס, יענע וואָס שרייען: „בלויז די אַרבעט וועט אונדז ראַטעווען״ און בעשאַס־מייסע טראַכטן זיי וועגן דעם, ווי לעבט מען אָפּ אַ משוגענעם טאָג.

צו דערדאָזיקער קאַטעגאָריע בורזשואַזיע האָב איך אפילו ניט צו גערעכנט די מיטגלידער פונעם אויסעראָרדנטלעכן געריכט גופא,—זיי האָב איך צוגערעכנט צו אָט יענעם שיכט קליינבורזשואַזיע, וואָס זיינען פאַר דער אונטערדריקונג פונעם אַרבעטער־קלאַס אין די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, וועמענס קנעכט זיי זיינען און וואָס צעטרעטן מיט די פיס זייערע אייגענע מענטשן־רעכט.

ס'איז פאַרשטייט זיך געווען אַן האָפענונגלאָזע זאַך צו פירן מיט די ריכטער אַ דיסקוסיע וועגן וועלטאַנשויונגען. איך האָב נאָר דערפאַר זיך געאַמפּערט מיט זיי, ווייל איך האָב געהאָפט, אַז מיינע ווערטער וועלן טרעפן פון זאַל צו די אַרבעטער. און דאָס איז געווען זייער נייטיק, דערפאַר ווייל מאַכטעס דער העצע, וואָס ס'האָט געפירט קעגן מיר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע, זיינען מיינע קאַוואָנעס אינ טאַטן פאַרקריפּלט און איבערגעדרייט געוואָרן אין די ברייטע אַרבע־טער־קרייזן.

ווען מע האָט אויפגעמישט דעם איניען וועגן העס' מאָרד, האָב איך ווידער אַמאָל זיך אָנגענומען מיט מוט. איך האָב געוווּסט, אַז די אַרבעטער, וואָס האָבן געשאָסן אין העסן זיינען גאַנץ באַוואָרנט פון געפאַר. דעריבער איז ניט נייטיק געווען צו נעמען אָפּ זיך די דאָזיקע שולד, וואָס צו איר האָב איך קיין שייכעס ניט געהאַט. מיר פּערזענ־לעך איז ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען, צי וועט דער געריכט אָדער די בורזשואַזע מיינונג מיך שטעמפּלען אַלס מערדער. אין דעם עפנטלעכן רעוואָליוציאָנערן קאַמף האָב איך שטענדיק באַדאַרפט זיין גרייט אַליין געהאַרגעט צו ווערן, אָדער צו האַרגענען דעם קלאַסן־סוינע.

איך פּערזענלעך בין איבערצייגט אין דעם, אַז אונדזער אַלעמענס

כויוו ראַרפ זיינ ניט צו דערלאָזנ אָפּרויבנ בא א מענטשנ זיינ לעבנ מיט געוואַ.ט. בלויז מיר, קאָמוניסטנ, קעמפנ ערנסט אונ קאָנסעקווענט, אָנ שום אויסנאַמען אונ פראַזעס פאַר דעם, אז אינ דער צוקונפט זאָל אינגאַנצנ פאַרניכטעט ווערנ די עקספּלואַטאַציע אונ אז מענטשנ זאָלנ ניט אומברענגענ איינער דעם אנדערנ. אָבער בא דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג וועלנ מיר קיינמאָל ניט קומענ דערצו ניט דורכ די פּאַציפיסטישע פאַנטאַזיעס, ניט דורכ די קריסטלעכע פריידיקונגענ. דאָס קאָנ מענ דערגרייכנ בלויז דעמאָלט, ווענ מיר וועלנ באַזייטיקנ די גרונט־סיבעס, וואָס שטויסנ דערצו, אז איינ מענטש זאָל פאַרניכטנ דעם צווייטנ.

נעמענדיק אָבער אנ אקטיוונ אָנטייל אינעם רעוואָלוציאָנערנ קאַמפּ, האָב איכ ניט דאָס רעכט זיכ אָפּצוזאָגנ פונ פאַרניכטנ דעם קלאַסנ־סוינע, אפּ וויפל דאָס איז אומפאַרמיידלעכ אינעם גאַנג פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אונ אויב אזוי, בינ איכ מעכויעוו אָפּנ מוידע צו זיינ, אז איכ האָב זיכ באַטייליקט אינעם מאָרד אונ קאָנ ניט אָפּטרייסלענ זיכ פונ פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

וואָלט איכ געווענ דירעקט אָדער אומדירעקט פאַרמישט אינ העס מאָרד, וואָלט איכ זיכ מוידע געווענ אינ דעם מיט דערזעלביקער אָנט־שלאָסנקייט, מיט וועלכער איכ האָב זיכ מוידע געווענ אינ אלע מיינע אנדערע טאַטנ. איכ וואָלט זיכ געקאָנט מוידע זיינ אינעם דערמאָרדנ העסנ, כאָטש כ'האָב צו דעם קיינ שייכעס ניט געהאַט, אויכ אויס דעם געפיל פונ פּראָלעטאַרישנ כויוו, קעדיי אראָפּצונעמענ די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פונ די כאַוויירים אָדער ארבעטער, וואָס זיינענ איבערגעגעבנ געוואָרנ דעם געריכט. נאָר בא די איצטיקע אומשטאַנדנ האָב איכ באַדאַרפט קעמפנ מיט דער אומגערעכטיקער באַשולדיקונג, קעדיי צו ווייזנ אפּ דעם אָנשוילעכנ ביישפּיל, ווי אזוי דער געריכט פונעם קלאַסנ־סוינע מישפּעט ארבעטער־קאָמוניסטנ. מיכ האָט מענ באַשולדיקט אינעם דערמאָרדנ א קלאַסנ־סוינע, אינ א מאָרד, וואָס צו אים האָב איכ קיינ שייכעס ניט געהאַט, אונ געטאָנ האָט מענ עס נאָר צוליב דעם, קעדיי צו באַקומענ די מעגלעכקייט ארויסצראָגנ מיר א טויט־אורטייל.

קיינער פֿונ די ריכטער האָט אפֿילע קיינ טראכט ניט געטאָנ וועגנ דעם, אז בעיס די מארט־שלאכטנ האָבנ די זיפּאָ אונ דער רייכסווער דערשאָסנ אָנצאָליקע ניטבאוואָפֿנטע ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ לאכלוטנ ניט באטייליקט אינ די דאָזיקע שלאכטנ.

אינ לעונאווערק האָט די זיפּאָ געהארגעט צוויי אונ פֿערציק ארבעטער. דיזעלביקע באשיצער פֿונ דער אָרדענונג האָבנ געהארגעט אינ שראפּלאו אינ די קאלכ־קאריערנ זעקס פּאָטערס פֿונ אזעלכע מישפּאָכעס, וואָס האָבנ לאכלוטנ קיינ שייכעס ניט געהאט צומ אופֿשטאנד, אונ צווישנ זיי אויכ דעם ארבעטער פּאָלענצ, וואָס בעיס אונדזער אָטריאד איז אריינגעטראָטנ אינ שראפּלאו איז ער שארפֿ ארויסגעטראָטנ קעגנ אונדזער באוואָפֿנטנ קאמפּ מיט דער זיפּאָ אונ רייכסווער.

א שרעקלעכער גוירל איז אויסגעפֿאלנ די צוויי ברידער גאָלדשטיינ, וועלכער איז ביז איצט נאָכ אומבאקאנט געבליבנ דער געזעלשאפֿטלעכער מיינונג. ביידע גאָלדשטיינס האָבנ זיכ באצויגנ צו פּאָליטיק לאכלוטנ גלייכגילטיק אונ קיינ שומ אָנטייל ניט גענומענ אינ די שלאָכטנ. זיי האָבנ געדינט אלס שמייסערס אינ איינעמ א גוט, אינ וועלכנ מיר האָבנ רעקוויזירט פֿורנ אפֿ איבערצופֿירנ אונדזערע דרוזשיניקעס. אפֿ די גאָלדשטיינס האָט מענ געדריקט פֿונ צוויי זייטנ. פֿונ איינ זייט האָבנ זיי געטראָגנ די פֿאראנטוואָרטלעכקייט פֿארנ באלעבאָס פֿאר דעם, אז מיט די פֿערד זאָל גאָרניט ניט געשענ, פֿונ דער צווייטער — האָבנ זיי געמוזט אריבערפֿירנ די דרוזשיניקעס אפֿ זייערע פֿורנ, ווייל די רעאלע מאכט איז דאָכ געווענ בא אונדז אינ די הענט.

אינעם שלאכט אונטער גרעבערס האָט די זיפּאָ געהאט אסאכ קאָרבאָנעס. יעדער, ווער ס'איז כאָטש וויפֿל־ניט־איז באקאנט מיט דעם איניענ מילכאָמע, וואָלט פֿארשטאנענ גאנצ קלאָר, וואָס דארפֿ פֿאָרקומענ, ווענ אנ ארבעטער־אָטריאד וועט שיסנ פֿונ קוילנווארפֿערס אינ פּראכט־אווטאָמאָבילנ, ווו די זיפּאָ שטייענ קאָפּ אפֿ קאָפּ. פֿיל פֿונ די געפֿאלענע פּאָליציאנטנ האָבנ געכאפּט צו צענדליקער קוילנ אינ פּאָנעמ. דאָס האָט געגעבנ דעם קעגנער א גרונט אויסצוטראכטנ א טעאָריע וועגנ דעם, אז די ארבעטער האָבנ אויסגעשטאָכנ די אויגנ די פֿארווונדעטע פּאָליציאנטנ.

די ברידער גאָלדשטיין האָבן זיך לאַכלוטן ניט באַטייליקט אין דעמדאָזיקן שלאַכט. מיר האָבן זיי געצוווּנגען צו פֿאָרן מיט אונדז אַסאַך שפּעטער נאָכן שלאַכט.

בעת אונדזער דורכפֿאַל אין בעזשענשטעדטער שלאַכט האָט די זיפּאָ פֿאַרכאַפּט קימאַט אַלע אונדזערע פֿערד צוזאַמען מיט די שמיר־סערס. זיינען פֿיל פּאָליציאַנטן אָנגעפֿאַלן אויף די ברידער גאָלדשטיין, זיי שרעקלעך געפּייניקט און געצוווּנגען צו אָנערקענען, אַז דאָס האָבן זיי אויסגעשטאָכן די אויגן די פֿאַרווּנדעטע פּאָליציאַנטן. ביידע ברידער האָבן שלעכט אָפּגעשניטן: איינעם האָט מען דערהאַרגעט, דער אַנדערער איז געבליבן אַ קאַליקע אויפֿן גאַנצן לעבן. אַזוי האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט מענטשן, וואָס האָבן לאַכלוטן קיין שייכעס ניט געהאַט מיטן אויפֿשטאַנד.

דער פּראָקוראָר יעגער האָט זייער געוואָלט דערווייזן, אַז איך האָב אויסגענוצט אַלס שוץ בעת דער שיסעריי די פּראַכט־אויטאָמאָבילן מיט די אָרוועסלייט. אינדערעמעסן אָבער האָב איך, לויט איינציקע גוויעס־איידעס פֿון דער באַשולדיקונג גופֿע, שטענדיק געהייסן האַלטן די פּראַכט־אויטאָמאָבילן מיט די אָרוועסלייט אויסער דער שלאַכט־ליניע. די אָרוועסלייט, ווי לעמאָשל דער בורגמייסטער פֿון זאַנגערהויזען און איינער אַ גייסטלעכער, האָבן געזאָגט אויפֿן געריכט, אַז די זיפּאָ גופֿע האָט אויפֿגעעפֿנט אַ ווילד פֿייער אויף די פּראַכט־אויטאָמאָבילן און דערביי געשאָסן פֿיל אָרוועסלייט.

אין פֿאַרלויף פֿון אַלע שלאַכטן פֿונעם 1921 יאָר האָבן די אַרבעטער געשאָסן בלויז איין מענטשן, וואָס האָט ניט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אין די שלאַכט־אָפּעראַציעס,—דאָס איז דער גוטבאַזיצער העס. דעמאָלט ווען די מאַטעריאַלן פֿון דער אָפֿיציעלער אויספֿאָרש־קאָמיסיע האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז די זיפּאָ, דער רייכסווער און די פֿרייווילִיקע האָבן געהאַרגעט צוויי און זיבעציק אַרבעטער.

דער מאָאַביטישער אויסעראָרדנטלעכער געריכט האָט איינגעפֿונען וועגן העס' אייניען, אַז דעם מאָרד זיינען די אַרבעטער באַגאַנגען ניט לויט אַ פֿאָרויסבאַשטימטער קאַוואָנע. אינעם אורטייל וועגן מיין אייניען

שפּייט בוכשטעבלעכ אזוי: „די אומשטאנדנ, וואָס בא זיי איז פאָרגעקומענ דער מאָרד אינ פּולוואַרק, זאָגנ אויכ פאר דעמ, אז ער האָט ניט געטראָגנ קיינ פאָרויסבאשטימטנ כאראקטער“.

אָבער אינ דערזועלביקער צייט האָט די פארלאמענטישע אויספאָרש־קאָמיסיע פעסטגעשטעלט, אז די צוויי אונ זיבעציק ארבעטער האָט מענ בעפיירעש נעהארגעט לויט א פאָרויסבאשטימטער קאוואָנע, דערביי האָט מענ זיי אכזאָריעסדיק געפייניקט.

בעייס די מיטל־דייטשישע שלאכטנ האָבנ די ארבעטער פארכאפּט פּאָליציאנטנ, סאָלדאטנ, פרייוויליקע אונ אָרוועסלייט פונ דער בורזשואזיע, אָבער קיינעמ פונ זיי האָט מענ ניט געשאָסנ. די ארבעטער האָבנ געלאָזט לעבנ די ניט באוואָפנטע סאָנימ. אונדז איז געווענ פריקרע צו הארגענענ ניטבאוואָפנטע געפאנגענע אָדער זיכ שלעכט באגיינ מיט זיי. זעלטנ ווענ, סיידנ בלויז אינ אויסנאמ־פאלג אונ ווענ ס׳איז געווענ באזונדערס נייטיק, פלעגנ מיר זיכ דערלויבנ צו געבנ קלעפּ די געפאנגענע אונ די אָרוועסלייט. מיר גופע איז אויסגעקומענ בלויז דריי מאָל געבנ אינ די ציינ די אָרוועסלייט.

בעייס די שלאכטנ האָבנ מיר באדארפט זיכ באוואָרענענ מיט אומבאדינגטנ אווטאָריטעט אונ אָנעמענ אלע מיטלענ, אז די באפעלקערונג זאָל זיכ אונטערוואַרפנ אונדזערע באפעלנ. די פירערס פונעמ אופשטאנד האָבנ ארויסגעלאָזט אופרופנ, אינ וועלכע זיי האָבנ געדראָט אָנצונעמענ די שטרענגסטע שטראָפנ קעגנ יענע אלע, וואָס וועלנ זיכ אקטיוו קעגנשטעלנ אונדזערע מאָסמיטלענ. אָבער, ניט געקוקט דערופ, האָבנ מיר אָפּט זיכ אָנגעשטויסנ אפּ ערנסטע ווידערשטאנדנ. אינ אזעלכע פאלנ פלעגנ מיר זיכ באגרענעצנ דערמיט, וואָס מיר האָבנ געגעבנ רעכטע עטלעכע סטוסאקעס די פארשולדיקטע, קעדיי זיי אָנשרעקנ.

בעייס די שלאכטנ אינ מיטל־דייטשלאנד האָבנ די ארבעטער ארויסגעוויזנ אויסערגעוויינלעכע הומאניטעט; ס׳פלעגט ניט זעלטנ טרעפנ, אז ווענ די פרייוויליקע אונ מיטגלידער פונעמ איינוווינערווער האָבנ געשאָסנ פונ די פענצטער אינ אונדזערע טיילנ, ווי דאָס איז געשענ אינ העד־

טשעפּעדס, העלבּרע, זאַנגערהויזען און וועטין, האָבּן די רויטאַרמייער זיך באַגרענעצט בּלויז מיט אָנצימבּלען די אָרדענונג־היטער.

איך וואָלט איצט ניט פאַרזיכערט, אַז די אַרבּעטער־רעוואָליוציאָנערן, וואָס האָבּן שוין אויסגעטראָגן אַפ זייערע פּלייצעס די אומענטשלעכקייט פון זייערע קעגנער, וועלן אין די קומענדיקע שלאַכטן אַרויסווייזן די פריערדיקע הומאַניטעט. די אַרבּעטער־רעוואָליוציאָנערן האָבּן דורכגעמאַכט אַ האַרבּע און פּיינפולע שול, ווו לערער זיינען געווען זייערע בּלוטיקע סאָנים.

אַלע שלאַכטן, אַלע געשעענישן, אָנגעהויבּן פונעם 1918־טן יאָר, האָבּן קלאָר בּאַוויזן, וועלכער פון די צוויי פיינטלעכע קלאַסן האָט אָנגעצייכנט אַפ זיין פאָן דעם לאָזונג פון מענטשלעכקייט.

ניט געקוקט דערויף, וואָס דער פּראָקוראָר יעגער האָט אין זיין רעדע געמאָלדן, אַז דער איניען פון העס' מאָרד בּלייבּט אַלץ „פאַרטונקלט און רופט אַרויס ספּייקעס", האָט ער פונדעסטוועגן געפאָדערט פאַר מיר טויט־שטראָף.

אַ מיין פאַרטיידיקער, אי איך אַליין זיינען געווען זיכער, אַז מע וועט מיר אַרויסטראָגן אַ טויט־אורטייל, און אַז מע וועט אים פאַרווירקלעכן. איך האָבּ זיך שוין צוגעוווינט צום געדאַנק וועגן מיין פאָרשטייענדיקער טויט־שטראָף און אין דעם קיין שום אויסערגעוויינלעכס ניט געזען. מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָבּ איך געווענדעט בּלויז דערצו, אַז נאָך דעם לאַנגדויערנדיקן פּיינפולן פּראָצעס זאָל איך געפינען אין זיך גענוג מוט, אַז איך זאָל בּעייסן שיסן מיך קוקן דעם טויט אין די אויגן אָן סימנען פון שרעק, — און אין דעם איז דאָך בּאַשטאַנען מיין קראַפט סיי בּעייסן פּראָצעס, סיי בּעייסן רעוואָליוציאָנערן קאַמף. מיין גאַנצ שטרעבּן און אַלע מיינע האָפענונגען זיינען געווען געווענדעט אין איין פּינטל: איך האָבּ געוואָלט, אַז מיין טויט זאָל דינען דער זאַך פון קאָמוניזם.

מיין בּאַשולדיקונג־רעדע קעגן די בּאַשולדיקער

איז אָט, ווען אַנשטאָט טויט־אורטייל, וואָס עס האָט געפאָדערט דער פּראָקוראָר, האָט מען מיך פאַרמישפּעט צו אייבּיקער טפיסע, האָבּ

איכ קיינ שפור פונ פרייד ניט געפילט. שפעטער, בעייס מיינ פיליאָריקנ זיצנ אינ טורמע, האָב איכ פיל מאָל געטראכט, אז בעסער וואָלט געווענ, איכ זאָל ווירקלעכ געווענ שיסנ העסנ,—דעמאָלט וואָלט איכ געווענ געקאָנט א שליידער טאָנ אינ פאָנעמ די מאָאביטישע ריכטער אזעלכע עטלעכע הארבע ווערטער: „יאָ, איכ האָב דערשאָסנ העסנ אונ איכ שטאָלציר דערמיט, וואָס איכ האָב באזייטיקט דעמדאָזיקנ פארבי־סענעמ פיינט פונעמ ארבעטער־קלאס. אונ פונקט ווי העס וועט געטויט ווערנ יעדער עקספלואטאטער אונ פאראזיט, וואָס וועט ארויסווייזנ אנ אקטיוונ ווידערשטאנד דעמ פראָלעטאריאט אינ זיינ קאמפ פאר באפרייונג. הערט, איר צוואקעס, ווענ דער אלמעכטיקער פראָלעטאריאט, וועלכער איז פונ דוירעס פארשקלאפט אונ געדריקט, דערפילט זיינ קראפט אונ פאלט אָנ אפ זיינע הענקער, רופט איר דאָס אָנ רעציכע? איז דאָס א רעציכע, איר פאריסייער, ווענ בעייסנ באוואָפנטנ אופשטאנד האָבנ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער געהארגעט איינעמ,—בלויז איינעמ פונ די הונדערטער טויזנטער פונ זייערע פארביסענע פיינט? רעציכע! שרייט איר. מיט שוימ אפ די ליפנ בעייס דער ארבעטער שטייט אופ צעהארגעט אונ צע־שלאָגנ קעגנ זיינ הערשער, בעייס ער רייסט פאנאנדער די קייטנ אונ איז גרייט זיכ אָפצורעכענענ מיט זיינ באלעבאָס. ניינ, די עמעסע מערדער זייט איר! איר ברענגט אומ מיליאָנענ מענטשנ אויס ווילדער טייווע נאָכ רייכטימער. אומעטומ, אפ פאבריקנ אונ שאכטעס, אינ די קאזאר־מעס אונ אפ די שלאכט־פעלדער הארגעט איר אונדז פונ דוירעס, פונ יאָרטויזנטער, אלע טאָג, אלע שאָ, באטאָג אונ באנאכט; איר ברענגט אומ די בעסטע קינדער פונ דער מענטשהייט, די האָרעפאשנע מענער, פרויענ אונ מיידלעכ, יוגנט אונ קינדער. יאָ, איר וואָלט אפילע א קינד אינ בויכ בא זיינ מוטער געהארגעט, ווענ נאָר איר זאָלט כאפנ דורכ דעמ א פארדינסט אונ פעטע דיווידענדנ.

די גרעסטע אונ מיעסטע מערדער באשיינט איר מיט ניצאָכנ־קרענצ אונ באפוצט מיט גלאנציקנ גאָלד זייערע פעטע בייכער. פונ די קלויסטערשע פעלעמערס, פונ די פראכטפולע אלטארנ פריידיקנ אייערע גאלאָכימ מיט פאלשנ פאטאָס דעמ „לוי סירצאָכ" אונ „ווער ס׳פארגיסט בלוט—דעמס

בלוט וועט פאַרגאָסנ ווערנ״, אָבער וועג ס׳דראָט אַמאָל א געפאַר אייערע פייער־קאסטעס, אייערע שטאָלענע קאמערעס אונ סײפנ, ווי ס׳ליגנ פאַרשלאָסנ די טראָפּנס בלוט אונ שווייס פונ מיליאָנענ פּראָלע־טאַריער, איבערגעאַרבעטע אינ גאָלד אונ פּאַפּירגעלט, דעמאָלט פריי־דיקנ ווידער דיזעלביקע צוואַקישע סטראַפּטשעס פונ דעמ פאַלשנ גאָט—אונ טאַקע פונ דיזעלביקע בעלעמערס אונ אלטאַרנ—אונ רופנ צו א בלוט־באָד. דעמאָלט בענטשנ די רעציכע אייערע פאַרקויפטע גאלאָ־כישע נעשאָמעס, זיי בענטשנ די ראָצכימ אונ, פאַרקערט, זיי פאַר־שעלטנ מיט טויטע קלאָלעס יענע, וואָס זאָגנ זיך אָפּ אופצוהייבנ דאָס געווער קעגנ די „סאָנימ״, קעגנ אונדזערע ברידער.

איר זאָגט, אז ווי לאַנג הימל אונ ערד וועלנ שטיינ וועלנ זײנ מילכאָמעס; איר ווילט אײנריידנ די מאסנ, אז דידאָזיקע בלוט־בעדער, דידאָזיקע רויבערישע מילכאָמעס זײנענ א שטראָף פונ גאָט, פונ יענעמ אָפּגאָט וואָס איר אַלײנ האָט אימ באשאפנ אונ געקרוינט אלס שעפער אונ פאָטער. יאָ, קאָלזמאַנ איר זייט נאָך בא דער מאכט, קאָלזמאַנ די מיליאָנענ האָרעפּאשניקעס האָבנ נאָך ניט דערפילט זייער קראַפט, קאָלזמאַנ אייך גיט זיך נאָך אײנ צו לאָזנ אינ גאַנג דאָס געווער, וואָס די ארבעטער האָבנ אויסגעשמידט מיט זייערע אויסגעהאָרעוועטע הענט, קעדיי צו באשיצנ דאָס האָב אונ גוטס, וואָס איר האָט אָנגעראַבעוועט אינ דוירעס אונ יאָרטויזנטער אונ קעדיי צו קאָנענ ווייטער רויבנ אונ גאזלענענ,—קאָלזמאַנ ס׳קומט נאָך אזוי פאָר וועט עקזיסטירנ מילכאָמע, רעציכע, געזיילע, געניייווע, אָרעמקייט אונ אכזאָריעס. קאָלזמאַנ איר זייט די באַלעבאטימ אונ אײער האַנט געוועלטיקט איבער די מיליאָנענ האָרעפּאשניקעס, וועלנ ניט אופהערנ די געשרייענ איבער רעציכעס אונ האַריגעס. אונ מיר, אונטערדריקטע אונ פאַרשקלאַפטע, יענע אלע, וואָס זײנענ היינט אופגעשטאַנענ קעגנ אייך מיט געווער אונ האַנט אונ וועמענ איר רופט אָנ דעריבער ראָצכימ,—מיר אלע האָבנ פיינט רעציכע. מיר האָבנ פיינט יעטווידער רעציכע, אפילע דאָס האַרגענענ אונדזערע קלאסנ־סאָנימ. מיר האַרגענענ אייך נאָר, קעדיי אויסצוּוּיסנ מיטנ וואָרצל די סיבע פונ יעדער האַריגע. אָבער איר האַרגעט, וויל דאָס אינ אייער

באשעפטיקונג, ווייל רעציכע און ראָצכים דאָס זיינען די זיילן פון אייער פרומאקישער אָרדענונג".

בא מיר איז אראָפּ א שטיין פון הארצן, ווען איך האָב נאָך די רעדעס פונעם פראָקוראָר און די פארטיידיקער באקומענדי מעגלעכקייט אין מיין שלוסוואָרט ווידער א שמיץ טאָן די ריכטער אין פּאָנעם מיין גרויסע פאראכטונג. איך ברענג דאָ בלויז דעם סאָף פון מיין באשולדיקונג־רעדע קעגן די ריכטער, קעגן דער גאנצער בורזשואזער אָרדענונג.

— בעייס איך בין געקומען אין מיטל־דייטשלאנד האָט נאָך קיינער פון די ארבעטער ניט געהאט קיין געווער. אין די מארט־טעג בין איך געווען אין בערלין. איך האָב געהאלטן פאר מיין רעוואָליוציאָנערן כויוו צו פאָרן אהין און מעלדן די כאווירים, אז איך בין גרייט צו דינען זיי. ווען איך בין אָנגעקומען, זיינען די אָפּעראטיווע קאָמיטעטן שוין געווען אָרגאניזירט.

לויט די באקומענע יעדיעס האָבן מיר גערעכנט, אז אלע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער וועלן ווי איין מענטש ארויסטרעטן קעגן הערזינגס פראָוואָקאציע. אָבער אין רעזולטאט פון דער פארעטערישער ארבעט, וועלכע עס האָבן געפירט די סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי און באזונדערס די אומאָפּהענגיקע סאָציאליסטישע פארטיי, האָט זיך ארויסגעוויזן פאר אומעגלעך אזא געמיינשאפטלעכע ארויסטרעטונג פונעם גאנצן פראָלעטאריאט. ערשט דעמאָלט, ווען די זיפּא איז ארייַן אין אייסלעבען און העדטשטעדט, ווען זי האָט זיך גענומען ארעסטירן און שלאָגן אייניקע כאווירים,—האָט דער פראָלעטאריאט סטיכעיש זיך גענומען פארן געווער. דאן האָט מען מיר אלס אופטראג איבערגעגעבן די שלאכט־אויפגאבעס. האָב איך אָנגעהויבן צו פירן דעם קאמף, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאר קיין שום מאָסמיטלען, און ניט דערפאר ווייל איך בין אן אָנהענגער פון גוואלדטאט, נאָר דערפאר, ווייל איך האָב פארשטאנען, אז דער פראָלעטאריאט וועט זיגן בלויז מיט דעם־דאָזיקן וועג.

מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך נאָך געגלייבט, אז די אידייע פון

קאָמוניזם, די באפרייונג פונעם פראָלעטאריאט קאָנ פארווירקלעכט ווערנ אָנ גוואלדטאט, מיטנ וועג פונ עקאָנאָמישנ קאמפ.

איצט אָבער איז פאר מיר קלאָר, אז אויב דער רעוואָליוציאָנערער פראָלעטאריאט ווענדעט אָנ גוואלדטאט, איז דאָס נאָר א קעגנווירקונג יענעמ גוואלדטאט, וועלכנ עס באנוצט דער הערשנדיקער קלאס אלס ענטפער אפנ קאמפ, וואָס דער פראָלעטאריאט פירט פאר זיינ עקזיסטענצ, אלס ענטפער אפנ פראָלעטאריאטס שטרעבנ צו באפרייונג.

אויב ס׳טרעט ארויס אצינד אפ א פארזאמלונג א קאָמוניסטישער רעדנער אונ הייבט אָנ ארויסזאָגנ זיינע אידייעס, פארפאָלגט אימ די מאכט פונ דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג מיט אלע מאָסמיטלענ, וואָס זי האָט אינ איר רשות. אָבער יעדער פרווו פונעם אונטערדריקטנ קלאס אפ אָנצווענדנ גוואלדטאט־מיטלענ ווערט גלייכ אופגענומענ אינ דער בורזשואזער געזעלשאפטלעכער מיינונג ווי א פארברעכ, ווי א פרווו צו ברעכנ דעמ געזעצ.

בלויז אפ פאפיר האָט אונדז די בורזשואזיע געשענקט די פרייהייט פונ וואָרט אונ פונ פארזאמלונגענ; פאקטיש אָבער קאָנפיסקירט מענ קאָמוניסטישע צייטונגענ אונ מע פארבאָט קאָמוניסטישע מיטינגענ,— אונ דאָס אלצ טוט מענ מיט גוואלדטאט־מיטלענ.

די ווייסע מערדער באשיצט אונ באשירעמט די אונטערגעקויפטע יוסטיצ. פאר די לעצטע צוויי יאָר האָט מענ אומגעזעצלעכ דערמאָרדעט טויזנטער ארבעטער. אָבער די בורזשואזע געריכטנ זאָגנ זיכ אָפ צו קעמפנ קעגנ דעמ. די בורזשואזיע דאָרשט נאָכנ בלוט פונ די ארבעטער־פירערס. ענטפערט מיר איצט: האָבנ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער געהארגעט כאָטש איינעמ א בורזשואזנ פירער? האָבנ זיי ווענ־ניט־איז געהארגעט כאָטש איינ קייסער, א מיניסטער אָדער א פארטיי־פירער?

אדוואָקאט בראָ. אינ דייטשלאנד—ניט.

העלצ. קיינ איינ מאָרד האָט ניט באגאנגענ דער דייטשישער רעוואָליוציאָנערער פראָלעטאריאט. אָבער וויפל פאָליטישע מאָרדנ האָט אפ איר געוויסנ די דייטשישע בורזשואזיע? וויפל לעבנס פונ אידעישע

פירערס האָט נידערטרעכטיק דערשטיקט די בורזשואזע געזועלשאַפט! איכ דערמאָנ בלויז איינציקע: ליבקנעכטנ, ראָזע ליוקסעמבורג, יאָגיכעסנ, פאאשענ, אייסנערנ, זיולטענ אויכ דעמ לעצטנ קאָרבנ — הארייסנ. קיינער פונ זיי איז ניט געפאלנ אינ אָפענעמ שלאכט; מע האָט זיי געהארגעט הינטנ־ארומ.

איר באשולדיקט מיכ אינעמ דערמאָרדנ דעמ גוטבאזיצער העס. איכ באדויער העס׳ מאָרד אויס איינפאכנ מענטשלעכנ געפיל, אָבער העסנ האָט מענ ניט געהארגעט ערגעצווו אינ א ווינקל, — ער איז געפאלנ אינ צוזאמענהאנג מיט א רעוואָליוציאָנערער ארויסטרעטונג פונ ארבעטער. אינ פאָגטלאנד איז די מאכט געווענ בא אונדז אינ די הענט, אָבער קיינ פראָקוראָר אונ קיינ ריכטער האָט פונ דעמ ניט געליטנ. אָבער דאָרט, ווו איר זייט געשטאנענ בא דער מאכט האָט מענ אינ דער שטיל, ערגעצוו אפ די הינטער־געסלעכ געהארגעט הונדערטער פראָלעטאריער. דער וועג פונעמ רייכסווער אונ דער זיפא איז אומעטומ פארגאָסנ מיט בלוט. אינ שראפלאו האָט די פאָליציי געהארגעט זעקס ניטבאוואָפנטע ארבעטער. די הארוגימ האָבנ זיכ געוואלגערט מיט דורכגעשאָסענע ברוסטנ אינ די קאלכ־קאריערנ. אינ לעונאווערק האָט די פאָליציי אכזאָריעסדיק געהארגעט זעקס אונ פערציק ארבעטער! אָבער קיינ איינ פראָקוראָר, קיינ איינ ריכטער איז אפילע אפנ זינענ ניט אופגעקומענ, אז מע דארפ אופאָדערנ דאָסדאָזיקע אומזיסטיק־פארגאָסענע בלוט.

פ אָ ר ז י צ ע ר. דאָס זיינענ אייערע פערזענלעכע באהויפטונגענ, וואָס האָבנ צומ אינינענ קיינ שייכעס ניט. איכ פארבאָט אייכ צו מאכנ ענלעכע מעלדונגענ.

ה ע ל צ: אינ העדרשטעדט האָט די פאָליציי געשאָסנ צוויי ארבעטער, איינעמ אנ ארבעטער פונ אכט אונ פופציק יאָר האָט מענ געשאָסנ אומזיסט אונ אומנישט, בעייס ער איז געגאנגענ אינ וועג. א יינגל פונ זעכצנ יאָר, וואָס האָט ניט געלאָזט מע זאָל אימ אונטערזוכנ אפ דער גאס, האָט מענ צוגעשפארט צו דער וואנט אונ אימ געשאָסנ. בעשאס ער איז געפאלנ האָט אנ אָפיצער אלס צוגאָב אימ געגעבנ דריי זעצ מיטנ שטיוול אינ פאָנעמ.

פּ אָ ר י צ ע ר. אויב איר וועט ניט אופהערן, וועל איך בא אייך אָפּנעמען דאָס וואָרט.

ה ע ל צ. איך צווייפל אפילע ניט אין דעם, אז איר קאָנט דאָס טאָן; איר ווילט מיך ניט אויסהערן, ווייל אייך לוינט עס ניט. איז ווייסט, אז דערדאָזיקער פּראָצעס האָט באוויזן, אז ניט איך בין דער באשולדיקטער, נאָר די בורזשואזע „אָרדענונג”. אלע אייערע אורטיילן זיינען געווענדעט קעגן דעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט. איר טראָגט ארויס אן אורטייל ניט מיר, נאָר זיך אליין. איך בין איבערצייגט, אז מיטן דאָזיקן פּראָצעס האָט איר געבראכט דער רעוואָליוציע מער נוצן איידער איך אין פארלויף פון מיין רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט. איך האָב געזען די גרויסע פאראכטונג צום טויט, מיט וועלכער דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאריאט איז געגאנגען אין די שלאכטן, און פונדאנען שטאמט מיין מוט אפּ אויסצוהאלטן יענע גרויסע אָנשטרענגונג, וואָס דערדאָזיקער פּראָצעס האָט ארויסגערופן. אויב איך פארליר ניט מיין מוט, זיצנדיק אין קאמערע, איז דאָס נאָר דערפאר, ווייל איך פיל אן ענגן צוזאמענבונד צווישן זיך און דעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאט. דידאָזיקע ארויסטרעטונג, וואָס איר באטראכט ווי א כוצפּע, איז אָבער בא מיר אין די אויגן א שטאָלץ, דאָס איז מיין רעוואָליוציאָנערער קלאַסן־באוווּסטזיין, דער באוווּסטזיין אז איך בין ניט איינזאם אין דעמדאָזיקן גרויסן און שווערן קאמף. אונדזער אידייע פילן מיט היינט צו טאָג מיליאָנען מענטשן, און אין דער צוקונפט וועלן זיי אויסוואקסן אין הונדערטער מיליאָנען. דידאָזיקע זיכערקייט גיט מיר קויעך און מוט איבערצוטראָגן יענעם אורטייל, וואָס איר וועט מיר אצינד ארויסטראָגן.

איך האָף, אז ווען די צייט וועט קומען וועט דער פּראָלעטאריאט אייך צושטעלן א רעכענונג פאר אלץ, וואָס איר האָט אים געטאָן. איר זאָגט, אז אייך שרעקט דאָס ווייניק. איך קאָן אייך זייער ווייניק, און איך קלייב מיך ניט אָפּלייקענען אייער פּערזענלעכן מוט. נאָר איך שטרייך אונטער, אז די בורזשואזע געזעלשאפט, וועמעס פאָרשטייער איר זייט, ציטערט בא היינטיקן טאָג פאר דעם רעוואָליוציאָנערן פּראָ־

לעטאריאט. ניט אומזיסט מישפעט איר מיכ באשיצטע מיט א באוואָפנטער קראפט. די פּאָליציי איז אייכ נייטיק צוליב דעם, איר זאָלט איינהאלטנ דעם רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט.

איכ האָב שוינ געזאָגט, אז איכ וועל ניט דערווידערנ קעגנ דער באשולדיקונג. איכ אָנערקענ ניט די באשולדיקונג פונעם פּראָקוראָר, איכ אָנערקענ ניט דעם אורטייל פונעם געריכט. די גאנצע פראגע אינטערעסירט מיכ בלויז צוליב דעם, ווייל איכ וויל, אז דער ארבעטערקלאס זאָל פארשטיינ, וואָס האָט מיכ באוויגנ צו מיינע טאטנ. איכ בינ פאראנטוואָרטלעכ פאר מיינע טאטנ מיט דעם מוט, וועלכנ עס דארפ פארמאָגנ יעדער רעוואָליוציאָנערער קעמפער. ווענ איכ זאָל אויס רעוואָליוציאָנערער נויטווענדיקייט האָבנ געשאָסנ עמעצנ אָדער ווענ איכ זאָל האָבנ געגעבנ א באפעל צו שיסנ,—וואָלט איכ געהאט דעם מוט צו אָנערקענענ דאָס.

איר וועט היינט ארויסטראָגנ מיר א טויט־אורטייל, אָבער דערמיט וועט איר נאָכ ווייניק וואָס טויטנ. איר וועט טויטנ מיינ גופ, אָבער מיינ גייסט קאָנט איר ניט טויטנ. איר „מישפּעט“ מיכ, ווי איר האָט געזאָגט. איר וועט אויסהאקנ איינ בוים, נאָר ס'וועלנ אויסוואקסנ טויזנטער העלצנ*). דידאָזיקע טויזנטער העלצנ וועלנ זיינ שטאָלענע; זיי וועלנ שוינ ניט מאכנ קיינ רעוואָליוציע מיט קאטאָוועס־קלעפּ אפּ אָנצושרעקנ דעם סוינע.

ס'וועט קומענ א צייט, ווענ דער פּראָלעטאריאט וועט שוינ ניט קאָנענ זאָגנ: „מיר קאָנענ ניט קעמפנ, מיר האָבנ ניט קיינ געווער“. מיט די הוילע הענט, מיט די פויסטנ מוז ער צעקלאפּנ דעם סוינע. קאָלזמאנ דעם הערשנדיקנ קלאס וועט זיכ נאָכ איינגעבנ צו צעטרייבנ מיט צוויידריי קוילנוואַרפער דעמאָנסטראציעס פונ צענער טויזנטער ארבעטער, וועט איר נאָכ האלטנ אינ האנט די מאכט. אָבער אינ יענעם מאָמענט, ווענ דער פּראָלעטאריאט וועט פארכאפּנ דאָס געווער אונ וועט דאָס

*) אפּ דייטש באקומט זיכ אזא וואָרטשפּיל: Hotz איז א שייט האָלצ, Hölzer באטייטנ אי שייטנ האָלצ, אי העלצנ.

פארניכטנ אָדער ער וועט דאָס ווענדנ קעגנ אייך, — דעמאָלט וועט קומענ די עכטע רעוואָליוציע! אָט פאר דערדאָזיקער רעוואָליוציע וועט איר אַלע ציטערנ אי איר, אי דער גאַנצער הערשנדיקער קלאַס!

דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומענ אינעם יאָר 1918 אינ דייטשלאַנד, איז ניט געווענ קיינ רעוואָליוציע. די דערשראָקענע מאָנארכנ האָבנ זיכ אָפגעטראָגנ, אונ די „העלדישע" הערנ עבערט *) אונ שיידעמאנ **) האָבנ זיכ ארייַנגעזעצט אינ די ליידיקע שטולנ. איכ ווייס בלויז צוויי עכטע רעוואָליוציעס — די פראנצויזישע אונ די רוסישע. די דייטשישע רעוואָליוציע וועט מיט איר אכזאָריעסדיקייט אריבערשטייגנ אלע רע־וואָליוציעס. די בורזשואזיע גופע טרייבט דעמ פראָלעטאריאט דערצו, ער זאָל ווערנ אכזאָריעסדיק. די בורזשואזיע אָפערירט לויט דעמ, ווי ס'דיקטירט איר דער קאַלטער סייכל, אונ דער פראָלעטאריאט פאָלגט נאָכ די געפילנ. אָבער צי דענ מיינט איר, אז דער פראָלעטאריאט איז ניט פעיק צו פאָליטיק. עמעס, אינ ענטפער אפ אייער אכזאָריעס קאָנ אייכ נאָכ ניט צאָלנ דער פראָלעטאריאט היינט צוזאָג מיט דערזעלביקער מאטבייע. צוליב דעמ פארמאָגט ער נאָכ צופיל געפיל. אָבער ס'וועט קומענ דער טאָג, ווענ דער פראָלעטאריאט וועט אָנהייבנ צו זוכנ נעקאָמע, אונ דעמאָלט וועט אויכ בא אימ איבערוויגנ דער קאַלטער סייכעל. איכ קוק אפ אייער היינטיקנ אורטייל, ווי אפ א עקזאמענ. אויב איר וועט מיכ באפרייענ, — פארשטייט זיכ, אז ניט איכ קוק ארויס דערופ אונ ניט איר זייט אימשטאנד דאָס צו טאָנ, — וועלנ מאָרגנדיקנ טאָג צוקומענ אינ בערלינ נאָכ פיר טויטע — דריי ריכטער אונ איינ באשול־דיקטער. אייכ וואָלט אויסגעקומענ זיכ אופהענגענ, ווייל איר וואָלט ניט געוואגט צו ווייזנ זיכ אינ די אויגנ פאר אייערע קלאסנ־כאווירימ, אונ איכ וואָלט באדארפט זיכ אופהענגענ אויס ביזאָיענ פארנ רעוואָליו־

---

*) איינער פונ די פירער פונ דער דייטשישער סאָציאל־דעמאָקראַטישער פארטיי. דער ערשטער פרעזידענט פונ דער דייטשישער רעפובליק.

**) א סאָציאל־דעמאָקראט, דער ערשטער דייטשישער קאנצלער, וואָס איז באקאנט דורכ דעמ וואָס ער האָט פארגאָסנ בלוט פונ ארבעטער.

ציאָנערנ פּראָלעטאריאט. איר קאָנט מיכ פארמישפּעטנ צו צענ אָדער צו פופצנ יאָר, אָדער צו אייביקער טפיסע, אָדער גאָר צו טויט־שטראָפ. צענ יאָר טורמע זיינענ בא מיר בעגליכנ צו א צוויי־צייכנ, פופצנ יאָר טורמע איז שוינ א באפרידיקנדיקער צייכנ און אייביקע טפיסע איז שוינ א גאנצע פיר. אויב אָבער איר וועט מיר ארויסטראָגנ א טויט־אורטייל, שטעלט איר מיר דערמיט אליינ שוינ א פינפ, און דאָס איז די בעסטע צייגעניש, וואָס איר זייט אימשטאנד מיר צו געבנ. דעמאָלט וועט איר דערווייזנ דעם רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט פונ דער גאָרער וועלט, אז אנ עכטער רעוואָליוציאָנער דארפ באשטעטיקנ מיטנ טויט זיינ קלאסעווג זעלבסט־באוווסטזיינ.

איכ וועל ניט פאָדערנ בא אייכ קיינ בורזשואזע „רעכט". קיינ „בור־זשואזע רעכט" האָב איכ קיינמאָל ניט פארמאָגט. אינ מיינ פאָרשטעלונג שטעלנ זיי פאָר די קונסט צו לעבנ אפנ כעשבנ פונ פרעמדער מי. דערצו איז געגונג א ליידיקער קאָפ, אבי א מאָנאָקל אפנ אויג און אנ אָנגעשטאָפּטער בויכ. פאר מיר עקזיסטירט בלויז די פּראָלעטארישע ווירדע, וועלכע איר קאָנט בא מיר ניט אָפּנעמענ. די פּראָלעטארישע ווירדע דאָס איז די סאָלידארישקייט פונ אלע עקספּלואטירטע,—דאָס איז דאָס קאָנענ ווייזנ אינ דער פּראקטיק, אז דו פארטיידיקסט א כאווער פונ דיינ קלאס און דו קעמפסט פאר אים.

מיט מיינ רעדנ בינ איכ, אינ טאָכ גענומענ, אויסנ ניט אייכ. איר וועט בלייבנ דאָס, וואָס איר זיינט געווענ: בורזשואזע קלאסאָווע ריכ־טער. איכ קאָנ ניט פאָדערנ פונ אייכ, אז מיינע רייד זאָלנ אפ אייכ ווירקנ. איכ ווייס, אז די בורזשואזע געזעלשאפט און איר, ווי אירע פאָרשטייער, וועלנ ניט קומענ צו אונדז אינ רעזולטאט פונ רעדעס, פּראָפּאגאנדע אָדער ביכער. אייכ דארפ מענ אוועקשטעלנ פאר דער הארטער וואָר,—ערשט דעמאָלט וועט איר אָנבייגנ די קעפ.

בעייס דער אויספאָרשונג האָט מיר דער פּראָקוראָר געזאָגט: „אויב אלע ארבעטער האלטנ ווירקלעכ מיט אייערע אידייעס, וועט אייכ באם אלגעמיינעם וואלרעכט ניט זיינ שווער איבערצונעמענ די מאכט". איכ האָב אים דערופ דערווידערט און אייכ זאָג איכ אויכ דאָסזעלביקע.

בעייס איר שטעלט ארויס אזא באווייז לאָזט איר ארויס פונ אויג די רעאלע קויכעס־פארהעלטעניש. קאָלזמאנ די שול, די קירכע, די מעלוכע אונ די פרעסע שטיצנ אינעם דייטשישנ פאָלק די אידעאָלאָגיע: „זיי אונטערטעניק דער מאכט, וואָס האָט אפ דיר צו שאפנ", אונ קאָלזמאנ זיי שטיצנ דעם אומגעלומפערטנ ליגנ, אז ס׳מוזנ עקזיסטירנ רייכע אונ אָרעמע, ווייל אזעלכע האָט זיי באשאפנ אונדזער גאָט דער האר, אונ דערפאר וועלנ די אָרעמע ארייַנ גלייך אינ גאניידנ...

פ אָ ר ז י צ ע ר. דאָס אלצ האָט צום איניענ קיינ שייכעס ניט. איר דארפט זיכ פארטיידיקנ צו דער זאכ. לויט די באשולדיקונגענ, וואָס זיינענ קעגנ אייכ ארויסגערוקט. מיר זיינענ ניט מעכויעוו אויסצוהערנ רעוואָליוציאָנערע רעדעס. אויב איר וועט ווייטער אזוי פאָרזעצנ, וועל איכ בא אייכ אָפּנעמענ דאָס וואָרט.

ה ע ל צ. מע מוז פריער פאר אלצ ארויספירנ דאָס דייטשישע פאָלק פונעם דאָזיקנ טאָעס. גראָד אייערע אורטיילנ וועלנ מיטהעלפנ דעם פראָלעטאריאט אויסצולעבנ יענע אידעאָלאָגיע, וואָס איר האָט אים אָנגעבונדנ דורכ דער שול, דער קירכע אונ דער פרעסע. מע דארפ ארויספירנ דעם דייטשישנ פראָלעטאריאט פונעם דאָזיקנ שלאָפנדיקנ צושטאנד.

פ אָ ר ז י צ ע ר. איכ נעמ אָפּ בא אייכ דאָס וואָרט (דער געריכט גייט אוועק אפ א בעראטונג).

ה ע ל צ. דאָס וואָרט קאָנט איר אָפּנעמענ בא מיר, אָבער די אידייע וועט איר ניט טויטנ.

פ אָ ר ז י צ ע ר. פירט ארויס דעם באשולדיקטנ.

ה ע ל צ. זאָל לעבנ די אלוועלטלעכע רעוואָליוציע!

מע האָט מיכ ארויסגעפירט. די פאָליציאנטנ האָבנ זיכ רעכט אינדיעקעוועט איבער מיר. אינ דריי טעג ארומ האָט מענ ווידער צוגויפגערופנ דעם געריכט, קעדיי צו מעלדנ דעם אורטייל.

דער אויסעראָרדנטלעכער געריכט האָט איינגעפונענ, אז איכ האָב באראטנ דער מעלוכע, האָב זיכ באטייליקט אינעם מאָרד, האָב געמאכט אטענטאטנ, האָב געבראָכנ דעם געזעצ וועגנ אופרייס־שטאָפנ אונ בינ

באגאנגענ פיל אנדערע פארברעכנס אונ דערפאר האָט ער מיך פארור־טיילט צו אייביקער טפיסע אונ בא מיר אָפגענומענ אלע רעכט.

איך האָב אויסגעשריענ: „ס'וועט קומענ דער טאָג פונ פרייהייט אונ כעשבונ, דעמאָלט וועלנ מיר זיינ די ריכטער! אייער גערעכטיקייט איז א פראָסטיטוטקע אונ איר (צו די ריכטער) זייט אירע סוטענערנ!"

מע האָט מיך געהארגעט־געשלאָגנ בעייס מע האָט מיך ארויסגע־שלעפט פונ זאל.

דער אזוי גערופענער אורטייל האָט באשטימט:

„טפיסע אפנ גאנצנ לעבנ".

---

2. אכט יאָר אינ די קאטאָרגע־טורמעס פונ דייטשלאנד

פונ איצטער אָנ ביסטו אנ ארעסטירטער

פריער פאר אלצ וועל איכ מיר דערלויבנ צו ברענגענ דעם סטאטוט פונ דער „טורמע־אָרדענונג״, וועלכע איכ האָב געדארפט אויסשטיינ נאָכ מיינ אָנקומענ אינ מינסטערער קאטאָרגע־טורמע. דערדאָזיקער סטאטוט וועט ריידנ אליינ פאר זיכ. די פונקטנ פונעם סטאטוט, וואָס זיינענ צו־זאמענגעשטעלט געוואָרנ נאָכ אינ די צייטנ פונעם אלטנ פרייסנ, וועלנ געבנ די מעגלעכקייט צו פארשטיינ, וואָס אזוינס איז דער עכטער באַ־גריפ פונ „קאטאָרגע־טורמע״, צו באנעמענ די גאנצע אכזאָריעס אונ די שוידערלעכקייט, וואָס ליגט דערינ. ווענ אלצ וואָלט געבליבנ אזוי, ווי ס׳האָט פארורטיילט דער ריכטער—וואָלט מיינ גאנצ לעבנ געווענ אנ אייביקע האָפנונגלאָזע פלאָג אונטער דער לאסט פונ פאָלגנדיקע סטאטוט־פונקטנ, וואָס זיינענ געשריבנ געוואָרנ אינעם 1903־טנ יאָר:

סטאטוט פונ דער קאטאָרגע־טורמע פונ מינסטער אינ וועסטפאליע

(קורצער אויסצוג)

אריינפיר

די אייזערנע גראטעס אפ דיינ פענצטער, די טיר, וואָס איז פאר־שלאָסנ אפ א שלאָס, דער קאָליר פונ דיינ האלבאָשע—דאָס אלצ דארפ דיר דערמאָנענ, אז דו האָסט פארלוירנ די פרייהייט. גאָט האָט ניט

געוואָלט לײדן, אַז דו זאָלסט אויך אַפּ װײטער מיסבּרויכן מיט איר, קעדײ צו זינדיקן און טאָן אומרעכט און ער האָט צו דיר געדופן:

„בּיז אַהער און ניט װײטער!"

די שטראָף, װעלכע עס האָט דיר געגעבּן דער ריכטער װאָס אַפּ דער ערד, שטאַמט פונעם ריכטער װאָס אין הימל, װאָס זײנע באַפעלן האָסטו געבּראָכן און װאָס זײנע געבּאָטן האָסטו אויװער געװען. דיך האָט מען אַהערצו געבּראַכט אַפּ אָפּצוקומען דײן שטראָף, און יעדער שטראָף איז בּיטער; געדענק זשע, אַז קײנער איז אין דעם ניט שולדיק נאָר דו אַלײן.

אָבּער פון דער שטראָף װעט אַרויסקומען פאַר דיר אַ טױװע, דו דאַרפסט זיך אויסלערנען צו בּאַהערשן דײנע לײדנשאַפטן, אָפּגעװײנען זיך פון שלעכטע געװוינהײטן, אַרויסװײזן האַכנאָע און ניט רעדן אַקעגן, אַכטן די געטלעכע און מענטשלעכע געזעצן, און װען דו װעסט אופ־ריכטיק טשוּװע טאָן אַפּ די זינד פון דײן פאַרגאַנגענהײט, װעסטו בּאַ־קומען קויעך פאַר אַ נײ לעבּן, װאָס װעט זײן בּאַװיליקט צו גאָט און צו לײט! בּויג זשע זיך פאַר דעם קויעך פון גאָט דעם האַר, בּויג זיך פאַרן געזעץ פון דער מעלוכע! פאָלג אויך אויס די טאַקאָנעס פון דעם־דאָזיקן הויז: דאָס, װאָס זײ בּאַפעלן, דאַרפסטו געהאָרכזאַם אויספילן. בּעסער, אַז זאָלסט זיך אונטערגעבּן פרײװיליק, אײדער מע זאָל דאַרפן מיט גװאַלט אײנבּרעכן דײן בײזן װילן. דו װעסט פילן אַ פאַרגרינגע־רונג, און ס'װעט אַפּ דיר מעקוייעם װערן די װאָרהאַפטיקײט פון פאָלגנ־דיקע עטלעכע װערטער:

„יעדער שטראָף, קאָלזמאַן זי דויערט, נעמען מיר זי אופּ ניט װי אַ פרײד, נאָר װי אַ טרויער. אָבּער דער, װאָס גײט דורך דעמדאָזיקן ניסאָיען, טוט עס אים קײנמאָל ניט בּאַנק".

אַזוי זאָל עס זײן!

§ 1. אַלגעמײנע קלאָלים פון אופירן זיך

פאַר די אַרעסטירטע איז פאַרבּאָטן אַלץ, װאָס װידערשפּרעכט די גוטע זיטן און דעם מעלוכעשן געזעץ, פריער פאַר אַלץ דאַרפן זײ זײן

געהאָרכזאַם, ערלעך, פלייסיק, אַקוראַטע, בענימעסדיקע און גיין רוי אַרום זיך.

ווייטער איז דער אַרעסטירטער מעכויעוו אין אַלע הינזיכטן זיך אונטערוואַרפן די איינגעשטעלטע טורמע־טאַקאָנעס; אַפן טורמע־פערסאָנאַל איז אַרופגעלייגט די פליכט צו האַלטן אַן אָנפּניעסדיקן אופזיכט אַפן אויספילן דידאָזיקע טאַקאָנעס, פון וועלכע זיי טאָרן ניט נאָכלאָזן אַפילע קיין האָר.

§ 2. אַמט־פּערסאָנאַל

אין באַשטאַנד פון די טורמע־אָנגעשטעלטע גייען אַריין: דער טורמע־שעף, די אינספּעקטאָרן, סעקרעטאַרן, אַן אַסיסטענט, דער טורמע־עלטסטער, דער עלטסטער אופזעער, דער וואַרשטאַט־אינספּעקטער און די אופזעערס. דער דירעקטער פליכט פון די טורמע־אופזעערס איז אַכטונג צו געבן אַף דער דיסציפּלין. כוץ די אויבנאָנגעוויזענע פּערזאָנען געהערן צו די טורמע־אָנגעשטעלטע אויך די גייסטלעכע, אַ דאָקטער און די לערערס. די אַרעסטירטע זיינען פאַרפליכטעט אַרויסצוּווייזן דערעכערעץ און געהאָרכזאַמקייט צו אַלע טורמע־באַאַמטע. אויב מע באַפעלט עפּעס אַן אַרעסטירטן אָדער מע פאַרבאָט אים, דאַרף ער ניט רעדן אַקעגן אָדער אונטערוואָרטשען, אַניט וועט ער באַקומען אַ האַרבע שטראָף. אויב ער האַלט, אַז מע האָט אים ניט יושערדיק באַהאַנדלט, קאָן ער אַף אַ געזעצלעכן אויפן בעטן דורכן אופזעער אַ זעונג מיטן שעף און דעמאָלט וועט ער פאַר אים מעלדן זיין אָנקלאַג. ווער עס קלאָגט זיך אָן אַ געהעריקן גרונט דערצו, דער טרייבט רעכילעס און לייגט; אים וועט מען באַשטראָפן!

ווען עמעצער פון די אָנגעשטעלטע גייט אַריין אין אַן איינצלקאַמערע, דאַרף דער אַרעסטירטער וואַרפן די אַרבעט, זיך אוועקשטעלן רויק און וואַרטן ביז מע וועט מיט אים אָנהייבן צו רעדן. אין אַן אַלגעמיינער קאַמערע מאַכן דורך דאָס זעלביקע אַלע אָדער באַזונדערע אַרעסטירטע לויט דער קאָמאַנדע פונעם קאַמערע־אופזעער, בעת עס רעדט מיט אים דער אַריינגעקומענער אָנגעשטעלטער.

די אָנגעשטעלטע דאַרפֿן האַלטן אַ שטרענגע דיסציפּלין צווישן די אַרעסטירטע, זיי זיינען אָבער אויך זייערע גוטע פֿריינט, טיילן מיט זיי זייערע ליידן און העלפֿן זיי מיט צו אויסבעסערן זיך.

§ .3 צווישנבאַציִונגען פֿון די אַרעסטירטע

ס'איז פֿאַרבאָטן, אַז אַרעסטירטע זאָלן זיך כאַווערן איינע מיט די אַנדערע. יעדער פּרווו פֿון אַן אַרעסטירטן אין אַן איינצל־קאַמערע צו קומען אין פֿאַרבינדונג מיט זיינע שכיינים מינדלעך, שריפֿטלעך אָדער דורך איבערקלאַפּן זיך א. א. וו. ווערט שטרענג באַשטראָפֿט.

די אַרעסטירטע פֿון די אַלגעמיינע קאַמערעס אַרבעטן שווייגנדיק, יעדער אויף זיין פּלאַץ; אָן דער דערלויבעניש פֿונעם אויפֿזעער האָט ניט דער אַרעסטירטער דאָס רעכט צו פֿאַרלאָזן זיין אַרבעט־פּלאַץ.

פֿאַר איבערגעבן עסנוואַרג אָדער פֿאַר אויסטוישן זאַכן ווערן די אַרעסטירטע שטרענג באַשטראָפֿט.

§ .4 ווי ווערן אויפֿגענומען אַרעסטירטע

...אין פֿאַל, ווען דעם אַרעסטירטנס פֿאַרמעגן איז קנאַפּ אויף אָפּצו־צאָלן פֿאַרן אויסהאַלטן אים, גייען אַריבער זיינע פּערזענלעכע געלטן, ווערטפֿולע פּאַפּירן און זאַכן, וואָס ער האָט בא זיך, אין דער טורמע־קאַסע. אין דער קאַסע ווערן ניט איבערגעגעבן אינוואַלידן־פּענסיעס, פּאָליסן פֿון סטראַכירונגען פֿון אומגליק־פֿאַלן, אַרבעטלויִן, וואָס דער אַרע־סטירטער באַקומט פֿאַר אַרבעט אין דער קאַטאָרגע־טורמע אָדער אין אַרעסט־הויז, אַ געוויינלעכער קעשעניע־זייגער (ניט קיין גאָלדענער), פֿינ־גערלעך און די קלענערע געלט־סומעס, וואָס עס ברענגען מיט זיך די ניט־פֿאַרמעגלעכע אַרעסטירטע, אָבער ניט מער ווי דריי מאַרק. יעדער פּרווו אויסצובאַהאַלטן וועלכע־ניט־איז פֿון די געבראַכטע זאַכן ווערט שטרענג באַשטראָפֿט.

§ .5 אין לאָקאַל

יעדן אַרעסטירטן זעצט מען איין פֿריִער פֿאַר אַלץ אין אַן איינצל־קאַמערע און מ'האַלט אים אַ גאַנצן טאָג אין שטרענגער איזאָליאַציע.

...דאָס זיצן אין אן איינצל־קאמערע טאָר ניט דויערן העכער דריי יאָר, אויסער יענע פאלן, ווען דער ארעסטירטער גופא דריקט אויס אזא פארלאנג.

דאָס איינזעצן אין אן איינצל־קאמערע האָט די אויפגאבע אָפּצוווינ־דערן דעם ארעסטירטן פון דער שעדלעכער ווירקונג פון די איבעריקע ארעסטירטע, שאפן פאר אים די מעגלעכקייט פאר אן ענגערער באהעפ־טונג מיט די אָנגעשטעלטע, געבן אים צייט און מעגלעכקייט צו בא־שעפטיקן זיך אין די פרייע שעהן מיט לייענען, שרייבן, צייכענען און אנדערע נוצלעכע ארבעטן, ערנסט באטראכטן זיין פארגאנגענהייט און זיך גרייטן צו א בעסערער צוקונפט. דער טורמע־שעף האָט דאָס רעכט אָפּצושאפן דעם רעזשים פון איינצל־קאמערע איידער ס'ענדיקט זיך דער געזעצלעכער דריי־יאָריקער טערמין.

דעם רעזשים פון איינצל־קאמערע שאפט מען אָפּ דעמאָלט, ווען ער שטעלט פאָר א געפאר פארן פיזישן און גייסטיקן געזונט פונעם ארעסטירטן.

דער ארעסטירטער איז פארפליכטעט אָפּהיטן זאָרגזאם דעם אינ־ווענטאר פון דער קאמערע. ס'איז פארבאָטן צו שפייען. אָדער שנייצן די נאָז אפן דיל. דאָס געפעס, וואָס אין קאמערע, דארף מען האלטן ריין און פוצן עס, אז סע זאָל גלאנצן. נאָכן אויסליידיקן די פאראשע דארף מען זי אויסשאָבן פונדרויסן און פונינווייניק...

§ 6. דאָס אויסערלעכע אויסזען פון ארעסטירטן

...דעם ארעסטירטן שערט מען אָפּ נידעריק די האָר און מע גאָלט אים אָפּ די באָרד...

§ 7. די אָרדענונג פון טאָג

אין העסקעם מיט די טאקאָנעס, הייבט זיך דער ארעסטירטער אוף גלייך נאָכן סיגנאל אפּ אופצושטיין, ער קלייבט צו דאָס בעטל, עפנט אוף דאָס פענצטער; פארמאכן דאָס האָט ער דאָס רעכט ערשט ווען ער הייבט אָן ארבעטן...

§ 8. די ארבעט

...א פלייסיקער ארבעטער באקומט א געלט־מאטאָנע; דער, וואָס פוילט זיך צו ארבעטנ, ווערט באשטראָפט.

§ 9. ארבעטלוינ אונ ווי ווערט ער אויסגעגעבנ

קעדיי צו וועקנ באם ארעסטירטנ א שטרעבונג צו ארבעטנ פלייסיק אונ אים געבנ א מעגלעכקייט זיך אומצוקערנ נאָכנ באפרייענ זיך צו אנ אָנשטענדיק לעבנ, באשטימט מענ פאר אים אנ ארבעטלוינ. דעם לוינ גיט מענ בלויז יענע ארעסטירטע, וואָס באפרידיקנ אלע פאָדערונגענ פונ דער טורמע אינ הינזיכט פונ פלייסיקייט אונ ארבעט־פראָדוקטיווקייט. וואָס געטרייער דער ארעסטירטער ארבעט אונ וואָס גרעסער זיינ ארבעט־פראָדוקטיווקייט איז, אלץ א גרעסערנ לוינ באקומט ער...

אלס אויסנאם, קאָנ מענ דערלויבנ אנ ארעסטירטנ זיך צוקויפנ שפייז־פראָדוקטנ אָבער בלויז אינ יענעם פאל, ווענ ער איז שוינ אָפגעקומענ זיינ דריי־יאָריקנ שטראָפ־טערמינ אונ ווענ זיינ ארבעטלוינ באטרעפט ניט ווייניקער פונ 30 מארק. ס'ווערט דערלויבט אויסצוגעבנ כוידעשלעכ בלויז א העלפט פונעם ארבעטלוינ, וואָס דער ארעסטירטער באקומט רעגוליער אינ מעשעכ פונ די לעצטע צוויי כאדאָשים, מיטאמאָל ניט מער פונ איינ מארק...

...אנ ארעסטירטער האָט ניט קיינ געזעצלעכע רעכט אפ ארבעטלוינ; דערדאָזיקער לוינ איז גיכער א מאטאָנע, איידער ארבעטלוינ...

§ 10. דערנערונג

די דערנערונג פונ א געזונטנ ארעסטירטנ באשטייט פונ:

אינדערפרי—א האלב ליטער קאָפע,

באטאָג—א מיטאָק פונ איינ ליטער,

אינאָוונט—דרייפערטל ליטער זופ,

אונ טאָגטעגלעכ—550 גראם ברויט.

א קליינע צאָל ארעסטירטע, וואָס באשעפטיקנ זיך מיט באזונדערס שווערער פיזישער ארבעט, אונ אויכ אזעלכע וואָס פארלירנ פונ זייער

וואָג, אָבער וואָס קאָנענ איבערקאָכנ א געוויינלעכע דיעטע, באקומענ טאָגטעגלעכ לויט א דערלויבעניש א צוגאָב־דערנערונג צו איינע פונ פאָלגנדיקע דריי ראציאָנענ:

צוגאָב 1: 150 גראם ברויט, 10 גראם פעטס אונ 1 פאָרציע קאָפע,

צוגאָב 2: 150 גראם ברויט, 20 גראם פעטס אונ 1 פאָרציע קאָפע,

צוגאָב 3: 150 גראם ברויט, 20 גראם פעטס, 1 פאָרציע קאָפע אונ 50 גראם געפרעגלטע שמאלצ.

§ 11. זעונגענ אונ בריוו

אינ העסקעם מיט די טאקאָנעס, באקומט יעדער ארעסטירטער איינמאָל אינ 3 כאדאָשים א זעונג מיט זיינע אייגענע, אינ דער אָנוועזנהייט פונ א טורמע־אָנגעשטעלטנ. דער ארעסטירטער האָט דאָס רעכט איינמאָל אינ דריי כאדאָשים באקומענ אונ אָפשיקנ איינ בריוו. די קאָרעספאָנדענצ דארפ דורכגיינ דעמ קאָנטראָל פונעמ טורמע־שעפ; ער גיט אויכ די דערלויבעניש אפ דורכשרייבנ זיכ. אלע בריוו אָנ אויסנאמ גייענ דורכ דורכ די הענט פונעמ טורמע־שעפ. די בריוו צו די ארעסטירטע דארפנ זיינ אדרעסירט צו דער אדמיניסטראציע פונ דער קאָסאָרגע־טורמע פונ מינסטער אינ וועסטפאַליע; אפנ בריוו דארפ אָנגעוויזנ ווערנ קלאָר אונ דייטלעכ דער נאָמענ פונעמ ארעסטירטנ, צו וועלכנ עס איז אדרעסירט דער בריוו.

ביטע־בריוו פונ די ארעסטירטע צו די אנטשפרעכיקע געריכט־אינסטאנציעס, מעלוכעשע פארטיידיקער אונ קאָנטראָל־אנשטאלטנ ווערנ ניט פארהאלטנ. ביטע־בריוו אפנ נאָמענ פונ אנדערע אנשטאלטנ אונ אויכ בריוו צו פריוואטע פערזאָנענ קאָנענ פארהאלטנ ווערנ, אויב זיי טראָגנ א כאראקטער פונ א באליידיקונג אָדער זיי ברענגענ מיט זיכ שעדלעכקייט. אינ פאל, אויב מע פארהאלט אנ ארעסטירטנס א ביטע־בריוו אָדער א געוויינלעכנ בריוו, גיט מענ אימ וועגנ דעמ צוויסנ, דערקלערנדיק אימ די סיבע דערפונ אונ אינ באזונדערע פאלנ באקומט ער דערפאר זיינ שטראָפ. די פארהאלטענע בריוו אונ ביטע־בריוו ווערנ צוגענייט צומ ארעסטירטנס איניענ.

אַן אַרעסטירטער האָט ניט דאָס רעכט צו פֿאַרניכטן די בריוו אָדער דאָקומענטן, וואָס ער באַקומט, אָדער צו מאַכן אַף זיי זייטיקע אויפֿשריפֿטן. די בריוו דאַרפֿן זאָרגזאַם אָפּגעהיט ווערן אין אַ ספּעציעלער פֿאַפּקע, די דאָקומענטן דאַרפֿן די אַרעסטירטע אין דריי טעג אַרום נאָכן באַקומען זיי אומקערן דעם אויפֿזעער, קעדיי צונייען זיי צום איניען.

§ 12. מאַטאָנעס

...דאָס פֿאַרטערמיניקע באַפֿרייען גייט ניט אַריין אין די רעכט פֿון דעם אַרעסטירטן, נאָר ס'איז פֿאַר אים אַ געשענקטע באַגנעדיקונג. בלויז אַ גוטע אויפֿירונג גיט נאָך ניט דאָס רעכט דעם אַרעסטירטן צו האָבן אַף פֿאַרטערמיניקער באַפֿרייונג; די אַדמיניסטראַציע באַטראַכט לעכאַטכילע אַפֿן סאַמע זאָרגזאַמען אויפֿן דאָס לעבן פֿונעם אַרעלעסטירטן ביזן פֿאַרברעכן, דעם פֿאַרברעכן גופֿע און די סוויווע, אין וועלכער ער וועט זיך אומקערן. אַף אַזאַ אויפֿן קאָן די זיך איבערצייגן, צי האָט זיך דער אַרעסטירטער אויסגעבעסערט און צי וועט אים שווין ניט ציען צו פֿאַרברעכן.

רעצידיוויסטן פֿאַרברעכערס קעגן פּריוואַט־אייגנטום קאָנען האָפֿן אַף פֿאַרטערמיניקער באַפֿרייונג בלויז אין זייער זעלטענע, אויסנאַמפֿאַלן.

אויב אַן אַרעסטירטער צייכנט זיך אויס בעיס אַ וועלכער־ניט־איז פּאַסירונג אין טורמע, ווי לעמאָשל, בעייטן דערשטיקן אַ מערידע, אָפּלעשן אַ סרייפֿע, פּאַקן אַן אַנטלאָפֿענעם אַרעסטאַנט א. א. וו., באַקומט ער אַ געלט־מאַטאָנע אין אַ סומע ביז 15 מאַרק.

§ 13. באַשטראָפֿונגען

פֿאַר שלעכטער אויפֿירונג קאָנען אַרויפֿגעלייגט ווערן פֿאָלגנדיקע דיסציפּלינאַרע באַשטראָפֿונגען:

1. אַן אויסרייד
2. דאָס אָפּנעמען באַם אַרעסטירטן די לעהאָטעס, וועלכע עס דערלויבט דער סטאַטוט פֿונעם אַנשטאַלט, און באַזונדערס דאָס רעכט אַף

זעונגען, אפ פירן קאָרעספּאָנדענץ, באנוצן זיך מיטן ארבעטלויז אין מעשעך פון דריי כאדאָשים; דער ארעסטירטער פארלירט אויך דאָס רעכט אפ ארבעטלויז אפ א טערמין פון דריי כאדאָשים.

3. אָפּנעמען באם ארעסטירטן דאָס רעכט צו לייענען ביכער און אנדערע ליטעראטור פון א וועלטלעכן אינהאלט אפ א טערמין ביז איין כוידעש.

4. אָפּנעמען בא ארעסטירטע, וואָס זיצן אין איינצל־קאמערעס, דאָס רעכט אפ ארבעט ביז א וואָך צייט.

5. אָפּנעמען דאָס רעכט אפ שפּאציר ביז א וואָך צייט.

6. אָפּנעמען דאָס בעטל ביז א וואָך צייט.

פארקלענערן דעם שפּייז־ראציאָן אינדערפרי, באטאָג און אינאָוונט אפן כעשבן פון די ווארעמע געריכטן, לאָזנדיק פארן ארעסטירטן דאָס רעכט בלויז אפ ברויט און וואסער. דער ראציאָן קאָן געמינערט ווערן נאָר א טאָג איבער א טאָג און דויערט ניט מער ווי א וואָך.

8. פענטן דעם ארעסטירטן אפ א טערמין ביז פיר וואָכן. די פענטעס קאָנען זיין אזעלכע: איינפאכע הענט־פענטעס אָדער צוגעשמידטע צו אן אייזערנעם שטאנג פון 50 סאנטימעטער די לענג; פיס־פענטעס אפ איין פוס אָדער אפביידע, אין לעצטן פאל זיינען זיי פאראייניקט מיט א קייט; איינצייטיק פענטעס אפ די הענט און אפ די פיס.

9. פארשפּארן אין אן איינצל־קאמערע. דידאָזיקע באשטראָפונג פאלט זיך פאנאנדער אפ:

א) איינפאכן ארעסט אפ א טערמין ביז 6 וואָכן אין א באזונדערער קאמערע מיט אָפּנעמען דאָס רעכט אפ ארבעט און אפ לייענען ביכער מיט א וועלטלעכן אינהאלט. די געוויינלעכע פּאָרציע פון וואַרעם געקעכטס מיטאָג־צייט און אינאָוונט ווערט פארקלענערט ביז דריי פערטל און האלבן ליטער. דעם ארעסטירטן לאָזט מען ארויס פון דער קאמערע נאָר אפ צו מאכן די נייטיקע באוועגונגען, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין סטאטוט;

ב) ארעסט פון מיטעלער שטרענגקייט אין א קארצער אפ א טערמין ביז אנדערהאלבן כאדאָשים מיט אָפּנעמען דאָס רעכט אפ ארבעט

און לייענען ביכער, מיט א הארט בעטל (הוילע ברעטער) און באגרע־נעצטער שפייז, וואָס באשטייט בלויז פון ברויט און וואסער. אפגעפערטן, אכטן, עלפטן און ווייטער יעדן דריטן טאָג ווערט דערלויבט דעם ארעסטירטן צו באנוצן זיך אין פארלויף פון מעסלעס מיט א פארגרעסערטן ראציאָן, ווי אין אָפטייל „א" און אויך מיט א מאטראַץ, א קישן און א קאָלדרע. דער ארעסטירטער פארלאָזט די קאמערע בלויז אפ צו מאכן די נייטיקע באוועגונגען, וואָס זיינען אָנגעוויזן אינעם סטאטוט;

ג) שטרענגן ארעסט אפ א טערמין ביז איין כוידעש, וואָס ווערט דורכגעפירט, ווי דער ארעסט פון מיטעלער שטרענגקייט, לויטן אָפטייל „ב" אין א פינסטערן קארצער. דער קארצער ווערט באלויכטן בלויז אין די לעהאָטע־טעג, וואָס זיינען אָנגעוויזן אויבן.

10. פיזישע באשטראָפונג ביז 50 קלעפ*)

די באשטראָפונגען פון די §§ 1 ביז 4 קאָנען ארופגעלייגט ווערן אין פארשיידענע פארבינדונגען. איינצייטיק מיטן ארעסט קאָן מען אויך אָפנעמען דאָס רעכט אפן ארבעטלוין באם ארעסטירטן, אים פענטען; דאָס פירט אויך צום אָפשאפן פארן ארעסטירטן דאָס רעכט צו באנוצן זיך מיט זיין ארבעטלוין די גאנצע צייט פון ארעסט.

וואָרן־מאָסמיטלען

עס ווערן אָנגעווענדעט אזעלכע מאָסמיטלען פון וואָרענונג בענע־גייע באזונדערע ארעסטירטע:

1. איזאָליאציע אפ א טערמין ביז דריי כאדאָשים; ווערט באשטימט אין פאל, ווען דער ארעסטירטער איז שוין אָפגעזעסן א דריי־יאָריקן טערמין אין אן איינצל־קאמערע.
2. קארצער אפ א טערמין ביז 14 טעג.

*) דידאָזיקע באשטראָפונג און איניקע אנדערע פולקאָם מיטלאלטערלעכע באשטי־מונגען האָט דער „רעגלאמענט פאר פרייסישע טורמעס" אָפגעשאפט אָפיציעל פון 1־טן אווגוסט 1923. אפ וויפל אָבער דיווירקלעכקייט שטימט ניט מיט די אָפיציעלע באשטימונגען, באווייזט מיין אייגענע דערפארונג. מ. ה.

3. אַרעסט אין קאַמערע פאַר ווילדע, בעת דער אַרעסטירטער ווייזט אַרויס סימנים פון ווילדקייט און טוט אָן שאָדנס אין דער ווירטשאַפט; ווערט געגעבן אָנטערמינ״יק ביז דער באַשולדיקטער באַרויקט זיך.

4. שמידן אין פענטעס, ווי אין § 14, פונקט 8; ווערט געגעבן פאַר א פרווו צו אַנטלויפן אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד אָדער אָנפאַלן אויף די אָנגעשטעלטע פון דער טורמע אָדער אויף אַנדערע פּערזאָנען — אויף א טערמין ביז דריי חדשים.

דאָס שמידן אין קייטן ווערט אויך אָנגעווענדעט, ווען אַן אַרעסטירטער פרווט זיך אַנטלויפן אָדער אָנפאַלן אויף דער וואַך בעת טראַנספּאָרטירן אים.

5. אַלס מאָסמיטל אויף בייצוקומען דעם אַרעסטאַנטס ווילדן ווידערשטאַנד, טוט מען אים אָן א משוגעים־העמד אויף א טערמין ביז זעקס שעה.

§ 14. די קירכע־דינסט און די שול

אין די זונטיקן און אין די יאָנטעוו־טעג ווערט אָפּגעריכט א קריסטלעכע און קאַטוילישע גאָטסדינסט... אַלע אַרעסטירטע מוזן בייזיין אויף גאָט־געבעט...

יעדן אָוונט, כוץ זונטיקן און יאָנטעוו־טעג, ריכט מען אויף דאָס אָוונט־געבעט. אינעם צענטראַלן קאָרידאָר זינגט אויף דער כאָר תּהילים, דאַן קומט דאָס שטילע אָוונט־געבעט.

אין דעררויזיקער צייט דאַרפן די אַרעסטירטע זיצן שטיל בײַ זייערע טישן אין די קאַמערעס מיטן פּנים געווענדעט צו דער טיר; פון די ערטער מעגן זיי אויפשטיין ערשט נאָך דעם, ווי ס׳ווערט געגעבן דער סיגנאַל.

בעת גאָט־געבעט און אויך אין שול דאַרפן די אַרעסטירטע זיצן גלייך און רויק. ס׳איז פאַרבאָטן צו שפּיין אין דער איינצל־קאַמערע.

פאַרלאָזנדיק די קאַמערע פאַרן אוועקגיין אין קירכע אָדער אין שול דאַרף דער אַרעסטירטער באַפרידיקן זיינע נאַטור־באַדערפענישן.

§ 15. ביבליאָטעק

איינמאָל אין וואָך באַקומט די אַרעסטירטע [illegible] א
בוך פון דער ביבליאָטעק אָפּ צו [illegible]נען אין דער פרייער צייט.

...אין באַזונדערע פאַלן קאָן דער טורמע־שעף דערלויבן דעם אַרעסטירטן זיך צו באַנוצן מיט ביכער גענומענע פון פרעמדע ביבליאָטעקעס.

§ 16. די אויפפירונג אין באַזונדערע פאַלן

...אַן אַרעסטירטער טאָר ניט אויסבאַהאַלטן זיינע קראַנקהייטן אַפילו אין יענע פאַלן, ווען אים באַוועגט דערצו דער פאַלשער געפיל פון שעמען זיך. ער טאָר אויך ניט איבערטרייבן דעם צושטאַנד פון זיין קראַנקייט אָדער סימולירן אים, פאַר סימוליאַציע באַשטראָפט מען שטרענג.

§ 17. באַפרייונג

דעם אַרעסטירטן באַפרייט מען אין דערזעלביקער שאָ, וואָס פון איר האָט ער, לויט דער באַשטימונג פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע, אָנגעהויבן אָפּצוקומען זיין שטראָף...

די אַדמיניסטראַציע דאַרף לייגן אַכט דערויף, אַז מע זאָל אַרויסלאָזן דעם אַרעסטירטן פון טורמע אין ריינער האַלבאַשע, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זיין קומענדיקער לאַגע אין דער געזעלשאַפט. אין דער ערשטער ריי ווערן דערויף אויסגעגעבן די געלטן, וואָס דער אַרעסטירטער האָט אָפּ זיין כעשבן...

אינעם טאָג, ווען דער אַרעסטירטער פאַרלאָזט די טורמע, באַקומט ער פון זיין כעשבן די נייטיקע סומע, וואָס ער דאַרף האָבן אָף וועג־הויצאָעס.

בעערעך מיט 6 וואָכן פריער, איידער ס'גייט אויס דער שטראָף־טערמין פרעגט אויס דער סעקרעטאַר דעם אַרעסטירטן געניי, וווהין וויל ער פאָרן און צי נייטיקט ער זיך אין הילף פון געזעלשאַפטלעכער פאַרזיכערונג. די זאָרג וועגן אָרגאַניזירן די נייטיקע הילף נעמען אָף זיך דער טורמע־שעף און די גייסטלעכע.

ס'ווערן צעשיקט אָנפראַגעס צו די אָרגאַנען פון געזעלשאַפטלעכער פאַרזיכערונג פון דער גאַנצער פראָווינץ וועגן דעם, צי קאָנען זיי

נעבן א מעגלעכקייט דעם ארעסטירטן זיך אפצושטיצן און באקומען ארב[illegible] בײ אז[illegible]ינגונגען, וואס זאלן אים ניט שטויסן צו א רעצידיוו. די הילף פון דער געזעלשאפטלעכער פארזיכערונג באקומט דער ארעסטירטער דורך די קירכע־ארגאנען (קירכן־ראט, אדער דורך די גײסטלעכע) און פון די ארגאנען פון דער געזעלשאפטלעכער פאר־זיכערונג גופא.

די סומע, וואס קומט דעם ארעסטירטן אלס געשאנק פון דער האכ־נאסע פון זײן ארבעטלוין גײט איבער אף די באדערפענישן פון דער געזעלשאפטלעכער פארזיכערונג. דידאזיקע סומע קאן מען ניט פארנוצן קעגן דעם ארעסטירטנס ווילן אף צו דעקן זײנע כויוועס אדער אף אפצוצאלן די סומע, וואס דער קאמונאלער ראט האט אויסגעגעבן אפן ארעסטירטן גופא אדער אף זײנע אײגענע. די געשענקטע סומע, וואס דער ארעסטירטער באקומט, גײט דעריקער אף אפצאלן די וועג־הויצאעס, וואס דער ארעסטירטער דארף מאכן ביז ער וועט קומען אפן ארט, אף קלײדונג, וווינונג, אויסהאלט, ארבעט־אינסטרומענטן און ווען ס׳איז נײטיק אפילע אף צו שטיצן זײן מישפאכע.

אויב דער ארעסטירטער גײט איבער נאכן באפרײען אים פון דער טורמע אפן אויסהאלט פון געזעלשאפטלעכער פארזיכערונג, שיקט מען אריבער די סומע, וואס איז אים געשענקט געווארן, צו די ארגאנען פון געזעלשאפטלעכער פארזיכערונג אדער דער פאליצײ־פארוואלטונג פון יענעם ארט, וווהין עס פארט דער ארעסטירטער. לויט די אײנגע־שטעלטע טאקאנעס קאן מען אנהײבן אויסברענגען דידאזיקע סומע נאר דעמאלט, ווען דער באפרײטער מעלדעט וועגן זײן אנקומען אין דער ארטיקער פאליצײ־אפטײלונג.

די גאנצע געשענקטע סומע קאן מען ארויסגעבן דעם באפרײטן נאר אין יענעם פאל, ווען זי סטײעט בלויז אף צו דעקן די וועג־הוי־צאעס און אויסהאלטן דעם ארעסטירטן בלויז עטלעכע טעג.

אויב דער ארעסטירטער זאגט זיך אפ פון פארזיכערונג־הילף, רעכנט מען אפ פון דער געשענקטער סומע די וועג־הויצאעס און די הויצאעס אף אויסהאלטן אים עטלעכע טעג, דאס איבעריקע צעטײלט

מען אפ צוויי טיילן: איינ טייל פארהאלט די טורמע־אדמיניסטראציע, דעם צווייטנ טייל שיקט מענ איבער אינ דער פאָליציי־פארוואלטונג פונ יענעם אָרט, ווהינ ס׳פאָרט דער באפרייטער, אונ דאָס געלט גייט אפ זיינע באדערפענישנ.

אויב דער באפרייטער זאָגט זיכ אָפ פונ אָנערקענענ די באפעלנ פונ אָרגאנענ פונ געזעלשאפטלעכער פארזיכערונג בענעגייע דעם אויסגעבנ די סומע, וואָס ער באקומט אַלס געשאנק, אונ אויכ אינ פאל ווענ ער דרייט זיכ אויס פונ זייער קאָנטראָל אָדער ווענ ער באגייט אזעלכע טאטנ, פאר וועלכע ער ווערט באשטראָפט, שיק מענ איבער דעם רעשט פונעם געשאנק דער פאָליציי־פארוואלטונג, דערקלערנדיק איינצייטיק די סיבע דערפונ, אונ זי זאָרגט שוינ אפ ווייטער אליינ וועגנ דעם, ווי צו פארנוצנ דאָס געלט ווי געהעריק.

אויב אָבער דער באפרייטער זאָגט זיכ אויכ אָפ צו אָנערקענענ די פאראָרדענונגענ פונ די פאָליצעישע אָרגאנענ בענעגייע דעם, ווי אויס־צוברענגענ די סומע געלט, וואָס איז אים געשענקט געוואָרנ, איז אפ וויפל זי ווערט ניט פארנוצט אפ צו שטיצנ די פאמיליע פונעם געווע־זענעם ארעסטאנט, קערט מענ אומ דעם רעשט, צוזאמענ מיט א רע־כענונג, צוריק דער טורמע־אדמיניסטראציע.

יעדער ארעסטירטער, וואָס קומט נאָר צום פארשטאנד, אז מיט דער שטראָף, וואָס אפ אים איז ארופגעלייגט, איז מענ ניט אויסנ אים אויסצושליסנ פונ דער געזעלשאפט פונ אָרנטלעכע בירגער, נאָר, פאר־קערט, אים אופשטעלנ אלס נוצלעכנ מיטגליד פונ דערדאָזיקער געזעל־שאפט,—דער וועט פרייוויליק אָנעמענ די הילפ פונ דער געזעלשאפטלע־כער פארזיכערונג, וואָס ווערט פארווירקלעכט דורכ דער קירכע אונ די באזונדערע ראטנ אונ וואָס פארגרינגערנ פאר אים דעם אומקער צו א בעקאָװעדיקנ אונ אָרנטלעכנ לעבנ.

מינסטער, אינ וועסטפאליע, 18־טנ יוני 1903 יאָר.

טורמע־שעפ **א. א פליגענשמידט.**

באוויליקט

מינסטער, אינ וועסטפאליע, 29־טנ יוני 1903 יאָר,

פרעזידענט **פאָנ העשער.**

אין פּענטעס דאָס לעצטע מאָל איבער פעלדער און וועלדער

ערשט שפּעטער בין איך געוואָרן, וואָס באַטייט דער באַגריף „אייביקע טפּיסע". אָבער בעשאַס מייסטע האָב איך זיך ניט באַצויגן טראַגיש צום אורטייל. איך בין געווען פּעסט איבערצייגט, אַז מיר וועט זיך איינגעבן צו דערווייזן דעם טעות פון דער יוסטיץ. איך האָב געוווּסט, אַז איך האָב קיין שייכעס ניט געהאַט צו העס' מאָרד. איך האָב אויך געוווּסט, אַז ניט מער באַגרינדעט איז געווען אַ גאַנצע רייע אַנדערע באַשולדיקונגען, וואָס מע האָט מיר אָנגעהאָנגען. דעריבער האָב איך געהאָפט, אַז מיר וועט זיך איינגעבן צו דערשלאָגן זיך, מע זאָל פאַרבייטן דעם אורטייל פון אייביקער צוואַנג־אַרבעט אויף אַ באַשטימטן טערמין טורמע. מיך האָט שטאַרק באַאומרויִקט די פראַגע, צי וועט מען מיך איבערלאָזן אינעם הויז פאַר דערווייליקן אַרעסט אין מאָאַביט אָדער מע וועט מיך איבערפירן אין אַ צווייטער קאַטאָרגע־טורמע.

פאַר מיר וואָלט געווען גינסטיקער, ווען איך וואָלט קאָנען בלייבן אין בערלין ביזן איבערקוקן דעם פּראָצעס. דאָ האָב איך געקאָנט ניכער איידער ערגעץ אַנדערש ווו, זיך זען מיט מיינע פאַרטיידיקער.

אָבער אויך דאָ האָב איך געהאַט אַ טעות, ווייל שוין דער ערשטער טאָג נאָכן אורטייל האָט מיר באַוויזן, אַז פון איצט אָן האָט מען בא מיר אָפּגענומען די סאַמע געוויינלעכע מענטשן־רעכט. מיין פאַרטיידיקער בראַ, וועלכער האָט מיך באַזוכט דער ערשטער, האָט געקאָנט רעדן מיט מיר בלויז אין דער אָנוועזנהייט פונעם טורמע־אויפזעער, דאַן ווען פריער האָב איך געקאָנט רעדן מיט אים אָן עמעצנס אָנוועזנהייט. דעמזעלביקן טאָג איז אין מיין קאַמערע געקומען דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר פונעם הויז פאַר דערווייליקן אַרעסט און דער אַזויגערופענער אַרבעט־אינספּעקטאָר; זיי האָבן מיר געמעלדן, אַז פון איצט אָן וועל איך ניט באַקומען ניט קיין ביכער, ניט קיין צייטונגען, און אַז איך דאַרף אַרבעטן אויף דער טורמע. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין קלעפּן פּאַפּירענע שקאַרמיצן.

איך האָב גענומען די אַרבעט צו זיך אין קאַמערע — איך האָב דאָך

נעמוזט מיט וואָס ניט איז פארפולן די צייט. טאָגטעגלעך האָב איך צען שאָ דורכאנאנד געקלעפט שקארמיצן. איך האָב געקלעפט, געקלעפט, געקלעפט,—געקלעפט אזוי לאנג, ביז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקלעפן מיינע געדאנקען; סאָפקאָלסאָף האָב איך פארשטאנען, אז דאָס איז דער אָנהייב פונעם סאָף פון מיין אינטעלעקטועל לעבן.

צען שאָ אין טאָג האָב איך געזען אין די אויגן בלויז שקארמיצן. ניט קיין בוך, ניט קיין צייטונג, ניט מיט עמעצן א וואָרט אויסצורעדן, נאָר געקלעפט און געקלעפט; מיין ארבעט פלעג איך איבעררייסן נאָר דריי מאָל אין טאָג צוליב דעם זייט מיר מויכל-„עסן", וואָס איז באַ־שטאנען פון עטלעכע לעפל זופ, וועלכער איז געווען שטענדיק איינער און דערזעלביקער. אין דעם אלעם איז באשטאנען מיין לעבן. פילן דאָס קאָן בלויז דער, וועלכער האָט דאָס אליין איבערגעלעבט. ווען איך בין שפעטער געוויר געוואָרן, אז די טורמע־אדמיניסטראציע גיט פאר דערדאָזיקער צענשאָיקער ארבעט אייגנטלעך ניט קיין ארבעט־לוין, נאָר אז זי האָט דאָס רעכט צו באלוינען פאר איר לויט ווי איר געפעלט, אז דערדאָזיקער לוין קאָן אין בעסטן פאל באטרעפן אכט פעניג א טאָג, וואָס א העלפט פון זיי גייט אפ אויסצוהאלטן דעם ארעסטאנט גופא,—איז בא מיר אָפגעפאלן יעטווידער כיישעק צו ארבעטן. איך האָב אין דער אָנוועזנהייט פונעם ארבעט־אינספעקטער איבערגעקערט דעם טיש מיט אלע שקארמיצן און דעם טאָפ מיט קלייסטער און געמאָלדן, אז איך זאָג זיך אָפ פון דערדאָזיקער ארבעט. אין רעזולטאט דערפון האָט מען אפ מיר ארופגעלייגט אן אדמיניסטראטיווע שטראָף.—איך האָב פארלאָרן דאָס רעכט אפ א בעטל און אפן טאָגטעגלעכן שפאציר.

אין מאאביט בין איך אָפגעזעסן ביזן 12־טן יולי. אין דער נאכט פונעם 13־טן אפן 14־טן יולי איז מיטאמאָל אופגעלעבט געוואָרן מיין קאמערע. דאָס איז געווען איינס א זייגער באנאכט. צו מיין בעטל זיינען צו א מענטשן צען—צוועלף.

„פארנעמט אייך, העלצ. אייך פירט מען איבער אין דער קאטאָרגע־טורמע". אפ מיין פראגע, אין וועלכער טורמע, האָט מען מיר געענטפערט, אז דאָס איז ניט מיין זאכ.

איך האָב זיך אָנגעטאָן און האַלב־שלעפעריק בין איך אַרויס פון דער קאַמערע אין דער באַגלייטונג פון אַ מענטשן צוועלף. צווישן די דאָזיקע צוועלף זייער ניט סימפּאַטישע פּערזאָנען האָב איך באַגעגנט איין מענשלעך געזיכט — דאָס איז מיין פּאַרטיידיקער בראָ. ער האָט זיך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש בייזיין בעיס מיין איבערפאָרן אין דער קאַטאָרגע־טורמע, קעדיי מע זאָל מיך ניט דערשיסן „בעיס אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן", ווי קאַרל ליבקנעכטן, ראָזע ליוקסעמבורג, יאָהיכעסן, סילבען, פּאַשען און פיל אַנדערע.

אין הויף זיינען געשטאַנען דריי אויטאָמאָבילן, לעבן זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט פיל מענטשן, אָנגעטאָנענע ציוויל, און איינער פון זיי איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז דאָס זיינען שפּיקעס. מע האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל, און איך האָב ניט באַוויזן נאָך זיך רעכט אַרומקוקן, האָט מען שוין געשמידט מיינעם אַ פוס אין אַן אייזערנער קייט פון אַ מעטער דריי די לענג, וואָס האָט געוויגן בערעך צוועלף קילאָגראַם. מיינע פּראָטעסטן האָבן צו גאָרניט ניט געבראַכט, די קייט האָט פעסט פאַרקאָוועט מיין פוס, און אַלע דריי אויטאָמאָבילן זיינען געשווינד אַוועק אין אַ ריכטונג, וואָס איז מיר לאַכלוטן געווען אומבאַקאַנט.

אין מיין אויטאָמאָביל זיינען, כוץ מיר, געזעסן מיין פּאַרטיידיקער בראָ, איינער אַ קרימינאַל־קאָמיסאַר און דער פּראָקוראָר דאָקטער יעגער, וואָס האָט געהאַט געפאָדערט פאַר מיר טויט־אורטייל. ניט לאַנג פאַרן אַרויסטראָגן דעם אורטייל האָט דערדאָזיקער באַרימטער מענטשן־פריינט געזאָגט מיין מוטער, וואָס איז געקומען צו אים נאָך אַ דערלויבעניש אָפּ אַ זעונג, אַז ער איז איבערציייגט, אַז איך האָב צו העס' מאָרד קיין שייכעס ניט. איצט האָט ער געפּרוּווט זיך צושאַרן צו מיר, קעדיי צו געווינען מיין צוטרוי. ער האָט זיך געסטאַרעט אויסטאַפּן בא מיר מיט קונציקע פראַגעס, וואָס פאַר אַ ראָליע האָבן געשפּילט אינעם מאַרט־אויפשטאַנד איינציקע אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער. קעדיי צו מאַכן מיך רעדעוודיק, האָט ער ניט געקאַרגט עטלעכע פלעשער וויין פון זיין אייגענעם קעלער און האָט זיך געפּרוּווט אָפּן ווען אין

דער קאַטאַרגע־טורמע מעכאַבעד צו זײַן מיט אים זײַן לעבעדיק באַ־גראָבענעם קאָרבן. ער האָט געלאָזט אין גאַנג אַלע סענטימענטן־פּרווּשי־עס, קעדײַ מיך אַרופצוציִען אַף אַ פרײַען געשפּרעך.

דערזען, אַז מיך ציִט ניט צום ווײַן, האָט ער מיר אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זײַן פאַמיליע האָט מיר געוויזן פאָטאָגראַפיעס פון זײַנע צוויי קינדערלעך; ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט ער זיך געפּרוּווט מיר דערווײַזן, אַז אײַגנטלעך, האָט ער מיך געראַטעוועט, אַז פון אים איז געווען אָפּהענגיק דאָס שיקן מיך אַפן עשאַפאָט. נאָכ־דעם איז אַוועק אַ גאַנג מײַסעס וועגן טויט־אורטיילן, אַף וועלכע ער האָט געמוזט בײַזײַן אַלס פּראָקוראָר. נישטאָ וואָס צו לייקענען: דער מענטש האָט נעבעך פיל איבערגעלעבט אין זײַן לעבן.

ניט קיין קליינע מי איז געווען אַרופצוּוואַרפן די אָרעמע פאַרשול־דיקטע מענטשן דעם שטריק אַפן האַלדז, פאַרציִען דעם שלייף און באַלד נאָך דעם איבערגעבן דעם שטריק אין די הענט דעם הענקער. ס'איז געווען אַ שרעק אויסצוהערן פונעם דאָזיקן קוואַליפיצירטן לעגאַלן רוצייעך די בלוטדאָרשטיק דערציילטע אײַנצלהײַטן וועגן די לעצטע שאָען פון פיל מענטשן, וועלכע ער האָט פאַרורטיילט צום טויט.

אין דער צײַט וואָס כ'האָב אויסגעהערט דידאָזיקע עקלהאַפטיקע מײַסע זײַנע, זײַנען די אויטאָמאָבילן אַרויסגעפאָרן פון בערלין און אַוועק דורך דער פּראָווינץ בראַנדענבורג אין אַ ריכטונג, וועלכע איז מיר געווען לאַכלוטן אומבאַקאַנט; מײַן פאַרטיידיקער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר זײַנען ניט ווײַט פון מאַגדעבורג.

אונטער מאַגדעבורג האָט געוואַרט אַף אונדז אַ פערטער אויטאָמאָ־ביל מיט פּאָליציאַנטן אָנגעטאָנענע ציוויל; אין זייער באַגלייטונג זײַנען אונדזערע דרײַ אויטאָמאָבילן דורכגעפאָרן מאַגדעבורג מיט זײַטיקע וועגן און אין דער שטאָט גופא ניט אַרײַנגעפאָרן. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ טאָג פאַר דעם האָט מען פון בערלין אַרויסגעשיקט אַן אויטאָמאָ־ביל, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג ביז יענער אומבאַקאַנ־טער טורמע, וווּהין מע האָט מיך געפירט, מיטן ציל צו באַשטימען דעם מאַרשרוט און די פּונקטן, וווּ צו באַזאָרגן די מאַשינעס מיט בענ־

זין. מיר האָבן געיאָגט מיט א ווילדן טעמפּ פון צוויי אזייגער באנאכט ביז נײַן אינאָווענט און האָבן פאר דערדאָזיקער צייט זיך אָפּגעשטעלט בלויז איין און איינציק מאָל, אי דאָס ניט אף לאנג. ערשט אין האמע, אין וועסטפאליע, האָט מען מיר געמאָלדן אז מע פירט מיך אין מינסטע־רער טורמע. דער פּראָקוראָר האָט געזאָגט, אז דאָס איז דאָס זיכערסטע אָרט, דערפאר ווייל אין מינסטער וווינען בלויז פרומע קאטאָליקער, אָבער ניט קיין קאָמוניסטן. ס'איז נאָך גוט, וואָס בא אזא געשווינד יאָגן זיינען ניט געווען קיין קאָרבאָנעס. מיר זיינען איבערגעפאָרן בלויז איין גאנדז, א האָן, א הון און א הונט.

עס האָט געמאכט אף מיר זייער א שווערן איינדרוק, ווען דער קליינער שווארצער הונט, וואָס איז איבערגעלאָפן דעם וועג אונדזער אווטאָמאָביל, וועלכער איז געפאָרן דער מיטלסטער — פאר אונדז און הינטער אונדז זיינען געפאָרן אווטאָמאָבילן, געפאקטע מיט פאָליציאנטן, — איז דערשטיקט געוואָרן אונטער די רעדער. איך האָב א קוק געטאָן דורכן הינטערשטן פענצטערל אפן וועג און דערזען, אז דער הונט ליגט טויט. א קליין דאָרפיש הינטל, וואָס איז ענלעך צו דעם, וואָס אונדזער אווטאָמאָביל האָט דערשטיקט, איז ארויסגעשפרונגען פון א הויף און געשטאנען הילפלאָז און טרויעריק באם טויטן קערפּער פון זיין כאווער.

פאר די אויגן האָבן שימערירט די ביי־וועגנדיקע דערפער, וועלדער, פעלדער און לאָנקעס. פיר כאדאָשים האָב איך געזען פאר זיך בלויז די הוילע טורמע־ווענט, איצט האָבן מיינע אויגן זיך אָנגעזעטיקט מיט דער שיינער נאטור, וועלכע איך האָב כאדאָשים־לאנג שוין ניט געזען.

דעמדאָזיקן טאָג האָב איך זיך געגריסט מיט דער פרייהייט און איינצייטיק זיך געזעגנט מיט איר. ווי לאנג וועט זיין פארשטעלט פאר מיר די פרייע וועלט? איך האָב געהאָפט אף זיכער, אז ניט שפעטער, ווי אין אנדערהאלבן יאָר ארום וועל איך זיך ארויסשלאָגן פון דער טורמע. און ווען בעיס מיין איצטיקער רייזע זאָל עמעצער מיר געווען פאָרויסזאָגן, אז איך וועל אָפּזיצן אין דער קאטאָרגע־טורמע גאנצע

אכט יאָר, וואָלט איכ אָנ סאָפעק קיינ לעבעדיקער אינ טורמע ניט געווענ אריינ.

ווענ ס'איז טונקל געוואָרנ, זיינענ מיר אָנגעקומענ אינ מינסטער, אינ וועסטפאַליע.

דער דירעקטער פונ דער קאַטאָרגע־טורמע מיטנ קינדערשנ געזיכט

די קאַטאָרגע הייבט זיכ אָנ

איכ קאָנ ניט איבערגעבנ מיינע געפילנ אונ איבערלעבונגענ אינ יענעמ מאָמענט, ווענ ווי פונ עפעס א פארהוילענעמ צייכנ האָט זיכ פאר אונדזערע אויטאָמאָבילנ ברייט צעעפנט דער שווערער אייזערנער טויער פונ דער טורמע. איכ האָב דערזענ פאר זיכ א טונקעלע פארכוישעכטע געביידע. די פענצטערלעכ פונעמ טורמע־קאָרפוס, וועלכער שטייט הינטער דער געביידע פונ דער פארוואלטונג, האָבנ זיכ מיר געדאכט נאָר קלענער, איידער זיי זיינענ געווענ אינ דערווירקלעכקייט.

פונ דער פארוואלטונג־געביידע זיינענ ארויסגעגאנגענ פיל מענטשנ, באאמטע אינ מונדירנ אונ אויכ אינ ציווילנ; איינער פונ זיי האָט זיכ פאָרגעשטעלט פאר די פאָליצעישע מייאָרנ אונ קאפיטאנענ, וואָס האָבנ מיכ באגלייט, אלס דער טורמע־שעפ. ביז איצט איז בא מיר געווענ א פאָרשטעלונג, אז א טורמע־שעפ מוז זיינ א גאליקער אונ פארביסענער זאָקנ, וועלכער איז שטענדיק אָנגעברויגעזט אונ זיינע אויגנ שפריצנ מיט בייזער סינע. אָבער דערדאָזיקער טורמע־שעפ האָט געהאט א קינדערש פאָנים אונ אזא קינדערשנ שמייכל, אז מיינ וויסטע שטימונג האָט זיכ גלייכ אָפגעטאָנ. עפעס איז ניט געווענ צו זענ, אז דערדאָזיקער מענטש מיטנ מילדנ שמייכל זאָל זיינ פעיק צו פייניקנ עמעצנ. מיר האָט זיכ געדאכט, אז מיט אימ וועט זיינ ניט שווער אויסצוקומענ. ער האָט אויכ צו מיר זיכ א נייג געטאָנ, עמעס, עטוואָס איינגעהאלטענער, אָבער אויכ אזוי פריינטלעכ, מיט דעמזעלביקנ אנגענעמענעמ שמייכל.

מע האָט מיכ דורכגעפירט דורכ די לאַנגע קאָרידאָרנ אינ דעמ טורמע־קאָרפּוס; איכ האָב נאָכ אַלצ נאָכגעשלעפּט הינטער זיכ די שווערע קייט. די געביידע פונ דער פאַרוואַלטונג איז געווענ אָפּגעטיילט פונעמ טורמע־קאָרפּוס מיט דרייפאַכיקע אייזערנע גראַטעס. ווענ די שווערע טיר האָט מיט א טעמפּנ קלאַפּ מיטאמאָל זיכ פאַרמאַכט הינטער מיר, האָב איכ פּלוצימ דערפילט א בליי־שווערקייט אינ מיינ גאַנצנ גופ. ס'איז געווענ צווישנ טאָג אונ נאַכט, אָבער אינ דער טורמע־געביידע איז געווענ קימאַט לאַכלוטנ פינצטער. בלויז געציילטע עטלעכע נאַפט־לעמפּעלעכ האָבנ צוגעלייכט דעמ וועג מיר אונ מיינע באַגלייטער אינ די אָנצאָליקע קאָרידאָרנ. פיר גרויסע טורמע־קאָרפּוסנ זיינענ געשטאַנענ ווי ראַדיוסנ פונ דעמ צענטראַלנ טורעמ אינ פיר ריכטונגענ.

מיר האָבנ זיכ אופגעהויבנ איבער עטלעכע אייזערנע לייטערס; אָפּנ דריטנ שטאָק האָט איינער פונ די טורמע־אָנגעשטעלטע, וואָס האָבנ מיכ באַגלייט, אופגעעפנט מיט א מאַסיוונ שליסל די טיר פונ קאַמערע אונ מיר געזאָגט, אַז זי איז באַשטימט פאַר מיר. ער האָט מיר געמאָלדנ, אַז צומ באַדויערנ איז נאָכ ניט אָנגעקומענ דער דריטער אווטאָמאָביל מיטנ קרימינאַל־קאָמיסאַר, בא וועמענ ס'געפינט זיכ דער שליסל פונ דער קייט, אינ וועלכער מיינ פוס איז געפּענטעט, אונ אַז דעריבער וועט מענ קאָנענ אַראָפּנעמענ די קייט פונעמ פוס ערשט מאָרגנ אינדערפרי. איכ האָב דערווידערט, אַז איכ בינ ניט אימשטאַנד אויסצוהאַלטנ די גאַנצע נאַכט אינ די שווערע פּענטעס, האָט מענ געבראַכט א האַמער אונ א פייל אונ מע האָט געאַרבעט העכער א האַלבע שאָ, ביז מע האָט אַראָפּגענומענ די קייט פונעמ פוס.

די אופזעערס זיינענ אוועקגעגאַנגענ, אונ איכ בינ געבליבנ אַליינ אינ מיינ קאַמערע. אינ דעמדאָזיקנ שטיינערנעמ קייווער איז געווענ פינצטער, בלויז א בלאַסער אָפּשיינ פונעמ גאַז־לאָמטערנ, וואָס איז געהאַנגענ הויכ אינ טורמע־הויפ, האָט קוימ־קוימ באַלויכטנ די ווייסע ווענט פונ מיינ קאַמערע. ס'איז קוימ געווענ צו כאַפּנ מיטנ אויג דעמ פיצינקנ הילצערנעמ טיש, איבער אימ א וואַנט־שאַפּקעלע, אינ איינ ווינקל—אַנ אייזערנ בעטל, אינ אַנדערנ—די געווייסע פּאַראַשע. דערדאָ־

זיקער צימער פֿון דריי שפּאַן די לענג, צוויי די ברייט איז געווען איינצייטיק אַ שלאָף־צימער, אַן עס־צימער און אַ קלאָזעט. אונטן, אין הויף, האָט אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק דער דערשוירנע אופֿזעער און געקלאַפּט מיט זיינע שווערע שטיוול. מער האָט מען קיין פּיפּס ניט געהערט אין דעם דערדריקער קאָלאָסאַלער געביידע, וווּ, ווי איך בין אַפּן צווייטן טאָג געוווּיר געוואָרן, עס האָבן זיך געפּלאָגט אין באַזונדערע קאַמערעס אַכט הונדערט אַרעסטירטע.

בעת די אופֿזעערס האָבן פֿאַרלאָזט מיין קאַמערע, איז מיר אַ גרויל איבערגעלאָפֿן איבערן גאַנצן לייב. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז בא מיר האָט מען אופּגעשניטן אַלע אַרטעריעס, בא מיר איז געווען אַזאַ געפֿיל, אַז אָט הערט אופֿ מיין האַרץ צו קלאַפּן. מיינע באַוווסטזיין האָבן אומופֿהערלעך געמאַטערט צוויי ווערטער: „אַפּ אייביק". אַלע מיינע פֿריערדיקע האָפֿענונגען, אַז דערדריקער גוירל מיינער איז ניט אַפּ לאַנג, זיינען דערטרונקען געוואָרן אין דער אומענדלעכער שרעק, וועלכע עס אַנטהאַלטן דידאָזיקע ווערטער.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אַפּן אייזערנעם בעטל,—איך בין געווען שרעקלעך מיד,—נאָר אַנטשלאָפֿן ווערן האָב איך ניט געקאָנט. איך האָב זיך געזעגנט צו האַלטן פֿאַרמאַכט די אויגן, קעדיי ניט צו זען די דרייפּאַכיקע, פֿירפּאַכיקע גראַטעס, וואָס האָבן געוואָרפֿן זייער געדיכטן שאָטן אַפּ דער קוים־קוים באַלויכטענער סטעליע. איך האָב פֿאַרבראַכט פֿיר כאַדאָשים אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער טורמע, בין מיר כאַדאָשים אָפּגעזעסן אין דער אַזוי־גערופֿענער „קאַמערע פֿאַר ראָצכים" אין מאָאַביט, און דאָך האָט נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרכאַפּט מיין האַרץ און מיין מויעך אַזאַ פֿיינפֿולע שרעק, ווי אין דערדאָזיקער ערשטער נאַכט פֿון מיין „טפֿיסע אַפּ אייביק". אין דעם מאָאַביטישן הויז פֿאַר דערוויליקן אַרעסט האָט די נערוועזע אָנשטרענגונג בעת דער אויספֿאָרשונג און שפּעטער דאָס אַרויסקוקן אַפֿן סאָף פֿונעם פּראָצעס ניט געלאָזט קיין צייט אַפּ איינצוטראַכטן זיך אין דעם, וואָס אַזוינס באַטייט טפֿיסע.

אין פֿאַרלויף פֿון מיין פֿיליאָריקער אומלעגאַלער אַרבעט ביז מיין אַרעסט פֿלעג איך אָפֿט רעדן מיט מיינע אייגענע און פֿריינט, אַז מיר

קאָן אויסקומען ארײנצופּאקן זיך אין די הענט פון דער פּאָליציי און זיך וואלגערן לאנג אין טורמע. די כאוויירים האָבן געהאלטן, אז פאר מיר וועט אָן סאָפעק זיין זייער שווער דאָס זיצן אין אן אײנצל־קאמערע. איך פלעג שטענדיק דערווידערן, אז דאָס זיצן אין אן אײנצל־קאמערע וועט פאר מיר ניט זיין שווער, ווייל איך בין איינער פון די, וואָס פילן זיך בעסער ווי אלץ אין אײנזאמקייט. ליגנדיק איצט אפן הארטן בעטל, מיד און גארנדיק אנטשלאָפן צו ווערן, קעדיי צו פארטרײבן די פּײנפולע געדאנקען, האָב איך מיך דערמאָנט אין דידאָזיקע געשפּרעכן מיט מײנע אײגענע און פרײנט.

אינדערפרי, גלייך נאָך דעם ווי דער שאַרפער קלינג וועקט אוף די ארעסטירטע פון שלאָף, שליסן אוף די אופזעערס די קאמערעס פון די אזוי גערופענע „קאלפאקטערס״ (אופראָמערס). דאָס זײנען ארעסטאנטן פון א העכערן ראנג, וועלכע געפינען זיך אין א פּריווילעגירטער לאגע. די קאלפאקטערס דארפן אויסקערן און וואשן די קאָרידאָרן און טרעפּ, פּוצן די טיר־שלעסער, ארויסטראָגן די פּאראשעס, צעטראָגן דאָס עסן און אוועקשטעלן בא די קאמערעס פון די אײנזאם־ארעסטירטע וואסער אפ צו טרינקען און וואשן זיך. דערפאר האָבן זיי דאָס רעכט צו פארברענגען דעם גרעסטן טייל טאָג אויסער די קאמערעס.

די קאָלפאקטערס הייבן אָן זייער ארבעט־טאָג מיט אָפּרוקן די שטאָלענע ריגלען אפ די טירן פון די קאמערעס, וואָס אפ זייער שטאָק; יעדער ריגל וועגט עטלעכע קילאָגראם. פאָרלעכוויז לויפן זיי איבער די קאָרידאָרן און בעשאסן לויפן צערוקן זיי די ריגלען מיט א שטארקן קויעך: איינער סוט מיטן פוס א שטויס דעם אונטערשטן פארוקער, דער אנדערער—מיטן פויסט—דעם אויבערשטן,—און ס'ווערט א געקלאפּעריי אפ טויב צו ווערן. מאכמעס דעם שטארקן רעזאָנאנס, וואָס אין די טורמע־לאָקאלן און די קאָרידאָרן, הילכט דאָסדאָזיקע געקלאפּעריי, ווי ס'זאָל אומופהערלעך דונערן.

און אזוי איז אלע אינדערפרי. פאר עטלעכע מינוט צייט צערוקט מען העכער טויזנט ריגלען. דאָס ווירקט זייער אפ די נערוועז: דערמאָנסט זיך, אז דו זיצט אין טורמע.

אינ יעדנ פונ די פיר טורמע־קאָרפוסנ, וואָס זיינענ צעשטעלט ווי ראדיוסנ, איז דאָ פינפ שטאָק, וואָס ווערנ אָנגערופנ „סטאנציעס". יעדער שטאָק האָט פונ פערציק ביז פופציק באזונדערע קאמערעס, וועלכע עס דארפ עפענענ איינ אופזעער.

בעיס מע עפנט אופ די קאמערע, דארפ דער ארעסטירטער האלטנ גרייט צומ ארויסשטעלנ פונ יענער זייט טיר די שווערע פאָרצעלייענע פאראשע אונ אריינעמענ אינ קאמערע די האלבאָשע, די שיכ אונ דעמ אזוי גערופענעמ „קרעדענצ", וואָס באשטייט פונ א לעפל מיט א גאָפל. אָט די אלע זאכנ ליגנ לעבנ דער טיר אפנ דיל, נעכטיקנ אינ קאמערע טאָרנ זיי ניט. קוימ איז דאָס שוינ אָפגעטאָנ, פארשליסט ווידער דער אופזעער די טיר.

דאנ הייבט מענ ווידער אָנ אופצושליסנ די קאמערעס אונ די אופזעערס גייענ ווידער ארומ אלע קאמערעס. איצט דארפ יעדער ארעסטירטער אריינעמענ אינ קאמערע די ליידיקע פאראשע אונ ארויסשטעלנ פונ יענער זייט טיר דעמ ליידיקנ וואסער־קרוג. נאָכדעמ הייבט זיכ ווידער אָנ דיזעלביקע פיינפולע פראָצעדור פונ אופשליסנ אונ פארשליסנ די קאמערעס. צוזאמענ מיטנ קרוג וואסער נעמט אריינ דער ארעסטאנט אינ קאמערע אויכ דעמ אזוי גערופענעמ „פרישטיק". צוויי קאלפאקטערס, וואָס האָבנ נאָר וואָס ארויסגעטראָגנ די איפעשדיקע פאראשעס אונ האָבנ זיי ווי ניט איז אויסגערייניקט, שלעפנ איצט ארומ איבערנ קאָרידאָר א גרויסנ בלעכענעמ קעסל פונ א מעטער זעכציק, וואָס איז פול מיט עפעס אנ אומבאשטימט אונ שלעכט שמעקנדיק געמויזעכטס, וואָס טראָגט דעמ ניטפארדינטנ נאָמענ „קאָפע". א דריטער טראָגט אפנ האלדז, אָנגעטאָנ אפ א רימענ א גרויסנ קאָרב מיט ריפטלעכ ברויט, אונ מע טיילט ארויס די ארעסטירטע דעמדאָזיקנ, זייט מויכל, „פרישטיק": יעדנ גיט מענ א שטיק ברויט גרויס ווי א דאָלאָניע אונ א קוואָרט ציקאָריע—אומריינע וואסער.

דעמ צווייטנ אינדערפרי נאָכ מיינ אָנקומענ אינ דער מינסטערער טורמע אונ נאָכ מיינ ערשטנ פרישטיק קומט אריינ צו מיר אינ קאמערע דער אזויגערופענער „טורמע־סטאראָסטע". אזוי רופט מענ דעמ

טשינאָווניק, וואָס פאַרוואַלטעט מיט דער ארעסטאַנטישער האַלבאָשע און גיט אכטונג נאָכן וואַשן דאָס וועש. דער „טורמע־סטאַראָסטע" האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם צעכהויז, ווו ס'האָט זיך שטאַרק געפילט דער רייעך פון קאַנפער. איך האָב זיך באַדאַרפט אויסטאָן נאַקעט. אַנשטאָט דער אַרעסטאַנטישער האַלבאָשע, וואָס איך האָב געבראַכט פון דער מאָאַביטישער טורמע האָט מען מיר אַרויסגעגעבן אַ ברוינעם אַרעסטאַנטישן מאַלבעש פון דער קאַטאָרגע־טורמע. טכילעס האָט מען מיך אַרומגעטאַפּט, צי האָב איך ניט קיין צעטעלעך, זעגעלעך און אַנדערע פאַרבאָטענע זאַכן וואָס קאָנען ברענגען צו אַ געפאַר; ערשט נאָך דעם אַלעם האָט מען מיר דערלויבט זיך אָנצוטאָן. זייער געוויסנהאַפטיק האָבן זיי דורכגעקוקט און דורכגעטאַפּט די הינטערשטע עפענונג, די געשלעכט־אָרגאַנען און די פיאַטעס; דידאָזיקע פּראָצעדור, וועלכע איז אַ באַליידיקונג פאַר אַ מענטשן, האָט מען זייער זאָרגזאַם דורכגעמאַכט.

מע האָט נאָך ניט באַוויזן מיך אָפּצופירן אין אַ נייעם אַרעסטאַנטישן מאַלבעש צוריק אין קאַמערע, איז שוין געקומען נאָך מיר אַ צווייטער אויפזעער און מיך אַוועקגעפירט, לויט דעם ווי ס'האָט געפאָדערט דער טורמע־סטאַטוט, צום טורמע־דאָקטער.

בא דער טיר פונעם לאָקאַל, ווו דער דאָקטער האָט באַטראַכט די אַרעסטירטע, זיינען געשטאַנען אַ מענטשן צוואַנציק, צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען, ווי איך, געקומען ערשט נעכטן. מע האָט געגעבן אַ באַפעל אַלע אַרעסטירטע, און בעטויכאָם אויך מיר, זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט. דערביי האָט מען שטרענג פאַרבאָטן אַראָפּלאָזן די אויגן פון דער וואַנט אָדער זיך איבערוואַרפן מיט אַ וואָרט מיט אַ שכן, וואָס איז געשטאַנען ווייטער מיט פינף שפאַן.

דער מעדיצינישער קאָנטראָל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער דאָקטער האָט מיך געפרעגט, צי בין איך ניט קראַנק; ער האָט מיר אפילו קיין צייט ניט געגעבן אַן אָפּצוענטפערן און פאַרגעזעצט מיטן סאַניטאַר דעם געשפרעך, וועלכן ער האָט אַפּ אַ ווײַלע איבערגעריסן,

איכ האָב קוים באַוויזנ אויסצורייידנ א וואָרט, האָט מענ מיכ שוינ ארויסגעפעקלט אינ קאָרידאָר, ווו ס'האָט מיכ באַגעגנט דער אופזועער אונ אָפּגעפירט צוריק אינ קאַמערע. אפנ וועג האָט ער מיר געזאָגט, איכ זאָל זיכ צוגרייטנ, ווייל מיכ פאָדערט צו זיכ דער טורמע־שעפ.

אינ עטלעכע מינוט ארום בינ איכ שוינ געווענ אינ קאבינעט באַם שעפ, דעמדאָזיקנ מענטשנ,—דער עלטסטער אינ טורמע—וועלכער האָט נעכטנ אינאָוונט געמאַכט אפ מיר אזא גוטנ איינדרוק מיט זיינ פריינטלעכ גריסנ זיכ. ווי ער אליינ האָט מיר דערציילט, איז ער פריער געווענ א פראָקוראָר אונ בעיס דער מילכאָמע אנ ארטילעריע־אָפיציר. ער האָט געפונענ פאר זיינ כיוו צו מאכנ מיר א ריי נאָטאציעס. אויב איכ וועל זיכ גוט פירנ, ארבעטנ פלייסיק, פאָלגנ, וועט ניט זיינ פאר מיר שטארק שווער דאָס טורמע־לעבנ,—עטלעכע ארעסטירטע זיצנ שוינ דאָ צו צוואנציק יאָר אונ מער אונ פילנ זיכ דאָ גאנצ גוט. אויב איכ וועל זיכ גוט פירנ, קאָנ איכ אינ א פופצנ יאָר ארום האָפנ אפ באגנעדיקונג. דער אופנעם באַם טורמע־שעפ האָט אויכ זייער ווייניק געדויערט; מיינ ענטפער האָט אימ ניט אינטערעסירט, ער האָט אָפּגעזאָגט איינע נאָכ דער אנדערער די איינגעכאזוערטע פראזעס, אונ איכ האָב מיכ ניט באַוויזנ אומצוקוקנ, ווי מע האָט מיכ, ווי דאָס איז אָקאָרשט געווענ באַם דאָקטער, ארויסגעשטעלט אינ קאָרידאָר.

אינ מיינ קאמערע האָט שוינ געווארט אפ מיר דער ארבעט־אינספעקטער, וואָס האָט מיכ באַדארפט אריינפירנ אינ קורס פונ דער צוואנג־ארבעט. ער האָט פאר מיר אויסגערעכנט א ריי ארבעטנ: מאכנ שקארמיצנ, צופנ קאָנאָפּליע, אויסארבעטנ מעטאלישע קנעפ אונ טשוועקעס; מע האָט מיר אָבער אויכ געגעבנ די מעגלעכקייט זיכ אויסלערנענ א וועלכע־ניט־איז מעלאָכע,—אזוי האָט ער מיכ, לעמאָשל, געראָטנ אויסצולערנענ זיכ סטאָלעריי. אפ מיינ פראגע, צי וועל איכ קאָנענ ארבעטנ אינ װארשטאט, האָט ער מיר געענטפערט, אז מיר וועט אויסקומענ צו ארבעטנ אינ קאמערע. אפנ סמאכ פונ מיינ דערפארונג פונ מאָאביט וואָלט איכ גערנ געווענ זיכ אָפּגעזאָגט פונ יעטווידער ארבעט אינ טורמע. איכ האָב דאָס אָבער ניט געטאָנ, ווייל מיכ האָט געשראָקנ,

אַז איך וועל ניט קאָנען אַריבערטראָגן דאָס אומבראַכמאָנעסדיק אײנאַרטיקע לעבן אין אײנצל־קאַמערע אָן אַ וועלכער ניט איז אַרבעט, בײַ וועלכער איך זאָל מיך פאַרגעסן.

איך האָב געבעטן דעם אַרבעט־אינספּעקטער, ער זאָל מיר געבן אַן אַרבעט, וואָס זאָל זיך צאָלן וואָס בעסער, קעדיי איך זאָל קאָנען שיקן געלט מײַנע עלטערן און דער פרוי. דער אינספּעקטער האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל זיך נעמען לערנען סטאָליערײַ, וועל איך אין פאַרלויף פון עטלעכע כאַדאָשים גאָרניט קאָנען פאַרדינען. אויב אָבער איך וועל זיך נעמען פאַר אַן אַנדער אַרבעט, וועל איך באַלד אָנהייבן פאַרדינען צו אַכט פעניג אין טאָג, וואָס פון זיי באַקומט דער אַרעסטאַנט פאַר דער גאַנצער צײַט פון זײַן זײַן אין טורמע בלויז פיר, נאָר איצט איז די טורמע פאַרפלייצט מיט אַרעסטירטע און ניט פון יעדנס וועגן איז דאָ אַרבעט.

דערווייל איז אָנגעלאָפן די צײַט פון מיטאָק. די דעזשורנעס האָבן אין גרויסע קעסלען צעטראָגן דעם מיטאָק איבער די קאַמערעס. דער מיטאָק איז באַשטאַנען פון צעקאָכטן אַרבעס; און ווייל איך האָב ליב אַרבעס און בעבלעך, זײַנען מיר די קעסט פון דער טורמע די ערשטע כאַדאָשים געפעלן.

נאָך מיטאָק האָט זיך ווידער אופגעעפנט די טיר, אין קאַמערע האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַן אַלטיטשקער פון נידעריקן וווּקס, אָנגעטאָן ציוויל, אים האָט באַגלייט אַן אַרעסטאַנט וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט ביכער. ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס דער טורמע־לערער; זײַן כיווו איז געווען אַרויסגעבן די אַרעסטירטע יעדער וואָך אַ בוך. ער האָט מיר געגעבן אַן אינהאַלטלאָזן ראָמאַן, וועלכן איך האָב אין פאַרלויף פון דער וואָך איבערגעלייענט צוויי־דרײַ מאָל אין טאָג, אַבי עס זאָל מיר בלייבן וואָס ווייניקער צײַט פאַר מײַנע מאָרעשכוירעדיקע געדאַנקען.

אינאָוונט האָט מען געגעבן אַ וואַסעריקן זופּ, וואָס זײַן רייעך גופע האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן עקל.

אין עטלעכע מינוט אַרום נאָכן אַרויסגעבן דעם זופּ, האָט מען

ווידער געהערט א שארפ קלינגעריי, וואָס האָט דערמאָנט די ארעסטירטע, אז ס'איז צייט זיכ אויסצוטאָנ. מיכ האָט דער אופזועער נאָכ פריער געוואָרנט, אז די האלבאָשע דארפ מענ ארויסשטעלנ פונ יענער זייט טיר. דאָסדאָזיקע מאָסטיטל האָט די גאנצע צייט פונ מיינ זיינ אינ טורמע געמאכט אפ מיר אנ איינדרוק פונ דער סאמע ערגסטער באליידיקונג, וואָס קאָנ נאָר געמאָלט זיינ; געטאָנ האָט מענ דאָס צוליב דעמ, די ארעסטירטע זאָלנ ניט קאָנענ אנטלויפנ.

טייקעפ נאָכ דער „וועטשערע" אונ נאָכנ ארויסטראָגנ די האלבאָשע דארפנ די ארעסטירטע זיכ לייגנ אפ די בעטלעכ. זיבנ אזייגער אינאָוונט גייענ אוועק די אופזועערס פונ דער טורמע אונ עס הויבט זיכ אָנ די באנאכטיקע וואכטע.

פונ דעמדאָזיקנ מאָמענט אָנ מוזנ די ארעסטירטע ליגנ אפ די בעטלעכ ביז זיבנ אזייגער אינדערפרי. ס'איז ניט איבערצוגעבנ די גאנצע שרעק פונ דעמדאָזיקנ אָפּקומעניש. פארשטייט זיכ, אז הונדערטער אונ טויזנטער מענטשנ, וואָס זיינענ אפ דער פריי, וואָלטנ גערנ געווענ צו האָבנ די מעגלעכקייט שלאָפנ צוועלפ שאָ אינ מעסלעס. אָבער ליגנ צוועלפ שאָ אפ א הארט טורמע־בעטל איז גאָר ניט דאָס וואָס שלאָפנ אפ דער פריי. ניט געקוקט אפ דער שטיקנדיקער לופט, וואָס מידט איינ דעמ ארעסטירטנ, קאָנ ער דאָכ ניט אנטשלאָפנ ווערנ; אימ מאטערנ שרעקלעכע געדאנקענ, אונ ער קאָנ אמאָל אָפּליגנ אזוי א גאנצע נאכט אפנ הארטנ בעטל אונ ניט אנטשלאָפנ ווערנ. אינדערפרי דארפ דער ארעסטירטער אינ הוילנ העמד, וואָס דערגרייכט קוימ ביזנ נאָפּל, ארויסגיינ פונ דער קאמערע אונ ארייננעמענ זיינ האלבאָשע.

אפנ צווייטנ טאָג נאָכ מיינ אָנקומענ אינ טורמע האָט מענ מיכ צוזאמענ מיט פערציק ארעסטירטע פונ מיינ שטאָק ארויסגעפירט אפ א האלבער שאָ אינ הויפ. דאָסדאָזיקע ארומדרייענ זיכ אינ הויפ הייסט די „פרייע שאָ"; דאָס איז די איינציקע מעגלעכקייט פארנ ארעסטירטנ אנ אָטעמ צו טאָנ מיט דער פרישער לופט אונ דערזענ א שטיקל הימל. אינ מיטנ הויפ שטייט א הויכע אונ ברייטע קאמער, ווו עס זיינענ צונויפגעלייגט די קאָלאָסאלע רעזערוונ ברעטער פארנ סטאָליערישנ

וואַרשטאָט און ס'בלייבט בלויז אַ שמאָלער דורכגאַנג. אָבער אויך די־דאָזיקע „רו־שאָ" איז פֿאַרסאַמט מיטן רויך און שלעכטן גערוך פֿון דער אַזוי גערופֿענער „פֿעלד־קוזניע", וואָס שטייט פֿאַר דער דאָזיקער קאַמער. איבערן גאַנצן הויף איז ניטאָ ניט קיין בוימל, ניט קיין גרעזל.

אַן עמעסע אָפּקומעניש איז דאָס אַרומלויפֿן אין קרייז מיט פֿערציק דערוואַקסענע מאַנסבילן אויף אַ מעהאַלעך פֿון פֿינף שפּאַן איינער פֿונעם אַנדערן. נאָך יעדע פֿופֿצן—צוואַנציק מעטער שטייט אַן אויפֿזעער, וואָס שפּירט נאָך, אַז די אַרעסטירטע זאָלן ניט ריידן צווישן זיך. אָבער ניט געקוקט אויף שטרענגן פֿאַרבאָט, פּרוּוון די אַרעסטירטע זיך דורכוואַרפֿן מיט אַ וואָרט. אָט די דאָזיקע שטילע ווערטער אָדער צייכנס, וואָס זיי־נען ענלעך צום אַלעפֿבייס פֿון די טויבשטימע דינען אַלס איינציק אויסרייק־מיטל צווישן מענטשן, וואָס לעבן אויף צענדליקער יאָרן אונ־טער איין דאַך, אַ וואַנט לעבן אַ וואַנט, וואָס באַגעגענען זיך טאָג־טעגלעך אויפֿן „שפּאַציר" און וואָס האָבן ניט דאָס רעכט צו רעדן איי־נער מיטן אַנדערן.

דאָ אין הויף האָב איך לאַכלוטן פֿאַרגעסן אין מיין אייגענער לאַגע. איך האָב נייגיריק באַקוקט די פּעניմער פֿון די דאָזיקע מענטשן, וועגן וועלכע איך האָב גאָרניט ניט געוווּסט,—ניט געוווּסט ווי לאַנג וועלן זיי נאָך זיך פּלאָגן אין די טורמע־ווענט און וואָס פֿאַר אַ פֿאַר־ברעכן האָט יי געבראַכט אין דעם דאָזיקן שטיינערנעם קייווער.

פֿאָרויס, אַ מעטער פֿינף פֿאַר מיר איז געגאַנגען איינער אַן אַרע־סטירטער, וואָס האָט צוגעצויגן מיין אויפֿמערקזאַמקייט. מיך האָט פֿאַרינ־טערעסירט געוויר צו ווערן זיין עלטער. ער איז געווען אויסגעדייוועט און קוים געפּלאָנטעט מיט די פֿיס. באַם פֿאַרקערעווען אין די ווינקלען פֿונעם הויף האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו כאַפּן אַ קוק אויף זיין געזיכט; אָט דאָס דאָזיקע דאַרע, אויסגעטרוקנטע פּאָנעם האָט אַ שיינ געטאָן מיט עפּעס אַן אומצוטרוי. ווער ס'האָט נאָר איינמאָל אַריינגע־קוקט אין די דאָזיקע טיף־טרויעריקע אויגן, האָט זיי שוין קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאַרגעסן. ער איז געווען קימאַט אינגאַנצן גרוי, נאָר די שטריכן פֿון זיין געזיכט זיינען געווען ווי באַ אַ יינגל. ווען מע האָט

נאָכן ענדיקן דעם שפּאַציר אונדז אָנגעהויבן אַריינצופירן איינציקווייס אין די קאַמערעס, האָב איך געזוכט די געלעגנהייט כאָטש וואָס ניט איז געוויר ווערן וועגן מיין שאָכן.

די איינגעפירטע דיסטאַנץ פון פינף שפּאַן קאָן ניט שטענדיק אָפּגעהיט ווערן בעיס אומקערן זיך אין דער קאַמערע. דער אַרעסטירטער וואָס איז געגאַנגען הינטער מיר האָט עטלעכע מאָל מיר א שעפּטשע געטאָן, נאָכדעם האָט ער זיך דערנענטערט צו מיר און א פרעג געגעבן: „דו ביסט א גרינער? פונוואַנען ביזטו?" אף זיין פראַגע האָב איך אנשטאָט ענטפער אים געפרעגט: אף וויפל יאָר איז פאַרמישפּעט מיין שאָכן און וויפל יאָר איז ער שוין דאָ? ער האָט מיר געענטפערט: אף פינף יאָר, האַלב איז ער שוין אָפּגעקומען. האָב איך ווידער געפרעגט: וויפל איז ער האַלט?—דריי און צוואַנציק—האָט דער כאַוער געענטפערט,—ער האָט זיך אַריינגעפּאַקט איבער א פאַלשער שוועע.

מיר האָבן ניט אָפּגעלאָזט די געדאַנקען וועגן דעמדאָזיקן יונגמאַן. פינף יאָר—וואָס פאַר אן אומגעהויער לאַנגער טערמין דאָס איז! די צוויי מיט א האַלבן יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין טורמע, האָבן אים שוין אונטערגעריסן. אויב ער וועט שוין אפילע אויסהאַלטן ביזן סאָף טערמין, וועט ער אַרויס אף דער פריי א צעבראָכענער מענטש. פון דעמאָלט אָן איז, ווען איך פלעג באַגעגענען מיין שאָכן, פלעג מיך מאַטערן דער געדאַנק, אַז דערדאָזיקער מענטש וועט פון דער טורמע קיין לעבעדיקער ניט אַרויס. קוקנדיק אף אים, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע פאַר זיך א מענטשן, וואָס קריכט פּאַמעלעך, טריט נאָך טריט אין קייווער אַריין און וואָס האָט פאַרלוירן יעדן אינטערעס צו אַלעם. וואָס אַרום אים.

דידאָזיקע האַלבע שאָ, וואָס מיר פלעגן פאַרברענגען אין הויף, האָט מיר געגעבן די איינציקע מעגלעכקייט צו זען א מענטשן. אין דער טורמע־קירכע פלעגן מען אַלע זונטיק אינדערפרי אָפּריכטן דאָס קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע גאָט־געבעט, נאָר איך פלעג אהין קיינמאָל ניט גיין. און די שול־לימודים האָב איך ניט געקאָנט זיך באַטייליקן,

ווייל צו דער לערע פלעג מענ צולאָזנ ארעסטירטע ניט עלטער פונ פינפ אונ צוואנציק יאָר. אונ כאָטש ווי שווער, ווי באליידיקנדיק ס'איז געווענ דאָסדאָזיקע ארומשפאצירנ אינ קרייז, איז דאָכ מיינ מויעכ גאנצע דריי אונ צוואנציק שאָ אינ מעסלעס געווענ פארנומענ מיט איינ געדאנק: ווי דערלעבט מענ שוינ די האלבע שאָ פונעמ שפאציר, קעדיי צו זענ מענטשנ כאָטש פונדערווייטנ!

שוינ די ערשטע וואָכנ האָב איכ באמערקט, אז די טורמע־לופט שאדט מיר צומ געזונט. איבערנ מאנגל אינ פרישער לופט אפ צו אָטעמענ האָב איכ געפילט, אז די קויכעס פארלאָזנ מיכ. די ערשטע סימאָנימ פונ מיינ פיזישער אָפגעשוואכקייט האָב איכ אָנגעהויבנ צו דערפילנ אינדערפרי, פארנ שפאציר, בעייסנ פארשנורעווענ די שיכ. אלעמאָל, ווענ איכ פלעג זיכ אָנבייגנ, איז מיר פינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ, אונ איכ פלעג פאלנ. איכ האָב באדארפט מאכנ זייער שטארקע אָנשטרענגונגענ, קעדיי איכ זאָל זיכ קאָנענ אויסגלייכנ. די ערשטע טעג פלעג איכ מיט אומגעדולד ארויסקוקנ אָפנ שפאציר, איצט פלעג איכ שוינ ניט גערנ פארלאָזנ די קאמערע, ווייל שוינ נאָכנ צווייטנ טור פלעג איכ פאלנ פונ די פיס. אלעמאָל נאָכנ אומקערנ זיכ פונעמ שפאציר פלעג איכ באקומענ א שטארקנ קאָפ־ווייטעק. מיר האָט זיכ געדאכט, אז מיינ שארבנ איז צוזאמענגעפרעסט מיט א שרויבשטיק אונ אז איבער מיינ קאָפ קלאפט מענ מיט א האמער.

די נעכט זיינענ געוואָרנ פאר מיר אנ אָפקומעניש ניט אפ איבערצוגעבנ. איכ האָב ניט געקאָנט אָפשלאָפנ רויק קיינ איינ שאָ. ווענ עס פלעגט טאָגנ, פלעג איכ זיכ פילנ מיד אונ דערשלאָגנ. דער דאָקטער האָט מיכ אויבנאופ באטראכט אונ מיר געמאָלדנ, אז מיט מיר איז גאָרניט ניט געשענ, אז איכ וועל אינגיכנ קומענ צו די קויכעס.

דאָס בוכ, וואָס איכ פלעג פריער באקומענ איינמאָל אינ וואָכ פלעג איכ פריער איבערלייענענ עטלעכע מאָל אינ טאָג, קעדיי צו פארטרייבנ די צייט; איצט פאלט ער ארויס פונ מיינ האנט. אינאָווענט, ווענ מע פלעגט פארשליסנ די קאמערע, האָט מענ ניט געקאָנט לייענענ: אינ קאמערע איז געווענ פינצטער.

די שרעקלעכסטע נאַכט אין מײַן לעבן

קערײַ צו פאַרגעסן אַביסל אין די ווײַטעקן, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ נײַער פאַרווײַלונג: איך האָב אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן די לידער פון הערזשעג, פּראַליגראַט, עריך מיזאַם און אַנדערע. דאָס פלעגט באַדײַטנדיק לינדערן מײַנע לײַדן.

די אויפזעערס האָבן אָבער געהאַט וועגן דעם זייער אייגענע מיינונג. זײַנען זיי געקומען צו מיר אין קאַמערע אַרײַנפירן און געפאָדערט איך זאָל אַרויסגיין. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי מיינען ניט מיך מאַכן באַקוועמער, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט און בין ניט געגאַנגען. האָבן זיי פאַרשלאָסן די טיר און זײַנען אַוועקגעגאַנגען. שפּעטער מיט אַ שטיקל צײַט האָבן זיי ווידער זיך אומגעקערט און מיך מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּט אין קאָרידאָר. אָנגעטאָן בין איך געווען בלויז אין אַ דינ קורצינק העמדל, און דערצו נאָך בין איך געווען באָרוועס. צוויי פון די אויפזעערס האָבן מיר אויסגעדרייט די הענט און די אַנדערע צוויי זײַנען פאַרלאָפן פונהינטן און מיך געהאַרגעט־געשלאָגן,—איינער מיטן בינט שליסל איבערן קאָפּ, דער צווייטער—מיטן רוקן־שווערדל אין הינטן; ווען עמיצער פון זיי האָט מיך אַ זעץ געטאָן מיט די שווערע שטיוול אונטער די קני,—בין איך סאָפּקאָלטאָם אומגעפאַלן. אָבער זיי האָט דאָס ניט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן מיך געשלעפּט פונעם דריטן שטאָק אין קעלער אַרײַן. איך האָב געשריען, זיי זאָלן ניט וואַגן מיך אַזוי צו פּײַניקן. דאַן האָט איינער פון זיי מיך אַ כאַפּ געטאָן בײַ די גאָרגל און מיך אַזוי שטאַרק געוואָרגן, אַז איך האָב קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן; דערבײַ האָט ער צוגעגעבן: „אָט אַזוי, הונט איינער, איצט וועסטו שוין שטומען!" מײַן העמדל איז צעריסן־צעפּיצלט געוואָרן, פון עטלעכע ווונדן איז שטאַרק גערונען בלוט, אָבער זיי האָבן מיך געשלאָגן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און מיך אַראָפּגעשלעפּט דורכן הויפּט־קאָרפּוס אין שפּיטאָל־הויף. דאָ אין הויף האָט מען געהערט פון די קעגנאיבערדיקע קאַמערעס־פענצטערלעך, ווי די אַרעסטירטע, וואָס זײַנען אויפגעבראַכט געוואָרן, האָבן געזידלט און געשאָלטן

די אופזעערס דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי איזדיעקעוועט איבער מיר.

אַפ די אופזעערס האָט דאָס אָבער לאַכלוטן ניט געווירקט. זיי האָבן מיך דורכגעשלעפּט דורכן לאַנגן לאַזאַרעט־הויף, אופגעעפנט די טיר פונעם לאַזאַרעט און איינער פון די אופזעערס האָט מיר געגעבן אַזאַ שטאַרקן שטויס, אַז איך בין אומגעפאַלן, און מיטן קאָפּ אַראָפּ האָב איך זיך אַראָפּגעקייקלט פון די זעקס שטיינערנע טרעפּ. אונטן איז געשטאַנען דער דעזשורנער שפּיטאָל־אופזעער, האָט ער מיר אויך מעכאַבעד געווען מיט רעכטע עטלעכע קלעפּ: ער האָט געפּאַקט אַ פּאָר שווערע שיך־קלעצלעך און מיך אָנגענערעקט אין פּלייצע און אין שאַרבן. איך בין געווען שטאַרק צעדודערט פון דידאָזיקע קלעפּ, אָבער מיר איז אפילע אַפן זינען ניט געקומען זיך קעגנשטעלן; אַגעוו, ס׳וואָלט סיי ווי צו גאָרניט ניט געבראַכט.

אינעם קעלער פונעם לאַזאַרעט האָבן די אופזעערס אופגעעפנט אַ קאַמערע מיט אַ צווייענדיקער טיר, וואָס איז באַשלאָגן געווען מיט אַ מאַטראַץ. זיי האָבן אַראָפּגעריסן פון מיר דאָס צעפליקטע העמד און מיך אַריינגעשליידערט, ווי אַ בינטעל שמאַטעס, אין דערדאָזיקער לאָך.

אַזוי בין איך געלעגן אינגאַנצן אַ נאַקעטער און אַ פאַרבלוטיקטער אינעם קאַלטן קעלער. אָפיציעל האָט ער געהאַט צוויי ווידערשפּרעכנדיקע נעמען „ווילדע קאַמערע״ און „באַרויקונג־קאַמערע״, די אַרעסטירטע אָבער האָבן אים גערופן „פּייניקונג־קאַמערע״. דידאָזיקע קאַמערע איז געווען נאָך קלענער פון אַנדערע טורמע־קאַמערעס; זי איז געווען לאַכלוטן ליידיק, דאָ איז אפילע ניט געווען קיין קאָלדרע אַפ צוצודעקן זיך.

פונעם דיל אַפ וועלכן איך בין געלעגן, האָט געצויגן אַ קעלט, וואָס האָט מיך דורכגענומען אַפ דורך און דורך; אין מיר האָט געוואָרפן אַ צאָן אָן אַ צאָן. ניט נעקוקט אַפן שטאַרקן ווייטעק, וואָס איך האָב געפילט איבערן גאַנצן לייב, האָב איך געפּרוּווט לויפן הין און צוריק, קעדיי כאָטש וויפל ניט איז זיך דערוואַרעמען. איך האָב זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס פונעם דרייען זיך אין דערדאָזיקער פּיצינקער קאַמערע. דאָס

האָב איך געפּרוּווט זיך אַנידערזעצן אפן דיל. קעדיי זיך אָפּרוען אביסל, האָב איך אָבער ניט געקאָנט אויסשטיין די קעלט; איך האָב זיך געשטארקט מיט אלע קויכעס, בין אופגעשטאנען און, קוים פּלאָנטנדיק מיט די פיס, האָב איך ווידער זיך גענימען ארומדרייען הין און צוריק איבער דער קאמערע.

דאָ, אין דערדאָזיקער לאָך, איז געווען א שרעקלעכער איפּעש. איך האָב ניט געקאָנט פארשטיין, פונוואנען ציט אהער אזא שטיקנדיקע און שווערע לופט. באלד אָבער איז מיר די זאך קלאָר געוואָרן.

ווען מיך האָט אָנגעהויבן מאָנען צו באפרידיקן מיינע נאטורלעכע באדערפענישן, האָב איך גענומען זוכן א קיילע, נאָר מיין זוכן איז געווען אומזיסט און איך האָב געמוזט גיין פּאָשעט אפן דיל. דאן איז פאר מיר קלאָר געוואָרן. צענדליקער ארעסטירטע, וואָס זיינען געזעסן אין דערדאָזיקער קאמערע ביז מיר האָבן אָן סאָפעק געטאָן דאָסזעלביקע, און דער שארפער רייעך פון די עקסקרעמענטן האָט זיך שטארק איינגעעסן אין דיל.

אזוי זיינען דורכגעגאנגען דריי פיינפולע שאָ; פּלוצים דערהער איך א שטילן גערויש. עס האָט זיך אופגעעפנט דאָס פענצטערל וואָס אין דער טיר און אין דעם אזוי־גערופענעם „שפּיאָן" האָט א בליק געטאָן אן אויג. דאָס איז געווען דער דעזשורנער אופזעער, וואָס האָט זיך אומגעקערט, קעדיי צו זען, צי האָב איך זיך שוין בארויקט. איך האָב אים אָנגעהויבן צו בעטן, ער זאָל מיך ארויספירן פון דערדאָזיקער קאמערע אָדער ער זאָל מיר כאָטש געבן א קאָלדרע אפּ צודעקן זיך, ווייל מיר איז שרעקלעך קאלט. „אופגעהאנגען זאלסטו ווערן, אויסוואָרף, דו האָסט דאָס אין מינכען אויסגעשטאָכן די אויגן זעכצן באאמטע", האָט געענטפערט דער אופזעער. אין דעם איז אָבער קיין וואָר־וואָרט ניט געווען; איך בין קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געווען אין מינכען און ניט נאָר איך האָב קיינמאָל קיין באאמטע ניט אויסגעשטאָכן די אויגן, נאָר איך האָב קיינעם פון זיי קיינמאָל ניט געשלאָגן.

וואָס פאר א גוואלטיקע העצע האָט דאָס באדארפט זיין קעגן מיר!

מיר האָט זיכ געדאכט, אז איצט פארשטיי איכ שוינ די עמעסע סיבע, פארוואָס די פיר אופזעערס האָבנ מיכ אזוי אכזאָריעסדיק געשלאָגנ.

דידאָזיקע נאכט, וואָס איכ האָב פארבראכט אינ דער פײניקונג־קאמערע פונ דער מינסטערער קאטאָרגע־טורמע, איז געווענ פאר מיר די שוידערלעכסטע פיזישע אונ גײסטיקע אָפּקומעניש.

אינ דערדאָזיקער נאכט האָט זיכ עפּעס אינ מיר אָפּגעריסנ.

אויב צוריק מיט צוויי מיט האלבנ יאָר האָב איכ נאָכ געקאָנט אמאָל צווײפלענ אינ דער נײטיקײט צו פארניכטנ די עקזיסטירנדיקע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג אונ איר גערעכטיקײט, איז איצט בא מיר קײנ שפּור ניט געבליבנ פונ דידאָזיקע ספּײקעס.

ערגער ווי אלצ איז געווענ ניט די שטארקע קלעפּ פונ די אופזעער, נאָר דאָס וואלגערנ זיכ א נאקעטער אינעם אײז־קעלער. דאָסדאָזיקע שטראָפ־מיטל ווענדעט מענ אָנ אָט טאקע דערפאר, ווײל דאָס ווירקט גוואלטיק—אי פיזיש, אי פסיכיש; ווער ס'איז דערמיט ניט געפּרוווט געוואָרנ, דער קאָנ וועגנ דעמ ניט האָבנ קײנ מינדסטנ באגריפ.

ווענ א באפרײטער פונ טורמע זאָל דערצײלנ, אז מע האָט אים אָנגעטאָנ אינ טורמע גרויסע לײדנ, אז מע האָט צעהאקט אפ אים די הויט אונ באשיט די וווּנדנ מיט זאלצ אונ פעפער, אז מע האָט געבּרענט זײנע פיאטעס מיט אָנגעגליטע אײזערנע ריטער, אז מע האָט אים צעקוועטשט די פיס־פינגער אונ אויסגעוויכנעט די געלענקענ,—וואָלט יעדער לײכט פארשטאנענ, אז דאָס מוזנ זײנ געפערלעכע לײדנ. אָבער אײנזעצנ א נאקעטנ מענטשנ אינ א אײז־קאלטנ קעלער—אזא אומענטשלעכ אכזאָריעסדיקער ניסאָיענ איז ניט צו באגרײפנ פאר א זײטיקנ מענטשנ.

בלויז די טורמע־אופזעערס, די דאָקטוירימ אונ די טורמע־שעפנ ווײסנ די ווירקונג פונ דעמדאָזיקנ זײער פארפײנערטנ הײנטצײטיקנ שטראָפ־מיטל. זײ ווײסנ, אז פינפ אונ נײנציק פּראָצענט פונ די ארעסטירטע, וואָס מאטערנ זיכ אָפּ נאקעטערהײט אינ דעמדאָזיקנ גרוב, זײנענ שוינ „באארבעט" אפנ גאנצנ לעבנ. דער אויסדרוק „באארבעט" באטײט אפנ טורמע־זשארגאָנ, אז די פיזישע אונ גײסטיקע לײדנ האָבנ

אראָפגעפירט דעם ארעסטירטנ פונ זינענ. איכ האָב ניט געוווסט, וויפל צייט בינ איכ געווענ אינ דעמדאָזיקנ צושטאנד, ניט געוווסט, צי איז נאָכ נאכט אָדער ס'איז שוינ טאָג. איכ האָב נאָר געפילט, אז די קויפעס לאָזנ זיכ מיר אויס. איכ האָב פארלוירנ דעם באוווסטזיינ, דעריבער איז מיינ מויעכ געווענ ליידיק פונ יעדנ געדאנק. אינ די שלייפנ האָב איכ געפילט א ניטגלייכמעסיקע פולסירונג. מיר האָט זיכ געדאכט, אז פונ דערדאָזיקער קאמערע וועל איכ שוינ קיינ קלאָרער ניט ארויס.

פלוצימ האָט זיכ אופגעעפנט די טיר, ס'איז ארייִנגעקומענ דער אופזעער אונ אוועקגעשטעלט אפנ דיל א שיסל פאפ. איכ האָב אימ געבעטנ, ער זאָל מיכ איבערפירנ אינ מיינ פריערדיקער קאמערע, אָבער ער האָט מיר קיינ וואָרט ניט געענטפערט אונ איז אוועקגעגאנגענ.

דערזעענ אינ שיסל די געוויינלעכע ציקאָריע־שווענקעכטס, האָב איכ פארשטאנענ, אז ס'איז טאָג אונ אז איצט גייט די אכטע שאָ. ווענ איכ האָב אופגעהויבנ די שיסל, קעדיי צו טרינקענ, האָב איכ באמערקט, אז אהינצו איז אָנגעשפיגנ. אויבנ זייגענ ארומגעשווומענ געדיכטע געלע שטיקלעכ לעכעצ ווי פונ א טובערקולאָזנ. איכ האָב דאָס ניט געקאָנט נעמענ צומ מויל, כאָטש איכ האָב שטארק געוואָלט זיפנ א ווארעמ געקעכטס.

אינ עטלעכע שאָ ארומ איז געקומענ דער אופזעער מיטנ טורמע־דאָקטער. דערזענ אימ, האָב איכ געטראכט: אָט איצט וועל איכ פאָטער ווערנ פונ אָט דער שרעקלעכער אָפקומעניש. איכ האָב אימ דערציילט, ווי אזוי מע האָט מיכ געשלאָגנ אונ אימ באוויזנ מיינע ווונדנ. דער דאָקטער האָט אפילע ניט מאטריעכ געווענ זיכ צו באקוקנ מיינע ווונדנ אונ געענטפערט, אז דאָס גייט ניט ארייִנ אינ זיינע פליכטנ. האָב איכ אימ אָנגעהויבנ צו בעטנ, ער זאָל זיכ סטארענ, מע זאָל מיכ איבערפירנ פונ דערדאָזיקער פייניקונג־קאמערע. ער האָט מיר אפילע ניט געענטפערט אונ איז אוועק מיט זיינ באגלייטער פונ דער קאמערע.

זיינענ פאָריבער נאָכ עטלעכע פיינפולע שאָענ, וואָס האָבנ זיכ מיר געדאכט ווי יאָרנ. מיטאָג־צייט האָט מענ אינ מיינ קאמערע ארייִנגעבראכט א קארטאָנ־שיסל מיט עפעס א מיסע־מעשונע־קאשע; קיינ לעפל האָט מענ מיר ניט געגעבנ, אונ איכ האָב געמוזט עסנ דידאָזיקע שיטע־

ריצע מיט די הוילע הענט. איכ האָב געמאָלדנ דעמ אופזעער, וואָס האָט מיר געבראַכט דאָס עסנ, אז איכ וויל זענ דעמ שעפ אונ אז איכ וועל זיכ קלאָגנ, אז מע האָט מיכ געשלאָגנ. אָבער ניט געקוקט אפ מיינע אָפטע פאָדערונגענ, סיי דעמאָזיקנ טאָג, סיי אינ די טעג וואָס נאָכ אימ, אז מע זאָל מיכ פירנ צומ טורמע־שעפ, האָב איכ זיכ דערצו ניט געקאָנט דערשלאָגנ.

דעמזעלביקנ טאָג נאָכ האָט מענ מיר געבראַכט א פּאָר הויזנ. די צווייטע נאכט האָט מענ אריינגעוואָרפנ צו מיר אינ קאמערע א צערי־סענעמ מאטראצ, וואָס איז געווענ איינגעריכט אינ מענטשנ־קויט אונ וואָס האָט געפערלעכ געאיפּעשט.

דעמ צווייטנ טאָג האָט מיכ באזוכט אנ אנדער דאָקטער; דאָס איז געווענ דער עלטסטער טורמע־דאָקטער אונ פּראָפעסער פונ מינסטערער אוניווערסיטעט, טעבענ. איכ האָב אימ באוויזנ מיינע וווּנדנ אונ אימ געבעטנ מיכ איבערפירנ פונ דער קאמערע פאר ווילדע, אָבער אויכ ער האָט ניט אָנגענומענ קיינ מיטלענ אפּ צו לינדערנ מיינ לאגע. נאָכנ פערטנ טאָג האָב איכ פארלוירנ יעדע האָפענונג פּאָטער צו ווערנ פונ דערדאָזיקער אומקומעניש אונ בינ ארייגעפאלנ אינ א גוואלדיקנ ייִעש.

פונעמ דיל, וועלכער האָט, ווי א שוואמ, איינגעזויגנ דאָס מענטשנ־קויט פונ די ארעסטירטע, וואָס האָבנ פאר מיר זיכ געפלאגט אינ דעמ־דאָזיקנ לעבעדיקנ קייווער, האָט אומופהערלעכ געזעצט דער געפערלע־כער איפּעש. די שטיקנדיקע לופט האָט מיט א בלייענער שווערקייט געדריקט אפנ מויעכ. קעדיי כאָטש וויפל ניט איז זיכ פארגעסנ האָב איכ געפּרווט לייענענ אפנ קאָל לידער. מאכמעט די אייגנארטיקע אקוסטישע איינגשאפטנ פונ דער קאמערע האָט מיינ שטימע געקלונגענ פארדומפנ אונ שוידערלעכ. די ווענט האָבנ אָפּגעוואָרפנ מיינע קלאנגענ מיט א פילפאכיק מוירעדיק ווידערקאָל. מיכ האָט שוידערלעכ געשראָקנ מיינ אייגענע שטימע.

איכ בינ געווענ זיכער, אז מיינע פייניקער וועלנ מיכ אזוי פאמעלעכ פארמוטשענ. מיר האָט זיכ געדאכט, אז נאָכ א נאכט וועל איכ שוינ אינ דערדאָזיקער פייניקונג־קאמערע ניט אויסהאלטנ אונ איכ האָב גע־

פֿיעלט בא זיך, אז בעסער איז שוין דער טויט, איידער דידאָזיקע אָפּקומעניש. איך האָב באשלאָסן אופצועפענען באנאכט די ארטעריעס אָפּ די הענט, קעדיי אָפּצוגיין מיטן בלוט און מאכן א סאָף צו מיינע ליידן. פראָפעסער טעבען, וואָס האָט מיך באזוכט אפֿן פערטן טאָג, האָט, קאָנטיק, פארשטאנען, אז איך בין אפֿן ראנד פון א קאטאסטראָפע. דעמזעלביקן אָוונט האָט מען מיך איבערגעפֿירט פונעם קעלער צוריק אין מיין פֿריערדיקער קאמערע.

ווי איך האָב מיך שפעטער דערוווסט, האָט זיך דעם פּראָפעסער טעבען די זאך איינגעגעבן ערשט נאָכדעם ווי ער האָט געהאט א הארבן שמועס מיטן טורמע־שעף שיידהעס.

די עמעסע פיזיאָנאָמיע פונעם טורמע־שעף

די פיזישע און גייסטיקע דערשיטערונגען, וואָס איך האָב איבערגעהאט אפּ זיך, האָבן געבראכט צו א שווערער נערוון־דעפּרעסיע. יעדע מינדסטע זאך פֿלעגט ארויסרופֿן בא מיר טרערן, און מיינע קאָפּשמערצן האָבן זיך אזוי פארשטארקט, אז מיר האָט זיך געדאכט, איך גיי אראָפּ פון זינען.

דערדאָזיקער שהערער פּסיכישער און פיזישער צושטאנד האָט מיך געבראכט דערצו, אז איך האָב זיך געפּרוווט אופהענגען בא זיך אין קאמערע. דער אופזעער האָט איבערגעשניטן דעם שטריק, ווען איך האָב שוין געהאט פארלוירן דעם באוווסטזיין. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָט מיר דער אינספּעקטער געמאָלדן, אז מיך וועט מען גלייך אריבערפֿירן אין קארצער און שמידן אין קייטן. אָט דאָסדאָזיקע מאָסמיטל, ווי א שטראָף פאר מיין פּרווו צו מאכן א סאָף פונעם פייניקן מיך, האָט זיך מיר געדאכט פאר אומגעלומפּערט. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין קארצער. דער אינספּעקטער האָט פארשטאנען, אז אָן גראָבן גוואלדטאט וועט ער דאָ ניט אויסקומען, האָט ער אליין אָפּגעווארפֿן דידאָזיקע באשטראָפונג. פאר מיר איז געווען קלאָר, אז איך בין לאכלוטן שוצלאָז פאר די נייע גוואלדטאטן, וואָס די טורמע־אדמיניסטראציע און די אופזעערס גרייטן פאר מיר, איך האָב אָבער

אויכ געוווסט, אז די קייטנ וועלנ מיר ניט שטערנ צו באגיינ זעלבסטמאָרד, נאָר, פארקערט, זיי וועלנ מיכ נאָכ שטויסנ דערצו.

עטלעכע טעג נאָכ דעמ האָט מענ מיכ לעסאָפּ געבראכט צו פירנ צומ טורמע־שעפ. ניט געקוקט דערופ, וואָס איכ האָב ניט איינמאָל געפאָדערט א באגעגעניש מיט אימ, האָט ער זיכ אָפּגעזאָגט מיכ אופּ־צונעמענ, כאָטש ער האָט באשיימפערלעכ געבראָכנ דערמיט דעמ טורמע־סטאטוט. איכ האָב אימ געמאָלדנ, אז מע האָט מיכ גוואלטיק געפייניקט אונ אז איכ וועל פארפירנ א קרימינאל־פּראָצעס קעגנ די טורמע־אָנגעשטעלטע. ער האָט געענטפערט, אז ער גלויבט מיר ניט, אז דאָס איז א פּראָדוקט פונ מיינ צערודערטער פאנטאזיע. אויב מע האָט מיכ אפילע יאָ צעשלאָגנ, וועט ער, יעדנפאלס, ניט דערלאָזנ, די זאכ זאָל פארעפנטלעכט ווערנ.

די ארעסטירטע, וואָס זיינענ געווענ איידעס פונ דעמ, ווי מע האָט מיכ געשלאָגנ אינ הויפ, האָבנ באשריבנ דידאָזיקע זאכ אינ זייערע בריוו צו די אייגענע אונ פריינט, וואָס אפ דער פריי. די לינקע צייטונגענ האָבנ אָפּגעדרוקט דידאָזיקע מיטיילונגענ, אונ ס׳האָבנ זיכ דערוווסט וועגנ זיי מיינע פארטיידיקער. דאָקטער בראָ, מיט וועלכנ איכ בינ גוט באפריינדעט, איז אָנגעקומענ אפ זיינ כעזשבנ אפ א עראָפּלאנ פונ בערלינ אינ מינסטער, קעדיי דורכצוקאָנטראָלירנ אפנ אָרט די מיטיילונגענ פונ דער פרעסע. די פארטיי האָט פונ איר זייט צוגעשיקט דעמ אדוואָקאט כעגעוויש. אינ דער אָנוועזנהייט פונ די פארטיידיקער האָט דער טורמע־שעפ גענומענ אָפּלייקענענ דעמ פאקט, אז מע האָט מיכ געשלאָגנ. האָב איכ בעייס מיינ זעונג מיטנ אדוואָקאט, וואָס איז פאָרגעקומענ אינעמ קאבינעט פונעמ טורמע־שעפ, פאָשעט זיכ אויסגע־טאָנ אונ האָב אימ באוויזנ די שפורנ פונ די ווונדנ. נאָכ איצט, אינ צוויי וואָכנ ארומ נאָכדעמ ווי די מייסע איז געשענ, איז די גאנצע פלייצע געווענ באדעקט מיט שראמענ. דעמאָלט האָט דער טורמע־שעפ געפרווווט פארענטפערנ די זאכ, אז דאָס האָב איכ אליינ זיכ געמאכט די ווונדנ.

די אָנקלאגע אפ די טורמע־אָנגעשטעלטע, וואָס האָבנ זיכ באטייליקט

אינעם שלאָגן מיך, וועלכע איך האָב איינגעגעבן אין דער מינסטערער פּראָקוראַטור, האָט מען אָפּגעשטעלט. ניט געקוקט דערויף, וואָס א מענטשן זעקס אַרעסטירטע האָבן איידעס געזאָגט בא א שוווּע, אז זיי גופע האָבן געזען ווי מע האָט מיך צעשלאָגן און זיי האָבן געכאַסמעט דעם אויספאָרשונג־פּראָטאָקאָל,—האָט מען קיין אכט ניט געלייגט אף דער אָנקלאַגע.

די ערשטע כאַדאָשים פון מיין זיצן אין מינסטערער טורמע האָבן פון אַלע מיינע פריינט און אייגענע מיך באַזוכט בלויז די מוטער און דער ברודער. מיין פרוי האָט מיך באַזוכט ערשט מיט א צייט שפּעטער. אויך די בריוו, וואָס איך פלעג שיקן צו מיינע פאַרטיידיקער און די אייגענע, האָט דער טורמע־שעף פאַרהאַלטן. אין פאַל, ווען די אַדמיניסטראַציע פאַרהאַלט צוליב א וועלכער־ניט־איז סיבע א בריוו, דאַרף זי, ווי ס'ווייזט אָן דער סטאַטוט, מיטיילן וועגן דעם דעם אַרעסטירטן. אָבער דער טורמע־שעף האָט זיך מיט דעם קלאַל ניט גערעכנט. ס'ראָוו פלעגט מען פאַרשווייגן, אז מע האָט פאַרהאַלטן מיינע בריוו.

דעם 8־טן מאַרט 1922 יאָר האָט מיין פאַרטיידיקער פרענקעל געגעבן אזא מיטיילונג אין דער פּרעסע:

„דעם 27־טן פעוראַל האָב איך באַקומען א בריוו פון מאַקס העלצן. זיינע בריוו צו מיר פונעם 9־טן יאַנואַר און דעם 5־טן פעוראַל האָט די טורמע־אַדמיניסטראַציע פאַרהאַלטן אף דעם סמאַך, אז זיי אַנטהאַלטן קלוימערשט „גראָבע באַליידיקונגען און פאַלשע ידיעס". מאַקס העלצס לעצטער בריוו איז דאַטירט דעם 1־טן פעוראַל. דער טורמע־שעף טיילט מיט אין א באַזונדער בריוו, אז די בריוו פאַרשפּעטיקן מאַכמעס א פאַרזעען".

בריוו, וואָס זיינען אַדרעסירט צו פאַרטיידיקער, דאַרף מען, לויט די טורמע־טאַקאָנעס, דרינגענדיק איבערשיקן, אָבער ניט געקוקט דערויף, איז מיין בריוו געגאַנגען פון מינסטער קיין בערלין גאַנצע זיבעצן טעג. די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט זיך ניט גערעכנט דערמיט, וואָס דער בריוו איז געווען א דרינגענדיקער און זי האָט אים פאַרהאַלטן מער ווי צוויי וואָכן.

דער מאָאביטישער געריכט־אויספירער האָט מיר געמאָלדנ, אז מיינ קליידונג, שיכווארג און וועש ווערנ באשטימט צו אנ אָוקציאָנ־פארקויפ, קעדיי צו דעקנ די געריכט־הויצאָעס, וואָס באטרעפנ א סכום פונ דריי און צוואנציק טויזנט אכט הונדערט זעכצנ מארק און ניינציק פעניג. צייט אפ אָנצוקלאָגנ זיכ אפנ ארעסט, וואָס איז ארופגעלייגט געוואָרנ אפ מיינ פארמעגנ, האָב איכ געהאט בלויז אכט טעג. מאכמעס דעם, וואָס דער טורמע־שעפ האָט פארהאלטנ דעם בריוו העכער צוויי וואָכנ, האָב איכ פארשפילט דעם טערמינ אפ איינצוגעבנ אנ אָנקלאגע. דאָסזעלביקע איז אויכ געשענ מיט מיינע איבעריקע בריוו: אָדער מע האָט זיי אינגאנצנ ניט אָפגעשיקט אָדער זיי פלעגנ אָנקומענ צומ אדרעסאט שפעטער מיט פיל וואָכנ און אפילע אינ כאדאָשימ ארומ. אפ אזא אויפנ בינ איכ געבליבנ לאכלוטנ אָפגעריסנ פונ מיינע פארטיידיקער, פונ מיינע אייגענע און פריינט, און דאָס האָט נאָכ מער פארשווערט מיינ לאגע. די ביכער וואָס מע פלעגט מיר שיקנ, פלעג איכ ניט באקומענ. לויטנ טורמע־סטאטוט האָט מענ אויכ אינ אזעלכע פאלנ מיר באדארפט מעלדנ, אָבער דער טורמע־שעפ האָט זיכ דערמיט ניט גערעכנט. אפ דעמזעלביקנ אויפנ זיינענ גאנצ אָפט ניט דערגאנגענ צו מיר די בריוו פונ מיינע פארטיידיקער, פונ מיינע אייגענע און פריינט.

אלעמאָל, ווענ איכ האָב געוואָלט שרייבנ צו מיינע פארטיידיקער וועגנ איבערקוקנ מיינ איניענ, אָדער צו מיינע אייגענע, האָב איכ באדארפט בעטנ בא דער אדמיניסטראציע א בייגעלע פאפיר מיט א קאָנווערט. אזעלכע מעלדונגענ פלעגט מענ צונעמענ נאָר דאָנערשטיק, און פאפיר מיט א קאָנווערט פלעגט מענ געבנ ערשט אינ פינפ־זעקס טעג ארומ. דערביי פלעגט מענ ארויסגעבנ איינ קליינ בייגעלע פאפיר פונ פופצנ סאנטימעטער די לענג און צענ די ברייט. דערצו נאָכ איז אפנ פאפיר געשטאנענ דער גרויסער טורמע־שטאמפ. כוץ דעם האָט מענ נאָכ באדארפט לאָזנ א זוימ פונ דריי סאנטימעטער פאר די באמערקונגענ פונעמ טורמע־שעפ, וואָס האָט צו יעדנ בריוו געקאָנט צושרייבנ אלצ, וואָס ס'איז אימ נאָר געקומענ אפנ זינענ. פארשטייט זיכ, אז אזא קליינ בייגעלע פאפיר איז געווענ זייער קנאפ אפ אָנצושרייבנ א

בריוו צו מיינ פארטיידיקער, פלעג מיר אָפּט אויסקומענ בעטנ נאָכ א בייגעלע אָדער צוויי, צוליב וואָס איכ האָב ווידער באדארפט מעלדנ, דערביי האָב איכ פריער באדארפט פארשרייבנ דאָס ערשטע בייגעלע. ביזנ באקומענ דאָס צווייטע בייגעלע פלעגנ ווידער אוועקגיינ עטלעכע טעג.

אינ די בריוו האָב איכ ניט געטאָרט דערמאָנענ, אז מע באהאנדלט מיכ שלעכט, אז איכ בינ קראנק אָדער זיכ קלאָגנ אפנ עסנ.

דאָס פולקאָמע איגנאָרירנ די עלעמענטארע רעכט פונ די ארעסטירטע מיצאד דעמ טורמע־שעפ האָט מיכ גוואלטיק אופגעבראכט. אינ מעשעכ פונ אסאכ וואָכנ האָב איכ געפאָדערט א זעונג מיטנ שעפ, אָבער ער איז קיינ איינ מאָל ניט געקומענ. ערשט נאָכ דעמ, ווי איכ האָב זיכ אָנגעקלאָגט אינ מיניסטעריומ, האָט ער געפונענ פאר נייטיק מיכ אופצונעמענ. איכ האָב גויווער געווענ מיינ קאעס אונ באשלאָסנ צו רעדנ מיטנ טורמע־שעפ מיט א רויקנ טאָנ. פאר מיר איז געווענ וויכטיק זיכ צונויפריידנ מיט אימ, ער זאָל מיר נישט שטערנ אינ מיינ הישטאדלעס וועגנ איבערקוקנ מיינ איניענ. איכ האָב אימ געבעטנ, ער זאָל אָפּשאפנ די מאָסמיטלענ פונ גוואלדטאט, וואָס די טורמע־אָנגעשטעלטע ווענדנ אָנ צו מיר אָנ א שומ גרונט, ווייל זיי פירנ דערצו, אז איכ וועל אומקומענ סיי פיזיש, סיי גייסטיק.

ער האָט מיר געענטפערט, אז עס זיינענ פאראנ אויכ אנדערע מיטלענ, וואָס קאָנענ מיכ צווינגענ צו ווערנ געהאָרכזאמ. מיר וועט אויסקומענ זיכ איבערציינגנ, אז פונ אונדז ביידע איז ער דער שטארקערער. ער האָט זיכ ספראווועט מיט גרעסערע גיבוירימ פונ מיר.

דער ארט ריידנ פונעמ טורמע־שעפ האָט מיכ איבערציינגט, אז הינטערנ דאָזיקנ קינדערשנ געשטאלט מיטנ ליבנ שמייכל באהאלט זיכ אויס אנ עמעסער בלוט־זויגער.

זיינ טאָנ איז געווענ אזוי ציניש, אז איכ בינ מיט קאלטער אנטשלאָסנקייט צוגעגאנגענ צו אימ, אימ אָנגעשפינ אינ פאָנעמ אונ אָפּגעלאָזט א פליאָסק אינ באק. אפילע דעמ עלטסטנ שפיטאָל־אופזעער, וואָס איז ביינעווענ בעשאס־מייסע האָט אזוי אופגעבראכט דערדאָזיקער גע־

שפּרעכ מיטנ טורמע־שעפ, אז ער האָט זיכ אריינגעמישט, עמעס ניט באַלד אפנ אָרט, נאָר שפּעטער אביסל; ער איז צוגעגאַנגענ צו מיר, מיר ארופגעלייגט די האַנט אפנ אקסל אונ מיכ געבעטנ זיכ בארויקנ.

איכ אליינ בינ געווענ פארכידעשט, וואָס מיינ קאַעס אפנ טורמע־שעפ האָט זיכ אויסגעגאָסנ אינ אזא פאָרמע אונ איכ האָב זיכ זעלבסט געפרעגט, וואָס איז אזוינס געשענ, וואָס איכ האָב אויסגעקליבנ גראָד דידאָזיקע פאָרמע ווי א מיטל פונ זעלבסטשוץ. מיר האָט זיכ געדאַכט ביז איצט, אז בלויז אפ דער פריי קאָנ מענ פאַר געוואלדטאַט צאָלנ מיט געוואלדטאַט, אָבער ניט אינ קאַטאָרגע־טורמע. איצט האָב איכ זיכ איבערצייגט, אז נאָר אזעלכע אָנפאלנ, וואָס זיינענ בא די באדינגונגענ פונ קאַטאָרגע־טפיסע געגנ אקטיוו, זיינענ אימשטאַנד א וואקל צו טאָנ דעמ אווטאָריטעט פונ די שעפנ, דאָקטוירים אונ העכערנ פערסאָנאַל פונ דער טורמע.

איכ הויב אָנ גאָט צו בעטנ

צוויי אלטע באלטייוועניקעס

אינ רעזולטאַט פונ דעמדאָזיקנ אונ א צווייטנ ענלעכנ פאַל, האָט מענ מיכ ווידער אריבערגעפירט פונ מיינ קאַמערע אינ יענער זעלביקער קאַמערע פאַר ווילדע, ווו איכ האָב פריער פארבראַכט פיר פיינפולע טעג.

דעמ צווייטנ אינדערפרי נאָכדעמ ווי מע האָט מיכ צומ צווייטנ מאָל אריינגעזעצט אינ דער קאַמערע פאַר ווילדע האָט מיכ באזוכט דער פּראָפעסער טעבענ. איכ בינ געלעגנ אפנ פארישעשטנ מאַטראַץ, וועלכנ מע האָט מיר אריינגעוואָרפנ. אָבער דאָס מאָל בינ איכ נישט געווענ אזוי פארייִעשט,—מיכ האָט באהערשט א מינ הומאָריסטישע שטימונג. איכ האָב אָנגעהויבנ זיכ אליינ אָפּגעבנ דינ ווּעכעשבנ וועגנ דעמ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומענ אונ בינ געקומענ צומ אויספיר, אז גוט האָב איכ געטאָנ, וואָס איכ האָב מיר אויסגעקליבנ אזא מעטאָד פונ זעלבסטשוץ. פּראָפעסער טעבענ איז געווענ זייער א הויכער אונ פעסט־געבויטער

מענטש. אריינגעקומענ אינ קאמערע, האָט ער זיכ אָנגעשפּארט מיט דער פּלייצע צומביישטידל פונ דער צעעפנטער טיר, א קוק געגעבנ אפ מיר פונויבנ אראָפּ אונ געפרעגט: „נו, הערצ, ווי לעבט זיכ דאָס?" האָב איכ צונויפגעלייגט די הענט אפנ הארצנ, אונ קוקנדיק אפ אימ, האָב איכ אימ געענטפערט ערנסט אונ פּאמעלעכ:

— הער פּראָפעסער, מיר איז זייער גוט. איכ האָב ווידער אָנגעהויבנ גלויבנ גאָט צו בעטנ.

פּראָפעסער טעבענ איז זייער איבערראשט געוואָרנ, דערנאָכ האָט ער צוגעגעבנ: „אזוי, אזוי". זיינ פּאָנימ האָט אויסגעדריקט א גוואלטיקע דערשטוינונג, וואָס איכ האָב, ווי ער האָט געמיינט, זיכ אזוי געענדערט. ער איז צוגעקומענ נעענטער אונ האָט נייגעריק מיר געקוקט אינ פּאָנעמ. איכ האָב פּאָרגעזעצט:

— יאָ, הער פּראָפעסער, א גאנצע נאכט האָב איכ שטארק געבעטנ מיינ גאָט וואָס אינ הימל, אז איר זאָלט פּארפוילט ווערנ לעבעדיקערהייט.

דידאָזיקע ווערטער, וואָס זיינענ געזאָגט געוואָרנ זייער רויק האָבנ געמאכט אפנ פּראָפעסער א גוואלטיקנ איינדרוק. ניט געפונענ וואָס צו ענטפערנ, האָט ער מיט אָפענע מויל אונ אויערנ זיכ גענומענ קוקנ אפ מיר ווי אפ א געשפּענסט. ערשט אינ א שטיקל צייט ארומ האָט ער באהערשט זיינ פּארלוירנקייט אונ געפרעגט:

— איר ווילט אינדערעמעסנ זענ אזא שטראָף אפ אייערנ א נאָענטנ?

איכ האָב געענטפערט:

— יאָ, הער פּראָפעסער, איכ וויל, אז איר זאָלט אינגאנצנ שטיקלעכווייז אונ לאנגזאמ לעבעדיקערהייט פוילנ.

פּאר מיר איז געווענ א שטיפעריי זיינ שרעקנ זיכ, אונ איכ האָב זיכ קוימ איינגעהאלטנ פונ געלעכטער; אָבער ער האָט געוויס באמערקט אז איכ מאכ פונ אימ כויזעק. פּראָפעסער טעבענ האָט געפרעגט בא מיר, צו וויל איכ, מע זאָל מיכ אריבערפירנ פונ דער קאמערע פּאר ווילדע. איכ האָב געענטפערט, אז דאָ איז מיר אויכ זייער גוט, אונ אז ער קאָנ מיכ דאָ האלטנ ביז אימ וועט דערעסנ. ער האָט ניט געענטפערט א וואָרט ניט אונ איז זיכ אוועקגעגאנגענ.

נאָך מײַן ניט געלונגענעם פּרוּוו צו באַגײַג זעלבסטמאָרד האָט דער דאָקטער זיך דערשלאָגן, מע זאָל צײַטווײַליק מיך אַריבערפֿירן פֿון דער באַזונדערער קאַמערע אין אַן אַלגעמײנער, עס זײַנען וווּ געזעסן נאָך צווײ אַרעסטירטע; געטאָגן האָט מען דאָס, קעדײ אױסצומײַדן אַ צווייטן פּרוּוו צו באַגײן זעלבסטמאָרד. די אַלגעמײנע קאַמערע איז באַשטאַנען פֿון צווײ שכײַנעסדיקע פּיצינקע קעמערלעך. אין אײנעם האָבן מיר פֿאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג; אין צווייטן פֿלעגן מיר שלאָפֿן, דאָ זײַנען קוים געשטאַנען צווײ אײַזערנע בעטלעך,—דעם דריטן פֿלעג אױסקומען צו שלאָפֿן אױפֿן דיל. אײנער פֿון מײַנע שכײנים אַן אַלטיטשקער, אַ באַרג־אַרבעטער, אַלט דרײַ און זעכציק יאָר איז געװען גרײַז־גרױ; ער איז געװען פֿאַרמישפּעט צו אַ יאָר קאַטאָרגע־טורמע דערפֿאַר, װאָס ער האָט געלעבט מיט זײַנער אַ צװאַנציקיאָריקער טאָכטער. דער אַנדערער איז געװען אַ װעבער, אַ געבוירטיקער פֿון האָלאַנד, אַלט געװען איז ער נײַן און פֿופֿציק יאָר; ער איז אױך געװען פֿאַרמישפּעט צו אַ יאָר קאַטאָרגע־טורמע פֿאַר געשלעכטלעכער פֿאַרבינדונג מיט זײַנער אַן אַכצניאָריקער טאָכטער,

בײדע שכײנים זײַנען געװען גרױסע אַלקאָהאָליקער און האָבן שטאַרק געליטן דערפֿון, װאָס זײ האָבן קײן שפּירט־געטראַנקען ניט געהאַט. זײ האָבן זיך געפּרוּװט מיט קאָלערלײ מיטלען צו קריגן כאָטש װיפֿל־ניט־איז שפּירט אין טורמע. אין דעם סטאָליערישן טורמע־װאַרשטאַט האָט מען גענוצט אָפּ צו לאַקירן דאָס מעבל פּאָליטור, װאָס אַנטהאַלט אין זיך דענאַטוראַט. זײַנען די אױפֿזעמערס געװען די פֿאַרמיטלער צװישן די אַרעסטירטע, װאָס האָבן געאַרבעט אינעם טורמע־װאַרשטאַט און די אַרעסטירטע, װאָס האָבן ליב געהאַט דעם לעק, דער־דאָזיקער האַנדל איז געװען שטאַרק פֿאַרשפּרײט. פֿאַר אַ פּעקל טאַבאַק האָט מען געקאָנט באַקומען אַ קלײן ביסל פּאָליטור. אײנער פֿון מײַנע שכײנים האָט געזשליאָקעט דאָסדאָזיקע פּאַסקודסטװע. אים האָט שטאַרק אָנגעהױבן װײ טאָן אין בױך, און ער האָט געבראָכן, אָבער דאָס האָט אים װײניק װאָס געקימערט; ער איז געװען צופֿרידן, װאָס ער האָט כאָטש װיפֿל־ניט־איז אײַנגענעצט די קישקעס מיט שפּירט. דער צװײטער

איז געווען פיל גרינגער. ער האָט ארויסגעוויזן גרויס בקיאות אינעם דיסטילירן דעמדאָזיקן פּאָליטור. ער האָט מיט גרויס געדולד פילטרירט דעם פּאָליטור דורך קוילן, ברויט און צוקער, ביז ס'האָט זיך באַקומען ריינער שפּירט.

איינמאָל האָבן זיי אפילו אויסגעטרונקען א פלאַקאָן האָר־וואסער וועלכן עס האָט מיר געבראַכט מיין פאַרטיידיקער בראָ. איך האָב זיך געשראָקן, אז דאָסדאָזיקע געמיש פון זיים־וואסער מיט דער עסענץ פון קראָפּיווע וועט זיי קאַליע מאַכן די מאָגנס; ס'האָט זיי אָבער גאָרניט ניט געשאַדט,—פאַרקערט, זייערע פּעַנימער האָבן געלויכטן פאַר פרייד, ביז זיי האָבן אויסגעזויגן דאָס גאַנצע פלעשל.

דאָס זיצן טאָגטעגלעך איינגעדרייען אין דעררדאָזיקער ענגער קאַמערע איז געוואָרן ניט אויסצוהאַלטן. אַלע דריי האָבן געמוזט זיצן אין איין קעמערל, ווייל אין אַנדערע איז אפילו ניט געווען קיין טיש, וווּ צו שרייבן אָדער צו עסן. אין קעמערל איז געשטאַנען איין פּאַראַשע, וווהין מיר פלעגן אַלע גיין. ס'איז געווען טעג, באַזונדערס נאָך שלעכט ברויט אָדער נאָך א שלעכטן זופּ, וואָס פאַרשטאַרקט די פאַרדייונג, ווען מיר זיינען אַלע דריי קימאַט ניט אָפּגעטראָטן פון דער פּאַראַשע. דעמאָלט איז געווען אַן איפּעש מאַמעש ניט אויף איבערצוטראָגן.

איך האָב געוואָלט בעטן די אַדמיניסטראַציע, זי זאָל מיך ווידער איבערפירן אין אַן איינצל־קאַמערע; איך האָב דאָס אָבער ניט געטאָן, קעדיי די איבעריקע אַרעסטירטע זאָלן מיך ניט חושד זיין, אז איך האַלט פאַר אַן אומקאָוועד צו זיין אין א געזעלשאַפט פון קרימינעלע פאַרברעכערס. כוצדעם איז דאָס זיצן אין אַן אַלגעמיינער קאַמערע געווען פאַר מיר אַן אָנשוילעכע סאָציאַלע לעקציע.

ווי ביידע אַרעסטירטע האָבן מיר דערציילט, זיינען זייערע עלטערן אויך געווען שיקורים. קאָנטיק, אז זייער געשלעכטלעכע אויסגעלאַסנקייט און דער אַלקאָהאָליזם איז זיי געקומען פון די שרעקלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן פאַרבראַכט אין די קינדער־יאָרן.

מיינע פרווון צו דערקלערן זיי דעם טאָכ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אַרויסגערופן בא ביידע קרימינעלער א ווארעמען אָפּרוף.

די לעצטע וואָכנ פונ אונדזער געמיינזאמער לעבנ האָב איכ געפירט מיט זיי לאנגע שמועסנ, אָבער גלייכצייטיק דערמיט האָט מיכ געמאטערט דער געדאנק, אז נאָכדעם ווי מע וועט זיי באפרייען פונ דער טורמע וועלנ זיי זיכ אומקערנ צומ פריערדיקנ ארט לעבנ. ס'איז שוינ צו שפעט געווענ זיי איבערצודערציענ. זיי האָבנ געהאט בלויז איינ ציל אינ לעבנ: וואָס מער געניסנ אינ די עטלעכע יאָרנ, וואָס זיי איז נאָכ געבליבנ צו לעבנ.

מיר אלע דריי האָבנ זיכ באשעפטיקט מיט איבערנוצעווענ אלטע קאָנווערטנ—אנ ארבעט, וואָס האָט בא אונדזער גאנצנ ווילנ אונדז ניט געקאָנט פארינטערעסירנ. דער כוידעשלעכער פארדינסט פונ די ארעסטירטע, וואָס האָט באטראָפנ צוואנציק־דרייסיק פעניק האָט ניט געקאָנט דעקנ אפילע די פאָסט-הוצאָעס. איכ האָב זיכ אָפגעזאָגט פונ דערדאָזיקער ארבעט אונ געפונענ פאר גלייכער זיכ אָפגעבנ מיט דערלערנענ די פילאָזאָפישע ליטעראטור אונ מאקס בעערס „געשיכטע פונ סאָציאליזמ״; מיר איז אויסגעקומענ צו ווארטנ לאנג, ביז איכ האָב לעסאָף באקומענ דידאָזיקע ביכער.

מיינ הונגער־שטרייק מיט שאָקאָלאד

ווענ איכ בינ געזעסנ איבער די ביכער האָב איכ אָפט דערהערט א רעווענ, ווי עמעצער זאָל שרייענ פונ ווייטעק. קיינ באווייזנ, אז דאָס זיינענ קוילעס פונ די ארעסטירטע, וואָס די אופזעערס שלאָגנ זיי, האָב איכ ניט געהאט. מיר האָט דער טורמע־שעפ ניט איינמאָל געמאָלדנ, אז נאָר איכ איינער פונ אלע ארעסטירטע קלאָג זיכ, אז מע באגייט זיכ מיט מיר אכזאָריעסדיק, אז די אופזעערס שלאָגנ גאָר ביקלאל קיינמאָל ניט די ארעסטירטע.

איכ האָב געפרעגט בא איינעמ פונ די אופראָמערס, וואָס איז די סיבע פונ די אָפטע געשרייענ, וואָס איכ הער; צי שלאָגט מענ עס ניט קיינ ארעסטירטע אונ צי איז אימ גופע אויסגעקומענ צו זענ, ווי מע פייניקט ארעסטירטע? ער האָט מיר באשטעטיקט, אז ווירקלעכ שלאָגנ אָפט די אופזעערס די ארעסטאנטנ, אז די ארעסטירטע גופע שלאָגנ אָפט

איינע די אנדערע. ער האָט מיר געזאָגט, אז ער טאָר מיר דאָס ניט דערציילנ אונ האָט מיכ זייער געבעטנ, איכ זאָל אימ ניט אויסגעבנ, ווייל ער קאָנ פארלירנ זיינ שטעלע, וואָס גיט אימ גרויסע לעהאָטעס. ער וועט ווידער זיכ פאקנ אינ א באזונדערער קאמערע, וועלכע האָט אימ שוינ שיר פונ זינענ גערירט. ער איז צופרידנ, וואָס ער האָט דאָס רעכט ארומלויפנ באטאָג איבער די קאָרידאָרנ. סראָוו שלאָגנ די אופזעערס די ארעסטאנטנ, בעיס זיי פירנ זיי אינ קארצער.

דער אופראָמער האָט מיר צוגעזאָגט א קלאפ צו טאָנ אינ טיר, בעיס מע וועט פירנ וועמענ־ניט־איז פונ די ארעסטירטע אינ קארצער; גלייכ נאָכ דעמ האָב איכ געדארפט א „צי טאָנ דעמ פאריקער", קעדיי דער אופזעער זאָל אנ עפנ טאָנ מיינ טיר; אונ איכ זאָל בעטנ בא אימ וואסער. אינ דער צייט האָב איכ באדארפט זיכ פרוונ א קוק געבנ איבער דער פארענטשע אינ דעמ פליגל, ווו ס'געפינט זיכ דער קארצער.

איכ האָב געפאָלגט דעמ אופראָמער אונ מיט מיינע אויגנ געזענ, ווי די אופזעערס האָבנ אפנ וועג אינ קארצער געשלאָגנ די ארעסטירטע מיט די בינטנ שליסל אונ מיט אלצ, וואָס זיי האָבנ נאָר געכאפט אינ האנט. די פאָרזיכטיקע אופזעערס שלאָגנ ניט אליינ די ארעסטירטע, נאָר זיי גיבנ איבער די זאכ די אופראָמערס, ד. ה. ארעסטירטע טאקע. אלס לוינ דערפאר באקומט דער אופראָמער פונעמ אופזעער א פעקל קיי־טאבאק, א פיידע ברויט, אָדער עפעס־וואָס אנדערש.

זייער שלעכט איז אויכ געווענ די לאגע מיטנ וואשנ זיכ. לויט די איינגעשטעלטע טאקאָנעס, דארפנ אלע ארעסטירטע זיכ ארומוואשנ צומ ווייניקסטנ איינ מאָל אינ צוויי וואָכנ. פאקטיש אָבער האָט מענ אונדז געפירט אינ באָד איינ מאָל אינ כוידעש אונ אמאָל אויכ איינ מאָל אינ צוויי כאדאָשימ. דאָס וואשנ זיכ גופע איז אויכ געווענ ניט באקוועמ. אפ אכט הונדערט ארעסטירטע איז בלויז געווענ פינפ—זעקס דושנ. די ארעסטירטע האָט מענ געפירט פארטיעס־ווייז. מע האָט נאָכ ניט באוויזנ זיכ אויסצוטאָנ, האָט מענ שוינ געלאָזט די וואסער, דערביי בלויז אפ געציילטע סעקונדעס. אינ דערדאָזיקער קורצער צייט האָבנ די ארעסטירטע באדארפט זיכ אָנזייפנ אונ גלייכ אָפשווענקענ די זייפ,

איז דאָס אָבער אומעגלעך געווען פאַר די געציילטע עטלעכע רעגעס. אין רעזולטאַט פון אַזאַ „וואַשן" זיך פלעגט בלייבן אויפן לייב די גאַנצע זייף־שוים, און דאָס לייב איז געוואָרן נאָך ברודיקער איידער פריער. די אַרעסטירטע פלעגן אָפט נאַטערהייט כאַפּן אַ זיך די האַלבאָשע ווייל בײַ דער טיר איז שוין געשטאַנען אַ צווייטע פּאַרטיע אַרעסטירטע: זיי האָט אויך דערוואַרט די זעלביקע „באָד".

אין טורמע איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו רויכערן. מיר האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קויפן אָדער צו באַקומען טאַבאַק. ניט געקוקט דערויף, האָט מען קימאַט אין אַלע קאַמערעס זייער פיל גערויכערט. פאַר דעם לוין, וואָס די אַרעסטירטע האָבן באַקומען, האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט צו קויפן קיי־טאַבאַק. די אַרעסטירטע, וואָס פלעגן צוקלייבן די קאָרידאָרן און אַרויסטראָגן די פּאַראַשעס, האָבן גאַנץ היפּשלעך אונטערגעהאַנדלט מיט איבערגעקייעטן שמוציקן טאַבאַק. דעמדאָזיקן טאַבאַק פלעגן טייל אַרעסטירטע, פאַרברענטע רויכערער, אויסטריקענען, צעשניידן און דרייען פון אים ציגייערס אין קליינע שטיקלעך צייטונג־פּאַפּיר. די אַרעסטירטע פלעגן מאַכן פאַר זיך פּרימיטיווע צינד־מאַשינקעס פון באַוועלעך, מעטאַלישע הויזן־קנעפּלעך און שטיינדעלעך, וועלכע זיי פלעגן אָנקלייבן אין הויף בעתן שפּאַציר. אַ קנויט פלעגן זיי מאַכן פון אַ שטיקל צייג, אָפּגעשניטן פון אַ קאָלדרע, אַ לייבל אָדער אַ האַנטעך, און דאָס פלעג זיי קלעקן אויף אַ וואָך—צוויי.

דאָס רויכערן קיי־טאַבאַק,—דערצו נאָך געדרייט אין צייטונג־פּאַפּיר— האָט זייער שעדלעך געווירקט אויפן געזונט פון די אַרעסטירטע; באַזונדערס האָט עס געשאַדט די טובערקולאָזע. גאַנץ אָפט פלעגט מען פּאַקן די אַרעסטירטע בעתן רויכערן. די אויפזעערס האָבן בײַ טאָג און בײַ נאַכט ניט אויפגעהערט צו קוקן דורכן „שפּיאָן"־אויג, צי רויכערט ניט ווער פון די אַרעסטירטע; די שולדיקע פלעגט מען איינזעצן אין קאַרצער. באַזונדערס שטרענג פלעגט מען באַשטראָפן פאַרן מאַכן די קנויטן. פאַר קאַליע־מאַכן אַ וועלכע ניט איז זאַך פון דעם טורמע־אינווענטאַר פלעגט מען איינזעצן אויף דריי—פיר וואָכן, און, כוצדעם, האָט דער אַרעסטירטער באַדאַרפט נאָך אויסקערן דעם קאָסט פון דער צעשניטע־

נער קאָלדרע אָדער לײַבל. די אַרעסטירטע זײַנען אָבער געװען גרײט אָפּצוקומען אַ שװערע שטראָף, אַבי ניט אופֿהערן צו רויכערן.

ניט אײנמאָל פֿלעגט מיך אַלײן אָנכאַפּן אַ כײשעק אויסצורויכערן אַ סיגאַר אָדער אַ פּאַפּיראָס, איך האָב אָבער זיך ניט אַנטשלאָסן צו פֿאַרבײַטן זײ מיטן דאָזיקן איפּעש—מיטן עקלהאַפֿטיקן איבערגעקײַעטן טאַבאַק. בלויז אײנמאָל האָב איך אים געפּרוּװט צו רויכערן, איז מיר געװאָרן אַזוי ניט גוט, אַז איך האָב לאַנג ניט געקאָנט קומען צו זיך.

דער ראַטגעבער פֿונעם פּרײַסישן יוסטיץ־מיניסטעריום, װאָס האָט מיך באַזוכט די ערשטע כאַדאָשים פֿון מײַן זיצן אין טורמע, האָט מיר געזאָגט, אַז ער װעט מיר געבן אַ דערלויבעניש צו רויכערן. איך האָב אים געפֿרעגט, צי װעלן באַקומען אַ דערלויבעניש אויך די איבעריקע פּאָליטישע און קרימינעלע אַרעסטירטע. ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז דאָס איז צו אַ גרויסע פֿאָדערונג, און אַז דערמיט װערט געבראָכן די טורמע־דיסציפּלין. דאַן האָב איך זיך אָפּגעזאָגט אויסצונוצן די דערלויבעניש, װאָס איז געגעבן געװאָרן בלויז מיר אַלײן.

מיט דער צײַט בין איך געװויר געװאָרן, אַז אין דער מינסטערער טורמע פֿלעגן זיך פֿון הונדערט ביז צװײ הונדערט פּאָליטישע אַרעסטירטע.

פֿונדעסטװעגן האָב איך קײן מעגלעכקײט ניט געהאַט אײַנצושטעלן אַ פֿאַרבינדונג מיט די אַרעסטירטע פּאַרטײַשע כאַװײרים. מײַן באַקאָשע װעגן אַריבערפֿירן מיך אין אַן אַלגעמײנער קאַמערע צוזאַמען מיט עטלעכע כאַװײרים האָט די טורמע־אַדמיניסטראַציע גלײַך אָפּגעװאָרפֿן. ערשט אין די לעצטע כאַדאָשים האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צוזאַמענקומען זיך מיט אײן כאַװער.

נאָך ריזלעך 1922 יאָר איז אין טורמע פֿאָרגעקומען אַ גרויסער סקאַנדאַל. מ'האָט אויפֿגעדעקט אין דער טורמע־קיך און אין דער בעקערײַ אַ גרויסע ספּעקולאַציע מיט מעל און מיט אַנדערע פּראָדוקטן. אין דער ספּעקולאַציע זײַנען געװען פֿאַרמישט טורמע־אָנגעשטעלטע. האָט מען פֿאַרביטן אַלע אַרעסטאַנטן, װאָס האָבן געאַרבעט אין קיך און אין דער בעקערײַ; בײַ אײנעם פֿון זײ האָט מען אַפֿילע געפֿונען

א ביכל פונ א שפּאָר־קאַסע. ס׳האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז איינער פונ די אָנגעשטעלטע פלעגט סיסטעמאַטיש ארויסטראָגנ פונ דער טורמע א מאַסע פּראָדוקטנ; א טייל פונ זיי האָט ער געברויכט פאַר זיכ. די שפּייז־פּראָדוקטנ האָט מענ געריבנ אפנ כעזשבנ פונ די פּאָרציעס פאַר די ארעסטירטע, וואָס זיינענ פונ טאָג צו טאָג געוואָרנ קלענער. גראָד אינ דער מינסקער טורמע זיינענ אָפּט געווענ אומרוענ אינ צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס דאָס עסנ איז געוואָרנ אלצ ערגער אונ ערגער. ס׳איז דערגאנגענ ביז אנ אָפענער מערידע.

גאנצע כאָדאָשים פלעגט מענ אונדז ארויסגעבנ ביטער אונ רוי ברויט, וואָס פלעגט ארויסרופנ בא די ארעסטירטע ערנסטע מאָגנ־קראנקהייטנ. דאָס ברויט פלעגט גיכ אָנהויבנ צו שימלענ.

מענצעל, א מיטגליד פונעמ לאנדטאג, האָט באזוכט אינ יענער צייט די מינסקער טורמע. איכ האָב מיט אימ גערעדט וועגנ דעמ, אז מע גיט אונדז שלעכט עסנ, אז מע קאָנ דאָס ברויט ניט נעמענ אינ מויל אריינ. דערהערט דאָס, האָט דער טורמע־שעפ שיידהעס, וואָס איז בייגעווענ בעת מיינ געשפּרעכ מיטנ דעפּוטאט, אזש אונטערגעשפּרונגענ. ער האָט פאָרגעלייגט מענצעלנ צו פארזוכנ א שטיקל ברויט פונ דעמ, וואָס איז געווענ בא אימ אינ צימער. מענצעל האָט פארזוכט דאָס ברויט אונ נאַיוו געענטפערט: „יאָ, קיינ בעסער ברויט האָבנ מיר אינ דער היימ אויכ ניט, דאָס ברויט איז זייער גוט". באמ טורמע־שעפ האָט דאָס פּאָנעמ געלויכטנ פאַר פרייד: אויב ס׳וועט זיכ איצט עמעצער קלאָגנ, וועט ער שטענדיק קאָנענ זיכ פארופנ אפנ דעפּוטאט, וואָס האָט געגעבנ א פולקאָמ גינסטיקנ אָפּרופ וועגנ דעמ ברויט.

שפּעטער מיט א האלב יאָר האָט באזוכט די פּאָליטישע ארעסטירטע אינ דער מינסקער טורמע דער כאָווער שטעקער, מיט וועמענ איכ האָב גערעדט אינ דער אָנוועזנהייט פונעמ טורמע־שעפ. האָט ער זיכ ניט געלאָזט פארפירנ. ווענ איכ האָב זיכ אָנגעהויבנ קלאָגנ אפנ שלעכטנ עסנ, אונ שיידהעס האָט אימ פאָרגעלייגט צו פארזוכנ דאָס ברויט, האָט שטעקער געענטפערט: „אדאנק הער שעפ, איכ וויים גוט נאָכ פונ דער מיליטער־דינסט, ווי אזוי מע קאָנ אורטיילנ לויט דידאַקטישע פּראָבע־פּאָרציעס".

מיינע צוזאמענשטויסן מיט דער אדמיניסטראציע זיינען געוואָרן אָפטערע; דעמאָלט האָב איך דערלאנגט א מעלדונג אין דער פּראָקוראטור וועגן אריבערפירן מיך אין א צווייטער טורמע. מע האָט מיין באקאָשע ניט באפרידיקט. דאן האָב איך זיך געווענדעט דורך מיינע פארטיידיקער צום פריסישן יוסטיץ־מיניסטעריום. איך האָב אָנגעוויזן, אז דאָס בלייבן אפ ווייטער אין דער מינסטערער טורמע אין די באדינגונגען פון אומאפהערלעכע צוזאמענשטויסן מיטן טורמע־שעף פירט אומפארמיידלעך צו א קאטאסטראָפע. אָבער אויך דידאָזיקע אינסטאנץ האָט אָפגעוואָרפן מיין הישטאדלעס; זי האָט זיך פארופן אף דעם, אז אין אן אנדער טורמע וועט דער אופזיכט איבער מיר זיין ניט קיין גענוג זיכערער.

בעיס מע האָט מיך אינטערנירט נאָכן קאפ־פוטש אין טשעכאָסלאָוואקיע האָב איך דורך א הונגער־שטרייק זיך דערשלאָגן דערצו, אז מע האָט באפרידיקט מיינע פאָדערונגען. וועלנדיק זיך דערשלאָגן דערצו, אז מע זאָל מיך אריבערפירן אין א אנדערער טורמע, האָב איך איצט זיך געפרווּט אָנצווענדן דאָסזעלביקע מיטל. די אופראָמערס און אנדערע ארעסטירטע, וואָס האָבן זיך דערוווּסט, אז איך קלייב זיך צו דערקלערן א הונגער־שטרייק, האָבן מיך געראָטן צו באזאָרגן זיך מיט שאָקאָלאד און בעיסן דורכפירן דעם הונגער־שטרייק אופעסן אלע טאָג א קליינע פּאָרציע שאָקאָלאד—דאָס וועט מיר געבן א מעגלעכקייט אויסצוהאלטן דעם הונגער־שטרייק וואָכנווייז אזוי, אז עס זאָל ניט שאטן דעם געזונט. ס'האָט זיך אָבער באקומען לאכלוטן א קאפוירער רעזולטאט: מאכמעס דעם, וואָס איך האָב אלע טאָג אופגעגעסן א קליין שטיקעלע שאָקאָלאד, צו א קליינס אז איך זאָל קאָנען פארהיטן דאָס געזונט און צו א גרויס אפ צו קאָנען שטארבן, האָב איך זיך ניט געקאָנט באפרייען פון דער שרעקלעכער הונגער־פיין. אָבער כוץ דעם, וואָס דער געפיל פון הונגער האָט מיך אף א ווײלע ניט אָפגעלאָזט, האָט די קנאפע שפייז מיינע געבראכט נאָך אנדערע רעזולטאטן. מאכמעס דעם, וואָס כוץ שאָקאָלאד האָט מיין מאָגן קיין שום שפייזן ניט באקומען, און באזונדערס קיין פליסיקייטן,—איך האָב זיך אפילע אָפ־

געזאָגט פון וואסער,—האָט ער לאַכלוטן אופגעהערט צו [illegible]. אין פארלויפ פון עטלעכע וואָכן שוין נאָכן הונגער־שטרייק האָב געהאט צו טאָן פון שטארקער אצירעס, און איך האָב זיך אָנגעליטן מיט אומגעהויערע ווייטעקן. דערדאָזיקער פרווו פון א הונגער־שטרייק מיט שאָקאָלאד איז געווען פאר מיר זייער באַלערעוודיק. אין די קומנדיקע הונגער־שטרייקן, וואָס איך האָב דורכגעפירט אין מינסטער, ברעסלאוו, און גרויס סטרעליץ, האָב איך שוין קיין שום שפייז ניט פארנומען.

איידער איך בין צוגעטראָטן צו מיין ערשטן הונגער־שטרייק האָב איך איינגעגעבן דעם טורמע־שעפ א מעלדונג וועגן דעם, אז איך זאָג זיך אָפ פון עסן און וואסער, ביז מע וועט מיך ניט אריבערפירן אין אן אנדער טורמע. אָבער שוין אין ניין טאָג ארום האָב איך געמוזט אָפשטעלן דעם הונגער־שטרייק. איך בין געווען שטארק צעבראָכן, און איך האָב באקומען א געפערלעכע היץ. מיין גאנצ לייב איז געווען ווי א העליש־פייער, די ליפן זיינען צעטריקנט געוואָרן, און איך האָב ניט געקאָנט אפילע ארויסשעפטשען קיין וואָרט. באנאכט איז מיין צושטאנד געווען אזוי געפערלעך, אז מיין שאָכן אין קאמערע האָט געמיינט, איך וועל ביז טאָג ניט דערציען. האָט ער אָנגעהויבן צו קלאפן שטארק מיט די פוסטן אין טיר, ביז ס'איז געקומען דער אופזעער, בא וועמען ער האָט געבעטן וואסער פונמיינעטוועגן,—אין קאמערע איז ניט געווען אפילע קיין טראָפן. דער אופזעער האָט געענטפערט, אז איינער אליין האָט ער ניט דאָס רעכט צו עפענען די קאמערע און נאָך אן אופזעער איז איצט אומעגלעך צו געפינען. מיין שאָכן האָט זיך אָבער ניט בארויקט,—האָט ער אויסגעזוצט דאָס קליינע שויבל פונעם „שפיאָן“־אויג, אריינגעשטעלט אין דערדאָזיקער לאָך א פאפירן רערל פון א פאָר סאנטימעטער די ברעט, דער אופזעער האָט געגאָסן פון א קוואָרט אין רערל אריין וואסער, און דער ארעסטירטער האָט זי אָנגענומען אין מויל און זי איבערגעגאָסן אין א צווייטער קוואָרט. ס'האָט געדויערט פיל כאדאָשים, ביז איך האָב זיך געשטעלט אפ די פיס נאָכן דאָזיקן הונגער־שטרייק.

מיינ הונגער־שטרייק האָט צו גאָרניט ניט געבראכט: מע האָט מיכ אינ קיינ צווייטער טורמע ניט אריבערגעפירט.

בעייס איכ האָב זיכ אָפגעזאָגט פונ עסנ, האָט דער טורמע־שעפ מיר געמאָלדנ, אז אימ הויבט ניט אָנ צו ארנ, וואָס איכ האָב דערקלערט א הונגער־שטרייק, אבי ער גופא איז זאט. דידאָזיקע פראזע, וואָס איז געזאָגט געוואָרנ מיט א שמייכל, האָט מיכ נאָכ מער אופגעבראכט אפ אימ; האָב איכ אימ ווידער אָנגעשפיגנ אינ פאָנעמ אריינ. דערפאר האָט מענ מיכ דאָס דריטע מאָל אריינגעזעצט אינ דער קאמערע פאר ווילדע.

איינמאָל האָט מענ געבראכט צו מיר אינ קאמערע א נייעמ ארעסטירטנ; די אופראָמערס האָבנ מיכ געוואָרנט, אז ער איז א ביטע־רער יונג, אז ער גיט אויס די ארעסטאנטנ אונ אפילע די אָנגעשטעלטע, אונ אז דער טורמע־שעפ האָט אימ אריינגעזעצט צו מיר צוליב שפיאָנאזש.

טאָג איינ טאָג אויס האָט ער געהאלטנ אינ איינ דערציילנ מייסעס וועגנ זיינע שווינדלערישע אונ גנייוועשע גענג. דערדאָזיקער יאט האָט געמאסערט זיינ קאלע, א קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע, אז זי וויסט וועגנ זיינע גנייוועס. האָט מענ אימ געגעבנ עטלעכע יאָר קאטאָרגע־טורמע, אונ זיינ קאלע—זעקס כאדאָשימ ארעסט. זי האָט ניט געקאָנט איבער־טראָגנ דעמ פארדראָס אונ איז באגאנגענ זעלבסטמאָרד אינ טורמע. דערדאָזיקער נידערטרעכטיקער יונג האָט זיכ מודע געווענ מיר אונ אנדערע ארעסטירטע, אז דאָס איז געווענ א פאלשע מעסירע. אויס־הערענדיק זיינע מייסעס וועגנ די געמיינע פארברעכנס, וואָס ער איז באגאנגענ, האָב איכ באשלאָסנ אומבאדינגט אימ ארויסשליידערנ פונ דער קאמערע. די טורמע־אָנגעשטעלטע האָבנ אויכ פיינט געהאט דעמ־דאָזיקנ פאסקודניק; איבער אימ האָט געפאטערט די שטעלע אונ די פענסיע דער פארוואלטער פונעמ ווארשטאט. א דריי—פיר שפאנ פונ די הויכע טורמע־ווענט, אָבער אויסער זיי, איז געשטאנענ א הויז, ווו ס'האָבנ געוווינט פריוואטע איינוווינער. דאָרט האָט געוווינט א יונגע פאבריק־ארבעטערנ. אויספילנדיק די פליכטנ פונ אנ אופזעאָמער, האָט

דער ארעסטירטער געקאָנט זי באמערקן דורכן פֿענצטער. דערוווּסט זיך איר נאָמען, האָט ער אָנגעהויבן איר שרייבן בריוו בעגנייווע. ער האָט איינגעבעטן איינעם א גוטמוטיקן אויפֿזעער פֿון א יאָר זעכציק, ער זאָל איר איבערגעבן די בריוו אומלעגאל. די נייגיריקע באלעבאָסטע, וואָס בא איר האָט געוווינט דאָסדאָזיקע מיידל, האָט זיך אָנגעשטויסן לויטן אינהאלט, אז די בריוו האָט געשריבן אן ארעסטירטער, האָט זי זיי אָפּגעטראָגן דעם טורמע־שעף. ער האָט געגעבן א פֿאראָרדענונג דורכצומאכן א שטרענגע אויספֿאָרשונג. צוליב עפּעס א סיבע איז דער כשאד געפֿאלן אפֿן עלטסטן אָנגעשטעלטן. דער ארעסטירטער דער בריוו־שרייבער איז געווען א פֿאכדן און מוירע געהאט צו נעמען אפֿ זיך די שולד, האָט ער דערציילט די גאנצע מייסע. דעם אויפֿזעער האָט מען גלייך אָפּגעזאָגט, איבערגעגעבן אין געריכט, און ער איז אָפּגעקומען זיין שטראָף.

דאָס שוואכע אָרט פֿון דער טורמע־אָרדענונג

מיין קאמף הייבט זיך אָן

איך האָב זיך געווענדעט צו דער אדמיניסטראציע מיט א באקאָשע, מע זאָל צונעמען פֿון מיין קאמערע דעם ארעסטירטן, דערפֿאר וויל זיינע מייסעס וועגן די באגאנגענע שווינדלערייען ווירקן מיר אפֿ די נערוון. די אדמיניסטראציע האָט אָבער ניט באפֿרידיקט מיין באקאָשע. און כ'בין געצוווּנגען געווען אָנצווענדן אנדערע מיטלען אפֿ צו באפֿרייען זיך פֿון דערדאָזיקער אָנשיקעניש. אלע מאָל, ווען מע האָט אין דערפֿרי און אינאָוונט אויפֿגעעפֿנט מיין קאמערע, קעדיי איך זאָל ארויסשטעלן די פּאראשע און אריינעמען וואסער און עסן, פֿלעג איך ארויסלויפֿן פֿון דער קאמערע מיט דער שיסל אין האנט, זיך אוועקזעצן אפֿן שטיינערנעם דיל און מעלדן, אז איך וועל זיך ניט אומקערן צוריק אין קאמערע, סיידן מע וועט ארויספֿירן פֿון דאָרטן מיין שאָכן. די אויפֿזעערס איז אויסגעקומען א מאָל זעקס אין טאָג מיך שלעפּן מיט געוואלט אין קאמערע. יעדעס מאָל, ווען זיי פֿלעגן מיך שלעפּן, פֿלעג

איכ אָנהײבנ צו לײענענ הויכ אפ א קאָל רעװאָליוציאָנערע לידער, אונ מײנ שטימע פלעג שוידערלעכ אָפהילכנ אינ אלע קאָרידאָרנ. דעמדאָזיקנ קאמפ מיטנ מעטאָד פונ אָבסטרוקציעס האָב איכ געפירט צװײ װאָכנ דורכאנאנד, ענדלעכ האָט דאָס דערעסנ די אויפזעערס — האָבנ זײ געמאָלדנ דעם שעפ, אז װײטער קאָנ דאָס אזוי ניט גײנ... ערשט נאָכ דעם אלעמ האָט מענ איבערגעפירט דעם ארעסטירטנ אינ א צװײטער קאמערע.

די אדמיניסטראציע קאָנ דורכפירנ פלאנמעסיק איר „טורמע־אָרדע־נונג" בלויז בא אנ אבסאָליוטער רויִקײט. קיים אָבער הערשט א מינדסטע אומאָרדענונג אָדער אנ אומרויִקע שטימונג צװישנ די ארעסטירטע װערט טאָרמאָזירט די ארבעט פונעמ גאנצנ טורמע־אפאראט. דאָס פלאנמעסיקע אונ ענערגישע שטערנ די רו פונ דעם טורמע־אפאראט האָט דיזעלביקע װירקונג, װאָס זאמד, װעלכע מע שיט ארײנ אינ דער טרײב־ראָד פונ א מאָטאָר. דאָס טאָגטעגלעכע רעװענ פיטנ גאנצנ קויעכ, א רעװענ מיט האס אונ מיט צאָרנ, װאָס גײט פונ די קאמערעס, הילכט מוירעדיק אָפ איבער די קאָרידאָרנ, אונ דאָס שטערט די רו אונ די „אָרדענונג" פונעמ רויִקנ שטײנערנעמ קײװער. אָט דאָס איז טאקע געװענ דאָס שװאכסטע אָרט פונ דער טורמע־אָרדענונג. מיט דעם האָב איכ עס באשלאָסנ אָנצוהויבנ מײנ קאמפ, דורכנ מעטאָד פונ אָבסטרוק־ציעס, אונ אפ אזא אופנ צװינגענ די אדמיניסטראציע מיכ איבערצו־פירנ אינ א אנדער קאטאָרגע־טורמע.

צו דער אָבסטרוקציע בינ איכ צוגעטראָטנ באנאכט. איכ האָב זיכ ארײנגעשפארט אינ פענצטערל אונ אָנגעהויבנ צו דעקלאמירנ מיט א הילכיקער שטימע אלע רעװאָליוציאָנערע לידער אונ געזאנגענ, װעלכע איכ האָב געקאָנט אפ אויסװײניק. דאָזיקע רעװענ אינ דער שוידער־לעכער נאכט־שטילקײט, װאָס הילכט אָפ איבערנ גאנצנ הויפ, װירקט װי אנ אָנשטעקנדיקע קרענק. א טײל ארעסטירטע, װאָס האָבנ זיכ אופ־געכאפט האָבנ גערעװעט צוזאמענ מיט מיר, אנדערע האָבנ זיכ געזידלט, פארװאָס מע לאָזט זײ ניט שלאָפנ אונ האָבנ געקלאפט מיט די טאבורעטנ אינ די טירנ אפ דול צו װערנ. די קנאפע צאָל דעזשורנע אויפזעערס זײנענ ארומגעלאָפנ צעטומלטע איבער די קאָרידאָרנ, געקלאפט אינ

די טירן און געראפן צו אָרדענונג. אפ זיי האָט אָבער קיינער קיין אכט ניט געלייגט, און ווייניקער ווי אלע—איך. אָנגעהויבן דעמראָזיקן קאמף, האָב איך אים באדארפט דערפירן ביזן סאָף, ביז די טורמע־אדמיניסטראציע אָדער דאָס מיניסטעריום, וואָס וועט זיך וועגן דעם דערוויסן, וועט באפרידיקן מיין פאָדערונג און וועט מיך אריבערפירן אין אן אנדער טורמע. דערביי האָב איך באשלאָסן זיך ניט אָפשטעלן פאר קיינע גוואלדטאט־מיטלען און באשטראָפונגען, וואָס קאָנען אָנגעווענדעט ווערן צו מיר אין רעזולטאט פון דעראָזיקער אָבסטרוקציע.

דער טורמע־דאָקטער האָט געגעבן א פאראָרדענונג מיך אריבערצופירן אין לאזאַרעט, דערפאר וויל אין רעזולטאַט פונעם הונגער־שטרייק און נערוון־דערשיטערונג בין איך זייער אָפגעשוואכט געוואָרן. איך בין שוין אפילע ניט אימשטאנד געוואָרן מאכן צוויי שפאן פונעם בעטל צו דער פאראשע—איך פלעג פאלן פון די פיס. אין פארלויף פון עטלעכע כאדאָשים פלעג איך בעייסן שפאציר, און אפילע אום ווינטער, ליגן אין הויף אפ א בעטל, ווייל איך האָב קיין קויעך ניט געהאט צו פלאָנטען מיט די פיס. ניט געקוקט דערופ, האָב איך אויך אין לאזארעט פאָרגעזעצט מיינע אָבסטרוקציעס.

אלע דריי פרוון פונעם טורמע־שעף צו פארשפארן מיך אין דער קאמערע פאר ווילדע און מאכן מיך אפ אזא אויפן געהאָרכזאם און פאָלגעוודיק האָבן זיך ניט איינגעגעבן. איצט האָט דער טורמע־שעף באשלאָסן אָנצווענדן צו מיר א ניי מיטל. אין דער שפיטאָל־פאלאטע, וווּהין מע האָט מיך אריינגעבראכט צוזאמען מיט נאָך צוויי ארעסטאנטן זיינען געווען פיר פענצטער. האָט דער טורמע־שעף געגעבן א פאראָרדענונג צו פארמויערן דריי פון זיי, וועלכע האָבן ארויסגעקוקט אפ דער זוניקער זייט. אין קאמערע איז געוואָרן זייער פינצטער און קאלט.

איבער אונדז זיינען געווען די באקאנטע שוין צוויי שוידערלעכע קאמערעס פאר ווילדע, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געשטאנען ליידיק. בלויז דער דיל האָט מיך אָפגעטיילט פון די ארעסטירטע, מיט וועמען מע איז זיך אזוי איצט אכזאָריעסדיק באגאנגען אין דידאָזיקע לעבע־

דיקע קוואָרימ, ווי פריער מיט מיר. איכ האָב געדענקט דעמ ספעציפישנ געשטאנק פונ דידאָזיקע קאמערעס אונ געוווסט, ווי שעדלעכ ער ווירקט אפ מענטשנ. טאָג אונ נאכט האָבנ מיר געהערט די זיפצנ, דעמ געיאָמער אונ דאָס קלאפנ אויס ייִעש אינ סטעליע.

אלס קלאל, האָט מענ באדארפט ארייַנזעצנ אינ די קאמערעס פאר ווילדע בלויז יענע ארעסטירטע, וואָס האָבנ ווירקלעכ געבושעוועט. שיידהעס האָט זיכ אָבער דערמיט ניט גערעכנט. אזוי האָט ער אָפגעהאלטנ אינ דער קאמערע פאר ווילדע גאנצע צוויי אונ פופציק טעג איינעמ א יונגנ ארעסטירטנ, וועלכער האָט קיינמאָל קיינ סימאָנימ פונ ווילדקייט ניט ארויסגעוויזנ אונ וואָס האָט ביקלאל ניט געטאָנ גאָרניט אזוינס, וואָס זאָל, אינ העסקעמ מיט די טורמע־טאקאָנעס, בארעכטיקנ דידאָזיקע באשטראָפונג. דער טורמע־שעפ האָט געוואָלט צווינגענ דעמ דאָזיקנ ארעסטירטנ, ער זאָל געבנ ידיעס וועגנ אייניקע פאסירונגענ אינ טורמע. אינ פארלויפ פונ אסאכ וואָכנ האָט מענ דעמדאָזיקנ ארעסטירטנ קיינ איינ מאָל ניט ארויסגעלאָזט פונ דער קאמערע, קיינ איינ מאָל ניט ארויסגעפירט אפנ שפאציר. א צווייטער ארעסטירטער, איינער שאָפענהויער, איז אָפגעזעסנ א נאקעטער זעקס וואָכנ אינ דער קאמערע פאר ווילדע. דער קלאנג, וואָס זייַנ שטימע האָט ארויסגעגעבנ, האָט שוינ ניט געהאט קיינ סימענ פונ א מענטשלעכ קאָל. טאָג אונ נאכט האָט מענ געהערט זייַנע הארצרייסנדיקע געשרייענ.

טראגיש איז געוועזנ דער גורל פונ איינעמ א יונגנ ארעסטירטנ — א געוועזענעמ פראָנטאָוויק. אינעמ 1918 יאָר, בעיס אורלויב, האָט ער געקויפט אפנ וואָקזאל א פונט פוטער פאר זייַנ פרוי אונ קינד. דעמאָלט האָט מענ געפירט א קאמפ קעגנ ספעקוליאציע, אונ איינער א זשאנדארמ האָט בא אימ אָפגענומענ די פוטער. דער אורלויבניק איז שטארק אופגעבראכט געוואָרנ אונ האָט מיט א שאָס פונ רעוואָלווער גלייַכ אפנ אָרט אוועקגעלייגט דעמ זשאנדארמ. דערפאר האָט מענ אימ פארמישפעט צו אייביקער צוואנג־ארבעט. דער ארעסטירטער האָט ניט געקאָנט שאָלעמ מאכנ מיט זייַנ שטראָפ אונ האָט אָפט געמאכט פרווונ צו אנטלויפנ. האָט מענ אימ גאנצע וואָכנ געהאלטנ אינ דער קאמערע

פאר ווילדע. אינגיכנ איז פונ דעמדאָזיקנ געזונטנ יונגנמאנ געוואָרנ טיל־טעל.

זייער שלעכט איז געווענ די לאגע אינ טורמע אינ דער סאניטאַ־רישער הינזיכט. אזוי האָט מענ איבערגעגעבנ דאָס עסנ־ארויסטיילנ אַנ ארעסטירטנ א סיפיליטיקער, וואָס זיינ פּאָנעם אונ הענט זיינענ געווענ באשאָטנ מיט עקלהאפטיקע קרעצ. ערשט נאָכ דעמ, ווענ פיל פונ די ארעסטירטע האָבנ געפונענ פאר גלייכער צו הונגערנ אונ זיכ אָפּגעזאָגט צו נעמענ דאָס עסנ פונ זיינע הענט, האָט די אדמיניסטראציע אימ ארָאָפּגענומענ.

אינ טורמע זיינענ געווענ עטלעכע צענדליק ווענערישע קראנקע, מע פלעגט זיי פעריאָדיש פירנ צומ דאָקטער, ארויסגעבנ זיי שפריצנ, מעדיקאמענטנ אונ ריינע בינטנ. די אופראַמערס פלעגנ זייער ברודיק אויסוואשנ די אויסגענוצטע, מיט אייטער דורכגענומענע, בינטנ, אָפט אפילע אינ קאלטער וואסער. דאָס געוועש פלעגנ זיי דורכמאַכנ אינ דעמ שפּיטאָל־ביטל, ווו ס'פלעגט אונדז אלעמענ אויסקומענ זיכ באָדנ. די „אויסגעוואשענע” בינטנ פלעגנ זיי אופהענגענ אפ אויסצוטריקענענ אינ דעמ וואנע־צימער. אָפט פלעגנ פונ די צעהאנגענע בינטנ אראָפּרינענ טראָפּנס וואסער אינ דער וואסער, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרנ אפ צו וואשנ זיכ.

מיינ קאמפ מיטנ טורמע־שעפ, וועלכנ איכ האָב געפירט דורכ אָב־סטרוקציע, האָט געדויערט העכער זעקס כאדאָשימ. דער טורמע־שעפ האָט ניט אופגעהערט אָנצווענדנ קעגנ מיר אלצ נייע אונ נייע מאָס־מיטלענ. ער האָט געגעבנ א פאראָרדענונג, אז דאָס איינציקע ניט פארמויערטע נאָכ פענצטער פונ דער שפיטאָל־קאמערע זאָל מענ פונ־דרויסנ פארהענגענ מיט א געדיכטנ פאָרהאנג פונ עטלעכע צוזאמענגע־נייטע וואָלענע קאָלדרעס. קוימ האָב איכ נאָר אָנגעהויבנ די אָבסטרוק־ציע, פלעגט דער אופזעער אראָפּלאָזנ דעמ געדיכטנ פאָרהאנג, וואָס איז געווענ ניט דורכדרינגלעכ פאר קלאנגענ, אינ צימער פלעגט ווערנ פינצטער, אונ מיינ קאָל פלעגט דערשטיקט ווערנ אינ די ווענט פונ דער קאמערע. אינגיכנ אָבער האָב איכ געפונענ א וועג, ווי ארומ צו

קעמפנ קעגנ דערדאָזיקער פאראָרדענונג פונעמ טורמע־שעפ. קוימ האָט מענ אראָפגעלאָזט דעמ פאָרהאנג, פלעג איכ מיט איינ עק פונעמ בעזימ אָפשפארנ דעמ פאָרהאנג, דעמ אנדערנ האָב איכ אָנגעשפאַרט אָנ פענ־צטערל; אפ אזא אויפנ פלעג אינ קאמערע ווערנ ליכטיקער און די קלאנגענ פונ מיינ דעקלאמירונג האָבנ, ווי פריער, געהילכט אינ אלע לאָקאלנ פונ דער טורמע און האָבנ זיכ אויכ געלאָזט הערנ אפ דער גאס. בא דער טורמע פלעגנ זיכ צונויפזאמלענ מענגעסטווייז מענטשנ; טייל האָבנ זיכ געזידלט און געשריענ, אז מע דארפ מיכ אופהענגענ, אנדערע האָבנ מיר אויסגעדריקט מיטגעפיל.

באנצע נעכט פלעג אונטער מיינ פענצטערל ארומשפאצירנ א פאָ־ליצעישע וואכ. טייקעפ נאָכ דעמ ווי מע האָט מיכ געבראכט אינ דער מינסטערער טורמע האָט מענ אהינצו אראָפגעשיקט אנ אָטריאד פונ פינפ און צוואנציק פאָליציאנטנ מיטנ אויסשליסלעכנ ציל, ווי דער טורמע־שעפ גופע האָט געזאָגט, צו שפירנ נאָכ מיר און מיכ פאקנ אינ פאל, ווענ איכ וועל זיכ פרווונ צו אנטלויפנ.

די וואכ פלעג באנאכט אָדער פארטאָג הייזעריקערהייט אויספייפנ אונטער מיינ פענצטער די לידער „פרידעריקוס רעקס" און „רומ צו דיר אינ דעמ זיג־קראנצ"*). אלס ענטפער דערופ פלעג איכ צוזאמענ מיט מיינע צוויי שכיינימ אָרגאניזירנ א קאָלעקטיווע דעקלאמאציע; באלד פלעגנ צושטיינ צו אונדז נאָכ הונדערטער ארעסטירטע. אלע מאָל, ווענ די פאָליציאנטנ האָבנ אָנגעהויבנ צו זינגענ א מאָנארכיסטישע ליד, פלעגנ די ארעסטירטע אלס ענטפער אָפדעקלאמירנ אינ כאָר: „ס'וועט קומענ דער טאָג פונ נעקאָמע און פרייהייט".

אינ א שיינעמ פרימאָרגנ האָב איכ דערזענ, אז פארביי מיינ פענ־צטער שטעלט מענ אופ ברעטער. אוודאי וויל מענ דאָס פארמויערנ דאָס לעצטע פענצטער—האָב איכ געטראכט. מע האָט דאָס ניט געטאָנ, אָבער דער טורמע־שעפ האָט דערפאר צוגעטראכט א נייע שפיצל, קעדיי צו שטערנ מיינע אָבסטרוקציעס. לויט זיינ פאראָרדענונג האָט מענ צוגעמאכט צומ איינציקנ פענצטער שווערע און פעסטע לאָדנס.

*) מאָנארכיסטישע לידער (באמערק. פונ רעד.)

צו די לאָדנס איז געווענ צוגעפּאסט אזא קליינ הענטל, וואָס האָט געגעבנ א מעגלעכקייט דעמ אופזוער אינ איינ אויגנבליק צו פארמאכנ הערמעטיש די קאמערע אזוי, אז קיינ מינדסט שטראלעכל שיינ אָדער לעפל לופט זאָל ניט אריינדרינגענ אינ דער קאמערע. דער טורמע־שעפ איז געווענ פולקאָמ זיכער, אז צו דעמ וועל איכ שוינ גאָרניט קאָנענ צוטראכטנ. ער האָט ווירקלעכ זיכ דערשלאָגנ דערצו, אז איכ צוזאמענ מיט מיינע צוויי כאווײרימ זיינענ מיר גאנצענע טעג געזעסנ אינ דער לאכלוטנ פינצטערער אונ ניט אויסגעלופטערטער קאמערע. מיר האָט זיכ געדאכט, אז דאָס מאָל וועט דער טורמע־שעפ ווירקלעכ בלייבנ דער זיגער, אונ איכ וועל גאָרניט קאָנענ צוקלערנ, קעדיי פאָטער צו ווערנ פונ דערדאָזיקער אָנשיקעניש. איכ האָב לאנג געטראכט אונ לעצטנס זיכ צו עפּעס דערטראכט. ווענ דער דאָקטער איז אינ פיל טעג ארומ באשטאנענ אפ זיינעמ, מע זאָל אפ א מינוט אופעפענענ די שווערע לאָדנס, קעדיי מיר זאָלנ ניט דערשטיקט ווערנ אינ דער הערמעטיש פארמאכטער קאמערע, ווו ס'איז ניט געווענ ניט קיינ שיינ, ניט קיינ לופט, האָב איכ באשלאָסנ אויסצונוצנ די געלעגנהייט. אינ יענעמ מאָמענט, ווענ מע האָט באדארפט פארמאכנ די לאָדנס, האָב איכ אפגיכ אריינגעוואָרפנ א הילצערנעמ פאנטאָפל אינ כאָלעל צווישנ דעמ לאָדנ אונ פענצטער־ראמ. דער אופזוער האָט ניט געקאָנט זענ, פארוואָס די לאָדנס האָבנ דאָס מאָל זיכ פארמאכט ניט אקוראט—די לאָדנס פלעגט דער אופזוער אופעפענענ אונ פארמאכנ מיט א לאנגנ דראָטענעמ שנור, שטייענדיק אונטנ אינ הויפ. האָט ער צוגעשטעלט א לייטער, ארופגעקלעטערט, קעדיי צו זענ, וואָס איז אזוינס געשענ. אינ דעמ מאָמענט האָב איכ אויגנבליקלעכ ארויסגעשלעפּט דעמ פאנטאָפל. דערזענ אז דער אופזוער איז אראָפּ, קעדיי צו פרווונ נאָכ א מאָל פארמאכנ די לאָדנס, האָב איכ ווידער באוויזנ ארונטערצושטעקנ דעמ פאנטאָפל. פונ דאנ אָנ האָט זיכ שוינ מער ניט איינגעגעבנ צו פארהאקנ דאָס פענצטער.

דידאָזיקע שפּיל אינ קאץ־אונ־מויז האָט זיכ געצויגנ אזוי לאנג, ביז דער טורמע־שעפ האָט זיכ איבערצייגט, אז זיינע מאָסמיטלענ האָבנ

קיין שום ווירקונג ניט, אפ וויפל איך האָב זיי אלע געקאָנט בײַשטיין.

דאָס מיניסטעריום האָט באשטימט אינ מינסטער א נייעם טורמע־שעפ — דעם פראָקוראָר הויפטפויגל. ער האָט זיכ באצויגנ אסאכ מענטשלעכער ניט נאָר צו מיר, נאָר אויכ צו אלע ארעסטירטע. כאָטש שיידהעס איז געבליבנ דער עלטסטער טורמע־שעפ, פלעגט אָבער דאָכ הויפטפויגל פאנאנדערקלייבנ אלע מיינע אָנקלאגעס אונ מעלדונגענ. ער האָט פאדינט אכטונג מיצאד אלע ארעסטירטע, ניט געקוקט דערופ, וואָס ער איז געווענ פראָקוראָר. אפילע מיר איז אויכ שווער געווענ צו מאכנ אָבסטרוקציעס אינ זיינ אָנוועזנהייט. איכ האָב אָבער באדארפט אומבאדינגט זיכ דערשלאָגנ, מע זאָל מיכ אריבערפירנ אינ אנ אנדער טורמע: מינסטער שטייט וייט פונ בערלינ, אונ דאָס האָט פארשווערט די הישטאדלעס וועגנ איבערקוקנ מיינ אינינעג; די נעסיעס פונ די פארטיידיקער זיינענ געווענ פארבונדנ מיט אסאכ צייט אונ וועג־הויצאָעס.

די טורמע־פארוואלטונג האָט סאָפקאָלסאָפ זיכ באדענקט, אז ס'איז שוינ לאנג צייט מיכ אָפצושיקנ פונ מינסטער. מיינע ארויסטרעטונגענ האָבנ אָנשטעקנדיק געווירקט אפ די איבעריקע ארעסטירטע, — זיי האָבנ זיכ באטייליקט אינ דער אָבסטרוקציע, אונ הונדערטער ארעסטירטע האָבנ געקאָנט א גאנצע נאכט שרייענ: „מיר הונגערנ! מיר ווערנ דערשטיקט!" אינ טורמע האָט אויסגעבראָכנ א עכטער אופשטאנד.

מע פירט מיכ אריבער קיינ ברעסלאָוו

מיינע באגלייטער פארלירנ מיכ

איינמאָל באנאכט זיינענ פלוצימ אריינגעפאָרנ אינ טורמע־הויפ עטלעכע אווטאָמאָבילנ. עס זיינענ געקומענ צו פאָרנ מיינ אדוואָקאט כעגעוויש, דער מייאָר פונ בערלינער פאָליציי־פרעזידיום, דער קרימינאל־קאָמיסאר, א מענגע פאָליציאנטנ אָנגעטאָנענע ציוויל אונ אָפיצירנ.

מע האָט מיר געמאָלדנ, אז מיינ פארלאנג וועגנ אריבערפירנ מיכ אינ אנ אנדער טורמע ווערט איצט פארווירקלעכט. אינ פארלויפ פונ

די לעצטע פינף טעג האָב איך דורכגעפירט א הונגער־שטרייק און בין זייער אָפגעשוואכט געוואָרן. דעריבער האָט די אדמיניסטראציע געגעבן א פאראָרדענונג, אז מיט מיר אין אווטאָמאָביל זאָל פאָרן א דאָקטער.

ווען איך האָב זיך צוגעגרייט אין וועג און בין ארויסגעגאנגען אין טורמע־קאָרידאָר, זיינען צו מיר צוגעגאנגען דער פּאָליצעישער מייאָר און אן אָפיציר און מיר געמעלדן, אז זיי האָבן באקומען א פאראָרדענונג צו שמידן מיך אין קייטן. מיר האָבן באדארפט פאָרן גאנצע צוויי מעסלעס, און אָט די גאנצע צייט האָב איך באדארפט זיין א געשמידטער. די פענטעס זיינען באשטאנען פון גראָבע אייזערנע ריטער פון א מעטער די לענג, וואָס צו זייערע עקן זיינען געווען צוגעשמידט רינגען; דיקאָזיקע רינגען האָט מען באדארפט מיר אָנטאָן אף די הענט און פיס; כוצדעם זיינען די ריטער געווען פארפעסטיקט מיט שווערע קייטן. די פענטעס האָבן געוויגן קימאט א האלבן צענטנער.

איך האָב געענטפערט דעם מייאָר, אז איך וועל אין קיין פאל ניט דערלאָזן, מע זאָל מיך שמידן און, אויב מע וועט מיר אָנטאָן די פענטעס מיט געוואלט, וועל איך קיין לעבעדיקער פון טורמע ניט ארויס. מע האָט מיר די פענטעס ניט אָנגעטאָן.

דריי אזייגער פארטאָג האָבן די אווטאָמאָבילן מיך ארויסגעפירט פון דער מינסטערער טורמע, ווו איך האָב גאנצע פערצן כאָדאָשים געפירט א שווערן און העפטיקן קאמף קעגן אכזאָריעסדיקן טורמע־רעזשים. איך האָב פרייער אָפגעמאָטערט,—ערגער, ווי אין מינסטערער קאטאָרגע־טורמע, האָט מיר שוין אינערגעץ ניט געקאָנט זיין.

אף מיר האָט גוואלטיק געווירקט די שיינע הארבסט־נאטור, פערצן כאָדאָשים האָב איך קיין ליכטיקע שיין ניט געזען און איצט בין איך געווען באצויבערט פון אלץ, וואָס האָט מיך ארומגערינגלט. מיר האָט זיך געדאכט, אז איך בין געווען אָפגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט ניט איין יאָר מיט צוויי כאָדאָשים, נאָר אסאך, אסאך יאָרן.

דעמזעלביקן סאָג זיינען מיר אָנגעקומען אינאָוונט אין מאגדעבורג. די נאכט האָט מען מיך געהאלטן אין דער קאמערע פון דער פּאָליצײ־

פאַרוואַלטונג. אינדערפֿרי האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג. איך האָב געמיינט, אַז מע וועט מיך אַריבערפֿירן, ווי איך האָב געבעטן אין מיין הישטאַדלעס, אין וואַלדהיימער טורמע, אין זאַקסן. אָבער, ווען מיר זיינען אַריבערגעפֿאָרן די עלבע און האָבן פֿאָרגעזעצט דעם וועג אין דער מיזרעך־ריכטונג, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז מע פֿירט מיך אין אַן אַנדער ריכטונג. איך האָב געפֿרעגט דעם פּאָליציי־מייאָר, צי האָט מען אים ניט געהייסן מיך אָפּפֿירן קיין מאָסקווע.

עטלעכע הונדערט מעטער פֿון קאָטבוס האָבן די אויטאָמאָבילן זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, ווייל דעם וועג האָט פֿאַרשטעלט אַן אוילעם מענטשן. די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן מיך באַגלייט, זיינען אַראָפּ פֿון די אויטאָמאָבילן, קעדיי צו דערוויסן זיך, וואָס איז אַזוינס געשען. אַפֿ דער מאַשין זיינען געבליבן בלויז דער אַדוואָקאַט און איך; דאָס וואַרטן האָט געדויערט, און מיר זיינען אויך אַרויס.

אַפֿן וועג איז געלעגן אַן אַלטיטשקע פֿרוי, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט; עס האָט זי נאָר וואָס איבערגעפֿאָרן אַ פּריוואַטער אויטאָמאָביל. די אַלטיטשקע האָט זיך אומגעקערט פֿונעם וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן לענגויס דעם שליאַך. אַפֿן וועג האָט זיך געוואַלגערט אַ צעקלאַפּטס אָפּ שטיקלעך דאָס קינדערשע וועגעלע, וואָס אין דעם האָט זי געפֿירט די אָנגעקליבענע צווייגלעך. קיינעם פֿון די פֿאַרזאַמלטע, וואָס זיינען געשטאַנען אַפֿן וועג איז אַפֿילע אַפֿן זינען ניט געקומען, אַז מע דאַרף די אַלטיטשקע אָפּפֿירן אַפּ אַן אויטאָמאָביל אין שפּיטאָל. דאָ אַפֿן אָרט איז געשטאַנען די מאַשין, וואָס האָט זי איבערגעפֿאָרן, און דער באַלעבאָס פֿון דער מאַשין האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ גוילעם. איך האָב ניט ווילנדיק זיך דערמאָנט אינעם פֿאַל מיטן הינטל, בעיס מע האָט מיך אַריבערגעפֿירט און מינסטערער טורמע; ס'האָט זיך געוואָרפֿן אין אויג דער פֿאַרגלייך צווישן דידאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אַזוי גלייכגילטיק זיך באַצויגן צו דער איבערגעפֿאָרענער פֿרוי און דעם הינטל, וואָס האָט מיט אַזאַ באַדויערן געקוקט אַפּ זיין כאַווער, וועלכן דער אויטאָמאָביל האָט דערשטיקט. צוזאַמען מיט איינעם פֿון מיינע קאָנוואָירן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ציוויל, האָב איך איבערגעטראָגן די

פרוי אינעם אוטאָמאָביל, וואָס האָט זי איבערגעפאָרן. אפֿן אוטאָמאָ־ביל האָט זיך אופגעזעצט איינער א באאמטער, וואָס האָט געהייסן דעם באלעבאָס פון דער מאשין אָפפירן די פרוי אין שפּיטאָל.

איך בין אָפּגעטראָטן א פּאָר שפּאן צו דעם אָרט, ווו עס זיינען געלעגן די צעבראָכענע בּרעטלעך פונעם וועגעלע. ווען איך האָב געוואָלט זיך ווענדן מיט א פראגע צו מיינע באגלייטער, האָב איך צו מיין גרויסן וווּנדער דערזען, אז איך בין געבליבן איינער אליין. ארום מיר זיינען געווען פיל פרעמדע מענטשן, אָבער קיינער פון זיי האָט מיך ניט געקאָנט; אָנגעטאָן בין איך געווען ציוויל, און קיינער וואָלט מיך ניט כוישעד געווען, אז איך בין א קאטאָרזשניק. איינערגעץ האָט מען קיין פּאָליצאנט ניט געזען. ס'איז גענוג געווען אָפּצוטרעטן פון־דאָנען א צען שפּאן, וואָלט איך שוין געווען אין געדיכטן וואלד, און קיינער וואָלט מיר ניט געשטערט צו אנטלויפן.

איך האָב אָבער דידאָזיקע געלעגנהייט ניט אויסגענוצט. מיר האָט זיך געדאכט דעמאָלט, אז מיין אנטלויפן וואָלט געקאָנט מאכן אן איינדרוק, אז פאר מיר איז טייערער די פּערזענלעכע פרייהייט, איידער מיין קאמף קעגן פאלשן אורטייל, דער קאמף וועלכן איך האָב געהאלטן פאר מיין רעוואָליוציאָנערן כויוו. ערשט אין עטלעכע מינוט ארום האָב איך אויסגעזוכט מיינע קאָנוואָירן. דער קאָמיסאר און דער מייאָר האָבן געמיינט, אז מיך היטן די פּאָליציאנטן, יענע, פון זייער זייט, האָבן געמיינט, אז לעבן אונדז שטייען דער מייאָר און דער קאָמיסאר. דער מייאָר האָט זייער געבעטן מיין אדוואָקאט, ער זאָל וועגן דעם פאל ניט שרייבן אין דער פרעסע, ווייל ער קאָן איבער דעם פארלירן זיין פּאָסטן. מיין אדוואָקאט האָט אָבער פארשטאנען, אז מע דארף צווינגען דעם מייאָר צו באשטעטיקן, אז איך האָב געהאט א מעגלעכקייט צו אנטלויפן, נאָר איך האָב זי ניט אויסגענוצט.

אין ברעסלאוו זיינען מיר אָנגעקומען ערשט אפן צווייטן טאָג, פינף אזייגער אינדערפרי. אם אזא אויפן זיינען מיר געפאָרן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך א קיילעכיקן מעסלעס. וועגן דעם, אז מיר פאָרן קיין ברעסלאוו, בין איך געוווּר געוואָרן ניט לאנג פארן אָנקומען.

איך בין געווען זייער אויפגערעגט, וואָס מע האָט מיך ניט אריבער־געפירט, ווי איך האָב געבעטן, אין א קאַטאָרגע־טורמע ערגעץ נעענטער צו מיינע אייגענע, נאָר, פאַרקערט, מע האָט מיך נאָך מער דער־ווייטערט פון זיי.

אין דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג

מיין דריטער הונגער־שטרייק

מיך ראַטעווען ביכער און גימנאַסטיק

דער גרעסטער סיורפּריז האָט אָבער ערשט געוואַרט אַף מיר אין טורמע. מע האָט מיר געמאָלדן, אַז מע וועט מיך איינזעצן אין דער אָפּטיילונג פאַר מעשוגאָים. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו גיין אַהין. די טורמע־אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן, קאָנטיק, געוואָלט אויסמיידן אומאַנגענעמלעכקייטן מיט מיר אין דער אָנוועזנהייט פון מיין אַדוואָקאַט, האָבן מיר פאָרגעלייגט א קאַמערע אינעם לאַזאַרעט. איך האָב זיך געזעגנט מיטן אַדוואָקאַט און א צעבראָכענער און א מידער האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אַפן שפּיטאָל־בעטל. אין צימער האָט מען ניט אויסגעלאָשן די שיין, און לעבן מיר האָט זיך אַוועק־געזעצט אַן אויפזעער. מיך האָט די זאַך אויפגעבראַכט, איך האָב געפאָ־דערט, מע זאָל אויסלעשן די שיין, ווייל זי שטערט מיר צו שלאָפן, און דער אויפזעער זאָל פאַרלאָזן די קאַמערע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און מיר געמאָלדן, אַז אים האָט מען געגעבן א שטרענגן באַפעל ניט אָפּצוטרעטן פון מיין בעטל, קעדיי מיך ניט צו לאָזן אַנטלויפן אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד.

ניין אַזייגער אינדערפרי,—איך בין אפילע ניט אַנטשלאָפן געוואָרן,— קומט אַריין דער טורמע־שעף און מעלדעט מיר קורץ און שאַרף, אַז ער האָט באַקומען א פאַראָרדענונג מיך גלייך איינזעצן אין דער פסיכיאַטרישער אָפּטיילונג פאַר מעשוגאָים. איך האָב פּראָטעסטירט און געפאָדערט א דערקלערונג,—איבער וועלכע סיבעס וויל מען דאָס מיך איינזעצן אין דערדאָזיקער אָפּטיילונג. איך האָב געזאָגט, אַז דאָס קאָן מען דערקלערן סיידן דערמיט, וואָס מע וויל מיך אַראָפּפירן פון זינען.

אפ מיינע פראָטעסטנ האָט ער געענטפערט מיט א איראָנישנ שמייכל, ווענ ער האָט צוגעגעבנ נאָכ א פאָר כויזעק־באמערקונגענ, האָב איכ אימ אָנגעשפיגנ אינ פאָנעמ. דער טורמע־שעפ האָט לאנג ניט געטראכט: ער האָט א ווונק געגעבנ צו די זעקס סאניטארנ, יענע זיינענ גלייכ צו צו מיר אונ האָבנ מיכ אָנגעכאפט; איינער פונ זיי האָט מיט אנ אייזער־נעמ קלעמער מיר צונויפגעדרוקט דעמ געשלעכט־אָרגאנ, דערנאָכ האָבנ זיי מיכ אָפגעפירט אינ דער איזאָליאציע־קאמערע, וואָס אינ דער אָפ־טיילונג פאר מעשוגאָימ.

דידאָזיקע איזאָליאציע־קאמערע איז געווענ ענלעכ צו דער מינסטערער קאמערע פאר ווילדע. אינ קאמערע איז געווענ בלויז איינ קליינינק פענצטערל מיט א גראָבער מאטעווער שויב. דאָס פענצטערל האָב איכ ניט געקאָנט עפענענ. א צווייענדיקע טיר, דורכ וועלכער עס האָבנ זיכ ניט געקאָנט ארויסרייסנ די געשרייענ, דאָס יאָמערנ אונ דאָס קרעכצנ פונ די ארעסטירטע. ניט קיינ טיש, ניט קיינ בענקל, נאָר אנ אייזערנ בעטל. אלס פראָטעסט קעגנ דעמ איינזעצנ מיכ מיט גוואלט אינ דער מעשוגאָימ־אָפטיילונג האָב איכ גלייכ דערקלערט א הונגער־שטרייק, כאָטש סאמע ערעוו דעמ אָפפאָרנ פונ מינסטער האָב איכ גאנצע פינפ טעג גאָרניט ניט געעסנ. אינ מינסטער האָב איכ מיכ איבערצייגט, אז בעייס הונגערנ קאָנ מענ ניט לייענענ, ווייל די בוכשטאבנ שווינדלענ פאר די אויגנ, בלויז קוקנדיק אינ אילוסטרירטע זשורנאלנ קאָנ מענ זיכ פאר־געסנ. האָב איכ געבעטנ דעמ אופזעער, ער זאָל מיר ברענגענ א וועלכנ ניט איז אילוסטרירטנ זשורנאל אָדער בוכ. יעגער האָט מיר געבראכט א בוכ אָנ אילוסטראציעס. האָב איכ אימ ווידער געבעטנ מיר ברענגענ א בוכ מיט „מענטשעלעכ”. איכ האָב בעקיוונ געזאָגט מיט „מענטשעלעכ”, ווייל איכ האָב געמיינט, ער ווייסט ניט דעמ באטייט פונ וואָרט „אילו־סטראציעס”. דעמאָלט האָט ער פארשריבנ אינ דעמ זשורנאל, וואָס ווערט טאָגטעגלעכ דערלאנגט דעמ דאָקטער, אז העלצ פאָדערט א קינדערש ביכל מיט מענטשעלעכ. אינ דערדאָזיקער פאָדערונג האָבנ זיי געוואָלט איינגעפינענ סימאָנימ פונ פסיכישער קרענק.

אפנ צווייטנ טאָג האָט איינער פונ די טורמע־אָנגעשטעלטע מיר

דערציילט, אז די ארעסטירטע פרעגן בא אים, צי איז עמעס, אז איך בין מאקס העלץ, די אדמיניסטראציע האָט אים אָבער פארבאָטן צו ענטפערן פּאָזיטיוו און אים פארזאָגט, אז ווען די ארעסטירטע וועלן זיך וועלן דערפרעגן בא אים, זאָל ער זאָגן, אז איך בין ניט מאקס העלץ, נאָר א פסיכיש־קראנקער, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אז ער איז מאקס העלץ.

קעדיי מיך צווינגען צו ברעכן דעם הונגער־שטרייק, איז די אדמיניסטראציע געפאלן אפ אזא אופטו: איך האָב באקומען א טעלעגראמע פון פאָרסט, וואָס אין לאָוזיץ, געכאסמעט פון מיינעם א שוואָגער. שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיין שוואָגער האָט לאַבלוּטן ניט געוווסט פון דער טעלעגראמע און איז ביקלאל קיינמאָל ניט געווען אין פאָרסט. אין דערדאָזיקער טעלעגראמע האָט ער מיך געבעטן גלייך אָפּשטעלן דעם הונגער־שטרייק, דערפאר ווייל אין די נאָענטסטע טעג וועט מען מיך באפרייען פון דער טורמע. נאָר איך האָב ניט געבראָכן דעם הונגער־שטרייק אין פארלויף פון פינף טעג, ביז עס זיינען געקר־מען מיינע אדוואָקאטן און מיר צוגעזאָגט אָנצוגעבן א פּראָטעסט־מעלדונג אין מיניסטעריום און אופשטעלן די געזעלשאפטלעכע מיינונג קעגן דעם האלטן מיך אין דער קאמערע פאר ווילדע.

פאר מיין אָפּפאָרן פון מינסטער האָט די אדמיניסטראציע מיר געמאָלדן, אז מע וועט מיך אריבערפירן אין זייער א שיינער און א גוטער געגנט מיט אסאך פרישער לופט; דאָסזעלביקע לידל האָבן מיר אויך איבערגעכאזערט אפן וועג דער דאָקטער, דער קרימינאל־קאָמיסאר און דער פּאָליציי־מייאָר. מע האָט מיך אָבער איינגעזעצט אין א מער שווידערלעכן קייווער, איידער אין מינסטער. דער שעף פון דער ברעסלאווער טורמע האָט געזאָגט מיינע אדוואָקאטן, אז דער באפעל וועגן איינזעצן מיך אין דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג שטאמט פונעם מיניסטעריום. אין מיניסטעריום אָבער האָט מען געמאָלדן, אז זיי ווייסן וועגן דעם גאָרניט, אז דאָס איז א פרייוויליקע פאראָרדענונג פונעם טורמע־שעפגופע. יעדער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון פאראנטוואָרטלעכקייט און זי ארופגעוואָרפן אפן צווייטן.

אינ דער קאמערע פאר ווילדע האָט א גאנצע נאכט געברענט א העלער גאז־לאָמפּ. אנטשלאָפנ ווערנ האָב איכ ניט געקאָנט; האָב איכ זיכ געוואָרפנ אפנ בעטל הינ אונ צוריק אונ זיכ קיינ אָרט ניט געקאָנט געפינענ. די ערשטע טעג האָט מענ די קאמערע קימאט לאכוטנ ניט געלופטערט, די לעצטע וואָכנ פלעגט מענ זי לופטערנ אָבער בלויז עטלעכע מינוט אינ מעטלעס. דאָס ניט האָבנ קיינ פרישע לופט צו אָטעמענ האָט אפ מיר געווירקט אסאכ ערגער אונ פיינפולער, איידער דאָס לאנגזאמע זיצנ אָנ עסנ; דאָס האָט מיכ געבראכט צו א נייער נערוונ־דערשיטערונג: טאָגטעגלעכ האָב איכ מיט טרערנ אינ די אויגנ געבעטנ דעם דאָקטער, מע זאָל מערער לופטערנ די קאמערע, ווייל מיר דראָט דערשטיקט צו ווערנ אינ דערדאָזיקער געפערלעכער לופט. ווידער האָב איכ אים געבעטנ, אז באנאכט זאָל מענ כאָטש אפ עטלעכע שאָ לעשנ די שיינ. דער דאָקטער האָט מיינ באקאָשע ניט באפרידיקט. זיינ כויוו אלס דאָקטער—האָט ער מיר געזאָגט—דערלויבט אים ניט, ער זאָל עפענענ מיינ פענצטער אפ א שאָ אָדער אפ צוויי, דערפאר ווייל די פרישע לופט ווירקט אפ מיר זייער שעדלעכ, אונ אפ אים ליגט די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר מיינ געזונט. די שיינ איז געגעבנ א גאנצע נאכט צוליב דעם, אז די אופזעערס זאָלנ קאָנענ א גאנצע נאכט שפּירנ נאָכ דעם, וואָס איכ טו. צוויי כאדאָשים בינ איכ געזעסנ אינ דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג, אינ דער קאמערע פאר ווילדע; דאָס, וואָס איכ האָב איבערגעטראָגנ דאָ, האָט אסאכ איבערגעשטייגט דאָס אכזאָריעס אונ דאָס איזדיעקעווענ זיכ, וואָס איכ האָב איבערגעהאט אפ זיכ אינ דער מינסטערער טורמע. אויב איכ בינ איז דערדאָזיקער שווידערלעכער לאגע ווירקלעכ ניט ארויס פונ זינענ, איז דאָס נאָר דערפאר, וואָס איכ האָב צוזאמענגעקליבנ די רעשטנ פונ מיינ פריער־דיקער ענערגיע אונ האָב מיט אלע מעגלעכקייטנ געסטארעט זיכ צו פארטרייבנ פונ מיר די שווארצע געדאנקענ וועגנ מיינ ביטערער לאגע.

נאָכ מיינ ערשטער נערוונ־דערשיטערונג אינ מינסטער האָב איכ געפאָלגט דעם פראָפעסער טעבענס אייצע אונ אָנגעהויבנ זיכ אָפּגעבנ מיט גימנאסטיק, לויט מילערס סיסטעם. פראָפעסער טעבענ האָט מיר

אפילע געקויפט א האנטבוך. די ערשטע צייט איז מיר געווען שווער צו מאכן איבונגען—אלע מאָל, ווען איך פלעג זיך אָנבייגן אָדער זיך אויסקערעווען, האָב איך באקומען קאָפשווינדל, און בין געפאלן אין אָנמאכט. לעכאטשילע האָב איך געקאָנט מאכן גימנאסטיק ניט מער ווי דריי אָדער פינף מינוט, אָבער אונטערגעגעבן האָב איך זיך ניט. שפעטער מיט ניין כאדאָשים האָב איך שוין געקאָנט מאכן גימנאסטיק צו צוויי שאָ אין טאָג. טעבען האָט מיר צוגעשריבן, איך זאָל יעדן טאָג איינרייבן דאָס לייב מיט קאלטער וואסער. איך האָב אים געפאָלגט.

זיצנדיק אין דער קאמערע פאר ווילדע פון דער פסיכיאטרישער אָפטיילונג אין ברעסלאוו, האָב איך פאָרגעזעצט די איינרייבונגען און די גימנאסטישע איבונגען. די סאניטארן האָבן מיר געזאָגט, אז מײַנע איבונגען באטראכטן זיי אויך פאר א סימען פון פסיכישער קרענקהעיויס עס איז פיזיש אומעגלעך זיך צו פארנעמען א קיילעכיקן מעסלעס מיט גימנאסטיק, האָב איך אָנגעהויבן בעטן, מע זאָל מיר געבן אין דער קאמערע עטלעכע וויסנשאפטלעכע ביכער, קעדיי איך זאָל זיך ערנסט פארנעמען מיט לערנען זיך און פארגעסן אלץ וואָס ארום מיר. די אדמיניסטראציע האָט געמאָלדן, אז מע וועט מיר דערלויבן צו באקומען ביכער אין פאל, ווען דער דאָקטער וועט דערויף געבן זײַן האסקאָמע. דער דאָקטער האָט מיר אָבער אָפגעזאָגט מיטן אויסרייד, אז אף מיר ווירקט קלוימערשט שלעכט דאָס לייענען ביכער. ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב געפירט א לאנגן קאמף מיטן דאָקטער, האָט מען מיר געגעבן מארקס׳ „קאפיטאל״, בעבעלס דריי בענדער „פון מײַן לעבן״ און עטלעכע ביכער איבער פראגעס פון דער פראָפאריינישער באוועגונג. דאָ האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באקאנט מיט מארקס׳ „קאפיטאל״. בעיסן לייענען דאָסדאָזיקע בוך האָב איך זיך אָנגעשטויסן אף גרויסע שוועריקייטן, ניט געקוקט דערויף, וואָס איך בין דורכגעגאנגען אָטאָ ריולעס קורס און בין שוין געווען באקאנט מיטן וויסנשאפטלעכן מארקסיזם. איך האָב איבערגעלייענט אלע בענדער און ניט פארשטאנען זייער טיפן אינהאלט, און אפילע נאָך א צווייט מאָל

דורכלייענענ זיי האָב איכ נאָכ אלצ ניט געקאָנט באנעמענ די קאָלאָ־סאלע באדייטונג פונ דעמדאָזיקנ לעבנווערק פונעמ מענטשנ, וואָס האָט אופגעהויבנ דעמ סאָציאליזמ פונ אנ אונטערבאוווסטזיינ־לערע וועגנ באפרייונג אפ א וויסנשאפטלעכער הייכ אונ וואָס האָט דערמיט געגעבנ דעמ פראָלעטאריאט א גייסטיק געווער אינ זיינ באפרייונג־קאמפ. איכ האָב פארשטאנענ, אז גלאט לייענענ איז קנאפ אונ האָב אָנגעהויבנ סיסטעמאטיש דורכצוארבעטנ באזונדערע ערטער אונ קאפיטלענ. איכ האָב געמאכט אויסצוגנ אונ זיכ געפרווט פארבינדנ דעמ אנאליז, וואָס מארקס גיט איבער קאפיטאל אונ ארבעט, מיט דער דערפארונג, וואָס איכ האָב באקומענ ביזנ פעריאָד פונ מיינ פאָליטישער באוווסטזיניקייט אונ בעייסנ קאמפ נאָכנ 1918. אלע נאכט בינ איכ געזעסנ ביז דריי אזייגער פארטאָג אפנ בעטל אונ געלייענט. ווענ ניט דידאָזיקע ביכער חאָלט די צו שארפע שיינ, וואָס האָט גאנצע נעכט געשניטנ אינ די אויגנ, מיכ ווירקלעכ געווענ ארויסגעשלאָגנ פונ מיינע גייסטיקע קרעפטנ. איכ האָב זיכ געפרווט צו געפינענ א וויסנשאפטלעכע באגרינדונג פאר דער אידייע, וואָס האָט פארגרינגערט פאר מיר דאָס אָביעקטיווערע פארשטיינ די לאגע, וואָס האָט זיכ ארומ מיר געשאפנ. די גוואלדטאטנ וואָס מע האָט צו מיר אָנגעווענדעט זיינענ געווענ געווענדעט ניט אזויפיל קעגנ מיר פערזענלעכ, וויפל קעגנ יענעמ קלאס, צו וועלכנ איכ האָב געהערט, וואָס קעמפט פאר זיינ באפרייונג. מיינע ליידנ זיינענ ניט געווענ פונ א יאָכיד אונ אנ איינזאמענ — מיינ קאמפ אונ מיינע ליידנ זיינענ געווענ א קליינער עפיזאָד אינעמ הארטנעקיקנ קלאסנ־קאמפ.

בעייסנ דורכארבעטנ די ביכער האָב איכ אָפט לאכלוטנ פארגעסנ, וואָס מיט מיר קומט פאָר. איכ האָב פארלוירנ דעמ באגריפ פונ צייט אונ רוימ. בלויז דער געקלינג פונ די שווערע טורמע־שליסל האָט פונ צייט צו צייט מיכ אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט.

אונ נאָכ האָט מיכ צו דערדאָזיקער הארטער ווירקלעכקייט אומגעקערט יעדנ אינדערפרי דער אופראָמער, וואָס פלעגט מיר ברענגענ אינ א קויטיקער קארטאָנענער קוואָרט דאָס עקלהאפטיקע קוימ־לעבלעכע

ציקאָריע־שמעקעכטס און אַ שטיקל ברויט. דעמדאָזיקן אופּראָמער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז פאַר פאַרוואָרלאָזטע, האָט מען אַריבערגעפירט אַהערצו, פּונקט ווי מע האָט אַריבערגעפירט אַנדערע אַרעסטירטע אין דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג, ווייל די אַדמיניסטראַציע האָט זיך ניט געקאָנט מיט אים ספּראַווען, בעת ער איז געזעסן אין הויפּט־קאָרפּוס. אין דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג האָט מען אָנגעווענדעט פיל פאַרשיידנאַרטיקע מיטלען אָפּ אײַנצושטילן די ווילדע אָדער די ווירקלעך פּסיכיש־קראַנקע אַרעסטירטע. אויב אַן אַרעסטירטער פלעגט נאָך אַ דויערנדיקער איזאָליאַציע אין דער קאַמער פאַר ווילדע ניט אויפהערן אַרויסצוווייזן אַ ווידערשטאַנד, פלעגן די אויפזעערס אים איבערגעבן אין די הענט פון די אופּראָמערס; פאַר אַ פּעקל קיי־טאַבאַק פלעגן די לעצטע שלאָגן דעם אַרעסטירטן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך שוין ענדגילטיק אונטערגעגעבן און האָט אָנגעהויבן פאָלגן. זיי האָבן געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטן מעטאָד: דער וועכטער פלעגט געבן איינעם פון די פיר געזונטסטע און אַכזאָריעסדיקע אופּראָמערס אַ פּעקל טאַבאַק, און דעמאָלט איז שוין געווען גאַנץ גענוג מער ניט ווי אַ ווונק. דער אופּראָמער, וואָס האָט באַקומען דאָס פּעקל טאַבאַק, האָט שוין געוווּסט, וואָס עס פאָדערט זיך פון אים, און ער פלעגט זיך צונויפרעדן מיט זיינע געהילפן. בעת מע פלעג עפענען די קאַמערע פונעם אַרעסטירטן, וועלכן מע האָט באַדאַרפט דורכקלאַפּן, קעדיי אַרויסטראָגן די פּאַראַשע אָדער אַרייַנברענגען זופּ, פלעגט זיך דער אויפזעער אָפּטראָגן אין אַ זייט. דאַן פלעגן די פיר אופּראָמערס זיך אַרופוואַרפן אויפן אַרעסטירטן, איינער האָט אים פאַרשטאָפּט דאָס מויל און אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל, די איבעריקע האָבן אים גוט אָנגעהאַרגעט, ביז זיי האָבן שוין אַליין פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז גענוג. אויב דער געשמיסענער פלעגט זיך אָנקלאָגן, האָט דער אויפזעער געהאַט אַ קאָשערן טערעץ, אַז ער האָט אַפילע ניט געזען ווי מע האָט אים געשלאָגן און האָט דאָס געקאָנט באַשטעטיקן מיט אַ שוווּע.

אויב איינער „מאַסאַזשע" האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר קנאַפּ, פלעגט מען אים פּעריאָדיש איבערכאַזערן מיט אַן אַלץ שטייגנדיקער אַכזאָריעס.

איינמאָל, בעייס דער אופזעער האָט אופגעעפנט די טירנ פונ מיינ קאַמערע, האָב איכ דערהערט אינעם קאָרידאָר פונ דער מעשוגאָים־אָפטיילונג עטלעכע דייטלעכע אָפהילכנ פונ שטאַרקע קלעפ אונ נאָכ זיי א שאַרפנ ווײ־אויסגעשריי. באַלד נאָכ דעם האָט מענ מיכ אַרויסגעפירט אפ עטלעכע מינוט אינ הויפ, אונ איכ האָב באַגעגנט אפ די טרעפ א שטאַרק־צעבלוטיקטנ אַרעסטירטנ מיט אויסגעשלאָגענע ציינ. ער האָט מיר דערקלערט אפנ ווונק, אז דאָס האָבנ אימ אזוי צעקאַליעטשעט די אופראָמערס. אָט דאָס שטיקל אַרבעט האָבנ, ווי געוויינלעכ, אָרגאַניזירט די וועכטער. דאָס האָט מיר באַשטעטיקט איינער פונ די וועכטערס גופע, וואָס האָט שאַרפ פאַרורטיילט דאָס שלאָגנ אַרעסטירטע.

כוץ די קאַמערעס פאַר איינזאַמענ אַרעסט זיינענ אינ דער אָפטיילונג פאַר מעשוגאָים געווענ אויכ אלגעמיינע קאַמערעס פאַר באַטאָגיקנ אַרעסט אונ אויכ נאַכט־קאַמערעס צומ איינזעצנ אפ באַנאַכט. אינ די נאַכט־קאַמערעס פלעגנ אויכ פאָרקומענ אכזאָריעסדיקע פייניקונגענ.

צווישנ די אַרעסטירטע זיינענ געווענ אגענטנ פונ דער אדמיניסטראַציע, זיי פלעגנ זיכ דערשלאָגנ דערצו, אז יענע אַרעסטירטע, וואָס פלעגנ זיכ מיט וואָס־ניט־איז פאַרשולדיקנ פאַר די טורמע־אָנגעשטעלטע זאָלנ כאַפנ פעטש פונ די אַרעסטירטע גופע. אייניקע אַרעסטירטע פלעגט מענ נאָכ שטרענגער באַשטראָפנ: מע פלעגט זיי באַנאַכט בעשאַסנ שלאָפ צובינדנ פאַר די געשלעכט־אָרגאַנענ צו א פיסל פונעמ אייזערנעמ בעטל, נאָכדעמ פלעגנ א פאָר אַרעסטירטע אופהייבנ א גרויסנ טומל אונ אויסשרייענ אפ א הויכ קאָל אפ טויב צו ווערנ: „גוואַלד, עס ברענט!” אלע אַרעסטירטע פלעגנ, פאַרשטייט זיכ, אַראָפשפרינגענ דערשראָקענע פונ די אייזערנע בעטלעכ אונ זיכ א לאָז געבנ צו די פאַרשלאָסענע טירנ.

דער אומגליקלעכער, וועלכנ מע האָט אָפּגעטאָנ דאָס שפיצל, פלעג אויסשרייענ פונ ווייטעק בעייסנ וועלנ א ריס טאָנ זיכ פונעמ בעטל אונ פאַלנ כאַלאָשעס.

אנ אַרעסטירטנ, וואָס מע האָט ניט איבעריק ליב געהאַט, פלעגט

מען ארופוואַרפן א קאָלדרע אויפן קאָפּ און אים אָנקלאַפּן מיט בעזימער, פּאַנטאָפל און מיט אַלץ, וואָס מע האָט געפּאַקט אין האַנט.

א באַזונדערס באַליבט שטראָף־מיטל איז געווען איבערקערן דעם פאַרשולדיקטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף און אים האַלטן פאַר די פיס אין אַזאַ לאַגע גאַנצע שעה, ביז ער האָט אויפגעהערט צו ווייזן סימאָנים פון לעבן. אויב אן אַרעסטירטער פלעגט בײַ דערדאָזיקער עקזעקוציע אויסגיין, פלעגן די אויפזעער און די אַרעסטירטע אויסטראַכטן פאַרן דאָקטער א נישט־געשטויגענע מייסע, אַז דער אַרעסטירטער איז קלוימערשט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, און קיינער פון די אַרעסטירטע פלעגט ניט וואַגן אָפּלייקענען דעמדאָזיקן ליגן. יעדער האָט גוט געוווּסט, אַז ער וועט פון דעם גלאַט ניט אָפּשניידן. און אַפילו קלאָגן זיך פאַר דער אַדמיניסטראַציע אויף דערדאָזיקער אַכזאָריעס איז געווען אן אומזין; יעדער אַרעסטירטער וואָס קלאָגט זיך אָן א טורמע־אָנגעשטעלטן, פאַרלירט לאַכלוטן דעם צוטרוי בײַ דער טורמע־אַדמיניסטראַציע און בײַם געריכט, באַזונדערס ווען עס קלאָגט זיך אן אַרעסטירטער פון דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג.

בײַ דער טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט זיך אין איר פּראַקטיק אויסגעאַרבעט אַזאַ פעסטער קלאַל: אין די פאַלן, ווען אן אַרעסטירטער קלאָגט זיך צופיל אויף די אויפזעערס, אינספּעקטאָרן, אויפן טורמע־שעף אָדער אויפן דאָקטער, ווען ער איז ניט צופרידן מיטן עסן אָדער מיט אַנדערע זאַכן פונעם טורמע־לעבן און קלאָגט זיך אויף דעם פאַר אַנדערע אַרעסטירטע אָדער אין מיניסטעריום, ווען ער זאָגט זיך ניט אָפּ, ניט געקוקט אויף די וואָרענישן פון דער אַדמיניסטראַציע, פון זײַנע אָנקלאַגעס, —שיקט מען אים אָפּ אין דער אָפּטיילונג פאַר מעשוגאָים, קעדיי דורכצוקאָנטראָלירן זײַן פּסיכישן צושטאַנד.

ס'ווערט געמאַכט וועגן דעם א באַמערקונג אין זײַן פּערזענלעכן איניען. פון דעמדאָזיקן מאָמענט אָן ווערט דער אַרעסטירטער געשטעמפּלט אַלס אומנאָרמאַלער מענטש, וואָס פאַרדינט ניט קיין צוטרוי, ווײַל וואָס פאַר א געריכט, וואָס פאַר אן אַדמיניסטראַציע וועלן זיך רעכענען מיט די טיינעס פון א כאָסערדייעדיקן „קאַטאָרזשניק”. אַט אַזאַ מעטאָד האָט

מענ אָנגעווענדעט אויכ צו מיר אינ מינסטער. בעשאס מע האָט מיכ איינגעזעצט אינ דער שפּיטאָל־קאמערע, האָט די אדמיניסטראציע פארצייכנט אינ זשורנאל: „אָפּגעשיקט אינ דער אָפּטיילונג פאר מעשוגאָים קעדיי אויסצופּרווונ די פּסיכישע נאָרמאלקייט".

דידאָזיקע פארצייכענונג אינ דער געשיכטע פונ מיינ קראנקהייט האָט מיר באוויזנ דער עלטסטער וואכמייסטער פונעם לאזארעט, וואָס איז געווענ זייער אנ אָנשטענדיקער מענטש און וואָס האָט זיכ גוט באצויגנ צו די ארעסטירטע (צום באדויערנ איז ער שפּעטער געשטאָרבנ פונ קרעבס). איכ האָב מיטגעטיילט וועגנ דעם מיינ אדוואָקאט פרענקעל, ניט אָנווייזנדיק, פארשטייט זיכ, פונ וועמענ איכ האָב זיכ דאָס דערוווסט. איכ האָב געבעטנ דעם אדוואָקאט, ער זאָל זיכ דערשלאָגנ, מע זאָל אינ מינסטער אראָפּשיקנ א גוטנ פּסיכיאטער, וואָס זאָל באטראכטנ מיינ פּסיכיק, דערפאר ווייל דער טורמע־שעפ שיידהעס האָט זייער כיישעק צו דערקלערנ מיכ פאר א מעשוגענעם. פרענקעלס אָפּטע מעלדונגענ וועגנ דעם האָט מענ אָפּגעוואָרפנ; צום גליק אָבער האָבנ דידאָזיקע אָפּזאָגנ אים ניט אָפּגעשטעלט, און ער האָט ניט אופגעהערט אָפּצוקלאפּנ די טירנ פונ דער אדמיניסטראציע מיט זיינע מעלדונגענ, און טאקע נאָר אים האָב איכ דאָס צו פארדאנקענ, וואָס אינ רעזולטאט פונ זיינע אומדערמידלעכע זאָרגנ און דעם אויסשליסלעכנ געדולד, איז אָנגעקומענ אינ מינסטער, לויט א ספּעציעלער איינלאדונג, א פּראָפעסער פונעם פראנקפורטער אוניווערסיטעט, וואָס האָט מיכ אויסגעפאָרשט עטלעכע טעג דורכאנאנד. דער פּראָפעסער האָט אָפּגעשיקט אינ דעם מיניסטעריום א גענויעמ באריכט וועגנ זיינ עקספּערטיזע און, אפ אזא אופנ איז דורכגעפאלנ שיידהעסעס פרווו צו דערקלערנ מיכ אלס מעשוגענעם.

איכ ברענג דאָ בלויז עטלעכע שורעס פונ דערדאָזיקער עקספּערטיזע: „בעייסנ שמועסנ מיט אים האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז זיינ געדאנקענגאנג איז פולקאָם א נאָרמאלער אינ אלע הינזיכטנ, אז ער באזיצט פולקאָם אָרגאניזירטע עטישע איבערצייגונגענ, ווי אינ פראגעס פונ פאמיליענלעבנ, אזוי אויכ אינ פראגעס פונ געזעלשאפטלעכע קעגנ־

זייטיקע באציונגענ. זיינע געדאנקענ זיינענ געווידמעט דעמ מענטשנטומ. זיינע ארויסזאָגונגענ זיינענ איינפאכ, רויק אונ ניט באריידעוודיק".

איינזועצנדיק מיכ אינ דער מעשוגאָימ־אָפּטיילונג פונ ברעסלאווער טורמע, האָט די אדמיניסטראציע געמאכט א צווייטנ פרווו צו דערקלערנ מיכ אלס א פסיכיש אומנאָרמאלנ. די טורמע־אדמיניסטראציע אונ אויכ די דאָקטוירימ האָבנ אָנ סאָפעק געוווסט, אז א געזונטער מענטש, בעייס מע זעצט אימ איינ צווישנ מעשוגאָימ, קאָנ ווירקלעכ אראָפּ פונ זינענ. אז די אדמיניסטראציע האָט ווירקלעכ געהאט אזא קאוואָנע איז קלאָר פונ די אלע מאָסמיטלענ, וואָס מע האָט צו מיר אָנגעווענדעט.

אינ איינער פונ די קאמערעס פונ דער מעשוגאָימ־אָפּטיילונג איז געלעגנ א יונגער ארעסטירטער, וואָס איז געווענ געפערלעכ קראנק. ער איז געווענ א ייד א הענדלער. די אויפזעערס האָבנ איינגערעדט דעמ קראנקנ, אז מע האָט אימ איינגעזעצט אינ דער קאמערע פאר ווילדע לויט העלצס באפעל, אז העלצ איז שולדיק אינ אלע זיינע אומגליקנ. דאָס האָט ארייַנגעבראכט דעמ ארעסטירטנ אינ זייער אנ אויפגערעגטנ צושטאנד; ער האָט אָנגעהויבנ צו בושעווענ. לעכאטכילע איז דאָס געווענ א שפּילעכל בא די אויפזעערס אונ אויפראָמערס. שפּעטער מיט א שטיקל צייט האָבנ זיי זיכ ארופגעוואָרפנ אפנ צעבושעוועטנ, וואָס איז געווענ אָנגעטאָנ בלויז אינ א צעריסנ אונ קויטיק העמדל, אונ זיי האָבנ אימ צעבראָכנ די ביינער. דער אומגליקלעכער איז טאקע געשטאָרבנ אינ דער קאמערע פאר ווילדע.

מיכ האָט מענ שוינ דעמאָלט געהאט אריבערגעפירט אינעמ הויפּט־קאָרפּוס. פונ דעמ פענצטערל, וואָס אינ מיינ קאמערע האָט מענ געזענ דעמ ארייַנגאנג אינ דעמ טויט־שטיבל.

איינמאָל איינדערפרי האָב איכ דערזענ, ווי די אויפראָמערס האָבנ אינ דער באגלייטונג פונ אנ אויפזעער אריבערגעטראָגנ פונ דער קאמערע פאר ווילדע אינ דעמ טויט־שטיבל א טויטנ לאכלושנ א נאקעטנ. כ'האָב געזענ, ווי זיי האָבנ געקלאפּט דעמ טויטנ קערפּער מיט די פויסטנ אונ מיט אלצ, וואָס זיי האָבנ געפאקט אינ האנט. דער ארע־סטירטער האָפמאנ האָט מיר באשטעטיקט, אז די אויפראָמערס האָבנ

מיטנ ווייסנ פונ די אופזעערס, אויסגעבראָכנ בא טויטע זייערע גאָל־דענע ציינ.

אויב די ארעסטירטע פונ דער מענער־אָפּטיילונג פונ דער טורמע האָבנ געפערלעכ פיינס געהאַט זייער דאָקטער, האָבנ די ארעסטירטע פונ דער פרויענ־אָפּטיילונג ליב געהאַט זייער דאָקטער, וואָס האָט ניט איינמאָל געפרווווט זיי פארטיידיקנ. ווענ ער פלעגט דורכגיינ אינ הויפ בעייסנ שפאציר פלעגנ זיכ אַלע מיט אימ גריסנ, אונ יעדערער איז גערנ געווענ צו דריקנ אימ די האַנט אונ אימ אויסדריקנ זיינ דאנק־באַרקייט. דערדאָזיקער דאָקטער פלעג טאָג ·אַלצ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אינ העסקעמ מיטנ טורמע־סטאַטוט, אפ ניט צו פארשווערנ נאָכ מער די לאַגע פונ די מענטשנ, וואָס זיינענ שוינ אזוי אויכ גענוג געשטראָפט געוואָרנ. אימ האָבנ ליב געהאַט אי די אָנגעשטעלטע, אי די וועכטער.

מיר איז אויסגעקומענ צו האָבנ מיטנ דאָזיקנ דאָקטער לאַנגע שמועסנ. דאָס איז געווענ א טיפישער בורזשוא, וועלכנ עס זיינענ לאַכלוטנ פרעמד געווענ קאָמוניסטישע אָדער סאָציאַליסטישע אידייעס, ער האָט אָבער פארשטאַנענ די ליידנ פונ די מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ געפלאַגט אינ טורמע, אונ האָט זיכ געסטאַרעט צו העלפנ זיי.

בעייס דער מילכאָמע איז אונטער זיינ אויפזיכט געווענ ראָזע ליוקסעמבורג; זי איז דאַנ געזעסנ אינ ברעסלאַווער פרויענ־טורמע.

דאָקטער שווארצשילד האָט מיר גענוי דערציילט וועגנ זיינע שמועסנ מיט ראָזענ, וועלכע ער האָט זייער געשעצט אונ געאַכטעט. אפ דעמ־דאָזיקנ בורזשוא האָבנ געמאַכט א שטאַרקנ איינדרוק איר גרויס וויסנ אינ אַלע געביטנ פונ וויסנשאַפט, איר מיטגעפיל צו יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש. אויסהערנדיק זיינע דערציילונגענ וועגנ דערדאָזיקער אויסגעצייכנטער פרוי, האָט מיר שטאַרק באַנק געטאָנ, וואָס מיר איז ניט אויסגעקומענ מיט איר זיכ צו באַקאָנענ. אגעוו, האָט מיר דאָקטער שוואַרצשילד דערציילט ווי ראָזע האָט געהיילט א פארוווּנדעטע טויב, האָט איר איבערגעבונדנ די וווּנד, ווי די טויב פלעגט טאָגטעגלעכ אריינפליענ צו איר אינ קאַמערע דורכ די שמאָלע גראַטעס, ווי זי

פלעגט זיכ איר זעצנ אפ די פלייצעס אונ פיקנ פונ אירע הענט ברעק־לעכ שפייז. ער האָט מיר באוויזנ די בריוו, וואָס ראָזע ליוקסעמבורג האָט אימ געשיקט נאָכדעמ ווענ זי איז ארויס פונ דער טורמע. פונעמ אינהאלט פונ די בריוו איז געווענ צו זענ, אז זי האָט אויכ געשעצט אונ געאכטעט דעמדאָזיקנ דאָקטער.

אינ יענער צייט—זייענדיק נאָכ אינ דער קאמערע פאר ווילדע פונ דער מעשוגאָימ־אָפטיילונג—האָב איכ געלייענט די „געשיכטע פונ מיינ צייט־כאווער” קאָראָלענקאָס—אָט דאָס וווּנדערלעכ ווערק, צו וועלכנ ראָזע ליוקסעמבורג האָט אָנגעשריבנ א פאָרעדע. סיי די פאָרעדע, סיי די איבערזעצונג פונעמ דאָזיקנ בוכ האָט זי געמאכט זיצנדיק אינ דער ברעסלאווער טורמע. איר ארבעט האָט געמאכט אפ מיר אזא שטארקנ איינדרוק, אז איכ האָב אינ פארלויפ פונ עטלעכע וואָכנ קימאט טאָג־טעגלעכ דורכגעלייענט איר פאָרעדע.

צווישנ די ארעסטירטע פונ דער מעשוגאָימ־אָפטיילונג איז געווענ א מאנ פונ א יאָר דרייסיק, וואָס איז געווענ פארמישפעט צו טורמע אפנ גאנצנ לעבנ. ער האָט אינ דער פריער יוגנט געהארגעט א מענטשנ. אינ דער טורמע איז ער שוינ געזעסנ קימאט צענ יאָר. פונ דער נאטור אנ איינגעהאלטענער אונ א באשיידענער, פלעגט דערדאָזיקער מענטש שטענדיק זיצנ אינ א באזונדערער קאמערע—אונ קיינמאָל האָט ער זיכ ניט באטייליקט אינ ניבל־פע אָדער אינ די געשלעגנ פונ די ארע־סטירטע. איינמאָל, בעיס עס האָבנ מיכ באזוכט מיינע אייגענע אונ האָבנ בעשאס אוועקגיינ מיר אריינגערוקט בעגנייווע א שטיקל שאָקאָ־לאד אינ האנט, האָב איכ אימ באגעגנט אפ די טרעפ אונ אימ אפ גיכ איבערגעגעבנ דעמ שאָקאָלאד. ער האָט זיכ אזוי דערפרייט מיט דער־דאָזיקער קליינער מאטאָנע, אז פונ דעמאָלט אָנ פלעגט ער מיכ שטענ־דיק באגעגענענ מיט א ברייטנ פריינטלעכנ שמייכל.

מאכ איכ אמאָל דורכ מיינ האלבשאָיקנ שפאציר אינ קרייז אינ הויפ פונ דער מעשוגאָימ־אָפטיילונג איינער אליינ, אונטערנ אויפזיכט פונ צוויי וועכטער. פלוצימ דערזע איכ, ווי דערדאָזיקער שטענדיק רויקער ארע־סטירטער יאָגט איבערנ קאָרידאָר אונ זעצט אויס מיט די פויסטנ די

פענצטער־שויבנ. האָבנ אים געפּאַקט די וועכטער,— זיינע הענט זיינענ געווענ דורכויס צעקאַליעטשעט,— אונ האָבנ אים אַריינגעוואָרפנ אינ דער קאַמערע פאַר ווילדע. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט דאָס געטאָנ בעקיוונ, קעדיי זיך דערשלאָגנ אַפ אַזאַ אויפנ, מע זאָל אים אַריבערפירנ אינ דעם הויפּט־קאָרפּוס: ער איז שוינ אָפּגעזעסנ העכער אַ יאָר צייט אינ דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג אונ האָט מוירע־געהאַט, אַז זייענדיק צווישנ מעשוגאָים אונ סימוליאַנטנ, וועט ער אַליינ אַראָפּ פונ זינענ. אים האָט דאָס זיצנ אינ אַנ איינצל־קאַמערע ווייניקער געשראָקנ, איידער דאָס זיינ צווישנ מעשוגאָים. אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט געשלאָגנ פענצטער, פאַרוואָס מע האָט אים, פאַרשטייט זיך, שטרענג באַשטראָפט, האָט ער ווירקלעך זיך דערשלאָגנ אַז מע זאָל אים איבער־פירנ אינעם הויפּט־קאָרפּוס. ביז דעם האָט מענ אים, ניט געקוקט אַפ זיינע אָפּטע ביטע־בריוו, ניט געוואָלט איבערפירנ צוריק אינ הויפּט־קאָרפּוס, ווייל ער איז געווענ דער איינציקער שניידער אונ פלעגט פאַריכטנ די האַלבאָשע פונ די אָנגעשטעלטע.

איינציקע אַרעסטירטע סימולירנ אַ פּסיכישע קרענק, דערפאַר ווייל זיי האָפנ צו פאַרגרינגערנ אַפ אַזאַ אויפנ זייער שווערע לאַגע. צו שפּעט אָבער באַדענקענ זיי זיך, אַז זיי באַגייענ אַ גרויסנ פעלער. אויב אַנ אַרעסטירטנ האָט זיך איינגעגעבנ,— עמעס, זייער זעלטנ,— אָפּצונאַרנ דעם דאָקטער,— פלעגט מענ אים אָפּשיקנ אַפ פינפ יאָר אונ מערער אינעם פּסיכיאַטרישנ שפּיטאָל, וואָס אויט דער שטאָט, ווו ס'איז אים געווענ לאַכלוטנ ניט בעסער, אונ אָפּטמאָל אַפילע ערגער איידער אינ טפיסע. די צייט, וואָס ער פלעגט אָפּזיינ אינ שפּיטאָל, פלעגט מענ אים ניט פאַרעכענענ אינעם אַרעסט־טערמינ; אומקערנדיק זיך ווי אַ געזונט גע־וואָרענער אינ טורמע פלעגט ער דאַרפנ אָפּזיצנ דעם פולנ טערמינ פונ זיינ שטראָפ. איך האָב אינ טורמע געזענ עטלעכע אַרעסטירטע, וועלכע מע האָט פאַרמישפּעט אַפ דריי אָדער פינפ יאָר טורמע, פאַקטיש אָבער האָבנ זיי פאַרבראַכט אינעם פּסיכיאַטרישנ שפּיטאָל פונ אַכט ביז צענ יאָר. נאָך אַנ ערגערער גוירל איז אויסגעפאַלנ אַפ יענע אַרעסטירטע, וואָס האָבנ סימולירט אַ פּסיכישע קרענק אַזוי פלייסיק אונ איבערצייגנ־

דיק, אז זיי זיינען אין א קורצער צייט ארום ווירקלעך אראָפּ פון זינען.

מיין ניטגעלונגענער פּרווו צו אנטלויפן

ארום ענדע דעקאבער 1923 האָט מען מיך אריבערגעפירט פון דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג אינעם הויפּט־קאָרפּוס.

אין דער קאמערע, וווהין מע האָט מיך איינגעזעצט, איז געווען א שטיינערנער דיל. בעיט זיצן אין דער קאמערע פאר ווילדע אין דער מינסטערער טורמע האָב איך באקומען רעוומאטיזם, און דאָ האָב איך איינגיכן דערפילט, אז מיין קראנקהייט פארשארפט זיך איבער דעם שטיינערנעם דיל. ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב א יאָר צייט געפירט א העפטיקן קאמף, האָב איך זיך דערשלאָגן, מע זאָל דעקן דעם דיל מיט ברעטער. פאר דערדאָזיקער צייט האָט די קראנקהייט פארכאפּט מיין גאנצן גוף, און איך האָב געפּרוּווט אָפּשטעלן מיינע גימנאסטישע איבונגען, מיינע גלעדער זיינען אזוי פארהילצערט געוואָרן, אז איך בין גאנצע טעג, גאנצע וואָכן געלעגן אפן בעטל און געציטערט פון קעלט. וואָלט מען כאָטש ווינטער גוט באהייצט די קאמערעס,—פלעגט מען אָבער אָנהייצן די ראדיאטערס ערשט נאָך אזייגער איינדערפרי, און איינס אזייגער באטאָג פלעגן זיי שוין זיין קאלט. ביז צוועלף אזייגער אינאָוונט פלעג איך זיצן איבער די ביכער, ווען אין דער קאמערע איז געווען לאכלוטן קאלט. מאכמעס דער צו שארפער שיין, וואָס אין קאמערע, האָב איך סייווי ניט געקאָנט אנטשלאָפן ווערן.

אין די פענצטער פון דער קאמערע זיינען, כוץ די גראטעס, געווען נאָך ספּעציעלע שירמעס,—אפילע בעיס דאָס פענצטער איז געווען אָפן פלעגן דידאָזיקע שירמעס פארשווערן דאָס אויסלופטערן די קאמערע און אָפּנעמען באם ארעסטירטן די מעגלעכקייט צו זען כאָטש א קליינעם פּאס הימל. די שירמעס זיינען געמאכט געוואָרן פון גראָבן גרויען מאטעוון גלאָז און זיינען פארפאפט געווען מיט פּיליאָריקן שטויב און קויט, ווייל מע האָט זיי ניט געקאָנט אָפּוואשן ניט פונינוויינ־יק, ניט פונדרויסן. זיי פלעגן ניט דורכלאָזן אפילע קיין מינדסטן שטראל.

איבער דידאָזיקע שירמעס פלעג די שיין אין קאמערע האָבן א געל־גרויע באפארבונג, און די קאמערע איז געווען ענלעך צו א טויט־שטיבל.

אויב די מינסטערער קאמערעס האָבן געמאכט אף מיר אן איינדרוק פון קוואָרים, האָבן די קאמערעס פון דער ברעסלאווער טורמע געהאט א נאָך מער פארכוישעכטן אויסזען און נאָך מער געדריקט אפן הארצן. די אויסגעווייסטע ווענט זיינען געווען נאקעטע; דער שטיינערנער דיל, וואָס איז געווען אָפּגעשווארצט מיט א געמיש פון סאזשע מיט אייל, האָט געזעצט מיט א געפערלעכן רייעך. דערצו נאָך די טונקעלע באלייכטונג. פלאגנדיק זיך יאָרן־לאנג אין דעמדאָזיקן קייווער, פלעגט דער ארעסטירטער ארייפאלן אין האָפנונגלאָזן ייִעש.

די מאסאָווע שויבן האָט מען ארייגעשטעלט ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק. אין די זונטיק־טעג, ווען אף דער גאס, וואָס פארביי דער טורמע, האָבן אוי'ס דער שטאָט שפאצירט איינוווינער, פלעגן אייניקע פון די ארעסטירטע ארויסשטעלן אין די פענצטער און באווייזן פאר די דורכגייער זייערע געשלעכטס־אָרגאנען, דערביי פלעגט ניט פעלן קיין ניבל־פע. מאכמעס דעם, וואָס צוויי־דריי ארעסטירטע האָבן געפרווט אף אזא ניטגעוויינלעכן אויפן אויסלאָזן זייער ניט באפרידיקטע געשלעכט־טייווע, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט אין פארלויף פון גאנצע יאָרן,—האָבן באדארפט יאָר איין יאָר אויס אָפּקומען לאכלוטן אומשולדיקע זיבן הונדערט ארעסטירטע, וואָס האָבן מער זיך קיין לעבעדיקע שיין ניט געזען, קיין פרישן לעפל לופט ניט געאָטעמט. אפילע יענע פענצטער, וואָס האָבן ניט געקוקט אף דער גאס, האָט מען פארשטעלט מיט דידאָזיקע שירמעס.

איך האָב ניט איינמאָל זיך געווענדעט מיט א באקאָשע צו דער טורמע־אדמיניסטראציע, זי זאָל אראָפּנעמען דידאָזיקע שירמעס. דער שעף פון דער קרייזישער טורמע־פארוואלטונג, דאָקטער עגאָן כומאן, וואָס האָט געשעמט ווי אן אָנהעגנער פון הומאנישן באהאנדלען די ארעסטירטע, איז דערויף איינגעגאנגען. אויב דידאָזיקע שירמעס „באשיינען“ אָבער נאָך ביז היינטיקן טאָג די ברעסלאווער טורמע, ליגט א כויוו אף

דער גאָרער בעוועלשאַפטלעכקייט פאָדערנ, אַז מע זאָל זיי אַראָפּגענומענ.

כוץ מיר זיינענ אינ ברעסלאַווער טורמע געזעסנ נאָכ אַ מאַנ פופצנ־צוואַנציק אַרעסטירטע קאָמוניסטנ, וואָס זיינענ געזעסנ אינ דערוויילִיקנ אַרעסט, אינ צוזאַמענהאַנג מיט די אָקטיאַבער־שלאַכטנ פונ 1923 יאָר נאָכנ פאַרבאָטנ די לעגאַלע עקזיסטענצ פונ דער פאַרטיי. אינ יאַנוואַר 1924 האָבנ מיר זיכ דערוווּסט פונ לענינס טויט. אינ טאָג פונ זיינ לעוווייע האָבנ די קאָמוניסטנ־אַרעסטירטע דערקלערט אַ איינטאָגיקנ הונגער־שטרייק, דערמיט האָבנ מיר געוואָלט אויסדריקנ אונדזער טרויער־געפיל און די אומבאַזיגבאַרע שטאַנדהאַפטיקייט אינ קאַמפּ.

בעת איכ בינ געזעסנ אינ דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג בינ איכ געווענ לאַכלוטנ אָפּגעריסנ פונ דער אויסערלעכער וועלט און קיינ מעגלעכקייט ניט געהאַט נאָכצושפּירנ נאָכנ גאַנג פונ די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געשעענישנ. נאָכ דעמ ווי מע האָט מיכ אַריבערגעפירט אינ דעמ הויפּט־קאָרפּוס האָב איכ זיכ דערוווּסט, אַז עס זיינענ פאָרגעקומענ גרויסע ענדערונגענ. אַדאַנק דער אינפלאַציע זיינענ די גווירים געוואָרנ אָרעמעלייט, די קליינע אָנגעשטעלטע האָבנ פאַרלוירנ זייערע אָפּשפּאָרונגענ. אַפילע אַזעלכע מענטשנ, ווי וועכטער, וואָס האָבנ ביז איצט לאַכלוטנ זיכ ניט אינטערעסירט ניט מיט פּאָליטיק, ניט מיט קיינ פאַרטייענ, זיינענ איצט, אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער געשאַפענער לאַגע, געווענ אויפגעבראַכט קעגנ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. פריער פלעגנ די טורמע־אָנגעשטעלטע זעלטנ־ווענ פאַרפירנ מיט מיר אַ שמועס און קיינמאָל פלעגנ זיי ניט ווענלנ אַרויסזאָגנ זייערע פּאָליטישע אָנשויונגענ; איצט האָבנ זיי גאַנצ אָפנ געזאָגט, אַז זיי וואָלטנ באַגריסט די אַרויסטרעטונגענ פונ די לינקע און אַפילע אַקטיוו זיי געשטיצט.

קיינ קאָמוניסטישע צייטונגענ פלעגט מענ מיר ניט דערלויבנ צו לייענענ, אָבער אַפ וויפל איכ האָב געקאָנט אורטיילנ לויט דער בורזשואַזער פּרעסע, זיינענ צווישנ די אַרבעטער געווענ אויסגעשפּראָכענע רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ; בא מיר האָט זיכ אַפילע געשאַפנ אַ איינדרוק, אַז די בורזשואַזיע און די רעגירונג וואַרטנ אַפ אַנ אַרויסטרעטונג

טײַ פֿון לינקס, טײַ פֿון רעכטס. אין דידאָזיקע טעג האָבן מײַנע כאַ־ ווײַרים מיר מיטגעטײלט אין צעטעלעך, אַז איך מוז אַנטלויפֿן פֿון דער טורמע, ווײַל מע נײטיקט זיך אין מיר זײער אויף דער פֿרײַ. כּוּץ דעם וואָלט מײַן אַנטלויפֿן געווען אַ מין סיגנאַל אויף צו אַקטיוויזירן די רע־ וואָלוציאָנערע באַוועגונג. אין מײַן ענטפֿער האָב איך געשיקט דעם פּלאַן פֿון מײַן פֿלײטע, וואָס אויף אויסצופֿילן אים האָט זיך געפֿאָדערט מיטהילף מיצד די כאַווײַרים, וואָס געפֿונען זיך אויף דער פֿרײַ. איך האָב אָנגעצײכנט אַ פּלאַן פֿון דער טורמע־געבײַדע, אָנגעמערקט אַלע טירן, טויערן, טעלעפֿאָנען און קאַמערעס, און דאָס אַלץ אַריבערגעפֿעקלט אויף דער פֿרײַ. אין מײַנע צעטעלעך האָב איך דערקלערט די כאַווײַרים דעמדאָזיקן פּלאַן; ער איז געווען אויסגעצײכנט צונויפֿגעשטעלט, און עס זײַנען פּאָרויסגעזען געוואָרן אין אים אַלע צופֿעליקײטן.

דאָס אויספֿילן אונדזער פּלאַן איז שוין געגאַנגען אויף אַ לאַד. אין ברעסלאַוו זײַנען אָנגעקומען זעקס פּאָטלענדישע און בערלינער כאַ־ ווײַרים; זײ האָבן גענומען אויפֿן וואָקזאַל אַ טאַקס! און זײַנען צוגעפֿאָרן צו דער טורמע. צװײ פֿון זײ האָבן באַוויזן דעם טויער־וועכטער אַ צײַגעניש, אַז זײ זײַנען טורמע־אויפֿזעערס אָנגעטאָנענע ציוויל און זײ האָבן אים געמאָלדן, אַז זײ באַגלײטן אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן, וועלכע מע שיקט איבער פֿון הערליץ קײן ברעסלאַוו.

דער טויער־וועכטער האָט אַרײַנגעלאָזט אין דער בודקע די קלוי־ מערשטע טורמע־אויפֿזעערס, קעדײ צונעמען בײַ זײ די באַגלײט־פּאַפּירן אויף די ניטעקזיסטירנדיקע אַרעסטירטע. דאַן האָבן די כאַווײַרים גלײַך אַרויסגעריסן בײַ אים די שליסל, האָבן אים אַוועקגעשטעלט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט און געמאָלדן אים, אַז זײ וועלן אים גלײַך אַוועקלײגן, אויב ער וועט כאָטש אײן פּיפּס טאָן.

דערזען די גלאַנצנדיקע רעוואָלווערן, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע און האָט געמאַכט אַ שווײַג. לעבן אים זײַנען געבליבן שטײן צװײ כאַווײַרים מיט רעוואָלווערן אין די הענט, די איבעריקע האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין טורמע. גראָד אין דערדאָזיקער צײַט האָב איך, לויט ווי מיר האָבן זיך געהאַט צונויפֿגעשריבן, דורכ־

געמאַכט מיינ שפּאַציר אינ הויפ. איכ האָב געהערט, ווי זיי האָבנ זיכ אריינגעריסנ, זיי זיינענ געשטאַנענ סאַכאַקל פיר שפּאַנ לעבנ מיר, אונדז האָט אָפּגעטיילט בלויז די פּאָרטקע, וואָס פירט אינ הויפ, דערביי זיינענ די שליסל פונ דער פּאָרטקע געווענ בא זיי אינ די הענט.

פלוצימ האָבנ זיי אָבער פארקערעוועט צוריק אונ זיינענ אוועק געשווינד פונ דער טורמע, ניט געקוקט דערופ, וואָס קיינער האָט זיכ אפילע ניט געפּרווט זיכ קעגנשטעלנ זיי.

דערדאָזיקער ניטגעלונגענער פּרווו צו באפרייענ מיכ אינמיטנ העלנ טאָג האָט ארויסגערופנ א גרויסנ טומל; ער איז געווענ גוט אָרגאַניזירט; קיינעמ פונ זיינע אָנטיילנעמערס האָט מענ ניט ארעסטירט.

איכ האָב לאכלוטנ ניט פארשטאַנענ, פארוואָס זיי האָבנ געמוזט אנטלויפנ פונ דער טורמע. ערשט נאָכ דעמ, ווי מע האָט מיכ באפרייט בינ איכ געוויר געוואָרנ, אז אינעמ לעצטנ מאָמענט האָט איינער פונ זיי געזאָגט א ניטריכטיקנ פּאראָל.

דערדאָזיקער דורכפאל האָט שטארק געווירקט אפ מיר, מע האָט אָנגעהויבנ נאָכ מיר שטארק קוקנ. טאָג אונ נאכט האָבנ מיכ באוואכט ספּעציעלע אָנגעשטעלטע. אלע קאמערעס פלעגט מענ אופעפענענ מיט איינ שליסל, נאָר צו מיינ קאמערע האָט מענ באשטעלט א ספּעציעלנ שליסל. מע האָט מיר ניט דערלויבט זיכ צוזאמענטרעפנ מיט וועמענ עס איז פונ די ארעסטירטע. בעיסנ שפּאַציר פלעגט מיר אויסקומענ צו לויפנ אינ קרייז איינער אליינ.

דאָס זיצנ אינ אנ איינצל־קאמערע אנטוויקלט בא אלע ארעסטירטע זייער א הויכע עמפינדלעכקייט. איכ האָב געהאט די מעגלעכקייט צו באָבאכטנ טכילעס אפ זיכ גופע, דערנאָכ אפ אנדערע ארעסטירטע די צעשטערונגווירקונג פונעמ זיצנ א לענגערע צייט אינ אנ איינצל־קאמערע אונ איינצייטיק דערמיט דאָס האלטנ די געשלעכט־טייווע אינ צוימ. דער ארעסטירטער, וואָס זיצט אינ אנ איינצל־קאמערע געפינט זיכ אינגאנצנ אינ זיינ אייגענעמ רעשוס. עמעס, אינ די טאקאָנעס, פונ דער „היינטצייטיקער טורמע־אָרדענונג”, ווערט געזאָגט, אז די טורמע־אָנגעשטעלטע דארפנ זיכ סטארענ, ווי ווייט מעגלעכ, צו ריידנ מיט די ארע־

סטירטע, קעדיי אָפּצורייסן זיי פון שווערע געדאנקען און בעסער זיי
דערלערנען. דאָס איז אָבער בלויז אפ פּאפּיר: צו וויניק אָנגעשטעלטע
האָט די טורמע, זיי זיינען איבערגעלאָדן און האָבן לאכלוטן קיין מעג־
לעכקייט ניט צו ריידן כאָטש עטלעכע מינוט מיט די ארעסטירטע. יע־
דער אופזעער, וואָס פארוואלטעט מיט אן אָפּטיילונג, איז אָפט גע־
צווונגען צו באדינען נאָך איינע, צוויי און אמאָל אויך דריי אָפּטיילונ־
גען; דאָס טרעפט אָפט אום האלבן טאָג, ווען ס'בייטן זיך די דעזשור־
נע. איך האָב אויסגערעכנט, אז ס'איז פאראן טעג, ווען אן אופזעער
קומט אויס צו עפענען און פארשליסן די טירן פון הונדערט זעכציק
קאמערעס מער פון פיר טויזנט פיר הונדערט מאָל אין טאָג. אין
דער צווישנצייט לויפט ער אראָפּ און ארויף אף די טרעפּ, באגלייט
צענדליקער ארעסטירטע צו באזונדערע אינספעקטערס אָדער צום טורמע־
שעף, שרייבט ראפּאָרטן און מאכט פארצייכענונגען אין די ביכער.

אָבער אפילע דעמאָלט, ווען די אָנגעשטעלטע זיינען ניט פארוואל־
גערט מיט ארבעט ווייכן זיי אויך צו שמועסן מיט די ארעסטירטע,
זיי האָבן מוירע פאר דער אדמיניסטראציע.

די אָנגעשטעלטע פון דער ברעסלאווער טורמע איז געווען שטרענג
פארבאָטן צו פארפירן מיט מיר געשפּרעכן. אָבער אייניקע פון זיי
האָבן זיך ניט גערעכנט מיטן פארבאָט. פון צייט צו צייט פלעגן זיי
בעגענייווע כאפּן א שמועס מיט מיר און זיי האָבן גוט געציטערט, עס
זאָל דאָס ניט באמערקן ווער עס איז פון די ארעסטירטע אָדער אָנגע־
שטעלטע.

איינמאָל, בעיס מע האָט מיך געפירט אפ א שמועס צום טורמע־
שעף וואָופעל, האָט ער באמערקט, אז צוויי אָנגעשטעלטע שמועסן מיט
מיר. איך האָב זיי נאָר געפרעגט, צי וועל איך נאָך לאנג דארפן
ווארטן בא די טירן פונעם קאבינעט. פונקט אין יענעם מאָמענט, ווען
זיי האָבן מיר געוואָלט ענטפערן, איז פונעם קאבינעט ארויס דער שעף.
דערזען אז מע רעדט מיט מיר, איז אים דאָס בלוט ארייַן אין פּאָנעם,
און ער האָט מיט א בייזער, אָפּגעהאקטער שטימע גענומען רופן דעם
עלטסטן וואכמייסטער. ווען דער וואכמייסטער איז געקומען, האָט דער

שעפּ זיך בּעשריען: „העך עלטסטער וואַכמייסטער, הער עלטסטער וואַכמייסטער, דאָס איז פּאַשעט אַ ניטדערהערטע זאַך,—די אָנגעשטעלטע שמועסן מיט העלצנו!" וואָופעל איז צו צו די אָנגעשטעלטע און, שטורכנ־דיק זיי מיט די פינגער, האָט ער געשריען: „גלייך זאָלט איר זיך פאַר־נעמען, איר זייט ניט קיין זיכערע מענטשן, אזעלכע באַדאַרף איך ניט האָבּנ!"

די ליידן פון איינזאַמקייט און זייערע פאָלגן

עלטערע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבּן געדינט אלס אופזעערס נאָך בּעיִס דער מאָנאַרכיע,—זיינען האַרטלייביקע פאַרשויגענע און האָבּן פיינט צו ריידן. אין זיי האָט זיך שוין צופיל איינגעוואָרצלט דער אבּסאָליוטער פאַרבּאָט צו ריידן מיט אַרעסטירטע, וואָס האָט געהערשט אין די טורמעס בּעיִס דער מאָנאַרכיע. אָפּט ענטפערן זיי ניט דעם אַרעסטירטן אפילע אָפּ אַ ריינ זאַכלעכע פראַגע.

בּאַ אזעלכע בּאַדינגונגען פון איינזאַמען אַרעסט איז דער אַרעסטיר־טער געצוווּנגען צו פאַרנעמען זיך מיט זיך אליין.

ער טראַכט בּלויז וועגן זיין לאַגע, וועגן זיין לעבּן און פיין, וועגן זיינע פאַרלאַנגען און האָפענונגען. די שטענדיק איינ און דיזעלביקע אַרבּעט אין טורמע איז ניט אימשטאַנד כאָטש אָפּ וויפל ניט איז אים אָפּצורייסן פון דידאָזיקע געדאַנקען און פאַרטרייבּן פון אים די מאָרעשכוירע.

די בּיכער, וואָס די טורמע־בּיבּליאָטעק גיט אַרויס, זיינען בּעשומ־ויפן ניט אימשטאַנד אופצומונטערן בּאַם אַרעסטירטן וועלכע ניט איז אינטעלעקטועלע אינטערעסן אָדער שאַפן פאַר אים אַ מעגלעכקייט צו פאַר־געסן זיינע ליידן. פאַר די פערצן כאַדאָשים, וואָס איך האָבּ פאַרבּראַכט אין מינסטערער טורמע, האָבּ איך ניט בּאַקומען קיין איין אינטערע־סאַנטן בּוך פון דער טורמע־בּיבּליאָטעק. אין דער בּרעסלאַווער טורמע זיינען געווען בּלויז ראָמאַנען, דערבּיי זייער ווייניק גוטע. אין דער אָרעמער גרויס־סטרעליצער בּיבּליאָטעק זיינען אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט, וואָס איך בּין דאָרטן געזעסן, צוגעקומען בּלויז צוואַנציק נייע בּיכער, (אַ זעקס—זיבּן הונדערט אַרעסטירטע). צווישן דערדאָזי־

קער צאָל זיינען אפילע יאָ געווען עטלעכע ווערטפולע ביכער, זיי פלעגן אָבער זייער זעלטן אָנקומען צו די ארעסטירטע אין די הענט, ווייל פריער זיינען זיי אומגעגאנגען פון האנט צו האנט צווישן די אָנגעשטעלטע. צייטונגען פלעגן באקומען זייער ווייניק ארעסטירטע. אין די קאטאָרגע־טורמעס אין מינסטער, גרויס־סטרעליץ, זאָנענבורג און ברעסלאוו פלעגן פון די זעקס—זיבן הונדערט ארעסטירטע בלויז צוואנציק־דרייסיק מאן באקומען צייטונגען. דערביי איז געווען שטרענג פארבאָטן, אז איין ארעסטירטער זאָל איבערגעבן א צווייטן זיין צייטונג. געוויינלעך האָבן דאָס רעכט צו קויפן א צייטונג בלויז יענע ארעסטירטע, וואָס פארדינען אפ אזויפיל, אז זיי זאָלן קאָנען אָפצאָלן פאר איר. דער דורכשניטלעכער כוידעש־פארדינסט פון אן ארעסטירטן באטרעפט איין מארק מיט צוויי און נײַנציק פעניג. פון דערדאָזיקער סומע קאָן דער ארעסטירטער אויסגעבן אף זיך בלויז א העלפט. אָבער פאר זעקס און נײַנציק פעניג קאָן מען איצט קיין צייטונג ניט קויפן. כוצדעם, גייט דאָס געלט אף פאָסט־הויצאָעס און אנדערע זאכן, ווי לעמאָשל, ציין־פאסטע, בערשטלעך, זייף א. א. וו. די קנאפע צאָל צייטונגען, וואָס שלאָגט זיך שוין יאָ דורך אין טורמע, גייען דורך צוויי און דריי צענזורס. ווי געזאָגט, איז פארבאָטן צו לייענען קאָמוניסטישע צייטונגען. אָבער אויך די בורזשואַזע צייטונגען, ווי, לעמאָשל, די צייטונגען וואָס עס גיט ארויס די פארטיי פונעם צענטער*), די דעמאָקראטישע צייטונגען קומען אָן אין א שטארק פארקריפלטן אויסזען. אין דער ברעסלאווער און מינסטערער טורמעס פלעגן די אדמיניסטראציע און די גאלאָכים פאָשעט אויסשניידן גאנצע שפאלטן. אין זאָנענבורג פלעגט מען אויסמעקן און, אף אזא אויפן מאכן אומבאקוועם צו לייענען גאנצע זייטן; דאָסזעלביקע האָט מען געטאָן אויך מיט דער „בערלינער איליוסטרירטע צייטונג”. אין אזא געקירצטן אָדער אויסגעשטראָכענעם אויסזען פלעגט מען ארויסגעבן מיר און אנדערע ארעסטירטע אפילע די געדרוקטע זיצונגען־באריכטן פונעם פארלאמענט אָדער פונעם לאנדטאג.

אין אייניקע פרייסישע טורמעס איז פארשפרייט צווישן די ארע־

---

*) די פארטיי פון די דייטשישע קלעריקאלן (באמ. פון רעד.)

סטירטע די צייטונג „לויכט־טורעם״, וואָס דרוקט זיך אין איינער פון די טורמעס (אין מיין צייט—אין דער וואַלאַווער טורמע), און וואָס קאָסט בלויז עטלעכע פעניג. איר אינהאַלט האָט בלויז שוואַכע סימאָנים פון ענלעכקייט צו א צייטונג. דאָ ווערט אָפּגעגעבן א היפּש אָרט דעם „אַלויבערשטן״, ס׳רעדט זיך זייער אַסאַך וועגן פאַרברעכן, וועגן אויסקויפן די זינד און „פאַרדינטער שטראָף״. געהאָרכזאַמע אַרעסטירטע דרוקן אין דערדאָזיקער צייטונג סענטימענטאַלע לידער פון זייער איי־גענער שאַפונג, וואָס אין זיי לויבן זיי אין טאָג אַריין אין הויכע מע־ליצעס די טורמע־אַדמיניסטראַציע און די גאַלאָכים.

אייניקע אַרעסטירטע פלעגן אויסגעפינען ווונדערלעכע מיטלען, ווי אַזוי צו קריגן פאַר זיך א פאַרווייַלונג נאָך דער נימעסטער אַרבעט אין טורמע. אין גרויס־סטרעליץ, וווּהין מע האָט מיך אַריבערגעפירט פון ברעסלאַו, האָט מען פיל אַרעסטירטע דערלויבט צו באַקומען פון זייערע אייגענע מוזיקאַלע אינסטרומענטן. אין די זונטיק־טעג האָט מען זיי דער־לויבט צו שפּילן, אָבער אין מינסטער, ברעסלאַו און זאָנענבורג האָט מען דאָס אויך פאַרבאָטן.

אין זאָנענבורגער טורמע האָט איינער אַן אַרעסטירטער בעייסן שפּאַציר צוזאַמענגעקליבן אין הויף שפּענדלעך בעגענייווע און האָט געמאַכט פון זיי א קליינע פידעלע, אַף וועלכן ער האָט אויסגעצייכנט געשפּילט. האָט אָבער דער אויפזעער צוגענומען באַם אַרעסטירטן דאָס פידעלע, וואָס איז אים אַזוי שווער אָנגעקומען, און עס צעבראָכן. דער אַרעסטירטער איז ניט מיד געוואָרן און האָט געהאַלטן אין איין אויס־מעלאָכען פאַר זיך אַזעלכע פידעלעך,—אַפּוויפל איך ווייס, האָט ער געמאַכט מער פון צען פידעלעך,—און דער אויפזעער האָט גענומען דאָס זייניקע: אַלעמאָל, בעת אונטערזוכן די קאַמערע, פלעגט ער דאָס צו־נעמען און צעברעכן.

אין ברעסלאַווער טורמע האָט דער אַרעסטירטער טייגדל, א בלעכער לויט זיין פּראָפעסיע, געמאַכט פון אַלטע צייטונגען א שאַכמאַכט־ברעטל און שאַכמאַט־פיגורעס. דאָס איז געווען א פילאָסאָף א בראָדיאַגע, וואָס פלעגט אין זיין טאָגבוך פאַרצייכענען קליינע נאָטיצן וועגן ערנסטע

פראָבלעמעס. ער איז געווען שטענדיק א רויקער און באשיידענער, און די אַדמיניסטראַציע פלעגט קיינמאָל ניט האָבן צו טאָן מיט אים. איז אָבער די מייסע ניט געפעלן איינעם אן אופזעער, האָט ער אָפּגענומען בא אים דאָס שאַכמאַט־ברעטל און עס צעריסן פאר זיינע אויגן. טיינדל, וואָס פלעגט זעלטן ווען אין קאַעס ווערן, איז דאָס מאָל אזוי שטארק אויפגעבראַכט געוואָרן אפן אופזעער, אז ער האָט אים געמאכט מיט דער בלאָטע גלייך; דער אופזעער האָט דעריבער אים נאָך באַשול־דיקט אין שלעכטער אויפירונג, און אפן צווייטן טאָג האָט מען אים געבראַכט צו פירן צום טורמע־שעף, קעדיי אים צו באשטראָפן.

ערשט מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק איז דער טורמע־שעף נאָך געווען א קאַטוילישער גייסטלעכער אין א צווייטער טורמע, און ער האָט דעריבער לאַכלוטן ניט געוווסט, ווי צו באַגיין זיך מיט אַרעס־טירטע. האָט ער זיך צעשריען אפן „פארברעכער": „ווי וואגט איר דאָס צו ריידן ניטאָנשטענדיק מיט אָנגעשטעלטע? איך וועל אייך דער־פאר איינזעצן אף זיבן טאָג אין קארצער"! האָט טיינדל אים געענט־פערט: „קוש מיך זיבן מאָל אין הינטן". דער שעף, וואָס איז לאַכלוטן ניט באשאָנקען פון דער נאַטור מיט א הומאָריסטישן כוש, איז אריין אין א בייזער רעציכע און האָט זיך צעשריען: „אז ס'איז יאָ אזוי, וועט איר זיצן אין קארצער פערצן טעג"! „טאָ קוש מיך פערצן מאָל אין הינטן"—האָט טיינדל געענטפערט. יענער איז שיר פון זינען אראָפּ: „העך עלטסטער וואכמייסטער—האָט ער אויסגערופן—גיט אים א כוידעש קארצער"! (דאָס איז געווען די גרעסטע שטראָף). טיינדל האָט זיך ניט געפוילט און געענטפערט: „קוש זשע מיך אין הינטן א גאנצן כוידעש דורכאנאנד!" דערדאָזיקער סקאנדאל איבערן צעריסענעם שאכמאט־ברעטל האָט זיך פארענדיקט דערמיט, וואָס דער טורמע־שעף האָט געהייסן ארויסשליידערן דעם ארעסטירטן פון זיין קאַבינעט.

א צווייטער ארעסטירטער, וואָס איז לויט זיין פראָפעסיע געווען א קאָנדיטער, האָט זיך געפרווט לוסטיקער מאכן זיין טרויעריק טורמע־לעבן מיט אן אנדער מיטל. ער האָט געוווסט, אז דער טורמע־שעף, דער געוועזענער קאַטוילישער גאלעך, איז זייער גאָטספּאָרכטיק, און אז

ער האָט זיכ געסטארעט, אז די ארעסטירטע זאָלנ אויסערלעכ ארויסווייזנ זייער רעליגיעזקייט. דער קאָנדיטער האָט געקראָגנ עטלעכע רויזנקראנצנ (בייגדלעכ); איינ רויזנקראנצ האָט ער אופגעהאנגענ איבערנ בעטל, דעמ אנדערנ איבערנ פיצינקנ טישעלע, דעמ דריטנ — זיכ אפנ האלדז אונ מיט דעמ פערטנ האָט ער גאָטספאָרכטיק זיכ ארומגעוויקלט די הענט. אלע מאָל, בעייס דער שעפ פלעגט אריינקומענ אינ קאמערע, האָט דער ארעסטירטער זיכ גענומענ איבערצוקלייבנ די רויזנקראנצנ מיט אנ ערנסטער אונ טרויעריקער מינע. קריגנדיק די רויזנקראנצנ, איז דערדאָזי ער ארעסטירטער אויסנ געווענ מיט דעמ א סטראטעגישנ מאנעווער:

איינמאָל האָט דער קאָנדיטער געפרעגט בא די ארעסטירטע, וואָס זיינענ געגאנגענ מיט מיר אפנ שפאציר, ווי אזוי רעאגירט דער שעפ אפ טרערנ. מע האָט אימ געענטפערט, אז באמ שעפ קאָנ מענ פויעלנ אלצ, אויב מע ווייזט אימ נאָר א טרער.

דעמ צווייטנ אינדערפרי, — ס׳איז נאָכ געווענ גאָר פרי, — האָט דער דאָזיקער ארעסטירטער געבעטנ זיכ צומ שעפ. ווענ מע האָט אימ אריינגעפירט אינ קאבינעט, האָט ער אויסגעשטרעקט פונ פאָרנט די הענט, וואָס זיינענ געווענ באהאנגענ מיט רויזנקראנצנ, אונ מיט טרערנ אינ די אויגנ האָט ער זיכ צעכליפעט מיט א שטימע, וואָס האָט געקלאָנגט רירנ אפילע א שטיינ: „הער שעפ, אינ נאָמענ פונ דער רעטונג פונ מיינ נעשאָמע בעט איכ אייכ איר זאָלט מיר דערלויבנ צוגיינ צו מיינ פרוי. היינטיקע נאכט האָט זיכ מיר געכאָלעמט א שרעקלעכער כאָלעמ, אונ מיינ נעשאָמע קאָנ קיינ רו ניט געפינענ, ביז איכ וועל זי ניט זענ״. דער שעפ, וועמענ ס׳האָט שטארק גערירט דידאָזיקע סצענע, האָט געענטפערט: „יאָ, יאָ, איכ דערלויב אייכ היינט נאָכ גיינ צו דער פרוי״. שפעטער מיט צוויי שאָ איז דער ארעסטירטער אוועק אינ שטאָט צו דער פרוי אינ דער באגלייטונג פונ אנ אופזעער; ער האָט געשיינט פאר פרייד. פונקט צו דער באשטימטער צייט האָט דער אופזעער געבראכט דעמ קאָנדיטער דעמ פעמפיק צוריק אינ טורמע. א צווייט מאָל אָבער (דעמדאָזיקנ יאמ האָט זיכ איינגעגעבנ מיטנ זעלביקנ דער־

פֿאָלג אויך דער צווייטער טרערנ־וויזיט צום טורמע־שעפֿ) האָט ער געמאכט די פֿלייטע פֿונעם אופֿזעער און איז פֿארשוווּנדן.

ניט אַלע אַרעסטירטע אָבער האָבן געקאָנט אַריינברענגען כאָטש וויפֿל־ניט־איז פֿארשיידנאַרטיקייט אין דעם איינטאָניקן איינזאמען טורמע־לעבן. די אַרעסטירטע פֿלעגן באַזונדערס שאַרף פֿילן די שווידערלעכע פֿאָלגן פֿונעם פֿיליאָריקן זיצן אין טורמע בעיס א זעונג מיט די אייגענע. עס זיינען געווען אַזעלכע אַרעסטירטע, וועלכע קיינער האָט ניט באַזוכט אין פֿאַרלויף פֿון פֿינף, צען און פֿופֿצן יאָר; זייערע אייגענע האָבן זיך אָדער אָפּגעזאָגט פֿון זיי אָדער זיי זיינען געווען צו אָרעם, קעדיי צו דעקן די הויצאָעס פֿון א טאָג רייזע. יענע געציילטע אַרעסטירטע, וואָס געניסן דאָס גליק צו האָבן א זעונג מיט די אייגענע איין מאָל אין דריי כאַדאָשים אָדער איין מאָל אין יאָר, פֿילן ניט קיין עמעסע פֿרייד אַפֿילע בעיס דערדאָזיקער זעונג.

מענטשן, וואָס זיינען אַף דער פֿריי, וועלן קיינמאָל ניט פֿארשטיין, וואָס פֿאר א גוואַלטיקער ניסאָיען ס׳איז פֿארן אַרעסטירטן צו שמועסן מיט זיינע אייגענע אין דער אָנוועזנהייט פֿון די טורמע־אופֿזעערס אָדער פֿון די וועכטער פֿון דער מעשוגאָים־אָפּטיילונג. אין ברעסלאַוער טורמע פֿלעגט א באַגעגעניש זיך באַגרענעצן געוויינלעך מיט צען־צוואַנציק מינוט. אָבער גאַנץ אָפֿט פֿלעג מען אויך קירצן דידאָזיקע קנאַפּע מינוטן. אָפּטמאָל פֿלעגט אויספֿעלן צייט בא די אָנגעשטעלטע צו האַלטן אופֿזיכט איבער די באַזוכער, און די זעונגען פֿלעגן דעריבער דויערן פֿינף מינוט און אַמאָל נאָך ווייניקער.

א ווערטעלע אויסצורעדן—מאכן א רייזע פֿון האַנאָווער אָדער פֿון בערלין אין ברעסלאַו, פֿאַטערן בלויז אַף וועג־הויצאָעס הונדערט מאַרק, און דאָס אַלץ איז נאָר צוליב דעם, דו זאָלסט פֿאַרברענגען עטלעכע מינוט מיט א מענטשן, וואָס דו האָסט אים שוין ניט געזען כאַדאָשים און יאָרן. און אַפֿילע דידאָזיקע געציילטע עטלעכע מינוט זיינען אונטערן אופֿזיכט פֿון איינעם, צוויי אָדער דריי אופֿזעערס, וואָס הערן זיך צו פֿאַרדעכטיק צו יעדן וואָרט, שפּירן נאָך נאָך יעדן בליק דיינעם, נאָך יעדן מאָל דריקן די האַנט פֿון דיין אייגענעם!

קימאט אלע ארעסטירטע, האָס באקומען א מיטיילונג וועגן א פאָרשטייענדיקער זעונג, לעבן איבער א צושטאנד פון שרעקלעכן אומרו. זיי גרייטן זיך צו שטעלן הונדערטער פראגעס, און וואָס ווייניקער צייט עס בלייבט ביז דער זעונג, אלץ מער נערוועז זיינען זיי. אָבער, ווען דער ארעסטירטער איז שוין אין זעונג־צימער, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט א ברייטן הילצערנעם באריער פון זיינע נאָענטע, פארלירט ער זיך און קאָן ניט אויסריידן קיין וואָרט.

און איידער דער ארעסטירטער באוויזט צו קומען צו זיך, לויפט שוין איבער די צייט פון דער זעונג, ער באוויזט קוים אויסריידן א וואָרט, איבערגעבן א גרוס, און אלע זיינע פראגעס בלייבן אָן ענטפערן. זייער זעלטן דערלויבט מען א זעונג אף א האלבער אָדער אף א גאנצער שעה. אָבער אויך אין אזעלכע פאלן האָבן אף זיך די ארעסטירטע אויסצושטיין די אָנוועזנהייט פון די טורמע־אָנגעשטעלטע און זיי קאָנען ניט אָפנהערציק זיך דורכשמועסן מיט זייערע אייגענע וועגן פאמיליען־אָנגעלעגנהייטן און אנדערע מישפּאָכע־אינטערעסן. די דאָזיקע אומשטענדן רופן ארויס אן אָפּגעפרעמדקייט צווישן די ארעסטירטע און זייערע אייגענע. כאסענע, פרייגטשאפט, פאמיליען־באציונגען — אָט דער דאָזיקער לעצטער אָנשפּאר־פונקט, וואָס פארבינדט דעם ארעסטירטן, ביז ער קומט אָפּ זיין שטראָף, מיט דער געזעלשאפט, — דאָס אלץ ווערט איבערגעריסן און פאלט זיך פאנאנדער. וועגן דעם ווייסן זייער גוט די טורמע־שעפן און די אויפזעערס.

איך האָב געזען פיל ארעסטירטע, וואָס זיינען אָן א קאָפּ ארום־געגאנגען א צייט פאר דער זעונג, בייסן אומגעדולדיקן ארויסקוקן אף איר אָדער נאָך איר מיטן געדאנק צו באגיין זעלבסטמאָרד אָדער צו אנטלויפן. מע דארף דאָ אויך צוגעבן, אז אייניקע טורמע־אָנגעשטעלטע צעפויקן פאמיליען־סוידעס, וואָס אין זייער אָנוועזנהייט שמועסן צווישן זיך די ארעסטירטע מיט זייערע אייגענע. איך גופע האָב דאָס איבער־געלעבט אין דער ברעסלאווער טורמע: די אָנגעשטעלטע, וואָס זיינען בייגעווען בעת מיינער א באגעגעניש מיט מיין פרוי, האָבן צעפויקט איבער דער גאנצער טורמע א געשפּרעך וועגן פאנאנדערגיין זיך, וואָס

איכ האָב געהאַט מיט איר. מײנ פרוי װעלכע איז געװענ זיכער, אז מע װעט מיכ שוינ קײנמאָל ניט באפרײענ, האָט געװאָלט זיכ צונויפגײנ מיט א צװײטנ. מיר זײנענ זיכ װירקלעכ צעגאנגענ אָקטיאבער 1923.

קאָלזמאנ די ארעסטירטע װעלנ ניט האָבנ די מעגלעכקײט צו זענ זיכ מיט זײערע אײגענע אונ באזונדערס מיט זײער פרוי אָנ דער אָנ־װעזנהײט פונ זײטיקע מענטשנ, װעלנ קײנע אויסבעסערונגענ, װאָס װערנ ארײנגעפירט אינ טורמע־סטאטוס, קײנ לעהאַטעס, װאָס װערנ זײ געגעבנ, ניט זײנ בעקויעכ בײצושטײנ די געפערלעכע װירקונג פונ דער פיליאַריקער קאַטאָרגע אפ דער פסיכיק אונ געזונט פונ די ארעסטירטע.

אלע אינסטאנציעס, װאָס זײנענ אינ דעמ פארינטערעסירט, װײסנ אויסגעצײכנט, װי א פרעגנדיק ס׳װירקט פיזיש אונ פסיכיש דאָס גע־צװונגענע האלטנ אינ צוימ די געשלעכט־טײװע.

די ארעסטירטע דערגײענ מאמעש ביז אומגלויבלעכע פארקריפ־לונגענ, אבי כאָטש װי ניט איז אויסצולאָדנ זײער טײװע.

װי אנדערע ארעסטירטע, האָב איכ אויכ שטארק געליטנ פונ דעמ געצװונגענעמ אסקעטיזמ. איכ האָב געגארט צו זײנ נאָענט מיט א פרוי; מײנ לײב האָט געברענט װי אינ א העליש פײער. קעדײ ניט ארױפ פונ זינענ, פלעג איכ אָפט אראָפשפרינגענ פונ בעטל צװײ־דרײ אזײגער באנאכט אונ אָפגיסנ דאָס לײב מיט אײז־קאלטער װאסער. נאָכדעמ פלעג איכ זיכ ארומװישנ טרוקנ, פלעג אָפװישנ דעמ דיל אונ מאכנ גימנאסטיק צװײ־דרײ שאָ דורכאנאנד.

זײער אנ ערנסטע פראגע איז אינ די קאַטאָרגע־טורמעס דער ברײט־אנטװיקלטער האָמאָסעקסואליזמ.

טײל ארעסטירטע קומענ אָנ דערצו לעכאטכילע אויס נײגיריקײט, אָבער פאמעלעכ ציענ זײ זיכ ארײנ אינ דעמ אונ קאָנענ זיכ שוינ נאָכדעמ ניט אָפרײסנ.

צװישנ די טורמע־אינספעקטאָרנ אונ אופזעערס, װעלכע איכ האָב געקאָנט, איז געװענ זײער װײניק אזעלכע, װאָס זײנענ פעיק געװענ ארויסצוװײזנ בענעגײע די ארעסטירטע א מענטשלעכנ צוגאנג אונ

פארשטיינ זייער פסיכאלאגיע, צו דערדאזיקער קנאפער צאל, וועלכע איכ האב באגעגנט, האט געהערט דער לערער פונ דער ברעסלאווער טורמע ווינקלער. זייענדיק לאכלוטנ אפאליטיש, האט ער געהאט גרויס אפשיי פאר דייטשלאנדס „גרויסער פארגאנגענהייט", אונ מיינע שארפע אפרופנ קעגנ דעמ אלטנ רעזשימ פלעגנ אימ שטארק ערגערנ. דערדאזיקער מענטש, וואס האט ניט באהאלטנ זיינ ליבשאפט צו אפגעטער, וואס זיינענ שוינ לאנג אראפגעשליידערט, האט זיכ אבער גוט באצויגנ צו אלע ארעסטירטע, ניט אויסשליסנדיק אויכ קאמוניסטנ, אונ האט זיכ באמיט מיט אלע זיינע קויכעס צו פארגרינגערנ יעדנ זיינע ליידנ. פיל ארעסטירטע האבנ אימ צו פארדאנקענ פאר דעמ, וואס ער האט געטאנ אינ דער זאכ, מע זאל זיי באפרייענ פארנ טערמינ. אימ איז אפט אויסגעקומענ זיכ ביטער אנטוישנ, אבער גיט געקוקט דערופ, האט ער ניט פארלוירנ דעמ ווילנ צו העלפנ יעדנ ארעסטירטנ.

דער פולער קעגנזאצ פונ דעמדאזיקנ הארציק־מענטשלעכנ אונ טיפ־ארנטלעכנ פארשוינ איז געווענ דער קאזנאטשיי, וואס האט ארויסגערופנ א גוואלטיקע סינע בא די ארעסטירטע אונ אנגעשטעלטע, וועלכע האבנ אימ געגעבנ דעמ צונאמענ „גרויער פוקס". ער האט אויסגעטיילט צווישנ די ארעסטירטע עטלעכע פארמעגלעכע לייט: א גוטבאזיצער, זייער א רייכנ ברעסלאווער סויכער אונ א גרויסנ אוואנטיוריסט. העיויס דער קאזנאטשיי איז גלייכצייטיק געווענ דער געהילפ פונעמ טורמע־שעפ, האט ער געהאט די מעגלעכקייט צו מאכנ פאר זיינע ליבלינגענ פארשיידענע לעהאטעס. אזוי פלעגט ער זיי דערלויבנ פינפשאיקע זעונגענ; ער פלעגט זיכ פארקוקנ אינ א זייט, ווענ מע פלעגט בעייס די זעונגענ זיי איבערגעבנ בעגעניוווע אסיגנאציעס צו הונדערט אונ אפילע צו טויזנט מארק, וואס פאר זיי פלעגנ זיי קויפנ דורכ די אופזעערס שפייז־פראדוקטנ, טאבאק אונ שפירט־געטראנקענ.

איינמאל איז געקומענ צומ אוואנטיוריסט אפ א לענגערער זעונג זיינ באקאנטע פרוי ליודע, מייאר שענבעקס געוועזענע פרוי, וואס איז באקאנט געווארנ נאכנ געוויסנ אלענשטיינער פראצעס איבערנ מארד פונ אנ אפיציר. בעייס דערדאזיקער דויערנדיקער זעונג, וואס בעייס

איר האָט באדארפט בייזיינ דער קאזנאטשיי, האָט זי איבערגעגעבנ דעמ אוואנטיוריסט צוויי טויזנט מארק. דעמ אוואנטיוריסט האָט מענ דערליבט צו טראָגנ אינ טורמע א גאָלדענעמ זייגער:—א זאכ וואָס איז געווענ שטרענג פארבאָטנ, מאנזשעטנ, א ווייסנ קאָלנער און געלע שיכ. איז אמאָל געשענ ,אז דער אוואנטיוריסט האָט געטראָפנ זיינ רענצל אנ אופגעעפנטס: מע האָט צוגענומענ זיינ געלט. דער אוואנטיוריסט האָט איינגעגעבנ א מעלדונג,—די פאָלגנ זיינענ געווענ אומדערווארטעט פארנ אוואנטיוריסט גופע: דעמזעלביקנ אָוונט האָט די קרימינאל־פאָליציי ארעסטירט דעמ קאזנאטשיי אונ נ כ איינעמ א טורמע־אָנגעשטעלטנ. אינ צוזאמענהאנג מיט דעמדאָזיקנ ארעסט האָט מענ אופגעדעקט גרויסע פארשווענדונגענ אונ שווינדלערייענ, וואָס אינ זיי איז געווענ פארמישט דער קאזנאטשיי. פונ ארבעט האָט מענ אימ באזייטיקט, אָבער, ווי מיר איז באוווסט, האט מענ אימ, כוץ דעמ, לאכלוטנ ניט באשטראָפט.

דער קאזנאטשיי איז געווענ זייער גאָטפאָרכטיק; אלע זונטיק פלעגט ער גיינ אינ קירכע. ער איז געווענ א מיטגליד פונעמ דאָרפישנ ראט אונ האָט פארטראָטנ נאָכ עטלעכע בעקאָוועדיקע פאָסטנס.

אינ מינסטערער טורמע איז דער שעפ געווענ א געוועזענער פראָקוראָר; ווענ איכ בינ אָנגעקומענ אינ ברעסלאווער טורמע, האָב איכ אויכ דאָרטנ געטראָפנ אלס שעפ א געוועזענעמ פראָקוראָר. מיט אימ איז לעפיערעכ געווענ ניט שווער זיכ צונויפצורייידנ, אונ די ארעסטירטע איז פאַר זיינ צייט געווענ בעסער, איידער ווי בא זיינ יוירעש, דעמ קאטוילישנ גאלעכ.

א גאלעכ אינ דער ראָליע פונ א טורמע־שעפ

דער גאלעכ אונ טורמע־שעפ ריכארד וואָופעל איז אונטערנ דראנג פונ לייטזעליקייט אונ ברודערלעכער ליבע געווענ גרייט די ערשטע צייט צודריקנ צומ הארצנ אלע ארעסטירטע אונ אָנגעשטעלטע. ס'האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ, אז ער איז פאלש, אונ אינגיכנ האָט ער בא אלעמענ פארלוירנ דעמ צוטרוי.

פארשטיין זייער פסיכאָלאָגיע, צו דערדאָזיקער קנאפער צאָל, וועלכע איך האָב באגעגנט, האָט געהערט דער לערער פון דער ברעסלאווער טורמע ווינקלער. זייענדיק לאכלוטן אפּאָליטיש, האָט ער געהאט גרויס אָפּשיי פאר דייטשלאנדס „גרויסער פארגאנגענהייט“, און מיינע שארפע אָפּרופן קעגן דעם אלטן רעזשים פלעגן אים שטארק ערגערן. דערדאָזיקער מענטש, וואָס האָט ניט באהאלטן זיין ליבשאפט צו אָפּגעטער, וואָס זיינען שוין לאנג אראָפּגעשליידערט, האָט זיך אָבער גוט באצויגן צו אלע ארעסטירטע, ניט אויסשליסנדיק אויך קאָמוניסטן, און האָט זיך באמיט מיט אלע זיינע קויכעס צו פארגרינגערן יעדנס זיינע ליידן. פיל ארעסטירטע האָבן אים צו פארדאנקען פאר דעם, וואָס ער האָט געטאָן אין דער זאך, מע זאָל זיי באפרייען פארן טערמין. אים איז אָפט אויסגעקומען זיך ביטער אנטוישן, אָבער גיט געקוקט דערויף, האָט ער ניט פארלוירן דעם ווילן צו העלפן יעדן ארעסטירטן.

דער פולער קעגנזאץ פון דעמדאָזיקן הארציק־מענטשלעכן און טיפאָרנטלעכן פארשויין איז געווען דער קאזנאטשיי, וואָס האָט ארויסגערופן א גוואלטיקע סינע בא די ארעסטירטע און אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן אים געגעבן דעם צונאָמען „גרויער פוקס“. ער האָט אויסגעטיילט צווישן די ארעסטירטע עטלעכע פארמעגלעכע לייט: א גוטבאזיצער, זייער א רייכן ברעסלאווער סוחר און א גרויסן אוואנטיוריסט. העיויס דער קאזנאטשיי איז גלייכצייטיק געווען דער געהילף פונעם טורמע־שעף, האָט ער געהאט די מעגלעכקייט צו מאכן פאר זיינע ליבלינגען פארשיידענע לעהאָטעס. אזוי פלעגט ער זיי דערלויבן פינפשאָיקע זעונגען; ער פלעגט זיך פארקוקן אין א זייט, ווען מע פלעגט בעיים די זעונגען זיי איבערגעבן בעגענייווע אסיגנאציעס צו הונדערט און אפילע צו טויזנט מארק, וואָס פאַר זיי פלעגן זיי קויפן דורך די אופזעערס שפייז־פראָדוקטן, טאבאק און שפירט־געטראנקען.

איינמאָל איז געקומען צום אוואנטיוריסט אפ א לענגערער זעונג זיין באקאנטע פרוי ליודע, מייאָר שענבעקס געוועזענע פרוי, וואָס איז באקאָנט געוואָרן נאָכן געווויסן אלענשטיינער פראָצעס איבערן מאָרד פון אן אָפיציר. בעיים דערדאָזיקער דויערנדיקער זעונג, וואָט בעיים

איר האָט באדארפט בייזיינ דער קאזנאטשיי, האָט זי איבערגעגעבנ דעמ אוואנטיוריסט צוויי טויזנט מארק. דעמ אוואנטיוריסט האָט מענ דערלויבט צו טראָגנ אינ טורמע א גאָלדענעמ זייגער: — א זאכ וואָס איז געווענ שטרענג פארבאָטנ, מאנזשעטנ, א ווייסנ קאָלנער אונ געלע שיכ. איז אמאָל געשענ, אז דער אוואנטיוריסט האָט געטראָפנ זיינ רענצל אנ אופגעעפנטס: מע האָט צוגענומענ זיינ געלט. דער אוואנטיוריסט האָט איינגעגעבנ א מעלדונג, — די פאָלגנ זיינענ געווענ אומדערווארטעט פארנ אוואנטיוריסט גופע: דעמזעלביקנ אָוונט האָט די קרימינאל־פּאָליציי ארעסטירט דעמ קאזנאטשיי אונ נאָכ איינעמ א טורמע־אָנגעשטעלטנ. אינ צוזאמענהאנג מיט דעמדאָזיקנ ארעסט האָט מענ אופגעדעקט גרויסע פארשווענדונגענ אונ שווינדלערייענ, וואָס אינ זיי איז געווענ פארמישט דער קאזנאטשיי. פונ ארבעט האָט מענ אימ באזייטיקט, אָבער, ווי מיר איז באוווסט, האָט מענ אימ, כוצ דעמ, לאכלוטנ ניט באשטראָפט.

דער קאזנאטשיי איז געווענ זייער גאָטספאָרכטיק; אלע זונטיק פלעגט ער גיינ אינ קירכע. ער איז געווענ א מיטגליד פונעמ דאָרפישנ ראט אונ האָט פארטראָטנ נאָכ עטלעכע בעקאָוועדיקע פאָסטנס.

אינ מינסטערער טורמע איז דער שעפ געווענ א געוועזענער פּראָקוראָר; ווענ איכ בינ אָנגעקומענ אינ ברעסלאווער טורמע, האָב איכ אויכ דאָרטנ געטראָפנ אלס שעפ א געוועזענעמ פּראָקוראָר. מיט אימ איז לעפּיערעכ געווענ ניט שווער זיכ צונויפצוריידנ, אונ די ארעסטירטע איז פאר זיינ צייט געווענ בעסער, איידער ווי בא זיינ יורעש, דעמ קאטוילישנ גאלעכ.

א גאלעכ אינ דער ראָליע פונ א טורמע־שעפ

דער גאלעכ אונ טורמע־שעפ ריכארד וואָפעל איז אונטערנ דראנג פונ לייטזעליקייט אונ ברודערלעכער ליבע געווענ גרייט די ערשטע צייט צודריקנ צומ הארצנ אלע ארעסטירטע אונ אָנגעשטעלטע. ס'האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ, אז ער איז פאלש, אונ אינגיכנ האָט ער בא אלעמענ פארלוירנ דעמ צוטרוי.

איינמאָל האָב איך אים געבעטן צו געבן א דערלויבעניש דעם אופזעער אופצופעפענען די קליינע פאָרטקע פון א סאנטימעטער צוואנציק די גרויס, קעדיי כאָטש אביסל דורכלופטערן מיין קאמערע; בעיס מיינע גימנאסטישע איבונגען פלעגט די לופט אין מיין קאמערע מאמעש שטיקן.

ביזן דאָזיקן געשפרעך האָב איך פאריכט זיין אווטאָמאטישע פעג ער האָט מיר דערציילט עטלעכע עפיזאָדן פון זיין לעבן און, אגעוו, אויך וועגן דעם, אז ער איז געווען פערזענלעכער סעקרעטאר בא מארקסן, וועלכער איז נאָכדעם געוואָרן רייכסקאנצלער.

דעמדאָזיקן טאָג איז ער געווען אין א גוטער שטימונג, און מיר האָט זיך געדאכט, אז איצט קאָן איך אויסנוצן דידאָזיקע געלעגנהייט, קעדיי צו דערשלאָגן זיך דאָס בעסערע אויסלופטערן די קאמערע. אפ מיין באקאָשע האָט דער טורמע־שעף געענטפערט: „נו, פארשטייט זיך, מע מעג עפענען דאָס פענצטער; זאָל דאָס שטיין אָפן כאָטש א קיילעכיקן מעסלעס; גלייך גיב איך וועגן דעם א פאראָרדענונג דעם אופזעער".

איך בין געווען גליקלעך. פארן אוועקגיין פון דער קאמערע, האָט דער טורמע־שעף געזאָגט דעם אופזעער, וואָס איז צו מיר צוגעשטעלט געוואָרן: „הער וואכמייסטער, שרייבט אָן א צעטעלע דעם ערשטן וואכמייסטער וועגן דעם, אז אין העלצס קאמערע זאָל מען האלטן אָפן דאָס פענצטער באטאָג און באנאכט". דער אופזעער האָט דידאָזיקע פאראָרדענונג אויסגעפילט. דורכגייענדיק אין הויף דעם צווייטן טאָג, האָט דער טורמע־שעף באמערקט, אז אין מיין קאמערע איז אָפן דאָס פענצטערל. איז ער אוועק אין קאנצעליאריע און זיך צעשריען: „צום טייוול! ווער האָט דאָס דערלויבט צו עפענען דאָס פענצטער בא העלצן אין קאמערע?" דער עלטסטער וואכמייסטער איז ארײַן צו מיר אין קאמערע אן אופגעבראכטער און געפרעגט: „העלץ, ווער האָט אייך געגעבן די דערלויבעניש צו עפענען דאָס פענצטער?"

איך האָב געענטפערט מיט א פראגע: „ווער האָט אייך געשיקט צו מיר?" — „דער טורמע־שעף" — האָט ער געענטפערט. דאן האָב איך זיך

אָנגערופֿן: „איינס פֿון די ביידע: אָדער איך בין אראָפּ פֿון זינען, אָדער דער שעף. ווער עס געדענקט ניט היינט, וואָס נעכטן איז געווען, — דער איז געוויס זייער א שלעכטער מענטש".

מע האָט גלייך געשיקט צום אופֿזעער אהיים; ער איז געשלאָפֿן, ווייל די פֿאַבריקע נאכט האָט ער דעזשורעט. האָט מען אים אופֿגעהויבן פֿון דעם געלעגער און געבראכט אין טורמע. בלויז דאָס, וואָס, ווי דער שעף, איז ער אויך געווען א גאָטספּאָרכטיקער קאטוילישער און זיינער א פּערזענלעכער פֿריינט, האָט איבערצייגט וואָופֿעלן, אז דאָס האָט ער גופֿע געגעבן די פֿאראָרדענונג צו עפֿענען דאָס פֿענצטער.

איך האָב אוועקגעשיקט צו מיין ברודער, דעם אייזנבאן־אָנגעשטעלטן אין ריזע, א בריוו אף דריי בייגעלעך פּאפּיר. האָט דער שעף בעיסן דורכקוקן דעם בריוו, ארויסגענומען פֿון בריוו דאָס מיטלסטע בייגעלע און נים צוויסן געגעבן וועגן דעם, ווי ס'האָט געפֿאָדערט דער טורמע־סטאַטוט, ניט מיר, ניט מיין ברודער. מיינע אייגענע האָט שטארק פֿארכידעשט דערדאָזיקער בריוו, וואָס האָט זיך ניט געקלעפּט, האָבן זיי בא מיר אָנגעפֿרעגט, וואָס זאָל דאָס באטייטן. אלס ענטפֿער אף מיין אָנקלאַג האָט דער שעף געמאָלדן, אז בעיס ער נעמט ארויס נאָר באזונדערע בייגעלעך פֿון א בריוו, איז ער ניט מעכויעוו מיר מיטצוטיילן וועגן דעם. אי אין דעם געגעבענעם פֿאל, אי אין אנדערע עטלעכע פֿאלן האָט ער זיך לאַכלוטן ניט גערעכנט מיט דעם, וואָס דער סטאַטוט האָט אָנגעזאָגט. ער פֿלעגט אויסשניידן גאנצע שטיקער פֿון די בריוו, וואָס פֿלעגן זיך באקומען אף מיין נאָמען, און דעריבער פֿלעגן אָפֿט גאנצע בריוו בלייבן פֿאר מיר ניטפֿארשטענדלעך.

ווי באם דירעקטער פֿון דער מינסטערער טורמע, איז אויך באם דירעקטער פֿון דער ברעסלאווער טורמע פֿארלוירן געגאנגען א גאנצע ריי בריוו מיינע, וואָס וועגן זיי האָב איך לאַכלוטן גאָרניט ניט געקאָנט זיך דערוויסן. אין צוזאמענהאנג מיט די פֿארלוירן געגאנגענע בריוו האָב איך געהאט מיטן טורמע־שעף א הארבן געשפּרעך; ער איז אוועק פֿון מיין קאמערע ווי א צעמישטער, און איך האָב מיט ניט ווייניקער קאַעס אים נאָכגעשריען, אז ער איז אן אלטער נידערטרעכטיקער

טיוול. האָט ער זיכ אומגעקערט אונ מיטנ גאַנצנ קויעכ אַ קנאַק געטאָנ מיט דער שווערער טיר, וואָס איז געווענ באַשלאָגנ מיט אײַזנ. איכ זאָל נים געווענ האָבנ באַצײַטנס אוועקגעכאַפּט די האַנט, וואָלט די טיר גאַנצ לײַכט מיר אָפּגעהאַקט די פֿינגער.

אינ אײנעמ אַ בריוו, וואָס איז געווענ אַדרעסירט צו דער כאַווערטע רות האַלע, האָב איכ איר צוגעווינטשעוועט, אַז איר מאַנ, מיט וועלכנ עס איז געשענ אַנ אומגליק־צופֿאַל, זאָל אײנגיכנ קומענ צו די קויכעס, דערפֿאַר ווײַל זײַנ אַרבעט אַלס אָנפֿירער פֿונ דער צענטראַלער יורידישער פֿאַרוואַלטונג איז זײער וויכטיק פֿאַר די אַרעסטירטע כאַווײרים. אָט דערדאָזיקער ווונטש האָט געגעבנ אַ גרונט וואָפּעלנ צו פֿאַרהאַלטנ דעמ בריוו.

אינ אַנ אַנדער בריוו צו אײנעמ אַ כאַווער איז וואָפּעלנ ניט געפֿעלנ דער אויסדרוק: „איכ בלײַב דערזעלביקער, וואָס פֿריער". אַלס ענטפֿער אַפֿ מײַנע פּראָטעסטנ אינ צוזאַמענהאַנג מיט דעמ פֿאַרהאַלטענעמ בריוו האָט דער טורמע־שעפֿ מיר געזאָגט, אַז איכ האָב ניט קײנ רעכט צו מאַכנ אינ מײַנע בריוו פּאָליטישע אַרויסזאָגונגענ. דער טורמע־שעפֿ האָט מיר געשטערט, ווו נאָר ער האָט געקאָנט, אינ מײַנ קאַמפּ קעגנ דעמ פֿאַלשנ אורטײל איבער דעמ מאָרד פֿונעמ גוטבאַזיצער העס. וואָפּעל האָט אינ פֿאַרלויפֿ פֿונ אַסאַכ כאַדאָשימ פֿאַרהאַלטנ מײַנ בריוו צומ פֿאַרטײדיקער—דעמ אַדוואָקאַט טרענקעל—מיט דער רעוואָליוציע פֿרנעמ מעלוכישנ געריכט אונ מיט די בײַגעלײגטע אַקטנ אונ אַנדערע באַווײַזנ לעטויוועס דעמ איבערקוקנ דעמדאָזיקנ פּראָצעס.

דער טורמע־שעפֿ פֿלעגט שטרענג באַשטראָפֿנ די אַרעסטירטע פֿאַר יעדנ מינדסטנ פֿאַרברעכ; די אַרעסטירטע האָבנ ניט געקאָנט פֿאַרשטײנ, ווי אַזוי האָט ער דאָס געקאָנט צונויפֿפּאָרנ זײַנ פּאָסטנ אַלס טורמע־שעפֿ אונ די פּילצאָליקע באַשטראָפֿונגענ, וואָס ער האָט אַרופֿגעלײגט אַפֿ רעכטס אונ אַפֿ לינקס, מיט זײַנ געוויסנ אַלס גײסטלעכער. די אַרעסטירטע פֿלעגנ אימ רופֿנ ניט „הער שעפֿ", נאָר „הער פּאַטער", אונ דאָס פֿלעגט אימ זײער ערגערנ; ער איז אָבער אַלײנ געווענ שולדיק אינ דעמ, ווײַל זײַענדיק שוינ טורמע־שעפֿ, האָט ער פֿאָרגעזעצט אָפּ־

צוריכטן גאָט־געבעטן פאר די ארעסטירטע. טאָגטעגלעך פלעגט ער קו־מען גאנצפרי אין טורמע־קירכע, קעדיי אָפּצוריכטן די מעסע. שפּע־טער האָט ער מיט דער האָרעוואניע פון די ארעסטירטע אופגעשטעלט בא זיך אין דער קווארטיר אן אלטאר, קעדיי אים זאָל זיין באקוועמער אָפּצוריכטן דאָס גאָטדינסט. קומענדיק טאָגטעגלעך אפּ דער פריי־קער מעסע, פלעגט ער ברענגען מיט זיך אין קלויסטער זיין הונט, כאָטש די קירכע האָט דאָס פארבאָטן. דער הונט פלעגט קימאט טאָגטעגלעך קויטיקן דעם אלטאר, און דאָס פלעגט זייער פארדריסן דעם ארעסטירטן פּריִס, וואָס פלעגט אויספילן די פליכטן פון א קירכן־דינער, האלעמיי ער באדארפט יעדן טאָג אופראַמען פונעם הונט.

איינמאָל, בעת דער טורמע־שעף האָט געפּראַוועט די מעסע, האָט דער הונט ווידער אָנגעמאכט אפן אלטאר; בא פּרייסן האָט געפּלאצט דאָס געדולד—האָט ער אָנגעטראָטן דעם הונט אפן ווידל. אז דער הונט האָט א וואָיע געטאָן, האָט דער שעף־גאלעך פארגעסן דאָס גאָט־געבעט; ער איז ארָאָפּגעשפרונגען, האָט געגלעט מיט די „געהיי־ליקטע" הענט דעם ניט געהייליקטן הונט, און אנשטאָט ארויסצוטרייבן דעם הונט פונעם קלויסטער האָט ער ארויסגעטריבן דעם ארעסטירטן.

די ערשטע כאָדאָשים, זינט וואָזפעל איז אָנגעקומען אלס טורמע־שעף, פלעגט ער קימאט טאָגטעגלעך באזוכן די קאמערעס פון די ארעסטירטע. ווען ער האָט צום צווייטן מאָל באזוכט מיין קאמערע, האָט ער זיך פארכידעשט, וואָס איך האָב זיך אזוי געענדערט; ערשט מיט א האלבער שאָ צוריק האָב איך לויט זיין מיינונג אויסגעזען פריש און געזונט און פלוצים האָב איך זיך אזוי שטארק ארָאָפּגערוקט. איך האָב אים געענטפערט, אז איבערן שטיינערנעם דיל האָט זיך בא מיר זייער פארשארפט דער רעוומאטיזם, און צייטנווייס האָב איך שרעקלעכע ווייטעקן. וואָזפעל האָט מיר דערציילט, אז אמאָל האָט ער אויך גע־ליטן שטארקע ליידן, נאָר אים האָט אויסגעהיילט דאָס ערנסטע גאָט־געבעט. ער האָט מיך אויך געראָטן גאָט צו בעטן.

א היפּשע „קריסטלעכע" פאָרשטעלונג פון דער הומאנישער טורמע־אָרדענונג איז אויך געווען באם אדוואָקאט, וואָס האָט געארבעט אין

טורמע אַלס אינפֿאָרמאַטער. אים האָט אויך פֿאַרכידעשט, וואָס איך האָב זיך אַזוי שטאַרק געביטן; ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז מיר געקומען פֿון מיינע שטאַרקע רעוומאַטישע ליידן, האָט ער מיך באַרויִקט, אַז איך דאַרף דאָס באַטראַכטן ווי אַן אָפּקומעניש פֿאַר מיינע זינדיקע מעשׂים.

פֿרילינג־צייט האָב איך זיך געווענדעט צו דער אַדמיניסטראַציע מיט אַ בּאַקאָשע, זי זאָל מיר דערלויבן צו באַאַרבעטן אַ שטיקל ערד, וואָס האָט געפּוסטעוועט אינמיטן הויף, קעדיי צו פֿאַרזייען אַף דעם שאַלאַט. מיין בּאַקאָשע האָט מען באַפֿרידיקט, און איך האָב זיך גענומען פֿאַר דער אַרבעט.

היפּשע עטלעכע טעג האָב איך געהאַלטן אין איין דערפֿרייען זיך בּאַ די טורמע־אָנגעשטעלטע, צי האָט ניט ווער פֿון זיי קיין שאַלאַט־געוויקסן. ענדלעך האָב איך אָנגעטראָפֿן אַף אַן אַלטן אויפֿזעער, וואָס פֿלעגט גערן טאָן אַן אַרעסטירן אַ קליינע טובֿה; האָט ער מיר געבראַכט העכער אַ האַלבּ צענדליק געוויקסלעך. איך האָב זיי פֿאַרזעצט, און די שאַלאַט האָט שיין געוואָקסן. דער שעף און די אינספּעקטאָרס זיינען געקומען קוקן בעשאַסן פֿאַרזעצן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך זיך געקליבן אָפּשניידן די שאַלאַט, האָט זיך אָבער פֿאַרלאָפֿן אַזאַ געשיכטע. דעם אָנגעשטעלטן, וואָס האָט מיר געבראַכט די שאַלאַט־געוויקסן האָט מען געוואָלט באַשטראָפֿן דערפֿאַר, וואָס ער האָט מיר געבראַכט די־דאָזיקע מאַטאָנע. ער האָט געהאַט אַ גרויסע פֿאַמיליע; אים האָט די זאַך זייער דערשלאָגן, און ס'האָט געהאַלטן בּאַ אַראָפּנעמען אים פֿון דער אַרבעט. איבער דער קליינער זשמעניע געוויקסלעך האָט מען געשריבן אומגעלומפּערס לאַנגע פּראָטאָקאָלן און מע האָט זיך געקליבן אָפּצוטאָן אַ מיעס שטיקל אַרבעט. דערוווּסט זיך, וואָס דער טורמע־שעף האָט בעדייע צו טאָן, האָב איך געבעטן מיך אָפּפֿירן צום עלטסטן וואַכמייסטער. איך האָב אים געמאָלדן, אַז אויב מע וועט באַשטראָפֿן דעם־דאָזיקן אָנגעשטעלטן וועל איך גלייך אָנשרייבן דעם יוסטיץ־מיניסטער, אַז מע באַדאַרף באַשטראָפֿן אויך די העכערע אַדמיניסטראַציע — די אינספּעקטאָרס און דעם גאַלעך, דערפֿאַר ווייל זיי

ברענגען מיר פּאָמידאָרן, סיגארן, א. א. וו. דידאָזיקע מעלדונג מײַנע האָט געהאָלפן: מע האָט דעמדאָזיקן אופזעער געלאָזט צורו.

מײַן ניטגעלונגענער פּרוּוו צו אנטלויפן, דאָס פאנאנדערגיין זיך מיט מײַן פרוי, דאָס זיצן אין דער אײַז־קאלטער קאמערע מיטן שטײַנערנעם דיל—דאָס אלץ האָט מיך געבראכט צו א נערוון־קראנקהייט, וואָס איז געווען נאָך שווערער, ווי די, וואָס איך האָב איבערגעהאט אפ זיך אין מינסטער.

איך האָב געוואָלט זיך אומבאדינגט דערשלאָגן, מע זאָל מיך אריבערפירן פון ברעסלאווער טורמע. די זאך באשטייט דערין, וואָס אין ברעסלאוו איז געווען ניט קיין קאטאָרגע־טורמע, נאָר א געוויינלעכע טורמע. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער דאָרטיקער רעזשים איז ניט געווען גרינגער, ווי אין א קאטאָרגע־טורמע, איז אָבער געווען אלפיטאָעס אײַנגערעדט בא דער געזעלשאפטלעכער מיינונג, אז מײַן לאגע איז באדײַטנדיק פארגרינגערט געוואָרן און אז מע האָט מיך באגנעדיקט; איך קום אָפּ מײַן שטראָף אין בעסערע באדינגונגען—הייסט דאָס, אז דאָס איבערקוקן מײַן פּראָצעס איז שוין אן איבעריקע זאך. דער טורמע־שעף האָט מיר ניט אײַנמאָל געמאָלדן, אז דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום קאָן ניט באפרידיקן מײַן באקאָשע, דערפאר ווײַל די ברעסלאווער טורמע איז דאָס אײַנציקסטע זיכערע אָרט, ווו מע קאָן האלטן א געהעריקן אופזיכט איבער מיר. מײַן באהויפטונג, אז איך זיץ ניט אין קיין קאטאָרגע־טורמע, ווי ס׳פּאָדערט דער אורטייל, נאָר אין א געוויינלעכער, האָט ער געהאלטן פאר ניט ריכטיק; ער האָט זיך פארופן אפ דעם, אז מײַן קאמערע און די צוויי שכײַנעסדיקע קאמערעס, וואָס צווישן זיי געפינט זיך מײַנע, זײַנען גוט באוואכט פון ספּעציעלע אָנגעשטעלטע און רעכענען זיך אלס די קאטאָרגע־אָפּטיילונג פון דער ברעסלאווער טורמע. אפ אזא אופן בין איך פאקטיש אפ קאטאָרגע, און דעריבער ווענדעט מען אָן צו מיר ניט קיין רעזשים פון געוויינלעכער טורמע, נאָר א קאטאָרגע־רעזשים. ער האלט דעריבער, אז א נײַע הישטאדלעס וועגן אריבערפירן מיך אין א קאטאָרגע־טורמע וועט צו קיין פּאָזיטיווע רעזולטאטן ניט ברענגען: סײַווי וועט זי דאָס מיני־

טעריום ניט באפרידיקן. מיך האָבן די שווערע איבערלעבונגען, דער שטארקער רעוומאטיזם און די שטענדיקע צוזאמענשטויסן מיט דער אטשאלסטווע אריינגעוואָרפן אין גרויסן ייִעש. איך האָב שוין קיינעם ניט געגלייבט, און איך בין געווען איבערצייגט, אז קיין לעבעדיקער וועל איך שוין פון די טורמע־ווענט ניט ארויס.

יעדן טאָג פלעג איך פאלן אין אָנמאכט סיי אין קאמערע, סיי בעת שפאציר. ניט איין מאָל בין איך אראָפּגעפאלן פון אסאך טרעפּ, און איך פלעג זיך שטארק צעקלאפּן.

באזונדערס אָפט זיינען געווען די צופאלן פון שוואכקייט בעת איך בין געווען אין קאמערע. איינמאָל האָב איך בעשאט אומפאלנ זיך א זעץ געטאָן אין קאָפּ אָן א צעבראָכענער טעלער, איז מיר אריין אין שטערן א שארף שטיקל פאָרצעליי, און ס'האָט שטארק אָנגעהויבן צו רינען דאָס בלוט. ווען איך האָב זיך געוואָלט אופהייבן קעדיי אָנקלינגען דעם אופזעער, אז ער זאָל מיר ברענגען בינד־מאטעריאל, בין איך ווידער אומגעפאלן און נאָך אמאָל זיך צעבלוטיקט. איידער ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן ארויסצורופן דעם אופזעער, האָב איך געפאטערט אָן א שיר בלוט. אָבער אויך נאָך דעם האָב איך געווארט א האלבע שעה, ביז ס'איז געקומען דער פעלדשער; ער איז געווען בא זיך אין דער היים. פון ווייטעק און שוואכקייט האָב איך עטלעכע וואָכן דורכאנאנד ניט געקאָנט זיך אופהייבן פון בעטל. די גלידער זיינען ווי פארגליווערט געוואָרן. די פארטיי־כאווירים, וואָס האָבן מיך באזוכט באלד נאָך מיין צווייט נערוון־שלאפקייט, האָבן באשלאָסן, אז איך וועל קאָנען קומען צו זיך נאָר אין פאל, ווען מע וועט מיך אריבערפירן אין א נערוון־קליניק. זיי האָבן מיך געראָטן, איך זאָל זיך ווענדן מיט א באקאָשע צום פאָרזיצער פונעם רייכסטאג לעבע, אז ער זאָל אויסווירקן באם מיניסטעריום א דערלויבעניש מיך איבערצופירן אין א שפיטאָל. צוריק מיט יאָרן איז לעבע גופע געזעסן אין טורמע, דעריבער האָבן די כאווירים געהאָפט, אז ער וועט מיטפילן דערדאָזיקער זאך. איינער אן אָנגעזעענער פארטיי־טוער, וועלכן עס האָט שטארק געקרענקט מיין געזונט־צושטאנד, האָט מיר פאָרגעלייגט איינ־

צוגעבן א מעלדונג אין דער באַגנעדיקונג־קאָמיסיע וועגן פאַרבײַטן פאַר מיר די קאַטאָרגע־שטראָף אַף אַרעסט אין פעסטונג; זיצנדיק אַלס אַרעסטירטער אין פעסטונג, וועל איך קאָנען מער זיך אָפּגעבן מיט אָפּהיטן דאָס געזונט. איך האָב געשיקט א מעלדונג אין דער באַגנעדיקונג־קאָמיסיע, האָב אָנגעשריבן לעבען, אָבער מ'האָט מיך ניט אַריבערגעפירט ניט אין שפּיטאָל, ניט אין פעסטונג.

בעיס באַזוכן מיך האָבן די זאַקסישע כאַווײרים מיך געטראָפן אין א האָפנונגלאָזן צושטאַנד. ווי נאָר מע האָט פאַרפירט א שמועס וועגן דעם, ווי מע האָט מיך געפּײניקט אין מינסטער און אין דער מעשוגאָים־אָפּטײלונג, איז דאָס לאָשן ווי אָפּגענומען געוואָרן בא מיר, איך האָב שאָען דורכאַנאַנד ניט געקאָנט אויסרײדן קײן וואָרט. פון מײַנע אויגן האָבן זיך אומופהערלעך געקײַקלט די טרערן. אין דעמדאָזיקן פעריאָד, ווען מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, האָבן מיך געשטיצט בלויז ביכער. אַדאַנק דער מילדקייט פון מײַנע פאָטלענדער כאַווײרים האָט זיך אין מײַן קאַמערע געשאַפן א גאַנצע ביבליאָטעק. איך האָב זיך אָפּגעגעבן דעם לײענען מיט גרויס פלײַס. מיך האָבן אינטערעסירט ניט נאָר ביכער מיט א פּאָליטישן אינהאַלט, נאָר אויך אַרבעטן איבער סאָציאָלאָגיע און פילאָזאָפיע. מיט א באַזונדערן אינטערעס און נוצן פאַר זיך האָב איך דורכגעאַרבעט אַלע אַרבעטן פונעם בורזשואַזן סאָציאָלאָג מילער־ליער און פּראָפעסער פאָרלענדערס פילאָזאָפישע ווערק. מאַקס שטירנערס בוך „דער אײנציקער און זײַן אײגנטום", וואָס איך האָב איבערגעלײענט אין דידאָזיקע טעג, האָט געמאַכט אַף מיר אַן אָפּשטויסנדיקן אײַנדרוק. דעם שטאַרקסטן אײַנדרוק האָט געמאַכט אַף מיר אַרנים וועגענערס בוך „דער באַשולדיקער". דאָסדאָזיקע ניטגרויסע ביכל פלעג איך לײענען טאָגטעגלעך אין דער אײנצל־קאַמערע אין פאַרלויף פון פיל יאָרן.

דרײ בראווע כאווײרימ

דער לעצטער קאמפ אינ ברעסלאוו

נאָכ דעמ, ווי איכ האָב אינגאנצנ איבערגעריסנ מיט מײנ פרוי קלארע, האָב איכ אָנגעהויבנ שטארק נאָכזוכנ דורכ דער פארמיטלערײ פונ כאווײרימ אונ העכערע פארטײ־אינסטאנצנ א קאָמוניסטקע, וואָס זאָל אײנשטימענ כאסענע צו האָבנ מיט מיר פיקטיוו. זי האָט באדארפט אויסנוצנ דאָס געזעצלעכע רעכט פונ א פרוי, מיכ פעריאָדיש באזוכנ אונ אײנשטעלנ א ריכטיקע אונ זיכערע פארבינדונג צווישנ מיר אונ דער אויסערלעכער וועלט. מײנע כאווײרימ אָבער האָבנ ניט אײנגעפינענ, אז די זאכ זאָל זײנ נײטיק. דעקאבער 1924 האָב איכ געהאט די געלעגנ־הײט איבערצורײדנ מיטנ ברעסלאווער זשורנאליסט דאָמבראָווסקי, וועלכער איז דעמאָלט אָפּגעקומענ אינ טורמע זײנ שטראָפ אלס רעדאקטער פונ אונדזער ברעסלאווער צײטונג. ער האָט באדארפט ארויס פונ טורמע אינ צווײ וואָכנ ארום אונ האָט מיר צוגעזאָגט צו געפינענ א קאָמוניסטקע, וואָס זאָל אײנוויליקנ אונ אויספילנ מײנ פארלאנג.

ער האָט געהאלטנ וואָרט.

פריער פאר אלצ האָט דאָמבראָווסקי געפונענ צווײ קאָמוניסטקעס רוסישע דײטשקעס—ליענע אונ קאטיע; אײנע פונ זײ האָט זיכ געשלאָגנ אינ די רײענ פונ דער רוסישע רויטער ארמײ. זײ האָבנ מיכ באזוכט אינ די טעג, וואָס זײנענ באשטימט פאר זעונגענ אונ האָבנ מיט אנ אויסערגעווײנלעכער ענערגיע געקעמפט דערפאר, אז מע זאָל איבערקוקנ מײנ איניענ אונ די איניאָנימ פונ אײניקע אנדערע כאווײרימ. אינגיכנ אָבער האָט דאָמבראָווסקי אויפגעזוכט א דײטשישע קאָמוניסטקע,

וועלכע עס האָט שטאַרק פאַרינטערעסירט די פּאָליטישע אויפגאַבע, וואָס מע האָט איר פאָרגעלייגט,—האָט זי פּיקטיוו כאַסענע געהאַט מיט מיר.

די כאַווערטע טראַוטע, מיינ איצטיקע געזעצלעכע פרוי, האָט אַרויסגעוויזנ אַנ אויסערגעוויינלעכע אַקטיוויקייט. זי איז אַרויסגעטראָטנ אינ נאָמענ פונ העלצס פרוי אָפ פיל פאַרזאַמלונגעג און מיטינגענ איבער גאַנצ דייטשלאַנד. אַדאַנק איר טעטיקייט האָט מענ אויפגעהויבנ אַ קאַמפּאַניע אָפ אויפצושטעלנ מיכ אינ פּאַרטיי, און מע האָט געגעבנ אַ שטאַרקנ רוק פאָרויס די מאַסנ־באַוועגונג פאַר באַפרייענ אַלע אַרעסטירטע רעוואָליוציאָנערנ.

ווענ פאַרנ טורמע־שעפ איז קלאָר געוואָרנ, אַז עס זיינענ פאַראַנ מענטשנ, וואָס זאָרגנ פאַר מיר, און אַז זיינ שלעכט באַהאַנדלענ מיכ וועט צעפּויקט ווערנ אינ דער ברייטער עפנטלעכקייט, איז ער געוואָרנ ווייכער און האָט מיר געמאַכט אַ ריי לעהאַטעס. אַגעוו, האָט ער מיר דערלויבט צו פאַרברענגענ טאָגטעגלעכ צוויי שאָ אינ הויפ אינ דער געזעלשאַפט פונ צוויי כאַווײרים און צו פאַרנעמענ זיכ דאָרט מיט פיזקולטור. כוצדעם האָט מענ מיר—ווי אַ באַזונדער האַנאָכע—דערלויבט צו רויכערנ.

די איבעריקע אַרעסטירטע האָבנ אינ העסקעמ מיטנ טורמע־סטאַטוט געהאַט דאָס רעכט צו רויכערנ, ווייל זיי זיינענ געווענ אַרעסטירטע ניט פונ דער קאַטאָרזשנער, נאָר פונ דער געוויינלעכער טורמע. אָפ אַזאַ אויפנ האָב איכ ניט געהאַט קיינ גרונט זיכ אָפּצוזאָגנ פונ דער דערלויבעניש, ווי כ׳האַב דאָס געטאָנ בעשייטאָ אינ דער מינסטערער טורמע. כוצ דעם האָט מענ מיר אָפ די צוואַנציק מאַרק, וואָס די טאָגטלעגדישע כאַווײרים און דער מאָפּר פלעגט מיר איבערגעבנ, דערלויבט צו קויפנ שפּייז־פּראָדוקטנ, פרוכטנ און צייטונגענ. מע האָט מיר אויכ דערלויבט אָפטערע זעונגענ.

איכ האָב געוווּסט, אַז פיל פונ די כאַווײרים, וואָס האָבנ צום באַדויערנ זיכ געפּלאָגט אינ די קאַטאָרגע־טורמעס, האָבנ ניט דידאָזיקע לעהאָטעס. איכ האָב ניט געוואָלט זיינ אינ בעסערע באַדינגונגענ איידער זיי, און האָב דעריבער געפאָדערט, מע זאָל מיכ אַריבערפירנ אינ אַ קאַטאָרגע־טורמע. די טורמע־פאַרוואַלטונג און דאָס מיניסטעריום האָבנ

ווידער אָפגעהאָרפנ מיינ באקאָשע אונ נאָכאמאָל מיט דעמזעלביקנ מאָטיוו, אז די ברעסלאווער טורמע איז די איינציקע טורמע איבער גאנצ דייטשלאנד, ווו מע קענ איינשטעלנ דעמ זיכערסטנ אופזיכט איבער מיר. איכ האָב דאָס מאָל געמאָלדנ, אז אויב מע וועט ניט באפרידיקנ מיינ פאָדערונג וועגנ אריבערפירנ מיכ, וועל איכ אָנווענדנ אָבסטרוקציע. מיינע פארטיידיקער אונ די פארטיי־כאוויירימ זיינענ דערציטערט געוואָרנ פונ שרעק, ווענ זיי האָבנ זיכ דערוווסט וועגנ מיינ באשלוס צו דערשלאָגנ זיכ אז מע זאָל מיכ אריבערפירנ אינ א קאָסאָרגע־טורמע. זיי האָבנ געטיינעט, אז דאָס רייסנ זיכ פונ דער ברעסלאווער טורמע, ווו איכ האָב אזויפיל לעהאָטעס, וועלכע איכ וועל אינ קיינ קאטאָרגע־טורמע ניט האָבנ, איז א פולשטענדיקער אומזינ. זיי האָבנ ניט פארשטאנענ, אז דאָס לעבנ אינ בעסערע באדינגונגענ, איידער אנדערע פאָליטישע ארעסטירטע, איז פאר מיר אנ אָפקומעניש.

איכ האָב בעגענייווע אָנגעהויבנ צוגרייטנ אלצ פאר דער אָבסטרוקציע, איכ האָב אריבערגעשיקט פונ דער טורמע בריוו צו די כאוויירימ אונ זיי געגעבנ גענויע אָנווייזונגענ, מיט וואָס זיי באדארפנ פונ זייער זייט קומענ צו הילפ, קעדיי צו שטיצנ מיינ אָבסטרוקציע. איכ האָב אָנגעשריבנ פאר דער קאָמוניסטישער פרעסע א ריי ארטיקלענ וועגנ די שווינדלערישע מעטאָדנ פונעמ טורמע־שעפ אונ דעמ קאזנאטשיי.

די טורמע־אדמיניסטראציע האָט אָבער פונ איר זייט אויכ אָנגענומענ מיטלענ: מע האָט מיר פארבאָטנ זעונגענ, אונ איינמאָל האָט די אדמיניסטראציע ארעסטירט מיינ פרוי אונ ביידע רוסישע קאָמוניסטקעס— ליענע אונ קאטיע. מע האָט זיי אָפגעהאלטנ דייטשע עטלעכע וואָכנ אינ דער פרויענ־טורמע. בעיס אנ אונטערזוכונג בא זיי אפ דער קווארטיר האָט מענ צוגענומענ אלע בריוו אונ דאָקומענטנ. אפ אזא אויפנ האָט די אדמיניסטראציע זיכ דערוווסט א טייל פלענער פונ מיינ קינפטיקער אָבסטרוקציע.

איינמאָל (איכ האָב נאָכ דעמאָלט ניט געוווסט, אז מע האָט ארעסטירט מיינ פרוי אונ די צוויי רוסישע קאָמוניסטקעס) האָב איכ שפאצירט אינ הויפ אינ דער באגלייטונג פונ אנ אָנגעשטעלטנ. פלוצימ דערזע

איך, אז דורכן פענצטער פונעם קאַזנאַטשייס צימער שפּירן נאָך נאָ מיר אייניקע מענטשן אָנגעטאָנענע ציוויל, וועלכע זיינען ניט געווע איג טורמע־פּערסאָנאַל. פיר שפּיקעס זיינען אריבערגעלאָפן אין יענע טייל קאָרפּוס, וווּ ס'איז געווען מיין קאַמערע. איך האָב גלייך פאַר־ שטאַנען, אַז בא מיר וועט זיין אַן אונטערזוכונג. געוווּסט האָב איך אַ זיי וועלן גאָרניט ניט געפינען. איך האָב אָבער אויך געוווּסט, אַז זיי וועלן זיך ניט באַנוגענען מיט אונטערזוכן די קאַמערע און וועלן מיך גופא אונטערזוכן. איך האָב געהאַט בא זיך אַ פּאַק בריוו און אַרטיקלען וועגן טורמע־שעפּ, וועלכע איך האָב זיך געקליבן אריבערפּעקלען צו מאָרגן אָפ דער פריי. ווען די שפּיקעס געפינען דעמדאָזיקן קאָנווערט, וואָלט דאָס געווען אַ גרויסע פרייד סיי פאַר זיי, סיי פאַרן טורמע־שעפּ. אָפּשטעקן ערגעץ דעמדאָזיקן פּאַקעט האָב איך ניט געקאָנט: איך האָב ניט געהאַט קיין פּאַסיק אָרט צוליב דעם. דער דעזשורנער אופזעער האָט פון מיר קיין אויג ניט אָפּגעטאָן, און, כוצדעם, האָט מען געשפּירט נאָך מיר פון די פענצטער. אין עטלעכע מינוט ארום האָט מען מיך ארויסגערופן אין טורמע; צוויי אָנגעשטעלטע האָבן מיך אריינגעפירט אין אויספרעג־לאָקאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי ליידיקע קאַמערעס, אָפּגעטיילטע איינע פון דער אַנדערער מיט אַ וואַנט. אין צימער איז געשטאַנען בלויז אַ טיש און פיר בענקלעך. מע האָט מיך איבערגעלאָזט אינעם אויספרעג־צימער איינעם אליין, הינטער דער טיר איז געשטאַנען אַ וואַך פון אופזעערס. אַלע ווײַלע האָבן געקאָנט אריינקומען שפּיקעס און פּאַקן בא מיר די פּאַפּירן, וואָס איך האָב בא זיך געהאַט.

איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו באַהאַלטן דעם פּאַקעט אונטער אַ קישעלע, וואָס איז געליגן אָפּ איינעם פון די בענקלעך. דאָס איז געווען אַן איינגעשטעלטע זאַך,—ס'איז גאַנץ גענוג געווען, אַז איינער פון די שפּיקעס זאָל אָפּרוקן אָדער אַ הייב טאָן דאָס בענקל, וואָלט דער פּאַקעט גלייך זיך אַראָפּגעגליטשט אָפּן דיל.

גלייך נאָך דעם, ווי איך האָב באַהאַלטן די פּאַפּירן, האָט זיך אופגעעפנט די טיר, און אין צימער איז אריין דער טורמע־שעפּ מיט זעקס שפּיקעס. דער שעפּ האָט זיך גראָד אוועקגעזעצט אָפּ יענעם בענקל, ווו

אונטערן קישעלע זיינען געלעגן די בריוו און אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען געווענדעט דירעקט קעגן אים. מע האָט מיך זייער זאָרגזאַם אונטערזוכט, אָבער גאָרניט ניט געפונען. נאָך דער אונטערזוכונג האָט איינער אַן אָנגעשטעלטער מיך אָפּגעפירט אין מיין קאַמערע. איך האָב געהאַלטן, אַז די פּאַפּירן זיינען געוויס פאַרלוירן, און ווען אַפילו די שפּיקעס זאָלן זיי ניט געפונען, וואָלט איך סיידווי ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיי אַרויסצונעמען פונדאָרטן.

ווען איך האָב דערהערט די טריט פונעם אויפזעער, וועלכער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי מיין קאַמערע, האָב איך אָנגעקלאַפּט אין טיר און אים שטילערהייט אַ בעט געטאָן, ער זאָל אַריינגיין אין דעם אויספרעג־צימער און אַ קוק געבן, צי ליגט ניט אונטער דעם קישעלע אַ דיקער פּאַקעט. דער פלינקער אַרעסטירטער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אויספרעג־צימער און האָט פאַרנומען פונדאָרטן די פּאַפּירן. אין צווייטן טאָג אינדערפרי האָט ער בעייטן אויפראַמען מיין קאַמערע אַריינגעוואָרפן דעם קאָנווערט אין דער אויסגעליידיקטער און אויסגעשווענקטער פּאַראַשע.

סאָף יוני, אינגיכן נאָך דערדאָזיקער געשעעניש, בין איך צוגעטראָטן צו דער אָבסטרוקציע, קעדיי צו צווינגען אַזאַ אויפן די אַדמיניסטראַציע, אַז זי זאָל מיך אַריבערפירן אין אַ קאַטאָרגע־טורמע.

אין איינעם אַ גאַנצפרי, פּונקט אין יענער צייט, ווען מע עפנט אויף די קאַמערעס, בין איך אַרויסגעשפּרונגען אין קאָרידאָר און אָנגעהויבן צו לייענען אַ הויך קאָל מיזאַמס לידער, אויסצוגן פון וועגנערס „באַשולדיקער“ און קאַרל ליבקנעכטס שטאַרקע ליד „שטורעם, מיין פריינט, דו רופסט מיך“. מיין שטימע האָט זיך געלאָזט הערן אין אַלע קאָרידאָרן. אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען זיך צונויפגעלאָפן מער פון צען אָנגעשטעלטע און האָבן מיך אַריינגעשלעפּט צוריק אין קאַמערע. איך האָב זיך דערמיט ניט באַגרענעצט און דורכגעמאַכט די זעלביקע אָבסטרוקציע בעיס מיטאָג און וועטשערע. דאָס האָט אויפגעבראַכט די אַדמיניסטראַציע, און דער טורמע־שעף האָט אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג איינצוזעצן מיך אין דער קאַמערע פאַר ווילדע.

דאָרטנ האָט מענ מיכ אָפּגעהאַלטנ צוועלפ טעג, קײנ אײנ מאָל האָט מענ מיכ ניט ארויסגעפירט אפ דער פרישער לופט. מע האָט שלעכט געלופטערט די קאמערע; פונעמ מאטראצ האָט, ווי אינ מינסטער, געזועצט דער גערוכ פונ עקסקרעמענטנ; דעמ זופ פלעגט מענ דערלאנגענ אינ א קארטאָנענער שיסל. אפ צו באפרידיקנ די נאטור־באדערפענישנ האָט מעג מיר געגעבנ א קלײנ קארטאָנענ טעפל. די ערשטע טעג איז אפילע אפ דעמ קײנ דעקל ניט געווענ. דאָס דעקל האָט מענ מיר געגעבנ ערשט שפּעטער נאָכ א ריי פּראָטעסטנ, אי דאָס האָט זיכ דאָס ניט שטילנע פארמאכט. אינ קאמערע האָט געזיפּעשט ניט אפ אויס־צוהאלטנ.

קײנ ביכער האָט מענ מיר ניט געגעבנ, האָב איכ ניט געקאָנט אויסשטײנ די שארפע שײנ, וואָס האָט געברענט א גאנצע נאכט. שלאָפנ האָב איכ ניט געקאָנט—מײנ קאמערע איז געשטאנענ בישכײנעס מיט א דרעסיר־פונקט פאר שפּיר־הינט. האָבנ די הינט געבילט גאנצע נעכט אונ ניט געלאָזט שלאָפנ. אפ מײנ אָנקלאג האָב איכ באקומענ פאָלגנדיקנ ענטפער פונ דער טורמע־פארוואלטונג:

„אפ דער מינדלעכער מעלדונג, וואָס איר האָט געמאכט אונדזער אינסטרוקטער דעמ 3/VI—1925 יאָר, ענטפערנ מיר:

1) די באלײכטונג אינ דער בארויקונג־קאמערע איז נײטיק צוליב אומופהערלעכנ אופזיכט איבער די ארעסטירטע, וואָס זיצנ אינ איר, אונ וואָס געפונענ זיכ געווײנלעכ אינ א צושטאנד פונ שטארקער אופגערעגט־קײט. אָפּשאפנ דאָסדאָזיקע באוואָרנ־מיטל זאָג איכ זיכ אָפּ.

2) דאָס דעקל פונ דער פאראשע פארמאכט זיכ שטילנע.

3) דאָס עסנ דערלאנגט מענ אינ קארטאָנענע טעלערלעכ צוליב די אינטערעסנ פונ די ארעסטירטע גופע, וואָס זיצנ אינ דער בארויקונג־קאמערע. דערמיט נעמט מענ אָפּ באמ ארעסטירטנ די מעגלעכקײט צו קאליעטשענ זיכ. אפ אזא אופנ קאָנ איכ דידאָזיקע פאראָרדענונג פונעמ טורמע־שעפ ניט אָפּשאפנ.

4) די טורמע־הינט קאָנענ ניט שטערנ צו שלאָפנ, דערפאר ווײל זײ געפינענ זיכ אינ פונקט נאָר באטאָג. איבעריקנס, וועט מענ אָנעמענ

מיטלען, אז מע זאָל דעם פּונקט פאר שפּיר־היגט אָפּרוקן עטװאָס װייטער, װי װייט דאָס אָרט װעט דערלויבן.

5) די פאראָרדענונג פונעם טורמע־שעף װעגן אָפּנעמען באם ארעסטירטן, װאָס זיצט אין דער בארויקונג־קאמערע, דאָס רעכט אפּן שפּאציר קאָן ניט אָפּגעשאפן װערן. די װענטיליאציע אין דער בארויקונג־קאמערע דארף מען אָנערקענען פאר באפרידיקט. אין די אינטערעסן פון דער אָרדענונג אין טורמע קאָן מען קיין לענגערע דורכלופטערונג ניט דערלויבן".

קעדיי ניט צו פארלירן די װידערשטאנד־פעיקייט און ניט באקומען קיין נייע נערװן־דערשיטערונג, האָב איך זיך געצװונגענע פאָרצוזעצן אויך אין דער קאמערע פאר װילדע מיינע גימנאסטישע איבונגען. יעדן טאָג פלעג איך פיר שאָ זיך פארנעמען מיט פיזקולטור, און װען איך בין אין צװעלף טאָג ארום סאָפּקאָלסאָפּ ארויס פון דער קאמערע פאר װילדע, בין איך געװען, עמעס, זייער אָפּגעשװאכט, נאָר דאָך ניט אזוי צעבראָכן, װי נאָך מינסטערער פייניקונג־קאמערע.

מע האָט מיר געגעבן נאָך צװיי װאָכן קארצער; כוצדעם, האָט מען פארנומען פון מיין קאמערע אלע ביכער און שרייב־מאכשירים. מע האָט מיר ניט געלאָזט ניט קיין בלייער, ניט קיין שטיקל פּאפּיר, ניט קיין צייטונג; מע האָט פארבאָטן די זעונגען מיט מיינע אייגענע, און דעם אזוי גערופענעם שפּאציר האָט מען פארקלענערט ביז א האלבער שאָ.

לויטן טורמע־סטאטוט האָט די אדמיניסטראציע ניט געהאט דאָס רעכט מיך, אלס רעװמאטיקער, איינצוזעצן אין קארצער. דער טורמע־שעף האָט מיך אָבער דאָך איינגעזעצט; ער האָט זיך פארופן אפּן דאָקטער, װאָס האָט קלוימערשט געהאלטן, אז איך קאָן אויסשטיין קארצער. דאָס איז געװען יענער זעלביקער דאָקטער, װעלכן איך האָב ניט איינמאָל אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם און װאָס האָס געשעמט איבער דער גאנצער טורמע מיט זיין אכזאָריעסדיקייט.

מע האָט מיך אװעקגעזעצט אפּ טרוקן ברויט און װאסער. אין קארצער איז געװען א שטיינערנער דיל. גאנצע מעסלעסן בין איך געלעגן אָן אן אופשפּרייטעכטס אפּ דער קאלטער שטיינערנער באנק,

װעלכע איז נאָר פֿון אױבן באַדעקט געװען מיט ברעטער. דער רעװמאַ־טיזם האָט זיך איבער דעם פֿאַרשטאַרקט — די געלענקען זײַנען אַזױ געשװאָלן געװאָרן בײַ מיר, אַז איך האָב שױן ניט געקאָנט גײן, און מע האָט מיך געמוזט אַרױסטראָגן פֿונעם קאַרצער אױף די הענט. עס האָט מיך זײער געמאַטערט דער דאָרשט, אָבער פֿאַר אַ גאַנצן טאָג פֿלעגט מען מיר געבן בלױז אײן גלאָז װאַסער אױף טרונקען און אַ קלײנעם קרוג װאַסער אױף צו װאַשן זיך.

אַרױסרופֿן אַן אױפֿזעער האָט מען בעשומאופֿן ניט געקאָנט. ס׳איז אױסגעקומען אומגעהױער לאַנג צו װאַרטן, ביז ער פֿלעגט צופֿעליק כאַפּן אַ קוק צום קאַרצער.

איך האָב אַװעקגעשיקט אַן אָנקלאַגע דעם שעף פֿון דער טורמע־פֿאַרװאַלטונג, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, װאָס די אַדמיניסטראַ־ציע פֿון דער ברעסלאַװער טורמע האָט מיך אַריבערגעפֿירט אין אַ קאַלטן קאַרצער, ניט געקוקט אױף מײַן קראַנקהײט. איך האָב אױך אָנ־געװיזן, אַז באַזכמעס דעם, װאָס עס פֿעלן אױס פּאַסיקע אײַנריכטונגען קאָן ניט דער אַרעסטירטער, װאָס זיצט אין קאַרצער, אַרױסרופֿן דעם אױפֿזעער, בעת ער װיל אַ טרונק, אָדער װען ער דאַרף האָבן מעדי־צינישע הילף. דערױף האָב איך באַקומען אַזאַ ענטפֿער:

„1) לױט דער עקספּערטיזע פֿונעם טורמע־דאָקטער קאָנט איר אַריבערטראָגן קאַרצער.

2) די אָנגעשטעלטע האָבן אַ פֿאַראָרדענונג צו באַזוכן באַזונדערס אָפֿט די אַרעסטירטע אין קאַרצער; אױף אַזאַ אופֿן איז די אײַנאָרדענונג פֿון ספּעציעלע אײַנריכטונגען, כּדי דער אַרעסטירטער זאָל קאָנען אַרױסרופֿן דעם אױפֿזעער, לגמרי איבעריק. אַזעלכע אײַנריכטונגען עקזיסטירן ניט אין קײן קאַרצער פֿון די פּרײַסישע טורמעס".

דאָס שטימט אָבער ניט מיט דער װירקלעכקײט; כּמעט אין אַלע פּרײַסישע טורמעס זײַנען אין די קאַרצערס פֿאַראַנען פּאַסיקע אײַנריכ־טונגען.

װען מע האָט מיך װידער אַריבערגעפֿירט אין מײַן פֿריערדיקער קאַמערע בין איך װידער צוגעטראָטן צו דער אָבסטרוקציע ניט געקוקט

דערופֿ, וואָס די געשוואָלענע געלענקען האָבן קימאַט אָפּגענומען בײַ מיר די מעגלעכקייט צו באַוועגן זיך. איך האָב געוואָלט אומבאַדינגט זיך דערשלאָגן, מע זאָל מיך אַריבערפֿירן אין אַ קאַטאָרגע־טורמע, ביפֿראַט אַז עס האָבן צירקולירט קלאַנגען וועגן דעם, אַז אינגיכן וועט מען מיך באַגנעדיקן. אָן שום ספֿק, אַז די דאָזיקע קלאַנגען וואָלטן געשטערט דעם קאַמף פֿון מײַנע פּאַרטיי־כאַווײרים פֿאַרן אופֿשטעלן מיך אין פּאַרטיי.

ווי נאָר איך האָב נאָכאַמאָל אָנגעהויבן די אָבסטרוקציע, האָט מען מיך ווידעראַמאָל אײַנגעזעצט אין דער קאַמערע פֿאַר ווילדע. בין איך אָפּגעזעסן אין איר פֿיר טעג, נאָכדעם האָט מען מיך אַריבערגעפֿירט אין מײַן פֿריערדיקער קאַמערע, דאַן האָב איך ווידער אָנגעהויבן די אָבסטרוקציע און בין אַרײַן אין דער קאַמערע פֿאַר ווילדע דאָס דריטע מאָל. דאָס מאָל בין איך אָפּגעזעסן אין איר בלויז צוויי טעג, אַפֿן דריטן טאָג, באַנאַכט, זײַנען אין טורמע־הויף אַרײַנגעפֿאָרן אַווטאָמאָבילן. מע האָט מיך אַפֿילע ניט געלאָזט זיך איבערטאָן — איך בין געווען אָנגעטאָן אין נאַכטיקער קליידונג, אָן אַ היטל און אין שטעקשיך, — מע האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין אַן אָפֿענער מאַשין און, ניט געקוקט אויפֿן גוסטרעגן און אױף דעם שטאַרקן געוויטער, האָט מען מיך אַריבערגעפֿירט אין דער קאַטאָרגע־טורמע, וואָס אין גרויס־סטערליץ.

צוויי יאָר שטרענגע איזאָליאַציע

אָבסטרוקציע און קאַרצער

דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פֿאַר די צוויי יאָר פֿון מײַן זײַן אין גרויס־סטערליצער טורמע און ביזן אַריבערפֿירן מיך אין דער קאַטאָרגע־טורמע אין זאָנענבורג, האָט אַריבערגעשטייגט אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן אין מינסטער און אין ברעסלאַוו.

צו מײַן מאַזל, איז אויך דאָ, ווי אין ברעסלאַוו, געווען אַ נײַער טורמע־שעף, אויך אַ געוועזענער טורמע־נאַטשאַלניק. ווי פֿײַנט איך האָב געהאַט

פּראָקוראָרן אַלס טורמע־אדמיניסטראַטערס, — אַזוי און נאָך מער האָב איך פֿיינט געהאַט גאַלאַכים־אדמיניסטראַטערס.

ביז איך בין אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאָליטישער באַוועגונג האָב איך געהאַט צווישן מײַנע פֿרײַנט גאַלאַכים פֿון פֿאַרשיידענע גלויבנס, און איך האָב זיי געאַכטעט און געשעצט. אַלזאָ, איז בײַ מיר קיין פֿאָרורטייל קעגן גײַסטלעכע ניט געווען.

בעת איך האָב זיך דערוווּסט אין מינסטער, אַז נאָך דער טורמע־רעפֿאָרמע וועט מען אַלס טורמע־אדמיניסטראַטערס באַשטימען אויך גאַלאַכים, האָב איך אויפֿגענומען דידאָזיקע מיטיילונג מיט גרויס צופֿרידנקייט. אָבער מײַן דערפֿאַרונג מיט די טורמע־שעפֿן פֿון ברעסלאַוו און גרויס־סטרעליץ האָט מיר באַוויזן, ווי ביטער איך האָב זיך אָפּגענאַרט. די אַרעסטירטע פֿון דידאָזיקע בײדע טורמעס האָבן געטײַנעט אין איין קאָל, אַז ווען דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום זאָל וויסן, צו וואָס פֿאַר טרויעריקע פֿאָלגן עס ברענגט דאָס באַשטימען גײַסטלעכע אַלס טורמע־אדמיניסטראַטערס, וואָלט זי געוויס קיין גאַלאַכים אַזעלכע פֿליכטן מער ניט איבערגעגעבן. אין גרויס־סטרעליץ בין איך געווען לאַכלוטן איזאָלירט פֿון די איבעריקע אַרעסטירטע; אָט די דאָזיקע איזאָליאַציע, אַט דער אופֿן באַגיין זיך מיט מיר דערמאָנט די גאַנצע שרעק פֿונעם מיטלאַלטער אין די צײַטן פֿון דער אינקוויזיציע.

אין דער דאָזיקער טורמע זײַנען געזעסן אַ מאַן פֿערציק־פֿופֿציק אַרעסטירטע, פֿאַרורטיילטע אויף אײביקער קאַטאָרגע; צווישן זיי זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך צוויי אָדער דרײַ מאָרדן, אָבער מיט זיי איז מען זיך באַגאַנגען פֿיל מענטשלעכער, אײדער מיט מיר; זיי האָט מען ניט באַשטראָפֿט מיט פֿולשטענדיקער איזאָליאַציע. אַפֿילו די גרעסטע פֿאַרברעכערס פֿלעגט מען דערלויבן שפּאַצירן אין הויף מיט אַנדערע אַרעסטירטע, און, ניט געקוקט אויפֿן שטרענגן פֿאַרבאָט צו רײדן, פֿלעגן זיי דאָך בעגענייווע, ווען די אויפֿזעערס האָבן ניט געזען, זיך איבערוואַרפֿן מיט אַ וואָרט.

מיך אָבער פֿלעגט מען אַרויספֿירן אין הויף אײנעם אַליין, און שטענדיק פֿלעגן מיך באַגלייטן צוויי־דרײַ אויפֿזעערס. אײדער איך פֿלעג

ארויסגיינ פונ דער קאמערע פלעגנ אלע ארעסטירטע אונ אויפראָמערס פארלאָזנ די קאָרידאָרנ. אויב עס פלעגט צופעליק ערגעצ־ווו זיכ ווייזנ אנ ארעסטירטער, פלעגנ אימ די אויפזעערס דראָענ מיט די פויסטנ אונ פאָדערנ, מע זאָל אימ גלייכ פארשליסנ אינ א נאָענטער קאמערע אָדער אוועקשטעלנ מיטנ פאָנעמ צו דער וואנט. פארשטייט זיכ, אז די דאָזיקע אומגעלומפערטע מאָסמיטלענ פלעגנ ארויסרופנ בא די ארעסטירטע א נייגיר; פיל פונ זיי פלעגנ כאפנ בעגענייווע א קוק אפ מיר דורכנ פענצטער, בעייסנ ארומגיינ אינ קרייז. קוים האָט דער דעזשורנער אויפזעער באמערקט אינ פענצטער עמעצנ קוקנ, פלעגט ער ארויסנעמענ דאָס נאָטיצ־ביכל פונ טאש אונ, אויסרעכנדיק דעמ נומער פונ דער קאמערע, אינ וועלכער עס זיצט דער נייגיריקער ארעסטירטער, פלעגט ער אימ פארשרייבנ אונ איבערגעבנ דער אדמיניסטראציע; דאָס איז געווענ אינ פאל, ווענ דער ארעסטירטער האָט געוואגט א קוק געבנ אפ מיר. ערגער פלעגנ אָפשניידנ יענע ארעסטירטע, וואָס פלעגנ וואגנ זיכ גריסנ צו מיר דורכנ פענצטער: דער עלטסטער וואכמייסטער טשורזידעל פלעגט בא יעדער געלעגנהייט זיכ טשעפענ צו זיי אונ אָנטאָנ צאָרעס מיט אלצ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

פאר מיינ אָנקומענ אינ גרויס־סטרעליצ איז דאָרט ניט געווענ קיינ זיפאָ ניט אינ שטאָט אונ ניט אינ טורמע. מיט צוויי טאָג שפעטער האָט מענ צוגעשיקט אינ טורמע א גאנצע מאכנע פונ דער זיפאָ.

בעייס איכ פלעג דורכמאכנ אינ הויפ מיינ שפאציר אינ קרייז פלעגנט אויסער דעמ אויפזעער דעזשורענ נאָכ א פאָליציאנט, וועלכנ מע פלעגט שטעלנ ספעציעל צוליב האלטנ אויפזיכט איבער מיר די האלבע שאָ פונ מיינ שפאציר. געוויינלעכ פלעגנ צו אימ צושטיינ נאָכ דריי־פיר פאָליציאנטנ, וואָס זיינענ געווענ אינ דערדאָזיקער צייט פריי פונ דעזשורסטווע. זיי פלעגנ זיכ שטעלנ מיט א קיווונ אזוי, אז איכ זאָל אלעמאָל דארפנ דורכלויפנ פארביי זיי; זיי האָבנ געשעפט פארגעניגנ דערפונ. זיי פלעגנ לאכנ, אריינווארפנ א כויזעק־וואָרט אונ מיר בלאָזנ אינ פאָנעמ דעמ רויעכ פונ די ציגייערנ. איכ האָב זיכ אָנגעקלאָגט אפ זיי דעמ דעזשורנעמ אויפזעער אונ שפעטער דעמ טורמע־שעפ.

אף מיין אָנקלאָגע האָט מען קיין אכט ניט געלייגט. אָט דידאָזיקע עקלדיקע פֿאָרשטעלונג פֿלעגט זיך איבערכאַזערן טאָגטעגלעך: די פּאָליציאַנטן פֿלעגן מיט כוצפּע מיך באַקוקן, ווי מע באַקוקט אַ זעלטענע כאַיע ערגעץ אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. איינמאָל האָב איך זיי אַ זאָג געטאָן, ווי אויספֿאַרשעמט זיי האַנדלען קעגן מיר און אַז בעסער וואָלטן זיי געגאַנגען אַרבעטן, איידער מיך באַאומרויִקן מיט זייער ווילד קוקן אף מיר. איך האָב דידאָזיקע אָרדענונג־היטער אָנגערופֿן „פּרעש" און „פּויליאַקעס". דאָס האָט זיי געגעבן אַ מאָטיוו זיך אָנקלאָגן אף מיר דעם טורמע־שעף. יענער האָט מיר געדראָט מיט אַרעסט. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אפֿן שפּאַציר בא אַזעלכע באַדינגונגען; איך האָב געהאָפֿט צו דערשלאָגן זיך דורך דעמדאָזיקן פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אַז בעיִס מיין שפּאַציר זאָלן ניט ביי זיין קיין איבעריקע פּאָליציאַנטן. אין טעג אַרום האָב איך מיך אָבער איבערצייגט, אַז מיין האָפֿענונג האָט זיך ניט באַרעכטפֿיקט. בא מיר האָט געפּלאַצט דאָס געדולד, און ווי נאָר איך פֿלעג דערזען עמעצן פֿון די פּאָליציאַנטן אין הויף, פֿלעג איך אים וואַרפֿן שטיינער. איך האָב גערעכנט, אַז די פּאָליציאַנטן וועלן דאָס ניט דערלאָזן און וועלן געוויס אָנהייבן צו שיסן. זיי האָבן דאָס ניט געטאָן. פֿון דעמאָלט האָבן זיי אויפֿגעהערט צו אויסדיעקעווען זיך איבער מיר אין הויף, אָבער אנשטאָט דעם פֿלעגן זיי זיך פֿאַרגאַנוועגען צו דער טיר פֿון מיין קאַמערע, באַקוקן מיך דורכן שפּיאָנ־אויגל און אַריינזאָגן אף מייג כעשבן זייערע פּלאַכע כאָכמעס. דער געהילף פֿונעם טורמע־שעף פֿלעגט צושטעלן צו מיין קאַמערע פּאָליצעישע אָפּיצירן, אָבער זיי האָבן זיך געפֿירט ניט קליגער, ווי זייערע אונטערטעניקע. ווען איך פֿלעג באַמערקן, אַז עמעצער באַקוקט מיך נייגיריק דורכן שפּ־אָנ־אויגל, פֿלעג איך כאַפּן דעם טאַבורעט און קנאַקן מיט אים אין טיר אַזוי לאַנג, ביז יענער פֿלעגט מיך לאָזן צורו.

דער טורמע־שעף פֿלעגט צושאַרן זיינע באַקאַנטע פֿון דער שטאָט אַזאַ אייגנאַרטיקע פֿאַרווײַלונג: ער פֿלעגט זיי איינלאַדן צו זיך צו גאַסט פּונקט צו דער צייט, ווען איך פֿלעג אַרומלויפֿן אין הויף אין קרייז, ער פֿלעגט זיך אוועקשטעלן צוזאַמען מיט זיי באַם אָפֿענעם פֿענצטער

פונ זיינ קאַבינעט אונ קוקנ מיט צופרידנקייט, ווי דידאָזיקע נייגיריקע גוילעמעס, וואָס זיינענ לאָעט נאָר סענסאַציע, טייטנ אפ מיר מיט די פינגער אונ מאַכנ פונ מיר כויזעק.

לויט די טאַקאָנעס פונעמ טורמע־סטאַטוט האָבנ זיי נאָכ דריי יאָר זיצנ אינ טורמע ניט געהאַט דאָס רעכט מיכ האַלטנ קעגנ מיינ ווילנ אינ אַנ איינצל־קאַמערע; אַלנפאַלס האָב איכ געהאַט זאָס רעכט צו באַגעגענענ זיכ בעיס שפּאַציר מיט אַנדערע אַרעסטירטע. איכ האָב איינגעגעבנ אַ מעלדונג, אונ געבעטנ מיר דערלויבנ געמיינזאַמע שפּאַצירנ מיט די דריי פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס זיינענ דאַנ געזעסנ אינ גרויס־סטרעליצער טורמע. דער שעפ האָט צוגעזאָגט צו באַפרידיקנ מיינ באַקאָשע. אינ דערזעלביקער נאַכט אָבער האָט מענ לויט זיינ באַפעל אַריבערגעפירט דידאָזיקע אַרעסטירטע אינ אַנ אַנדער טורמע.

אינ פאַרלויפ פונ אַ האַלב יאָר האָב איכ ניט געהאַט דאָס רעכט צו האַלטנ אינ קאַמערע אַפילע קיינ איינ בוכ; שפּעטער פלעג איכ קאָנענ באַקומענ פונ ביבליאָטעק איינ בוכ,—ביכער ניט פונ דער טורמע־ביבליאָטעק האָט מענ ניט דערלויבט צו באַקומענ. מע האָט אויכ פאַרבאָטנ צו באַקומענ צייטונגענ.

אַלע קאַמערעס, אַפילע פונ יענע אַרעסטירטע, וואָס מע האָט פאַרורטיילט אפ אייביקער קאַטאָרגע, פלעגט מענ פאַרשליסנ אפ איינ שלאָס. אפ מיינ קאַמערע האָט מענ אויפגעהאַנגענ צוויי שלעסער אונ עפענענ פלעגנ זי צוויי אונ אַמאָל דריי אָנגעשטעלטע. בעיס דער טורמע־שעדער פלעגט מיכ שערנ אָדער גאָלנ פלעגנ שטייענ פונ ביידע זייטנ, ווי מאַלאָכימ אפ אָפּצוהיטנ מיינ נעשאָמע, צוויי אָנגעשטעלטע; זיי האָבנ געשפּירט נאָכ מיר, איכ זאָל מיכ מיט קיינ וואָרט ניט איבערוואַרפנ מיט די איבעריקע אַרעסטירטע.

דידאָזיקע שטרענגע איזאָליאַציע פלעגט מיכ שטאַרק מאַטערנ. דער שעפ האָט געפאָדערט, איכ זאָל גאַנצע טעג אַרבעטנ זאָקנ,—אַנ אַרבעט, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר קליינע מיידעלעכ, אָבער דערוואַקסענע מאַנספּלענ קאָנ זי בלויז פאַרטעמפּנ די מויכעס. איכ האָב אָבער פונדעסטוועגנ אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס, קעדיי אויסצופילנ דידאָזיקע

ארבעט, דערפאר ווייל דער שעפ האָט מיר צוגעזאָגט צו פארגרינגערן דעם רעזשים, אויב איך וועל ארבעטן. אינגיכן האָב איך זיך איבערצייגט, אז די באציונג צו מיר האָט זיך ניט נאָר ניט פארבעסערט, נאָר פארקערט, זי האָט זיך פארערגערט,—מע האָט מיך אריבערגעפירט אין א קאמערע, וואָס איז געווען א נעסט פון וואנצן: אין איין נאכט האָב איך אוועקגעלייגט הונדערטער וואנצן. דעמאָלט האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון ארבעט.

איינמאָל האָב איך דערהערט אין מיין קאמערע א מעשונעדיקן גערודער; איך האָב ניט געקאָנט פעסטשטעלן, פונוואנען לאָזט זיך הערן אזא פארדומפּענער הוסט. ס'האָט זיך געדאכט, אז עמעצער רופט מיך פון יענער זייט וואנט. אין איין ווינקל איז איבער דער פאראשע געהאנגען א קליינער ווענטיליאטער, וואָס האָט אָפּגעפרישט די לופט אין דער קאמערע און אָפּגעצויגן דעם איפּעשדיקן רייעך פון דער פאראשע. האָב איך זיך אָנגעבויגן און אריינגעשריען אין דעם ווענטיליאטער: „ווער רעדט דאָס און וואָס דארפט איר?” דאן האָב איך דערהערט, ווי פונוויטן: איך בין אן ארעסטירטער און הייץ די הרובעס. איך בין אפן בוידעם, וווהין עס גייט ארויס דיין ווענטיליאטער. איך דארף זיין פאָרזיכטיק, עס זאָל מיך דער אופזועער ניט פאקן. מיט דיר צו ריידן און זיך כאווערן איז שטרענג פארבאָטן. אויב מע וועט זיך וועגן דעם דערוויסן, וועל איך פארלירן מיין שטעלע, וואָס גיט מיר פיל לעהאָטעס. אלס שלאָסער לויט מיין פראָפעסיע ארבעט איך אָפּט אין דער היים בא טורמע־אָנגעשטעלטע און באקום דערפאר טאבאק אָדער פעטס. קאָן זיין, האָסט מיך שוין אמאָל געזען,—בא מיר איז א לאנגע באָרד. איך ווייס, אז דיר איז זייער שלעכט, און באלד וועל איך דיר ארופּלאָזן אפ א שטריקל עטלעכע אלטע צייטונגען, א שטיקל פעטס און ברויט”. נאָך איידער איך האָב באוויזן צו ענטפערן האָבן זיך פון דער ווענטיליאטערישער רער א שאָט געטאָן שטיינדלעך און שטיקלעך שטוקאטורקע, און אינעם געדיכטן וואָלקן שטויב האָב איך דערזען א פאקעטל. דאָס אלץ איז געווען אזוי אומדערווארט, אז איך האָב ניט געגלייבט מיינע אויגן. אפן צווייטן טאָג איז געשען דאָסזעל־

ביקע. ער האָט מיר, אגעוו, דערציילט, אז אינ דערדאָזיקער טורמע שלאָגט מענ זייער די ארעסטירטע; באזונדערס צייכנט זיכ אויס דערמיט דער עלטסטער וואכמייסטער טשורזידעל, וואָס שלאָגט די ארעסטירטע מיט א גומענע דרענגל; פאר אימ באדארפ איכ מיכ זייער היטנ. איינער אנ ארעסטירטער, וועמענ טשורזידעל פלעגט אָפט שטארק שלאָגנ, איז פריער מיט א טאָג אראָפגעשפרונגענ פונעמ אויבערשטנ שטאָק אונ איז דערהארגעט געוואָרנ. דאָ קומענ אָפט פאָר פאלנ פונ זעלבסטמאָרד. א צווייטער ארעסטירטער האָט זיכ אופגעהאנגענ. דערדאָזיקער טורמע האָט מענ דעריבער געגעבנ א צונעמעניש „אויבערשלעזישע סיביר״.

מיינ געהיימער כאווער האָט מיר פאָרגעלייגט אריבערצופעקלענ פונ דער טורמע מיינע בריוו צו די כאוויירימ. ביז דאנ האָב איכ מיכ באמיט דורכנ לעגאלנ וועג צוּוויסנ געבנ מיינע פריינט אונ אייגענע יענע אויסשליסלעכ שווערע באדינגונגענ, אינ וועלכע איכ געפינ זיכ. אָבער דער טורמע־שעפ האָט פארהאלטנ מיינע בריוו. דעריבער האָב איכ זיכ גערנ אָנגעכאפט אָנ דעמדאָזיקנ פאָרשלאג, אָבער איכ האָב ניט געהאט ניט קיינ פאפיר, ניט קיינ בלייער אפ אָנצושרייבנ א בריוו.

האָט מיינ געהיימער כאווער צוגעזאָגט דערמיט מיכ אויכ באזאָרגנ. ער האָט אָבער געקאָנט האָבנ מיט מיר א פארבינדונג בלויז איינמאָל אינ טאָג—אויכ דאָס מאָל האָט ער זיכ איינגעשטעלט אינ געפאר,—האָט ער צוגעזאָגט מיר ברענגענ אלצ דעמ צווייטנ אינדערפרי.

איכ האָב אָנגעשריבנ א לאנגנ בריוו עריכ מיזאמענ, וואָס איז דעמאָלט שוינ געוועזנ אפ דער פריי; איכ האָב גענוי באשריבנ, ווי מע באגייט זיכ מיט מיר, אונ האָב אימ געבעטנ צו פארעפנטלעכנ די פילצאָליקע פאקטנ. איכ האָב באדארפט זיינ זייער פאָרזיכטיק, שרייבנ בעגעניווע, ווייל די אופזעערס האָבנ ניט אופגעהערט צו שפירנ נאָכ מיר דורכנ שפיאָנ־אויגל. דער ארעסטירטער האָט אופגעהויבנ דעמ בריוו אפ א שטריקל, אונ איכ האָב מיט אומגעדולד געווארט אפ א מיטיילונג, אז דער בריוו האָט געטראָפנ צומ אדרעסאט. מיט דעמ בריוו איז אינ וועג ווירקלעכ גאָרניט ניט געשענ; מע האָט אימ אריבערגעשיקט

אַף דער פרײַ, און געפּאַקט האָט ער צו אײנעם אַ ברעסלאווער פּאַרטײ־
כאַווער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אין אונדזער פּרעסע די מיטגע־
טײלטע פאַקטן.

די טורמע־אַדמיניסטראַציע איז געווען שטאַרק פאַרכידעשט, וואָס,
ניט געקוקט אַף דער שטרענגער איזאָליאַציע, זײַנען דאָך פיל פאַקטן
דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט מען
לויט דער איניציאַטיוו פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע דורכגעמאַכט
אַן אונטערזוכונג אין דער רעדאַקציע פון אונדזער ברעסלאווער פּאַרטײ־
אָרגאַן. אין צוויי טאָג אַרום איז אין מײַן קאַמערע געקומען דער
טורמע־שעף אַ צעטומלטער און מיר געמאָלדן, אַז לויט דער מיטײלונג
פון דער ברעסלאווער טורמע־פאַרוואַלטונג, וואָס ער האָט נאָר וואָס
באַקומען, שיק איך אַריבער בריוו אַף דער פרײַ. די אַדמיניסטראַציע
איז זייער אומצופרידן דערמיט. דער טורמע־שעף האָט מיך געפרעגט,
צי האָב איך ווירקלעך איבערגעגעבן דידאָזיקע בריוו. איך האָב געענט־
פערט: „ניין, איר ווייסט אַליין, אַז בײַ דערדאָזיקער שטרענגער איזאָ־
ליאַציע האָב איך קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט אַריבערצוגעבן בריוו אַף
דער פרײַ". דער שעף האָט צוגעגעבן: „איך האָב דאָסזעלביקע טאַקע
געמאָלדן דער טורמע־פאַרוואַלטונג; איך האָב געזאָגט, אַז איר געפינט
זיך אונטער אַ שטרענגן אויפזיכט און זייט אַזוי איזאָלירט, אַז איר
קאָנט ניט איבערגעבן עפּעס אַף דער פרײַ". דער שעף האָט ניט
באַוויזן נאָך צו ענדיקן, דערהער איך פּלוצים פונעם ווענטילאַטער דעם
באַקאַנטן הוסט—דער באַדינגטער צייכן, אַז באַלד וועל איך באַקומען אַ
פּאַקעט. איך בין דערציטערט געוואָרן פון שרעק און געטראַכט, אַז איצט
וועט דער שעף געוויס אויפדעקן מײַן סאָד. דער כאַווער מײַנער, וואָס
איז געזעסן אויפן בוידעם, האָט אָבער קאָנטיק באַמערקט, אַז אין מײַן
קאַמערע קומט פאָר עפּעס אַזוינס ניטגלאַטס. נאָכדעם ווי דער שעף איז
אַוועקגעגאַנגען האָב איך מיך געפרוווט אַריבערשיקן צו מײַנע כאַווײ־
רים אַ צווייטן בריוו.

דאָס מאָל איז מיר אָבער ניט געגאַנגען. דעם אַרעסטירטן האָט זיך
ניט אײַנגעגעבן טײקעף אַריבערצופּעקלען דעם בריוו, און ער האָט

געמוזט אימ האלטנ בא זיכ העכער א וואָכ; סאָפּקאָלסאָפּ האָט מענ אימ געפונענ בעיס אנ אונטערזוכונג בא אימ אינ קאמערע. דאנ האָט מענ דעמ ארעסטירטנ גלייכ באזייטיקט פונ זיינ שטעלע אונ מע האָט אימ איינ־געזעצט אפ א כוידעש אינ קארצער. איכ פונ מיינ זייט האָב פאר אריבערשיקנ דעמדאָזיקנ בריוו אויכ באקומענ א כוידעש קארצער, אונ מע האָט מיכ אהינצו גלייכ אריבערגעפירט. איכ בינ דאָרט געזעסנ אפ טרוקנ ברויט אונ וואסער. דאָס איז געווענ א שרעקלעכער איפּעש־דיקער גרוב. באנאכט פלעגנ הונדערטער טשורעס אונ מייז ארויס קריכנ פונ זייערע לעכער אונ אופעסנ די שטיקלעכ ברויט, וואָס איכ פלעג לאָזנ אפנ צווייטנ טאָג. מע פלעגט ארויסגעבנ זייער ווייניק ברויט אונ זופּ האָט מענ דערלאנגט בלויז איינ מאָל אינ דריי טאָג. די ווענט זיינענ דורכויס געווענ באדעקט מיט געלנ אויסגעטרוקנטנ לעכעצ אונ האָבנ אויסגעזענ אזוי, ווי גלייכ צענדליקער טובערקולאָזע זאָלנ האָבנ זיכ באנוצט מיט זיי אנשטאָט א שפּייקעסטל.

די ווענט זיינענ געווענ אויסגעקוויטלט מיט קאריקאטורעס אונ אופשריפטנ, אויסגעקריצטע מיט די נעגל, וואָס האָבנ געטאדלט דעמ שעפ. לעמאָשל: „דער גאלעכ אדאמיטש (דעמ שעפס נאָמענ) איז ערגער פונ א הענקער", אָדער „איכ האָב דאָ באקומענ שווינדזוכט, זיי פאר־שאָלטנ, מערדער אדאמיטש!"

די נארע אפ וועלכער איכ האָב באדארפט שלאָפנ אינ מעשעכ פונ א כוידעש צייט, איז געמאכט פונ א שווערער דעמבענער ברעט, וואָס איז צוגעשרויפט מיט דיקע אייזערנע שרויפנ צו שטיינערנע צארגעס. די שרויפנ האָבנ ארויסגעשטארצט פונ דער ברעט אפ דריי־פיר סאנטי־מעטער אונ באנאכט פלעגנ זיי זיכ אריינשטעקנ מיר אינ קאָפּ אונ אינ פלייצע. ס'איז געווענ אנ עכט מיטלאלטעריש אָפּקומעניש צו שלאָפנ אפ דידאָזיקע נארעס; א מאטראצ פלעגט מענ ארויסגעבנ איינ מאָל אינ דריי מעסלעס. ערשט נאָכ אסאכ אָנקלאגעס אונ פּראָטעסטנ פונ מיינ זייט האָט דער שעפ געגעבנ א פאראָרדענונג אָפּצושלייפנ די ארויס־שטארצנדיקע שרויפנ. דער ארעסטירטער, וועלכנ מע האָט איבערגע־געבנ צו טאָנ דידאָזיקע זאכ, האָט זיכ צעהארגעס די הענט ביז בלוט

אָבער דאָך האָט זיך אים ניט איינגעגעבן אָפּצופּיילן די שרויפן ביז דער ברעט־פּלאָך.

פונקט ווי דאָס זיצן אין קאמערע פאר חילדע, אזוי און ניט ווייניקער שעדלעך ווירקט אפן פסיכישן און פיזישן צושטאנד פונעם ארעסטירטן דאָס זיצן א לענגערע צייט אין קארצער.

זיצנדיק אין קארצער, בלייבט דער ארעסטירטער אינגאנצן איינגעטאָן אין זיך. מע לאָזט ניט צו צו אים גאָרניט אזוינס, וואָס זאָל אים־שטאנד זיין צעקלאפּן זיינע מאָרעשכוירעדיקע געדאנקען; בלויז איין מאָל אין דריי טאָג פירט מען אים ארויס אפן דער פרישער לופט, מע לאָזט ניט צו צו אים קיין ביכער, קיין צייטונגען, מע פארבאָט אים צו פירן א קאָרעספּאָנדענץ, אופנעמען באזוכער, ריידן מיט וועמען עס איז. א. א. וו. פארשמאכט פון הונגער, זיצט דער ארעסטירטער א פארזונקענער אין שווערע געדאנקען אין זיין שטייג; אים דאכט זיך, אז שארפע נעגל רייסן אפ שטיקער זיין מויעך, ער פילט ווי דער אומזיניקער הויבט אָן אים צו באהערשן. ארעסטירטע, וואָס זיצן אָפּ אין דערדאָזיקער לאָך עטלעכע וואָכן אָדער כאדאָשים, פארלירן קימאט די געדאנקען און אָפט שטאמלען זיי, ווי קינדער. אין דעם כוידעש צייט, וואָס איך בין געזעסן אין קארצער, האָב איך פארלוירן אכט קילאָגראם. מיך האָבן פון אן ערנסטער קרענק נאָכן זיצן אין קארצער אפּגעראטעוועט טיילוויס מיינע טאָגטעגלעכע גימנאסטישע איבונגען; ניט געקוקט דערויף, וואָס איך בין געזעסן בלויז אף ברויט און וואסער און בין דעריבער געווען זייער אָפּגעשוואכט, האָב איך יעדן טאָג אָפּגעטיילט פאר דידאָזיקע איבונגען גאנצע פיר שאָ. געענדיקט די גימנאסטישע איבונגען, פלעג איך אָנהייבן צו דעקלאמירן לידער, וועלכע איך האָב געוווּסט אף אויסווייניק. דערמיט פלעג איך פארטרייבן די געדאנקען וועגן מיין שווערער לאגע.

„דעם באפעל קאָן איך אויסטייטשן אי אזוי, אי אזוי"

אָפּגעזעסן א כוידעש צייט אין קארצער, האָט מען מיך ווידער אריבערגעפירט אין מיין פריערדיקער קאמערע. פאר דערדאָזיקער צייט

האָט מענ לויטנ באפעל פונעמ טורמע־שעפ פארמויערט דעמ ווענטי־
ליאטער און דאָס קליינע פענצטערל פונעמ ווענטיליאטער, האָט מענ
באוואָרנט אזוי, אז לופטערנ די קאמערע האָט מענ קימאט ווי ניט גע־
קאָנט. איכ האָב זיכ ווידער אָנגעקלאָגט דעמ טורמע־שעפ אפ דידאָזיקע
נייע אומגעזעצלעכקייטנ. ער האָט מיר געענטפערט, אז אינ אלצ בינ
איכ אליינ שולדיק, אז ער וועט אָנווענדנ צו מיר נאָכ הארבערע מאָס־
מיטלענ און וועט מיר דערווייזנ, אז מער וועל איכ שוינ קיינמאָל אפ
דער פריי קיינ בריוו ניט קאָנענ אריבערשיקנ. בעשאס דער שעפ האָט
מיר דאָסדאָזיקע געמאָלדנ בינ איכ געליגנ; מיר האָט צוגעשמידט צומ
בעטל דער רעוומאטיזמ. דערהערט דאָס, בינ איכ שטארק אופגעבראכט
געוואָרנ און אימ אָנגעשפיגנ אינ פּאָנעמ. דאנ האָט דער שעפ מיכ ווי־
דער איינגעזעצט אפ א כוידעש אינ קארצער.

בינ איכ אָפּגעזעסנ דאָרטנ פונעמ 24 נאָיאבער ביזנ 25 דעקאבער
1925. אָבער איצט איז די לאגע געווענ אסאכ שווערער. דעמ עלטסטנ
וואכמייסטער טשורזידעל, וועמענ אלע ארעסטירטע האָבנ געהאלטנ פאר
א געפערלעכנ בלוטזויגער, האָט זיכ איינגעגעבנ מיכ צו פּראָוואָצירנ.
איכ האָב זיכ אָפּגעזאָגט ארויסצושטעלנ הינטער דער טיר פונעמ קאר־
צער די פאראשע און דעמ וואסער־קרוג. איכ האָב געוואָלט אויסווירקנ
א דערלויבעניש, אז דער אופראָמער, וואָס האָט זיכ גוט באצויגנ צו
מיר, זאָל אליינ ארויסטראָגנ די פאראשע און דעמ קרוג און איכ האָב
געהאָפט אפ אזא אויפנ איבערגעבנ אינ דערדאָזיקער צייט א צעטעלע.
טשורזידעל האָט אָבער ניט דערלויבט דעמ אופראָמער ארײנצוגיינ צו
מיר אינ קאמערע און, אפ אזא אויפנ, האָט מענ די פאראשע ניט
ארויסגעגאָסנ העכער א וואָכ צייט. אינגיכנ האָט זי אָנגעהויבנ איבער־
צוגיינ. פונ דער קויטיקער וואסער פונעמ וואשנ זיכ, פונ דער צויע און
דער האשטאָנע איז געשטאנענ אפנ דיל א קאליזשע, וואָס איז פונ טאָג
צו טאָג געוואָרנ אלצ גרעסער. מע האָט שוינ קימאט ניט געקאָנט
ארײנגיינ אינ קאמערע. האָט מענ אוועקגעלייגט אפנ דיל ציגל און אפ
זיי—ברעטער. איבער דידאָזיקע ניטשטאנדהאפטיקע בריקלעכ פלעגט
איינ מאָל אינ טאָג ארײנקומענ דער אופזעער, קעדיי אופצועפענענ אפ

א ווײלע דאָס פענצטער. ניט אײנ מאָל איז אויכ ארײנגעקומענ דער דאָקטער. ער האָט געזענ, אז די קאַליזשע האָט זיכ אופגעהויבנ קימאט אפ א גאנצנ פוס, נאָר ער האָט ניט אָנגענומענ קײנע מיטלענ, קעדײ צו לינדערנ מײנ לאגע. אינ קארצער האָט דער געשטאנק געשטיגנ פונ טאָג צו טאָג אונ זיכ פארשפרײט איבער דער גאנצער טורמע. ענדלעכ האָב איכ געמוזט באטאָג אונ באנאכט שטײנ אָדער זיצנ אפנ הילצער־נעמ בעטל. ס׳איז שוינ געווענ סאָפ דעקאבער, אינ קאמערע איז געווענ זײער קאלט, די טעמפעראטור פלעגט קוימ דערגרײכנ ביז אכט־נײנ גראד. קעדײ זיכ דערווארעמענ כאָטש וויפל־ניט־איז, פלעג איכ דורכ־מאכנ אפ די שמאָלע נארעס מײנע גימנאסטישע איבונגענ; אלע ווײלע האָב איכ געקאָנט אראָפפאלנ אינ דער קאליזשע, וואָס האָט ארומגע־רינגלט מײנ קלײנ אינזל. ערשט ערעוו מײנ ארויסגײנ פונעמ קארצער האָט דער עלטסטער וואכמײסטער געגעבנ א פאראָרדענונג ארויסטראָגנ די פאראשע אונ אויסרײניקנ די קאמערע.

ערעוו ווײנאכט האָב איכ פארענדיקט מײנ זיצנ אינ קארצער גאנצע צוויי כאדאָשימ צײט. אלע ארעסטירטע האָבנ באווײזנ צו באקו־מענ צוו ריזלעכ פאָסט־פעקלעכ פונ זײערע אײגענע. מיר אָבער האָט דער טורמע־שעפ געמאָלדנ, אז אלע פעקלעכ, וועלכע עס האָבנ מיר צוגעשיקט די אײגענע, די כאווײרימ אונ דער מאָפר, האָט מענ אָפגע־שיקט צוריק. כוץ די צוויי כאדאָשימ קארצער האָט מענ בא מיר אָפגע־נומענ דאָס רעכט אפ פאָסט־פעקלעכ, מע האָט מיר פארבאָטנ אפ זיבנ כאדאָשימ זעונגענ, פירנ א קאָרעספאָנדענצ אונ לײענענ צײטונגענ. קעדײ צו ווײזנ מיר, אז ער איז זײער א גוטהארציקער אונ ווינטשט מיר גוטס, האָט דער שעפ ארויסגענומענ פונ מײנעט וועגנ וואָס עס איז פונ די פעקלעכ, וואָס מע האָט צוגעשיקט פאר אנדערע ארעסטירטע. ער איז געווענ זיכער, אז איכ וועל זיכ זײער דערפרײענ מיט דערדאָ־זיקער מאטאָנע. ער האָט מיר אָנגעוויזנ אפ א קארטאָנענ קעסטעלע, וואָס איז געשטאנענ אפנ טיש; דאָרט זײנענ געווענ עטלעכע עפל, ניס אונ לעקעכ. ער האָט געמײנט, אז איכ וועל אופשײנענ פונ גליק אונ וועל ניט וויסנ, ווי אימ אָפצודאנקענ פאר דערדאָזיקער מאטאָנע. איכ

האָב זיך אָפּגעזאָגט פון איר, און דער שעף האָט זיך באַליידיקט. איך האָב זיך געפּרוווט אים דערקלערן, אז דערמיט וואָס ער האָט אָפּגעשיקט מיין פּאָסט־פּעקל, האָט ער געטראָפן ניט אזוי מיך, ווי מיינע אַלטע עלטערן און פריינט, וואָס האָבן געהאט דערפון גרויסע יִסורים. א גאנץ יאָר האָבן זיי געוואַרט אַפ דער געלעגנהייט מיר אָנטאָן דעמדאָזיקן פארגעניגן, און איצט האָט ער מיט זיין הארטלייביקייט זיי פארשטערט דידאָזיקע פרייד. ער האָט אפילע קיין מינדסטע פאָרשטעלונג ניט געהאט וועגן מיינע איבערלעבונגען, און, דאכט זיך, ער האָט אפילע ניט פארשטאנען, וואָס פאר גרויסע ליידן ער האָט דערמיט אָנגעטאָן מיינע אייגענע. איך האָב אים געבעטן אָנשרייבן זיי, אז זיי זאָלן נאָכאמאָל צושיקן פּאָסט־פּעקלעך. איך האָב געזאָגט, אז איך וועל מיט פארגעניגן זיך אָפּזאָגן פון זיי און האָב פאָרגעלייגט צעטיילן אַלץ די ערנסט־קראנקע, וואָס ליגן אין לאזארעט. דאָס וואָלט פארשאפן א פארגעניגן ניט נאָר מיינע אייגענע, נאָר אויך פיל ארעסטירטע, וואָס קיינער זאָרגט ניט וועגן זיי. ער האָט מיין באקאָשע אָפּגעוואָרפן. דאַן בין איך זייער אופגעבראַכט געוואָרן און האָב אים ווידער אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם. דאָס מאָל אָבער האָט ער מיך ניט איינגעזעצט אין קארצער: קאָנטיק, ער האָט אָנגעהויבן צו פארשטיין, אז מיט דעמדאָזיקן וועג וועט ער גאָרניט ניט מאכן. ער האָט נאָר געזאָגט, אז אויב איך וויל אים אָנשפּייען אין פּאָנעם, קעדיי אראָפּלאָזן א שטיין פון הארצן, האָט ער גאָרניט קעגן דעם, איך זאָל פון צייט צו צייט דאָס טאָן; דאָס איז גאָרניט אזוי געפערלעך, אָבער מע דארף דאָס ניט טאָן אין דער אָנוועזנהייט פון טורמע־אָנגעשטעלטע אָדער ארעסטירטע, דערפאר ווייל דאָס רייסט ארונטער זיין אווטאָריטעט. אים גופע ארט ווייניק מיין שפּיי אין פּאָנעם. ער קאָן אים פּאָשעט אָפּווישן. ער האָט מיך געראָטן, איך זאָל זיך דערשלאָגן, אז מע זאָל אָנווענדן צו מיר דעם § 51— דעמאָלט וועט שוין ביקלאל גאָרניט געשען מיט מיר. ער האָט שוין פּאָשעט געוואָלט, איך זאָל סימולירן א מעשוגענעם, קעדיי ער זאָל מיך אָפּשיקן אין דעם פּסיכיאטרישן שפּיטאָל און זאָל אַפּ אזא אויפן פּאָטער ווערן פון מיר.

אין פארלויף פון פיל כאדאָשים האָט מיך דער שעף געצוווּנגען צו שרייבן בריוו צו מיין אדוואָקאט בלויז אין דער קאנצעליאריע פון דער טורמע און דערצו אין דער אָנוועזנהייט פון דריי אופזעערס. אלע ארעסטירטע האָט מען דערלויבט צו שרייבן בריוו אין די קאמערעס, נאָר מיר איינעם האָט מען ניט דערלויבט צו האלטן אין קאמערע ניט קיין פאפיר, נים קיין טינט־און־פען, ניט קיין בלייער. דער אופזעער האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אז בעייס מע פירט אריין אן ארעסטירטן פון אן איינצל־קאמערע אין א צימער, ווו ס'איז פאראן אסאך מענטשן, קאָן ער בעשומויפן ניט קאָנצענטרירן זיינע געדאנקען. כוץ דעם פלעגט דער שעף פארהאלטן מיינע בריוו צו די פארטיידיקער אף גאנצע וואָכן. צו די אייגענע האָב איך ביקלאל ניט געהאט דאָס רעכט צו שרייבן.

בעייס עס האָט מיך באזוכט מיין אדוואָקאט לאסקאָווסקי, וואָס האָט, ווי דער טורמע־שעף, געהערט צו דער פארטיי פונעם צענטער און האָט צוזאמען מיט אים באזוכט איין שול, האָט דער שעף אים ניט דערלויבט צו געבן מיר די האנט. צווישן מיר און מיין אדוואָקאט איז געשטאנען א ברייטער טיש, כוץ דעם שעף איז בעייס מיין געשפרעך בייגעווען דער אינספעקטער. ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן מיין אדוואָקאט וועגן דעם, ווי מע באגייט זיך מיט מיר, האָט דער שעף גלייך איבערגעריסן אונדזער שמועס און באפוילן מיך אָפפירן אין קאמערע.

ער האָט מיר פארבאָטן צו קויפן ציין־פאסטע, זייף און אנדערע היגיענע־מאכשירים. א לאנגע צייט האָב איך ניט געהאט קיין מעגלעכקייט צו רייניקן די ציין, ניט געקוקט דערוף, וואָס אין די טורמע־קלאָלים איז געפיירעש אָנגעוויזן, אז די ארעסטירטע דארפן זיך צוגעוויינען צו פוצן די ציין. ער האָט מיר פארבאָטן צוקויפן זיך שפייז־פראָדוקטן; אלע איבעריקע ארעסטירטע האָט מען דאָס דערלויבט. מיין מאָגן האָט אָפט ניט געקאָנט פארדייען די טורמע־מייכאָלים, און איך האָב שטארק געליטן פון הונגער אפילע דאן, ווען איך בין ניט געזעסן אין קארצער.

דער טורמע־שעף אדאמיטש פלעגט צעפויקן די סוידעס פון די

ארעסטירטע, כאָטש דער טורמע־סטאטוט האָט דאָס בעפּירעש פארבאָטנ; דאָס פלעג ברענגענ צו שארפע קאָנפליקטנ צווישנ די ארעסטירטע אונ זייערע פריינט אפ דער פריי. דער שעפ האָט דערציילט זייטיקע באזורכער דעם אינהאלט פונ מיינע בריוו צו די אייגענע. די גאנצע צייט, וואָס ער איז געווענ אפ זיינ פּאָסטנ, זיינענ די ארעסטירטע געווענ אבסאָליוט רעכטלאָזיק. בא מיר איז שטענדיק געווענ אזא איינדרוק. אז אדאמיטש ווענדעט אָנ זיינ אומגעהויערע אכזאָריעס ווי א מאסקע, וואָס הינטער איר האָט ער פארשטעלט זיינ פולשטענדיקע לוייִצלעכדיקייט צו פארטרעטנ דעם פּאָסטנ פונ טורמע־שעפ. אדאמיטש פלעגט קוקנ אינ מויל אריינ דעמ עלטססנ וואכמייסטער טשורזידעלנ, וועלכנ עס זיינענ געווענ אונטערגעוואָרפנ אלע אופזעער. דערצו זיינענ געווענ געוויסע סיבעס. דער עלטסטער וואכמייסטער, וואָס איז באקאנט געווענ, ווי א מייסטער אפ געבנ קלעפ די ארעסטירטע,—אונ דאָס האָב איכ אליינ איבערגעלעבט, בעשאס ער האָט מיכ אמאָל אָנגעכאפּט מיט ביידע הענט פארנ גאָרגל אונ גענומענ מיכ ווארגנ,—פלעגט פארצייכענענ זיינע טאָעסנ אונ נאכלעסיקייטנ, וואָס ער איז באגאנגענ אפ זיינ פּאָסטנ. ער האָט געזאָגט, אז ער וועט ווענ עס איז נעמענ אינ דער ארבעט אריינ אדאמיטשנ אונ אָפּשיקנ אלע מאטעריאלנ וועגנ אימ אינ מיניסטעריום. בא יעדער געלעגנהייט פלעגט דער וואכמייסטער פּאָשעט כויזעק מאכנ פונעמ טורמע־שעפ. ס'איז ניט געווענ דער טאָג, אז דער וואכמייסטער זאָל ניט האָבנ געמאסערט ווענ עס איז פונ די ארעסטירטע אָדער פונ זיינע קאָלעגעס. ער האָט געמאסערט אפילע דעמ גאלעכ אונ דעמ לערער פונ דער טורמע.

דער טורמע־שעפ אונ דער עלטסטער וואכמייסטער האָבנ דעריבער זייער לייכט געקאָנט געפינענ אנ אלגעמיינע שפראכ, בעייס עס האָט זיכ גערעדט וועגנ אָנווענדנ צו די ארעסטירטע הארבע מאָסמיטלענ אונ זיי פארווירקלעכנ אינ לעבנ. די ארעסטירטע פלעגנ זאָגנ, אז דער טורמע־שעפ וואָלט קיינמאָל ניט אָנגעווענדעט אזעלכע הארבע באשטראָפונגענ, ווענ אימ זאָל ניט שטויסנ דערצו טאָגטעגלעכ דער עלטסטער וואכמייסטער.

אין קיין איינער פון די מיר באקאנטע טורמעס זיינען ניט געווען אזוי איבערגעפולט די קארצערן, ווי אין גרויס־סטרעליץ. כוץ די געווינלעכע קארצערן, וואָס זייער צאָל איז געווען פיל גרעסער, איידער אין אנדערע טורמעס, — האָט מען פארוואנדלט אין קארצערן צענדליקער געווינלעכע קאמערעס. בעיס מע פלעגט מיך ארויספירן אפן שפאציר, האָב איך געזען א לאנגע ריי געווינלעכע קאמערעס, וואָס אף זייערע טירן איז געהאנגען שילדלעך: „קארצער".

איך פלעג ניט זעלטן האָבן צוזאמענשטויסן מיטן טורמע־שעף; איך האָב אים געוואָרנט, אז מיט דידאָזיקע אומגעהויער־אכזאָריעסדיקע באַשטראָפונגען וועט ער דערפירן די ארעסטירטע צו א מערידע.

באנאכט פלעגט מען אָפט הערן געשרייען פון ארעסטירטע, וואָס מע שלאָגט זיי. די נאכט פונעם 27־טן אפרעל 1926 יאָר האָט דער ארעסטירטער וואָלף, וועלכן די אופזעערס האָבן געשלאָגן, געשריען מיט א הארצרייסנדיק קאָל און געבעטן הילף. א צווייטן ארעסטירטן האָט טשורזידעל איינמאָל באנאכט אזוי געשלאָגן מיט זיין גומענעם שטעקן, אז יענער האָט קיין אנדער מיטל ניט געפונען, ווי א שטארקן ביס טאָן זיין פייניקער. א לאנגע צייט נאָכדעם איז טשורזידעל ארומגעגאנגען מיט אן איבערגעבונדענער האנט. דעם שטארק צעשלאָגענעם ארעסטירטן האָט מען פאר דעמדאָזיקן ביס שטרענג באשטראָפט.

לויטן באפעל פונעם דעמאָלטיקן יוסטיץ־מיניסטער קורט ראָזענפעלד, האָט מען פונעם טורמע־סטאטוט פונעם יאָר 1918 אָפגעשאפט דאָס אָנווענדן די אזוי־גערופענע פינצטערע קארצערס. ניט געקוקט דערופ אָבער, האָט מען אין גרויס־סטרעליץ, — עמעס ניט אָפיציעל, נאָר פאקטיש, — אָנגעווענדעט פינצטערע קארצערס. אין מיין געריכט־ארויסזאָגן ווייז איך אָן, אז בעיס מיין שפאצירן אין הויף דעם 12־טן יוני 1926 יאָר האָב איך געזען, ווי מע האָט איינעם אן ארעסטירטן אריינגעזעצט אין א פינצטערן קארצער. אף די פענצטער פון די קארצערס זיינען נאָך געבליבן פון די פריערדיקע צייטן שווערע אייזערנע לאָדנס; קוים האָט מען זיי פארמאכט פלעגט אין קארצער ווערן שטאָק־פינצטער. דעמדאָזיקן טאָג זיינען די לאָדנס געווען פארמאכט, און איך האָב

דערהערט צו מיר אינ קאַמערע פּאַרדומפּענע זיפצנ, דעמ ערשטנ יולי האָט מענ ווידער ארייַנגעזעצט אייַנעמ אנ ארעסטירטנ אינ א פינצטערנ קאַרצער; דאָסזעלביקע האָט מענ געטאָנ אויכ דעמ 22־טנ סעפּטיאַבער. דעמדאָזיקנ טאָג האָט מענ פונעמ פינצטערנ קאַרצער געהערט האַרצ־רייַסנדיקע געשרייַענ. אינ עטלעכע שאָ ארומ האָב איכ זיכ דערוווּסט, אז לויטנ באַפעל פונ אנ אופזעער האָבנ די אופראַמערס שטאַרק צע־שלאָגנ אנ ארעסטירטנ, וועלכנ מע האָט אייַנגעזעצט אינ קאַרצער. ערשט נאָכדעמ, ווי איכ האָב געדראָט דער טורמע־אדמיניסטראַציע באַקאַנט מאַכנ צווישנ דער ברייטער עפנטלעכקייט דעמדאָזיקנ פאַקט פונ ניטגעזעצלעכנ ארעסט אינ קאַרצער, האָט מענ ארויסגענומענ די אייזערנע לאָדנס.

דער שעפ פונ דער קרייַזישער טורמע־פאַרוואַלטונג דאָקטער עגאָנ כומאַנ, וואָס אינ זייַנ קאָמפּעטענצ זייַנענ געווענ אַלע טורמעס פונ אויבער־שלעזיע, אונ בעטויכאָמ אויכ גרויס־סטרעליצער אונ ברעסלאַ־ווער טורמעס, איז ניט געווענ צופרידנ ניט מיטנ שעפ פונ גרויס־סטרעליצער, ניט מיטנ שעפ פונ ברעסלאַווער טורמע. ער איז געווענ אנ אָנהענגער פונ א מער מענטשלעכער באַציונג צו ארעסטירטע. אָפּגעדינט אינ פאַרלויפ פונ צוועלפ יאָר אינ די דייַטשישע קאָלאָניעס, וואָס אינ אפריקע אַלס קרייַז־שעפ, האָט ער בעיס דער מילכאָמע דורכגעמאַכט דעמ מאַרש מיט לעטאָוו פאָרבעקס שטאַב אונ איז ארייַנ אינ געפענקעניש צו די ענגלענדער. אימ איז געווענ זייער שלעכט אינ געפענקעניש: מע האָט אימ לאַנג געהאַלטנ פאַרשפאַרט אינ אנ אייַנצל־קאַמערע, אונ דערדאָזיקער אייַנזאַמער ארעסט האָט אפ אימ שרעקלעכ געווירקט. אָנקומענדיק נאָכדעמ אַלס שעפ פונ דער טורמע־פאַרוואַלטונג, האָט ער אָנגענומענ געוויסע מיטלענ אפ צו פאַרגרינגערנ די לאַגע פונ די ארעסטירטע, אפ וויפל דאָס איז מעגלעכ געווענ אינ די ראַמענ פונ די עקזיסטירנדיקע געזעצנ. אָבער דידאָזיקע באַמיונגענ זייַנע האָבנ ארויסגערופנ פאַרביסענע אָנפאַלנ אפ אימ אונ האָבנ אימ געשאַפנ אסאַכ סאָנימ. א גרויסער טייל פונ זייַנע אונטערטעניקע, ווי, לעמאָשל, די טורמע־שעפנ, אינספּעקטאָרנ אונ אופזעערס, האָבנ זיכ געסטאַרעט, ווו

נאָך זיי האָבן געקאָנט, אראָפּרייסן זיינע פאַראָרדענונגען. דער טורמע־שעף אדאמיטש און זיין עלטסטער הויפּט־וואכמייסטער טשורזידעל פלעגן זיך אָפּרופן וועגן אים מיט גרויס פאראכטונג. איך האָב ניט איין מאָל אָנגעוויזן אדאמיטשן, אז די פארוואלטונג־סיסטעם, וואָס ער האָט איינגעפירט אין גרויס־סטרעליץ, איז א פולשטענדיקער ווידערשפּרוך צו די פארלאנגען פונעם יוסטיץ־מיניסטער און דעם שעף פון דער קרייזישער טורמע־פארוואלטונג. ער פלעגט ענטפערן: „וואָס אזוינס שטעלט פאָר דער שעף פון דער קרייזישער טורמע־פאַרוואַלטונג. ער איז דאָך ביי־קלאל קיין מענטש ניט! און דער מיניסטער וועט מיר גאָרניט ניט זאָגן; איך טו אלץ, וואָס סע האָט פאָרגעשריבן דער סטאטוט, און ענדערן די טאַקאָנעס פונעם סטאטוט איז אפילע דער מיניסטער גופא ניט אים־שטאנד". וועגן דעם, ווי אזוי דער טורמע־שעף פלעגט זיך רעכענען מיט באפעלן פון די העכערע אינסטאנציעס, איז כאראקטעריסטישער ווי אלץ זיינס א גלייכווערטל; ער פלעגט שטענדיק זאָגן: „דעם באפעל קאָן איך אויסטייטשן אי אזוי, אי אזוי".

איינמאָל האָב איך געהאט א שמועס מיט אדאמיטשן וועגן טויט־שטראָף. ער איז געווען א לאנגע צייט א קאטוילישער גייסטלעכער און האָט ליב געהאט אונטערצושטרייכן בא יעדער געלעגנהייט זיין הומאנישקייט. אדאמיטש איז געווען אן אָנהענגער פון טויט־שטראָף, באזונדערס פון קעפּונג, דערפאַר ווייל ער האָט דאָס געהאלטן פאר א מער הומאניש מיטל, מאכמעס דערביי מאטערט מען זיך ווייניק. ער האָט זייער געטרוימט וועגן א פאָסטן באם מיניסטעריום.

וועגן דעם, וואָס פאר א מיטלען אדאמיטש האָט אָנגעווענדעט מיטן ציל אומבאַדינגט צו דערשלאָגן זיך א קאריערע, באווייזט אונדז אזא פאקט:

קימאט אלע פרייסישע טורמעס האָבן אָפּגעשאפן די וועבשטולן, וואָס אפ זיי פלעגן די ארעסטירטע אין די פריערדיקע יאָרן אויסאר־בעטן געוועבן פאר טורמעס און אַנדערע אנשטאלטן. ווען מע פלעגט אוועקשטעלן אין קאמערע אזא וועבשטול, האָט דער ארעסטירטער ניט געהאט שוין ווו אויסצודרייען זיך. פינף און ניינציק פראָצענט ארע־

סטירטע, וואָס האָבנ אינ פאַרלויפ פונ פיל יאָרנ געאַרבעט באַ די וועב־שטולנ, פלעגנ קראַנק ווערנ אפ טובערקוליאָז. מע פלעגט דעריבער זייער פאַראַכטנ דידאָזיקע וועבשטולנ. ניט נאָר די אַרעסטירטע, נאָר אפילע די מאַכט גופע האָט געוווסט, אַז דעדאָזיקער פּראָדוציר־אויפנ מיט די וועבשטולנ איז לאַכלוטנ ניט ראַציאָנעל. אַדאַמיטש האָט זיך אָבער דערשלאָגנ דערצו, אַז מע האָט אַריבערגעפירט אינ גרויס־סטרע־ליצער טורמע די וועבשטולנ, וואָס מע האָט אַרויסגעוואָרפנ אינ אַנדערע טורמעס, אונ מע האָט זיי צעשטעלט אינ די איינצל־קאַמערעס. די אַרעסטירטע האָבנ פאַרנאַרט די פאַלשע צוזאָגנ אונ די קליינע לעהאָ־טעס, וואָס דער שעפ האָט זיי געגעבנ, אונ זיי פלעגנ אויסאַרבעטנ דריי־פיר נאָרמעס אַ טאָג. מאַכמעס דעדאָזיקער אומגעהויערער אָנלאָ־דונג פלעגנ די אַרעסטירטע איינגאַנצנ זיך אַרויסשלאָגנ פונ די קויכעס, מערסטנטייל פלעגט דער טורמע־שעפ זיי שענקענ אַלס מאַטאָנע זייַנ פאָטאָגראַפיש בילדל מיט אַנ אייגנהאַנטיקער אונטערשריפט אונ זיי דערלויבנ דאָס אופהענגענ אינ קאַמערע.

קעדיי אויסצואַרבעטנ די מעגלעכסט־העכערע נאָרמע אונ דערמיט אויספילנ דעם שעפס פאַרלאַנג, זיינענ די אַרעסטירטע געווענ געצוווּנ־גענ צו ווענדנ די אופמערקזאַמקייט ניט אַזופיל אפ דער קוואַליטעט וויפל אפ דער צאָל. די געוועבנ פלעגנ זיך באַקומענ מיט גרויסע דע־פעקטנ, די באַשטעלערס פלעגנ זיי ניט וועלנ אָפנעמענ, אונ אפ אַזאַ אויפנ, האָבנ זיך אָנגעקליבנ אינ טורמע גרויסע רעזערווג. די קאָלאָסאַלע פעק זיינענ געווענ אָנגעלייגט איינער אפנ אַנדערנ אפנ בוידעם אונ אינ אַלע לאָקאַלנ, וואָס זיינענ ניט געווענ פאַרנומענ מיט אַרעסטירטע. בעייס עס האָט באַדאַרפט פאָרקומענ אַ רעוויזיע פונ מיניסטעריום אָדער פונ דער טורמע־פאַרוואַלטונג,—פלעגט אַדאַמיטשעס פריינט, וואָס האָט געדינט אינ דער ברעסלאַויער טורמע־פאַרוואַלטונג, אים מיטיילנ דורכנ טעלעפאָנ דעם טאָג, ווענ די קאָמיסיע וועט אָנקומענ. דעמאָלט פלעגט מענ צעשטעקנ די גרויסע רעזערווג מאַנופאַקטור. דער קאָמי־סיע פלעגט מענ ווייזנ בלויז די קופעס גוטע מאַנופאַקטור, די איבע־ריקע פלעגט מענ באַהאַלטנ אַזוי, אַז אפילע דאָס ווייטזיכטיקע אויג

־ונעמ רעוויזאָר זאָל זיי ניט באמערקנ. ערעוו דער רעוויזיע פלעגנ צענדליקער ארעסטירטע שלעפנ אפ די טרעפ די שווערע פעק מאנו־פאקטור אונ זיי באהאלטנ אינ זיכערע ערטער.

ניט געקוקט אפ אזא ווירטשאפטלאָזיקייט, פלעגט דער טורמע־שעפ שטאָלצירנ דערמיט, אז די גרויס־סטרעליצער טורמע גיט מער האכנאָ־סע איידער די איבעריקע טורמעס פונ גאנצ פרייסנ, דערפאר ווייל דאָ איז די סאמע העכסטע ארבעט־פראָדוקטיווקייט, די ארעסטירטע אר־בעטנ דאָ מער ווי אינ אנדערע טורמעס אונ ארבעטנ אויס די העכסטע נאָרמע. דאָס מיניסטעריומ האָט ניט איינמאָל אויסגעדריקט אימ דאנק־בארקייט דערפאר, וואָס אינ הינזיכט פונ ארבעט־פראָדוקטיווקייט שטייגט אריבער דידאָזיקע טורמע אלע איבעריקע טורמעס אונ פאר־דינט צו זיינ פאר זיי א מוסטער.

די לייטער־סיסטעמ

אדאמיטש פלעגט אָפט זיכ בארימענ דערמיט, אז פאקטיש איז ער דער גרינדער פונ דער אזוי גערופענער „לייטער־סיסטעמ“, וואָס ווערט איצט איינגעפירט אינ אלע דייטשישע טורמעס. מיר האָט זיכ אָבער פאָרט ניט איינגעגעבנ פעסטצושטעלנ, צי האָט ער טאקע ווירקלעכ געשאפנ דידאָ־זיקע סיסטעמ.

אלע ניי־אָנגעקומענע ארעסטירטע פארעכנט מענ אינ דער ערשטער קאטעגאָריע: זיי האָבנ ניט דאָס רעכט אפ קיינ לעהאָטעס, זייער זעלטנ דערלויבט מענ זיי שרייבנ בריוו, לייענענ צייטונגענ, זיי טאָרנ ניט האלטנ אינ קאמערע קיינ אייגענע ביכער, שרייב־מאכשירימ, אופהענגענ בילדער, ארויסשטעלנ בלומענ אינ די פענצטער; זעונגענ מיט די איי־גענע דערלויבט מענ זיי בלויז איינ מאָל אינ דריי כאדאָשימ. זייער שפאציר איבערנ הויפ געדויערט בלויז א האלבע שאָ; איינאָוונט זיצנ זיי אינ דער פינצטער. אפ איינ ארבל פונ זייער קורטקע איז אָנגע־נייט א שמאָל בענדל; דאָס איז א צייכנ, אז זיי זיינענ נאָכ ניט ווערט אריבערגעפירט צו ווערנ אינ דעמ צווייטנ ראנג. ביז ניינ כאדאָשימ צייט קאָנ מענ קיינ ארעסטירטנ אינ קיינ פאל ניט אריבערפירנ אינ צווייטנ ראנג. אויב דער ארעסטירטער פירט זיכ זייער גוט

און קיינער פון דער אדמיניסטראציע האָט ניט קיין גרונט אפ אָנצוקלאָגן זיך אפ אים,—א זאך, וואָס איז זייער שווער אין א פריישישער טורמע,—אויב ער געווינט דעם צוטרוי פון די איג־ ספעקטאָרן, פונעם טורמע־שעפ און אייניקע וואכמייסטערס,—קאָן ער האָפן, אז שפעטער מיט ניין כאָדאָשים וועט ער אריבער אין דעם צווייטן ראנג. קיין רעכט, וואָס זאָל אים דערלויבן צו פאָדערן דאָס אריבערפירן אין דעם צווייטן ראנג האָט ניט דער ארעסטירטער אפילע בא אזא „גוטער אופירונג“. די ארעסטירטע פונעם צווייטן ראנג נייט מען אָן צוויי בענדלעך אפן ארבל. פונדעסטוועגן זיינען פאראן הונדערטער ארעסטירטע, וואָס בלייבן אין פארלויף פון דריי, פיר, פינף, זעקס יאָר און מערער אין ערשטן ראנג, דאָס הייסט, זיי באַ־ קומען ניט קיין שום לעהאָטעס און האנאָכעס. מערסטנטייל זיינען דאָס מענטשן מיט שטארקע כאראקטערס, וואָס קאָנען זיך ניט אונ־ טערלעקן.

בעיס מע פירט אריבער קאטאָרזשניקעס אין צווייטן ראנג, ווערן זיי אזוי גערופענע „עפרייטערס“ און באקומען אייניקע לעהאָטעס: מע דער־ לויבט זיי איינ מאָל אין כוידעש אָדער אין אנדערהאלבן כאָדאָשים אָנ־ צושרייבן א בריוו, האָבן אָפטערע זעונגען, לייענען צייטונגען.

דעם קאָרפוס פון אונטער־אָפיצירן, פון די אזוי גערופענע „ברוינע הוסארן“ (דערדאָזיקער צונאָמען פון די קאטאָרזשניקעס שטאמט פון זייער ברוינער האלבאָשע) שטעלן פאָר די ארעסטירטע פונעם דריטן ראנג. זיי טראָגן אפן ארבל דריי גרינע אָדער געלע בענדלעך. קיין העכערער ראנג איז ניטאָ. די אייניקע, וואָס דערשלאָגן זיך דאָס ארי־ בערפירן אין דריטן ראנג—בעסאכאקל זיינען זיי פאראן א מאן צוואנ־ ציק—דרייסיק אפ זעקס הונדערט ארעסטירטע,—האָבן דאָס רעכט צו האלטן בלומען אין קאמערע, טראָגן א זייגער, זיך באנוצן מיט א לענגערן שפאציר, הערן צוזאמען דעם ראדיאָ־איבערגעב אין דער טור־ מע־שול, צוקויפן זיך אין כוידעש פראָדוקטן פאר דריי מארק און גע־ ניסן נאָך אייניקע קליינע האנאָכעס.

ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס אין צווייטן און דריטן ראנג קומען

אָנ פריער און גרינגער גראָד יענע ארעסטירטע, וואָס זיינען אפ דער פריי באגאנגענ די גרעסטע פארברעכנס. גראָד אָט דידאָזיקע מענטשנ קאָנענ בעסער ווי אלע זיכ צופאסנ צו די באדינגונגענ פונעם טורמע־לעבנ; זיי ווערנ גוטע ברידעער מיט די אָנגעשטעלטע, מיט זיי האָט די אדמיניסטראציע צו טאָנ ווייניקער, ווי מיט אלע. דידאָזיקע מענטשנ, וואָס אפ דער פריי אנטלויפנ זיי שטענדיק פונ ארבעט, שטייגנ אריבער, אלס קלאל, די נאָרמע אינ טורמע און ווייזנ ארויס אזא פלייס און געדולד, וואָס וואָלטנ ווערט געווענ א מער נוצלעכערע אָנגעווענדונג.

אלע ארעסטירטע, מיט וועלכע איכ האָב געהאט א מעגלעכקייט צו שמועסנ אינ גרויס־מטרעליצ און שפעטער אינ זאָנענבורג, און אפילע דער שפעטער גופע פונ דערדאָזיקער סיסטעם—אדאמיטש, זיינענ געווענ געצווונגענ מודע צו זיינ, אז גראָד מאכמעס דערדאָזיקער לייטער־סיסטעם אנטוויקלט זיכ צווישנ די ארעסטירטע צווייפענימדיקייט און אונטערגעקויפטקייט.

בעסער פונ אלע אָרדענענ זיכ איינ אינ דערדאָזיקער לייטער־סיסטעם די רעצידיוויסטנ. זיי זיינענ שוינ באקאנט מיטנ טורמע־לעבנ, קאָנענ אויסגעצייכנט זיכ צופאסנ, און דאָס פארגרינגערט פאר זיי די מעגלעכקייט זיכ ארויסצווייזנ אפ דער ארבעט און האָבנ געוויסע האנאָכעס

דידאָזיקע מענטשנ קאָנענ ארבעטנ נאָר ווענ מע שטייט איבער זיי מיט דער בייטש. קוים גייענ זיי ארויס פונ טורמע, זיינענ זיי לאכלוטנ ניט צוגעפאסט צו קיינ ארבעט; זיי זיינענ מיט גאָרניט ניט צופרידנ. בעיס שמועסנ מיט ארעסטירטע האָב איכ געפרווט קלאָר מאכנ די סיבע, פארוואָס דידאָזיקע מענטשנ, וואָס ווייזנ ארויס בא דער ארבעט אינ טורמע גרויסנ פלייס און געוויסנהאפטיקייט, פארלירנ דעם באָדנ אונטער די פיס נאָכ דעם, ווי זיי פארלאָזנ די טורמע, און פאקנ זיכ אינ א קורצ שטיקל צייט ארומ ווידער אינ קאטאָרגע־טורמע. די באקומענע ענטפערנ, מיינ אייגענע דערפארונג און יענע איבערלעבונגענ, וואָס וועגנ זיי האָט מענ מיר דערציילט, האָבנ מיכ פעסט איבערצייגט, אז דאָס זיצנ אינ טורמע איזאָלירט פונ אייגענע און די מיליטערישע מו־

שטערונג, וואָס איר עקזיסטענצ לייקנט מענ אָפּ, אָבער וואָס פּאַקטיש עקזיסטירט זי,—אָט דאָס אַלצ טויט אָפּ בא די מענטשנ די זעלבסט־שטענדיקייט, אונ די איניציאַטיוו, וואָס זיינענ אומבאַדינגט נייטיק פאַר זיי אָפּ דער פריי, אונ מאַכט פונ זיי טויגעניכטסנ.

דער האַרבער טאָג־סיידער, דער אומופּהערלעכער אופּזיכט, וואָס לאָזט ניט צורו די אַרעסטירטע אַפילע בעייסנ שלאָפנ אונ בעשאַסנ באַפרידיקנ די נאַטור־באַדערפענישנ, דאָס טאָגטעגלעכע „דו דאַרפסט" אָדער „דו האָסט ניט דאָס רעכט",—דאָס אַלצ רויבט אָפּ באַם אַרעסטירטנ די זיכערקייט אינ זיך גופע, רופט אַרויס בא אים ספּייקעס אינ זיינע אייגענע קויכעס, וואָס פונ זיי קאָנ ער זיך שוינ ניט באַפרייענ אונ וואָס שטערנ אים שטאַרק אינ זיינ קינפטיק לעבנ. דערצו טרייבט נאָך אויך דאָס, וואָס, באַפרייט זיך פונ טורמע, ווילנ קימאַט אַלע מיטאַמאָל דעריאָגנ דאָס אָנגעוווירענע אינ פאַרלויפ פונ די היפּשע יאָרנ אָפּקומע־ניש אינ טורמע. צוליב דעם איז נייטיק צייט אונ געלט, אָבער זיי האַלטנ, אַז מע קאָנ זיך דאָס דערשלאָגנ דורך א „ניי שטיקל אַרבעט".

ווי אינ אַנדערע טורמעס, קאָנ מענ אויך די אופּזעערס פונ דער גרויס־סרטעליצער אונ זאָנענבורגער טורמעט איינטיילנ אינ דריי גרופּעס: צוויי פונ זיי פירנ צווישנ זיך אַנ אומופּהערלעכנ קאַמפּ. צו דער ערשטער גרופּע געהערנ יענע אַלע, וואָס האַלטנ פאַר א גרויסנ כעסאָרנ דאָס הומאַנישע באַהאַנדלענ די אַרעסטירטע; זיי סאַבאָטירנ אַלע לעהאָטעס, וואָס ווערנ געגעבנ, אונ פאַרוואַנדלענ זיי אינ אויסגעבלאָזענע ווערטער. די צווייטע גרופּע שטעלנ פאָר יענע אָנגעשטעלטע, וואָס זיי איז אַלצייִנס; זיי פילנ אויס מעכאַניש אונ טאַמעוואַטע זייערע פליכטנ. כאָטש זיי פיינקנ ניט באַוווסטזיניק די אַרעסטירטע, אָבער קיינמאָל וועלנ זיי קיינעם קיינ גוט וואָרט ניט זאָגנ אונ אַפילע ניט ענטפערנ ווענ אַנ אַרעסטירטער גריסט זיך צו זיי. צו דער דריטער קאַטעגאָריע נעהערנ יענע אָנגעשטעלטע, וואָס ווענדנ אָנ אַלע קויכעס, אפּוויפל דאָס איז מעגלעך אינ די ראַמענ פונ די עקזיסטירנדיקע טורמע־קלאָלים, קעדיי צו פאַרגרינגערנ פאַר די אַרעסטירטע דאָס לעבנ אינ דער צייט פונ זייער פיליאָריקער אָפּקומעניש. זיי האָבנ פאַרשטאַנענ, אַז אָפּ די אַרע־

סטירטע קאָנ מענ האָבנ א גוטע אונ א געזונטע ווירקונג נאָר דאַנ, ווענ מע וויזט ארויס א מענטשלעכע באציונג צו זיי, ווענ מע פאַר־שטייט זייער הארצ אונ מע פילט זיי מיט.

אינ זאָנענבורג איז געווענ א מאנ אכט־צענ אָנגעשטעלטע, וועלכע מע האָט געקאָנט צורעכענענ צו דער דריטער גרופּע; צו זיי האָט געהערט אויכ דער עלטסטער וואכמײסטער שניידאָו. די אופזעערס קלוג, הענטשקע, קוויטשקע אונ אנדערע, וואָס האָבנ געהערט צו דערדאָזיקער קאטעגאָריע, האָבנ אָבער ניט געקאָנט זיכ באגיינ מיט יענע פונ די ארעסטירטע, וואָס זיינענ פונ דער נאטור געווענ אקשאָנימ אונ היציקע. זיי האָבנ זיי נאָכ מער אופגערעגט מיט זייער גראָבנ ארט באגיינ זיכ מיט זיי. ס'איז אָבער גאנצ גענוג געווענ, אז שניידאָו זאָל זיכ אָנרופנ מיט א וואָרט, פלעגט דער ארעסטירטער גלייכ זיכ בארויקנ. אימ איז קיינמאָל אפילע אפנ זינענ ניט געקומענ אָפּצורויבנ בא די ארעסטירטע יענע לעהאָטעס, וועלכע עס האָט זיי דערלויבט דער סטאטוט. פאַר זיינ מענטשלעכער באציונג צו יעדער ארעסטירטנ האָבנ אימ די אופזעערס קלוג, הענטשקע, קוויטשקע אונ אנדערע שטארק פיינט געקראָגנ, זיי פלעגנ אימ פאַרשאפנ קאָלערליי אומאנגענעמלעכקייטנ אונ האָבנ אימ פאַרומערט דאָס לעבנ.

דער אופזעער הענטשקע האָט מיכ געצווּנגענ אויסצוהערנ א לאנגע טיראדע וועגנ דעמ, ווי גוט ס'איז געווענ באמ פריערדיקנ שעפ. ער פלעגט דאנ האלטנ אופזיכט איבער ארעסטירטע אונ אויכ איבער דער וועשעריי. ער האָט שטענדיק געהאלטנ בא זיכ א גראָב דרענגל אונ פלעגט דערמיט אָפּט מעכאבעד זיינ די ארעסטירטע. דאָס האָט אָנ ספּק געהאט אפ זיי א גרויסע פּעולע. ס'איז א פאַרגעניגנ געווענ צו קוקנ, ווי זיי זיינענ געשטאנענ רייענווייס, אויסגעצויגנ ווי סטרונעס, אונ האָבנ געארבעט, ניט אויסרײדנדיק א וואָרט.

איינמאָל, בעיס ער האָט מיט זיינ דרענגל „אריינגעגעבנ סייכל" איינעמ פונ די ווידערשפעניקע ארעסטירטע, איז פאַרשמירט געוואָרנ מיט בלוט זיינ שניי־ווייסער זומערדיקער מונדיר. זיינענ אנדערע ארע־סטירטע געשטאנענ שפּעט, האָבנ געוואשנ אונ געפּרעסט זיינ אָנצוג.

אלצ איז געגאנגענ, ווי געשמירט מיט בוימל, אונ אלצ איז געווענ בלויז א דאנק דעמ געבענטשטנ דרעגגל.

בעיס מיינע פיינ־שפאצירנ אינ זאָנענבורג האָב איכ ניט איינמאָל געהאט די מעגלעכקייט צו זענ, ווי קלוג, קוויטשקע, הענטשקע אונ אנדערע אָנגעשטעלטע האָבנ בעריעש פראָוואָצירט אָנגעשטעלטע, קעדיי צו באקומענ א געלעגנהייט אפ צו דערלאנגענ אפ זיי א מעסירע.

דידאָזיקע אופזעערס האָבנ זיכ אזוי איזדיעקעוועט איבער די ארעסטירטע, אז עס פלעגט דראָענ מיט ענ ערנסטנ אופשטאנד. נאָר שניידאַוס אריינמישנ זיכ אונ זיינ רויקע אופווירקונג אפ די אופגערעגטע ארעסטירטע איז אינ אסאכ פאלנ בייגעשטאנענ אפ אויסצומיידנ די שוידערלעכע געשעענישנ.

איינעמ אנ ארעסטירטנ — גערופנ האָט מענ אימ וועגנער — פלעגט שטארק אופברענגענ יעטווידער בייזער קוק פונ קלוגנ אונ קוויטשקענ. ער פלעגט אלעמאָל אינ אזעלכע פאלנ צעברעכנ אלצ וואָס ער האָט געפאקט אינ האנט, קוימ אָבער האָט זיכ באוויזנ שניידאַו, פלעגט ער זיכ גלייכ ענדערנ; ס׳איז גענוג געווענ בלויז איינ פריינטלעכ וואָרט פונ שניידאַו, פלעגט בא וועגנערנ אָפגיינ דער קאעס, אונ ער האָט זיכ רויק געשטעלט צו דער ארבעט.

איינמאָל בעיס א שפאציר אינ הויפ האָט מענ מיר מיטגעטיילט, אז קלוג האָט ווידער אריינגעבראכט וועגנערנ אינ גרויסנ קאעס, אונ יענער איז שוינ גרייט עפעס צו מאזיקנ. אינגיכנ האָב איכ דערזענ וועגנערנ טראָגנ א גרויסנ קאָרב; ער האָט זיכ געלאָזט אינ הויפ צו יענער געבייַדע, וווּ עס זיינענ געווענ די קאמערעס פונ די ארעסטירטע; צוגעגאנגענ, האָט ער אראָפגעלאָזט דעמ שווערנ קאָרב, א ווײַלע באטראכט די לאנגע ריי פענצטער מיט די צווייענדיקע ראמענ אונ גענומענ זעצנ מיט שווערע שטיקער קוילנ פונעמ קאָרב גלייכ אינ די שויבנ. קלוג אונ די איבעריקע אופזעערס האָבנ ניט געוואגט צו דערנעענטערנ זיכ צו וועגנערנ אונ האָבנ פונווייטנ צוגעקוקט דידאָזיקע באָמבארדירונג. ניט אויסריידנדיק א וואָרט, האָט ער געצילעוועט די קוילנ־שטיינער איינעמ נאָכ אנדערנ אונ האָט מיט

צוואנציק זעצ צעקלאפט קימאט אלע שויבן פונעם פאסאד. ערשט נאָכן דריי און צוואנציקסטן זעצ האָט ער אָנגעהויבן ווילד צו זידלען: „הינט! אויסוואָרפן! באנדיטן! הענקער!". שטארק צעהיצט פון זידלעריי האָט ער אפילע ניט באמערקט, אז ער טרעפט שוין ניט אין ציל; דאן זיינען אָנגעפאלן אפ אים די אָנגעשטעלטע; געפאקט אים, האָבן זיי אים גלייך ארייגעזעצט אין קארצער. אפן צווייטן טאָג, בעיס איינער אן אָנגעשטעלטער האָט זיך גענומען אים שרעקן, אז מע גרייט אפ אים א נייע באשטראָפונג, האָט ער איבערגעקערט אים אפן קאָפ די פולע פאראשע.

די בעסטע איליוסטראציע צו דעם, וואָס פאר א מיטלען פון קאמפ עס ווענדן אָן די ארעסטירטע, קעדיי צו דערשלאָגן זיך דאָס אויספילן זייערע א פאָדערונג, זיינען די איייניקע פאלן, וואָס איך בין בא זיי בייגעווען.

איינאָוונט, בעיס מע פארשליסט די קאמערעס און די ארעסטירטע לייגן אוועק הינטער דער טיר זייער האלבאָשע און די לעפל, האָט איינער אן ארעסטירטער געבעטן באם אופזעער א פאפיראָס. יענער האָט, נאטירלעך, ניט געהאט דאָס רעכט צו באפרידיקן דעם ארעסטירטנס באקאָשע, דערפאר ווייל דער טורמע־סטאטוט האָט דאָס פארבאָטן. דאן האָט דער ארעסטירטער געמאָלדן, אז אויב דער אופזעער וועט אים ניט געבן קיין פאפיראָס, וועט ער ניט אוועקלייגן דעם לעפל. דער אופזעער האָט אים געפרווט איינריידן, ער זאָל אָפגעבן דעם לעפל, ווייל דאָס פאָדערט דער סטאטוט און אז קיין פאפיראָס האָט ער ניט דאָס רעכט אים צו געבן.

דעמאָלט האָט דער ארעסטירטער פאר די אויגן פונעם אופזעער אין איין אויגנבליק צעבראָכן דעם לעפל און איינגעשלינגען די צע־בראָכענע שטיקלעך.

א צווייטער ארעסטירטער האָט ארייגעשטעקט אין האשטאָנע־קאנאל א פארזשאווערטן טשוואָק, האָט אים איינגעצויגן מיט א שטריקל און געהאלטן אזוי עטלעכע טעג. אין רעזולטאט דערפון איז זיין געשלעכט־אָרגאן שטארק געשוואָלן געוואָרן, און מע האָט אים געמוזט אָפערירן.

א דריטער אַרעסטירטער האָט זיך אַריינגעשטאָכן א נאָדל אין דער הויט און האָט ארונטערגעבלאָזן אונטער איר לופט מיט גלעזערנע טרייבלעך, וועלכע ער האָט צוגעגאַנוועט אין שפּיטאָל. איינער האָט אַריינגעשפּריצט אונטער דער הויט נאַפט. ער האָט געליטן געפערלעכע ווייטיקן און איז שטאַרק געשוואָלן געוואָרן.

עס זיינען אויך געווען אַזעלכע אַרעסטירטע, וואָס האָבן אַזוי לאַנג זיך אָנגעריבן די אויגן מיט א כעמישן בלייער, ביז זיי האָבן באַקומען א שטאַרקע אויגן־אָנטצינדונג. מערסטנטייל פלעגט מען דאָס טאָן, קעדיי אויסצומיידן דאָס זיצן אין איינצל־קאַמערעס אָדער צוליב דערשלאָגן זיך דאָס אַריבערפירן אין שפּיטאָל, פונוואַנען ס'איז געווען לייכטער צו אַנטלויפן.

אין די טורמע־שולן סיי פון גרויס־סטרעליץ, סיי פון זאָנענבורג האָט מען אויפגעשטעלט ראַדיאָ־אויפנעמער, די אַרעסטירטע פון צווייטן און דריטן ראַנג פלעגט מען פירן אַלע צוזאַמען איין מאָל אין וואָך אין דעם לאָקאַל פון דער שול, ווו מע האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו הערן ראַדיאָ א צוויי — דריי שאָ. איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר פלעגט מען איינאָרדענען פאַר זיי קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון פרעמדע אַרטיסטן, וואָס מע פלעגט געוויינלעך איינלאַדן פון בערלין.

אין אָנהייב 1927 יאָר האָב איך צום ערשטן מאָל פאַר די זעקס יאָר זיצן אין טורמע געהערט אין גרויס־סטרעליץ א גוטן קאָנצערט און דעקלאַמאַציע. דער דאָזיקער קאָנצערט האָט געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק אויף מיר און אויף אַלע אַרעסטירטע, נאָר, צום באַדויערן, איז דאָס געווען פאַר די צוויי יאָר פון מיין זיין אין גרויס־סטרעליץ די איינציקע פאַרוויילונג. אין גרויס־סטרעליץ איז געווען אן אייגענער אָרקעסטער, אין וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען בלויז אַרעסטירטע; דיריגענט איז אויך געווען אן אַרעסטירטער. אָבער דער דאָזיקער אָרקעסטער איז געווען אויף צאָרעס, און די קאָנצערטן, וואָס פלעגן פאָרקומען אינעם טורמע־קאָרידאָר אין די זונטיקן און מיטוואָכן האָבן פאַשעט געווירקט אויף די נערוון. ס'איז גרינג זיך פאָרצושטעלן די איבערלעבונגען פון אַרעסטירטע, וואָס זיצן גאַנצע כאָדאָשים אין קאַר־

צער אפ טרוקן ברויט און וואסער, ווען זיי דערהערן פלוצים א לעבעדיקן מארש אָדער א טרייסלעכן וואלס.

אזעלכע פארוויילונגען, ווי ראדיאָ, קאָנצערטן, פאָרטראגן, וואָס מע האָט די לעצטע עטלעכע יאָר איינגעפירט אין טורמע, ווי מיטלען אפ צו פארלייכטערן דעם רעזשים, האָבן קיין שום ענדערונגען ניט אריינגעטראָגן אין דער לאגע פון די ארעסטירטע; אָפגעקומען די שטראָף, גייען ארויס די ארעסטירטע אפ דער פריי לאכלוטן ניט צוגע־פאסטע צום רעאלן לעבן, דערפאר וויל לויטן עצעם־טאָכ איז די גאנצע טורמע־סיסטעם א פאלשע. מענטשן, וואָס מע איזאָלירט אין איינצל־קאמערעס, וועלן קיינמאָל אין דער וועלט זיך ניט אויסבעסערן.

די קענערס פונעם טורמע־רעזשים באשטעטיקן, אז די קאטאָרגע־טורמעס און די ארעסט־הייזער זיינען די פולקאָמסטע הויכשולן אפ צוגרייטן פארברעכערס; דאָס איז געוויס ריכטיק.

אונדזער געזעלשאפטלעכקייט איז זיכער, אז אדאנק די קאָנצערטן און ראדיאָ־איבערגעבונגען ווערט גרינגער דאָס לעבן פון די ארע־סטירטע. אָבער גראָד אָט די דאָזיקע פארוויילונגען שטויסן די ארעסטירטע, זיי זאָל נאָך טיפער דערפילן זייער שווערע לאגע און זיי קאָנען ניט באהערשן זייער גרויסע בענקעניש נאָך דער פרייהייט.

דער שעף פון דער טורמע־פארוואלטונג פון בערלין־בראנדענבורג האָט זיך דערוווסט, אז אין דער זאָנענבורגער קאטאָרגע־טורמע זיינען פאראן פיל אָפווייכונגען פון די טורמע־טאקאָנעס. האָט ער באשטימט אלס שעף פון זאָנענבורגער טורמע א יונגן אסעסער, וואָס האָט באדארפט אויספאָרשן די לאגע און באזייטיקן דעם ווילקיר און דאָס אכזאָריעסדיקע באגיין זיך מיט די ארעסטירטע.

צוטרעטנדיק צו דער ארבעט, האָט דער נייער שעף צונויפגערופן אלע אָנגעשטעלטע, אינספעקטאָרן און אופזעערס און געהאלטן פאר זיי א קליינינקע רעדע, אין וועלכער ער האָט געפרווט צו דערקלערן זיי זייערע פליכטן; ער האָט געמאָלדן, אז אסאך לייכטער איז אויסצו־בעסערן די ארעסטירטע, ווען מע באגייט זיך מיט זיי מענטשלעך, איידער דעמאָלט, ווען מע ווענדעט אָן צו זיי אכזאָריעס און מיליטער־

רישע מושטרירונג. אויב די אלטע אָנגעשטעלטע קאָנענ ניט שאָלעמ מאכנ מיט א מער הומאנישנ טורמע־רעזשימ, דארפ בא זיי סטייענ מוט אונ אָרנטלעכקייט צו מאכנ די געהעריקע אויספירנ. אינ דעמ פאל זאָלנ זיי בעסער פארלאָזנ זייערע פּאָסטנס אינ טורמע, איידער זיי זאָלנ הינטער דעמ שעפס אויגנ אָנווענדנ צו די ארעסטירטע די פריעריקע מעטאָדנ. דידאָזיקע רעדע האָט האָט אופגעשטעלט קעגנ שעפ די מערהייט אלטע אָנגעשטעלטע, אונ זיי האָבנ סאבאָטירט זיינע באפעלנ.

דער נייער שעפ פלעגט שטרענג נאָכקוקנ נאָכ די אָנגעשטעלטע. דער אינספּעקטער אקסטהעלמ, דער פארדינסטפולער מיטארבעטער פונ דער אינספּעקציע, האָט מיט זיינע אומגעזעצלעכע טאטנ אונ אָפּווייגעגנ פונ די טורמע־טאקאָנעס פארשאפט פיל ליידנ די ארעסטירטע. בא איינעמ א פּאָליטארעסטירטנ האָט ער פארהאלטנ צענדליקער בריוו.

דערדאָזיקער ארעסטירטער האָט מיר ארייגערוקט אזא צעטעלע:

„געוויס זעט אויס ווילד בא דיר אינ די אויגנ, וואָס איכ דולדע דאָס אלצ. איכ בינ קלאל ניט פונ יענע, וואָס לאָזנ אזוי זיכ איזדיעקעווענ איבער זיכ, נאָר וואָס קאָנ איכ טאָנ, אז מע פארהאלט אלע מיינע בריוו, אפילע די רעקאָמענדירטע. אָנ א שטיצע פונ דער פריי קאָנ מענ זיכ גאָרניט ניט דערשלאָגנ. אויב איכ וועל צופיל באומרויקנ די אָרטיקע אדמינגיסטראציע, וועט מענ מיכ אָפּשיקנ אינ דעמ פסיכיאטרישנ שפּיטאָל, אונ דאָרט וועל איכ האָבנ א קורצנ סאָפּ. צופיל קלעפּ האָב איכ באקומענ דידאָזיקע יאָרנ, אז איכ זאָל שווייגנ. אונ איכ וויל ארויס פונ טורמע א געזונטער, קעדיי איכ זאָל זיכ אָפּנויקעמענ אינ די פייניקער פונעמ פראָלעטאריאט".

א צווייטנ פּאָליטארעסטירטנ האָט מענ איבערגעגעבנ א בריוו פונ זיינ פארטייזיקער בראָ, וואָס איז געווענ דאטירט דעמ 30 סענטיאבער אונ פארעגיסטרירט אינ דער טורמע־קאנצעליאריע דעמ 2 אָקטיאבער,— ערשט דעמ 6 דעקאבער, דאָס הייסט, מיט א פארשפּעטיקונג בא צוויי מיט א האלבנ כוידעש. אפ דריטהאלבנ כאדאָשימ האָט דער אינספּעקטער אקסטהעלמ פארהאלטנ אנ אויסערסט וויכטיקנ בריוו צו אנ ארעסטירטנ.

אַזוי איז אויך געווען מיט אַנדערע אַרעסטירטע. זיינען מיר געקר־מען צום טורמע־שפּיטאָל און האָבן געפאָדערט, ער זאָל דורכמאַכן אַ שטרענגע אויספאָרשונג. גענומען אָפּ זיך גופא דידאָזיקע אויספאָרשונג, האָט דער שעף געפונען באַם אינספּעקטער אין די שאַפעס און שיפלאָדן גאַנצע בערג בריוו, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט דאָרט צו עטלעכע כאַדאָשים, דערפאַר ווייל דער אינספּעקטער פלעגט זיי ניט אָפּשיקן צוריק צו די אייגענע. דער אינספּעקטער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַרענטפערן זיך. צום באַדויערן, האָט מען אים ניט באַזייטיקט אינגאַנצן; ער איז געבליבן אין דערזעלביקער טורמע אַלס פאַרוואַלטער פון אַרכיוו, ווו מע פלעגט האַלטן די איניאָנים פון די אַרעסטירטע. אָפּ אַזאַ אויפן האָט ער באַקומען אַ מעגלעכקייט אָנטאָן צאָרעס די אַרעסטירטע נאָך מער, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט געאַרבעט אין קאַנצעליאַריע. איך האָב פערזענלעך געמאָלדן וועגן דעם שעף פון דער טורמע־פאַרוואַלטונג, און יענער האָט געגעבן אַ פאַראָרדענונג צו באַזייטיקן דעמדאָזיקן אינספּעקטער פון דער טורמע.

דער קאַנאַטשיי קסאַנקע פלעגט פאַשעט זעצן מיט די פיס יעדן אַרעסטירטן, וואָס פלעגט ניט אויספילן גלייך אָפן אָרט זיינע אַ פאָדערונג; ער איז געווען דער טאָנגעבער צווישן די אָנגעשטעלטע אין הינזיכט פון סאַבאָטירן דאָס הומאַנישע באַהאַנדלען די אַרעסטירטע. קסאַנקע צוזאַמען מיט קלוגן און הענטשקען, וואָס זיינען געווען ניט וויניקער אַכזאָריעסדיק ווי ער, האָבן פאַרמאַסערט פאַרן טורמע־שעף דעם עלטסטן וואַכמייסטער שניידאַו, וועלכן מע האָט באַשטימט אַלס הויפּט־סטאַראָסטע דערפאַר, וואָס ער פלעגט זיך באַגיין מענטשלעך מיט אַרעסטירטע.

זייער שוואַך האָט געהאַלטן מיט סאַניטאַריע אין דער גרויס־סטרעליצער טורמע. אַ יונגער דאָקטער פלעגט אַרומגיין איבער די קאַמערעס און אונטערזוכן יענע אַרעסטירטע, וואָס האָבן איינגעגעבן מעלדונגען וועגן קראַנקהייט. אין איין קאַמערע האָט ער צו טאָן געהאַט מיט די מערידן פון איין אַרעסטירטן, אין אַ צווייסער — מיט דער סיפיליטישער געשווילעכטס פון אַ צווייטן און אַלץ ניט אָפּוואַשנדיק נאָך דעם די הענט

פֿלעגט ער אַריין אין אַ דריטער קאַמערע און האָט דאָרט געשטופּט די הענט אין מויל צו אַ קראַנקן, באַ וועלכן דער האַלדז האָט ווײ געטאָן.

ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אָנגעקלאָגט אין יוסטיץ־מיניסטעריום, פֿלעגט ער זיך שוין וואַשן די הענט.

אין שפּיטאָל פֿלעגט מען גאַנץ אָפֿט זיך באַגיין זייער גראָב מיט אַרעסטירטע. דער שפּיטאָל־אויפֿזעער ראַדעק איז געווען אַ גרויסער אַכזער. דעם 26 אויגוסט האָט ער צעשלאָגן־צעהאַרגעט דעם אַרעסטירטן ווילי ראָמב, וואָס איז אַדאַנק זיין צוגעלאָזטקייט און גוטהאַרציקייט געווען אַ ליבלינג באַ אַלעמען. ניט האָבנדיק קיין שום גרונט דערצו, האָט דער אויפֿזעער אים געשלאָגן אַזוי לאַנג מיטן בינט שליסל, ביז ער האָט פֿאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין. ווען ראָמב איז געזונט געוואָרן, האָט ער פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס קעגן דעם אויפֿזעער. פֿאַר אַ ניי אָנגעקומענעם אַרעסטירטן, וואָס איז ניט באַקאַנט מיטן לעבן פֿון דער קאַטאָרגע, וואָלטן די פֿאָלגן פֿון דעמדאָזיקן לאָדעניש געווען לאַכלוטן אומדערוואַרט. די אַדמיניסטראַציע האָט זיך, פֿאַרשטייט זיך, געסטאַרעט באַשיצן און באַשירעמען דעם אויפֿזעער און האָט פֿון איר זייט אָנגעהאַנגען אים אַ באַשולדיקונג פֿון ווידערשטאַנד דער מאַכט. דעראָזיקער איניען האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס מע האָט באַשטראָפֿט ניט דעם אויפֿזעער ראַדעק, וואָס האָט, לויט די באַווייזונגען פֿון אייניקע איידעס, צעשלאָגן דעם אַרעסטירטן, ניט האָבנדיק קיין שום סיבה דערצו, נאָר דעם צעשלאָגן־צעהאַרגעטן אַרעסטירטן ראָמבן, וועמען מע האָט געגעבן גאַנצע צוויי כאַדאָשים קאַרצער. צום אויפֿזעערס פֿאַלשער שוועע האָט מען זיך באַצויגן מיט צוטרוי, אָבער די געוויס־איידעס פֿון די אַרעסטירטע האָט מען ניט געגלויבט, כאָטש דער געריכט האָט איינגעפֿינען פֿאַר דערוויזן דעם פֿאַקט, אַז ראַדעק האָט געשלאָגן און פֿאַרוווּנדעט ראָמבן.

אין מינסטער, ברעסלאַו, גרויס־סטרעליץ און זאָנענבורג האָב איך זיך אָנגעזען מיט צענדליקער פֿאַלן, ווען אַרעסטירטע האָבן איינגעגעבן אין געריכט אַף די אויפֿזעערס, וואָס האָבן זיי צעשלאָגן; אָבער אַלעמאָל פֿלעגט די אַדמיניסטראַציע אַרויסרוקן קעגן זיי אַ באַשולדיקונג,

אז זייהאָבן ארויסגעוויזן א ווידערשטאנד דער מאכט; די אופזעערס פלעגן, אפ אזא אויפן, קיינמאָל ניט באשטראָפט ווערן. מאכמעס דעם פלעגן פיל ארעסטירטע ניט איינגעבן קיין אָנקלאגעס.

ווען איך בין אָפגעקומען מיין קארצער־שטראָף, האָב איך זיך אומגעקערט אין מיין פריעריקער קאמערע, באמערקט. אז אין דער שכיינעסדיקער קאמערע זיצט א נייער שאָכן, האָב איך אים אָנגעקלאפט אין וואנט און א פרעג געטאָן, וואָס לויפט ער ארום אזוי אומרויק איבער דער קאמערע, צי האָט ער ניט באקומען קיין שלעכטע יעדיעס. ער האָט מיר געענטפערט, אז די טעג האָט מען אים ארויסגעלאָזט פון קארצער, ווו די אופזעערס מיטן עלטסטן וואכמייסטער טשורזידעל אין דער שפיץ, האָבן אים זייער אכזאָריעסדיק געשלאָגן; ער האָט איינגעגעבן אפ זיי אן אָנקלאגע. דערנאָך האָט ער מיך א פרעג געגעבן, צי האָב איך ניט קיין טאבאק. ליידער, האָב איך געענטפערט, אז איך האָב ניט, דערפאר ווייל איך האָב שוין עטלעכע כאדאָשים ניט געררויכערט. ער האָט זיך גלייך אָפגערופן, אז ער קאָן מיר געבן טאבאק; ער וועט ארומבינדן מיט א שטריקל דאָס פעקעלע טאבאק מיט די שוועבעלעך, וועט דאָס אלץ צופעסטיקן צום בעזים און צעהוידען דאָס פאקעטל בא דער וואנט דורכן פענצטער; איך וועל אויסשטרעקן די האנט און וועל דאָס כאפן. מיר האָבן אָפגערעדט צווישן זיך, אז ער וועט אלס צייכן מיר פריער א קלאפ טאָן אין וואנט.

גלייך נאָך דעם האָט זיך געעפנט די טיר, און עס זיינען אריינגעקומען אין קאמערע דער טורמע־שעף און דער עלטסטער וואכמייסטער טשורזידעל. דער שעף האָט געפרעגט, פארוואָס איך ארבעט ניט. איך האָב אים געענטפערט, אז טאָן אן ארבעט וואָס פארטעמפט מיר דעם מויעך און וואָס געווייגלעך פילן זי אויס קליינע מיידעלעך, פאר פיר פעניג אין טאָג, וויל איך ניט. בעיס דער שעף האָט נאָך אלץ גערעדט מיט מיר און מיר גערדראָט מיט נייע באשטראָפונגען, האָב איך דערהערט א קלאפ אין וואנט. באם פענצטער האָט זיך געוויגט הין און צוריק דאָס שטריקל מיטן פאקעטל. דער ערשטער האָט דאָס באמערקט דער שעף. „הער עלטסטער וואכמייסטער—האָט ער זיך אָנגערופן—אנו,

זעט נאָר, וואָס איז דאָרטנ״. יענער האָט זיכ אזש באלעקט פונ פרייד, וואָס אָט באלד וועט ער כאפנ א געשמאקנ ביסנ. ער האָט שטילער־הייט געעפנט די טיר, איז ארייננ אינ דער שכיינעסדיקער קאמערע אונ האָט געפאקט מיינ שאָכנ סאמע אינ יענעמ מאָמענט, בעיימ יענער האָט, שטייענדיק אפנ טיש, וואָס ער האָט צוגערוקט צומ פענצטער, געהוידעט דאָס שטריקל מיט דער מאטאָנע אונ האָט אומזיסט געווארט, איכ זאָל זי פאקנ. דער אומגליקלעכער האָט, נעבעכ, ניט געוווסט, פונוואנענ דאָס איז אימ געקומענ. דער וואכמייסטער האָט אימ א פאק געטאָנ פונ הינטנ פאר די הויזנ אונ אראָפשלעפנדיק פונ טיש, האָט ער געהאלטנ אינ איינ שלאָגנ אימ. פאר דעמ פארגעניגנ, וואָס ער האָט מיר געוואָלט געבנ, האָט מענ אימ איינגעזעצט אפ א כוידעש אינ קארצער.

אָפט נאָכנ אומקערנ זיכ פונעמ שפאציר פלעג איכ דארפנ זיכ אויסטאָנ נאקעט, אָפגעבנ מיינ גאנצע האלבאָשע אונ באקומענ א פולנ קאָמפלעקט נייע. דאָס פלעגט מענ טאָנ לויט דער פאראָרדענונג פונעמ שעפ, קעדיי ניט צו לאָזנ מיכ באהאלטנ אינ דער האלבאָשע צעטעלעכ אָדער אנדערע פארבאָטענע זאכנ.

קעדיי אויסצולייזיקנ מיינ פאראשע האָט מענ צוגעמאכט א ספעציעלע אייזערנע שיטערע זיפ. די אופזעעורס, וואָס פלעגנ אופראָמענ מיינ קאמערע, האָבנ געהאט אפ זיכ טאָגטעגלעכ דורכצומאכנ די זייער ניטאנגענעמע אונ קויטיקע ארבעט—נישטערנ אינ דער פאראשע מיינע צעטעלעכ.

„זשוליקעס״

די סיסטעמ פונ אויסלייזיקנ די פאראשעס

די אופגאבעס פונ דער „ליגע צו באשיצנ דאָס מענטשנ־רעכט״

איינמאָל נאָכ מיטאָק האָב איכ דערהערט פונ מיינ קאמערע א הויכ געשריי פונעמ אויבערשטנ שטאָק; מיר האָט זיכ געדאכט, אז מע שרייט: „זשוליקעס, זשוליקעס!״ בינ איכ ארופגעשפרונגענ אפנ טיש, האָב זיכ

אופגעשטעלט אַפ די שפּיץ־פינגער און גענומען קוקן אין פענצטער. האָב איך דערזען:

איינער אַ ארעסטירטער האָט ווירקלעך געשריען פון זיין קאַמערע מיטן גאַנצן קויעך: „זשוליקעס, זשוליקעס". איך האָב אַלץ ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער שרייט. נאָר פּלוצים האָב איך דערזען הינטער דער טורמע־וואַנט צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן מיט די סאַבליעס אָפּגעקלאַפּט פון די ביימער די צייטיקע פרוכטן. די זאַך איז געווען גאַנץ קאָמיש: אַ מענטש, וואָס איז פאַרורטיילט פאַר געניייווע פאַלט אָן מיט זידלעריי אַפ די אָרדענונג־היטער, וואָס אַפ זיי ליגט דער פליכט אָפּצוהיטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום, און רופט זיי אָן זשוליקעס. אַפ אים קוקנדיק האָבן די איבעריקע ארעסטירטע אויך אָנגעהויבן צו שרייען, און הונדערטער קולעס זיינען ניט מיד געוואָרן שרייענדיק: „זשוליקעס, זשוליקעס!" די פּאָליציאַנטן האָבן זיך דערשראָקן, און, רויט ווערנדיק, ווי צוויקעס, זיינען זיי אַנטלאָפן.

די דערנערונג אין גרויס־סטרעליץ איז געווען ניט נאָר זייער קנאַפּ, —זי איז געווען אַפ אַזויפיל שלעכט, אַז פיל ארעסטירטע האָבן אַלס פּראָטעסט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן. איינמאָל האָב איך געפונען אין עסן אַן אָפּגעבראָכן שטיקל פון אַ שוך־בערשטל, אַ צווייט מאָל—אַ שטיקל שקאַרפּעטקע. דערצו איז דאָס עסן געווען אָן געשמאַק. מע האָט ניט געקאָנט פאַנאַנדערשיידן צווישן אַרבעס און בעבלעך, צווישן בעבלעך און לינדזן, צווישן לינדזן און לאָקשן,—אַלץ האָט געהאַט דעמזעלביקן מיסט־מעשונע־טאַם. איין טאָג—באָב, אַפן אַנדערן—לינדזן, דערנאָך אַרבעס, קאַשע, דערנאָך ווידער אַ געמיש פון אַרבעס, בעבלעך און גרויפּן, און צולעצט—טרוקענע אָדער קאָנסערווירטע גרינסן און אין די זונטיק־טעג—לאָקשן אָדער אַזוי גערופענע געזאַלצענע קאַרטאָפליעס; אין די יאָנטעוו־טעג האָט מען נאָך צוגעגעבן אַ קליינע פאַרשטינקן שטיקל צעבראָקט פלייש, וואָס מע האָט דאָס אין מויל ניט געקאָנט נעמען. דאָס עסן פלעגט מען קאָכן אין אַן אַלגעמיינעם קעסל פאַר זעקס—זיבן הונדערט ארעסטירטע, אַי דאָס ניט אַפ וואַסער, נאָר אַפ דאַמפּ און עס פלעגט זיך פילן דער עקלהאַפ-

טיקער גערוכ פונעם קעסל. ווי הונגעריק מיר זיינענ ניט געווענ, פלעגנ מיר דאָכ גאנצ אָפט ניט נעמענ דאָס עסנ צום מויל. שוינ פונעם גערוכ אליינ פלעגט זיכ גלוסטנ צו מייקענענ. איכ פלעג דעריבער גאנצע כאדאָשים אונ וואָכנ לעבנ נאָר מיטנ טרוקענעם ברויט. ניט געקוקט דערופ וואָס לויטנ סטאטוט קומט צו געבנ די ארעסטירטע אום זומער וואָס מער פריש גאָרטנווארג, פלעגט מענ אונדז אינ גרויס־סטרעליצ געוויינלעכ האָדעווענ מיט טרוקענעם אָדער קאָנסערווירטנ באָב, וועלכנ מע האָט פארגרייט אינ די יאָרנ 1914—1918 אונ וואָס איז געווענ אזוי געזאלצנ, אז מע האָט אים ניט געקאָנט נעמענ אינ מויל. דאָס איז געווענ דעמאָלט, ווענ אפ די טורמע־פעלדער אונ גערטנער האָבנ די גרינסנ געפוילט.

איכ האָב אוועקגעשיקט דער יורידישער קאָמיסיע באם פרייסישנ לאנדטאג א גענויע באגרינדעטע אָנקלאגע אפ דער ביז גאָר שלעכט אוועקגעשטעלטער דערנערונג אינ טורמע. איכ האָב אָנגעוויזנ אפ איידעס, וואָס האָבנ באשטעטיקט, אז די גרינסנ. וואָס מע האָט פארזייט אינעם טורמע־גאָרטנ—בריקווע, ריב א. א. וו.—פוילנ אונ מע זאמלט זיי ניט צונויפ. אויב אנ ארעסטירטער רייסט ארויס בעגעניווע פונ גאָרטנ בעייסנ שפאציר א ריב אָדער א בוריק, זעצט מענ אים איינ דערפאר אפ צוויי וואָכנ אינ קארצער. ווענ איכ האָב זיכ אָנגעקלאָגט פארנ ווירטשאפט־פארוואלטער פונ דער טורמע, האָט ער געמאכט דערפונ א געשפעט. אז מע האָט אונדז געגעבנ סאָפקאָלטסאָפ פריש גאָרטנווארג, איז דאָס געווענ אזוי ווייניק, אז שוינ אינ א האלבער שאָ ארום פלעגנ מיר ווערנ הונגעריק. האָב איכ געמאָלדנ דעם ווירטשאפט־פארוואלטער, אז דאָס עסנ איז זייער קנאפ, אונ אז קיינער עסט זיכ ניט אָנ צו דער זעט. ער האָט מיר געענטפערט, אז אפ ווייטער וועט מענ אונדז אינ געקעכטס צוגיסנ דערפאר מער וואסער. דער טורמע־שעפ פלעגט מיר שטענדיק זאָגנ, אז נאָר איכ איינער קלאָג זיכ אפנ עסנ, די איבעריקע זיינענ זייער צופרידנ מיט דעם. פאקטיש אָבער פלעגנ טאָגטעגלעכ זיכ קלאָגנ אפנ עסנ, צענדליקער ארעסטירטע. איכ האָב אָנגעוויזנ דעם שעפ, אז אפילע דער דאָקטער, וואָס איז אָנ שום

סאָפעק ווייט ניט קיינ גוטער פרייַנט פונ די ארעסטירטע, האָט געמאכט א פאָרוואָרפ דעמ ווירטשאפט־פארוואלטער, דערפאר ווייל ער האָט פעסטגעשטעלט, אז פאר די כאדאָשימ אווגוסט—סענטיאבער האָבנ אלע ארעסטירטע פארלוירנ אינ זייער וואָג.

אינ גרויס־סטרעליצ איז געווענ איינגעשטעלט דיזעלביקע סיסטעמ פונ פאראשעס, וואָס אינ ברעסלאוו אונ מינסטער, מיט דעמ כילעק נאָר, וואָס אינ גרויס־סטרעליצ איז די זאכ פאָשעט געווענ סקאנדאליעז אוועקגעשטעלט אונ האָט פארסאמט די גאנצע טורמע. לעבנ ארייננגאנג פונ יעדנ פונ די דריי טורמע־קאָרפוסנ איז געשטאנענ א פאס פאר אומריינקייטנ. אינ דערדאָזיקער פאס פלעגט מענ דריי מאָל אינ טאָג אויסגיסנ פיר הונדערט אכציק פאראשעס. פערציק פאראשעס פונ יעדער אָפטיילונג—אונ אינ טורמע זיינענ געווענ צוועלפ אָפטיילונגענ—פלעגט מענ ארייננגיסנ אינ דער גרויסער אָפענער פאס, וואָס איז געשטאנענ אינ עק קאָרידאָר. די אָפענע פעסער פלעגנ, באזונדערס אינ די הייסע זומער־כאדאָשימ, פארשפרייטנ ארומ זיכ א שרעקלעכנ איפּעש. דידאָזיקע פאס פלעגט מענ אוועקשטעלנ אינ קאָרידאָר דריי מאָל אינ טאָג אפ א שאָ צייט, ביז מע פלעגט אויסליידיקנ אלע פאראשעס. נאָכדעמ פלעגנ צוויי אופראָמערס ראָפּשלעפּנ די פאס פונ די טרעפּ אונ איבערגיסנ אינ קלענערע פעסלעכ, וואָס זיינענ געשטאנענ באמ ארייננגאנג; דידאָזיקע פעסלעכ זיינענ געשטאנענ אזוי טעג אונ וואָכנ, דערביי פלעגנ זיי אָפּט רינענ, אונ ארומ זיי זיינענ געשטאנענ גאנצע קאָליזשעס עקסקרעמענטנ. ווענ די פעסלעכ זיינענ געווענ פול, אונ מע האָט צוליב עפּעס א סיבע ניט געקאָנט ארויספירנ צו דער צייט, פלעגנ די אופראָמערס גיסנ די קויטיקע וואסער אינ דער מיט הויפּ אפּ דעמ קליינעמ שטעטכ ניטבאארבעטנ באָדנ. בעייסנ שפּאציר זיינענ די ארעסטירטע געווענ געצווונגענ צו אָטעמענ דעמדאָזיקנ איפּעש; ניט ווייניקער האָבנ געליטנ דערפונ אויכ די אָנגעשטעלטע.

נאָכ פיל ערגער אונ מאמעש שוידערלעכ פלעגט דאָ פאָרקומענ אינ די זונטיק־פרימאָרגנס. דעמאָלט האָט מענ געמוזט גאָר געשווינד אָפּטאָנ דידאָזיקע ארבעט, קעדיי די ארעסטירטע זאָלנ קאָנענ קומענ צו דער

צייט אין קירכע. מע פלעגט קימאט אייגצייטיק ארויסגיסן די פאראשעס און ארויסטיילן די קאַפּע. דאָסזעלביקע איז אויך געווען בײַם מיטאָק־צייט אינדערוואָך. מיטאָק פלעגט מען צעטראָגן ביז האלב צוויי; נאָך איידער די ארעסטירטע האָבן באוויזן אָפּצועסן דעם מיטאָק, פלעגט מען זיי שוין צוויגען ארויסשטעלן הינטער דער טיר די פאראשעס. דאָס האָט בעפיירעש ניט געשטימט מיט די טאקאָנעס פונעם טורמע־סטאטוט, די טורמע־אָנגעשטעלטע האָבן זיך אָבער גערעכנט בלויז דער־מיט, וואָס זיי איז געווען באקוועמער. דער שעף האָט זיך דערפון לאכ־לוטן ניט ווינסנדיק געמאכט.

אין גרויס־סטרעליצער טורמע פלעג איך א שטיקל צייט זיך באגע־געגען אפן שפּאציר מיט איינעם א קרימינעלן ארעסטירטן, אווגוסט ווארנאט, וועלכן מע האָט פארורטיילט צו אכט יאָר קאטאָרגע פאר א פרווו קאַליע צו מאכן די אייזנבאן־ליניע. בעיס איך האָב זיך מיט אים באקאָנט איז ער שוין אָפּגעקומען זיבן יאָר. באגעגנדיק זיך מיט מיר טאָגטעגלעך, האָט ווארנאט דערפילט א צוטרוי צו מיר און מיר אויסדערציילט זיין גאנץ לעבן. דער מענטש האָט אָן סאָפעק ניט געזאָגט קיין ליגן,—איך האָב אים קאָנטראָלירט דורך קאַלערליי אויפאנים,— פארקערט, ער איז געווען ביז גאָר אופריכטיק.

ער איז געווען א לאנגע צייט אן ארבעטלאָזיקער, איבערלעבנדיק א צייט פון נויט, האָט ער באשלאָסן אוועקגאנווענען עטלעכע הינער בא איינעם א פויער. איז ער דורכגעגאנגען באטאָג פארביי דעם הויף וועלכן ער האָט אָנגעמערקט פאר דערדאָזיקער זאך. בעיס ער האָט ארומגעבלאָנקעט ארום הויף, האָט אים פארהאלטן א זשאנדארמישער פאטרול; מע האָט אים געפרעגט, וואָס ער זוכט, פונוואנען איז ער געקומען און וווהין לאָזט ער זיך גיין. זעלבסטפארשטענדלעך, ער האָט ניט געוואָלט אויסזאָגן, אז ער האָט אָנגעמערקט דעם הויף אָפּ צו מאכן אין אים באנאכט א גנייווע. האָט ער דעריבער אויסגעטראכט אן אויסרייד, וואָס האָט ארויסגערופן בא די זשאנדארמען א כשאד. ניט לאנג פאר דעם האָט מען אופגעדעקט ערגעצווו ניט ווייט אן אָרגאניזירטן פלאן אָפּ קאַליע צו מאכן די רעלסן און מאכן אן אָנפאל אָפּ א צוג. די

זשאַנדאַרמען האָבן געזוכט דעם שולדיקן און האָבן באַשלאָסן, אַ ווארנאַט איז פֿאַרמישט אין דעמדאָזיקן פֿאַרברעכן. מע האָט אים איינגעזעצט אין טורמע און אָן אַ שום אויספֿאָרשונג האָט מען אים באַשולדיקט אינעם צוגרייטן די קאַטאַסטראָפֿע אויף די באַן־וועגן. ער איז געווען זיכער, אַז אויפֿן געריכט וועט קלאָר ווערן זיין אומשולדיקייט און דעריבער האָט ער זיך ניט שטאַרק באַאומרויִקט.

זיין קרוין־פֿאַרטיידיקער האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען אויפֿן געריכט. ווארנאַט האָט אויפֿן געריכט זיך אָפּט ניט געפֿונען, זיך גערויטלט און אַביסל זיך פֿאַרהיקעט. די ריכטער האָבן אויפֿגענומען זיין אויפֿפֿירונג ווי די אָנערקענונג פֿון זיין שולד,—און דער אומגליקלעכער האָט ניט באַוויזן נאָך צו באַדענקען זיך, האָט מען אים שוין פֿאַרורטיילט צו אַכט יאָר קאַטאָרגע. אים האָט קיינער ניט באַדויערט—פֿאַרן קרוין־פֿאַרטיידיקער איז דידאָזיקע פֿראַגע געווען שוין אַן אויסגעשעפּטע. די ריכטער האָבן אויסגעפֿילט זייער כיוו און האָבן אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, און קיינעם האָט ניט אָנגעהויבן צו אַרן, וואָס דער אורטייל איז געווען אַ טאָעטדיקער. קיין אייגענע האָט ער ניט געהאַט. ווארנאַטן האָט מען אַראָפּגעפֿירט אין דער קאַטאָרגע־טורמע, ער האָט זיך געפֿירט גוט און האָט געאַרבעט מיט פֿלייס. אויף אים האָט זייער שלעכט נעווירקט די קאַטאָרגע. דאָס פֿיליאָריקע זיצן אין אַן איינצל־קאַמערע האָט אונטערגעריסן זיין געזונט. קיין באַקאָשע וועגן באַגנעדיקונג האָט ער ניט איינגעגעבן,—ער האָט זיך ניט געפֿילט פֿאַר שולדיק.

די פֿרוי פֿון מיין אַדוואָקאַט אַפּפֿעל האָט אים געשענקט אַ פּאָר פֿייגעלעך; ער איז אַרום זיי געגאַנגען מיט גרויס ליבע. דער גרעסטער גליק זיינער איז געווען, בעת זיי האָבן אויסגעוואַרעמט אייעלעך. איצט האָט ער שוין געהאַט אַ גאַנצע מישפּאָכעלע, און ער פֿלעגט אָפּגעבן די פֿייגעלעך די גאַנצע צאַרטקייט, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט.

דעם 6־טן מיי 1928 האָט מען ווארנאַטן באַפֿרייט פֿון דער גרויס־סטרעליצער קאַטאָרגע־טורמע, ווו דער מענטש איז אָפּגעקומען אומשולדיקערהייט גאַנצע אַכט יאָר קאַטאָרגע־אַרבעט.

אינ גרויס־סטרעליץ איז נאָכ געזעסנ איינער עריכ שטרויס, א ברודער פונעם באקאנטנ עמיל שטרויס, דער קעניג פונ די שלאָס־ברעכערס. איכ האָב עטלעכע מאָל געשמועסט מיט אים. דאָס איז געווענ אנ אופריכטיקער מענטש מיט א הארטנ ווילנ. צו אים האָבנ זיכ באצויגנ מיט אכטונג סיי די אעעסטירטע, סיי די טורמע־אָנגעשטעלטע. ער האָט געהאט ניט ווייניק צוזאמענשטויסנ מיט דער אדמיניסטראציע אונ פריער פאר אלצ מיטנ טורמע־שעפ אדאמיטש. דער שעפ האָט אסאכ מאָל איינגעזעצט שטרויסנ אינ קארצער, אונ דאָס האָט שטארק אונטערגעריסנ זיינ געזונט.

דער לאנג דערווארטער דערפאָלג אינעמ קאמפ פאר איבערקוקנ מיינ איניענ

פונ די גרויס־סטרעליצער פייניקונג־קאמערס האָב איכ ניט אופגעהערט צו פירנ אנ ענערגישנ קאמפ פאר איבערקוקנ מיינ איניענ. נאָכ אינ 1922 יאָר האָב איכ, אָנ דער שטיצע פונ אנ אדוואָקאט, איינגעגעבנ א ביטע־בריוו וועגנ איבערקוקנ מיינ איניענ אינעמ העכסטנ געריכט פאר שיצנ די רעפובליק. עמעס, מיינ ביטע האָט מענ אָפּגעוואָרפנ, זי האָט אָבער געגעבנ געוויסע רעזולטאטנ: דער העכסטער געריכט האָט פרינציפיעל אָנערקענט, אז ניט געקוקט אפנ באשולדיקנ מיכ אינ פיל פארברעכנס (אינ א מעלוכע־פאראט, אינ באגיינ אנ אטענטאט מיט אופרייטשטאָפנ, אינ ארויסווייזנ א ווידערשטאנד דער מאכט א. א. וו.), קאָנ מענ דערלאָזנ א פראָטעסט אפ די באשטימונגענ פונ דער באזונדערער באגעריכט־סעסיע, וואָס האָט זיכ סוימעכ געווענ אויסשליסלעכ אפנ באשולדיקנ מיכ אינעמ דערמאָרדנ דעמ גוטבאזיצער העס. איכ האָב קיינ ביישעק ניט געהאט צו באריבנ אוועלכנ ניט איז אנדערנ פונקט פונ אורטייל, וועלכער האָט פארנומענ גאנצע דרייסיק דרוק־זייטנ, כאָטש אינ א באדייטנדיקער מאָס האָט מענ מיכ פארורטיילט פאר אנדערע טאטנ. איכ האָב אפילע ניט געטראכט וועגנ דעמ אָנצווייזנ. איכ בינ טיפ איבערצייגט, אז יעדער פארורטיילטער רעוואָליוציאָנער איז מעכויעוו

איבערטראָגן אָן אָנקלאגעס עטלעכע יאָר טורמע. פאר מיר איז אָבער געווען וויכטיק צו דערווייזן, אַז, אָנהענגענדיק מיר א געוויינלעכן פארברעכן, האָט מען זיך געשטעלט די איינציקע אויפגאבע מיך פארשטופן אויף אייביק אין טורמע. פאר מיר איז געווען קלאָר, אַז אָן דער הילף פון א גוטן אדוואָקאט וועט מיר זיך ניט איינגעבן זיך דערשלאָגן א ניצאָכן אין מיין קאמף קעגן דעם פאלשן אורטייל, — אינעם קאמף, וואָס אין אים האָבן מיר ארויסגעוויזן אן אקטיווע שטיצע דער מאָפר, די קאָמפארטיי און טויזנטער ארבעטער. מיט מיינע פריערדיקע פארטיידיקער האָב איך זיך געמוזט צעגיין מאכמעס די טיפע אידעאָלאָגישע כעלוקעדייעס; מיט געגעווישן—צוליב א קאָנפליקט אף א פערזענלעכן באָדן. מיינע שארפע צוזאמענשטויסן מיט די פארטיידיקער און מיט אייניקע פון מיינע כאווייריִם זיינען הויפּטזאכלעך אנטשטאנען מאכמעס מיין איבערצייגונג, אַז דער קאמף פאר איבערקוקן מיין אינייען האָט א קאָלאָסאלע אגיטאציאָנעלע באדייטונג. אף אזא בוילעטן ביישפיל, ווי מיין אינייען, האָט מען געקאָנט אראָפרייסן די מאסקע פון דער יוסטיצס פאָליטישער פיזיאָנאָמיע. גלייכצייטיק האָט יענע איינגעשפארטקייט, מיט וועלכער איך האָב געפירט דעם קאמף, זיצנדיק אין קאמערע פון דער קאטאָרגע־טורמע, באדארפט דינען אלס ביישפיל פאר יענע פילצאָליקע כאווייריִם, וואָס האָבן, ווי איך, זיך געפּלאגט אין די קאטאָרגע־טורמעס און ארעסט־הייזער.

די ערשטע רעאלע הילף האָב איך באקומען פונעם כאווער ארטור דאָמבראָווסקי, וועלכער האָט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באפרייט פון דער ברעסלאווער טורמע, מיט אויסערגעוויינלעכער זאכקענטעניש און איינגעשפארטער ענערגיע אָנגעטאפּט פארשיידענע וועגן אין דערדאָזיקער ריכטונג.

אדאנק זיינע באמיונגען איז אויפגעזוכט געוואָרן אויסערגעוויינלעך ווערטפולער מאטעריאל; גלייך נאָך דעם האָבן אי די פארטיי, אי דער דער מאָפּר אָנגעהויבן צו פירן מיט א גרויסער ענערגיע דעם קאמף פאר איבערקוקן מיין אינייען.

אָבער איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געהאט קיין פאסיקן פארטיי־

דיקער. האָב איכ געבעטנ מײַנ כאַווער עגאָנ ערווינ קיש*), ער זאָל געפונענ אַנ ענערגישנ פּאַרטײדיקער, וואָס זאָל ענדלעכ אַ שטויס טאָנ די זאַכ ווענ איבערקוקנ מײַנ איניענ. קיש האָט מיר פאָרגעלייגט דעמ געשווירענעמ אַדוואָקאַט דאָקטער אפּפּעל. איכ האָב געגעבנ מײַנ האַסקאָמע, אונ לויט מײַנ פאַרלאַנג האָט דער מאַפּר אימ איבערגעגעבנ דעמ מאַנדאַט. דאָקטער אפּפּעל איז גלײַכ צוגעטראָטנ צומ אויספאָרשנ די זאַכ. ער איז אַרומגעפאָרנ די גאַנצע געגנט פונעמ מיטל־דײַטשישנ אופשטאַנד, פונ אײַנ רײַאָנ אינ צווײַטנ, האָט אַנאַליזירט יורידיש די יעדיעס וואָס כ׳ דאָמבראָווסקי האָט אַרויסבאַקומענ, האָט געקראָגנ פאָטאָגראַפּיעס פונ אַלע פּאַרזאָנענ, וואָס זײַנענ פאַרמישט געווענ אינ דעמדאָזיקנ איניענ אונ ענדלעכ האָט ער, אינ רעזולטאַט פונעמ דערלערנענ הונדערטער בענדער פּראָטאָקאָלנ פונ אַנדערע פּראָצעסנ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיטנ מיטל־דײַטשישנ אופשטאַנד אונ די אויסצוגנ, וואָס ער האָט געמאַכט פונ זיי, — האָט ער צוזאַמענגעקליבנ אויסשעפּנדיקנ מאַטעריאַל. מײַנ פרײַד האָט געשטערט בלויז אײַנ געדאַנק, אַז דידאָזיקע אַרבעט האָט מענ געקאָנט אָפּטאָנ גאָכ מיט אײניקע יאָרנ צוריק. מײַנ נײַער פאַרטײדיקער, וואָס איז געווענ אַ מיטגליד פונ אַ בורזשואַזער פּאַרטיי אונ האָט דעריבער זיכ אָנגעשטויסנ אַפ גרויסנ אומצוטרוי מיצאַד די פּאַרטיי־פירער, האָט באַטראַכט מײַנ איניענ בלויז פונ דער יורידישער זײַט. ער איז געווענ אײַנגעגאַנגענ אַפ מײַנ פאָדערונג, ער זאָל דורכפירנ די פאַרטײדיקונג אונ די פּובליציסטישע זײַט פונ זײַנ אַרבעט אַזוי, אַז עס זאָלנ לאַכלוטנ ניט באַלויכטנ ווערנ מײַנע פּאָליטישע אונ סאָציאַלע איבערצײַגונגענ. אַדאַנק זײַנע גרויסע פאַרבינדונגענ האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ אַריבערציענ אַפ מײַנ זײַט די אָנפירנדיקע צײַטונגענ פונ דײַטשלאַנד, ניט געקוקט דערופ, וואָס ביז דעמ פלעגנ זיי ניט קאַרגנ פאַר מיר קײנ זידל־ווערטער אונ האָבנ מיכ אָנגערופנ „שרעקבילד פאַר בירגער".

*) עגאָנ ערווינ קיש איז אַ קאָמוניסט, אײנער פונ די טאַלאַנטפולסטע דײַטשישע זשורנאַליסטנ, וואָס האָט אַקטיוו זיכ באַטייליקט אינ דער קאַמפּאַניע פאַר באַפרײַענ העלצנ.

ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ „נייטראַלער קאָמיטעט", צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען אַזעלכע מענטשן, ווי טאָמאַס און הענריך מאַן [1], סטעפאַן צווייג, רודאָלף ג. בינדינג [2], דאָקטער עמאַנועל לאַסקער [3], פּראָפ. אַלבערט איינשטיין [4], פאָן שיינאַך [5], פּראָפ. קאַרל גרינבערג [6] און פּראָפ. דעסאַוער [7], — קורץ, מיטגלידער פון קימאַט אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. זייערע אויפרופן און דעמאָנסטראַציעס האָבן געמאַכט אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק אַ דאַנק דעם, וואָס צווישן זיי זיינען געווען ניט נאָר נעמען פון באַוווּסטע לינקע פאָרשטייערס פון ליטעראַטור און קונסט, נאָר אויך אַזעלכע אונטערשריפטן, וואָס געוויינלעך פלעגט מען זיי קיינמאָל ניט באַגעגענען אונטער אַזוינע דאָקומענטן: דאָרט זיינען געווען אונטערשריפטן פון געשווירענע אַדוואָקאַטן, פון דער אוניווערסיטעט־פּראָפעסור פון אַלע פאַקולטעטן, פון באַנק־דירעקטאָרן און אַפילו פון סאָכרים. דער פּאַרטיידיקער האָט מיט גרויס בעריעשאַפט און טאַקט אָרגאַניזירט די פאַרשיידנאַרטיקע מאַסע אינטעלעגענץ און סאָכרים, וואָס האָבן פאַר זיך קלאָר געמאַכט דעם געדאַנק, — פאַקטיש אָבער איז דאָס געווען בלויז איינע פון די דעמאָקראַטישע אילוזיעס, — אַז אין אַ בורזשואַזער מלוכע דאַרף רעכט באַטייטן גערעכטער מישפּעט, און דעריבער האָבן זיי געהאַלטן, אַז דער ניטריכ־

---

1) טאָמאַס מאַן און הענריך מאַן זיינען די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער היינטצייטיקער דייטשישער בורזשואַזער ליטעראַטור. הענריך מאַן איז לויט זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען מער ראַדיקאַל, איידער טאָמאַס מאַן, און שטייט צו צום לינקן פליגל פון דער „בורזשואַזער דעמאָקראַטיע".

2) רודאָלף ג. בינדינג — אַ שרייבער.

3) ד"ר עמאַנועל לאַסקער — דער באַקאַנטער שאַכמאַטיסט איז אַ פאָרשטייער פון דער ראַדיקאַל־געשטימטער דייטשישער בורזשואַזיע.

4) פּראָפ. אַלבערט איינשטיין — דער באַרימטער פיזיקער פילט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג.

5) פאָן שיינאַך — אַ געוועזענער גענעראַל, אַ פּאַציפיסט.

6) פּראָפ. קאַרל גרינבערג — אַ באַקאַנטער געלערנטער, וואָס גיט אַרויס דעם „אַרכיוו איבער דער געשיכטע פונעם סאָציאַליזם און דער אַרבעטער־באַוועגונג".

7) פּראָפ. דעסאַוער — אַ דעמאָקראַט.

טיקער אורטייל איבער העס׳ מאָרד איז א שאנד פאר דער גאנצער בורזשואזיע.

גלייכצייטיק מיט זיין פובליציסטישער ארבעט האָט דאָקטער אפפעל דורכגעפירט א קאָלאָסאלע יורידישע ארבעט, וואָס פאר איר האָט ער אויך אויסגענוצט פעליקס האלעס גרויס טעאָרעטיש וויסן און די ווערטפולע דערפארונג פונעם דאָקטער קורט ראָזענפעלד, וואָס איז, ווי שטענדיק, אויך אין דעם פאל אָן שום אינטערעס פאר זיך גופא געקומען אים צו הילף. מיין פארטיידיקונג האָט ניט אופגעהערט צו ארבעטן אויך דעמאָלט, ווען חאלענזעס פראָקוראטור האָט ארויסגערוקט א באשולדיקונג קעגן פריען, אז ער גופא זאָל האָבן זיך באטייליקט אין העס׳ מאָרד, און ווען ניט נאָר די געזעלשאפטלעכע מיינונג, נאָר אפילע מיינע פריינט האָבן געהאלטן, אז ס׳איז אויסגעשלאָסן, מע זאָל איבערקוקן מיין פראָצעס. איך פון מיין זייט האָב אופמערקזאם דורכגעשטודירט דאָס ווערטפולע ווערק פונעם באוווּסטן קרימינאליסט דאָקטער מאקס אלספערג „געריכט־טאָעסן און דער איבערקוק פון געריכט־באשטימונגען” און האָב דעריבער טכ׳לעס ניט געגלויבט, אז מע זאָל איבערקוקן מיין פראָצעס. אלספערגס בוך איז געווען אינעם קליינן ביבליאָטעקל, וואָס איך האָב געהאט בא זיך אין קאמערע; אדאנק דעמדאָזיקן בוך האָב איך פארשטאנען, אז אפילע אין יענע פאלן, ווען ס׳איז פאראן לאכלוטן ניט באשטרייטבארער מאטעריאל אפ צו באפרייען פון טורמע, פארשווערן גוואלטיק דאָס איבערקוקן די געריכט־באשטימונג די פילצאָליקע יורידישע פאָרמאליטעטן.

א גרויסע ראָליע אינעם אויסקלאָרן די טאָעסדיקייט פון מיין אורטייל האָט געשפילט עריך מיזאמס בראָשור „די גערעכטיקייט אין מאקס העלצ אייגענע”, וועלכער דער מאָפר האָט ארויסגעגעבן.

ארטור האָליטשער [1]), עגאָן ערווין קיש, ארמין ט. וועגנער [2]) און

[1]) ארטור האָליטשער איז א שרייבער, וואָס איז געווען אין דער קאָמוניסטישער פארטיי; ער איז באקאנט מיט זיינע פילצאָליקע ארויסטרעטונגען קעגן די ס.־ד. און פאר פס״רר.

[2]) ארמין ט. וועגנער — א ליטעראטער, האָט אָנגעשריבן א ווערטפולן בוך וועגן פס״רר.

אנדערע מיטגלידער פונעמ אומאָפּהענגיקנ קאָמיטעט האָבנ סיי אינ צייטונג־אַרטיקלענ, סיי אפ מיטינגענ הייס אגיטירט פארנ איבערקוקנ דעמ פּראָצעס. עגאָנ ערווינ קיש האָט פארעפנטלעכט אינ עריכ רייס׳ פארלאג מיינע „בריוו פונ דער קאטאָרגע־טורמע“, וועלכע ער האָט צוזאמענגעקליבנ, אונ אינ דעמ מאָפּר־פארלאג האָט ער אָפּגעדרוקט זיינ בראָשור „א זיבניאָריקער סקאנדאל אינ דער געריכט־וועלט“.

זומער 1927 האָט מיכ באזוכט אינ דער גרויס־שטרעליצער טורמע דאָקטער אפּפעל; ער האָט מיטגעבראכט מיט זיכ דעמ מיטארבעטער פונ דער „פאָסישער צייטונג“ סלינג 1). דערדאָזיקער בורזשואזער זשורנאליסט איז געוואָרנ מיינער אנ איבערגעגעבענער כאווער; איכ האָב אימ געשעצט באזונדערס דערפאר, ווייל ער האָט הייס געקעמפט ניט נאָר פאר מיר, נאָר פאר יעדנ איינציקנ, וואָס איז ארונטערגעפאלנ אונטער די קלעפ פונ דער יוסטיצ.

סלינגס ארטיקלענ אינ דער „פאָסישער צייטונג“ האָבנ צוגעצויגנ די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט אונ שטארק מיטגעהאָלפנ, אז דער אינטערעס צו מיינ קאמפ פאר דער גערעכטיקייט זאָל פארכאפּנ אלצ ברייטערע אונ ברייטערע קרייזנ. אינגיכנ נאָכ דעמ האָט דאָקטער אפּפעל געבראַכט צו מיר דעמ יוריסט אונ זשורנאליסט רודאָלפ אָלדענ 2), וואָס האָט, ווי סלינג, געשטיצט אינ דער פּרעסע מיינ קאמפ, אונ וואָס אימ, האָב איכ, ווי סלינגנ, זיכ אויסגעלערנט צו אכטנ ווי אנ אָרנטלעכנ קלאסנ־סוינע אונ צו שעצנ ווי זייער א ווױלנ מענטשנ. ער האָט ניט מיטגעפילט דער פּארטיי אונ דער קאָמוניסטישער באוועגונג, נאָר ער האָט געפּרווט זיכ אפ אנ אייגענעמ אויפנ צו קעמפנ קעגנ געריכט־טאָעסנ אונ געריכט־אורטיילנ.

די מעלדונג וועגנ איבערקוקנ דעמ איניענ, וועלכע ס׳האָבנ געמיינזאמ

1) סלינג דער בורזשואזער זשורנאליסט איז באקאנט הויפּטזעכלעכ מיט זיינע פעליעטאָנענ אינעמ געביט פונ דייטשישנ רעכטגאנג.

2) רודאָלפ אָלדענ איז איינער פונ די רעדאקטאָרס פונ דער בורזשואזער צייטונג „בערלינער טאגעבלאט“.

צוזאמענגעשטעלט ד״ר אפּפּעל און פעליקס האלע*), האָט דער מאָפּר־פאַרלאַג אָפּגעדרוקט אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּליארן און זיי צעשיקט צו די מיטגלידער פונעם פּאַרלאמענט און צו אָנגעזעענע יוריסטן.

דעם אָריגינאַל האָט מען צוגעשטעלט אין דעם העכסטן געריכט; אין רעזולטאט האָט דער רעפּובליק־פּראָקוראָר געגעבן זיין פאַראָרדענונג דעם פּערטן דעפּאַרטאַמענט פונעם העכסטן געריכט וועגן דערלאָזן צו איבערקוקן מיין פּראָצעס.

„וואָס מאַכט איר גוטס, מיסט־הויפּנס?“

סאָף אויגוסט 1927 האָט מען מיך לויט דער הישטאַדלעס פון מיין פּאַרטייקער איבערגעפירט פון גרויס־סטרעליץ אין זאָנענבורגער קאַטאָרגע־טורמע. גרויס־סטרעליץ שטייט זייער ווייט פון בערלין, און דאָס האָט באַדייטנדיק טאָרמאָזירט די הישטאַדלעסן וועגן מיינע איניען, דערפאַר ווייל דער פּאַרטייִדיקער פלעגט פאַטערן צופיל צייט אַף די ווייטע נעסיעס. דער וועג פון בערלין קיין זאָנענבורג איז פיל באַקוועמער.

אין יענעם טאָג, ווען מע האָט מיך איבערגעפירט פון גרויס־סטרעליץ קיין זאָנענבורג האָט די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע דערמאָרדעט סאַקאָ און וואַנצעטי. פאַר די לעצטע פינף יאָר האָב איך אויסער די נאַקעטע ווענט פון דער טורמע־קאַמערע אָדער אויטאָמאַטן אין מונדירן גאָרניט ניט געזען אין די אויגן. וועגן יענעם לעבן, וואָס קומט פאָר ערגעצוווּ אויסער די טורמע־ווענט האָב איך קיין באַגריף ניט געהאַט. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, ווי גרויס ס׳האָט באַדאַרפט זיין מיין פרייד, וואָס נאָך אַזאַ לאַנגן איבערייס האָב איך ווידער דערזען פאַר זיך אַן אַנדער וועלט. דער מאָרד פון די צוויי איטאַליענער סאַקאָ און וואַנצעטי האָט מיך אָבער גוואַלטיק אויפגערעגט. איך האָב פּאָשעט ניט געקאָנט גלויבן, אַז די אַמעריקאַנער יוסטיץ זאָל וואַגן נאָך אַ זיבניאָריקער פּייניקונג איבערגעבן סאַקאָ און וואַנצעטי אין די הענט פונעם הענקער. אַ שטאַרקער אומרו האָט מיך

---

*) פעליקס האלע — אַן אַדוואָקאַט, אַ קאָמוניסט.

אָנגענומען. דאָס ראנגלען זיך אין פארלויף פון יאָרן צווישן דער קאמערע און דער עלעקטרישער שטול דאָס איז נאָך שווידערלעכער איידער א גיכער טויט אָדער מיינע אייגענע ליידן אין די זיבן יאָר קאטאָרגע־טורמע.

בעייס מע האָט מיך אריבערגעפירט קיין זאָנענבורג האָט מיך דעם גאנצן וועג, וועלכער האָט געדויערט צוויי טעג, באגלייט דער טורמע־שעף אדאמיטש, קעדיי מיך צו ברענגען אהין, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, א לעבעדיקן און א געזונטן. איך האָב דאָס אָנגענומען ווי אן ארויסטרוט פון זיין זייט. די אָנוועזנהייט פון מיין פארטיידיקער האָט מיך אָבער ניט דערלאָזט, איך זאָל דאָס לעצטע מאָל א שליידער טאָן אים אין פּאָנעם מיין פאראכטונג. ס'איז זייער כאראקטעריסטיש פאר אים דער פאקט, וואָס שפעטער מיט א טאָג איז ער געקומען צו מיר אין קאמערע און ניט געקארגט קיין ווערטער אף צו דערווייזן מיר, אז אין טאָך גענומען איז ער גאָר מיין בעסטער פריינט. אין עטלעכע וואָכן ארום זיינען אָנגעקומען צוויי אופזעערס, וואָס האָבן באגלייט א טראנספּאָרט ארעסטירטע פון גרויס־סטרעליץ אין זאָנענבורג. איך האָב מיך דערוווּסט פון זיי, אז אדאמיטש האָט, אומקערנדיק זיך פונעם באגלייטן מיך, געמאכט נאָך דעמזועלביקן אָוונט א מאָלצייט, אף אָפּצומערקן זיין פרייד אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס ער איז פון מיר פּאָטער געוואָרן.

מיין קאמערע אין זאָנענבורג איז געווען קליין ביז גאָר. איך האָב געמאָלדן, אז אין איר איז ניטאָ קיין אָרט ווו אוועקצושטעלן מיין ברענער (איך האָב נאָך אלץ געליטן פון רעוומאטיזם) און איך קאָן דאָרט ניט מאכן מיינע גימנאסטישע איבונגען. דעמאָלט האָט דער שעף געגעבן א פאראָרדענונג, מע זאָל מיך אריבערפירן אין דער שכיינעסדיקער צווייענדיקער קאמערע. אין די זונטיקן פלעגט מען מיר דערלויבן זיך צוזאמענטרעפן אין קאמערע מיט פיר אנדערע כאווייריִם, מיט וועלכע איך האָב א גאנצע וואָך געקאָנט פארברענגען צוזאמען בלויז איין שאָ בעייסן שפאציר.

כוץ מיר זיינען אין זאָנענבורגער טורמע געזעסן זיבן און צוואנציק

פּאַרטייער; עטלעכע פֿון זיי האָט מען אײנגיכן באַפֿרײַט, דערפֿאַר ווייל ס'האָט זיך געענדיקט זייער שטראָף־טערמין. אין דידאָזיקע כאַוויירים האָב איך געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן אָנגעשפּראָכן יענער פֿאָרשטע־לונג וועגן פּאַרטיי־לײַט, וואָס האָט זיך בײַ מיר אויסגעאַרבעט פֿאַר די לאַנגע יאָרן פֿון מײַן אָפּגעריסנקייט; דאָס זײַנען געווען מענטשן פֿולוווערטיקע, ניטשרעקנדיקע, מעסירעסנעפֿעשדיקע קעמפֿער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן מיט ווירדע סײַ בעת זיי זײַנען געשטאַנען פֿאַר זייערע קלאַסן־ריכטער, סײַ אין מעשעך פֿון זייער פּיליאָריק פֿלאָגן זיך אין טורמע. בעת אונדזערע צוזאַמענטרעפֿונגען און אויף די זונטיק־באַגעגע־נישן אין מײַן קאַמערע האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען, וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע ווירקונג ס'האָט געהאַט אויף מײַן באַציִונג צו מענטשן די פּיליאָריקע איזאָליאַציע אין אַן איינצל־קאַמערע; איך בין געוואָרן שטאַרק אָפּגעריסן פֿון מענטשן, און פֿאַר מיר איז גוואַלטיק שווער גע־ווען דאָס כאַווערן זיך מיט זיי. אין גרויס־סטרעליץ איז געווען איי־נער אַן אָנגעשטעלטער אַ זאָקן. די אַרעסטירטע האָבן אים זייער ליב געהאַט, דערפֿאַר ווייל ער פֿלעגט אויספֿילן זײַנע פֿליכטן אַסאַך מענטש־לעכער, איידער ס'איז אים בכלל געווען דערלויבט. ער איז געווען אַ גרויסער אָריגינאַל, ער פֿלעגט זיך גריסן מיט די אַרעסטירטע מיט אַ גראָבן צונאָמען: „מיסט־הויפֿנס“ — האָט ער זיי גערופֿן. אַזוי פֿלעגט ער אויך רופֿן די אָנגעשטעלטע. ער האָט געוווּסט, אַז אַ טייל אַרעסטירטע זײַנען צוגעוווינט געוואָרן צו זײַן מאַניר און זיי פֿלעגן זיך אויף אים ניט באַליידיקן.

מאַכמעס זײַן צו לאַנגער פֿאַמיליע, אויף וועלכער מ'האָט געקאָנט די ציין צעברעכן, האָט מען אים גערופֿן מיט דער צײַט צוגעטשעפּעט דעם נאָמען: „מיסט־הויפֿן“.

דערדאָזיקער אויסדרוק איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן אין טורמע, אַז אין מעשעך פֿון טאָג האָט מען אים געקאָנט הערן ניט ווייניקער פֿון אַ מאָל צוואַנציק. די אַרעסטירטע האָט פֿאַרכאַפּט אַ מין פּסיכאָז אָנצור־רופֿן אַלץ און אַלעמען „מיסט־הויפֿנס“, און מיר גופֿע האָבן דאָס גע־קאָנט דערקלערן און פֿאַרענטפֿערן בלויז דערמיט, וואָס דאָסדאָזיקע

שטארקע וואָרט האָט געהאט אינ זיכ עפּעס אזוינס, וואָס האָט אונדז אלעמענ געצערטלט.

אינ זאָנענבורג איז מענ זיכ באַגאַנגענ מיט די ארעסטירטע אינ א סאכ הינזיכטנ אסאכ מענטשלעכער, איידער אינ גרויס־סטרעליצ.

דער געהיימער ראטגעבער פּינקעלבורג—דער שעפ פונ דער טורמע־פארוואלטונג פונ בערלינ—בראנדענבורג, וואָס אינ זיינ רעשוס געפינט זיכ זאָנענבורגער טורמע,—איז באַקאנט אלס רעפאָרמאטער פונעמ טורמע־סטאטוס, אדאנק פּינקעלבורגס באַמיונגענ, אינ וועלכע ס'האָט אימ געשטיצט זיינ אייצעגעבער לענקע, האָט זיכ איינגעגעבנ אויסצוראָטנ אינ אייניקע טורמעס דאָס איזדיעקעווענ זיכ איבער די ארעסטירטע אונ דאָס שלאָגנ זיי. אינ גרונט איז די באַשטראָפונג־סיסטעמ פארבליבנ, פארשטייט זיכ, דיזעלביקע, וואָס פריער. זי קאָנ מענ באַזייטיקנ אינגאנצנ בלויז בעייסנ פארניכטנ די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג. קימאט די איינציקע שטיצע, וואָס האָט מיכ אונטערגעהאלטנ אינ דער אינטעלעקטועלער אונ פיזישער הינזיכטנ אינ פארלויפ פונ מיינ פּיליאָריקער קאטאָרגע זיינענ געווענ די איבונגענ אונ גימנאסטיק. אינ אייניקע טורמעס זיינענ גימנאסטישע איבונגענ אָבליגאטעריש פאר די ארעסטירטע אינ עלטער פונ צוואנציק ביז פינפ אונ צוואנציק יאָר. איינ מאָל אינ וואָכ, אונ אמאָל אויכ צוויי מאָל, מוזנ זיי זיכ אָפּגעבנ א האלבע שאָ אָדער א שאָ מיט פיזקולטור אונ מיט אנדערע איבונגענ, וואָס ווערנ דורכגעפירט אונטערנ אויפזיכט פונ וועכטער אונ אויפזעערס. אינ זאָנענבורגער קאטאָרגע־טורמע פלעגט מענ שטרענג נאָכקוקנ נאָכ דעמ, אז די ארעסטירטע זאָלנ זיכ פארנעמענ מיט פיזקולטור. דער עלטסטער וואכמייסטער (ווילע) האָט ארויסגעוויזנ צו איר א באַזונדערנ אינטערעס אונ אָנגעפירט מיטנ ספּאָרט. אָבער אויכ דאָ האָט זיכ געלאָזט פילנ די ווירקונג פונ די עלטערע אונ מער רעאקציאָנערע אויפזעערס, ווי קלוג, הענטשקע אונ קוויטשקע, וואָס האָבנ זיכ געשראָקנ, אז די פיזקולטור וועט ברעכנ די „טורמע־דיסציפּלינ", אונ אז די לימודימ פונ פיזקולטור וועלנ געבנ א מעגלעכקייט די ארעסטירטע צו בלייבנ אינ הויפ אנ איבעריקע האלבע שאָ. מע האָט געגעבנ א פאראָרדענונג אלע ארעסטיר־

מע צו מאַכן גימנאַסטיק אינדערפרי אָדער אינאָוונט באַ זיך אין די קאַמערעס. גאַנץ אָפט אָבער האָט מען זיך אָפּגעזאָגט פון גימנאַסטיק אין די קאַמערעס, דערפאַר ווייל עס פאָדערט זיך אַן אייזערנע ענערגיע, אַז מע זאָל טאָג־איין, טאָג־אויס אין מעשעך פון יאָרן זיך פאַרנעמען מיט גימנאַסטיק אָדער מיט אַנטוויקלען דעם אָטעם אין אַ פּיצינקער קאַמערע, וואָס איז ווייניק אויסגעלופטערט, און וואָס איז דורכגעזאַפּט מיטן ה[illegible] דער פּאַראַשע. אין אַלע טורמעס, ווו איך בין נאָר געווען, פלעג איך זיך סטאַרען איינגעבן כיישעק די אַרעסטירטע צו מאַכן פיזישע איבונגען און זיי דערקלערן די באַדייטונג פון פיזקולטור פאַרן געזונט. אייניקע פון זיי פלעגן זיך טכילעס נעמען מיט היץ פאַר דער פיזקולטור, גאָר פלעגן אינגיכן אוועקוואַרפן די איבונגען, דערפאַר ווייל די שלעכטע לופט, וואָס אין די קאַמערעס, פלעגט ווירקלעך אָפּשוואַכן די קויכעס און פאַראַליזירן דעם ווילן.

מיך פערזענלעך האָט אָפּגעראַטעוועט פון אומקום, אויסער די ביכער בלויז די רעגולירע און סיסטעמאַטישע גימנאַסטיק. אין פאַרלויף פון די דריי צענדליק יאָר פון מיין לעבן ביז איך בין אַריין אין טורמע האָב איך, צום באַדויערן, קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּגעבן מיט גימנאַסטיק; ס'האָט מיך צו איר ניט געצויגן. ערשט אין טורמע—אַי דאָס נאָכדעם ווען פּראָפעסער טעבען איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו מיר—האָב איך פאַרשטאַנען די קאָלאָסאַלע באַדייטונג און די ווירקונג פון די פיזישע איבונגען ניט נאָר אויפן גוף, נאָר אויך אויפן פסיכישן צושטאַנד. איך האָב זיך גענומען פאַר זיי מיט דער זעלביקער ערנסטקייט, מיט וועלכער איך פלעג זיך סטאַרען אָפּגעבן זיך אין דערדאָזיקער צייט צו אַלעם, אָן וואָס איך האָב זיך אָנגעכאַפּט; אין רעזולטאַט האָב איך אַף אַזאַ אויפן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז ניט געקוקט אַף מיין עלטער,—מיר איז שוין פערציק יאָר—האָט זיך מיר איינגעגעבן אופצושטעלן מיין קימאַט צערוינירטן אָרגאַניזם. אויב פריער האָב איך באַדאַרפט האָבן אַ האַלבן טאָג און אַמאָל אויך אַ גאַנצן, קעדיי איך זאָל באַווייזן אָנצושרייבן כאָטש איין זייטל פון אַ בריוו, האָב איך נאָך זעקס כאָדאָשים גימנאַסטישע איבונגען זיך דער־

שלאָגן אזא קאָנצענטרירונג פון געדאנק, וואָס פריער איז זי מיר אפילע אפן זינען ניט געקומען.

מיר איז געווען זייער אנגענעם, ווען איך האָב דערפילט, אז איך בין אסאך ווירעוודיקער פון פיל יונגע ארעסטירטע, וואָס זייערע איבונגען האָב איך געזען דורכן פענצטער [illegible] פלעג איך ניט שלאָפן דורך די נעכט און האָב ש[illegible]וויצט באנאכט,—איצט פלעג איך געשמאק שלאָפן דריי—פיר שאָ אין דער נאכט. איך פלעג אראָפשפרינגען פונעם אייזערנעם בעטל פיר א זייגער פארטאָג, בעיס אלע ארעסטירטע פלעגן אופשטיין ערשט זיבן אזייגער, פלעג זיך אָפגיסן מיט צוויי—דריי קריגלעך קאַלט וואסער, זיך טרוקן ארומווישן און נאָכדעם מאכן צוויי שאָ גימנאסטיק אָדער זיך פארנעמען מיט באָקס; מיין פארטנער איז געווען א קושן, אָנגעשיט מיט זאמד אָדער מיט פערד־האָר, וואָס איך האָב צוגעקלאפט צו דער וואנט און באארבעט מיט די פויסטן. זיבן אזייגער פלעגט מען ברענגען דעם פרישטיק—עקלהאפטיקע און שטינקנדיקע ציקאָריע־שווענקעכטס און א שטיקל אלטגעבאקן ברויט. נאָכן פרישטיק פלעג איך זיך נעמען פאר די ביכער און אָפזיצן אזוי ביזן מיטאָק. נאָכן מיטאָק פלעגט מען מיך ארויספירן אונטערן אופזיכט אין טורמע־הויף אף א האלבער שאָ, נאָכדעם אף א גאנצער שאָ (אין זאָנענבורג אף צוויי שאָ). דאָס האָט געהייסן, אז איך „פאריכט זיך“, און איך בין געפּיירעש געווען צופרידן, ווייל אין דערדאָזיקער צייט, צום ווייניקסטן די לעצטע דריי יאָר פון מיין זיצן אין טורמע, האָב איך געקאָנט זיך פארנעמען מיט גימנאסטיק.

די אינדיווידועלע באזונדערקייטן, וואָס גיבן א מעגלעכקייט גרינגער איבערטראָגן דאָס שווערע פיליאָריקע קאטאָרגע־לעבן, זיינען, פארשטייט זיך, לאכלוטן פארשיידענע, אָבער, יעדנפאלס, מוז דער ארעסטירטער שטענדיק האָבן כאָטש אוועלכע ניט איז פארוויילונג. אין אייניקע טורמעס דערלויבט מען דעריבער געציילטע עטלעכע ארעסטירטע, וואָס „פירן זיך גוט“, צו האלטן פייגעלעך. אין מינסטער, ברעסלאוו, גרויס־סטרעליץ און זאָנענבורג פלעגט מען דאָס ניט דערלויבן, מיר

האָט זיכ אָבער איינגעגעבנ זיכ דערשלאָגנ אזא דערלויבעניש, עמעס, נאָר אינ גרויס־סטרעליצ און זאָנענבורג.

רויטע פאָנענ אפ די פענצטער פונ די קאמערעס. אמניסטיע

אָקטיאבער 1927 יאָר האָבנ אינ טורמע זיכ אָנגעהויבנ אומרוענ אינ צוזאמענהאנג מיט הינדענבורגס אמניסטיע. ניט נאָר די פאָליט־ארעסטירטע, נאָר אפילע די קרימינעלע האָבנ געהאָפט, אז איצט וועט מענ פאר זיי פארקירצנ דעמ שטראָפ־טערמינ. מיינע כאווירימ און פריינט אפ דער פריי זיינענ געווענ אפילע זיכער, אז מע וועט מיכ באפרייענ. איכ אָבער האָב ניט געגלייבט די איליוזיעס און בינ געווענ איבערצייגט, אז די געריכט־אינסטאנציעס וועלנ מיכ פאר קיינ פאל ניט אָפּלאָזנ, אפילע אינ צוזאמענהאנג מיט הינדענבורגס געבורט־טאָג, האגאמ איכ האָב געוווסט, אז זיי ווילנ געפינענ א וועלכנ־ניט־איז אויסרייד אפ פּאָטער צו ווערנ פונ מיר, אָבער אפ אזא אויפנ אז זייער רעפּוטאציע זאָל דערפונ, פארשטייט זיכ, ניט ליידנ. די פאראנטוואָרטלעכע געריכט־אינסטאנציעס האָבנ גוט געוווסט, אז לאנג וועלנ זיי מיכ שוינ ניט קאָנענ האלטנ אינ טורמע, דערפאר ווייל קיינ שומ יורידישנ גרונט דערויפ האָבנ זיי ניט געהאט, און ניט נאָר די ארבעטער־קאָמוניסטנ, די ברייטע קרייזנ אומפארטייישע ארבעטער און סאָציאל־דעמאָקראטנ, נאָר אפילע די ליבעראלע בורזשואזיע האָט זיכ אינטערעסירט מיט מיינ גוירל און האָט געפאָדערט, מע זאָל מיכ באפרייענ. פיל פונ מיינע כאווירימ און פריינט האָבנ מיר ניט איינ מאָל פאָרגעלייגט פלענער צו אנטלויפנ, וועלכע מע האָט בעפּירעש געקאָנט פארווירקלעכנ, נאָר איכ האָב זיי אָפּגעוואָרפנ, מאכמעס פאָליטישע טיימימ. דאָס אלצ האָט גוט געחוסט די מאכט; זי האָט געוווסט, אז אויב זי וועט מיכ ניט באפרייענ אינגיכנ אפ א געזעצלעכנ אויפנ, וועלנ די ארבעטער־קאָמוניסטנ מיט גוואלט מיכ ארויסרייסנ פונ דער פייניקונג־קאמערע. די קאמפּאניע פאר דער באפרייונג פונ אלע ארעסטירטע קאָמוניסטנ, וועלכע ס'האָט דורכגעפירט דער מאָפּר אינ דייטשלאנד, האָט ארויסגערופנ א הייסנ אָפּרופ צווישנ די ארבעטנדיקע און אינטעליגענטנ און איז זיכ

צעוואָקסן אין אַ מעכטיקער מאסן־באַוועגונג. סענטיאַבער 1927 האָט די קאָמוניסטישע פראַקציע אינעם רייכסטאג אריינגעטראָגן אַ פּראָעקט וועגן אַמניסטיע. דער איינציקער פּראָנט פון די איבעריקע פּאַרטייען האָט אָבער פאַרהאַלטן דאָס באַהאַנדלען דעמדאָזיקן פּראָעקט, און ערשט דעם 9־טן מאַרץ 1928 האָט מען די פראַגע געשטעלט אינעם געריכט־קאָמיטעט פונעם רייכסטאג.

דעם העפטיקן קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון די אַרעסטירטע קלאַסן־ברידער האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געפירט ניט נאָר אין רייכסטאג, נאָר אויך אויף די פאַבריקן און אונטערנעמונגען, וווּ זי האָט צוזאַמען מיטן דייטשישן מאָפּר מאָביליזירט די אַרבעטער צום קאַמף פאַר דער אַמניסטיע. איך בין געווען איבערצייגט, אַז מע וועט מיך באַפרייען נאָך ביז ענדע 1928 יאָר. אָבער וואָס פעסטער ס'איז געוואָרן מיין זיכערקייט, אַז מע וועט מיך אינגיכן באַפרייען, אַלץ גרעסער איז געוואָרן מיין שרעק פאַרן אומקערן זיך אויף דער פריי. אַדאַנק דעם, וואָס אין זאָנענבורג איז מען זיך באַגאַנגען מיט מיר הומאַנישער, ווי אין די איבעריקע טורמעס, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָפּגיין די פאַר־ביטערטקייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי מיר פון יאָרן־לאַנג, און מיין אומעט איז געוואָרן עטוואָס קלענער. ניט געקוקט דערויף, בין איך דאָך געווען אַזוי געפּיקעוועט מיט די שווערע איבערלעבונגען פון די אַכט יאָר קאַטאָרגע, אַז איך האָב קימאַט ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט ווירקן אויף מיר די ניטדערוואַרטעטע באַפרייונג און צו וואָ־סערע טריט קאָן זי מיך שטויסן. איך האָב זיך שוין צופיל צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז איך וועל פאַרבלייבן אויף לאַנגע יאָרן אין קאַטאָרגע. איך האָב מיר אַליין אריינגעקלאַפּט אין מוח דעמדאָזיקן געדאַנק, כדי ניט אָנצוכאַפּן זיך פאַר פאַלשע האָפענונגען. פון דער צווייטער זייט, האָב איך געוווּסט, אַז מיין באַפרייונג וועט פאָרקומען פּלוצים, און מיך האָט געמאַטערט די פראַגע: „וואָס זשע וועל איך טאָן אויף דער פריי? ביי מיר איז געווען אַ טיפער פאַרלאַנג, איך זאָל גלייך נאָך דער באַפרייונג אַוועק ערגעצוווּ אין אַ דאָרף אויף אַ לאַנגער צייט, וווּ איך זאָל זיך באַשעפטיקן מיט פיזישער אַרבעט, אַרבעטן אין

פעלד אָדער אינ גאָרטנ אונ אזוי ביסלעכווייס דורכמאכנ דעמ איבערגאנג צו דער אזוי גערופענער פרייהייט. צי וועל איכ קאָנענ דאָס פארווירקלעכנ? איכ האָב געוווסט, אז דאָס וועט זיינ אָפהענגיק ניט בלויז פונ מיר אליינ. איכ האָב מיט מיינ גאנצנ וועזנ געשטרעבט צו דער פרייהייט אונ האָב גלייכצייטיק זיכ געשראָקנ פאר איר. מיינ זיינ א קורצ שטיקל צייט צוזאמענ מיט אנדערע כאוויירימ אינ זאָנענבורג, נאָכ דעמ ווי איכ בינ געזעסנ אכט יאָר אינ איינצל־קאמערעס, האָט מיר באשיימפערלעכ באוויזנ, ווי שווער ס'איז געווענ פאר מיר דאָס צוזאמענקומענ זיכ מיט מענטשנ. איכ האָב ליב געהאט אלע מענטשנ אונ אינ דערזעלביקער צייט האָב איכ ניט געקאָנט פארליידנ ווענ איכ האָב זיכ געפונענ אינ א געזעלשאפט.

אָנהייב זומער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ (לויט ווי ס'איז געווענ צו זענ פונ די צייטונגענ) גרויסע אומרוענ צווישנ די פאָליטארעסטירטע אונ פיל קרימינעלע סיי אינ זאָנענבורג, סיי אינ אנדערע טורמעס. דעמ פראָעקט וועגנ אמניסטיע, וועלכנ עס האָט פאָרגעלייגט די קאָמוניסטישע פראקציע פונעמ רייכסטאג, האָט מענ ווידער אָפגעלייגט, אונ די־דאָזיקע זאכ האָט אָנגענומענ אזא ווענדונג, אז קלוימערשט האָט די דייטשישע סאָציאליסטישע פארטיי זיכ געפרוווט אראָפרייסנ דידאָזיקע פראגע. די סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט אפילע געקוקט קרומ אפ איר פאָרשטייער אינעמ באגנעדיקונג־קאָמיטעט, אפנ דעפוטאט קורט ראָזענפעלד. די אופגערעגטקייט צווישנ די ארעסטירטע איז שטארק געשטיגנ; ס'האָט געדראָט א געפאר, אז דידאָזיקע אופגערעגטקייט, ווי אויכ אנדערע סיבעס, זאָלנ סאָפקאָלסאָפ צוגרייטנ איינ מעכטיקנ אופרייס פונ דער גאָרער אָנגעזאמלטער אומצופרידנקייט. די זאכ וואָלט אָנ סאָפעק געווענ דערגאנגענ ביז ערנסטע צוזאמענשטויסנ אונ מערידעס, ווענ ניט די קלוגע טאקטיק פונעמ טורמע־שעפ ליודעקע.

מיר, קאָמוניסטנ, זיינענ ארויסגעטראָטנ מיט אייניקע רייענ. אלס פראָטעסט קעגנ דעמ פארהאלטנ דאָס באהאנדלענ דעמ באגנעדיקונג־פראָעקט האָבנ מיר געמאָלדנ א הונגער־שטרייק. איינצייטיק האָבנ מיר געוואָלט זיכ דערשלאָגנ א געוויסע פארגרינגערונג פונעמ רעזשימ; מיר

13. מאקס העלצ.

האָבנ געפאָדערט באלייכטונג אין די קאמערעס ביז צענ—צוועלפ אזייגער באנאכט, געמיינזאמע לימודים פונ פיזקולטור אונ פרייענ בריוו־אויסטויש מיט אייגענע.

מיר האָבנ געמאָלדנ דער דירעקציע אונ דער טורמע־פארוואלטונג, אז אויב מיר וועלנ זיך ניט דערשלאָגנ דורכ דעם הונגער־שטרייק די באפרידיקונג פונ אונדזערע פאָדערונגענ, וועלנ מיר צוטרעטנ אָרגאניזירטערהייט צו גרויסע אָבסטרוקציעס. צווישנ די ארעסטירטע זיינענ געווענ פיל טובערקולאָזע. מיר האָבנ געפאָדערט, אז זיי זאָלנ אינעם הונגער־שטרייק זיך ניט באטייליקנ, אָבער שוינ אפנ צווייטנ אונ דריטנ טאָג זיינענ זיי צוגעשטאנענ צו אונדז. איינער אנ ארעסטירטער האָט אָנגעהויבנ שטארק צו שפייענ מיט בלוט, אונ די דאָקטוירים האָבנ געמאָלדנ, אז דאָס לעבנ פונ פיר ארעסטירטע, וואָס זיינענ קראנק אפ שווינדזוכט, שטייט אינ א גרויס געפאר. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אלע געזונטע ארעסטירטע האָבנ גלייכ אָפגעשטעלט דעם הונגער־שטרייק אונ זיינענ צוגעטראָטנ צו אָבסטרוקציעס. מאכמעט דעם, וואָס אייניקע מענטשנ האָבנ ניט געוואָלט אָפשטעלנ דעם הונגער־שטרייק, האָבנ מיר געמוזט אימ פאָרזעצנ. א טייל קרימינעלע ארעסטירטע האָט, עמעס, ניטאָרגאניזירטערהייט, זיך פארייניקט מיט די שטרייקערס. זיי האָבנ געוואָלט ווענדנ אפ זיך די אויפמערקזאמקייט פונ די פארלאמענט־מיטגלידער אונ פונ דער געזעלשאפטלעכקייט. זיי האָבנ געהאלטנ פאר אנ אומרעכט דעם פאקט, וואָס די באגנעדיקונג האָט געווינלעכ געהאט אינ אויג בלויז די פאָליטארעסטירטע.

קעדיי איבערצייגנ אונדז, מיר זאָלנ אָפשטעלנ דעם קאמפ, פריער פאר אלצ צוליב די אינטערעסנ פונ די ערנסט קראנקע כאוויירים, בא וועמענ מיר האָבנ ניט געקאָנט זיך דערבעטנ, אז זיי זאָלנ אָפשטעלנ דעם הונגער־שטרייק, זיינענ אינ זאָנענבורג געקומענ צופאָרנ די דעפוטאטנ פונעמ לאנדטאג אונ מיטגלידער פונ קאָמפראקציע—ארטור האָלקע אונ גוסטאוו מענצעל אונ מיינ פארטיידיקער, אויכ א מיטגליד פונעמ רייכסטאג,—דער אדוואָקאט קורט ראָזענפעלד.

זיי האָט זיך איינגעגעבנ מיט אלגעמיינע אָנשטרענגונגענ אונדז

צווינגען אָפּצושטעלן דעם הונגער־שטרייק. די אַרעסטירטע קאָמוניסטן האָבן זיך באַציגן מיט גרויס צוטרוי צום כאַווער האַלקע, וואָס האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, קעדיי צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון די אַרעסטירטע. מע האָט אויך ליב געקראָגן מענטשעלן. מיר האָבן אים אָנגערופן „פּאָטער פון אַלע אַרעסטירטע". דעם געזעץ וועגן באַגנעדיקונג האָט מען אָבער נאָך אַלץ פאַרהאַלטן, און מיר זיינען געצוווּנגען געוואָרן אָנצוהייבן אַ נייעם, נאָך שטאַרקערן קאַמף. מיר זיינען צוגעטראָטן צו אַן אָבסטרוקציע, וועלכע מיר האָבן דורכגעפירט אַזוי געלונגען, אַז מיר האָבן אויפגערודערט ניט נאָר די טורמע, — די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען כאָדעראָם. פאַרנאַכט, ווי נאָר ס'איז פינצטער געוואָרן, פלעגן מיר זיך אוועקשטעלן באַ די פענצטער פון די קאַמערעס, דעקלאַמירן אין כאָר רעוואָליוציאָנערע לידער און אויך זינגען רעוואָליוציאָנערע לידער, וועלכע מיר האָבן אַליין געשאַפן. אַף די גאַסן זיינען געשטאַנען הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען זיך אָנגעלאָפן אַפן געדרודער; זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז די זאַך וועט מוזן דערגיין צו אַ מערידע. טייל פּוסטעפּאַסניקעס האָבן זיך געמאַכט דערפון אַ שטיפעריי, און האָבן געלאַכט, בעת הונדערטער שטימעס האָבן מיטאַמאָל אַ זינג געטאָן אַזאַ ליד:

אָ, זאָנענבורג, אָ זאָנענבורג, דו טאָל פון גרויסן חייטעך,
פאַר פּייניקונג און מידקייט צעעפנט לענג און ברייט איז,
מע אַקערט מיט דער זעל דאָרטן, און ס'ווילדעוועט ווילקיר.
קוים האָסטו בלויז אַ האָר געפעלט, איז אָך און וויי צו דיר.

אין טורמע פלעגט ווערן שטיל, ווי אַף אַ בייסאַלמען בעיס אום האַלבער נאַכט פלעגן זיך הערן די הילכיקע דעקלאַמאַציע־קלאַנגען פון צוואַנציק אַרעסטירטע קאָמוניסטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן דעקלאַמירן עריך מיזאַמס „געשטאָרבן לעניג". די אָבסטרוקציע פלעגט זיך אָפט פאַרציִען אַף אַ גאַנצער נאַכט. די איינוווינער פון די שכייִנעסדיקע הייזער האָבן ניט געקאָנט שלאָפן און זיי פלעגן זיך שטאַרק זידלען.

אומזיסט זיינען געווען די באמיונגען פונעם טורמע־שעף אָפּצושטעלן די אָבסטרוקציע. מיר האָבן אַף גרויסע שטעקנס ארויסגעהאנגען דורכ די פענצטער פונ די קאמערעס רויטע פאָנען. אפילע די בארימטע בלוט־זויגערס—דער אופזעער קלוג, הענטשקע, קוויטשקע און אנדערע, וואָס פלעגן שטענדיק פאָדערן די אָנווענדונג פונ שטרענגע און אנטשיידענע מאָסמיטלען, האָבן ניט געוואגט ארויפנעמען זיי פונ די פענצטער.

דעם 14־טן יולי איז באשטעטיקט געוואָרן דער געזעץ וועגן באגנע־דיקונג, וועלכן עס האָט אָנגענומען דער רייכסטאג, און דעם 16—17 יולי האָט מען באפרייט פונ טורמע די ערשטע פאָליטארעסטירטע. דאָס איז געווען בלויז א סוראָגאט פונ אנ אמניסטיע; די דאָזיקע באגנעדיקונג איז געווען ניט קיינ פולקאָמע, און דאָס איז גאנצ קלאָר: דעמדאָזיקן געזעצ האָבן ווי־ניט־איז צונויפגעשטיקעוועט די סאָציאל־דעמאָקראטיע און די בורזשואזע פארטייען. ניט אלע פאָליטאָרעסטירטע האָט מען באפרייט. דאָס האָט געבראכט צו שרעקלעכע סצענעס בעיס מע האָט באפרייט אמניסטירטע.

ניט געקוקט דערויף, וואָס אלעמען האָט געפרייט די מעגלעכקייט צו פארלאָזן די וויסטע טורמע־ווענט און זיכ אומקערן צוריק צו די נאָענטע און צו פארטעיִשער ארבעט,—האָבן דאָך די אמניסטירטע זיכ אָפּגעזאָגט און האָבן ניט געוואָלט פארלאָזן די טורמע. זיי האָבן ניט געוואָלט זיכ אומקערן אַף דער פריי אָן זייערע כאוויירים, וואָס מיט זיי צוזאמען האָבן זיי איבערגעטראָגן פיל שווערע יאָרן.

דעמאָלט האָבן די אופזעערס געמוזט מיט געוואלט ארויסטראָגן אַף די הענט די אמניסטירטע קאָמוניסטן פונ דער טורמע.

איינער א כאווער וויקאָווסקי, א בארגארבעטער, וואָס האָט שטארק געליטן פונ דער מילכאָמע, און וואָס איז אָפּגעזעסן העכער צען יאָר אינ דער קאטאָרגע־טורמע, האָט מיכ אָנגעכאפט ניט אַף אָפּצולאָזן: איינמאָל פאר אלעמאָל—ער וועט ניט ארויסגיינ פונ טורמע, סיידן מע וועט מיכ באפרייען צוזאמען מיט אים; ווי פיל אנדערע כאווירים, בינ איכ אויכ ניט אריינגעפאלן אינ דער אמניסטיע. די אופזעערס האָבן אים אָפּגעריסן פונ מיר מיט געוואלט.

אונטערן דרוק פון די מאסן עפענען זיך אויף פאר מיר די טורמע־טויערן

דעם 18־טן יולי האָט די טורמע־אדמיניסטראציע באקומען פונעם העכסטן געריכט א טעלעגראפישע פאראָרדענונג מיך גלייך צו באפרייען. דידאָזיקע טעלעגראמע איז געווען א רעזולטאט פון פאָלגנדיקער באשטימונג פונעם העכסטן געריכט:

„וועגן איניען פון מאקס העלצ, א טעכניק פון פאַלקענשטיין, וואָס איז געבוירן דעם 14־טן אָקטיאבער 1889 יאָר אין מאָריצ, לעבן ריזע, איז באוויזן און קומט איצט אָפּ זיין שטראָף אין זאָנענבורג פאר א מערדער, האָט די זומער־סעסיע פונעם העכסטן געריכט, אויסהערנדיק דעם פּראָקוראָר אָפּ איר פארמאכטער זיצונג פון 18־טן יולי 1928 יאָר

באשטימט:

אין העסקעם מיט דער מעלדונג וועגן איבערקוקן דעם איניען, וואָס איז איינגעגעבן געוואָרן פונעם פארורטיילטן און זיין פארטיידיקער, דעם געשווירענעם אדוואָקאט דאָקטער אפּפעל און דעם דאָקטער קורט ראָזענפעלד (בערלין) און אין העסקעם מיטן געזעץ וועגן אמניסטיע פונעם 14־טן יולי 1928 יאָר (זאמ. פון געזעצבאשט., 1 ק., 195, אין העסקעם מיטן § 360, פּ. 2), ווערט פאָרגעלייגט אָפּצושטעלן דאָס אָפּקומען די שטראָף".

די העפטיקע קאמפּאניע פארן איבערקוקן מיין איניען, וועלכע עס האָט געלעכע יאָר דורכאנאנד געפירט דער מאָפּר, דער דרוק מיצאד די ארבעטער־מאסן, וועלכע ס'האָט מאָבילעזירט, די דייטשישע קאָמפּארטיי, די יורידישע בויגעוודיקייט און דער ווארעמער מיטגעפיל פונעם דאָקטער אפּפּעל און פעליקס האָלע, די קאמפּאניע אין דער פרעסע, וועלכע עס האָבן אנטוויקלט די זשורנאליסטן און שרייבער טלינג, רודאָלף אָלדען און טאָמאס מאן, די הונדערטער מיטינגען, וואָס אָפּ זיי איז ארויסגעטראָטן טראוטע*), — אָט דאָס אלץ צוזאמען האָט איינגעבראָכן

*) העלצס פרוי. (רעד.)

די אקשאָנעס פון די יוסטיץ־אָרגאנען און האָט זיי געצוווּנגען אומבייטן דעם אומגעלומפּערט פאַלשן אורטייל.

איך בין געווען פריי... נאָר מיר האָט זיך ניט געגלויבט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דידאָזיקע טעלעגראַמע איז אַ פיקציע, אַז זי האָט אונטערגעשיקט אוועלכער־ניט־איז אַנשטאַלט, קעדיי אַרויסצונאַרן מיך פון דער קאַטאָרגע־טורמע און גלייך נאָך דעם אַריבערפירן ערגעץ חוץ אין אַן אַרעסט־הויז. מיר האָבן די אופזוערס איבערגעגעבן, אַז מע וועט מיך איבערפירן אין אַ געוויינלעכער טורמע. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצוווייזן דעם סאַמע אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד. דער טורמע־שעף, פון זיין זייט, האָט געמיינט, אַז דידאָזיקע טעלעגראַמע האָבן אונטערגעשיקט מיינע פּאַרטיי־כאַווייריםֿ, וואָס האָבן געוואָלט דורך דעמדאָזיקן שפּיצל מיך באַפרייען פון טורמע. האָט ער טעלעגראַפיש אָנגעפרעגט אין לייפּציג און באַקומען אַן ענטפער: ניט שפּעטער ווי אין אַ שאָ באַפרייען העלצן. דער שעף האָט מיר מיטגעטיילט, אַז אים האָט מיין אַדוואָקאַט איבערגעגעבן דורכן טעלעפאָן, אַז ער איז שוין אַרויסגעפאָרן נאָך מיר קיין זאָנענבורג. דאַן האָב איך אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז ווירקלעך באַפרייט מען מיך. דאָס האָט אָבער בא מיר קיין שום פריידֿ ניט אַרויסגערופן. פון יענעם מאָמענט, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו גלויבן אין מיין באַפרייונג, האָט מיטאַמאָל אַ בלייענע שווערקייט געקומען דריקן אף מיינע געראַנקען און געפילן. איך האָב באַשלאָסן ניט צו פאַרלאָזן די טורמע אָן די איבעריקע כאַווייריםֿ, וואָס זיינען ניט אַריינגעפאַלן אין דער אַמניסטיע.

וועגן דעם, אַז מע וועט מיך באַפרייען, האָט מען מיר געמאָלדן פיר אַזייגער באַטאָג. זעקס אַזייגער זיינען אָנגעקומען פון בערלין אף אַן אויטאָמאָביל דאָקטער אַפּעל, זיין פרוי, זיין סעקרעטאַר און מיין פריינט עגאָן ערווין קיש. זיי האָבן געוואָלט מיך גלייך אַרויסנעמען פון טורמע, נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן מיט זיי, אויב מע וועט ניט באַפרייען צוזאַמען מיט מיר די איבעריקע כאַווייריםֿ. האָבן מיר וועגן דעם געהאַט אַ האַרבן געשפּרעך סיי צווישן זיך, סיי מיטן טורמע־שעף, וואָס האָט מיר געמאָלדן, אַז אויב איך וועל אין אַ האַלבער שאָ

ארומ ניט פארלאָזנ פרייוויליק די טורמע, וועט ער זיינ געצוווּנגענ מיכ ארויספירנ מיט געוואלט. דאָקטער אפפעל אונ קיש האָבנ מיכ איבערצייגט, אז אפ דער פריי וועל איכ קאָנענ אופטאָנ פיל מער, איידער אינ טורמע פאר דער באפרייונג פונ די געבליבענע כאווײרימ, איכ בינ דערופ איינגעגאנגענ אונ, געזעגנענדיק זיכ מיט די פיר פארבליבענע כאווײרימ, האָב איכ זיי צוגעזאָגט, אז אינ פאל, ווענ ס׳וועט זיכ ניט איינגעבנ דעמ מאָפּר, די אדוואָקאטנ אונ מיר צו דערשלאָגנ זיכ אינ א באשטימטנ טערמינ דאָס באגנעדיקנ זיי,—וועל איכ זיכ אומקערנ אונ וועל צווינגענ די אדמיניסטראציע ווידער מיכ פארשפארנ אינ טורמע.

אינ טורמע־הויפ איז געשטאנענ אנ אווטאָמאָביל, וועלכנ עס האָט באשטעלט מיינ אדוואָקאט. דערזענ דעמ עלטסטנ וואכמייסטער שניידער אונ איינִיקע העכערע אונ אונטערשטע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבנ זיכ באצויגנ מענטשלעכ צו אלע ארעסטירטע, בינ איכ צוגעגאנגענ אונ האָב זיכ הארציק געזעגנט מיט זיי. באלד האָבנ מיר פארלאָזט דעמ טורמע־הויפ, אונ דער אווטאָמאָביל האָט מיכ ארויסגעפירט אפ דער פריי.

ס׳איז שווער איבערצוגעבנ דאָס, וואָס איכ האָב געפילט אינ דעמדאָזיקנ מאָמענט. איכ האָב נאָכ אלץ ניט געגלויבט מיינע אויגנ; איכ וואָלט ניט פארכידעשט געוואָרנ, ווענ דער כאָלעמ רייסט זיכ פלוצימ איבער אונ איכ כאפ זיכ אופ אפ מיינ אייזערנ בעטל אינ דער טורמע־קאמערע. ווענ מיר זיינענ אָפּגעפאָרנ עטלעכע קילאָמעטער פונ זאָנענבורג, האָב איכ געבעטנ אָפּשטעלנ דעמ אווטאָמאָביל. איכ האָב געזאָגט מיינע באגלייטער, אז אינ בערלינ וועל איכ פאר קיינ פאל ניט פאָרנ מיט זיי,—מיכ האָט געשראָקנ דער פלוצימדיקער איבערגאנג פונ דער קאטאָרגע־טורמע אינ דער ריזיקער שטאָט. איכ האָב געבעטנ, מע זאָל מיכ אראָפּפירנ אינ א קליינ שטעטל, ווו איכ זאָל קאָנענ איבערנעכטיקנ. מיר האָבנ באשלאָסנ צופאָרנ קיינ קיסטרינ. אָנגעקומענ, האָבנ מיר זיכ אָפּגעשטעלט אינ א האָטעל. קעדיי ניט אָנצומאכנ קיינ טומל, האָב איכ זיכ פארשריבנ אונטער א פרעמדער פאמיליע. דער כאווער קיש האָט באשטעלט א וועטשערע. איכ האָב קויִמ ארויפגעשלונגענ די ערשטע

פאָר ביסנס, האָט זיכ בא מיר אָנגעהויבנ א שטארקע פסיכישע דעפרעסיע; גויוועד זיינ זי האָב איכ ניט געקאָנט. איכ האָב נאָכ אלץ געטראכט וועגנ די פיר כאַווײרים, וועלכע איכ האָב איבערגעלאָזט אינ זאָנענבורג, אונ די זאכ האָט מיכ ניט געלאָזט רוענ. איכ וואָלט מיט גרויס פרייד אנטלאָפנ פונ מיינע באגלייטער, אבי זיכ אומקערנ דעמזעלביקנ אָוונט קיינ זאָנענבורג.

איכ האָב געבעטנ קישנ, ער זאָל הייסנ דערלאנגענ ווײנ. מיר האָט זיכ געוואָלט פאַריאָגנ די טרויעריקע געדאנקענ. בעיס מיר זייגענ געזעסנ באם טיש אונ האָבנ געטרונקענ איז פלוצים צוגעפאָרנ אנ אווטאָמאָביל; דאָס איז אָנגעקומענ דער כאווער העשקע*), וואָס איז נאָכגעפאָרנ הינטער אונדז. מיכ האָט דאָס זייער באומרויקט: איכ האָב מוירע געהאט, אז באלד וועלנ זיכ אָנפאָרנ נאָכ פיל פריינט אונ כאַווײרים, אונ מיכ האָט געשראָקנ דאָס זיינ אינ א גרויסער געזעלשאפט.

דריי פערטל אפ צוויי בינ איכ מיט קישנ אריינגעגאנגענ אינ א באזונדערנ נומער. צום ערשטנ מאָל פאר אכט יאָר האָב איכ זיכ געלייגט שלאָפנ אפ אנ עכטנ געלעגער. שלאָפנ האָב איכ אָבער ניט געקאָנט. איכ בינ אריינגעפאלנ אינ דער ווייכער איבערבעט, אונ מיכ האָט באשלאָגנ א שווייס. אפ דער קאטאָרגע פלעג איכ זיכ צודעקנ בלויז מיט א גרינגער קאָלדרע. דריי פערטל אפ פיר בינ איכ אופגעשטאנענ אונ האָב א שאָ צייט געמאכט גימנאסטיק; לעבנ מיר איז קישנ בעשאס מײַסטע געשמאק געשלאָפנ. איכ האָב אופגעוועקט מיינ אדוואָקאט אונ אים געזאָגט, אז איכ וויל גלייכ אָפפאָרנ פונ קיסטרינ, קעדיי אויסצומיידנ די באגעגעניש מיטנ גרויסנ אוילעם מענטשנ, וואָס וועלנ אָנפאָרנ פונ בערלינ אָדער פונ אנדערע ערטער.

ארום פינפ אזייגער אינדערפרי האָב איכ פארלאָזט דעם האָטעל צוזאמענ מיט מיינ אדוואָקאט, זיינ פרוי אונ סעקרעטאר. אונדז האָבנ אפילע ניט באמערקט די אָנגעשטעלטע פונעם האָטעל. זייגער פינפ זיינענ מיר מיט בערלינער צוג אָפגעפאָרנ פונ קיסטרינ. איכ האָב גע־

*) איינער פונ די אָנגעזעענסטע טוער פונ דער דײַטשישער קאָמפארטיי, א מיטגליד פונ דער קאָמפראקציע אינ רייכסטאג. (באמ. פונ רעד.)

בעטן דעם דאָקטער אפּעל, ער זאָל מיך איינאָרדענען אין בערלין אין אזעלכע באדינגונגען, אז מיר זאָל אויסקומען זיך באגעגענען מיט א מעגלעכסט קלענערער צאָל מענטשן.

אין צוג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן בא מיר א נערוון־פאל. מיטאמאָל האָבן מיינע אויגן אָנגעהויבן צו גיסן מיט טרערן, און איך אליין האָב ניט געוווּסט, פארוואָס איך וויין. מיך האָט פארכאפּט נאָך א טיפערער טרויער, איידער נעכטן אינאָווענט. פארביי מיינע אויגן האָבן געשווינדלט וועלדער און פעלדער, לאָנקעס און טשערעדעס, הייזער און בריקן; איך האָב אויך געזען מענטשן אין געוויינלעכע—ניט קיין ארעסטאנטישע קליידער. מיינע געדאנקען האָבן, ניט ווילנדיק, מיך פארטראָגן אין דער פארגאנגענהייט; איך האָב ווידער אזוי שארף דערפילט אין זיקאָרן יענעם טאָג פון צוריק מיט אכט יאָר, ווען מע האָט מיך געבראכט אין דער מינסטערער קאטאָרגע־טורמע, איך האָב געהערט דאָס קלינגען פון די קייטן, דעם סקריפּ פון די שווערע אייזערנע טירן, און איך האָב ווידער איבערגעלעבט יענע פּיינפולע געפילן, וואָס אין יענער שוידערלעכער ערשטער נאכט פון מיין זיין אין דער קאטאָרגע־טורמע.

אין דידאָזיקע מינוטן בין איך ניט אימשטאנד געווען צו טראכטן וועגן דער צוקונפט; אלץ ארום מיר און אין מיר האָט זיך צוזאמענגעגאָסן אין איין געפיל, און מיר האָט זיך געדאכט, אז טויזנטער שטימעס שרייען צו מיר: „פאר וואָס? פאר וואָס? און צוליב וואָס איז דאָס אלץ?”

מיינע דריי באגלייטער זיינען געווען גענוג טאקטיש, האָבן זיי מיך געלאָזט צורו און ניט באומרויִקט מיך מיט קיין פריינטלעכע געשפּרעכן, קעדיי מיך צו טרייסטן. איך האָב געטראכט, אז ווען עמעצער טוט א רייד צו מיר, בעת איך בין אין דערדאָזיקער געדריקטער שטימונג, וואָלט איך ניט לאנג טראכטנדיק זיך ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער פונעם וואגאָן.

אין בערלין האָט אונדז קיינער ניט דערקאָנט. א גאנצן טאָג האָב איך פארבראכט אין קאָנטאָר בא מיין אדוואָקאט; איך האָב מיך פאר־

שלאָסנ אינ א באזונדערנ צימער. אינאָוונט איז געקומענ צופאָרנ נאָכ מיר דער כ׳ האָלקע, קעדיי מיכ נעמענ אפ א מיטינג, געווידמעט מיינ באפרייונג. אפנ מיטינג האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אָנצאָליקע מענגעס ארבעטער. קיינמאָל אינ מיינ לעבנ האָב איכ נאָכ ניט געזענ אזא קאָלאָסאַלג האַמוינ, וואָס האָט פארפלייצט די גאסנ אונ פלעצער. איכ האָב מאָביליזירט די גאנצע קראפט פונ מיינ ווילנ, קעדיי צו באהערשנ מיינע געפילנ אונ ניט צעוויינענ זיכ, ווי א קינד, ווי דאָס איז געשענ בעיס מיר זיינענ געפאָרנ פונ קיסטרינ קיינ בערלינ.

איכ האָב פארשטאַנענ, אז די הייסע שטראָמענ מיטגעפיל, וואָס זיינענ געווענ געווענדעט צו מיר, זיינענ אויסנ געווענ ניט נאָר מיכ; די ברייטע ארבעטער־מאסנ, וועלכע די דייטשישע קאָמוניסטישע פארטיי אָרגאַניזירט אונ באגייסטערט מיט א שטרעבונג צו אייניקייט, זיינענ געווענ פול מיט גלויבנ אינ דער רעוואָליוציע אונ אינ איר ניצאָכנ. דידאָזיקע כוואַליעס פונ באגייסטערונג, וואָס האָבנ מיכ געטראָגנ יענעם אָוונט פונ איינ עק שטאָט ביז דער צווייטער, זיינענ געווענ דער בעסטער באווייז, אז די הונדערטער ארעסטירטע קאָמוניסטנ האָבנ ניט אומזיסט זיכ געפלאגט אינ די קאַטאָרגע־טורמעס. פונ דער קליינער פארטיי וואָס מיר זיינענ געווענ אינ די יאָרנ 1920—1921, איז די דייטשישע קאָמפארטיי געוואָרנ א מאסנ־פארטיי, וואָס האָט געקראָגנ בא די ארבעטנדיקע פולשטענדיקנ צוטרוי.

דאָ אפ די גאסנ פונ בערלינ, צווישנ די גרויסע מענגעס מענטשנ, וועלכע מע האָט ניט געקאָנט כאפנ מיטנ אויג, איז פאר מיר קלאָר געוואָרנ: מיכ האָט מענ באפרייט פונ דער קאַטאָרגע־טורמע ניט דערפאר, ווייל די יוסטיצ־אָרגאַנענ האָבנ באשלאָסנ מיט זייער גוטנ ווילנ אומבייטנ דעמ באשיימפערלעכ־פאלשנ געריכט־אורטייל, נאָר דערפאר ווייל די בורזשואזע רעגירונג איז געצוווּנגענ געווענ, אונטערנ דרוק פונ הונדערטער טויזנטער אונ מיליאָנענ ארבעטער קאָמוניסטנ אונ מיטפילנדיקע, צו באפרייענ מיכ. מיכ האָבנ אזוי צערודערט דידאָזיקע מעכטיקע דעמאָנסטראציעס, דידאָזיקע פלאמיקע באגריסונגענ פונ בערלינער פראָלעטאריאט, אז פאר גרויס פרייד אונ אומרו האָב איכ קוים געקאָנט

אַרויסבּרענגען עטלעכע ווערטער אַף אָפּצוּוענטפערן די הונדערטער טויזנטער דעמאָנסטראַנטן.

פון הונדערטער טויזנטער בּרוסטן האָבּן געשטורעמט מיט אַ נייער קראַפט די אויסרופן: „בּאַפרייען מאַרגיסן, בּורגבאַרדן, מעלהאָרנען און אַלע אַרעסטירטע קאָמוניסטן!“. בּעת איך האָבּ געשפּאַצירט אַף די גאַסן פון בּערלין, האַלע און אַנדערע שטעט, וועלכע איך האָבּ בּאַזוכט נאָך דעם, ווי מע האָט מיך בּאַפרייט, האָבּ איך זיך געפילט ווי אין אַ לעגענדע פון „טויזנט און איין נאַכט“. אַף מיר האָבּן געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק די גרויסע בּאַוועגונג פון די אָנצאָליקע מענגעס מענטשן, די שימערירנדיקע וויטרינעס. איך האָבּ ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון אַלעס, וואָס איך האָבּ געזען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיינע אויגן דאַרפן זיך זאַט אָנקוקן אין דעם אַלעם, פון וואָס איך בּין אַ לאַנגע צייט געווען אָפּגעריסן. בּעת עס פלעגט זיך ווענדן צו מיר ווער פון מיינע פריינט און בּאַקאַנטע, בּין איך ניט אימשטאַנד געווען אים אויפמערקזאַם אויסצוהערן. מיינע אויגן האָבּן, ווי פאַרשיקערטע, אַרומגעבּלאָנדזשעט פון איין זאַך אַף דער צווייטער. יעדעס קינד, וואָס האָט זיך מיר געוואָרפן אין אויג, וואָלט איך גערן געהאַלדזט און געקושט. אָבּער צו דערוואַקסענע איז געווען בּאַ מיר אַ מין אָפּגעפרעמדקייט; איך פלעג קוים פאַרלײדן אַ געזעלשאַפט. קוים פלעג איך בּלייבּן מיט כאַווײרים אָדער פריינט, פלעג איך גלייך דערפילן אַן איבּערלעכע בּאַדערפעניש צו בּלייבּן אַליין. אָפּזיצן אין אַ געזעלשאַפט פון עטלעכע מענטשן מער ווי צוויי־דריי מינוט איז געווען פאַר מיר אַ שרעקלעכע אָפּקומעניש. נאָך איצט, נאָך דעם ווי ס'איז שוין פאַריבּער אַ האַלבּ יאָר, קאָן איך ניט אויסלעבּן דעמדאָזיקן געפיל.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן אופנעם, וואָס מע האָט איינגעאָרדנט פאַר מיר אין בּערלין, בּין איך דאָס ערשטע מאָל נאָך אַכט יאָר זיין אין טורמע אַריינגעפאָרן אין ראַיאָן פון מיטל־דייטשלאַנד, ווו עס זיינען פאָרגעקומען די שלאַכטן אין 1921 יאָר. אין בּיטערפעלד, האַלע, אַמענדאָרף, מערזעבּורג, אייסלעבּען און העדשטעדט האָבּן די בּאַרג־אַרבּעטער מיך זייער וואַרעם בּאַגעגנט. פאַר מיר איז געווען אַ גרויסע פרייד,

בעיס איך האָב זיך באַגעגנט אין האַלע אין אַמענדאָרף מיט מיין אויסגעפרוווטן כאַווער פון זאָנענבורגער טורמע, הענריך וויקאָווסקי. בעיס דער באַגעגעניש, וואָס מע האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט אַפן וואָקזאַל אין ביטערפעלד, איז פאָרגעקומען א טראַגישע פּאַסירונג. אַרויסגייענדיק פון צוג, האָב איך באַמערקט, אַז די רויטע פּראַנטאָוויקעס ווילן פאַרהאַלטן איינעם א כאַווער, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפן צו מיר מיט א גרויסן בינט בלומען. אים האָט זיך איינגעגעבן דורכצורייסן די קייט. דערשמעקט, אַז סע זעצט פון אים דער בראָנפן, בין איך בייז געוואָרן אונ, קעדיי ניט צולאָזן אים מיך אַרומכאַפּן, האָב איך אים אָפּגעשטויסן. ער איז געפאַלן נאָזנדיק, און אים האָבן אונטערגעכאַפּט די פּראַנטאָוויקעס. איך בין געווען שטאַרק אויפגערעגט, ווען איך האָב זיך דערוווסט פון ביטערפעלדער כאַווירים, אַז דעדאָזיקער מאַן איז א דאַכ־דעקער, וואָס האָט געקעמפט צוזאַמען מיט מיר בעיסן מיטל־דייטשישן אופשטאַנד, אַז ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט און איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע כאַווירים. נאָך דעם ווי מע האָט אים באַפרייט פון דער קאַטאָרגע־טורמע האָט ער זיך שוין ניט געקאָנט שטעלן אַף די פיס און האָט אָנגעהויבן צו שיקערן. ער איז אַוועק פון אונדז אין לאַגער פון די לומפּן־פּראָלעטאַריער.

דער מאָפּר האָט גלייך נאָך מיין באַפרייונג מיר פאָרגעלייגט אַרויסצוטרעטן אַף הונדערטער פאַרזאַמלונגען און מונטערן די מאַסן צום קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון די קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך נאָך געפּלאָגט אין די טורמעס; ליידער האָב איך דעמדאָזיקן פאָרשלאַג געקאָנט אויספילן נאָר טיילווייז.

פאַר מיר איז געשטאַנען די אויפגאַבע אויסצופילן דאָס, וואָס איך האָב צוגעזאָגט די הונדערטער אַרעסטירטע אין די טורמעס. איך האָב געוואָלט אָנשרייבן א בוך וועגן אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די דייטשישע קאַטאָרגע־טורמעס.

דעמדאָזיקן בוך האָב איך געוואָלט ווידמען אַלע רוסישע און דייטשישע אַרבעטער, אַלע אַרעסטירטע, צווישן זיי אויך די קרימינעלע.

קעדיי צוטרעטן צו דער אַרבעט און אויספילן דידאָזיקע אויפגאַבע

האָב איך באַראַרעט זיך פאַרשליסן אין איינזאַמקייט. איך האָב זיך געפילט אומגליקלעך אין אַ גרויסער געזעלשאַפט. זייענדיק אַפ דער פריי אין נייע אומשטענדן צווישן כאַווײרים און פריינט, האָב איך דאָך אינערלעך ניט געפילט זיך איינגאַנצן פריי. ווען איך פלעג ריידן סיי אַפ מיטינגען, סיי מיט באַזונדערע מענטשן פלעגט מיך מאַטערן דער פיינפולער געפיל, אַז איך געפין ניט קיין פּאַסיקע ווערטער פאַר אַלץ, וואָס איך דאַרף זאָגן. קוים פלעג איך בלייבן אויג אַפ אויג מיט אַ מאַסע, וואָס האָט געוואַרט מיט אָפענע מויל און אויערן אַפ מיינס אַ וואָרט, פלעגט מיך באַפאַלן אַ שרעקלעכער אומרו און מיך שטיקן אין האַלדז.

נאָך אַ מיטינג אין האַנאָווער האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַזוכט מיינע עלטערן, וואָס ווױנען ניט ווייט פון שטאָט. פאַר דידאָזיקע שווערע יאָרן האָבן זיי אויסגעזעליטן נאָך מער איידער איך. איך האָב געליטן אין נאָמען פון אַן אידייע, וואָס אין איר האָב איך שטאַרק געגלויבט און וואָס צוליב איר איז קיין קאָרבן פאַר מיר ניט שווער געווען. מיינע עלטערן אָבער האָבן אין דערדאָזיקער אידייע ניט געגלויבט, איז דעריבער זיי געווען פיל שווערער איידער מיר, איבערטראָגן די ליידן.

נאָך דעם ווי מע האָט מיך אַרעסטירט האָבן זיי פאַרלאָזן די היים און זיינען אַנטלאָפן פון זאַקסן: אַלע איינוווינער, ניט בלויז די באַלע־בעסלעך, נאָר אַפילע די אַרבעטער האָבן געטייט אַפ זיי מיט די פינגער און געהאַלטן זיי פאַר אָנטיילנעמער אין מיינע טעטיקייט, ניט געקוקט דערויף, וואָס אַלע האָבן געוווסט, אַז מיינע עלטערן איז פרעמד די קאָמוניסטישע וועלטאָנשויונג און זיי פאַרורטיילן מיינע טעטיקייט.

איך בין געווען שטאַרק צערודערט, ווען מיין פאָטער, וועלכן איך האָב ניין יאָר ניט געזען, האָט מיר מודיע געווען, אַז נאָכן קאַפּ־פוטש, ווען די בורזשואַזע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען האָבן אָנ־געהויבן צו פאַרשפרייטן פאַלשע ידיעס וועגן דעם, אַז איך בין באַ־גאַנגען אַסאַך מאָרדן און פעלשונגען, האָט ער געוואָלט עפנטלעך זיך אָפּזאָגן פון מיר. ער האָט לאַנג זיך געראַנגלט מיט זיך גופא — ניט

אזוי לייכט האָט ער געקאָנט בא זיכ פויעלנ דורכצומאכנ דעמדאָזיקנ שריט. סאָפּקאָלסאָפּ האָט דערדאָזיקער פּאָשעטער, באשיידענער פּראָלעטאריער, וואָס איז געווענ דורכגעדרונגענ מיט בורזשואזער אידעאָלאָגיע, באשלאָסנ, אז אויב זיינ זונ איז ווירקלעכ באגאנגענ דאָס, וואָס עס שרייבנ וועגנ אימ די צייטונגענ,—קאָנ ער אימ מער ניט רעכענענ פאר זיינעמ א זונ. ער איז אוועק אינ ראטהויז, קעדיי צו פארווירקלעכנ אפּ פּאפּיר דעמ איינרייס מיט מיר, נאָר דאָרט האָט אימ דער בורגמיסטער אָפּגעשלאָגנ דערפונ. ער האָט אימ איבערצייגט, אז די צייטונגענ האָבנ פארקריפּלט די פאקטנ; דער ציל, וואָס צו אימ שטרעבט זיינ זונ, איז א גוטער, נאָר דער וועג, וועלכנ ער האָט אויסגעקליבנ אפּ צו פארווירקלעכנ דעמדאָזיקנ ציל, איז ניט קיינ ריכטיקער.

פונ האנאָווער בינ איכ געפּאָרנ קיינ שווארצוואלד. איינגעלאדנ אהינ האָט מיכ איינער א כאווער, וואָס האָט מיטגעפילט דער ארבעטער־באוועגונג; אינ 1918 יאָר זיינענ די רעאקציאָנערנ געווענ שטארק אופגעבראכט אפּ אימ פאר זיינ ארבעט אינעמ ראט פונ די ארבעטער־ אונ סאָלדאטנ־דעפּוטאטנ.

ער איז געווענ א בארג־אינזשענער אונ געקויפט פאר זיינע קינדער וועגנ א פויערישנ הייזל אינעמ קליינעמ שווארצוואלדער דערפל סאָדמאָס־רוטע. איכ האָב געהאָפט, אז אינ דערדאָזיקער איינזאמקייט וועל איכ קאָנענ גרינגער דורכמאכנ דעמ איבערגאנג פונ מיינ ענגער וועלט פונ קאטאָרגע־טורמע אינ דער גרויסער וועלט פונ מענטשנ אונ געשעענישנ, וואָס האָבנ זיכ אזוי שטארק געענדערט פאר דער צייט פונ מיינ אָפּוועזנהייט. איכ האָב געוואָלט אָנשרייבנ א בוכ, וואָס אינ אימ זאָל איכ זיכ אָפּרעכענענ מיט די הענקער אונ נעקאָמע נעמענ אינ זיי.

מיינ אדוואָקאט האָט זיכ אויסגעסטארעט פאר מיר א דערלויבעניש באמ פּרייסישנ יוסטיצ־מיניסטעריומ אפּ טראָגנ אנ אויסגעטראכטנ פאמיליע־נאָמענ, קעדיי אויסמיידנ צופיל אופמערקזאמקייט צו מיר אונ זיכ אויסבאהאלטנ פונ זייטיקע מענטשנ אונ פּריינט, וואָס וואָלטנ געשטערט מיינ איינזאמקייט. איכ האָב בלויז געגעבנ א היסכייוועס צו־

וויסן געגעבן דעם מיניסטעריום וועגן בייטן מיין וווינאָרט, קאָלזמאַן איך וועל בלייבן אונטער דעם אויסגעטראַכטן פאַמיליע־נאָמען.

אין דעמדאָזיקן שטיבל האָבן ביז מיר געוווינט די כאַווייריִם עריך מיזאַם [1], געאָרג ליעדעבור [2], טראַוטע און אַ ריי אַנדערע כאַווייריִם.

איך האָב געהאָפט, אַז באַלד נאָכן באַזעצן זיך דאָ וועל איך קאָנען צוטרעטן צו דער אַרבעט. איך האָב ווירקלעך אָנגעהויבן די אַרבעט, זי האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. אין פאַרלויף פון פינף וואָכן פלעג איך יעדן טאָג צערייסן אַלץ, וואָס איך האָב אָנגעשריבן מיט אַ טאָג פריער.

קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך קיין ביכער ניט געשריבן; מיר איז ביקלאַל זייער שווער געווען צו שרייבן. כוץ דעם אַלעם, איז מיר פאַרבליבן פון דער קאַטאָרגע־טורמע אַ געדריקטע שטימונג, וואָס פלעגט מיך אָפט שטאַרק אָנכאַפן, און איך האָב זי ניט געקאָנט בייקומען; דאָס פלעגט מיר שטאַרק שטערן צו קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען. ניט געקוקט דערויף, וואָס קיינמאָל אין לעבן בין איך קיין טרינקער ניט געווען, האָב איך איצט גענומען טרינקען אַסאַך אַלקאָהאָל, קעדיי איך זאָל אָנהויבן צו שרייבן. וויפל איך האָב ניט געעסן און געטרונקען,—האָב איך ניט געקאָנט שטילן מיין הונגער און דאָרשט.

נאָך עטלעכע וואָכן פון מיין שווערן פסיכישן צושטאַנד האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן די רעאַקציע. איך האָב שוין געקאָנט אַרבעטן אָן אויפמונטערונג־מיטלען, זיי האָבן מיר אַפילו דערעסן; פונקט אַזוי האָב איך שוין ניט געקאָנט פאַרנעמען קיין סאַך עסן. איצט האָט די אַרבעט אָנגעהויבן גיין בא מיר פאָרויס. מיט יעדן נייעם זייטל, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, האָב איך געפילט אַ טיפע פאַרגרינגערונג.

זייענדיק איזאָלירט אין דער קאַטאָרגע־טורמע אַכט יאָר דורכאַנאַנד,

---

1) אַ שרייבער, אַנאַרכיסט און אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער בייערישער ראַטנ־רעפובליק.

2) איינער פון די פירער פון דער געוועזענער אומאָפּהענגיקער דייטשישער ס.־ד. פּאַרטיי, אַ מיטגליד פון דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער ליגע.

(באַמערק. פון רעד.)

האָב איכ שטענדיק געשטרעבט דערצו, אז גלייכ נאָכ דער באפרייונג זאָל איכ ווידער ווערנ אנ אקטיווער קעמפער פאר דער זאכ פונעמ פראָלעטאריאט,—אָפּגעבנ אלע קויכעס דער פארטיי. אָבער בעייס מע האָט מיכ באפרייט, האָב איכ דערפילט, אז איכ בינ ניט אימשטאנד דאָס צו טאָנ, איידער איכ וועל ניט אויסדערציילנ מיינע איבערלעבונגענ, ניט אונטערפירנ, אפ אזא אויפנ, א סאכאקל מיינ פארגאנגענהייט אונ גלייכצייטיק ניט אָפּווענדנ יענע פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיכ געשאפנ וועגנ מיר אפנ סמאכ פונ צייטונג־נאָטיצנ, אופריכטיק דערציילנדיק וועגנ מיינע צילנ אונ טאטנ.

אזוי איז אנשטאַנענ דאָסדאָזיקע בוכ.

אינהאלט

זייט

פאָרוואָרט . . . 3

ווידמונג . . . 11

1. יוגנט, מילכאָמע און רעוואָליוציע

קינדהייט און ערשטע האַרעוואַניע־יאָרן אין דאָרפ . . . 14

דורכ היידעלבערג און מאַרען־באַדען קיין לאָנדאָנ . . . 22

צוריק קיין דייטשלאַנד אַלס טעכניקער אפ בויען אייזנבאַן־וועגנ

איכ טרעט אריין אין „הייסנ קרייצ" . . . 29

די ערשטע כאַדאָשים פון דער מילכאָמע באַם שטאַב פונעם 27־טנ אַרמעישנ רעזערוו־קאָרפוס . . . 34

פונעם גענעראַל־שטאַב פרייוויליק אפ די פאָדערשטע פאָזיציעס . . . 42

די לעצטע מילכאָמע־כאַדאָשים אין לאַזאַרעט

מיינ אַרבעט אין עלזאַס . . . 49

די ערשטע כאַדאָשים פונ דער רעוואָליוציע אין פאָגטלאַנד . . . 50

מע הויבט מיכ אָנ צו פאַרפאָלגנ . . . 57

אין אומלעגאַלער לאַגע

אַגיטאַטער אינ צאָפנ־בייערנ און מיטל־דייטשלאַנד . . . 66

איכ באַקאָנ זיכ מיט דער טעאָריע פונ סאָציאַליזמ . . . 73

דאָס ערשטע מאָל אין טורמע

די כאַוויירים באַפרייענ מיכ . . . 75

ווענ מע פאַקט מיכ הענגט מענ מיכ . . . 78

די שלאַכטנ אין פאָגטלאַנד בעייסנ קאַפ־פוטש . . . 89

דער בעסטער טאָג אין מיינ לעבנ . . . 97

מיינע צוזאַמענשטויסנ מיט הענריכ בראַנדלערנ . . . 103

איכ טרעט אָפּ און אַנטלויפ . . . 113

זייט

מע אינטערנירט מיך אינ טשעכאָסלאָוואַקיע

מײנ ערשטער הונגער־שטרײק 121

צײטװײליק אינ װינ

צוריק קײנ דײטשלאַנד אױפ א פאַלשנ פּאַספּאָרט 130

אָנ א קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטײ

אנ אטענטאט מיט דינאַמיט 138

דער מיטל־דײטשישער אופשטאַנד אינ 1921 יאָר 143

זעקס אונ פערציק שאָ אינ די הענט פונ די װײסע הענקערס 173

אינ בערלינ אָנ א נאַכטלעגער

מע האָט מיך ארעסטירט 180

אינ דער מאָאַביטישער טורמע גיט מענ פופציק טױזנט מאַרק פאַר דעמאַסקירנדיקנ
מאַטעריאַל 185

איניענ העס 192

פאַרנ אױסעראָרדנטלעכנ געריכט 197

מײנ באַשולדיקונג־רעדע קעגנ די באַשולדיקערס 210

2. אכט יאָר אינ די קאַטאָרגע־טורמעס פונ דײטשלאַנד

פונ איצעער אָנ ביסטו אנ ארעסטירטער 222

אינ פענטעס דאָס לעצטע מאָל איבער פעלדער אונ װעלדער 236

דער דירעקטער פונ דער קאַטאָרגע־טורמע מיטנ קינדערשנ געזיכט

די קאַטאָרגע הױבט זיך אָנ 241

די שרעקלעכסטע נאַכט אינ מײנ לעבנ 253

די עמעסע פיזיאָנאָמיע פונעמ טורמע־שעפ 259

איך הױב אָנ גאָט צו בעטנ

צװײ אלטע באַלטײװעניקעס 264

מײנ הונגער־שטרײק מיט שאָקאָלאַד 268

דאָס שװאַכע אָרט פונ דער טורמע־אָרדענונג

מײנ קאַמפּ הױבט זיך אָנ 276

מע פירט מיך אריבער קײנ ברעסלאַו

מײנע באַגלײטער פאַרלירנ מיך 283

אינ דער מעשוגאָים־אָפּטײלונג

מײנ דריטער הונגער־שטרײק. מיך ראַטעװענ ביכער אונ גימנאַסטיק 287

זייט

מיין ניט־געלונגענער פרווו צו אנטלויפן 301
די לײדן פון איינזאמקייט און זייערע פאָלגן 307
א גאלעכ איג דער ראָלע פון א טורמע־שעף 316

דריי בראווע כאווײרים

דער לעצטער קאמף אין ברעסלאוו 325

צוויי יאָר שטרענגע איזאָליאציע

אָבסטרוקציע און קארצער 333
„דעם באפעל קאָן איך אויסטייטשן אי אזוי, אי אזוי" 342
די לייטער־סיסטעם 352

„זשוליקעס"

די סיסטעם פון אויסליידיקן די פאראשעס. די אויפגאבעס פון דער „ליגע צו באשיצן
דאָס מענטשן־רעכט" 365
דער לאנג־דערווארטער דערפאָלג אינעם קאמף פאר איבערקוקן מיינע אינינען 371
„וואָס מאכט איר גוטס, מיסטער־הויפנס?" 377
רויטע פאָנען אפ די פענצטער פון די קאמערעס. אמניסטיע 383
אונטערן דרוק פון די מאסן עפענען זיך פאר מיר די טורמע־טויערן 389